STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06624

# DI MUTER

Maksim Gorky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די מוטער

## א ראָמאַן פון דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן

פון

## מאַקסים גאָרקי

איבערזעצט אין אידיש מיט דער ערלויבניס פון פערפאַסער
דורך

**שוב און ליליפוט**

ניו יאָרק, 1915

Copyright by
THE DAY PUBLISHING CO.
1915

מאַקסים גאָרקי

# די מוטער

# ערשטער טהייל

## 1.

אין דער רויכיגער, עהליגער לופט פון ארבייטער־פארשטאָדט האָט יעדען טאָג געציטערט און געגרילצט די פאבריק־פייפעל. און געהאָרכענדיג דעם רוף פון דעם דאמפף־סיגנאל, פלעגען די פערכמורעטע מענשען, אזוי ווי צושראָקענע טאראקאנעם, ארויסלויפען איילענדיג פון די קליינע, גראָהע הייזער, ניט האָבענדיג קיין צייט דורכ'ן שלאָף אָבצופרישען זייערע אויסגעמאָטערטע מוסקולען. אין קאלטען פארטאָג זיינען זיי געגאנגען איבער דער שמאָלער, ניט ברוקירטער גאָס צו די הויכע שטיינערנע שטייגלעך פון פאבריק. און זי פלעגט מיט א גלייכגילטיגער זיכערהייט ערוואַרטען די מענשען און בעלייכטען דעם בלאָטיגען וועג מיט איהרע צעהנדליגע פעטע קוואדראטנע אויגען. די בלאָטע האָט געשפריצט אונטער זייערע פיס, אזוי ווי זי וואָלט זיך פון זיי אויסגעלאכט און זיי בעדויערט. עס פלעגען זיך הערען הייזעריגע געשרייען פון פערשלאָפענע מענשען; היציגע, בייזע זידלערייען פלעגען דורכשניידען די לופט, און דער שרעקליכער טומעל פון די מאשינען און דער אונצופריעדענער רויש פון דאמפף פלעגט בעגעגענען די אָנקומענדע מענשען. חמורנע און שטרענג האָבען די הויכע שווארצע קוימענס, ווי דיקע שטעקענס, געשימערט איבער'ן פאָרשטאָדט.

אין אָבענד, ווען די זון פלעגט ארונטער און איהרע לעצטע רויטע שטראהלען פלעגען זיך מיעד אָבשפּיעגלען אויף די שויבען פון די הייזער, פלעגט די פאבריק פון איהר שטיינערנעם שוים ארויסווארפען די מענשען, אזוי ווי איבערגעבליבענע שמאָטעס. און די מענשען זיינען ווידער געגאנגען איבער די גאסען פערשמירטע מיט שווארצע, פעררויכערטע פנים'ער,

פערשפרייטענדיג אין דער לופט דעם קלעפּיגען גערוך פון מאשין־אויל, בלישטשענדיג מיט זייערע הונגעריגע צייהנער.

יעצט האָט אין זייערע שטימען געקלונגען גאָר אַן אַנדער טאָן. עס האָט זיך געהערט לעבהאַפטיגקייט און אפילו פרייד, — פאר היינט האָבען זיי זייער קאַטאָרזשנע ארבייט געענדיגט און אין דער היים האָט אויף זיי געוואַרט דאָס אָבענד־עסען און אביסעל רוה.

ווידער האָט די פאבריק פערשלונגען א טאָג. די מאשינען האָבען אויסגעזויגען פון די מענשליכע מוסקלען אזוי פיעל כח, וויפיעל זיי האָבען נויטיג געהאַט. א טאָג איז שפורלאָז אויסגעמעקט געוואָרען פון לעבען. דער מענש האָט אונבעמערקט נאָך א טריט געמאַכט צו זיין קבר, אָבער ער האָט נאָהענט פאר זיך געזעהן דאָס פערגניגען פון רוה און די פרייד פון רויכיגען שיינק און — איז געווען צופריעדען.

יום־טוב פלעגט מען שלאָפען ביז צעהן א זייגער. און דערנאָך פלעגען די סאָלידע און פערהייראַטהע מענער זיך אויספּוצען אין זייערע בעסטע קליידער און געהן אין קלויסטער גאָט בעטען און, פערבייגעהענדיג, גוט אָנ־זידלען די יונגענד פאר זייער גלייכגילטיגקייט צו דער קירכע. פון קלויסטער פלעגען זיי צוריקקומען אהיים, פלעגען אָפּעסען און זיך לייגען שלאָפען — ביז אין אָבענד.

די מיעדקייט, וועלכע האָט זיך אָנגעקליבען פאר די לאַנגע יאָהרען, האָט אוועקגענומען ביי די מענשען דעם אַפּעטיט, און אום צו קענען עסען, האָבען זיי א סך געטרונקען, אויפרייצענדיג מיט די געטראַנקען דעם אָבגע־שוואַכטען מאָגען.

אין אָבענד פלעגען זיי שפּאַצירען איבער די גאַסען און ווער עס האָט געהאַט קאַלאָשען פלעגט זיי אָנטהאָן, אפילו דאַן ווען עס איז געווען טרוקען, און ווער עס האָט געהאַט א רעגען־שירם פלעגט איהם טראָגען, אפילו ווען די זון האָט געשיינט.

ווען זיי פלעגען זיך בעגעגענען איינע מיט די אַנדערע, פלעגען זיי ריידען איבער דער פאבריק, איבער די מאשינען, פלעגען זידלען די מייס־טערס — זיי האָבען גערעדט און געטראַכט נאָר וועגען דעם, וואָס איז געווען פערבונדען מיט דער ארבייט. נאָר איינזאַמע פונקען פון אונגעשיקטע, מאַכטלאָזען געדאַנק פלעגען ווען ניט ווען אויפלייכטען אין דער וויסטער לאַנגווייליגקייט פון טאָג. קומענדיג אהיים, פלעגען זיי זיך קריעגען מיט זייערע ווייבער און אָפט פלעגען זיי זיי שלאָגען, ניט זשאַלעווענדיג די פויסטען. די יוגענד פלעגט זיצען אין די שיינקען, אָדער פלעגט זיך צו־זאַמענקומען איינער צום אנדערען; זיי פלעגען שפּיעלען האַרמאָניקע, זינגען

גראבע, שמוציגע ליעדער, טאנצען, פיהרען מיאוס'ע געשפרעכען און שכור'ען. די אויסגעהארעוועטע מענשען פלעגען גיך שכור ווערען און אין די הערצער זייערע פלעגט זיך אויפוועקען אן אונפערשטענדליכע קראנקהאפטע אויפרעגונג, וועלכע האט געזוכט אן אויסוועג. זיי האבען זיך קראמפפהאפט געכאפט פאר יעדער מעגליכקייט, אום אויסצוגיסען זייער אונרוהיגען געפיהל. צוליעב די קלענסטע נארישקייטען פלעגען זיי זיך ווי חיות ארויפווארפען איינע אויף די אנדערע. עס פלעגט קומען צו בלוטיגע געשלעגען, וועלכע פלעגען זיך אפט ענדיגען מיט שווערע פערלעצונגען און ניט זעלטען מיט ערמארדונגען.

אין די בעציהונגען פון די מענשען איינע צו די אנדערע האט זיך געפיהלט א לויערענדע בייזקייט, וועלכע איז ביי זיי געווען איינגעווארצעלט פונקט ווי די מיעדקייט פון זייערע מוסקולען. די מענשען זיינען געבארען געווארען מיט דיעזען קראנקען געפיהל. זיי האבען עס גע'ירשנ'ט פון זייערע עלטערען, און דיעזער געפיהל האט זיי ווי א שווארצער שטן בעגלייט ביז צום קבר, דעם גאנצען לעבען פלעגט ער זיי טרייבען צו עקעלהאפטע, צוועקלאזע און גרויזאמע מעשים.

אין די יום־טובים פלעגט די יוגענד קומען אהיים שפעט ביינאכט, אין צוריסענע קליידער, בעדעקט מיט שטויב און בלאטע, מיט צושלאגענע פנים'ער, און זיי פלעגען זיך בעריהמען מיט די קלעפ, וואס זיי פלעגען געבען איינער דעם אנדערען. ווען די צוריקגעקומענע האבען אליין געקראגען קלעפ, אדער זיינען פון אנדערע געקריוודעט געווארען, פלעגען זיי, פול צארען, אדער מיט טרעהרען אין די אויגען שרייען איבער די בעליידיגונגען, וואס זיי זיינען אויסגעשטאנען. שכורע און קלעגליכע, אונגליקליכע און עקעלדיגע.

צייטענווייז פלעגען די טאטעס אדער די מאמעס ברענגען די זיהן אהיים. זיי פלעגען זיי אויפזוכען אויפ'ן גאס, אדער אין די שיינקען, טויט־שכור'ע, זיי פלעגען זיי זידלען מיט די ערגסטע ווערטער, פלעגען שלאגען מיט די פויסטען די ווייכע פון בראנפען אבגעשוואכטע קערפערס פון זייערע קינדער, דערנאך פלעגען זיי זיי מעהר אדער ווייניגער צערטליך לייגען שלאפען, אום זיי אויפצוואוועקען צו דער ארבייט פריה־מארגענס, ווען אין דער לופט וועט זיך דערהערען דער בייזער רוף פון דעם פאבריק־פייפעל.

זיי האבען שטארק געזידעלט און געשלאגען די קינדער; אבער צו דער זעלבער צייט האבען זיי דאס שכור'ען און די קריעגערייען פון דער יוגענד געהאלטען פאר א גאנץ געוועהנליכע זאך. ווען די טאטעס זיינען יונג געווען, האבען זיי אויך גע'שכור'ט און זיך געשלאגען, און זייערע עלטערען פלעגען אויך טהאן דאס זעלבע.

דאָס לעבען איז שטענדיג אזוי געווען — יאָהרען נאָך יאָהרען האָט עס גלייכמעסיג און לאנגזאם געפלאָסען אין מוטנעם שטראָם און איז געווען געבונדען פון די פעסטע אור־אַלטע געוואוינהייטען צו טראַכטען און טהאָן איינס און דאָסזעלבע טאָג־איין טאָג־אויס. און עס האָט זיך געדוכט, אז קיינער האָט קיין צייט און קיין חושק ניט געהאט צו פּרואווען ענדערען דאָס לעבען.

מאנכעס מאָל פלעגען אין פאָרשטאָדט פון ערגעץ־וואו קומען זייטיגע מענשען. אין אָנפאנג האָבען זיי געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט איינפאך דערמיט, וואָס זיי זיינען געווען פרעמדע; שפּעטער האָבען זיי ערוועקט צו זיך א לייכטען, אויסערליכען אינטערעס דורך די ערצעהלונגען וועגען די פּלעצער וואו זיי האָבען געאַרבייט, אָבער מיט דער צייט פלעגט די נייאיגקייט פערלאָרען געהן און מען פלעגט זיך צו זיי צוגעוואוינען און מען האָט זיך אויף זיי מעהר ניט אַרומגעקוקט. פון זייערע ערצעהלונגען איז איין זאַך קלאָר געווען — דאָס ארבייטער־לעבען איז איבעראַל איינס און דאָסזעלבע. און אויב אזוי, — איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידען.

צייטענווייז אָבער פלעגען אייניגע פון זיי דערצעהלען מעשות, וואָס זיינען ביז אהער ניט געהערט געוואָרען אין פאָרשטאָדט. מיט זיי האָט מען זיך ניט געשטריטען, נאָר מען פלעגט זיי אויסהערען אָהן צוטרויען. ביי אייניגע פלעגען זייערע מאָדנע רייד ארויסרופען א בלינדען צאָרען, ביי אַנ־דערע א טעמפּע אונרוהיגקייט, ביי די דריטע ווידער פלעגט זיך ערוועקען א לייכטער שאָטען פון האָפנונג אויף עטוואָס אונבעשטימטעס און זיי פלעגען אָנפאנגען נאָך מעהר צו טרינקען, אום צו פערטרייבען פון זיך די אומזיסטע שווערע אונרוהיגקייט.

ווען די איינוואוינער פון פאָרשטאָדט פלעגען אין א פרעמדען בעמער־קען עפּעס אונגעוועהנליכעס, האָבען זיי עס זעהר לאַנג ניט געקענט פערגעסען און אויף יעדען מענשען וואָס איז ניט געווען עהנליך צו זיי האָבען זיי געקוקט מיט אן אינסטינקטיווער מורא. זיי האָבען זיך אזוי ווי געשראָקען, דאָס דער מענש זאָל ניט אריינוואַרפען צו זיי עפּעס אזוינס, וואָס וועט צושטערען דעם אומעדיג־איינאַרטיגען גאַנג פון זייער שווערען אָבער רוהיגען לעבען. די מענשען האָבען זיך צוגעוואוינט, אז דאָס לעבען זאָל זיי שטענ־דיג דריקען מיט דער זעלבער קראַפט, זיי האָבען ניט ערווארט קיינע ענ־דערונגען אויף בעסער, און האָבען געגלויבט, דאָס אַלע ענדערונגען וועלען זייער גרויסע לעבענס־לאַסט נאָך שווערער מאַכען.

און דארום האָבען זיך די איינוואוינער פון פאָרשטאָדט געהאַלטען פון דער ווייטען פון די מענשען וואָס האָבען צו זיי גערעדט וועגען די אונגע־

וועהנליכע זאכען. די פרעמדע פלעגען דאן ערגעץ־וואו פערשווינדען, אדער וועו זיי פלעגען בלייבען אויף דער פאבריק, פלעגען זיי לעבען אבגעזונדערט פון אלעמען, אויב זיי האבען זיך ניט געקענט צוזאמענשמעלצען מיט ד'י איבעריגע אין אן איינטהייטליכער מאסע...

אבלעבענדיג אזא לעבען א יאהר פופציג, פלעגט דער מענש אוועק־שטארבען.

## 2.

אזוי האט אויך געלעבט דער שלאסער מיכאיל וולאסאוו, א בייזער מענש מיט קליינינקע אויגלעך, וועלכע האבען פערדעכטיג ארויסגעקוקט פון אונטער די געדיכטע ברעמען מיט א בייזען מיסטרויענדען שמייכעל. ער איז געווען דער בעסטער שלאסער אין פאבריק און דער גרעסטער גבור אין פארשטאדט. ער פלעגט זיך האלטען גראב געגען די פאבריק־בעאמטע און האט דערפאר זעהר ווייניג פערדיענט. יעדען יום־טוב פלעגט ער וועמען ניט איז שלאגען און אלע האבען איהם דארום פיינט געהאט און פלעגען פאר איהם מורא האבען. שוין עטליכע מאל ווי מען האט אויך איהם געוואלט אנשלאגען, אבער עס איז קיינמאל ניט געלונגען. ווען וולאסאוו פלעגט דערזעהן, אז מען קלייבט זיך איהם שלאגען, פלעגט ער כאפען א שטיין, א ברעט, א שטיק אייזען, פלעגט אויסשפרייטען די פיס, אוןווארטען אויפ'ן שונא. זיין פנים, וואס איז געווען פון די אויגען ביז'ן האלז בעוואקסען מיט א שווארצע בארד, האט אויף אלעמען ארויפגעיאגט א שרעק. מעהר פאר אלץ האט מען מורא געהאט פאר זיינע אויגען. קליינינקע און שארפע, פלעגען זיי, ווי עגבערס, דורכשטעכען, און יעדער ווער עס האט בעגעגענט זיין בליק, האט געזעהן פאר זיך א ווילדע חיה פול מיט רויהער גראבער קראפט, וואס האט זיך פאר קיין זאך ניט געשראקען און איז געווען גרייט אונבא־רעמהערציג אנצופאלען אויף יעדען איינעם.

— געהט זיך פאנאנדער איהר אויסוואורפען! — פלעגט ער זיי קורץ נאכרופען און זיינע אויגען האבען געגלאנצט מיט א בייזען שארפען שפאט. דאן פלעגט ער געהן נאך זיי, דעם קאפ הויך פערריסען, און פלעגט זיי נאכ־רופען:

— נו, ווער וויל קריגען דעם טויט?

קיינער האט עס ניט געוואלט.

גערעדט האט ער ווייניג און „אויסוואורף“ איז געווען זיין ליעבלינגס־ווארט. מיט דיעזען ווארט האט ער אנגערופען די בעאמטע פון פאבריק, די פאליציי, און מיט דיעזען ווארט פלעגט ער אויך אנרופען זיין ווייב.

— אויסוואורף, דו זעהסט ניט, אז מיינע הויזען זיינען צוריסען!

ווען זיין זוהן פאוועל איז אלט געווארען פערצעהן יאהר האט זיך וואלסאווען פערוואלט איהם נאך א מאל אנרייסען פאר די האאר. אבער פאוועל האט געכאפט אין האנד א שווערען האמער און האט קורץ געזאגט:

— ניט ריהר מיך אן!...

— וואס? — האט דער פאטער א פרעג געטהאן, און האט זיך א לאז געטהאן צו די הויכע פיגור פון זיין זוהן, ווי א שאטען אויף א בערעזעווע בוים.

— גענוג! — האט פאוועל א זאג געטהאן. — מעהר וועל איך זיך ניט לאזען... און, אויסגלאצענדיג די אויגען, האט ער א פאך געטהאן מיט'ן האמער.

דער פאטער האט איהם אנגעקוקט, האט בעהאלטען זיינע האאריגע הענד אויף הינטען און האט מיט א גיפטיגען שמייכעל א זאג געטהאן:

— נו, גוט!...

דאן האט ער שווער אבגעאטהעמט און האט צוגעלעגט

— אה, דו אויסוואורף!...

גלייך נאך דעם האט ער א זאג געטהאן צו זיין ווייב:

— געלד זאלסטו ביי מיר מעהר ניט בעטען... דיין זוהן וועט דיך שוין פון יעצט אן דערנעהרען...

— און דו וועסט אלץ פער'שכור'ען? — האט זיין ווייב זיך דערוועגט איהם צו פרעגען.

ער האט א קלאפ געטהאן מיט'ן פויסט אין טיש און האט אויסגעשריען:

— ניט דיין זאך, דו אויסוואורף! איך וועל זיך אויסזוכען א געליעבטע...

קיין געליעבטע האט ער ניט געזוכט, אבער זייט דאן ביז צו זיין טויט, די גאנצע צוויי יאהר, האט ער ניט אנגעקוקט זיין זוהן און האט מיט איהם ניט גערעדט.

ער האט געהאט א הונד, אויך אזא גרויסען און בעוואקסענעם, ווי ער אליין. יעדען טאג פלעגט איהם דער הונד בעגלייטען צום פאבריק און יעדען אבענד פלעגט ער איהם אבווארטען ביים טויער. אין די ימים טובים פלעגט וולאסאוו ארומגעהן איבער די שיינקען. ער האט געגלאצט די אויגען אויף די פנים'ער פון די מענשען, אקוראט ווי ער וואלט געזוכט אימיצען. און דער הונד פלעגט איהם דעם גאנצען טאג נאכגעהן. קומענדיג אהיים א שיכורער פלעגט ער זיך זעצען עסען און קארמענען דעם הונד פון זעלביגען טעלער. ער פלעגט איהם קיינמאל ניט שלאגען, ניט זידלען און ניט גלעטען. נאכ'ן עסען פלעגט ער אראפווארפען

די געפעס אויף דר'ערד, אויב זיין ווייב פלעגט עס בעצייטענס ניט צונעהמען. ער פלעגט אוועקשטעלען לעבען זיך א פלעשעל בראנפען, פלעגט זיך אנ־שפארען אן וואנד און ברייט פאנאנדערפענענדיג דעם מויל און צומא־כענדיג די אויגען, פלעגט ער מיט אן אומעדיגער שטימע ברומען א ליעד, וואס פלעגט ארויפיאגען אן אימה. די וועהמוטהיגע, ניט הארמאנישע טענער פלעגען זיך פלאנטערען אין זיינע וואנצעס, אראפטרייסלענדיג פון זיי די ברעקלך ברויט, וואס האבען זיך דארטען אנגעקליבען פאר דער צייט פון עסען. וולאסאוו פלעגט פאנאנדערגלעטען מיט די גראבע פינגער דעם בארד און די וואנצעס — און פלעגט זינגען. די ווערטער פון ליעד זיינען געווען אונפערשטענדליך און פאנאנדערגעצויגען און די מעלאדיע פלעגט דערמאהנען אן דאס ברומען פון וועלף אין א ווינטער־נאכט. געזונגען האט ער אזוי לאנג, ווי אין פלעשעל איז נאך געווען בראנפען. דאן האט ער זיך אראפגעלאזען אויפ'ן באנק, אדער פלעגט אנשפארען דעם קאפ אן טיש און פלעגט אבשלאפען ביז עס פלעגט זיך דערהערען די פאבריק־פייפעל. דער הונד פלעגט ליעגען לעבען איהם.

געשטארבען איז ער פון א ברוך און האט זיך לאנג געמאטערט. פינף טעג נאכאנאנד האט ער זיך, א פערשווארצטער, מיט צוגעמאכטע אויגען, געווארפען אויפ'ן בעט און געקריצט מיט די צייהנער. צייטענווייז האט ער געזאגט צו זיין ווייב:

— גיב מיר גיפט... פער'סם מיך...

זי האט עטליכע מאל געבראכט דעם דאקטאר, וועלכער האט געהייסען איהם לייגען קאמפרעסען, האט געראטהען צו מאכען אן אפעראציאן און אבפיהרען דעם קראנקען אין האספיטאל.

— געה צום טייפעל... איך קען אליין שטארבען, אויסוואורף! — האט מיכאיל א זאג געטהאן.

און ווען דער דאקטאר איז אוועק און זיין ווייב האט מיט טרעהרען אין די אויגען איהם געגומען איינריידען, אז ער זאל זיך לאזען מאכען אן אפעראציאן, האט ער צוזאמענגעדריקט דעם פויסט און סטראשענדיג איהר אויסגעשריען:

— ניט וואג... איך'ל געזונד ווערען — וועסטו ערגער מאכען!

ער איז געשטארבען אין דער פריה אין דער מינוט, ווען די פאבריק־פייפעל האט גערופען צו דער ארבייט. אין ארון איז ער געלעגען מיט אן אפענעם מויל, און זיינע ברעמען זיינען געווען בייז פערקאטשעט. צו דער לויה זיינען געגאנגען זיין ווייב, זיין זוהן, זיין הונד, דער אלטער שיכור און גנב דאנילא וועסאווסטשיקאוו, וועמען מען האט ארויסגעטריעבען פון פאב־

ריק פאר גנבה און עטליכע אָרימע לייט פון פאָרשטאָדט. זיין פרוי האָט שטיל און ווייניג געוויינט. פּאַוועל האָט גאָרניט געוויינט. די איינוואוינער פון פאָרשטאָדט, וועלכע האָבען בעגעגענט דעם טויטען־וואָגען, האָבען זיך אָבגעשטעלט, זיך געצלמ'ט און איינע צו די אנדערע געזאָגט:

— נו, פּעלאַגעיאַ קען זיך פרעהען, וואָס ער איז געשטאָרבען...

אנדערע האָבען נאָך פערבעסערט:

— ער איז ניט געשטאָרבען, נאָר גע'פגר'ט...

ווען מען האָט איהם מקבר געווען, זיינען זיך די מענשען צוגאַנגען; דער הונד אָבער איז נאָך לאַנג, לאַנג שווייגענדיג געזעסען אויף דער פרישער ערד און האָט אַרומגעשמעקט דעם קבר. אין איניגע טעג אַרום האָט איהם אימיצער דער'הרג'עט...

3.

אין צוויי וואָכען נאָכ'ן פאָטער'ס טויט, אין אַ זונטאָג, איז פּאַוועל וולאַסאָוו געקומען אהיים שטאַרק שיכור. פּאַלענדיג פון די פיס איז ער צוגעקראָכען צום פאָדערסטען ווינקעל און אַ קלאַפּ טהוענדיג מיט'ן פויסט איבער'ן טיש, ווי זיין טאַטע פלעגט טהאָן, האָט ער אַ געשריי געטהאָן צו זיין מוטער:

— עסען אהער!

די מוטער איז צוגעגאַנגען און זיך אוועקגעזעצט לעבען איהם, האָט איהם אַרומגענומען און צוגעשפּאַרט זיין קאָפּ צו איהר ברוסט. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט מיט'ן האַנד אין איהר פּלייצע און האָט אויסגעשריען:

— מאַמע... געשווינד!...

— נאַרעלע, דו איינער! — האָט טרויעריג און פריינדליך די מוטער אַ זאָג געטהאָן, ניט לאָזענדיג זיך אָבשטויסען.

— איך וויל אויך רויכערען... גיב מיר דעם טאַטען'ס ליולקע... — האָט פּאַוועל געברומט מיט אַ שווערען קול.

ער האָט זיך צום ערשטען מאָל איינגע'שיכור'ט. די בראַנפען האָט אָבגעשוואַכט זיין קערפּער, נאָר זיין בעוואוסטזיין איז ניט אויסגעלאָשען געוואָרען און זיין מוח האָט געגעבערט איין פראַגע:

— בין איך שיכור?... שיכור...

די צערטליכקייט פון דער מוטער און דער אומעט אין איהרע אויגען האָבען איהם גערירט. איהם האָט זיך געוואָלט וויינען, און אום צו דערשטיקען דיעזען וואונש, האָט ער געזוכט זיך צו מאַכען שיכורער, ווי ער איז אין דער אמת'ען געווען.

די מוטער האָט אָבער געגלעט זיינע פערשוויצטע, צופלאָנטערטע האָר און האָט שטיל געזאָגט:

— דו האָסט עס ניט געדאַרפט טהאָן...

איהם איז ניט גוט געוואָרען, און נאָכדעם ווי ער האָט א לענגערע צייט געבראָכען, האָט די מוטער איהם אריינגעלעגט אין בעט און מיט א נאַסען האַנדטוך בעדעקט זיין בלאַסען שטערען. ער האָט זיך אביסעל אויסגעניכ־טערט, אָבער עס האָט זיך איהם געדוכט, אז אַלץ אונטער איהם און ארום איהם דרעהט זיך. זיינע ברעמען זיינען שווער געוואָרען און אין מויל איז איהם שרעקליך ביטער געווען. ער האָט געקוקט דורך די ברע־מען אויף דעם גרויסען פּנים פון זיין מוטער און אין זיין קאָפּ האָבען זיך געפּלאָנטערט אָבגעריסענע געדאַנקען:

— ווי ס'ווייזט אויס איז נאָך צו פריה פאַר מיר... אַנדערע טרינקען און עס שאַדט זיי ניט, מיר אָבער איז ניט גוט געוואָרען...

ערגעץ פון דער ווייט האָט זיך געהערט די ווייכע שטימע פון דער מוטער:

— וואָס פאַר א ברויט־געבער וועסטו מיר זיין, ווען דו וועסט אָנ־הויבען שיכור'ען...

ער האָט פעסט צוגעמאַכט די אויגען און האָט געמורמעלט:

— אַלע טרינקען.

די מוטער האָט שווער אָבגעזיפצט. ער איז גערעכט געווען. זי האָט אַליין געוואוסט, אז די מענשען האָבען חוץ'ן שיינק קיינע אַנדערע פריידען, חוץ'ן בראַנפען עקזיסטירען פאַר זיי ניט קיינע פערגעניגענס. אָבער זי האָט דאָך געענטפערט:

— דו אָבער דאַרפסט ניט טרינקען! פאַר דיר האָט שוין דיין טאַטע זיך גענוג אָנגעטרונקען... און אויך מיך האָט ער גענוג אויסגעמאַטערט... דו וואָלסט כאָטש האָבען רחמנות אויף דיין מאַמען!...

הערענדיג די טרויעריגע צערטליכע ווערטער פון דער מוטער, האָט זיך פּאַוועל דערמאָהנט, דאָס ווען דער פאָטער האָט געלעבט, פלעגט זי זיך גאָר ניט אָנזעהן אין הויז. זי פלעגט שטענדיג שווייגען און אונרוהיג וואַרטען אויף קלעפּ און זידלערייען פון איהר מאַן. פּאַוועל האָט די לעצטע צייט אויסגעמיעדען זיך צוזאַמענצוטרעפען מיט'ן פאָטער, איז דאַרום זעלטען געווען אין דער היים און האָט זיך אָבגעוואוינט פון דער מוטער. יעצט, בּיסלעכווייז זיך אויסניכטערענדיג, האָט ער זי גענוי בעטראַכט.

זי איז געווען א הויכע, אביסעל געבויגען, און איהר שווערער קערפּער, וועלכער איז געווען צובראָכען פון דער שווערער ארבייט און פון מאַן'ס

קלעפּ, האָט זיך שטיל בעוועגט און זי פלעגט זיך שאַרען מיט אַ זייט, פּונקט ווי זי וואָלט מורא האָבען צו פערטשעפּען זיך אָן וואָס ניט איז. איהר ברייטע לייַנגליכע געזיכט, וואָס איז געוועזן אין גאַנצען בעדעקט מיט קנייטשען, איז בעלייכטעט געווען פון צוויי דונקעלע אונרוהיג־טרויעריגע אויגען, ווי ביי די מייסטע פרויען פון פּאָרשטאָדט. איבער'ן רעכטען אויג האָט זיך געצויגען אַ טיפער שראַם, וועלכער האָט אַביסעל אויפגעהויבען איהר ברעם אין דער הויך, און עס האָט זיך געדוכט, אַז איהר רעכטער אויער איז אַביסעל העכער. און דאָס האָט צוגעגעבען איהר פּנים אַזאַ אויסדרוק, פּונקט ווי זי וואָלט זיך מיט שרעק צו עפּעס צוגעהאָרכט. אין איהרע געדיכטע, דונקעלע האָר האָבען געגלאַנצט עטליכע גראָהע לאָקען, אַלס צייכען פון די שווערע קלעפּ... בכלל איז זי געווען אַ צערטליכע אומעדיגע און געהאָרכזאַמע...

און איבער איהרע באַקען זיינען לאַנגזאַם געפלאָסען די טרעהרען.

— וואַרט דאָך, וויין ניט! — האָט שטיל זיך געבעטען דער זוהן, — גיב מיר עפּעס צו טרינקען!

— איך וועל דיר ברענגען וואַסער מיט אייז...

ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט ער שוין געשלאָפען. אַ ווייַלע איז זי לעבען איהם געשטאַנען, האָט זיך געסטאַרעט ניט צו אָטהעמען צו הויך. דער קריגעל אין איהר האַנד האָט געציטערט און די אייז האָט שטיל געקלאַפּט אָן דעם בלעך. זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם קריגעל אויפ'ן טיש, האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף די קניע לעבען די הייליגע בילדער און האָט שטילערהייט געשעפּטשעט אַ תפילה. דורך די פענסטער האָט זיך געהערט דאָס פינסטערע שיכור'ע לעבען. אין דער פינסטערניש און נאַסקייט פון דער הערבסט־נאַכט האָט זיך געהערט דאָס סקריפּען פון אַ האַרמאָניקע, אימיצער האָט ערגעץ־וואו געזונגען אַ ליעד; אַ צווייטער האָט זיך געזידעלט מיט די מיאוס'טע, ערגסטע ווערטער און אונרוהיג האָבען געקלונגען די אויפגערייצטע מיעדע פרויען־שטימען.

דאָס לעבען אין וולאַסאָוו'ס קליינע הויז איז זיך געגאַנגען גלייכמעסיג, אָבער שטילער און רוהיגער ווי פריהער, און אַביסעל אַנדערש ווי אין די איבעריגע הייזער פון פּאָרשטאָדט. זייער הויז האָט זיך געפונען ביין ברעג פון פּאָרשטאָדט לעבען אַ הויכען, סטייַלען אַראָבגאַנג צו אַ זומפּ. אַ דריטעל פון הויז האָט פערנומען די קיך און אַ קליין קאַמערעל, וואָס איז געווען אָבגעצאַמט פון איהר מיט אַ דין ווענטעל. אין דיעזען קאַמערעל פלעגט שלאָפען די מוטער. די איבעריגע צוויי־דריטעל האָט פערנומען אַ קוואַדראַטנער צימער מיט צוויי פענסטער. אין איין ווינקעל איז געשטאַנען פּאַוועל'ס בעט, אין דעם פאָדערשטען ווינקל איז געשטאַנען אַ טיש מיט צוויי לאַנגע

ביינק, א פּאָר שטוהלען, א קאָמאָד, א קליינער שפּיעגעל, א קאַסטען מיט קליידער, א וואַנד־זייגער און צוויי הייליגע בילדער — דאָס איז געווען די גאַנצע מעבעל פון הויז.

פּאַוועל האָט געזוכט צו לעבען ווי אַלע איבעריגע. ער האָט זיך פערשאַפט אַלץ, וואָס א יונגער בחור דאַרף: ער האָט זיך געקויפט א האַרמאָניקע, א געקראַכמאַליעטע העמד, א העלען שלייף, א פּאָר קאַלאָשען, א שטעקעל און האָט אויסגעזעהן ווי אַלע בחורים פון זיין עלטער. ער פלעגט געהן אויף וועטשערינקעס, האָט זיך אויסגעלערענט טאַנצען א קאַדריל און א פּאָלקע; אין די ימים־טובים פלעגט ער קומען אהיים אביסעל שיכור'לעך און פלעגט שטענדיג שטאַרק ליידען פון דעם בראַנפען. און אויף מאָרגען פלעגט איהם וועה טהאָן דער קאָפּ, עס פלעגט איהם ברענען אין האַרצען און זיין פּנים פלעגט זיין בלאַס און אומעטיג.

איינמאָל האָט איהם די מוטער א פרעג געטהאָן:

— נו, ביזטו עפּעס נעכטען פרעהליך געווען?

ער האָט מיט א בייזער אויפרעגונג געענטפערט:

— עט, א ביטערער אומעט... אַלע זיינען ווי מאַשינען... איך וועל בעסער אוועקגעהן פאַנגען פיש... אָדער איך וועל זיך קויפען א ביקס.

ער האָט געאַרבייט פלייסיג, פלעגט ניט דורכלאָזען קיין טאָג, איז קיינמאָל ניט שטראָפירט געוואָרען; ער האָט שטענדיג געשוויגען און אין זיינע גרויסע בלאָהע אויגען, אקוראַט ווי זיין מוטערס, האָט זיך שטענדיג געזעהן אן אונצופריעדענהייט... ער האָט זיך ניט געקויפט קיין ביקס, ער איז ניט געגאַנגען כאַפּען פיש, נאָר אונבעמערקט האָט ער אָבגעווייכט פונ'ם אויסגעטראָטענעם וועג, אויף וועלכען אַלע זיינען געגאַנגען. ער פלעגט אפילו אין די ימים־טובים ערגעץ־וואו אוועקגעהן, אָבער ער פלעגט דאָך קומען אהיים א ניכטערער. די מוטער האָט שטילערהייט גוט אכטונג געגעבען אויף איהם און זי האָט בעמערקט, אַז זיין ברוינער פּנים ווערט וואָס פון טאָג אַלץ שאַרפער, די אויגען קוקען אַלץ ערנסטער און זיינע ליפּען האָבען זיך עפּעס מאָדנע שטרענג צוזאַמענגעפּרעסט. עס האָט זיך געדוכט, אַז ער ערגערט זיך אין דער שטיל פון וואָס ניט איז אָדער איהם מאַטערט עפּעס א קראַנקהייט. פריהער פלעגען צו איהם אריינקומען זיינע חברים, אָבער ניט געפינענדיג איהם אין הויז, האָבען זיי אויפגעהערט צו קומען. די מוטער איז געווען צופריעדען צו זעהן, אַז איהר זוהן ווערט עפּעס אַנדערש, ווי די איבעריגע פאַבריק־יוגענד, נאָר ווען זי האָט בעמערקט, אַז איהר זוהן זונדערט זיך עפּעס אָפּ פון אַלעמען און שווימט אוועק ווייט פון פינסטערען

שטראָם פון איינטאָניגען לעבען, האָט זיך אין איהר הארצען ערוועקט א ניט־קלאָרער מורא־געפיהל.

ער האָט אָנגעהויבען צו ברענגען מיט זיך ביכער און האָט זיך געסטאַ־רעט זיי צו לעזען אין געהיים און פלעגט זיי בעהאלטען גלייך ווי ער פלעגט זיי איבערלעזען. אָפּטמאָל פלעגט ער פון די ביכער עפּעס אויסשרייבען אויף א בעזונדער שטיקעל פּאַפּיער און פלעגט עס אויך בעהאלטען...

— ביזט אפשר קראנק, פּאוולושאַ? — פלעגט זי איהם מאנכעס מאָל פרעגען.

— ניין, איך בין געזונד! — איז געוועזען זיין ענטפער.

— ביזט זעהר אויסגעדארט מיין זוהן! — האָט די מוטער געזיפצט.

ער האָט געשוויגען.

זיי האָבען ווענינ גערעדט און פלעגען זיך זעלטען זעהן. אין דער־פריה פלעגט ער שווייגענדיג אָבטרינקען טהעע און אוועקגעהן צו דער אר־בייט. מיטאָג־צייט פלעגט ער קומען עסען. ביים טיש פלעגען זיי זיך דורכוואַרפען מיט עטליכע ווערטער און דערנאָך פלעגט ער ווידער פער־שווינדען ביז אין אבענד. און אין אבענד, ווען ער האָט געענדיגט זיין אר־בייט, פלעגט ער זיך גוט ארומוואשען, פלעגט אָפּעסען און זיך זעצען לעזען זיינע ביכער. יום־טוב פלעגט ער אוועקגעהן אין דער פריה און קומען שפּעט ביינאַכט אהיים. זי האָט געוואוסט, אז ער געהט אין שטאָדט, בע־זוכט דאָס טהעאטער. צו איהם פלעגט אָבער פון שטאָדט קיינער ניט קומען. איהר האָט זיך געדוכט, אז וואָס ווייטער רעדט איהר זוהן אלץ ווענינער מיט איהר. צו דער זעלבער צייט האָט זי בעמערקט, אז דער זוהן געברויכט עפּעס גאַנץ נייע אונפערשטענדליכע ווערטער, און די געוועהנליכע, גראָבע און שארפע ווערטלעך זיינען פון זיין שפּראַך פערשוואונדען. אין זיין אויפ־פיהרונג האָט זי בעמערקט א סך קליינינקייטען, וועלכע האָבען צוגעצויגען איהר אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אוועקגעוואָרפען דאָס פראַנטעווען, האָט אָנגעהויבען זיך מעהר קימערען אום די ריינקייט פון זיין קערפּער און האָט אכטונג געגעבען אז זיינע קליידער זאָלען זיין אין אָרדנונג. ער האָט זיך פרייער און געשיקטער בעוועגט, און איז אויסערליך געוואָרען איינפאכער און צערטליכער. דיזע ענדערונגען האָבען ארויסגערופען ביי זיין מוטער אַן אונרוהיגע אויפמערקזאַמקייט צו איהם. אויך זיינע בעציהונגען צו דער מו־טער זיינען געוואָרען גאַנץ אנדערע. ער פלעגט אָפּטמאָל אויסקעהרען די פּאָדלאָגע פון הויז, פלעגט אליין פערבעטען די בעטען און פלעגט בכלל זיך סטאַרען צו פערלייכטערען דער מוטערס ארבייט. קיינער אין פאַרשטאָדט האָט עס ניט געטהאָן.

איינמאָל האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך אַ בילד און עס אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנד. דאָס בילד האָט פאַרגעשטעלט דריי מענשען, וועלכע זיינען רעדענדיג ערגעץ־וואו געגאַנגען.

— דאָס געהט דער פון קבר אויפגעשטאַנענער קריסטוס אין עמאוס, — האָט פאַוועל איהר ערקלעהרט.

דאָס בילד איז דער מוטער געפעלען געוואָרען, אָבער זי האָט אַ טראַכט געטהאָן:

— קריסטוסען פערעהרסטו, אָבער אין קלויסטער געהסטו ניט...

נאָכהער האָבען זיך אויף דער וואַנד בעוויזען נאָך עטליכע בילדער, און אויף דער שעהנער פּאָליצע, וועלכע אַ בעקאַנטער סטאָליאַר האָט איהם געמאַכט, זיינען אַלץ צוגעקומען מעהר און מעהר ביכער. דער צימער האָט געקריגען אַ פריינדליכען אויסזעהן.

ער פלעגט איהר שטענדיג „איהרצען“, נאָר צייטענווייז פלעגט ער זיך ווענדען צו איהר מיט קורצע ווערטער:

— דו, מאַמעלע, בעאונרוהיג זיך ניט, איך וועל היינט קומען שפּעט אהיים...

דאָס איז איהר געפעלען געוואָרען. אין זיינע ווערטער האָט זי געפיהלט אַן ערנסטקייט און אַ פעסטקייט. נאָר איהר אונרוה איז געוואַקסען. די צייט האָט איהר קיין רוה ניט געבראַכט. וואָס ווייטער האָט זי אַלץ מעהר געפיהלט אַז עטוואָס אונגעוועהנליכעס וועט מוזען קומען. פון צייט צו צייט פלעגט זי פיהלען אַ לייכטע אונצופריעדענהייט מיט'ן זוהן און זי פלעגט טראַכטען:

— אַלע מענשען לעבען ווי מענשען, ער אָבער לעבט ווי אַ מאָנאַך... שוין אביסעל צו שטרענג, ניט נאָך די יאָהרען...

מאַנכעס מאָל האָט זי געטראַכט:

„אפשר האָט ער דאָרטען גאָר געקראָגען אַ מיידעל?

נאָר דאָס ארומגעהן מיט מיידלעך פאָדערט געלד. ער אָבער פלעגט איהר כמעט זיינע גאַנצע שכירות אָוועקגעבען.

אזוי זיינען אוועקגעגאַנגען וואָכען און מאָנאַטען און אונבעמערקטער־הייד זיינען פערלאָפען צוויי יאָהר פון דיעזען מאָדנעם שוויינענדיגען לעבען, פול מיט אונקלאָרע געדאַנקען און וואַקסענדער מורא.

4.

איינמאָל, נאָכ'ן עסען, האָט פאַוועל אַראָבגעלאָזען דעם פאָרהאַנג פון פענסטער, האָט אויפגעהאַנגען אויפ'ן וואַנד דעם בלעכענעם לעמפּעל און זיך

אוועקגעזעצט אין א ווינקעל לעזען. די מוטער האט צוגענומען די געפעס און ארויסגעהענדיג פון קיך, איז זי פארזיכטיג צוגעגאנגען צו איהם. ער האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט איהר פערוואונדערט אנגעקוקט.

— גאר ניט, פאווליושא... סתם אזוי זיך!... — האט זי גיך א זאג געטהאן און, זיך פערליערענדיג, איז זי ארויסגעגאנגען. נאר אבשטעהענדיג אין קיך א פאר מינוטען אונבעוועגליך און פערזארגט, האט זי ריין אבגעוואשען די הענד און איז צוריק אריינגעגאנגען צום זוהן.

— איך וואלט געוואלט דיך פרעגען, — האט זי שטיל א זאג געטהאן, — וואס לעזטו עס שטענדיג?

ער האט צוגעמאכט דאס ביכעל...

——— זעץ זיך, מאמע...

די מוטער האט זיך שווער אוועקגעזעצט לעבען איהם, האט זיך אויסגעגלייכט און האט זיך אנגעשטרענגט, ערווארטענדיג פון איהם צו הערען עטוואס וויכטיגעס.

ניט אנקוקענדיג איהר, האט ער מיט א שטילער אבער שטרענגער שטימע אנגעהויבען:

— איך לעז פערבאטענע ביכער. זיי זיינען פערבאטען דערפאר, ווייל זיי דערצעהלען דעם אמת וועגען אונזער, וועגען דעם ארבייטער־לעבען... זיי ווערען געדרוקט אין געהיים און אויב מען וועט זיי ביי מיר געפינען, וועט מען מיר אריינזעצען אין טורמע... אין טורמע דערפאר, ווייל איך וויל וויסען דעם אמת... פערשטעהסט?

עס האט איהר פערכאפט דער אטהעם. זי האט געקוקט אויפ'ן זוהן מיט ברייט־פאנאנדערגעעפענטע אויגען און עס האט זיך איהר אויסגעדוכט, אז ער איז עפעס גאר אן אנדערער, א פרעמדער. זיין שטימע איז אן אנדערע, א טיעפערע, א פעסטערע, א מעהר קלינגענדע. ער האט געצופט מיט די פינגער זיינע דינע גערדיכטע וואנצעס און האט מיט א מאדנעם אויסדרוק פערטראכט געקוקט אין א ווינקעל. זי האט זיך געשראקען פאר'ן זוהן און זי האט מיט רחמנות א פרעג געטהאן:

— פאר וואס זשע טהוסטו דאס, פאווליושא?

ער האט אויפגעהויבען דעם קאפ, האט איהר ערנסט אנגעקוקט און האט שטיל און רוהיג געענטפערט:

— איך וויל וויסען דעם אמת.

זיין שטימע איז געווען שטיל אבער פעסט, זיינע אויגען האבען עקשנותדיג געבלישטשעט. זי האט געפיהלט, אז איהר זוהן האט זיך אויף שטענדיג מפקיר געווען צו עפעס א געהיימניספולער און שרעקליכער ארבייט. אלץ

וואָס פּאַסירט אין לעבען, האָט איהר שטענדיג אויסגעוויזען אונפערמיידליך. זי איז געוואוינט געוואָרען זיך אימער צו אונטערוואַרפען, ניט טראַכטענדיג, און זי האָט דאַרום אויך יעצט שטיל געוויינט, ניט געפינענדיג קיין ווערטער אין איהר פערשטיקטער און פּערזומערטער האַרץ.

— וויין ניט! — האָט פּאַוועל שטיל און צערטליך אַרויסגערעדט, און איהר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער געזעגענט זיך מיט איהר.

— בעטראַכט נאָר אונזער טרויעריגען לעבען! — האָט ער געזאָגט — אַט ביזטו שוין אַלט פערציג יאָהר, און האָסטו דען געלעבט? דער פאָטער האָט דיך געשלאָגען... איך פערשטעה יעצט, אַז אויף דיר פלעגט ער אויס־גיסען זיינע ביטערע צרות... דעם קומער פון זיין לעבען. דאָס לעבען האָט איהם געדריקט און ער האָט ניט פערשטאַנען פון וואַנען עס קומט. דרייסיג יאָהר האָט ער געאַרבייט, ער האָט אָנגעהויבען אַרבייטען, ווען די גאַנצע פאַבריק איז נאָך בעשטאַנען פון צוויי בנינים און יעצט זיינען שוין פאַראַן זיעבען!... די פאַבריקען וואַקסען און די מענשען שטאַרבען, אַרבייטענדיג אין זיי...

זי האָט זיך צוגעהאָרכט צו זיינע רייד מיט נייגעריגקייט און שרעק. זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט מיט אַ שעהנעם און העלען פייער. זיך אָנ־שפּאַרענדיג מיט דער ברוסט אָן שטוהל, האָט ער זיך צוגערוקט נעהנטער צו דער מוטער און, קוקענדיג איהר גלייך אין פּנים, וואָס איז געווען נאַס פון טרעהרען, האָט ער געהאַלטען זיין ערשטע רעדע וועגען דעם אמת, וועלכען ער האָט אויסגעפונען. מיט דער גאַנצער יוגענד־קראַפט, מיט דער היץ פון אַ תּלמיד, וועלכער איז שטאָלץ מיט זיינע קענטניסע און בעגייסטערט פון הייליגען גלויבען אין אמת, האָט ער גערעדט איבער דאָס, וואָס איהם איז קלאָר געוואָרען. ער האָט ניט גערעדט צו זיין מוטער, ווי צו זיך אַליין, אום צו זעהן אויב ער וויים, וואָס ער האָט געלערענט. צייטענווייז האָט ער זיך אָבגעשטעלט, ניט געפינענדיג קיין ווערטער, און דאַן האָט ער געזעהן פאַר זיך אַ פערטרויערטען פּנים, אין וועלכען עס האָבען מאַט געגלאַנצט אַ פּאָר גוטע אויגען, אָנגעפילט מיט טרעהרען. זיי האָבען געקוקט מיט מורא און מיט צווייפעל. ער האָט רחמנות געהאַט אויף דער מוטער און האָט ווייטער אָנגעפאַנגען רעדען, אָבער יעצט האָט ער שוין גערעדט וועגען איהר, וועגען איהר אייגענעם לעבען.

— וואָס פאַר פריידען האָסטו געהאַט? — האָט ער איהר געפרעגט. — וועלכע עראינערונגען זיינען דיר פערבליבען פון לעבען?

זי האָט געהאָרכט און טרויעריג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. זי האָט אָנ־געהויבען פיהלען עפּעס נייעס, אונבעקאַנטעס, און צו דער זעלבער צייט

טרויערינגעס און פּרעהליכעס, וואָס האָט צערטליך געלאַשטשעט איהר אָנגע־וועהטאָגטע הארץ. אַזעלכע רייד וועגען זיך און וועגען איהר לעבען האָט זי געהערט צום ערשטען מאָל. זיי האָבען געוועקט אין איהר די שוין לאַנג פֿער־שלאָפענע אונקלאָרע מחשבות; זיי האָבען שטיל פאַנאַנדערגעבלאָזען די אויס־געלאָשענע געפיהלען פון דער טריבער אונצופריעדענהייט מיט איהר לעבען. זיי האָבען אין איהר ערוועקט מחשבות און געפיהלען פון דער ווייטער יוגענד. זי האָט פיעל מאָל גערעדט וועגען לעבען מיט איהרע חבר'טעס. זי האָט גערעדט איבער אַלץ. אָבער אַלע, און אויך זי אַליין, פלעגען זיך נאָר בעקלאָ־גען. אָבער קיינער האָט זיי ניט ערקלעהרט, פאַרוואָס דאָס לעבען איז אַזוי שווער... יעצט אָבער זיצט לעבען איהר דער זוהן איהרער, און דאָס וואָס עס ריידען וועגען איהר זיינע אויגען, זיין פנים און זיינע ווערטער, דאָס אַלעס ריהרט אָן איהר הארץ און פילט איהר אָן מיט א געפיהל פון שטאָלץ איבער איהר זוהן, וועלכער האָט ריכטיג פערשטאַנען דאָס לעבען פון זיין מוטער און איהרע ליידען, און פיהלט איהר מיט.

א מאַמען פיהלט מען ניט מיט.

זי האָט דאָס געוואוסט. זי האָט ניט פערשטאַנען, וואָס פאַוועל האָט גערעדט, אָבער אַלץ וואָס ער האָט גערעדט וועגען איהר לעבען איז געווען דער ריינער אמת. און דארום האָט זיך איהר אויסגעדוכט, דאָס יעדער וואָרט זיינער איז פול מיט אמת און אין איהר ברוסט האָבען געציטערט געפיהלען, וואָס האָבען איהר אַלץ מעהר און מעהר אָנגעוואַרעמט מיט אַן אונבעקאַנטער צערטליכקייט.

— וואָס ווילסטו טהאָן? — האָט זי איהם געפרעגט, איבערשלאָגענדיג איהם זיינע רייד.

— לערנען זיך און דערנאָך לערנען אַנדערע. מיר ארבייטער מוזען זיך לערנען. מיר מוזען דערגעהן, מיר מוזען בעגרייפען פאַרוואָס אונזער לעבען איז אַזוי שווער.

איהר איז געווען אָנגענעהם צו זעהן, ווי זיינע העל־בלויע אויגען, וועלכע זיינען שטענדיג געווען אַזוי ערנסט און שטרענג, האָבען יעצט געשיינט אַזוי ווייך, און אין זיי האָט געגלאַנצט עטוואָס אונגעוועהנליכעס פאַר איהר. אויף איהרע ליפען האָט זיך בעוויעזען א צופריעדענער, שטילער שמייכעל, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אין די קנייטשען פון איהרע באַקען האָבען נאָך געציטערט איינצעלנע איבערגעבליעבענע טרעהרען. אין איהר האָבען גע־קעמפפט צוויי געפיהלען. דער שטאָלץ אויף איהר זוהן, וועלכער האָט גע־וואָלט גוטעס טהאָן אַלע מענשען, האָט אַלעמען בעדויערט און האָט געזעהן די צרות פון לעבען; אָבער צו דער זעלבער צייט האָט זי ניט געקענט פער־

געסען זיין יוגענד; אז ער רעדט ניט אזוי ווי אלע אנדערע, אז ער איז גרייט אליין אויפצונעהמען דעם קאמפף געגען לעבען, צו וועלכען זי און אלע אנדערע זיינען אזוי צוגעוואוינט... און עס האט זיך איהר געוואלט זאגען איהם:

— טהייערינקער, וואס קענסטו אויספיהרען? זיי וועלען דיך אומ־ברענגען און דו וועסט פערלארען געהן...

נאר זי האט עס ניט געזאגט. זי האט מורא געהאט זיך צו צושטערען דאס פערגעניגען פון אנקוקען דעם זוהן, וועלכער האט זיך פלוצלונג פאר איהר ענטדעקט אלס נייער, קלוגער... און אביסעל פרעמדער פאר איהר.

פאוועל האט געזעהן דעם שמייכעל אויף די ליפען פון דער מוטער, די אויפמערקזאמקייט אויף איהר פנים, די ליעבע אין איהרע אויגען, און איהם האט זיך געדוכט, אז ער האט איהר געגעבען צו פערשטעהן זיין אמת. און דער יוגענדליכער שטאלץ איבער די קראפט פון זיינע ווערטער האט אין איהם שטארק געמאכט זיין גלויבען אין זיך אליין. ער איז געווארען נאך מעהר אויפגערעגט און האט פארטגעזעצט זיין רעדע, דא לאכענדיג, דא פערקאר־טשענדיג דעם שטערען. צייטענווייז איז זיין רעדע געווען אנגעפילט מיט ביטערען האס, און ווען די מוטער האט זיך איינגעהערט אין זיינע קלינגענדע הארטע ווערטער, האט זי דערשראקען געשאקעלט מיט'ן קאפ און האט איהם שטיל געפרעגט:

— טאקע, פאוועל?

— יא! — האט ער פעסט און בעשטימט געענטפערט. און ער האט איהר דערצעהלט וועגען מענשען, וואס האבען געוואלט דעם פאלק גוטעס טהאן, וועלכע האבען פערשפרייט דעם אמת צווישען פאלק, און דערפאר הא־בען די שונאים פון פאלק זיי געכאפט, ווי ווילדע חיות, אריינגעווארפען זיי אין די טורמעס און פערשיקט אין קאטארגע...

— איך האב אזעלכע מענשען געזעהן! — האט ער היציג אויסגערופען. דאס זיינען די בעסטע מענשען אויף דער וועלט!

אין איהר האבען אזעלכע מענשען דערוועקט נאר א שרעק און זי האט געוואלט פרעגען דעם זוהן:

— איז דאס טאקע אמת, פאוליושא?

אבער זי האט זיך ניט ענטשלאסען, און מיט א פערשטיקטען אטהעם האט זי זיך צוגעהערט צו די ערצעהלונגען וועגען די מענשען, וועלכע האבען אויסגעלערענט איהר זוהן צו רעדען און צו טראכטען פון אזעלכע געפעהר־ליכע זאכען. ענדליך האט זי זיך אפגערופען:

— עס טאגט שוין באלד... וואלסט זיך שוין אפשר לעגען שלאפען!... דארפסט דאך באלד געהן צו דער ארבייט...

— יא, איך געה שוין טאקע, — האָט ער צוגעשטימט, און איינבוי־גענדיג זיך צו איהר, האָט ער געפרעגט:

— נו, האָסטו מיך איצט פערשטאַנען?

— יא! — האָט זי זיפצענדיג אָבגעענטפערט. אין איהרע אויגען האָבען זיך ווידער בעוויזען טרעהרען און, כליפּענדיג, האָט זי צוגעגעבען:

— דו וועסט פערלאָרען געהן!

ער האָט זיך אויפגעהויבען, איז זיך דורכגעגאַנגען עטליכע מאָל איבער'ן צימער און האָט דערנאָך געזאָגט:

— נו, יעצט ווייסטו וואָס איך טהו און וואו איך געה. איך האָב דיר אַלעס דערצעהלט! איך בעט דיך, מאַמע, אויב דו ליעבסט מיך נאָר, דאַן שטער מיר ניט!

— ניין, טהייערינקער, — האָט זי אויסגערופען, — עס וואָלט אפשר בעסער געווען, ווען איך וואָלט פון קיין זאַך ניט געוואוסט!

ער האָט אָנגעכאַפּט איהר האַנד און האָט איהר פעסט צוגעדריקט.

זי איז געוואָרען איבעררעשט פון דעם וואָרט „מאַמע“, וואָס ער האָט ארויסגערעדט אזוי שטאַרק, ווי אויך פון דעם, וואָס ער האָט איהר אזוי מאָדנע געדריקט די האַנד.

— איך וועל גאָר ניט טהאָן! — האָט זי מיט א ציטערענדער שטימע אויסגערעדט, — נאָר זעה היט זיך... זיי פאָרזיכטיג!

ניט ווימענדיג פון וואָס ער זאָל זיך היטען, האָט זי מיט א טרויעריגען קול צוגעגעבען:

— דו ווערסט אַלץ דאַרער!...

מיט א וואַרימען צערטליכען בליק, האָט זי א קוק געטהאָן אויף זיין פעסטען, שלאַנקען קערפּער און האָט שטיל אָבער גיך א זאָג געטהאָן:

— גאָט זאָל דיר העלפען! לעב ווי דו ווילסט, איך וועל דיך ניט שטערען. נאָר איין זאַך בעט איך דיר — מיט די מענשען זאָלסטו אביסעל פאָרזיכטיגער ריידען! פאַר מענשען דאַרף מען מורא האָבען, זיי האַסען איינע די אַנדערע. זיי זיינען זשעדנע, זיי זיינען איינער דעם צווייטען מקנה. יעדער טראַכט נאָר ווי דעם צווייטען א רעה צו טהאָן... ווי דו וועסט נאָר פּרואווען צייגען זיי זייער אמת'ע געשטאַלט און זיי משפּט'ען, וועלען זיי דיך האַסען און אומברענגען!

דער זוהן איז געשטאַנען ביים טהיר און אויסגעהערט די טרויעריגע ווער־טער פון זיין מוטער, און ווען זי האָט געענדיגט, האָט ער שמייכלענדיג א זאָג געטהאָן:

— די מענשען זיינען טאַקע שלעכט... נאָר זייט איך האָב זיך דער־

וואוסט, אז עס איז פאַראַן אמת אויף דער וועלט, זיינען אויך די מענשען בעסער געוואָרען.

ער האָט ווידער אַ שמייכעל געטהאָן און האָט פאַרטגעזעצט:

— איך פערשטעה אַליין ניט, ווי דאָס איז געשעהן! פון קינדוויז אָן האָב איך פאַר אַלעמען מורא געהאַט... ווען איך בין עלטער געוואָרען, האָב איך אָנגעהויבען האַסען... ווּעמען פאַר געמיינהייט, וועמען איך ווייס אַליין ניט פאַר וואָס... סתם אַזוי... יעצט אָבער זיינען פאַר מיר אַלע אַנדערש געוואָרען... אפשר ווייל איך האָב מיטלייד מיט זיי... איך קען זיך עס ניט ערקלעהרען... מיין הארץ איז ווייכער געוואָרען, זייט איך האָב זיך דער־וואוסט, אַז אַן אמת איז פאַראַן אויף דער וועלט... און אַז ניט אַלע זיינען שולדיג אין דער בלאָטע, אין וועלכער זיי ליעגען...

ער איז אַנטשוויעגען געוואָרען, פונקט ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט וואָס אין איהם קומט פאָר. דערנאָך האָט ער שטיל און פערטראַכט אַרויסגערעדט:

— אַזוי ווירקט דער אמת!

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און האָט זיך שטיל אָבגערופען:

— דו האָסט זיך שרעקליך פערענדערט... אוי, גאָטעניו...

ווען ער האָט זיך אַריינגעלעגט אין בעט און איז איינגעשלאָפען, האָט זיך די מוטער פאָרזיכטיג אויפגעהויבען פון איהר בעט און איז שטיל צוגע־גאַנגען צו איהם. פאַוועל איז געלעגען אויף'ן רוקען און פון ווייסען קישען האָט זיך קלאָר אַרויסגעזעהן זיין ברוינער, עקשנות'דיגער און שטרענגער פּנים. די מוטער איז געשטאַנען לעבען זיין בעט אַ באָרוועסע, די הענד פערלייגט אויפ'ן הארצען. איהרע ליפּען האָבען זיך שטיל בעוועגט, און פון איהרע אויגען האָבען זיך לאַנגזאַם און גלייך געגאָסען איינע נאָך די אַנדערע גרויסע, מוטנע טרעהרען...

## 5

און ווידער האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו לעבען שווייגענדיג, פרעמד און ראַך נאָהענט איינע צו די אַנדערע.

איינמאָל אין אַ יום־טוב'דיגען טאָג האָט פאַוועל, אַרויסגעהענדיג פון הויז, פּלוצלונג אַ זאָג געטהאָן צו דער מוטער:

— שבת וועלען זיך ביי מיר צוזאַמענקלייבען מענשען...

— וואָסערע מענשען? — האָט די מוטער אַ פרעג געטהאָן.

— אייניגע היעגע... אַנדערע פון שטאָדט.

— פון שטאָדט?... — האָט די מוטער איבערגע'חזר'ט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ און האָט זיך פּלוצלונג שטיל פאַנאַנדערגעוויינט.

— צו וואָס, מאמע? — האָט פּאוועל אונצופריעדען אויסגערופען, — וואָס וויינסטו?

זי האָט זיך אויסגעווישט די אויגען מיט׳ן פאַרטוך און האָט שטיל געענטפערט:

— איך ווייס ניט... אַזוי זיך...

ער איז זיך דורכגעגאנגען איבער׳ן צימער און זיך אָבשטעלענדיג לעבען איהר, האָט ער אַ פרעג געטהאָן:

— האָסט מורא?

— יאָ, — האָט זי זיך מודה געווען. — אָט די שטאָדטיגע... ווער ווייס ווער זיי זיינען?

ער האָט זיך צוגעבויגען צו איהר פּנים און האָט, פּונקט ווי זיין פאָטער, מיט כעס אַרויסגערעדט:

— אָט דיעזע מורא מאַכט אונז אַלעמען אונגליקליך! יענע וועלכע הערשען איבער אונז, נוצען אויס אונזער מורא און שרעקען אונז נאָך מעהר אָן. פערשטעה־זשע! ווען די מענשען וועלען שטענדיג מורא האָבען, וועלען זיי צופוילט ווערען, ווי בערעזענע בוימער אין זומפּ... מיר מוזען דרייסט ווערען; עס איז שוין צייט!

ער איז אַוועק אָן אַ זייט און האָט ווייטער גערעדט:

— אַלץ איינס... זיי וועלען זיך דאָך ביי מיר צוזאַמענקלייבען!

די מוטער האָט זיך אומעטיג פאַנאַנדערגעוויינט:

— זיי ניט אין כעס ווי זאָל איך ניט מורא האָבען? דעם גאַנצען לעבען האָב איך אָבגעלעבט אין שרעק... מיין הארץ איז מיט׳ן שרעק בע־וואַקסען געוואָרען.

פּאוועל האָט שטילער און ווייכער אַ זאָג געטהאָן:

— ענטשולדיג מיר... איך קען ניט אַנדערש...

און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט ביי איהר געציטערט די הארץ און עס פלעגט איהר יעדעס מאָל פערכאַפּען דער אָטהעם, ווען זי פלעגט זיך דערמאָהנען, אַז אין איהר הויז דאַרפען באַלד קומען פרעמדע מענשען. זי האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, ווי זיי זעהען אויס, נאָר עס האָט זיך איהר געדוכט, אַז זיי מוזען זיין שרעקליכע מענשען. זיי זיינען עס געווען, וועלכע האָבען אַרויפגעפיהרט איהר זוהן אויף דעם וועג, אויף וועלכען ער געהט...

שבת אָבענד איז פּאוועל געקומען אהיים פון פאַבריק, האָט זיך אָרומגעוואַשען, איבערגעטהאָן און איז ווידער אַוועקגעגאַנגען. פאַר׳ן אַוועקגעהן, האָט ער, ניט אָנקוקענדיג די מוטער, אַ זאָג געטהאָן:

— אז מען וועט קומען, זאָג, אז איך וועל באַלד זיין צוריק... זאָלען זיי צוואווארטען. און דו, מאמע, האָב קיין מורא נים. זיי זיינען מענשען ווי אַלע.

זי האָט זיך מאכטלאָז אראָבגעלאָזען אויפ׳ן ביינקעל. דער זוהן האָט חמורנע א קוק געטהאָן אויף איהר און האָט איהר פאַרגעשלאָגען:

— אפשר וואָלסטו ערגעץ וואו אוועקגעגאנגען?...

דאָס האָט איהר בעליידיגט. זי האָט א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און האָט געענטפערט:

— ניין... אַלץ איינס! פאַרוואָס?

עס איז געווען ענדע נאָוועמבער. ביי טאָג איז אויף דער פערפראָה־רענער ערד ארויסגעפאַלען א טרוקענער שנעעלע און יעצט האָט ער זיך גע־הערט סקריפּענדיג אונטער דעם זוהן׳ס פיס. אויף די שויבען פון די פענ־סטער האָט זיך אָנגערוקט א געדיכטע לויערנדע פינסטערניס. די מוטער האָט זיך אָנגעשפּארט מיט די הענד אָן ביינקעל, איז געזעסען און האָט, קוקענדיג אויף דער טהיר, געוואַרט...

איהר האָט זיך אויסגעדוכט, אז אין דער פינסטערניס גנב׳ענען זיך פאַרזיכטיג פון אַלע זייטען פרעמדע, שווייגענדע מענשען אין משונה׳דיגע קליידער אָנגעטהאָן. אָט דרעהט זיך שוין אימיצער אַרום הויז, און טאַפּט מיט די הענד אָן דער וואַנד.

עס האָט זיך דערהערט א פייף. ער האָט זיך צוגאָסען אין דער שטיל־קייט, ווי אַן אומעדיגער, דינער און מעלאַדישער שטראָם, און האָט פער־טראַכטערהייט זיך געפּלאָנטערט אין דעם מדבר פון פינסטערניס זוכענדיג עפּעס און זיך אַלץ דערנעהנטערענדיג... פּלוצלונג איז ער פערשוואונדען געוואָרען אונטער׳ן פענסטער, אקוראט ווי ער וואָלט אריינגעדרונגען אין די האָלץ פון וואַנד.

אין פאָרהויז האָבען זיך דערהערט אימיצענס טריט. די מוטער האָט אויפגעציטערט, האָט, אָנשטרענגענדיג זיך, אויפגעהויבען די ברעמען און איז אויפגעשטאַנען.

מען האָט געעפענט די טהיר. אין אָנפאַנג האָט זיך אין טהיר בע־וויזען א קאָפּ מיט א גרויסער פעלץ־היטעל, דערנאָך האָט זיך אריינגעשאַרט א לאַנגער, איינגעבויגענער קערפּער; ער האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט נים איילענדיג אויפגעהויבען די רעכטע האַנד, האָט שטאַרק אָבגעאָטהעמט און האָט מיט א טיעפער ברוסטיגער שטימע א זאָג געטהאָן:

— גוטען אבענד!

די מוטער האָט זיך שווייגענדיג א נייג געטהאָן.

— איז פּאוועל נאָך ניט געקומען אהיים ?

דער מאַן האָט פּאמעלעך אויסגעטהאָן זיין קורצען פּעלצעל, האָט אויפ־געהויבען איין פוס, האָט מיט'ן היטעל אָבגעטרייסעלט די שנעע פון איין שטיוועל, דערנאָך פון צווייטען, האָט א וואָרף געטהאָן די היטעל אין ווינ־קעל און, זיך שאָקלענדיג אויף די לאַנגע פיס, איז ער אריין אין צימער. ער איז צוגעגאַנגען צום שטוהל, האָט איהם ארומגעקוקט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך וועלען איבערצייגען, אויב ער איז שטאַרק גענוג, האָט זיך אַנידערגעזעצט און, פערדעקענדיג די מויל מיט'ן האַנד, האָט ער א גענעץ געטהאָן. זיין קאָפּ איז געווען רעגעלמעסיג רונד און גלאַט ארומגעשאָרען, די באַקען רא־זיערט און די לאַנגע וואָנצעס זיינען אראָבגעהאַנגען אויף אונטען. ער האָט אויפמערקזאַם בעטראַכט דעם צימער מיט זיינע גרויסע, גראָהע בולט'ע אויגען, האָט ארויפגעלייגט איין פוס אויף דער צווייטער און זיך קאַטשענדיג אויפ'ן שטוהל האָט ער א פרעג געטהאָן :

— דאָס איז אייערע אַן אייגענע הויז אָדער א געדונגענע ?

די מוטער האָט זיך אַניעדערגעזעצט אַנטקעגען איהם און האָט גע־ענטפערט :

— א געדונגענע...

— ניט קיין געראָטענע דירה ! — האָט ער בעמערקט.

— פּאווליושא וועט באַלד קומען. וואַרט צו ! — האָט שטיל די מוטער איהם איינגעלאַדען.

— איך וואַרט שוין — האָט רוהיג געענטפערט דער לאַנגער מענש.

זיין רוהיגקייט, זיין ווייכע שטימע און זיין פּראָסטער פּנים האָבען איהר צוגעגעבען מוטה. ער האָט אויף איהר אָפען און גוטמוטהיג געקוקט. אין זיינע טיעפע, דורכזיכטיגע אויגען האָט געשיינט א פרעהליכער פונק. זיין גאַנצע איינגעצויגענע פיגור מיט זיינע לאַנגע פיס האָבען געהאַט עפּעס א מאָדנעם אויסזעהן, וואָס האָט צוגעצויגען צו איהם. ער האָט געטראָגען א בלויע העמד און שווארצע ברייטע הויזען, וואָס זיינען געווען אריינגעלאָזען אין די שטיועל. איהר האָט זיך געוואָלט פרעגען, ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט און ווי לאַנג קען ער איהר זוהן, אָבער פּלוצלונג האָט ער זיך א טרייסעל געטהאָן און האָט איהר אַליין א פרעג געטהאָן :

— ווער האָט עס אייך צוקלאַפּט דעם שטערען, מאַמעלע ?

געפרעגט האָט ער פריינדליך, מיט א קלאָרען שמייכעל אין די אויגען. אָבער זי האָט זיך בעליידיגט פון דער פראַגע. זי האָט פערקוועטשט די

ליפען, האָט געשוויגען א ווײלע און האָט דערנאָך קאַלט און רוהיג א פרעג געטהאָן:

— קענט איהר מיר ניט זאָגען, וואָס ארט עס אייך, מיין טהייערער?

— אָ, זייט ניט אין כעס איך האָב עס נאָר געפרעגט, ווייל די מוטער, וועלכע האָט מיר אויפגעהאָדעוועט, האָט אויך געהאַט א צייכען אויפ'ן קאָפּ פונקט ווי ביי אייך. איהר האָט עס דער געליעבטער איהרער, א שוסטער, אמאָל צושלאָגען מיט'ן קאָפּול. זי איז געוועזן א וועשערין און ער א שוסטער. שוין נאָכדעם, ווי זי האָט מיר צוגענומען פאַר א זוהן, האָט זי איהם ערגעץ אויסגעפונען, דעם שיכור, און האָט געהאַט פון איהם גרויסענע צרות... פלעגט ער איהר שלאָגען, זאָג איך אייך! פאַר שרעק פלעגט אויף מיר די הויט אַזש ציטערען...

די מוטער איז פון זיין אָפּענהערציגקייט געריהרט געוואָרען און האָט א טראַכט געטהאָן, אפשר וועט פּאוועל פאַראיבעל האָבען פאַר איהר אונ־פריינדליכען ענטפער צו דיעזער מאָדנעם לץ. זי האָט זיך געפיהלט שולדיג און האָט זיך דארום שמייכלענדיג אָבגערופען:

— איך בין ניט אין כעס געוואָרען. נאָר איהר האָט עס עפּעס אזוי פּלוצלונג א פרעג געטהאָן. דאָס האָט מיר מיין טהייערער מאַן אזוי מכבד געווען. א ליכטיגען גן עדן זאָל ער האָבען! איהר זייט דאָך ניט קיין טאָטער?

דער מאַן האָט א מאַך געטהאָן מיט די פיס און האָט זיך פאַנאַנדער־געלאַכט אזוי ברייט, אז זיינע אויערען האָבען זיך פעררוקט אַזש ביז'ן קאַרק. דאַן האָט ער ערנסט געענטפערט:

— ניין, דערווייל נאָך ניט!

— אייער אויסשפּראַכע קלינגט מיר עפּעס ווי א ניט רוסישע, — האָט די מוטער שמייכלענדיג ערקלעהרט.

— זי איז בעסער ווי די רוסישע, — האָט דער גאַסט לוסטיג צושאָק־לענדיג מיט'ן קאָפּ געענטפערט, — איך בין א קליין־רוס פון דער שטאָדט קאַניעוו.

— זייט איהר שוין לאַנג דאָ?

— א יאָהר צייט האָב איך געוואוינט אין שטאָדט... יעצט אָבער בין איך שוין א מאָנאַט צייט ביי אייך אויפ'ן פאַבריק. דאָ האָב איך געפונען גוטע מענשען — אייער זוהן און נאָך עטליכע... דאָ וועל איך פערבלייבען, — האָט ער ארויסגערעדט, צופּענדיג די וואָנצעס.

ער איז איהר געפעלען געוואָרען. זי האָט איהם געוואָלט מיט עפּעס

אָפּדאַנקען פאַר זיינע גוטע ווערטער וועגען איהר זוהן, און האָט זיך געווענ־דעט צו איהם:

— וועט איהר אפשר טרינקען א גלעזעל טהעע?

— ווי וועל איך עס אליין טרינקען? — האָט ער געענטפערט, א קוועטש טהוענדיג מיט די פּלייצעס. — ווען אלע וועלען זיך צוזאַמענקומען, דאַן וועט איהר שוין אונז מכבד זיין...

ער האָט איהר דערמאָהנט וועגען איהר שרעק.

— ווען זיי וואָלטען אלע געווען, ווי דער! — האָט זי היים געוואונשען.

וויעדער האָבען זיך דערהערט טריט אין פאָרהויז. די טהיר האָט זיך גיך געעפענט. די מוטער איז אויפגעשטאַנען. צו איהר גרויסער איבער־ראשונג איז אין קיך אריין א מיידעל פון מיטעלען וואוקס, לייכט און אָרים געקליידעט, מיט א פּראָסטען פּנים און א דיקען בלאָנדען צאָפּ. זי האָט שטיל געפרעגט:

— האָב איך ניט פערשפּעטיגט?

— ניין, — האָט דער קליין־רוס געענטפערט, ארויסקוקענדיג פון צימער. — זייט איהר געקומען צו־פוס?

— פערשטעהט זיך! איהר זייט עס פּאַוועל מיכאַילאָוויטשעס מו־טער? גוטען אבענד! מיין נאָמען איז נאַטאשאַ...

— און דעם פאָטער אייערען ווי רופט מען? — האָט די מוטער גע־פרעגט.

— וואַסילי... און ווי הייסט איהר?

— פּעלאַגעיאַ נילאָוונאַ.

— נו, אָט זיינען מיר שוין בעקאַנט...

— יאָ! — האָט די מוטער זיך מיט א שטילען זיפץ אָבגערופען און האָט שמייכלענדיג בעטראַכט די מיידעל.

דער קליין־רוס האָט איהר געהאָלפען זיך אויסטהאָן און האָט איהר א פרעג געטהאָן:

— קאַלט אין דרויסען?

— אויפ׳ן פעלד זעהר! א שטאַרקער ווינד...

איהר שטימע איז געווען א זאַפטיגע און קלאָרע, איהר מויל קליין און ווייך און איהר גאַנצע געשטאַלט איז געווען רונד און פריש. נאָכדעם, ווי זי האָט זיך אויסגעטהאָן, האָט זי מיט איהרע קליינע, פערפראָהרענע הענד שטאַרק אָנגעריעבען די רויטע בעקלעך, איז מיט גיכע טריט געגאַנגען אי־בער׳ן צימער, קלאַפּענדיג מיט די אָבזאַצען אָן דער פּאָדלאָגע.

— אהן קאלאשען געהט זי! — האט א בליץ געטהאן אין קאפ פון דער מוטער.

— יא—א... האט די מיידעל אויסגערופען, — איך בין גוט דורכגע־פראהרען!

— נו, אט וועל איך גלייך אנווארימען דעם סאמאוואר, — האט די מוטער גיך ארויסגערעדט וועקגעהענדיג אין קיך. — אט שוין...

ס'האט זיך איהר געדאכט, אז זי קען דיעזע מיידעל שוין פון לאנג אן און ליעבט איהר מיט א צערטליכער רחמנות'דיגער ליעבע פון א מוטער. עס האט איהר הנאה געטהאן אנצוקוקען איהר פנים, זי האט זיך פארגעשטעלט איהרע בלויע עטוואס צוגעמאכטע אויגען און האט צופריעדען געשמייכעלט זיך צוהערענדיג צום געשפרעך אין צווייטען צימער.

— וואס זייט איהר אזוי אומעטיג, נאכאדקא? — האט די מיידעל געפרעגט.

— אזוי זיך... — האט שטיל דער קליין־רוס געענטפערט. — די אלמנה האט גוטע אויגען... מיר איז איינגעפאלען, צי מיין מאמע האט אויך אזעל־כענע. איהר ווייסט, איך טראכט אפט וועגען מיין מוטער... איך גלויב אליץ, אז זי לעבט נאך...

— איהר האט דאך געזאגט, אז זי איז טויט?

— יא, דאס איז די, וואס האט מיך אויפגעהאדעוועט... אבער איצט רייד איך וועגען דער אמת'ער... עס דוכט זיך מיר אליץ, אז זי געפינט זיך ערגעץ אין קיעוו, בעטעלט דארטען נדבות און טרינקט בראנפען.

— פאר וואס?

— סתם אזוי! און ווען זי איז שיכור, שלאגען איהר די פאליציילייט אין פנים...

— אך, טהייערינקער, — האט די מוטער געטראכט און האט אב־געזיפצט.

נאטאשא האט אנגעפאנגען עפעס ריידען, גיך, הייס און שטיל. און ווידער האט זיך געהערט דער קלינגענדער קול פון קליין־רוס.

— עט, איהר זייט נאך יונג... חבר... איהר האט נאך וועניג פולווער געשמעקט! יעדער איינער האט א מוטער. און די מענשען זיינען שלעכט. צו האבען קינדער איז שווער, אבער אויסלערנען די מענשען גוטעס איז נאך שווערער...

— אזוי גאר! — האט די מוטער אין זיך אויסגערופען, און איהר האט זיך עפעס פערוואלט ענטפערען דעם קליין־רוס. איהם זאגען, אז זי וואלט גערן וועלען אויסלערנען איהר זוהן טהאן גוטס, אבער זי וויים אליין גאר

ניט. נאָר די טהיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפענט און עס איז אריינגעקומען ניקאָלאַי וויעסאָוושטשיקאָוו, דער זוהן פון אַלטען גנב דאַנילאָ, וואָס איז אין פאַרשטאָדט בעקאַנט געווען מיט זיין אָבגעזונדערטקייט. ער פלעגט שטענדיג בייז אויסוויכען די מענשען און אַלע פלעגען פון איהם אָבלאַכען. די מוטער האָט איהם פערוואונדערט געפרעגט:

— דו! ניקאָלאַי! וואָס דארפסטו דאָ?

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער מוטער מיט זיינע קליינע גראָהע אויגען, האָט זיך אָבגעווישט מיט זיין גרויסער האנד זיין ברייטען געשטופּעלטען פנים און האָט, ניט בעגריסענדיג זיך, כמורנע אַ פרעג געטהאָן:

— איז פּאַוועל אין דער היים?

— ניין.

ער האָט אַ קוק געטהאָן אין צימער און איז אריין אהין, זאָגענדיג:

— גוטען אבענד, חברים!...

זאָל ער אויך זיין צווישען זיי? — האָט די מוטער אונצופריעדען אַ טראַכט געטהאָן, און האָט זיך פערוואונדערט, ווען זי האָט געזעהן ווי נאַטאשא דערלאַנגט איהם די האנד פריינדליך און ליעבליך.

דערנאָך זיינען געקומען צוויי יונגע בחורים, כמעט אינגלעך. איינעם פון זיי האָט די מוטער געקענט. ער איז געווען אַ פּלימעניק פון אַלטען פאבריק־ארבייטער סיזאָוו. זיין נאָמען איז געווען פעאָדאָר. ער האָט געהאַט אַ שמאָלען שארפען פנים, אַ הויכען שטערען און אַ געקרייזעלטע קאָפּ האָאָר. דער אנדערער — אַ גלאַט געשאָרענער, בעשיידענער בחור — איז איהר געווען אונבעקאַנט, אָבער אויך ניט קיין שרעקליכער. ענדליך איז געקומען פּאַוועל מיט צוויי יונגע־לייט. זי האָט זיי ביידען געקענט; זיי זיינען געווען פאבריק־ארבייטער. דער זוהן האָט פריינדליך אַ פרעג געטהאָן:

— דעם סאַמאָוואַר האָסטו שוין געמאַכט? אַ שעהנעם דאַנק דיר!

— זאָל איך אפשר ברענגען בראַנפען? — האָט זי פאַרגעשלאָגען, ניט וויסענדיג אויף וואָס פאַר אַן אופן איהם צו בעדאַנקען פאַר עטוואָס, וואָס זי האָט נאָך אַליין ניט פערשטאַנען.

— ניין, דאָס איז איבעריג, — האָט פּאַוועל זיך אָבגערופען, זיך אויסטהוענדיג און פריינדליך שמייכלענדיג צו איהר.

איהר האָט זיך פּלוצלונג אויסגעדוכט, אַז דער זוהן האָט בכיון פערגרעסערט די געפאהר פון דער פערזאַמלונג, אום פון איהר שפּאַס צו מאַכען.

— אָט דאָס זיינען עס — — פערבאָטענע מענשען? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— יא, דאָס זיינען זיי, — האָט פּאוועל געענטפערט, אריינגעהענדיג אין צימער.

— אָ, דו נארעלע! — האָט זי איהם פריינדליך נאָכגערופען און האָט ביי זיך צופריעדען אַ טראַכט געטהאָן:

— נאָך גאָר אַ קינד!...

6.

ווען דער סאַמאָוואר האָט אויפגעקאָכט און זי האָט איהם אריינגע־בראַכט אין צימער, זיינען די געסט געזעסען אין אַן ענגען קרייז ארום טיש, און נאַטאַשאַ איז מיט אַ ביכעל אין האַנד געזעסען אין ווינקעל, וואו דער לאָמפּ איז געהאנגען.

— אום צו פערשטעהן, פאר וואָס די מענשען לעבען אזוי שלעכט, — האָט נאַטאַשאַ געזאָגט.

— און פאר וואָס זיי זיינען אליין אזעלכע שלעכטע, — האָט דער קליין־רוס אונטערגעכאַפּט.

...דארף מען זעהן, ווי זיי האָבען אמאָל געלעבט...

— זעהט, טהייערינקע, זעהט! — האָט די מוטער געשעפּטשעט, פער־קאָבענדיג די טהעע.

אלע זיינען אַנטשוויגען געוואָרען.

— וואָס ווילסטו, מאַמע? — האָט פּאוועל אַ פרעג געטהאָן, פער־קנייטשענדיג דעם שטערען.

— איך? — זי האָט זיך ארומגעקוקט און, זעהענדיג ווי אלע קוקען אויף איהר, האָט זי זיך פערלאָרען און האָט געענטפערט:

— איך האָב עס סתם אזוי געזאָגט, פאר זיך אליין... קוקט טאַקע, זעהט!...

נאַטאַשאַ האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט; פּאוועל האָט אויך אַ לאַך גע־טהאָן, און דער קליין־רוס האָט זיך אָבגערופען:

— אַ דאַנק אייך, מאַמעלע, פאר די טהעע!

— איהר האָט נאָך גאָר ניט געטרונקען און דאַנקט שוין! — האָט זי געענטפערט, און האָט אַ קוק טהוענדיג אויף'ן זוהן אַ פרעג געטהאָן:

— איך וועל דאָך אייך ניט שטערען?

נאַטאַשאַ האָט געענטפערט:

— איהר זייט דאָך די בעל־הבית'טע פון הויז, ווי אזוי זשע קענט איהר שטערען די געסט?

און האָט מיט אַ קינדערשע שטימע אַ בעט געטהאָן:

— טהייערינקע, גיט מיר גיכער א גלאָז טהעע! עס וואַרפט מיך פאַר קעלט... מיינע פיס זיינען אין גאַנצען פערפראָהרען!

— שוין, שוין! — האָט די מוטער, איילענדיג זיך, אויסגערופען.

ווען נאַטאַשאַ האָט אויסגעטרונקען די גלאָז טהעע, האָט זי שווער אָבּגעזיפצט, האָט אַריבערגעוואָרפען דעם צאָפּ איבער דער פּלייצע און האָט אָנגעהויבען צו לעזען פון אַ גרויסען בוך אין אַ געלען איינבונד מיט בילדער. די מוטער האָט זיך געסטאַרעט ניט צו קלאַפּען מיט די געפעס, האָט אָנגעגאָסען די גלעזער מיט טהעע און האָט אָנגעשטרענגט איהר מח, וואָס איז ניט געווען געוואוינט צום דענקען, אום צו פערשטעהן די פּליסיגע רייד פון דער מיידעל. נאַטאַשאַ'ס קלינגענדע שטימע האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט'ן צאַרטען, פערטראַכטען ניגון פון סאַמאָוואַר, און דורכ'ן צימער האָט, ווי אַ שעהנער שנור, געפלאַטערט די איינפאַכע קלאָרע ערצעהלונג וועגען די ווילדע מענשען, וואָס האָבען געלעבט אין די הוילען און פלעגען מיט שטיינער קעמפּפען געגען די ווילדע חיות. דאָס האָט אויסגעוויזען ווי אַ מעשה'לע, און די מוטער האָט עטליכע מאָל אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זוהן און האָט איהם געוואָלט פרעגען, וואָס איז דאָ אייגענטליך אַזוינס פערבאָטענעס אין דער געשיכטע פון די ווילדע מענשען? אָבער זי האָט זיך באַלד איינגעמאַטערט נאָכצופאָלגען די ערצעהלונג, און האָט גענומען בעטראַכטען די געסט. ניט דער זוהן און ניט די געסט האָבען עס בעמערקט.

פּאַוועל איז געזעסען לעבען נאַטאַשאַ'ן; ער איז געווען שעהנער פאַר אַלעמען. נאַטאַשאַ האָט זיך טיעף אַריבערגעבויגען איבער'ן בוך און פלעגט אָפט אַראָפּשאַרען איהרע דינע, געלאָקטע האָאַר, וועלכע פלעגען זיך אַראָפּקייקלען אויף די שלייפען. פון צייט צו צייט פלעגט זי אַ מאַך טהאָן מיט'ן קאָפּ, און ניט אַריינקוקענדיג אין בוך, פלעגט זי מאַכען אייניגע בעמערקונגען, וואַרפענדיג צאַרטליכע בליקען אויף איהרע צוהערער. דער קליין רוס האָט זיך מיט זיין ברייטער ברוסט אָנגעלעהנט אָן ווינקעל פון טיש, האָט געקרימט מיט די אויגען און האָט בעטראַכט די אויסגעצופּטע ברעגען פון זיינע וואָנצעס. וויעסאָווש־טשיקאָוו איז געזעסען אויפ'ן שטוהל גראַד, פּונקט ווי אַ הילצערנער. ער האָט געהאַלטען די הענד אָנגעשפּאַרט אויף די קניע און זיין געשטופּעלטער פּנים אָהן ברעמען און מיט די דינע ליפּען איז געווען אונבעוועגליך און האָט אויסגעזעהן אַקוראַט ווי אַ מאַסקע. ניט אַ קעהר טהוענדיג זיינע שמאָלע אויגען, האָט ער עקשנות'דיג געקוקט אויף זיין פּנים, וועלכער האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט אין דעם גלאַנצענדיגען מעשענעם סאַמאָוואַר. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער אָטהעמט אַפילו ניט. דער קליינער פעדיאַ האָט זיך צוגעהערט צום לעזען און האָט שטיל

בעוועגט זיינע ליפּען אַקוראַט ווי ער וואָלט איבערגע׳חזר׳ט די ווערטער פון בוך; זיין חבר איז געזעסען אַנגעשפּאַרט די עלענבויגענס אָן די קניע, מיט די הענד האָט ער צוגעדריקט די באַקען און האָט פערטראַכט געשמיי־בעלט. איינער פון די בחורים, וועלכער איז געקומען מיט פּאַוולען, איז געווען אַ געלער מיט געקרויזטע האָהר, אַ דאַרער מיט פּרעהליכע גרויע אויגען. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען און האָט זיך אונגעדולדיג בעוועגט הין און צוריק; דער אַנדערער, אַ בלאָנדער קורץ־געשאָרענער, האָט גע־גלעט מיט׳ן האַנד זיינע האָהר און האָט געקוקט אויף דר׳ערד, זיין פּנים האָט זיך ניט אַרויסגעזעהן.

אין צימער איז געווען וואַרים און אויסערגעוועהנליך גוט. די מוטער האָט געפיהלט דיזע אויסערגעוועהנליכקייט, וואָס איז איהר ביז יעצט גע־ווען אונבעקאַנט; צוהערענדיג זיך צו נאַטאַשאַס קול, וועלכער האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט דעם ציטערנדיגען ניגון פון סאַמאָוואַר, האָט זי זיך דערמאָהנט אָן די טומעלדיגע וועטשערינקעס פון איהר יוגענד. איהר האָ־בען זיך פאַרגעשטעלט די גראָבע רייד פון די בחורים, פון וועלכע עס פלעגט זיך שטענדיג הערען דער ריח פון בראַנפען. זי האָט זיך דערמאָהנט אָן דעם און אַ דריקענדער געפיהל פון בעדויערען צו זיך אַליין האָט זיך שטיל ער־וועקט אין איהר מיעדער, אַנגעוועהטאָגטער נשמה.

זי האָט זיך דערמאָהנט אָן דער סצענע, ווען איהר פערשטאָרבענער מאַן האָט זיך צו איהר גע׳שדכנ׳ט. איינמאָל, אויף אַ וועטשערינקע, האָט ער איהר אָנגעכאַפּט אין אַ פינסטערען פּאַרהויז און, צושפּאַרענדיג איהר מיט׳ן גאַנצען קערפּער צום וואַנד, האָט ער איהר טעמפּ און פּול מיט כעס אַ פּרעג געטהאָן:

— ווען האָסט חתונה האָבען מיט מיר?

איהר האָט וועה געטהאָן, און זי האָט זיך בעליידיגט; ער אָבער האָט געדריקט מיט די גראָבע הענד איהרע ברוסטען, האָט געסאָפּעט און האָט היים אַריינגעאָטהעמט איהר אין פּנים אַריין. זי האָט זיך געפּרואווט אַרויס־דרעהען פון זיינע הענד און האָט זיך אַ ריס געטהאָן.

— וואוהין? — האָט ער אַ געשריי געטהאָן, — ענטפער!

שווער אָטהעמענדיג פאַר בזיון און שאַנדע, האָט זי געשוויגען.

אימיצער האָט געעפענט די פּאַרהויז־טהיר און ער האָט, ניט אייל־ענדיג זיך, איהר אַרויסגעלאָזען, זאָגענדיג:

— זונטאַג וועל איך שיקען אַ שדכנ׳טע...

און ער האָט געשיקט.

די מוטער האָט פערמאַכט די אויגען און האָט אַ שווערען זיפץ געטהאָן.

— איך וויל ניט וויסען, ווי די מענשען האָבען געלעבט, נאָר ווי זיי דאַרפען לעבען! — האָט זיך דערהערט די אונצופריעדענע שטימע פון וויע־סאָווטשטשיקאָוו.

— גאַנץ ריכטיג! — האָט איהם אונטערגעהאָלפען דער געלער, אויפ־הויבענדיג זיך פון אָרט.

— און מיין מיינונג איז, — האָט אויסגערופען פעדיא, — אַז אויב מיר ווילען געהן פאָרוועדטס, מוזען מיר אַלעס וויסען...

— אמת! דאָס איז אמת... — האָט שטיל אַרויסגערעדט דער בחור מיט די געקרויזטע האָאָר. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ לעבעדיגע דעבאַטע, און ווערטער האָבען געבליצט אַקוראַט ווי פלאַמען־צונגען אין אַ קאַסטיאָר. די מוטער האָט ניט פערשטאַנען, וועגען וואָס מען שרייט. אַלעמענס פּנימער האָבען זיך אָנגעצונדען פון אויפרעגונג, נאָר קיינער איז ניט געווען אין כעס און האָט ניט געברויכט קיין שאַרפע אויסדריקע, צו וועלכע זי איז געווען צוגעוואוינט.

— זיי שעהמען זיך פאַר דער מיידעל, — האָט זי ביי זיך בעשלאָסען. איהר איז געפעלען געוואָרען נאַטאַשאַ'ס ערנסטער פּנים, וועלכער האָט אַזוי אויפמערקזאַם געקוקט אויף אַלעמען, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען געווען איהרע אייגענע קינדער.

— וואַרט אַ רגע, חברים! — האָט זי פּלוצלונג אַרויסגערעדט. — אַלע זיינען אַנטשוויעגען געוואָרען און האָבען איהר אָנגעקוקט.

— גערעכט זיינען די, וועלכע זאָגען, אַז מיר דאַרפען אַלץ וויסען. מיר מוזען זיך אַליין אָנצונדען מיט'ן ליכט פון פערשטאַנד, כדי די פינסטערע מענשען, וואָס לעבען יעצט אין אונוויסענהייט, זאָלען אונז זעהן. מיר מוזען אויף אַלץ ענטפערען עהרליך און ריכטיג. מיר מוזען וויסען דעם גאַנצען אמת, די גאַנצע פאַלשקייט...

דער קליין־רוס האָט געהאָרכט און צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אין טאַקט צו איהרע ווערטער. וועסאָווטשטשיקאָוו, דער געלער און דער אַנדערער פאַב־ריק־אַרבייטער, וועלכען פּאַוועל האָט מיטגעבראַכט, זיינען אַלע דריי גע־שטאַנען אין אַן ענגע גרופּע צוזאַמען. זיי זיינען עפּעס דער מוטער ניט געפעלען געוואָרען.

ווען נאַטאַשאַ האָט געענדיגט, האָט זיך פּאַוועל אויפגעשטעלט און האָט רוהיג געפרעגט:

— צו דען ווילען מיר נאָר זאַט ווערען?

— ניין! — האָט ער זיך אַליין געענטפערט, פעסט אָנקוקענדיג די דריי חברים.

— מיר ווילען זיין מענשען! מיר מוזען ווייזען די יעניגע, וואָס זיצען אויף אונזער קארק און פערבלענדען אונז די אויגען, אז מיר זעהען אַלעס. מיר זיינען ניט קיין נאַראַנים, מיר זיינען ניט קיין חיות. מיר ווילען ניט נאָר עסען, מיר ווילען לעבען, לעבען ווי עס פּאַסט פאַר מענשען! מיר דארפען ווייזען אונזערע שונאים, אז אונזער קאַטאָרזשנער לעבען, וועלכען מען האָט אויף אונז ארויפגעצוואונגען, שטערט אונז ניט זיך צו פערמעסטען מיט זיי אין שכל און אין גייסט — מיר דארפען זיך אויפהויבען העכער פון זיי...

די מוטער האָט זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער און אין איהר ברוסט האָט געציטערט אַ שטאָלצער געפיהל איבער איהר זוהן — אָט ווי פּליסיג ער רעדט דאָס!

— זאטע מענשען זיינען דאָ גענוג, עהרליכע אָבער זיינען פאַראַן ווייניג! — האָט אַ זאָג געטהאָן דער קליין־רוס.

— מיר מוזען אויפבויען אַ בריק פון דעם זומפּ פון פערפוילטען לעבען צו' דער צוקינפטיגער מלוכה פון גוטסקייט און שעהנקייט. דאָס איז אונ־זער אויפגאַבע, חברים!...

— ווען מען דארף זיך שלאָגען, איז קיין צייט ניטאָ צו היילען די וואונדען! — האָט וויעסאָוושטשיקאָוו טעמפּ געענטפערט.

— ביז דער שמחה וועט מען נאָך אונז די ביינער צוברעכען! — האָט פרעהליך אויסגערופען דער קליין־רוס.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבע נאכט, ווען זיי האָבען זיך גענומען פאַנאַנדערגעהן. צוערשט זיינען אוועקגעגאַנגען וויעסאָוושטשיקאָוו און דער געלער. דאָס איז וויעדער דער מוטער ניט געפעלען געוואָרען.

— זעה נאָר, ווי זיי האָבען עס קיין צייט ניט! — האָט זי אַ טראַכט געטהאָן, ניט גאָר פריינדליך זיך אַ נייג טהוענדיג צו זיי.

— נאַכאָדקאַ, איהר וועט מיך בעגלייטען? — האָט נאַטאַשאַ געפרעגט.

— ווי זשע דען? — האָט דער קליין־רוס געענטפערט.

ווען נאַטאַשאַ האָט זיך אין קיך אָנגעטהאָן, האָט די מוטער צו איהר געזאָגט:

— אייערע זאָקען זיינען פאַר אַזאַ צייט צו דין! אויב איהר וועט מיר ערלויבען, וועל איך אייך אויסמאַכען אַ פּאָר וואָלענע.

— אַ דאַנק אייך, פּעלאַגעיאַ ניליאָוונאַ. פון די וואָלענע בייסט די פיס, — האָט נאַטאַשאַ געענטפערט לאַכענדיג.

— איך וועל אייך מאַכען אַזעלכע, וואָס וועלען ניט בייסען, — האָט וולאַסאָווא געענטפערט.

נאטאשא האָט איהר אָנגעקוקט, עטוואָס צודריקענדיג די אויגען. פון איהר קוק האָט זיך די מוטער אביסעל פערלאָרען.

— האָט ניט קיין פאראיבעל אויף מיר... איך מיין עס מיט'ן גאנצען הארצען! — האָט זי שטיל צוגעגעבען.

— וואָס פאר א וואוילע פרוי איהר זייט! — האָט זיך נאטאשא אויך שטיל אָבגערופען און האָט איהר גיך א דריק געטהאָן די האנד.

— א גוטע נאכט, מאמעלע! — האָט דער קליין־רוס געזאָגט, א קוק טהוענדיג איהר אין די אויגען. ער האָט זיך איינגעבויגען און איז ארויס־געגאנגען אין פאָרהויז גלייך נאך נאטאשא'ן.

די מוטער האָט א קוק געטהאָן אויפ'ן זוהן. ער איז געשטאנען לעבען טהיר פון צימער און האָט געשמייכעלט.

— וואָס לאכסטו? — האָט זי, פערליערענדיג זיך, איהם א פרעג געטהאָן.

— אזוי זיך... ס'איז פרעהליך!

— פערשטעהט זיך, איך בין אַלט און נאריש... אָבער וואָס גוט איז פערשטעה איך אויך! — האָט זי בעמערקט, פיהלענדיג זיך אביסעל בעליידיגט.

— אַט אזוי איז גוט! — האָט ער זיך אָבגערופען צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

— וואָלסט זיך אפשר געלעגט שלאָפען, ס'איז שוין צייט.

— און דיר איז שוין אויך צייט... איך לעג זיך גלייך.

זי האָט זיך ארומגעדרעהט ארום טיש, אויפקלייבענדיג די געפעס, א צופריעדענע און זאָגאר אביסעל א פערשוויצטע פון די אנגענעהמע אויפ־רעגונג. זי איז געווען צופריעדען, וואָס אַלץ האָט זיך אזוי שעהן און רוהיג געענדיגט.

— דאָס האָסטו גוט געטהאָן, פּאוולושא! — האָט זי געזאָגט. דאָס זיינען פיינע מענשען... דער קליין־רוס איז זעהר א ליעבליכער און די מיידעל... אך, וואָס פאר א קלוגע זי איז! ווער איז זי דאָס?

— א לעהרערין! — האָט פּאוועל קורץ אָבגעענטפערט, ארומגעהענדיג איבער'ן צימער.

— אַט פאר וואָס זי איז עס אזא ארימע... אזוי שלעכט אָנגעטהאָן... אוי ווי שלעכט... א סך דארף מען, אום זיך צו פערקיהלען! וואו זיינען ערגעץ איהרע עלטערען?...

— אין מאָסקווע, — האָט פּאוועל געענטפערט, און, אָבשטעלענדיג זיך לעבען דער מוטער, האָט ער לאַנגזאם און ערנסט ארויסגערעדט:

— אָט זעה. איהר פאָטער איז רייך; ער האנדעלט מיט אייזען, האָט עטליכע הייזער. און דערפאר, וואָס זי איז אוועק אויף דעם וועג, האָט ער איהר ארויסגעטריעבען. זי איז ערצויגען געוואָרען אין אַל־דאָס־גוטס; מען פלעגט איהר נאָכגעבען אַלץ וואָס זי האָט נאָר געוואָלט... און יעצט געהט זי זיעבען וויאָרסט צו־פוס איינע אַליין אין מיטען דער נאַכט...

דאָס האָט איבערראשט דער מוטער. זי איז געשטאַנען אין מיטען צימער, האָט פערוואונדערט בעוועגט די ברעמען, האָט געשוויעגען און איהם אַנגעקוקט. דערנאָך האָט זי שטיל אַ פרעג געטהאָן:

— אין שטאָדט געהט זי?

— אין שטאָדט.

—אי־אי־אי! און האָט גאָר קיין מורא ניט?

— אָט זעהסטו דאָך, אַז זי האָט קיין מורא ניט, — האָט פּאוועל שמייכלענדיג איהר געענטפערט.

— אָבער צו וואָס?... זי האָט דאָך געקענט דאָ איבערנעכטיגען... זי וואָלט זיך געלעגט מיט מיר!...

— דאָס טויג ניט! אימיצער וואָלט איהר אפשר מאָרגען פריה דער־זעהן, און דאָס וואָלט ניט געטויגט ניט פאר אונז און ניט פאר איהר.

די מוטער האָט זיך דערמאָהנט, האָט פערטראַכט אַ קוק געטהאָן אין פענסטער און האָט שטיל געפרעגט:

— איך פערשטעה ניט, פּאוולושא, וואָס איז דאָ אַזוינס געפעהרליכעס, פערבאָטענעס? איהר טהוט דאָך דאַכט זיך קיינעם קיין שלעכטס ניט?

זי איז ניט זיכער געווען און עס האָט זיך איהר געוואָלט, אַז דער זוהן זאָל דאָס איהר בעשטעטיגען. ער האָט איהר רוהיג אַנגעקוקט און האָט פעסט ערקלעהרט:

— קיין שלעכטעס טהוען מיר ניט און וועלען ניט טהאָן, און דאָך וואַרט אויף אונז אַלעמען די טיורמע. דאָס דאַרפסטו איינמאָל פאר אַלע מאָל וויסען...

איהרע הענד האָבען אָנגעהויבען ציטערען און מיט אַ אַראָבגעפאַלענע שטימע האָט זי קוים אַרויסגערעדט:

— און אפשר וועט גאָט געבען... און אַלץ וועט אָבגעהן גוט?...

— ניין! — האָט דער זוהן צערטליך אָבער פעסט אַרויסגערעדט. — איך קען דיך ניט נאַרען. גוט וועט עס זיך ניט ענדיגען.

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— געה שלאָפען, ביזט דאָך מיעד. אַ גוטע נאַכט!

ווען זי איז געבליעבען אַליין, איז זי צוגעגאַנגען צום פענסטער און

האָט ארויסגעקוקט אין גאַס. דרויסען איז געווען קאַלט און טריעב. דער ווינד האָט זיך צושפּיעלט און האָט אראָבגעוועהט די שנעע פון די דעכער פון די קליינינקע פערשלאָפענע הייזער. ער האָט זיך געשלאָגען אָן די ווענד, האָט עפּעס גיך געשעפּטשעט, איז אראָפּגעפאלען אויף דער ערד און האָט געטריעבען איבער די גאסען די ווייסע וואָלקענס פון די טרוקענע שנעעלעך...

— גאָטעניו דערבאַרעם זיך אויף אונז! — האָט זי שטיל ארויסגעשעפּטשעט.

אין הארצען האָבען איהר אָנגעהויבען שטיקען טרעהרען און פונקט ווי א נאַכט־שמעטערלינג האָט אין איהר ברוסט געציטערט די ערוואַרטונג פון אונגליק, ווענען וועלכען איהר זוהן האָט אזוי רוהיג און זיכער גערעדט. זי האָט פאַר זיך דערזעהן דעם גלאַטען, פערשנעעטען פעלד. קאַלט און דין שווישטשענדיג טראָגט זיך איבער איהם דער ווינד, א ווייסער, א בייזער... אין מיטען פעלד טראָגט זיך איינע אליין די ציטערדיגע קליינע פיגור פון דער מיידעל. דער ווינד פלאָנטערט זיך אין איהרע פיס, בלאָזט פאַנאַנדער איהר קלייד, ווארפט איהר שטעכעדיגע שנעעלעך. עס איז קאַלט און שרעקליך. עס איז שווער צו געהן. די קליינינקע פיסעלעך פערזינקען אין שנעע. די מיידעל האָט זיך אויסגעבויגען און זעהט אויס ווי א גרעזעלע אין בייזען שפּיעל פון הערבסט־ווינד. רעכטס פאַר איהר שטעהט דער זומפּ, ווי א פינסטערע וואַנד. דאָרטען ציטערען און רוישען וועהמוטהיג די צאַרטע נאַקעטע בעריאָזעווע און אָסינאָווע בוימער. ערגעץ פון דער ווייטען פינקלען מאַט די פייערען פון שטאָדט...

— גאָטעניו! דערבאַרעם זיך אויף אונז! — האָט די מוטער ווידער ארויסגעשעפּטשעט, ציטערענדיג פון קעלט און מורא.

7.

די טעג האָבען זיך געצויגען איינע נאָך די אַנדערע, ווי א פּערעל־שנור, און האָבען זיך צוזאַמענגעלעגט אין וואָכען און חדשים. יעדען שבת פלעגען צו פאַוועל'ען קומען זיינע חברים און יעדע פערזאַמלונג איז געווען ווי א שטאַפּעל פון א לאַנגען קרומען לייטער. ער האָט געפיהרט ערגעץ ווייט, לאַנגזאַם אויפהויבענדיג די מענשען, און קיין ענדע האָט זיך נאָך אַלץ ניט געזעהן.

עס פלעגען אַלץ צוקומען נייע מענשען. אין וולאַסאָוו'ס קליינינקען צימערעל איז געוואָרען ענג און דושנע. נאַטאַשאַ פלעגט קומען א פערפראָרענע, א מיעדע, אָבער שטענדיג פערהעליך און לעבעדיג. די מוטער האָט פאַר איהר געשטריקט זאָקען און האָט זיי אליין אָנגעטהאָן אויף איהרע קליינע פיסעלעך. נאַטאַשאַ האָט אין אָנפאַנג געלאַכט, דערנאָך איז זי

פּלוצלונג אַנטשוויעגען געוואָרען, האָט זיך פערטראַכט און האָט שטיל אַרויסגערעדט.

— איך האָב געהאַט אַ ניאַנקע... זי איז געווען אַ זעלטען גוטע! ווי מאָדנע עס איז, פּעלאַגעיאַ ניליאָוונאַ, די אַרבייטער פיהרען אַזאַ שווערען לעבען, פול מיט צרות און זאָרג, און דאָך טרעפט מען ביי זיי מעהר הארץ און מעהר גוטסקייט, ווי ביי יענע דאָרטען!

זי האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און האָט אָנגעצייגט ערגעץ ווייט, ווייט אין דרויסען.

— אָט ווער איהר זייט! — האָט וולאַסאָווא אַרויסגערעדט. — אייערע עלטערען האָט איהר פערלאָזען און אַלץ... זי האָט ניט געקענט אַרויסרעדען איהר געדאַנק, האָט אַ זיפץ געטהאָן און איז אַנטשוויעגען געוואָרען, קוקענדיג נאַטאַשאַ'ן אין פּנים. זי האָט עפּעס געפיהלט צו איהר אַ דאַנקבאַרקייט, ניט וויסענדיג אַליין פאַר וואָס. זי איז געזעסען אויף דר'ערד פאַר איהר. די מיידעל האָט אָבער אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און פערטראַכטערהייט גע־שמייכעלט.

— די עלטערען פערלאָזען? — האָט זי איבערגע'חזר'ט. דאָס איז גאָר נישט! מיין פאָטער איז אַזוי נאַריש; אַזאַ גראָבער, שלעכטער מענש... דער ברודער אויך... און אַ שיכור. די עלטערע שוועסטער אַן אונגליקליכע און אַ קלעגליכע, האָט חתונה געהאַט פאַר אַ מאַן, וואָס איז פיעל עלטער פאַר איהר, זעהר אַ רייכער, אַ לאַנגווייליגער און אַ קאַרגער... אָבער אויף מיין מוטער איז אַ רחמנות. זי איז אַ פּראָסטע, אַזוי ווי איהר, אַ קליינינקע, אַזוי ווי אַ מייזעל. זי לויפט אויך אַזוי אַרום און האָט מורא פאַר אַלעמען. צייטענווייז ווילט זיך מיר איהר אַזוי זעהן!

— אָרים קינד מיינס! — האָט די מוטער אַרויסגערעדט און האָט אומעטיג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

די מיידעל האָט גיך אַ וואָרף געטהאָן מיט'ן קאָפּ, האָט הויך אויסגע־שטרעקט די האַנד, פּונקט ווי זי וואָלט עפּעס אָבשטויסען פון זיך.

— אָ, ניין! איך פיהל צייטענווייז אַזאַ פרייד, אַזאַ גליק!

איהר פּנים איז בלאַס געוואָרען און איהרע בלאָהע אויגען האָבען העל אויפגעפלאַמט.

זי האָט אַרויפגעלעגט איהרע הענד אויף דער מוטער'ס פּלייצעס און האָט מיט אַ שטילען הארציגען קול אַ זאָג געטהאָן:

— אז איהר וואָלט וויסען... אז איהר וואָלט פערשטעהן, וואָס פאַר אַ גרויסע, טהייערע אַרבייט מיר טהוען...

עפּעס ווי אַ געפיהל פון קנאה האָט זיך אַריינגע'גנב'עט אין דער מו־

טער'ס האַרץ. זי האָט זיך אויפגעהויבען פון דר'ערד און האָט טרויעריג אַרויסגערעדט:

— איך בין שוין צו אַלט דערצו... אונוויסענד... אונגעבילדעט...

פּאַוועל פלעגט רעדען אַלץ עפּטער און מעהר. צייטענווייז פלעגט ער ווערען זעהר היציג. און איז אַלץ מאַגערער געוואָרען. דער מוטער האָט זיך געדוכט, דאָס ווען ער רעדט מיט נאַטאַשאַ'ן אָדער ווען ער קוקט אויף איהר בלישטשען זיינע שטרענגע אויגען פריינדליכער, זיין שטימע קלינגט ווייכער און ער ווערט אין גאַנצען פּראָסטער און בעסער.

— זאָל גאָט געבען! — האָט זי געטראַכט און, זיך פאָרשטעלענדיג נאַטאַשאַ'ן אַלס איהר צוקינפטיגע שנור, האָט זי שטיל געשמייכעלט.

שטענדיג, ווען אויף די פערזאַמלונגען האָבען די דעבאַטען אָנגענומען אַ שטורמישען כאַראַקטער, פלעגט זיך אויפהויבען דער קליין־רוס און פלעגט מיט זיין הילכיגער, געשמאַקער שטימע זאָגען אַ פּאָר איינפאַכע גוטע ווערטער. אַלע פלעגען דאַן ווערען רוהיגער און ערנסטער. וויעסאָווטשטשיקאָוו פלעגט שטענדיג ווילען, אַז מען זאָל געהן פאָרוועררטס. ער און דער געלער, וועמעס נאָמען איז געווען סאַמאָילאָוו, פלעגען אַלע מאָל די ערשטע אָנפאַנגען דעם קריעג. מיט זיי פלעגט שטענדיג מסכים זיין איוואַן בוקין, דער בחור'ל מיט'ן רונדען קאָפּ און בלאָנדע האָאָר. יאַקאָוו סאָמאָוו, דער גלאַטער און זויבערער, פלעגט רעדען ווענינ, און שטענדיג שטיל און ערנסט. ער און פעדיא מאַזין, מיט'ן הויכען שטערען, פלעגען שטענדיג זיין אויף דער זייט פון פּאַוועל'ען און פון דעם קליין־רוס.

צייטענווייז פלעגט אָנשטאָט נאַטאַשאַ'ן קומען פון שטאָדט ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש, אַ יונגערמאַן אין ברילען מיט אַ קליינינקע בלאָנדע בערדעל. ער האָט געשטאַמט פון אַ ווייטער רוסישער גובערניע. ער פלעגט שטענדיג רעדען גיך און זינגענדיג. ער איז בכלל געווען עפּעס פרעמד. ער פלעגט דערצעהלען וועגען איינפאַכע זאַכען — וועגען פאַמיליען־לעבען, וועגען קינדער, וועגען האַנדעל, וועגען פּאָליציי און וועגען די מקחים אויף ברויט און פלייש, — קורץ, וועגען אַלעס, וואָס האָט צו טהאָן מיט'ן אַלטעגליכען מענשליכען לעבען. אין אַלץ פלעגט ער בעווייזען די פאַלשקייט און דעם שווינדעל, דעם מיש־מאַש און די נאַרישקייט. צייטענווייז פלעגט ער אַלעס לעבערליך מאַכען, און פלעגט אויפווייזען דעם שאַדען, וואָס אַלץ ברענגט פאַר די מענשען. דער מוטער האָט זיך געדוכט, אַז ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש קומט ערגעץ פון אַ ווייטער מדינה, וואו אַלע מענשען לעבען פּראָסט, עהרליך און גרינג, און דאָ איז איהם אַלץ פרעמד. ער קען זיך ניט צוגעוואוינען צו דיעזען לעבען, ער קען עס ניט בעטראַכטען פאַר אַ נויטווענדיגקייט.

קיין זאך איז איהם ניט געפעלען און ער האט אן עקשנות'דיגען וואונש אלץ איבערצובויען, אלץ אומצוענדערען. זיין פנים איז געווען געלבליך, ארום זיינע אויגען האבען זיך געצויגען דינע שטראהלענדע קנייטשען. זיין שטימע איז געווען א שטילע, און זיינע הענד זיינען געווען שטענדיג ווארים. ווען ער האט זיך געגריסט מיט וולאסאוואַ'ן, האט ער ארייגענומען איהר גאנצע האנד מיט זיינע לאנגע, פעסטע פינגער, און נאך אזא בעגריסונג איז שטענדיג געווארען לייכטער און רוהיגער אויף'ן הארצען.

עס פלעגען אויך קומען אנדערע מענשען פון שטאדט. אפטער פאר אלעמען פלעגט קומען א הויכע, שלאנקע יונגע מיידעל מיט זעהר גרויסע אויגען און א מאגערען בלאסען פנים. איהר נאמען איז געווען סאשא. איהר גאנג און איהרע בעוועגונגען זיינען געווען עהנליך צו א מאנספערזאן. זי פלעגט בייז קנייטשען די געדיכטע דונקעלע ברעמען און ווען זי פלעגט רעדען, פלעגען ביי איהר ציטערען די נאז-לעכער.

סאשא האט צום ערשטען מאל הויך און שארף ארויסגעזאגט:

— מיר זיינען סאציאליסטען...

ווען די מוטער האט דערהערט דיזען ווארט, האט זי דערשראקען און שווייגענדיג אנגעקוקט די מיידעל.

זי האט געוואוסט, אז די סאציאליסטען האבען דער'הרג'עט דעם קייזער. דאס איז נאך געווען אין איהרע יונגע יאהרען; דאמאלכט האט מען דערצעהלט, אז די פריצים, וועלכע האבען זיך געוואלט אברעכענען מיט'ן קייזער, פאר וואס ער האט בעפרייט די פויערים, האבען זיך א נדר געטהאן צו טראגען לאנגע האאר, ביז וואנען זיי וועלען איהם ניט דער'הרג'ענען. דערפאר האט מען זיי א נאמען געגעבען סאציאליסטען. און יעצט האט זי ניט געקענט פערשטעהן פאר וואס איהר זוהן און זיינע חברים זיינען סאציאליסטען.

ווען אלע זיינען זיך פאנאנדערגעגאנגען, האט זי פאוועל'ען געפרעגט:

— פאווליושא, ביזטו א סאציאליסט?

— יא! — האט ער געענטפערט, שטעהענדיג ווי שטענדיג פאר איהר פעסט און גלייך. — וואס איז דען?

די מוטער האט שווער אבגעזיפצט און אראפלאזענדיג די אויגען האט זי געפרעגט:

— איז דאס טאקע אמת, פאווליושא? זיי זיינען דאך געגען קייזער... איינעם האבען זיי דאך שוין דער'הרג'עט!

פאוועל איז זיך געגאנגען איבער'ן צימער, האט געגלעט זיין באק מיט דער האנד און האט שמייכלענדיג ארויסגערעדט:

— מיר דאַרפֿען דאָס ניט!

דערנאָך האָט ער לאַנג גערעדט צו איהר מיט אַ שטילער ערנסטער שטימע. זי האָט געקוקט אויף זיין געזיכט און האָט געטראַכט:

— ער וועט קיין שלעכטס ניט טהאָן... ער קען דאָס ניט!

דערנאָך האָט זיך דאָס שרעקליכע וואָרט גענומען הערען אַלץ אָפטער און אָפטער. זיין שאַרפקייט איז אָבגעטעמפּט געוואָרען און איז געוואָרען אַזוי צוגעוואוינט צו איהר אויער, ווי די צעהנדליגע אַנדערע אונפערשטענדליכע ווערטער, וועלכע זי האָט געהערט. אָבער סאַשענקא איז איהר ניט געפעלען געוואָרען. ווען זי פלעגט קומען, פלעגט זיך די מוטער פיהלען עפּעס אונרוהיג און אונגעמיטליך.

איינמאָל האָט זי געזאָגט צום קליין־רוס, צוזאַמענפּרעסענדיג די ליפּען:

— סאַשענקא איז שוין צו שטרענג! זי קאָמאַנדעוועט אַלץ — איהר דאַרפט דאָס טהאָן, איהר טאָרט דאָס ניט טהאָן...

דער קליין־רוס האָט זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— גערעכט, מאַמעלע! געטראָפען אין פּינטעלע! איז זי ניט גערעכט, פּאַוועל? און, צואווינקענדיג דער מוטער, האָט ער שמייכלענדיג אַ זאָג געטהאָן:

— פּריצישע בלוט!

— זי איז אַ גוטער מענש, — האָט פּאַוועל טרוקען געענטפערט מיט אַן ערנסטער מינע.

— דאָס איז אויך אמת, — האָט צוגעגעבען דער קליין־רוס. זי פערשטעהט אָבער ניט, אַז זי מוז טהאָן, וואָס זי טהוט, מיר אָבער ווילען עס און קענען עס טהאָן.

זיי האָבען זיך אָנגעהויבען צו שטרייטען איבער עטוואָס, וואָס די מוטער האָט ניט פערשטאַנען.

די מוטער האָט בעמערקט, אַז סאַשענקא איז צו פּאַוועל'ען געווען שטרענגער ווי צו אַלעמען, אָפטמאָל שרייט זי אַפילו אויף איהם. פּאַוועל פלעגט שווייגען, שמייכלען און קוקען אויף איהר פּנים מיט דעם זעלבען מילדען בליק, ווי ער האָט פריהער געקוקט אויף נאַטאַשאַ'ן. דאָס איז דער מוטער אויך ניט געפעלען געוואָרען.

יעצט פלעגט מען זיך שוין פערזאַמלען צוויי מאָל אַ וואָך; און ווען די מוטער האָט געזעהן מיט וואָס פאַר אַן אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט די יונגענד הערט זיך צו צו די רייד פון איהר זוהן און פון קליין־רוס; מיט וואָס פאַר אַן אויפמערקזאַמקייט די יוגענד הערט אוים די אינטערעסאַנטע ערצעהלונגען פון סאַשענקען, נאַטאַשאַ'ן, ניקאָלאַי איוואַנאָוויטשען

און פון די איבעריגע מענשען, וועלכע פלעגען קומען פון שטאָדט, פלעגט זי פערגעסען איהר זאָרג און פלעגט אומעטיג שאָקלען מיט'ן קאָפּ, זיך דערמאָהנענדיג אָן די לאַנגוויילינגע טעג פון איהר יוגענד.

אָפטמאָל פלעגט די מוטער איבערראשט ווערען פון דער שטורמישער פרייד, וואָס פלעגט אַלעמען פּלוצלונג ארומנעהמען. געוועהנליך איז דאָס געווען אין יענע אַבענדען, ווען זיי פלעגען לייענען אין די צייטונגען וועגען די ארבייטער אין אויסלאַנד. דאַן פלעגען זייערע אויגען גלאַנצען פון שמחה. אַלע זיינען געווען גליקליך, ווי קינדער, האָבען געלאַכט פרעהליך און קלאָר און האָבען זיך פריינדליך געקלאַפּט איבער די פּלייצעס.

— בראַוואָ, דייטשע חברים! — פלעגט אימיצער אויסשרייען, ווי פער'שיכור'ט פון פרייד.

— לאַנג לעבען זאָלען די חברים אין איטאַליען! — פלעגט מען אַ צווייטען מאָל אויסרופען.

און שיקענדיג דיעזע אויסרופען צו זייערע ווייטע פריינד, וועלכע האָבען זיי ניט געקענט און האָבען ניט געקענט פערשטעהן זייער שפּראַך, זיינען זיי געווען איבערצייגט, אַז דיעזע אונבעקאַנטע מענשען הערען און פערשטעהען זייער בעגייסטערונג.

דער קליין־רוס האָט גערעדט מיט שטראַהלענדע אויגען, דורכגעדרונגען מיט אַ געפיהל פון הייסער ליעבע, וואָס האָט אַלעמען ארומגענומען:

— עס וואָלט געווען גוט מיר זאָלען זיי אָנשרייבען אהין, חברים. יאָ? זאָלען זיי וויסען, אַז אין ווייטען רוסלאַנד לעבען זייערע פריינד, ארבייטער, וועלכע גלויבען אקוראַט ווי זיי, וועלכע האָבען דעם זעלבען ציעל ווי זיי און פרעהען זיך מיט זייערע נצחונות.

און אַלע פלעגען מיט פערקלעהרטע פּנים'ער לאַנג ריידען איבער די פראַנצויזען, ענגלענדער און שוועדען, ווי איבער מענשען וואָס שטעהען נאָהענט צו זיי, וועלכע זיי שעצען, לעבען מיט זייערע פריידען און פיהלען זייערע ליידען.

אין ענגען צימער פלעגט געבאָרען ווערען דער גרויסער געפיהל פון גייסטיגער קרובה'שאַפט צווישען די ארבייטער פון דער גאַנצער וועלט, וועמען דער געדאַנק האָט בעפרייט פון אבערגלויבען און וועלכע האָבען זיך געפיהלט אַלס הערשער פון לעבען.

דיעזער געפיהל האָט אַלעמען פעראייניגט אין איין גרויסער נשמה. ער האָט אפילו אויפגערודערט די מוטער, הגם זי האָט עס ניט פערשטאַנען.

— וואָס זייט איהר פאַר אַ מענשען? — האָט זי איינמאָל דעם קליין־רוס אַ זאָג געטהאָן. — אַלע זיינען אייערע חברים! — ארמעניער, אידען

און עסטרייכער. פון אלעמען רעדט איהר ווי פון אייערע פריינד, פאר אלעמען זארגט איהר זיך.

— פאר אלעמען, מאמינקע, פאר אלעמען! — האט אויסגערופען דער קליין־רוס. — די וועלט איז אונזערע. די וועלט געהערט צו די ארבייטער! פאר אונז עקזיסטירען ניט קיין נאציאנען, קיין שבטים, עס זיינען נאר פאראן חברים און שונאים. אלע ארבייטער זיינען אונזערע חברים, אלע רייכע, אלע רעגיערונגען זיינען אונזערע שונאים. ווען איך בעטראכט די ערד, ווען איך זעה וויפיעל ארבייטער עס זיינען פאראן, וויפיעל גייסטיגע כחות מיר טראגען אין זיך, — דאן כאפט מיר אן א מורא'דיגע שמחה, און מיין הארץ פילט זיך אן מיט גליק און א גרויסער יום־טוב ווערט אין מיין נשמה. און אקוראט אזוי, מאמעלע, פיהלט דער פראנצויז און דער דייטש. ווען זיי קוקען אן דאס לעבען, און אקוראט אזוי פרעהט זיך אויך דער אי־טאליענער. מיר אלע זיינען קינדער פון איין מאמען — פון דעם גרויסען אונבעזיעגבארען געדאנק וועגען ברידערליכקייט און אחדות פון ארביי־טענדען פאלק פון אלע לענדער. דער געדאנק וואקסט, ער ווארעמט אונז ווי א זון, ער איז די צווייטע זון אויף דעם הימעל פון גערעכטיגקייט און דיעזער הימעל געפינט זיך אין הארצען פון יעדען ארבייטער. און ווער דער סאציאליסט זאל ניט זיין און ווי ער זאל זיך ניט רופען, — ער איז שטענדיג אונזערער א ברודער!

אט דיעזע קינדער פרייד, דיעזער ליכטיגער פעסטער גלויבען איז וואס ווייטער אלץ טיעפער און קרעפטיגער געווארען אין זיי.

און ווען די מוטער האט דאס דערזעהן, האט זי ניט ווילענדיג גע־פיהלט, אז אויף דער וועלט איז ווירקליך געבארען געווארען עטוואס גרויסעס און ליכטינעס...

אפט פלעגען זיי זינגען לידער. די געוועהנליכע, בעקאנטע לידער פלעגט מען זינגען הויך און פרעהליך. אבער צייטענווייז פלעגען זיי זינגען עפעס נייע, מאדנע, ניט פרעהליכע און ניט געוועהנליכע נגונים. דאס פלעגען זיי זינגען שטיל און פערטראכט און ערנסט, ווי אין א קירכע. די פנים'ער פון די זינגערס פלעגען ווערען צייטענווייז בלאס, צייטענווייז רויט און איז די קלינגענדע ווערטער פלעגט זיך פיהלען א סך קראפט.

איינע פון די נייע לידער האט מעהר פאר אלע בעאונרוהיגט דער מוטער. אין דיעזען ליעד האבען זיך ניט געהערט די קרעכצען פון דער פער־אומערטער נשמה, וועלכע בלאנדזשעט א בעליידיגטע איינזאם ארום איבער די פינסטערע וועגען פון קומער און צווייפעל, א נשמה געפלאגט פון נויט, נעיאגט פון מורא. אין דיעזען ליעד האבען זיך ניט געהערט קיין טרויעריגע

זיפצען פון א מאכט, וואָס גאַרט נאָך פרייהייט; קיין עזות׳דיגע געשרייען פון אויפגערעגטער דרייסטקייט, וואָס איז גרייט צו פערניכטען דאָס גוטע און דאָס שלעכטע אין איין און דער זעלבער צייט; אין דיעזען ליעד זיינען ניט געלעגען קיין בלינדע, נקמה־און בזיון־געפיהלען, וואָס זיינען גרייט אַלץ צו צושטערען, ניט זייענדיג בכח עטוואָס צו שאַפען. אין דיעזען ליעד האָט זיך ניט געהערט קיין זאַך, וואָס זאָל דערמאָהנען אַן דער אַלטער פערשקלאַפ־טער וועלט.

די שאַרפע ווערטער און דער שטרענגער ניגון זיינען ניט געפעלען גע־וואָרען דער מוטער. אָבער הינטער די ווערטער און הינטער דעם ניגון איז געלעגען עפּעס גרויסעס, וואָס האָט דעם קלאַנג און די ווערטער פערשטיקט און אין הארצען געוועקט א געפיהל פון עפּעס אזוינס, וואָס דער געדאַנק איז ניט בכח ארומצונעהמען.

און אָט די אונבעקאַנטע מאכט האָט זי געזעהן אויף די פּנים׳ער און אין די אויגען פון דער יוגענד. זי האָט עס געפיהלט אין זייערע הערצער און האָט זיך מאַכטלאָז אונטערגעגעבען צום געזאַנג, וואָס האָט אין טענער און ווערטער קיין פּלאַץ ניט געפונען, און זי האָט זיך מיט א בעזונדערער אויפמערקזאַמקייט און מיט א טיעפער אונרוה צוגעהערט צו דיעזען ליעד מעהר ווי צו אַלע אַנדערע.

דיעזע ליעד פלעגט מען זינגען שטילער, ווי אַלע איבעריגע, אָבער זי פלעגט שטענדיג קלינגען שטאַרקער, ווי אַלע, און האָט געוועהט ארום די מענשען, ווי די לופט אין א מערץ־טאָג, — דעם ערשטען טאָג פון אָנקו־מענדען פריהלינג.

— עס איז שוין צייט צו זינגען דאָס אויפ׳ן גאַס! — האָט וויעסאָוו־שטשיקאָוו א זאָג געטהאָן.

ווען זיין פאָטער האָט ווידער עפּעס גע׳גנב׳עט און מען האָט איהם אריינגעזעצט אין טורמע, האָט ער רוהיג ערקלעהרט זיינע חברים:

— יעצט קענען מיר זיך צוזאַמענקלייבען ביי מיר...

כמעט אַלע אבענד, נאָך דער ארבייט, איז אימיצער פון די חברים געזעסען ביי פּאַוולען. זיי פלעגען לעזען, פלעגען עפּעס אויסשרייבען פון די ביכער, האָבען זיך שטענדיג געאיילט, ניט האָבענדיג קיין צייט זיך איינ־צוואַשען. זיי פלעגען עסען און טרינקען טהיי מיט די ביכער אין די הענד און זייערע רייד זיינען פאַר דער מוטער געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר אונפערשטענדליך...

— מיר מוזען האָבען א צייטונג! — פלעגט פּאַוועל אָפט זאָגען.

דאָס לעבען איז געוואָרען האַסטיג און פיעבערהאַפט. די מענשען

פלעגען ארומלויפען איינער צום צווייטען, פלעגען זיך איילען פון איין בוך צום אנדערען, פונקט ווי ביענען פון בלום צו בלום.

— מען רעדט שוין וועגען אונז! — האט וויעסאָוושטשיקאָוו דער־צעהלט.

— מיר וועלען מסתמא אין גיכען ארייגפאלען.

— אויף דערויף איז דער פויגעל, ער זאל ארייגפאלען אין געץ! — האט געענטפערט דער קליין־דרוס.

דער מוטער איז ער אלץ מעהר געפעלען געוואָרען. ווען ער פלעגט איהר אָנרופען „מאַמעלע", פלעגט זיך איהר אויסדוכטען, אז א ווייכע קינ־דערשע האנד גלעט איהר די באקען. זונטאגס, ווען פאַוועל פלעגט קיין צייט ניט האָבען פלעגט ער צוהאקען די האלץ; איינמאל איז ער געקומען מיט א ברעט אויפ'ן פלייצע, האט גענומען די האק און האט גיך פעררויכט דעם פערפוילטען סטופ אויפ'ן גאניק. אן אנדער מאל האט ער צורעכט געמאכט דעם צופאלענעם פלאנקען. ביי דער ארבייט פלעגט ער שטענדיג פייפען, און זיין פייפען איז געוועזען שעהן און וועהמוטהיג.

איינמאל האט די מוטער געזאגט צום זוהן:

— וויסטו וואס? לאמיר ארייננעהמען דעם קליין־דרוס צו אונז אויף קעסט. עס וועט זיין בעסער פאר אייך ביידען. איהר וועט ניט דארפען ארומלויפען איינער צום אנדערען.

— צו וואס זאלען מיר דיר מאכען ארבייט? — האט פאַוועל געפרעגט, קוועטשענדיג מיט די אקסלען.

— פטור נו! דאס מאכט ניט אויס. איך האב דעם גאנצען לעבען געהאָרעוועט, ניט וויסענדיג פאר וואס... פאר א גוטען מענשען לוינט זיך! —

— טהו ווי דו ווילסט! — האט זיך אָבגערופען דער זוהן. וועט ער זיך אריבערקלייבען, וועל איך זיין צופריעדען...

און דער קליין־דרוס האט זיך אריבערגעקליבען צו זיי.

8.

די קליינע הויז ביים ברעג פון פאָרשטאָדט האט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די מענשען און צעהנדליגע אויגען האבען מיט פערדאכט געקוקט אויף איהרע וועגד. די מענשען האבען זיך געסטארעט צו דערגעהן וואס הינטער איהרע וועגד קומט פאר, וואס פאר געהיימניסע דאָרטען זיינען פערבאָרגען. ביינאכט פלעגט מען ארייגקוקען אין די פענ־סטער, צייטענווייז פלעגט אימיצער אָנקלאפען אין די שויבען און פלעגט גיך אנטלויפען.

איין טאָג האָט די מוטער געטראָפען דעם שיינקער בעגונצעוו'ן, אַן אַלטען גאַטס־פאַרכטיגען מענשעל, וועלכער האָט אימער געטראָגען אויף זיין רוי־טער אויסגעדאַרטער האַלז אַ זיידענע טיכעל און אויף דער ברוסט אַ דיקע פּלושענע וועסטעל. אויף זיין שפּיציגען, גלאַנציגען נאָז האָט ער געטראָגען אַלטע שפּאַקולען, און דערפאַר האָט מען איהם אין פאָרשטאָדט גערופען די „קנאָכען־אויגען". ער האָט וולאַסאָוואַ'ן אָבגעשטעלט און, ניט וואַר־טענדיג אויף איהרע ענטפערס, האָט ער איהר אָבגעשאָטען מיט אַ האָגעל פון רוישענדע טרוקענע פראַגען:

— פּעלאַגעיאַ ניל'אָוונאַ, וואָס מאַכט איהר? וואָס מאַכט דער זוהנ־דעל? איהם חתונה מאַכען קלייבט איהר זיך נאָך ניט? אַ בחור אין די בעסטע יאָהרען. וואָס גיכער מען מאַכט אַזוינעם חתונה, אַלץ בעסער פאַר די עלטערען. אַ פאַמיליע ווירקט גוט אויף דעם מענשען, סיי גייסטיג, סיי קערפּערליך; אין אַ פאַמיליע פיהלט זיך דער מענש, ווי אין אַן אייזערנעם קאַסטען. איך, אויף אייער אָרט, וואָלט איהם שוין לאַנג חתונה געמאַכט. היינטיגע יאָהרען דאַרף מען גוט אַכטונג געבען אויף די מענשען. זיי האָ־בען שוין אָנגעהויבען צו לעבען ווי עס פאַלט זיי איין אין קאָפּ. זיי זיינען שוין געוואָרען צופיעל צולאָזען און מען דאַרף זיי מדריך זיין. די יוגענד מיידט שוין אויס גאָט'ס הויז, פון מענשען אַנטלויפען זיי און פערזאַמלענדיג זיך אין די ווינקעלעך, שושקען זיי זיך. וואָס שושקען זיי זיך? גיט מיר צו פערשטעהן, פאַר וואָס אַנטלויפען זיי פון מענשען? אַלץ וואָס אַ מענש האָט מורא צו זאָגען פאַר אַלעמען אין די אויגען, — אין שיינק צום ביישפּיעל, — וואָס איז דאָס אַזוינס? זיינען עס סודות? פאַר סודות איז דאָך ביי אונז גאָט צו דאַנקען פאַראַן אַ קירכע. אַלע אַנדערע סודות, וואָס מען דערצעהלט זיך אין די ווינקעלעך, זיינען צולאָזענהייט און יונ־גאַטשסטוואָ. זייט מיר געזונד!

ער האָט, זיך פערבויגענדיג, אַרונטערגענומען מיט דער קרומער האַנד די היטעל, האָט מיט איהר אַ מאַך געטהאָן אין דער לופט און איז אַוועקגע־גאַנגען איבערלאָזענדיג די מוטער אין אַ פערלעגענהייט.

וולאַסאָוואַ'ס שכנה, מאַריאַ קאָרסונאָוואַ, די אַלמנה פון אַ שמיעד, וועלכע פלעגט פערקויפען עסענוואַרג אין פאַבריק, האָט איין טאָג אויך אַ זאָג געטהאָן צו דער מוטער, איהר טרעפענדיג אויפ'ן מאַרק:

— גיב אַכטונג אויפ'ן זוהן, פּעלאַגעיאַ!

— וואָס איז דען? — האָט די מוטער געפרעגט.

— עס געהט אַרום אַ קלאַנג!... — האָט מאַריאַ געהיימניספאָל דער־צעהלט. — אַ שלעכטער קלאַנג, מיין טהייערע! מען זאָגט, אַז ער מאַכט

אן ארטעל אזוינעם, עפעס ווי מלקות־שלעגער, א סעקטע רופט מען דאס. זיי וועלען זיך דאן שמייסען איינע די אנדערע, ווי כליסטען...

— הער אויף צו ריידען נארישקייטען, מאריא!

— ניט דער, ווער עס פלוידערט, נארט, נאר דער ווער עס סוד'עט זיך! — האט געענטפערט די קרעמערקע.

די מוטער האט איבערדערצעהלט דעם זוהן ריזע אלע געשפרעכען; ער האט שוויינענדיג געקוועטשט מיט די פלייצעס. דער קליין־רוס אבער האט זיך פאנאנדערגעלאכט מיט זיין טיעפער ווייכער שטימע.

— די מיידלעך האבען אויך אויף אייך פאראיבעל! — האט זי גע־זאגט. — אלע מיידלעך וואלטען זיך ווינשען צו האבען אזעלכע חתנים, ווי איהר זייט. ארבייטער זייט איהר גוטע, טרינקען טרינקט איהר ניט... און איהר קימערט זיך גאר ניט וועגען זיי! מען זאגט אפילו, אז צו אייך קומען פון שטאדט עפעס לייכטזיניגע מיידלעך אזעלכע...

— נו, פערשטעהט זיך! — האט פאוועל אויסגערופען מיט פעראכטונג.

— אין זומפ שמעקט אלץ מיט פוילקייט! — האט דער קליין־רוס זיפצענדיג ארויסגעזאגט. — איהר, מאמעלע, וואלט בעסער די פראים גע־געבען צו פערשטעהן, וואס הייסט חתונה האבען, אום זיי זאלען זיך ניט איילען צו האבען אבגעריסענע יאהרען...

— אך, מיין טהייערער! — האט די מוטער געזאגט. — זיי זעהען די צרות, זיי פערשטעהען עס, אבער זיי האבען זיך ניט וואו אהין צו טהאן!

— שלעכט פערשטעהען זיי, אניט וואלטען זיי שוין אן אויסוועג גע־פונען, — האט פאוועל בעמערקט.

די מוטער האט א קוק געטהאן אויף זיין שטרענג'ען פנים.

— אדרבא, לערען זיי אוים! רופט צו זיך א פאר פון די קליגערע...

— דאס קען מען ניט! — האט דער זוהן טרוקען געענטפערט.

— און אפשר טאקע פרובירען? — האט געפרעגט דער קליין־רוס.

פאוועל האט א ווייל געשוויעגען און האט געענטפערט:

— דאן וועלען זיך באלד אנהויבען פאארלעך, אייניגע וועלען חתונה האבען און אוים.

די מוטער האט זיך פערטראכט. פאוועלס שטרענגקייט האט איהר צוטומעלט. זי האט געזעהן, אז זיינע עצות פאלגען אפילו די חברים זיינע, וועלכע זיינען, ווי דער קליין־רוס, עלטער פון איהם; עס האט זיך איהר אבער געדאכט, אז זיי האבען מורא פאר זיין שטרענגקייט און אז קיינער האט איהם דערפאר ניט האלט.

איינמאל, ווען זי האט זיך געלעגט שלאפען און דער זוהן מיט'ן קליין־

רום האָבען נאָך געלעזען, האָט זי זיך צוגעהערט צו זייערען אַ שטילען געשפּרעך:

— דו ווייסט, מיך געפעלט זעהר נאַטאַשא, — האָט פּלוצלונג דער קליין־רום שטיל אויסגערופען.

— איך וויים, — האָט פּאווע׳ל געענטפערט.

— יא, יא...

מען האָט געקענט הערען, ווי דער קליין־רום איז לאַנגזאַם אויפגע־שטאַנען און האָט גענומען אַ באָרוועסער ארומגעהן איבער׳ן צימער. עס האָט זיך געהערט זיין שטילער וועהמוטהיגער פייפען. דאַן האָט זיך ווידער דערהערט זיין שטימע:

— בעמערקט זי דאָס?

פּאווע׳ל האָט געשוויעגען.

— ווי מיינסטו? — האָט מיט אַ ניעדעריגען קול דער קליין־רום געפרעגט.

— געוויס בעמערקט זי דאָס! — האָט פּאווע׳ל געענטפערט. — דע־ריבער האָט זי אויפגעהערט צו קומען צו אונז...

דער קליין־רום האָט זיך שווער ארומגעשלעפּט איבער׳ן צימער און ווידער האָט אין צימער געציטערט זיין שטילער פייפען. דאַן האָט ער געפרעגט:

— וואָס וואָלט געווען, ווען איך זאָל עס איהר זאָגען?

— וואָס? — האָט פּאווע׳ל ארויסגערונערט.

— איך וועל איהר זאָגען, אַז איך... — האָט שטיל אָנגעהויבען דער קליין־רום.

— צוליעב וואָס? — האָט איהם פּאווע׳ל איבערגעריסען.

די מוטער האָט געהערט, אַז דער קליין־רום האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט געפיהלט, אַז ער שמייכעלט.

— איך מיין, דאָס ווען מען האָט האָלט אַ מיידעל, דאַרף מען דאָך איהר זאָגען וועגען דעם, אַניט וועט גאָרניט ארויסקומען דערפון.

פּאווע׳ל האָט שנעל פערמאַכט דעם בוך און האָט אַ פרעג געטהאָן:

— וואָס ערוואַרטסטו זאָל ארויסקומען?

ביידע האָבען אַ צייט געשוויעגען.

— נו? — האָט געפרעגט דער קליין־רום.

— איך מיין, אַנדריי, אַז מען דאַרף זיך פריהער קלאָר פאָרשטעלען, וואָס מען וויל, — האָט פּאווע׳ל לאַנגזאַם אָנגעהויבען רעדען. — שטעל זיך פאָר, אַז אויך זי ליעבט דיך... איך רעכען, אַז עס איז ניט אַזוי; נאָר

לאָמיר זיך פאַרשטעלען. און איהר וועט התונה האָבען. אַן אינטערע־סאַנטע פּאָר: אַן אינטעליגענטקע און אַן ארבייטער. קינדער וועלען גע־באָרען ווערען... דו וועסט אליין דאַרפען ארבייטען... און אַ סך. אייער לעבען וועט זיין אַ געוועהנליכע מאַטערניש פאַר'ן שטיקעל ברויט; פאַר די קינדער, פאַר דער דירה... פאַר דער זאַך אָבער זייט איהר דאָן ביידע פערלאָרען.

עס איז שטיל געוואָרען. דערנאָך האָט פּאַוועל געזאָגט עטוואָס ווייכער:

— שלאָג דאָס זיך בעסער ארויס פון קאָפּ, אנדריי... שווייג און לאָז איהר צו־רוהע...

— געדענקסטו אָבער, ווען ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש האָט גערעדט וועגען די נויטווענדיגקייט פאַר אַ מענשען צו געניסען דעם פולען לעבען, מיט אַלע גייסטיגע און קערפּערליכע כחות... געדענקסטו עס?

— דאָס איז ניט פאַר אונז! — האָט פּאַוועל געזאָגט. — ווי קענען מיר ריידען וועגען פולען לעבען? פאַר אונז עקזיסטירט ער ניט. האָסטו ליעב די צוקונפט, ברודערעל, מוזטו זיך אין דער געגענוואַרט פון אַלץ ענט־זאַגען... פון אַלץ...

— דאָס איז אָבער זעהר שווער! — האָט דער קליין־רוס שטיל גע־ענטפערט.

— ווי דען ווילסטו טהאָן? בעטראַכט אַליין!

עס איז שטיל געוואָרען. דער פערפּענדיקעל פון זייגער האָט שטיל און גלייכגילטיג געטראָגען זיך אהין און צוריק, רוהיג צעהלענדיג די סעקונדען פון לעבען.

דער קליין־רוס האָט געזאָגט:

— איין האַלבע הארץ ליעבט, די אנדערע האַלבע האַסט; איז דען דאָס איבערהויפּט אַ הארץ?

— איך פרעג דיך: ווי זשע קען עס אנדער זיין?

עס האָט זיך דערהערט דאָס רוישען פון די בוך־בלעטער. דאָס האָט מען מן הסתם ווידער אָנגעהויבען לעזען. די מוטער איז געלעגען מיט פערמאַכטע אויגען און האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. זי האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף'ן קליין־רוס, אָבער נאָך מעהר אויף איהר זוהן. זי האָט געטראַכט וועגען איהם.

— מיין ליעבינקער... מיין פערלאָרענער...

— זאָל איך שווייגען?

— דאָס איז עהרענהאַפטער, אנדריי, — האָט פּאַוועל שטיל ארויס־גערעדט.

— נו, ווילען מיר געהן אויף דיזען וועג, — האָט דער קליין־רוס צוגעלעגט. און אין איניגע סעקונדען ארום האָט ער אומעטיג און שטיל פאַרטגעזעצט:

— שווער וועט דיר זיין, פּאַווליושאַ, ווען דו וועסט אַליין אויף זיין אַזוי...

— מיר איז שוין שווער...

— טאַקע?

דרויסען האָט געוואָיעט דער ווינד. דער פּערפּענדיקעל פון וואַנד־זייגער האָט רוהיג געצעהלט די אוועקגעהענדע צייט.

— פון אַזעלכע זאַכען לאַכט מען ניט! — האָט רוהיג ארויסגערעדט דער קליין־רוס.

די מוטער האָט איינגעגראָבען דעם פּנים אין קישען און האָט שטיל געוויינט.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט זיך דער מוטער אויסגעדאַכט, אַז אַנדריי איז עפּעס קלענער געוואָרען און זיין אויסזעהן איז עפּעס ליעבליכער, און איהר זוהן איז, ווי אַלע מאָל, מאָגער און שווייגענדיג. פריהער פלעגט די מוטער רופען דעם קליין־רוס אַנדריי אַניסימאָוויטש, יעצט האָט זי ניט ווילענדיג און אונבעמערקטערהייד אַ זאָג געטהאָן צו איהם:

— אַנדריושאַ, איהר וואָלט געדאַרפט געבען פערריכטען אייערע שטי־וועל... איהר קענט זיך נאָך פערקיהלען!

— אָט, איך וועל אָבנעהמען די שכירות, וועל איך זיך שוין קויפען נייע, — האָט ער לאַכעדיג געענטפערט, און האָט פּלוצלונג, ארויפלייגענדיג זיין לאַנגע האַנד אויף איהר פּלייצע, אַ פרעג געטהאָן:

— אפשר זייט איהר טאַקע מיין אמת'ע מאַמע, נאָר איהר ווילט עס ניט אויסזאָגען פאַר לייטען, ווייל איך בין ניט קיין שעהנער, האַ?

זי האָט שווייגענדיג איהם אַ קלאַפּ געטהאָן איבער'ן האַנד. עס האָט זיך איהר געוואָלט איהם זאָגען פיעל צערטליכע ווערטער, אָבער איהר האַרץ איז געווען פערפּרעסט פון רחמנות און דער צונג האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט.

9.

אין פאָרשטאָדט האָט מען גערעדט וועגען די סאָציאַליסטען, וועלכע וואַרפען אומעטום פּאַנאַנדער פּראָקלאַמאַציעס געשריעבען מיט בלויע טינט. אין די דאָזיגע פּראָקלאַמאַציעס האָט מען שאַרף און זעהר צוטרעפענד גע־שריעבען וועגען דער אָרדנונג אויף דער פאַבריק, וועגען די סטרייקס פון

די פעטערבורגער ארבייטער און פון דרום רוסלאנד און די ארבייטער זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרען צו אייניגקייט און צום קאמפף פאר זייערע אינ־טערעסען.

די בעיאָהרענטע ארבייטער, וועלכע האָבען גוט פערדיענט אויפ'ן פאב־ריק, האָבען, לעזענדיג דיעזע פראָקלאמאציעס, געזידעלט זיך:

— בונטאָווטשיקעס! פאר אזעלכע רייד דארף מען זיי די צייהנער אויסקלאפּען!

און זיי פלעגען אוועקטראָגען די פראָקלאמאציעס אין קאָנטאָר. די יוגענד האָט די אויפרופען געלעזען מיט פערגעניגען און האָט מיט אויפ־רעגונג צוגעגעבען:

— אמת, אמת!

די מעהרהייט אָבער, וועלכע איז געווען דערשלאָגען פון דער ארבייט און גלייכגילטיג צו אלעס, האָט זיך קאלטבלוטיג אָבגערופען:

— עט, עס וועט דערפון גאָר ניט ארויסקומען...

די בלעטלעך האָבען אָבער דאָך אויפגערעגט די מענשען, און ווען עס פלעגט א וואָך ניט זיין קיין בלעטעל, פלעגען שוין די מענשען זאָגען איינע צו די אנדערע:

— היינט זיינען שוין ווידער ניטאָ קיין בלעטלעך. זיי האָבען שוין, ווי עס ווייזט אויס, אלץ אויפגעגעבען.

מאָנטאג אָבער פלעגען זיך ווידער בעווייזען אויפרופען, און ווידער פלעגט דאָס ארויסרופען א טעמפע אויפרעגונג צווישען די ארבייטער.

אין שיינק און אין פאבריק פלעגט מען בעמערקען נייע מענשען, וועמען קיינער האָט ניט געקענט. זיי פלעגען אלעס אויספרעגען, זיך ארומקוקען, ארומשמעקען און פלעגען זיך יעדערען גלייך ווארפען אין די אויגען; מאנכע מיט זייער פערדעכטיגער פאָרזיכטיגקייט, אנדערע — מיט זייער צופיעל עזות'דיגען בענעהמען זיך.

די מוטער האָט געוואוסט, אז דער גאנצער טומעל איז ארויסגעקומען צוליעב דער טהעטיגקייט פון איהר זוהן. זי האָט געזעהן ווי מענשען האָ־בען זיך ארום איהם צוזאמענגעשארט. ער איז שוין ניט געווען אליין, און דאָס איז דארום ניט אזוי געפעהרליך. די מורא פאר פאַוועל'ס שיקזאל האָט זיך ביי איהר צוזאמענגעגאָסען מיט א געפיהל פון שטאָלץ: דאָס איז דאָך זיין געהיימע ארבייט, וועלכע איז ווי א פרישער טייכעל ארייגעפלאָסען אין דעם טריעבען מוטנעם לעבענס־שטראָם.

איינמאָל, אין אבענד, האָט מאריא קארסונאָווא אָנגעקלאפּט אין שויב, און ווען מאריא האָט געעפענט דעם פענסטער, האָט זי שטיל געזאָגט:

— נו, פּעלאַגעיאַ, שטאַרק זיך; זיי האָבען זיך דערשפּיעלט, די טהייע־רינקע! היינט ביינאַכט וועט זיין אַן אָביסק ביי איך, ביי מאַזינען און ביי וויעסאָוושטשיקאָוו'ען...

די מוטער האָט נאָר דערהערט די ערשטע ווערטער, די וויטערדיגע רייד האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין אַ בייזען הייזעריגען קלאַנג. מאַריאַ'ס דיקע ליפּען האָבען זיך גיך געקלאַפּט איינע אויף די אַנדערע, איהר דיקער נאָז האָט געסאַפּעט, זי האָט געפינטעלט מיט די אויגען און האָט זיך אַרומ־געקוקט אויף אַלע זייטען, לויערענדיג אימיצען אויפ'ן גאַס.

— און איך ווייס פון גאָרניט און איך האָב דיר גאָר ניט דערצעהלט, אַפילו ניט געזעהן דיר היינט, הערסטו?

זי איז פערשוואונדען.

די מוטער האָט צוגעמאַכט דעם פענסטער און האָט זיך לאַנגזאַם, מאַכטלאָז אַראָבגעלאָזען אויפ'ן שטוהל. איהר קאָפּ איז פּלוצלונג געוואָרען פּוסט. נאָר די געפאַהר, וועלכע האָט געשוועבט איבער איהר זוהן, האָט איהר גיך אויפגעהויבען פון אָרט. זי האָט זיך שנעל אָנגעטהאָן, האָט זיך גוט אַרומגעוויקעלט דעם קאָפּ מיט איהר טיכעל און איז אַוועקגעלאָפען צו פעדיאַ מאַזין, וועלכער איז געווען קראַנק און האָט יענעם טאָג ניט געאַר־ביט. ווען זי איז אַריינגעקומען צו איהם, איז ער געזעסען ביים פענסטער, האָט געלעזען אַ בוך און מיט דער לינקער האַנד האָט ער צוגעהאַלטען די רעכטע האַנד. דערהערענדיג די נייעס, איז ער גיך אויפגעשפּרונגען פון אָרט. זיין פּנים איז בלאַס געוואָרען.

— אָט האָסטו דיר!... און ביי מיר רייסט גאָר אַ פינגער! — האָט ער אַרויסגעברומט.

— וואָס זאָל איך יעצט טהאָן? — האָט וולאַסאָווא, מיט אַ ציטערענ־דיגער האַנד אַרומווישענדיג די שווייס פון פּנים, געפרעגט.

— וואַרט אויס... שרעקט זיך נאָר ניט! — האָט פעדיאַ, גלעטענדיג מיט דער געזונטער האַנד זיינע געקרויזטע האָאָר, געענטפערט.

— איהר אַליין האָט דאָך אויך מורא! — האָט די מוטער אויסגערופען.

— איך? — זיינע באַקען האָבען אויפגעפלאַמט און מיט אַ שמייכעל פון פערלאָרענהייט האָט ער געזאָגט: — יאַ, יאַ, איך האָב זיך דערשראָקען. צום טייוועל... מען דאַרף פּאַוועלען אָנזאָגען... איך שיק שוין אַריבער צו איהם!... איהר געהט... פּטור נו! שלאָגען וועט מען דאָך ניט?

ווען זי האָט זיך צוריקגעקעהרט אַהיים, האָט זי צוזאַמענגענומען אין אַ הויפען אַלע ביכלעך און צופּרעסענדיג עס צום האַרצען איז זי לאַנג אַרומ־געגאַנגען איבער'ן הויז הין און צוריק, אַריינקוקענדיג אין אויווען, אונטער'ן

אויווען, אין קוימען פון סאמאָוואר און זאָגאר אין פעסעל וואסער. איהר האָט זיך גערעכט, אז פּאוועל וועט גלייך ווארפען די ארבייט און וועט קומען אהיים. אָבער ער איז ניט געקומען.

ענדליך האָט זי זיך אַ מיעדע אַנידערגעזעצט אין קיך אויפ'ן ביינקעל, האָט ארונטערגעלייגט די ביכלעך אונטער זיך און אזוי, מורא האָבענדיג אויפצוהויבען זיך, איז זי אָבגעזעסען ביז וואנען פּאוועל און דער קליין־רוס זיינען געקומען פון דער ארבייט.

— איהר ווייסט שוין? — האָט זי, ניט אויפהויבענדיג זיך פון אָרט, אויסגערופען.

— מיר ווייסען! — האָט מיט אַ רוהיגען שמייכעל געענטפערט פּאַ־וועל. — דו שרעקסט זיך?

— יאָ, איך האָב אזוי מורא, אזוי מורא...

— מען דארף ניט מורא האָבען — האָט געזאָגט דער קליין־רוס — דאָס וועט סיי ווי סיי ניט העלפען.

— האָסט זאָגאר דעם סאמאָוואר ניט אָנגעשטעלט! — האָט פּאוועל בעמערקט.

די מוטער האָט זיך אויפגעהויבען און, אָנצייגענדיג אויף די ביכלעך, האָט זי מיט אַ שולדיגער מינע ערקלעהרט:

— איך האָב זיך אַלץ מיט דעם ארומגעשלעפּט...

דער זוהן און דער קליין־רוס האָבען זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, און דאָס האָט איהר צוגעגעבען פרישען מוטה. נאָכדעם האָט פּאוועל אָבגעקליבען עטליכע ביכלעך און האָט אוועקגעטראָגען בעהאַלטען זיי אויפ'ן הויף. דער קליין־רוס האָט זיך גענומען צום סאמאָוואר און האָט זיך געווענדעט צו דער מוטער:

— עס איז גאָר ניט אזוי שרעקליך, מאמעלע. מען דארף זיך נאָר שעהמען מיט די מענשען, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט אַזעלכע פּוסטע זאַכען. עס וועלען קומען אַזעלכע דערוואַקסענע מענשען אין גרויע קליידער מיט שווערדען אויפ'ן זייט, מיט שפּאָרעס אויף די שטיוועל און וועלען אומעטום ארומטרייסלען. זיי וועלען אַ קוק טהאָן אונטער'ן בעט, אונטער'ן אויווען. איז דאָ אַ קעלער, וועלען זיי אויך אהין ארייגקריכען; וועלען אויפ'ן בוידעם ארויפקריכען און וועלען דאָרט ארומזוכען. עס איז זיי לאַנגווייליג און זיי שעהמען זיך, דארום מאַכען זיי אַן אָנשטעל, ווי זיי וואָלטען געווען זעהר שלעכטע מענשען און וואָלטען עפּעס בייז געווען אויף אונז. דאָס איז אַן עקעלהאַפטע ארבייט. דאָס ווייסען זיי אַליין גאַנץ גוט. איינמאָל האָבען זיי ביי מיר אַלעס דורכגעטרייסעלט און זיינען אוועק מיט לײדיגען, אַ צוויי־

מען מאָל האָבען זיי מיך אויך מיטגענומען. מען האָט מיך אריינגעזעצט אין טורמע און איך בין אָבגעזעסען אַ מאָנאַטען פיער. מען זיצט אָפּ אַ ביסעלע, דאַן רופען זיי צו זיך, פיהרען דורך דורכ'ן גאַס מיט סאָלדאַטען... פרעגען וואָס ניט איז. קיין חכמים זיינען זיי ניט, ריידען נאַרישקייטען, ריידען זיך דורך און הייסען די סאָלדאַטען צוריק אָוועקפיהרען אין טורמע. אזוי פיהרען זיי אייך אום הין און צוריק... זיי דאַרפען דאָך צייגען, אַז זיי פערדינען כשר זייער געהאַלט! נאָכדעם לאָזען זיי רים אויף דער פריי... דאָס אַלעס!

— ווי מאָדנע איהר רעדט עפּעס שטענדיג, אַנדריושאַ! — האָט די מוטער גיט ווילענדיג אויסגערופען.

שטעהענדיג אויף די קניע לעבען סאַמאָוואר האָט ער פלייסיג פאַנאַנ־דערגעבלאָזען דעם פייער אין קוימען. נאָר אָט האָט ער אויפגעהויבען זיין פּנים, וועלכער איז רויט געווען פון אָנשטרענגונג און, פאַנאַנדערגעהמענדיג מיטביידע הענד די וואָנצעס, האָט ער געפרעגט:

— ווי רעד איך דען?

— עפּעס ווי קיינער וואָלט אייך קיינמאָל אין לעבען ניט בעליידיגט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט אַ טרייסעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און האָט שמייכלענדיג געזאָגט:

— איז דען דאָ אויף דער וועלט אַ מענשען־האַרץ, וועלכע איז קיינמאָל ניט בעליידיגט געוואָרען? נאָר מיר האָט מען שוין אַזוי פיעל בעליידיגט, אַז איך בין מיעד געוואָרען צו בעליידיגען זיך. וואָס טהוט מען, אַז די מענ־שען קענען ניט אַנדערש? די בעליידיגונגען שטערען מיר צו טהאָן מיין ארבייט... אויסמיידען זיי קען איך ניט, אָבשטעלען זיך אויף זיי — איז אַ שאָד די צייט. אַמאָל פלעג איך זיין אין כעס אויף די מענשען, אָבער ווען איך האָב נאָכגעטראַכט, האָב איך זיך ארומגעזעהן, אַז אַלעמענס הער־צער זיינען צובראָכען! יעדערער האָט מורא, אַז זיין שכן זאָל איהם ניט אַ קלאַפּ טהאָן, נו סטאַרעט ער זיך אַפריהער איהם צו געבען אין די צייהנער. אזוי איז שוין דאָס לעבען, מאַמעלע!

זיינע רייד זיינען געפלאָסען רוהיג און האָבען מעכטיג פערשטויסען ערגעץ אָן אַ זייט די שרעק און מורא פאַר דער ערוואַרטעטער אָביסקע. זיינע בולטע אויגען האָבען העל און אומעטיג געלויכטען.

די מוטער האָט אַ זיפץ געטהאָן און האָט איהם צוגעוואונשען:

— זאָל אייך גאָט מצליח זיין, אַנדריושאַ!

דער קליין־רום האָט ברייט אַ שפּרייז געטהאָן צום סאַמאָוואר, האָט

זיך ווידער אַניעדערגעזעצט אויף דער קלעצעל לעבען איהם און האָט שטיל אַרויסגעמורמעלט:

— ווער קומען דאָס גליק, וועל איך זיך ניט אָפּזאָגען. בעטען וועל איך ניט; איהם געהמען האָב איך קיין צייט ניט!

און ער האָט אָנגעהויבען צו פייפען.

פּאַוועל איז אַריינגעקומען פון הויף און האָט מיט זיכערהייט געזאָגט:

— זיי וועלען שוין דאָס ניט געפינען! — און ער האָט זיך גענומען איינוואַשען. אָבווישענדיג זיך די הענד האָט ער זיך געווענדעט צו דער מוטער:

— מאַמע, אויב דו וועסט זיי צייגען, אַז דו האָסט זיך דערשראָקען, וועלען זיי דענקען, מסתמא איז דאָ עפּעס פאַראַן, אַז זי ציטערט אַזוי. און מיר האָבען נאָך גאָר ניט געטהאָן... נאָך גאָרניט. דו ווייסט דאָך, קיין שלעכטעס ווילען מיר ניט; דער אמת איז אויף אונזער זייט און מיר וועלען אונזער גאַנצען לעבען קעמפּפען פאַר איהם. דאָס איז אונזער גאַנצע שולד. וואָס זשע האָבען מיר מורא צו האָבען?

— איך וועל זיך שטאַרקען, פּאַווליושאַ! — האָט זי איהם צוגעזאָגט, און גלייך נאָך דעם האָט זיך ביי איהר אַרויסגעריסען אַן אומעטיגער אויסרוף:

— וואָלטען זיי שוין גיכער קומען!

זיי זיינען אָבער יענע נאַכט ניט געקומען און אויף מאָרגען, וועלענדיג פערמיידען די שפּאַס, וועלכע די אַרומיגע וואָלטען געמאַכט פון איהר, וואָס זי האָט זיך אַזוי געשראָקען, האָט די מוטער אַליין אָנגעפאַנגען צו שפּאַסען פון זיך.

## 10.

זיי זיינען געקומען גראָדע דאַן, ווען מען האָט זיי ניט ערוואַרטעט, כמעט אין אַ מאָנאַט אַרום נאָך דער אונרוהיגער נאַכט. ביי פּאַוועל'ען איז דאַן געזעסען ניקאָלאַי וויעסאָווטשיקאָוו און צוזאַמען מיט אַנדריי'ען האָבען זיי געשמועסט וועגען זייער צייטונג. עס איז געווען שפּעט, אַרום האַלבע נאַכט. די מוטער איז שוין געלעגען אין בעט און איינשלאָפענדיג האָט זי ווי דורכ'ן חלום געהערט די פערזאָרגטע שטילע שטימען. אָט איז אַנדריי פאָרזיכטיג דורכגעגאַנגען דורכ'ן קיך און האָט שטיל צוגעמאַכט הינטער זיך די טהיר. אין פאַרהויז האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּען פון בלעכענעם עמער און פּלוצלונג האָט זיך די טהיר ברייט פאַנאַנדערגעעפענט, דער קליין־רוס איז אַריינגעשפּרונגען אין קיך און האָט הויך אַרויסגעשעפּטשעט:

— גרייט זיך צו. שפּאָרען קלינגען אויפ'ן גאַס!...

די מוטער איז אויפגעשפרונגען פון בעט, האט מיט איהרע ציטערנדיגע הענד געכאפּט איהרע קליידער, נאר פון צימער איז ארויס פּאוועל און האט רוהיג געזאגט:

— דו בלייב ליגען... דו ביסט קראנק!...

אין פאַרהויז האט זיך דערהערט א שטילער רויש. פּאוועל איז צו־געגאנגען צום טהיר און, א שטוים טהוענדיג איהר מיט'ן האנד, האט ער געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?

אין טהיר האט זיך עפּעס מאָדנע שנעל אריינגערוקט א הויכע גרויע פיגור, נאכדעם א צווייטע, צוויי זשאנדארען האבען פּאוועל'ן אָבגעשטויסען צוריק, האבען זיך פּאנאנדערגעשטעלט פון זיינעביידע זייטען און עס האט זיך דערהערט א הויכע שפּאָטישע שטימע:

— ניט די וועמען איהר האט ערווארטעט, ניט אזוי?

דאס האט געזאגט דער הויכער, דארער אָפיציער מיט די שווארצע שיטערע וואָנצעס. לעבען דער מוטערס בעט האט זיך בעוויזען דער פּאָ־ליציסט פון פאָרשטאָדט, פעדיאקין, און, צוליגענדיג איין האנד צום היטעל און מיט דער צווייטער אָנצייגענדיג אויף דער מוטער, האט ער געזאגט, אויסשטעלענדיג א פּאָר שרעקליכע אויגען:

— אָט דאס איז זיין מאַמע, הערר אָפיציער! און א מאך טהוענדיג מיט'ן האנד אויף פּאוולען, האט ער צוגעגעבען: — און דאס איז ער אליין!

— פּאוועל וולאסאוו? — האט דער אָפיציער געפרעגט, פערזשמו־רענדיג די אויגען. און ווען פּאוועל האט שווייגענדיג א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, האט ער ערקלעהרט, דרעהענדיג די וואָנצעס:

— איך דארף מאכען אַן אָביסקע ביי דיר... שטעה אויף אלטע! ווער איז דאָרט? — האט ער געפרעגט, ארייַנקוקענדיג אין צימער און איז האסטיג אריין אהין.

— ווי הייסט איהר? — האט זיך דערהערט זיין שטימע. פון פאָרהויז זיינען ארויסגעקומען די צוויי פּאָליציייסקע עדות, דער אלטער אייזען־גיסער טוועריאקאוו און זיין קווארטיראַנט דער הייצער ריבין, א סאָלידער שווארצער פּויער. ער האט מיט א מיעפער הויכער שטימע געזאגט:

— גוט מאָרגען, נילאָוונא!

זי האט זיך שנעל אָנגעטהאָן און אום צוצוגעבען זיך מעהר מוטה, האט זי שטיל געזאגט:

— וואס איז דאס אזוינס!... מען קומט ביי נאכט... מענשען האבען זיך געלייגט שלאָפען און זיי קומען!...

אין צימער איז געווען ענג און עס האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער גערוך פון שוה־וואַקס. צוויי זשאַנדאַרען און דער פּריסטאַוו פון פאָרשטאָדט, ריסקין, האָבען אַרונטערגענומען פון פאַליצע די ביכלעך און האָבען זיי אוועקגעלעגט לעבען אָפיציער, הויך קלאַפּענדיג מיט די פיס. די אַנדערע צוויי זשאַנדאַרען האָבען געקלאַפּט מיט די פויסטען אין די ווענד און האָבען אַרומגעזוכט די שטוהלען. איינער איז אונגעשיקט געקראָכען אויפ'ן אויווען. דער קליין־רוס און וויעסאָוושטשיקאָוו זיינען געשטאַנען נאָהענט איינע צו די אַנדערע אין ווינקעל. וויעסאָוושטשיקאָוו'ס געשטופּעלטער פּנים איז געווען בעדעקט מיט רויטע פלעקען און זיינע קליינע אויגען האָבען שאַרף אָנגעקוקט דעם אָפיציער. דער קליין־רוס האָט געדרעהט די וואָנצעס און ווען די מוטער איז אריין אין צימער, האָט ער שמייכלענדיג פריינדליך אַ שאָקעל געטהאָן צו איהר מיט'ן קאָפּ.

זי האָט געזוכט צו אונטערדריקען איהר שרעק און האָט זיך ניט בעוועגט ווי שטענדיג מיט אַ זייט; זי איז געגאַנגען גלייך מיט דער ברוסט פאָראויס. דאָס האָט צוגעגעבען איהר געשטאַלט אַ לעבערליכען אָנגעבלאָזענעם אויסזעהן. זי האָט שטאַרק געטאָפּטשעט מיט די פיס און איהרע אויגען־ברעמען האָבען געציטערט.

דער אָפיציער האָט מיט זיינע דינע ווייסע פינגער געטאַפּט די ביכער, האָט זיי גיך דורכגעבלעטערט, דורכגעטרייסעלט און האָט זיי אוועקגעוואָרפען אָן אַ זייט. אַלע האָבען געשוויעגען. עס האָט זיך געהערט דאָס שווערע סאָפּען פון די פערשוויצטע זשאַנדאַרען, עס האָבען געקלונגען די שפּאָרען און ציימענווייז האָט זיך געהערט אַ שטילע פראַגע:

— דאָ האָסטו נאָכגעזעהן?

די מוטער איז געשטאַנעןביין וואַנד לעבען פּאַוועלען, די הענד פערלעגט אויפ'ן הארצען, פּונקט ווי פּאַוועל, און האָט אויך געקוקט אויפ'ן אָפּיציער. איהרע קניע האָבען געציטערט און איהרע אויגען זיינען פערשלייערט געוואָרען פון אַ גראָהען נעבעל.

פּלוצלונג האָט זיך אין דער שטילקייט דערהערט ניקאָלאַי'ס שאַרפע שטימע:

— פאַרוואָס דאַרפט איהר נאָך וואַרפען די ביכער אויף דר'ערד?

די מוטער האָט אַ ציטער געטהאָן. טווערדאָכאָף האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, אַקוראַט ווי מען וואָלט איהם אַ שטויס געטהאָן אין קאַרק און ריבין האָט זיך אָבגעטרייסעלט און האָט אויפמערקזאַם אָנגעקוקט ניקאָלאַיען.

דער אָפיציער האָט פערזשמורעט די אויגען און האָט זיך אויף איין

סעקונדע איינגעגעסען אין ניקאָלאַי'ס געשטופּעלטען אונבעוועגליכען פּנים... זיינע פינגער האָבען נאָך גיכער אָנגעהויבען צו בלעטערען די ביכער. צייט־טענווייז האָט ער אַזוי פאַנאַנדערגעריסען זיינע גרויסע גרויע אויגען, פונקט ווי עס וואָלט איהם אונמעגליך געווען אריבערצוטראָגען דעם וועהטאָג און ער וואָלט געוואָלט אויסשרייען פאַר שמערץ.

— סאָלדאַט! — האָט וויעסאָוושטשיקאָוו ווידער געזאָגט, — הויב אויף די ביכער...

אַלע זשאַנדאַרען האָבען זיך אומגעקעהרט צו איהם און האָבען דערנאָך אַ קוק געטהאָן אויפ'ן אָפיציער. דער אָפיציער האָט ווידער אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט מיט אַ פאַרשענדען בליק בעטראַכט די ברייטע געשטאַלט פון ניקאָלאַיען און האָט אַ זאָג געטהאָן אונטער'ן נאָז: נאַ־אַ... הויבט זיי אויף.

איין זשאַנדאַר האָט זיך איינגעבויגען, האָט געוואָרפען אַ קרומען בליק אויף וויעסאָוושטשיקאָווען און האָט אָנגעהויבען אויפקלייבען פון דר'ערד די צושאָטענע ביכער...

— ניקאָלאַי וואָלט בעסער געשוויגען! — האָט די מוטער שטיל אַ שושקע געטהאָן צו פּאַוולען.

ער האָט אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס. דער קליין־רוס האָט אַראָפּגעלאָזען די קאָפּ.

— וואָס שושקעט מען זיך דאָרטען? איך הייס אייך שווייגען! ווער לייענט דאָ די ביבעל?

— איך, — האָט פּאַוועל געענטפערט.

— אהאַ... און וועמענס זיינען די אַלע אַנדערע ביכער?

— מיינע! — האָט פּאַוועל ווידער געענטפערט.

— אַזוי! — האָט דער אָפיציער אַרויסגערעדט, זיך אָנשפּאַרענדיג אָן ווענטעל פון שטוהל. דאַן האָט ער אַ קנאַק געטהאָן די פינגער פון זיינע דינע הענד, האָט אויסגעצויגען די פיס אונטער'ן טיש, האָט אַ גלעט געטהאָן די וואָנצעס, און האָט אַ פרעג געטהאָן ניקאָלאַיען:

— ביזטו דאָס אַנדרעי נאַכאָדקאַ?

— איך! — האָט געענטפערט ניקאָלאַי, זיך אַרויסרוקענדיג פאָראויס.

דער קליין־רוס האָט אויסגעצויגען די האַנד, האָט איהם אָנגענומען פאַר'ן פּלייצע און אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט.

— ער האָט אַ טעות געהאַט! איך בין אַנדרעי...

דער אָפיציער האָט אויפגעהויבען די האַנד, האָט אַ סטראַשע געטהאָן וויעסאָוושטשיקאָוו'ען מיט'ן קליינעם פינגער און האָט געזאָגט: „דו, היט זיך!...“ און האָט זיך אָנגעהויבען ראָיען אין די פּאַפּיערען.

פון גאס האָט מיט האַרצלאָזע אויגען אַריינגעשיינט אין פענסטער די העלע לבנה־נאַכט. אימיצער איז אין דרויסען לאַנגזאַם אַרומגעגאַנגען הין און צוריק און דער שנעע האָט געסקריפּעט...

— נאַכאַדקאַ, דו ביזט שוין געווען ווען ניט איז אַנגעקלאַגט אין פּאָליטישע פערברעכענס? — האָט געפרעגט דער אָפיציער.

— יאָ, אין ראָסטאָוו און סאַראַטאָוו... נאָר דאָרטען האָבען די זשאַנדאַרען צו מיר געזאָגט: „איהר" און ניט „דו", — האָט געענטפערט אַנדריי.

דער אָפיציער האָט אַ פינטעל געטהאָן מיט דער רעכטער אויג, האָט איהר אויסגעריבען מיט'ן האַנד און פערשטשירענדיג זיינע קליינע צייהנער, האָט ער געזאָגט:

— איז איך ניט בעקאַנט, — איך זאָג טאַקע „אייך", — ווער זיינען עס די לומפּען, וועלכע וואַרפען פאַנאַנדער אויפ'ן פאַבריק די פערברעכערישע אויפרופען און ביכלאַך. האַ?

דער קליין־רוס האָט געמאַכט אַ בעוועגונג מיט די פיס און האָט מיט אַ ברייטען שמייכעל געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר דאָ האָט זיך ווידער דערהערט ניקאָליי'ס אויפגערעגטע שטימע:

— לומפּען זעהען מיר צום ערשטען מאָל...

ס'איז געוואָרען שטיל און אויף אַ רגע זיינען אַלע געבליבען אונבעוועגליך. דער שראַם אויף דער מוטערס פּנים איז בלאַס געוואָרען און איהר רעכטער ברעם האָט זיך פערקאַטשעט אַרויף. ריבין'ס שוואַרצע באָרד האָט עפּעס מאָדנע געציטערט; ער האָט אַראָפּגעלאָזען די אויגען און האָט מיט זיינע פינגער לאַנגזאַם גענומען פאַנאַנדערקאַמען די באָרד.

— פיהרט אַרויס דעם גראָבען יונג פון דאַנען! — האָט דער אָפיציער אַ געשריי געטהאָן.

צוויי זשאַנדאַרען האָבען גענומען ניקאָלאַיען אונטער די אָרעמס און האָבען איהם אַרויסגעשטויסען אין קיך. דאָרטען האָט ער זיך אָבגעשטעלט, פעסט איינשפּאַרענדיג זיך מיט די פיס אָן דער פּאָדלאָגע און האָט אַ געשריי געטהאָן:

— וואַרט... איך וועל זיך אָנטהאָן!

פון הויף איז אַריינגעקומען דער פּריסטאַוו און האָט אַ זאָג געטהאָן:

— קיין זאַך ניט געפונען, אַלעס אַרומגעזעהן!

— נו, פערשטעהט זיך! — האָט דער אָפיציער מיט אַ שמייכעל אויסגערופען — איך האָב דאָס פריהער געוואוסט! דאָ געפינט זיך אַ געניטער מענש... גאַנץ נאַטירליך!

ווען די מוטער האָט געהערט דעם אָפיציער'ס שוואַכע, ציטערדיגע און

געבראָכענע שטימע, און ווען זי האָט מיט מורא אָנגעקוקט זיין געלען פּנים, האָט זי געפיהלט, אַז דיעזער מענש איז איהר שונא, אַ פיינד אָהן רחמנות, מיט אַ הארץ, וואָס איז אָנגעפילט מיט דער פריצישער פעראַכטונג צו די מענשען. זי האָט אויך פריהער ווענינ געזעהן אַזעלכע מענשען, און יעצט האָט זי גאָר אין גאַנצען פערגעסען, אַז זיי זיינען דאָ אויף דער וועלט.

— אָט דאָס זיינען עס די מענשען, וועמען פּאַוועל און זיינע חברים פערשאַפען דאָס אונאַנגענעהמליכקייטען, — האָט זי אַ טראַכט געטהאָן.

— איך, דעם אונגעזעצליך־געבאָרענעם, אַנדריי נאַכאָדקאַ, אַרעס־טיר איך!

— פאַר וואָס? — האָט רוהיג דער קליין־רוס געפרעגט.

— דאָס וועל איך אייך שוין שפּעטער זאָגען! — האָט מיט אַ בייזער העפליכקייט געענטפערט דער אָפיציער און, ווענדענדיג זיך צו דער מוטער, האָט ער אַ געשריי געטהאָן צו איהר:

— קענסטו שרייבען?

— ניין! — האָט געענטפערט פּאַוועל.

— איך פרעג ניט דיר! — האָט שטרענג געזאָגט דער אָפיציער, און האָט וויעדער געפרעגט:

— אַלטע, ענטפער! דו קענסט שרייבען?

די מוטער האָט ניט ווילענדיג זיך אונטערגעגעבען דעם געפיהל פון האַס צו דיעזען מענשען. איהר גאַנצער קערפער האָט אויפגעציטערט, פּונקט ווי זי וואָלט פּלוצלונג אַריינשפּרינגען אין קאַלטע וואַסער. זי האָט זיך אויסגעגלייכט, איהר שראַם איז רויטער געוואָרען און די ברעם האָט זיך אַראָפּגעלאָזען:

— שרייט ניט אַזוי! — האָט זי געזאָגט, אויסציהענדיג צו איהם איהר האַנד — איהר זייט נאָך אַ יונגער מאַן... איהר האָט נאָך קיין צרות ניט געהאַט.

— בערוהיג זיך, מאַמע! — האָט איהר פּאַוועל אָבגעשטעלט.

— דאָ, מאַמעלע, דאַרף מען נעהמען די האַרץ צווישען די צייהנער און איהר צוזאַמענקוועטשען! — האָט געזאָגט דער קליין־רוס.

— וואַרט, פּאַוועל! — האָט אַ געשריי געטהאָן די מוטער, און איז צוגעשפּרונגען צום טיש. פאַר וואָס כאַפּט איהר עס די מענשען?

— דאָס איז ניט אייער עסק... שווייגט! — האָט דער אָפיציער אַ געשריי געטהאָן, אויפשטעהענדיג פון אָרט. — פיהרט אַריין דעם אַרעס־טירטען וויעסאָווטשיקאָוו!

ער האָט אָנגעהויבען צו לייענען א פּאַפּיער, אויפהויבענדיג איהם נאָ־הענט צום פּנים.

מען האָט אריינגעפיהרט ניקאָלאַיען.

— נעהם ארונטער די היטעל! — האָט דער אָפיציער א געשריי געטהאָן, אונטערברעכענדיג דאָס לעזען.

ריבין איז צוגעגאנגען צו דער מוטער און, א שטופּ טהוענדיג איהר אין פּלייצע, האָט ער שטיל געזאָגט:

— קאָך זיך ניט אזוי, פּעלאגעיא...

— ווי קען איך אראָפּנעהמען די היטעל, ווען מען האלט מיך פאר די הענד? — האָט ניקאָלאַי אריבערגעשריען דאָס פאָרלעזען פון אָפיציער.

דער אָפיציער האָט א וואָרף געטהאָן דעם פּראָטאָקאָל אויפ'ן טיש:

— שרייבט אונטער!

די מוטער האָט געקוקט, ווי אַלע שרייבען אונטער דעם פּראָטאָקאָל. איהר אויפרעגונג האָט זיך געלעגט, איהר מוטה איז געפאַלען און איהרע אויגען זיינען פערלאָפען געוואָרען מיט ביטערע טרעהרען פון בעליידיגונג און מאכטלאָזיגקייט. מיט אזעלכע טרעהרען האָט זי געוויינט די גאנצע צוואנציג יאָהר, וואָס זי איז געווען פערהייראַט; נאָר די לעצטע יאָהרען האָט זי כמעט פערגעסען זייער ביטערען טעם. דער אָפיציער האָט א קוק געטהאָן אויף איהר און, פערקנייטשענדיג מיט פעראַכטונג דעם שטערען, האָט ער בעמערקט:

— צו פריה רעוועט איהר, גנעדיגע פרוי! וואַרט נאָך, אניט וועט איך ניט קלעקען קיין טרעהרען אויף שפּעטער!

זי איז ווידער אין כעס געוואָרען און האָט געזאָגט:

— ביי א מוטער וועט אויף אַלץ קלעקען טרעהרען... אויף אַלץ! אויב איהר האָט א מוטער, ווייס זי דאָס גאנץ גוט!

דער אָפיציער האָט געשווינד צוזאַמענגעלייגט די פּאַפּירען אין זיין נייעם פּאָרטפעל מיט'ן בלישטשענדיגען שלעסעל.

ווי שטאָלץ זיי זיינען דאָס אַלע! — האָט ער זיך געווענדעט צום פּריסטאַוו.

— עזות'קייט! — האָט ארויסגעמורמעלט דער פּריסטאַוו.

— מאַרש! — האָט א קאָמאַנדע געטהאָן דער אָפיציער.

— צום ווידערזעהן, אנדריי! צום ווידערזעהן, ניקאָלאַי! — האָט פּאַוועל געזאָגט שטיל און וואַרעם און האָט געדריקט די חברים די האַנד.

— גאנץ ריכטיג: צום ווידערזעהן! — האָט שמייכלענדיג אָבגעלאַכט דער אָפיציער.

וויעסאָוושטשיקאָוו האָט שוויינענדיג געדריקט פּאַוועל'ס האַנד מיט זיינע קורצע פינגער און האָט הויך געסאָפּעט. זיין דיקע האַלז איז אָנגע־גאָסען געוואָרען מיט בלוט, די אויגען האָבען בייז געפינקעלט. דער קליין־רוס האָט געשמייכעלט, האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און האָט עפּעס געזאָגט דער מוטער: זי האָט איהם גע'צלמ'ט און האָט געענטפערט:

— גאָט פערלאָזט ניט די גערעכטע!...

ענדליך האָבען זיך די מענשען אין די גרויע שינעלען ארויסגערוקט אין פּאַרהויז און, קלינגענדיג מיט ד שפּאָרען, זיינען זיי אוועק. דער לעצטער איז ארויס ריבין; ער האָט אָבגעמאָסטען פּאַוולען מיט אַן אויפמערקזאַמען בליק און האָט נאָכדענקענדיג ארויסגערעדט:

— נו... זייט מיר געזונד!

דאַן האָט ער אונטערגעהוסט אין באָרד און איז לאַנגזאַם ארויס אין פּאַרהויז.

פּאַוועל האָט פערלעגט די הענד אויפ'ן רוקען און איז לאַנגזאַם ארומ־געגאַנגען איבער'ן צימער, שפּרייזענדיג איבער די ביכער און די וועש, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפ'ן פּאָדלאָגע און האָט מיט כעס גערעדט:

— זעהסטו שוין, ווי עס קומט פאָר?...

בעטראַכטענדיג דאָס אָנגעוואָרפענע צימער און ניט בעגרייפענדיג גע־נוי וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָט די מוטער מיט אַן אומעטיגען טאָן ארויסגעשעפּטשעט:

— צו וואָס האָט עס ניקאָלאַי איהם געדאַרפט זידלען?

— ער האָט זיך מסתמא דערשראָקען... — האָט שטיל געענטפערט פּאַוועל. — יאָ, מיט זיי טאָר מען ניט ריידען... קיין זאַך טאָר מען ניט!...

— געקומען, ארויסגעכאַפּט, אוועקגעפיהרט... — האָט געמורמעלט די מוטער, מאַכענדיג מיט די הענד.

דער זוהן איז געבליבען אין הויז, איהר האַרץ האָט אָנגעהויבען צו קלאַ־פּען רוהיגער, איהר געדאַנק אָבער איז געווען צו שוואַך צו פערשטעהן דיעזע פּאַסירונג.

— ער מאַכט חוזק, דער געלער, ער סטראַשעט...

— גוט, מאַמע! — האָט פּלוצלונג פּאַוועל פעסט ארויסגערעדט, — קום, לאָמיר דאָס אַלעס צוזאַמענקלייבען...

ער האָט צו איהר געזאָגט די ווערטער „מאַמע“ און „קום“ מיט אַזאַ טאָן, וועלכען ער האָט געברויכט נאָר דאַן, ווען ער איז געוועזן זעהר נאָהענט צו איהר. זי האָט זיך צוגערוקט צו איהם, האָט איהם אריינגעקוקט אין פּנים און האָט שטיל און צערטליך איהם געפרעגט:

— מען האָט דיך בעליידיגט?...

— יא! — האָט ער גענטפערט, — דאָס איז עקעלדיג... שווער!... בעסער שוין מיט זיי צוזאַמען...

איהר האָט זיך גדוכט, אַז זיינע אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרעהרען און, וועלענדיג איהם טרייסטען, פיהלענדיג זיין שמערץ, האָט זי אָפּזיפּ־צענדיג געזאָגט:

— וואַרט... מען וועט דיר אויך צונעהמען!...

— מען וועט צונעהמען! — האָט ער זיך אָבגערופען.

נאָך אַ קורצען שטילשוויגען, האָט די מוטער אומעטיג בעמערקט:

— זעה, פּאַוועל, וואָס פאַר אַ שטרענגער דו ביזט! וואָלסט כאָטש ווען ניט איז מיר געטרייסט... און איצט קומט אויס, אַז איך שרעק זיך, און דו וואַרפסט נאָך אַרויף אויף מיר אַ גרעסערע אימה.

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר, איז צוגעגאַנגען נעהנטער און האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— איך קען דאָס ניט, מאַמע! איך קען ניט זאָגען קיין ליגען... דאַרפסט זיך צו דעם צוגעוואוינען.

זי האָט אַ זיפץ געטהאָן און, שוויגענדיג אַ ווייל, האָט זי אַ זאָג גע־טהאָן, איינהאַלטענדיג דעם שרעק:

— און ווי איז ווען זיי פּייניגען די מענשען? רייסען דעם קערפּער, צוברעכען די ביינער... ווען איך טראַכט נאָך וועגען דעם, טהייערער פּאַוו־ליושא, ווערט מיר שרעקליך!...

— מיר דוכט זיך, אַז זיי פּייניגען די נשמה און ניט דעם גוף... עס איז אַ גרעסערער וועהטאָג, ווען זיי רייסען די נשמה מיט זייערע שמוציגע לאַפּעס...

## 11.

אויף מאָרגען האָט מען זיך דערוואוסט, אַז עס זיינען אַרעסטירט גע־וואָרען קוזין, סאַמאַילאָוו, סאָמאָוו און נאָך פיעלע אַנדערע.

אין אָבענד איז אַריינגעלאָפען פעדיא מאַזין — ביי איהם איז געווען אַן אָביסק. ער איז געווען זעהר צופריעדען דערמיט און האָט זיך געפיהלט אַלס העלד.

— נו, פעדיא, האָסט עפּעס מורא געהאַט? — האָט די מוטער איהם געפרעגט.

ער איז בלאַס געוואָרען, זיין פּנים איז געוואָרען שאַרפער און די נאָז־לעכער האָבען אַ ציטער געטהאָן.

— איך האָב מורא געהאַט, אַז דער אָפיציער זאָל זיך ניט שלאָגען, —

האָט ער געענטפערט. אזא דיקער מיט אזא שווארצער באָרד. די פינגער זיינען ביי איהם האָריגע און אויפ'ן נאָז טראָגט ער א פּאָר שווארצע ברילען, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אָהן אויגען. ער האָט געשריען, געטאָפּעט מיט די פיס! דו וועסט ביי מיר פערפוילט ווערען אין טורמע, האָט ער געזאָגט... מיך אָבער האָט מען קיינמאָל ניט געשלאָגען, ניט דער טאַטע, ניט די מאַמע, ווייל איך בין א בן יחיד. זיי האָבען מיך ליעב געהאַט. אַלעמען שלאָגט מען, אָבער מיר ניט...

ער האָט אויף א ווײלע צוגעמאַכט די אויגען, צוזאַמענגעדריקט די ליפּען און האָט מיט ביידע הענד געשיקט צו־רעכט־געמאַכט די האָאר אויפ'ן קאָפּ און, אָנקוקענדיג פּאַוולען מיט זיינע רויט־געוואָרענע אויגען, האָט ער ארויסגערעדט:

— ווען מען וועט מיך א קלאַפּ טהאָן, דאַן וועל איך זיך, ווי א מעסער, אריינעסען אין דעם מענשען... איך וואָלט איהם צובייסען מיט די צייהנער... און זאָלען זיי מיך דאַן אין גאַנצען אוועק'הרג'ענען!...

— פערטהיידיגען מעגסטו זיך, דאָס פּאָדערט דיין מענשליכע רעכט! — האָט פּאַוועל געזאָגט.

— דו ביזט דאָך אזוי שוואַך! — האָט אויסגערופען די מוטער, — דו קענסט זיך געהן שלאָגען?

— איך וועל עס טהאָן! — האָט שטיל געזאָגט פעדיא.

ווען ער איז אוועקגעגאַנגען, האָט די מוטער געזאָגט צו פּאַוולען:

— ער וועט דער ערשטער אומקומען!...

פּאַוועל האָט געשוויעגען.

אין אייניגע מינוטען ארום האָט זיך די טהיר פון קיך לאַנגזאַם געעפענט און ריבין איז אריינגעקומען.

— גוטען אבענד! — האָט ער שמייכלענדיג ארויסגערעדט. — אָט בין איך ווידער געקומען. נעכטען האָט מען מיר געבראַכט, און היינט בין איך אַליין געקומען. יא! ער האָט פּאַוולען קרעפּטיג א דריק געטהאָן די האַנד, האָט אָנגענומען די מוטער ביין פּלייצע און האָט א פרעג געטהאָן:

— טהעע וועסטו אונז געבען?

פּאַוועל האָט שווייגענדיג בעטראַכט זיין ברוינעם, ברייטען פּנים מיט די געדיכטע שווארצע באָרד און דונקעלע, קלוגע אויגען. אין זיין רוהיגען בליק האָט געגלאַנצט עטוואָס וויכטיגעס, און אין זיין גאַנצער מאַסיווער פיגור האָט זיך געפיהלט עפּעס אזוינס, וואָס האָט געשאַפען א צוטרויען צו איהם.

די מוטער איז אוועקגעגאַנגען אין קיך אויפשטעלען דעם סאַמאָוואַר.

ריבין האט זיך אניעדערגעזעצט, האט געגלעט זיין באָרד און, אוועקלעגענדיג די עלענבויגענס אויפ'ן טיש, האט ער געקוקט אויף פאוולען מיט א פינ־סטערען בליק.

— הייסט עס, — האט ער געזאגט, פונקט ווי ער וואלט פארטגעזעצט אן איבערגעריסענעם געשפרעך. — איך מוז זיך מיט דיר אפען דורכריידען. איך האב דיר שוין לאנג בעטראכט, בעפאר איך בין צו דיר געקומען. מיר וואוינען כמעט איינע לעבען די אנדערע, איך זעה מענשען קומען צו דיר א סך און ניט איהר טרינקט און ניט איהר הולטאיעוועט און ניט איהר הרג'עט זיך ארום. דאס איז די ערשטע זאך. אויב מענשען מאכען ניט קיין טומלעניש, קען מען דאס גלייך דערקענען — וואס איז דאס אזוינס? יא. אט דערפאר טאקע שטעך איך אייך אלעמען די אויגען, וואס איך לעב זיך אן א זייט און טהו ניט קיין פאסקודנע זאכען...

זיין רעדע איז געפלאסען שווער, אבער פריי, און אין איהר האבען זיך געהערט טענער, וואס האבען ארויסגערופען צוטרויען צו דעם מענשען.

— יא, אלע האבען אנגעהויבען רעדען וועגען דיר. מיינע בעלי־בתים רופען דיר אבטריניגער, — אין קירכע געהסטו ניט. איך געה אויך ניט. דערנאך האבען זיך בעוויעזען די פאפיערלעך, אט די פראקלאמאציעס... האסטו עס טאקע אויסגעטראכט?

— איך! — האט פאוועל געענטפערט, ניט אראפלאזענדיג די אויגען פון ריבין'ס פנים. ער וויעדער האט אויך פעסט געקוקט אויף פאוולען.

— וואס זאגסטו דארטען! — האט די מוטער אונרוהיג אויסגערופען, ארויסקוקענדיג פון קיך, — דאך ניט דו אליין...

פאוועל האט א שמייכעל געטהאן. ריבין אויך.

— אזוי איז דאס? — האט ער געזאגט.

די מוטער האט הויך איינגעאטהעמט לופט דורכ'ן נאז און איז אוועק־געגאנגען א ביסעל א בעליידיגטע צוליעב דעם, וואס זיי האבען ניט געשאנקען קיין אויפמרקזאמקייט צו איהרע ווערטער.

— די בלעטלעך זיינען פיין צוזאמענגעשטעלט... זיי בעאונרוהיגען די מענשען... וויפיעל האט איהר שוין געהאט אזעלכענע בלעטלעך? דאכט זיך ניינצעהן?

— יא! — האט פאוועל געענטפערט.

— הייסט עס, איך האב זיי אלע געלעזען! אזוי איז דאס. מאנכע זאכען פערשטעה איך ניט, מאנכע זאכען זיינען איבעריג... נאר ווען א מענש רעדט א סך, מאכט עס ניט אויס, ווען ער רעדט א דוצענד איבעריגע ווערטער.

ריבין האָט אַ שמייכעל געטהאָן. זיינע צייהנער זיינען געווען ווייס און שטאַרק.

— דערנאָך דער אַביסק. דאָס האָט מיך נאָך מעהר צוגעצויגען צו אייך... און דו, און דער קליין־דוס און ניקאָלאַי — איהר אַלע האָט זיך דאָן אַרויסגעוויעזען...

ניט געפינענדיג קיין פּאַסענדע ווערטער, איז ער אַנטשוויגען געוואָרען, האָט אַ קוק געטהאָן אין פענסטער און האָט געקלאַפּט מיט די פינגער אויפ'ן טיש.

— איהר האָט געציינט, וואָס איהר ווילט. טהו דו דיין אַרבייט און מיר וועלען טהאָן דאָס אונזעריגע. דער קליין־דוס איז אויך אַ גוטער יונג. מאַנכעס מאָל הער איך, ווי ער רעדט אויפ'ן פאַבריק, און איך טראַכט: איהם וועט מען ניט ברעכען, נאָר דער טויט קען איהם בעזיעגען. אַ העלדישער יונג! דו פּאַוועל, דו גלויבסט מיר?

— איך גלויב! — האָט פּאַוועל געזאָגט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

— נו, מילא. קוק מיך אָן — איך בין פערציג יאָהר אַלט. איך בין צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי דו, האָב צוואַנציג מאָל מעהר געזעהן פאַר דיר. דריי יאָהר בין איך געווען אַ סאָלדאַט, צוויי מאָל בין איך געווען פערהייראַט, איינע איז געשטאָרבען, די צווייטע האָב איך אוועקגעוואָרפען. אין קאַווקאַז בין איך געווען און קען די דוכאָבאָרצעס, אַ סעקטע אַזאַ... זיי וועלען דאָס לעבען ניט בעזיעגען, ניין!

די מוטער האָט זיך זשעדנע צוגעהערט צו זיינע פעסטע רייד, און איהר איז געווען אַנגענעהם צו זעהן, אַז צו איהר זוהן איז געקומען אַן עלטערער מענש און רעדט מיט איהם, פונקט ווי ער וואָלט זיך מתודה זיין. איהר האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז פּאַוועל פיהרט זיך אויף צו טרוקען מיט'ן גאַסט און אום ווייכער צו מאַכען זיינע בעציהונגען, האָט זי געפרעגט ריבינען:

— אפשר ווילסטו עפּעס עסען, מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש?

— אַ דאַנק, מוטער. איך האָב שוין געגעסען. אַלזאָ, פּאַוועל, הייסט עס דו מיינסט, אַז דאָס לעבען פיהרט זיך פאַלש?

פּאַוועל איז אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעהויבען אַרומשפּאַצירען איבער'ן צימער, פערלייגט די הענד אויף הינטען.

— יאָ, עס געהט אויף דעם ריכטיגען וועג, — האָט ער געזאָגט, — אָט האָט דאָס אייך געבראַכט צו מיר און איהר האָט געעפענט אייער האַרץ. אונז, וועלכע אַרבייטען אָפּ דעם גאַנצען לעבען, פעראייניגט דאָס לעבען אַליין ביסלעכווייז, און עס וועט קומען די צייט, ווען ער וועט אונז אַלעמען פעראייניגען. אונגערעכט און שווער איז פאַר אונז דאָס לעבען, אָבער ער

אליין עפענט אונז די אויגען און גיט אונז צו פערשטעהן דעם ביטערען זין. דאָס לעבען אליין צייגט אונז אָן ווי אָנצוטרייבען גיכער דעם ראָד פון דער געשיכטע.

— דאָס איז ריכטיג. אָבער וואַרט אוים! — האָט איהם ריבין אָפּ־געשטעלט — מען דאַרף פריהער דעם מענשען בענייען, דענק איך. ווען אימיצער איז שמוציג און קרעציג, פיהר איהם אין באָד, וואַש איהם ארום, טהו איהם אָן ריינע קליידער און ער וועט געזונד ווערען! ניט אזוי? און ווען דאָס הארץ איז פערשמוצט, רייס ארונטער די הויט, ווען עס זאָל אפילו גיסען זיך דאָס בלוט; וואַש אוים די הארץ און בעקלייד איהר אויף דאָס ניי. ווי זשע דען קען מען אַ מענשען אויסרייניגען? אזוי איז דאָס.

פּאַוועל האָט אָנגעפאַנגען רעדען היים און שאַרף וועגען גאָט, וועגען קייסער, וועגען דער רעגיערונג, וועגען דער פאַבריק און וועגען דעם, ווי די ארבייטער אין אויסלאַנד קעמפּפען פאַר זייערע רעכטע. ריבין האָט צייטענווייז געשמייכעלט, צייטענווייז פלעגט ער אַ קלאַפּ טהאָן מיט'ן פינגער אָן טיש, אזוי ווי ער וואָלט וועלען שטעלען אַ פּונקט נאָך די רייד. עטליכע מאָל האָט ער אויסגערופען:

— אזוי איז עס!

און איינמאָל האָט ער שטיל געזאָגט:

— אָך, דו ביזט נאָך יונג... דו קענסט נאָך וועניג די מענשען!

דאַן האָט פּאַוועל זיך אָבגעשטעלט אנטקעגען איהם און ערנסט בעמערקט:

— לאָמיר ניט ריידען פון דעם, ווער עס איז עלטער און ווער אינגער! לאָמיר בעסער זעהן וועמעס געדאַנקען זיינען ריכטיגערע.

— הייסט עס, אז לויט דיין מיינונג האָט מען אונז מיט גאָט אויך אָבגענאַרט? איך דענק אויך, אז אונזער רעליגיאָן איז פאַלש און שעדליך...

דאָ האָט זיך ארייינגעמישט די מוטער. ווען דער זוהן האָט גערעדט וועגען גאָט און וועגען אַלץ, וואָס עס איז פאַר איהר טהייער און הייליג, האָט זי געזוכט צו בעגעגענען זיין בליק; איהר האָט זיך געוואָלט שוויי־גענדיג בעטען דעם זוהן, אז ער זאָל מיט זיינע שאַרפע און בייסענדע ווער־טער ניט צופּען איהר הארץ. אָבער הינטער זיין ניט גלויבען האָט זי גע־פיהלט אַ גלויבען, און דאָס האָט איהר בערוהיגט.

— ווי קום איך צו פערשטעהן זיינע געדאַנקען? — האָט זי געטראַכט.

איהר האָט זיך געדוכט, אז אַזאַ בעיאָרענטען מענשען ווי ריבינען איז אויך אונאַנגענעהם צו הערען פּאַוועלס רייד, נאָר ווען ריבין האָט רוהיג

געשטעלט פּאוולען זיין פראגע, האָט זי זיך ניט געקענט איינהאלטען און האָט קורץ אָבער פעסט ארויסגעזאָגט:

— וואָס ס'איז שייך צו גאָט — האָט איהר געמעגט זיין אביסעל פאַר־זיכטיגער! איהר טהוט וואָס איהר ווילט... און, איבערכאַפּענדיג דעם אָטהעם, האָט זי מיט נאָך מעהר קראַפט פאָרטגעזעצט:

— אָבער מיט וואָס וועל איך, אַלטע פרוי, מיך קענען טרייסטען אין מיין קומער, ווען מען וועט ביי מיר מיין גאָט אויך אַוועקנעהמען...

איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעגאָסען מיט טרעהרען. זי האָט געוואַשען די געפּעס און איהרע פינגער האָבען געציטערט.

— דו האָסט אונז ניט פערשטאַנען, מאַמע! — האָט שטיל און צערט־ליך פּאוועל ארויסגעזאָגט.

— פערצייה אונז, מאַמע! — האָט לאַנגזאַם צוגעלייגט ריבין און, לאַכענדיג, האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף פּאוולען. — איך האָב פערגעסען, אַז דו ביזט צו אַלט, אַז מען זאָל דיר די היהנער־אויגען אָפּשניידען...

— איך האָב גערעדט, — האָט פּאוועל פאָרטגעזעצט, — ניט וועגען דעם גוטען און גנעדיגען גאָט, אין וועלכען איהר גלויבט, נאָר וועגען דעם; מיט וועלכע די גלחים סטראַשען אונז, ווי מיט אַ שטעקען... וועגען יענעם גאָט, אין וועמעס נאָמען מען וויל אַלע מענשען צווינגען צו אונטערוואַרפען זיך דעם בייזען ווילען פון עטליכע מענשען.

— אַזוי איז עס טאַקע! — האָט ריבין אויסגערופען, אַ קלאַפּ טהוענדיג מיט די פינגער אויפ'ן טיש, — זיי האָבען אונז אפילו אַ פאַלשען גאָט אויך געגעבען. אַלץ וואָס זיי האָבען אין זייערע הענד, ווענדען זיי אָן געגען אונז! זעה נאָר, מאַמע. גאָט האָט דעם מענשען נאָך זיין אייגען געשטאַלט און אַלס זיין גלייכען בעשאַפען. הייסט דאָך דאָס, אַז גאָט איז עהנליך צום מענשען, ווען דער מענש איז עהנליך צו גאָט! און מיר זיינען גע־וואָרען עהנליך ניט צו גאָט, נאָר צו ווילדע חיות. אין קירכע צייגט מען אונז אַ סטראַשידלע... מיר מוזען אָן אַנדער גאָט האָבען, מיר מוזען איהם אויסלייטערען! מען האָט איהם אין ליגען און פאַלשקייט פערקליידט, מען האָט איהם דעם פּנים צוקרימט אום צו טויטען אונזערע נשמות!...

ער האָט גערעדט שטיל, נאָר מאָדנע דייטליך. יעדעס וואָרט פון זיינע רייד איז ווי אַ וווייכער, שווערער, בעטויבענדער קלאַפּ געפאַלען אויף דער מוטערס קאָפּ און זיין שוואַרצער, גרויסער און טרויעריגער פּנים האָט ארויס־גערופען ביי איהר אַ שרעק. דער דונקעלער גלאַנץ פון זיינע אויגען איז געוועזן אונערטרעגליך און האָט געוועקט אין איהר הארצען אַן אומעט און אַ נאָגענדע מורא.

— ניין, איך וועל בעסער אוועקגעהן, — האָט זי געזאָגט, אַ שאָקעל טהוענדיג מיט'ן קאָפּ, — איך האָב קיין כח ניט צו האָרכען אַזעלכע רייד... איך קען ניט!

און זי איז שנעל אַרויס אין קיך בעגלייט פון ריבין'ס ווערטער:

— זי איז געזעכט, פּאַוועל! ניט אין קאָפּ, זאָנדערן אין הארצען איז דער אָנפאַנג!... עס איז פאַראַן אַזאַ אָרט אין דעם מענשענס הארצען אויף וועלכען עס וועט קיין אַנדער זאַך ניט אויסוואַקסען...

— נאָר די פערנונפט! — האָט פּאַוועל פעסט געזאָגט, — נאָר זי וועט בעפרייען דעם מענשען!

— די פערנונפט גיט קיין קראַפט ניט, — האָט הויך און פעסט גע־ענטפערט ריבין — דאָס האַרץ גיט כח און ניט דער קאָפּ. אין דעם איז די זאַך!

די מוטער האָט זיך אויסגעטהאָן און האָט זיך אָהן אַ תפילה געלייגט אין בעט. איהר איז געוועזן קאַלט און אונאַנגענעהם. ריבין, וועלכער האָט זיך איהר פריהער אויסגעוויזען אַלס אַ קלוגער און געזעצטער מענש, האָט יעצט אין איהר ערוועקט אַ טעמפּע שנאה.

— אפּיקורס! אויפהעצער! — האָט זי געטראַכט, האָרכענדיג זיין שטימע, וועלכע האָט זיך געגאָסען פון זיין ברייטער בולטער האַרץ... ער איז אויך דאָ... מען דאַרף איהם דאָ נויטיג!

אָבער ער האָט גערעדט זיכער און רוהיג:

— אַ הייליגער אָרט דאַרף ניט ליידיג בלייבען. דאָרט, וואו גאָט וואוינט, איז אַן אָנגעוועטאָגטער אָרט... און אויב ער פאַלט אַרויס פון דאָרט, בלייבט אויף דעם אָרט אַ וואונד! אַזוי איז דאָס! מען מוז אויסטראַכטען אַ נייעם גלויבען... מען דאַרף בעשאַפען אַ נייעם גאָט פאַר אַלעמען, ניט קיין קריעגער, ניט קיין ריכטער, נאָר אַ גאָט אַ מענשען־פריינד.

— אַזעלכער איז דאָך געוועזן קריסטוס! — האָט פּאַוועל אויסגערופען.

— וואָרט! קריסטוס איז ניט געוועזן שטאַרק אין גייסט... ער האָט אויף דעם הערשער אַנערקענט... גאָט קען ניט אַנערקענען אַ מאַכט פון איין מענשען איבער דעם אַנדערען. ער מוז אַליין זיין די גאַנצע מאַכט. ער קען זיין נשמה ניט צוטהיילען און זאָגען: דיעזער טהייל איז געטליך און דיעזער איז מענשליך... אויב ער איז געקומען פערקינדיגען דאָס געטליכע, דאַרף ער ניט דאָס מענשליכע. קריסטוס אָבער האָט אַנערקענט האַנדעל... און הייראַטה האָט ער אויך אַנערקענט. און דעם פייגענבוים האָט ער מיט אונרעכט פערפלוכט. איז דער בוים דען שולדיג אין דעם, וואָס אויף איהם זיינען קיין פרוכטען ניט געוואַקסען? מיין נשמה איז אויך ניט מיט'ן

אייגענעם ווילען ניט פּרוכטבאַר, אָבער האָב איך דען זעלבסט אין איהר פּער־זעהנט בייזקייט? אזוי איז דאָס!

אין צימער האָבען אָהן אויפהער געקלונגען צוויי שטימען, פּונקט ווי זיי וואָלטען זיך אַרומגענומען און געקעמפּפט אייגע מיט די אַנדערע אין אַ געשפּאַנטען אויפגערעגטען שפּיעל. פּאַוועל האָט שנעל געשפּרייזט אי־בער'ן צימער און די פּאַדלאָגע האָט געסקריפּעט אונטער זיינע פיס. ווען ער האָט גערעדט, האָט ער אַריבערגעשריען אַלץ, אָבער ווען ריבין'ס שטימע האָט זיך רוהיג און לאַנגזאַם געגאָסען, האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּען פון פּער־פּענדיקעל און דאָס שטילע סקריפּען פון פראָסט, וועלכער האָט מיט זיינע שאַרפע נעגעל אַרומגעטאַפּט די ווענד פון הויז.

— איך, אַלס הייצער, וועל דיר זאָגען אויף אונזער אַרט: גאָט איז ענהליך צו אַ פייער. אזוי איז דאָס! ער בעפעסטיגט ניט קיין זאַך, ער קען דאָס ניט... ער ברענט און שמעלצט, ווען ער בעלייכט... ער פער־ברענט די קירכען, אָבער ער בויט זיי ניט. ער לעבט אין הארצען. עס שטעהט געשריעבען: גאָט איז דאָס וואָרט, און דאָס וואָרט איז דער גייסט...

— די פערנונפט, — האָט פּאַוועל עקשנות'דיג געזאָגט.

— אזוי איז דאָס! דאָס הייסט גאָט איז אין הארצען און אין פער־נונפט און ניט אין קירכע! אין דעם בעשטעהט די גאַנצע צרה, דער יאָמער און דאָס גאַנצע אונגליק פון די מענשען — מיר זיינען אַלע אָבגעריסען געוואָרען פון דער פערנונפט און די פערנונפט איז פערשוואונדען... דער מענש איז ניט איינהייטליך... גאָט מאַכט דעם מענשען איינהייטליך, רונד... גאָט בעשאַפט שטענדיג אַלץ קיילעכדיג. אזוי איז די ערד, די שטערען און אַלץ, וואָס מיר זעהען. אַלץ, וואָס איז שאַרף, האָט דער מענש געמאַכט... די קירכע אָבער איז דער קבר פון גאָט און פון דעם מענשען...

די מוטער איז אנטשלאָפען געוואָרען און האָט ניט געהערט ווי ריבין איז אוועקגעגאַנגען.

ער האָט גענומען קומען אָפט און ווען ביי פּאַוולען פלעגט זיין ווער ניט איז פון זיינע חברים, פלעגט זיך ריבין אַנידערזעצען אין אַ ווינקעל און פלעגט שווייגען, זעלטען ווען ער פלעגט אַ זאָג טהאָן:

— אזוי איז דאָס!

איינמאָל האָט ער אַ זאָג געטהאָן, וואַרפענדיג אַ דונקעלען בליק אויף אַלעמען:

— מען דאַרף ריידען פון דעם, וואָס קומט יעצט פאַר. וואָס עס וועט שפּעטער זיין ווייסען מיר ניט! ווען דאָס פאָלק וועט זיך בעפרייען, וועט ער אַליין איינזעהן, ווי בעסער איז. גענוג האָט מען איהם שוין אָנגעקלאַפּט

אין קאָפּ אַ סך זאַכען, וואָס ער האָט גאָר ניט געוואָלט... צו דעם מוז נעהמען אַ סוף... ער מוז אַליין נאָכדענקען... פּיעלייכט וועט ער וועלען אַלעם פער־וואַרפען... דאָס גאַנצע לעבען און אַלע וויסענשאַפטען. אפשר וועט ער איינזעהן, אַז אַלץ איז געריכטעט געגען איהם... אַזוי ווי דער גאָט פון דער קירכע, צום ביישפּיעל... גיט נאָר דעם פּאָלק אַלע ביכער אין די הענד און ענטפערען וועט ער שוין אַליין. דאָס איז אַלץ! זאָל ער נאָר פערשטעהן, דאָס וואָס קירצער דער שפּאַן איז, אין וועלכען דער פערד איז געשפּאַנט, אַלץ שווערער איז איהם צו אַרבייטען...

ווען ער איז אָבער געווען מיט פּאַוולען אַליין, פלעגען זיי זיך גלייך אַריינלאָזען אין אַן אונענדליכען, אימער רוהיגען דיספּוט. די מוטער פלעגט זיך אונרוהיג צוהערען צו זייערע רייד, פלעגט זיי שוויינענדיג פערפאָלגען, וועלענדיג בעגרייפען וועגען וואָס זיי ריידען. צייטענווייז פלעגט זיך איהר דוכטען, אַז דער ברייט־פּלייציגער, שוואַרץ־באָרדיגער פויער און איהר זוהן, דער שלאַנקער און קרעפטיגער, זיינען ביידע בלינד געוואָרען. אין דער פינסטער שטויסען זיי זיך פון איין וואַנד צו דער צווייטער אין דיעזען קליי־נעם צימערעל, זוכענדיג ליכט און דעם אַרויסגאַנג. זיי כאַפּען זיך אָן אַלץ אָן מיט זייערע שטאַרקע אָבער בלינדע הענד, זיי טרייסלען אַלץ, זיי בע־וועגען דאָס פון איין אָרט אויף דעם אַנדערען, וואַרפען דאָס אויף דער ערד און טרעטען עס מיט די פיס. זיי פערטשעפּען אַלעס, טאַפּען אַרום יעדע זאַך און שליידערען דאָס אימער רוהיג אַוועק, ניט פערליערענדיג דערביי דעם גלויבען און די האָפנונג...

זיי האָבען איהר צוגעוואוינט צו הערען פיעלע פורכטבאַרע, אָפענע און דרייסטע ווערטער, און דיעזע ווערטער האָבען איהר שוין יעצט ניט געדריקט מיט אַזאַ קראַפט ווי דאַן ווען זי האָט זיי געהערט צום ערשטען מאָל. זי האָט זיך אויסגעלערענט אָפּצושטויסען זיי פון איהרע אויערען, און צייט־טענווייז האָט זי הינטער זייער ניט־גלויבען אין גאָט דאָך געפיהלט אַ פעס־טען גלויבען אין איהם. זי האָט דאַן געשמייכעלט מיט אַ שטילען, קלוגען און פערצייהענדען שמייכעל. און הגם ריבין איז איהר, ווי פריהער ניט געפעלען געווען, נאָר קיין שנאה פלעגט ער שוין ביי איהר ניט אַרויסרופען...

איינמאָל אין וואָך פלעגט זי טראָגען אין טורמע וועש און ביכער פאַר דעם קליין־רוס. אין אַ געוויסען טאָג האָט מען איהר ערלויבט צו זעהן זיך מיט איהם און, קומענדיג אהיים, האָט זי מיט פרייד דערצעהלט:

— ער איז דאָרטען אויך ווי אין דער היים. מיט אַלעמען איז ער אַזוי פריינדליך, אַלע וויצלען זיך מיט איהם, פּונקט ווי ביי איהם וואָלט

שטענדיג געווען יום טוב'דיג אויפ'ן הארצען. שווער איז איהם דארט, בי־טער, אבער ארויסצייגען דאס וויל ער ניט...

— אט אזוי דארף זיין! — האט ריבין בעמערקט — מיר אלע זיינען דורכגעקנאטען אין צרות... מיר אטהעמען מיט צרות, מיר קליידען זיך אין צרות... נאר בעריהמען זיך דערמיט איז ניטא וואס... ניט ביי אלעמען זיינען נאך די אויגען אויסגעשטאכען, אייניגע פערמאכען זיי אליין... דאס אלעס. און אויב דו האסט קיין שכל ניט, — דאן לייד!

.12

די גרויע אלטע הויז פון וולאסאווא'ן האט אלץ מעהר צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון פארשטאדט. אין דיעזער אויפמערקזאמקייט איז געלעגען פיעל פערדעכטיגע פארזיכטיגקייט און אן אונבעוואוסטע שנאה, נאר אין דער זעלבער צייט איז אויך געבארען געווארען ביי די איינוואוינער א צוטרויענדע נייגעריגקייט צו דיעזער הויז. צייטענווייז פלעגט ווער ניט איז קומען און, פארזיכטיג ארומקוקענדיג זיך, פלעגט ער זאגען צו פאוולען:

— נו, ברודער, דו לעזט דאך די ביכער, דו ווייסט דאך די געזעצען. אנו, ערקלעהר מיר...

און ער פלעגט דערצעהלען פאוולען וועגען א וועלכער ניט איז אונרעכט, וואס די פאליציי אדער די אדמיניסטראציאן פון פאבריק איז בעגאנגען געגען איהם. אין הארבערע פעלע פלעגט פאוועל געבען דעם מענשען א צעטעלע אין שטאדט צו א בעקאנטען אדוואקאט. און ווען ער האט געקענט, פלעגט ער איהם אליין ערקלעהרען. ביסלעכווייז האט זיך ביי די מענשען ערוועקט אן אכטונג צו דעם יונגען ערנסטען מענשען, וועלכער האט וועגען אלעם גערעדט אזוי איינפאך, אונערשראקען און האט כמעט קיינמאל ניט געלאכט בעטראכטענדיג אלעס און אויסהערענדיג אלעם מיט א געשפאנטער אויפמערקזאמקייט. אין יעדען בעזונדערען פאל פלעגט ער קענען געפינען עפעס אן אלגעמיינעם אונענדליכען פאדים, וועלכער האט מיט טויזענד קניפעלעך צוזאמענגעבונדען די מענשען.

וולאסאווא האט געזעהן ווי איהר זוהן איז אלץ געוואקסען. זי האט אנגעהויבען פיהלען דעם זין פון זיין ארבייט, און ווען דאס פלעגט זיך איהר איינגעבען — פלעגט זי זיך פרעהען ווי א קינד.

איבערהויפט איז פאוועל געוואקסען אין איהרע אויגען נאך דעם פאל מיט דער „בלאטע־קאפיקע". הינטער דער פאבריק האט זיך געצויגען א ברייטער זומפ, וועלכער איז געווען בעוואקסען מיט טענענבוימער און בע־רעזעס. זומער פלעגען פון דארטען קומען געדיכטע, געלע פארעס. און אין

פּאַרשטאָדט פּלעגען פון זומפּ קומען מאסען קאַמארעס, וועלכע פּלעגען פער־שפּרייטען צווישען די איינוואוינער אַ מין קדחת. די בלאָטע האָט בעלאַנגט צום פאַבריק און דער נייער דירעקטאָר, וועלענדיג ציהען נוצען דערפון, האָט בעשלאָסען אויסצוטריקענען דעם זומפּ און פערבייגעהענדיג אַרויסנעהמען די טאָרף. דער דירעקטאָר האָט געזוכט צו איבערצייגען, אַז דאָס וועט גע־זינטער מאַכען די געגענד און וועט פערבעסערען די לעבענס־בעדינגונגען פאַר אַלע איינוואוינער פון פּאַרשטאָדט. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל אַראָפּצורעכענען פון יעדען אַרבייטערס שכירות אַ קאָפּיקע פון רובעל אויף אויסצוטריקענען דעם זומפּ.

די אַרבייטער זיינען שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען. בעזאָנדערס האָט זיי פערדראָסען דאָס, וואָס די בעאַמטע פון פאַבריק זיינען בעפרייט געוואָרען פון צו צאָהלען דיעזען נייעם שטייער.

ווען מען האָט אויסגעהאַנגען די ערקלעהרונג פון דירעקטאָר וועגען דער קאָפּיקע איז פּאַוועל געווען קראַנק. ער האָט ניט געאַרבייט און האָט גאָר ניִשט געוואוסט וועגען דעם. אויף מאָרגען נאָכ'ן גאָטעס־דיענסט זיינען צו איהם געקומען דער גאָטס־פּאַרכטיגער אַלטער, דער אייזען־גיסער סיזאָוו, און דער הויכער בייזער שליאָסער מאַכאָטין און האָבען איהם דערצעהלט וועגען דעם בעפעהל פון דירעקטאָר.

— מיר, די עלטערע אַרבייטער, האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען, — האָט לאַנגזאַם געזאָגט סיזאָוו, — האָבען זיך דורכגערעדט וועגען דעם און אָט האָבען אונז די חברים געשיקט צו דיר פרעגען — אַזוי ווי דו ביזט ביי אונז דער געלערענטער — צו איז פאַראַן אַזאַ געזעץ, אַז דער דירעקטאָר זאָל ניט טאָרען מיט אונזערע קאָפּיקעס מלחמה האַלטען מיט די קאַמארעס?

— בעטראַכט נאָר! — האָט מאַכאָטין געזאָגט, בלישטשענדיג מיט זיינע שמאָלע אויגעלעך, — מיט פיער יאָהר צוריק האָבען זיי, די זשוליקעס, געקליבען אויף אַ באָד. דריי טויזענד, אַכט הונדערט רובעל איז דאַן צו־זאַמענגעקליבען געוואָרען... וואו איז דאָס געלד? און קיין באָד איז נאָך אַלץ ניטאָ!...

פּאַוועל האָט זיי ערקלעהרט, אַז דיעזער שטייער איז אַן אונגערעכטער און ער האָט אָנגעצייגט אויף דעם אָפענעם נוצען, וואָס די פאַבריק וויל דער־פון ציהען. בביידע אַרבייטער זיינען אַוועק פערצאָרענטע. דורכלאָזענדיג זיי אַהיים, האָט די מוטער לאַכענדיג געזאָגט:

— זעהסט, פּאַווליושאַ, יעצט קומען שוין צו דיר אויך עלטערע מענשען לערנען זיך.

ניט ענטפערענדיג אויף איהרע ווערטער, האָט זיך פּאַוועל אַ פערזאָרג־

טער אוועקגעזעצטביים טיש און האָט עפּעס אָנגעפאַנגען צו שרייבען. אין א פּאָר מינוט ארום האָט ער זיך געווענדעט צו איהר:

— איך וועל דיר עפּעס בעטען: פאָהר שוין אריבער אין שטאָדט און גיב אָפּ דיעזען צעטעלע...

— שטעקט אין דעם א געפאהר? — האָט זי געפרעגט.

— יא, דאָרט דרוקט מען פאר אונז א צייטונג... עס איז נויטיג, אז די מעשה מיט דער קאָפּיקע זאָל אריין אין דיעזען נומער...

— שוין, שוין! — האָט זי זיך אָבגערופען, אָנטהוענדיג זיך אויף שנעל. — איך געה שוין...

דאָס איז געווען דער ערשטער אויפטראַג, וואָס זי האָט געקראָגען פון זוהן. זי האָט זיך דערפרעהט דערמיט, וואָס אָט האָט ער אָפען איהר דער־צעהלט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך און זי קען איהם יעצט דירעקט נוצליך זיין.

— דאָס פערשטעה איך, פּאַווליושא, — האָט זי געזאָגט, — דאָס איז דאָך שוין פּשוט גזלה!... ווי הייסט דער מאַן, יעגאָר איוואַנאָוויטש?

זי האָט זיך צוריקגעקעהרט שפּעט ביי־נאַכט א מיעדע, נאָר זי איז געווען צופריעדען.

— סאַשענקען האָב איך געזעהן! — האָט זי דערצעהלט דעם זוהן — זי האָט דיר געלאָזט גריסען, און דיעזער יעגאָר איוואַנאָוויטש איז אויך אזא איינפאַכער... א וויצלינג! ער רעדט אזוי קאָמיש.

— עס פרעהט מיך זעהר, וואָס זיי געפעלען דיר! — האָט שטיל גע־זאָגט פּאַוועל.

— פּשוטע מענשען, פּאַווליושא! עס איז גוט ווען די מענשען זיינען איינפאַכע... און אלע שעצען דיך אזוי...

מאָנטאג איז פּאַוועל ווייעדער ניט געגאַנגען צו דער ארבייט; איהם האָט וועה געטהאָן דער קאָפּ. מיטאָג־צייט איז געקומען צו לויפען פעדיא מאַזין אַן אויפגערעגטער, א גליקליכער און מיט א פערכאַפּטען אָטהעם האָט ער שנעל ארויסגעזאָגט:

— קום! די גאַנצע פאַבריק האָט זיך אויפגעהויבען. מען האָט נאָך דיר געשיקט... סיזאָוו און מאַכאָטין זאָגען, אז דו קענסט ריידען בעסער פון אלעמען... וואָס דאָרטען טהוט זיך עס אָפּ!...

פּאַוועל האָט זיך שווייגענדיג גענומען אָנטהאָן.

— די ווייבער זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען און קוויטשען דאָרט!

— איך וועל אויך געהן, — האָט די מוטער ערקלעהרט, — דו ביזט דאָך קראַנק. וואָס האָבען זיי דאָרט אָפּגעטהאָן?.. איך מוז געהן!

— געה! — האָט פּאַוועל קורץ אַרויסגערעדט.

דורכ'ן גאַס זיינען אַלע דריי געגאַנגען גיך און האָבען די גאַנצע וועג געשוויגען. די מוטער האָט שווער געאָטהעמט פון מידקייט און אויפּרעגונג; זי האָט געפיהלט, אַז עס דאַרף פּאַרקומען עפּעס ערנסטעס... ביי די טהויערען פון פאַבריק זיינען געשטאַנען אַ מאַסע ווייבער, וועלכע האָבען געשריען און זיך געזידעלט. ווען די דריי האָבען זיך אַריינגעשטופּט אין הויף, זיינען זיי גלייך אַריינגעפאַלען אין אַ געדיכטער, שוואַרצער אויפגערעגטער, זשומענדער מענשען־מאַסע. די מוטער האָט געזעהן, אַז אַלע קעפּ זיינען געווענדעט אין איין זייט, צום וואַנד פון קוזניע, וואו אויף אַ קופּקע אַלטע אייזען און רויטע ציגעל זיינען געשטאַנען, מאַכענדיג מיט די הענד, סיזאָוו, מאַכאָטין, וויאַלאָוו און נאָך אַ פינף בעיאָהרענטע, איינפלוסרייכע אַרבייטער.

— וולאַסאָוו געהט! — האָט אימיצער אויסגעשריען.

— וולאַסאָוו? גיט איהם אַהער!...

מען האָט געכאַפּט פּאַוועלען און אַרויסגעשטופּט איהם פאָראויס און די מוטער איז פערבליבען אַליין.

— שטילער! — האָט מען מיט אַ מאָל אויסגעשריען פון אַלע זייטען. און ערגעץ נאָהענט האָט זיך געהערט ריבינס גלייכמעסיגער קול:

— ניט פאַר דער קאָפּיקע דאַרפען מיר זיך איינשטעלען, נאָר פאַר דער גערעכטיגקייט! אונז איז טהייער ניט אונזער קאָפּיקע; זי איז ניט קיילעכדיגער ווי אַנדערע, נאָר זי איז שווערער—אין איהר איז דאָ מעהר מענשליכע בלוט, ווי אין דעם דירעקטאָרס רובעל. און מיר שעצען ניט די קאָפּיקע, נאָר אונזער בלוט און דעם אמת. דאָס אַלעס!

זיינע ווערטער האָבען שטאַרק געווירקט אויף דער מאַסע און האָבען אַרויסגערופען הייסע אויסרופען:

— זעהר ריכטיג! אמת, ריבין!

— שטיל, שדים!

— דו ביזט גערעכט, הייצער!

— וולאַסאָוו איז געקומען!

די הילכענדע שטימען פון די מענשען האָבען פערטויבט דעם שווערען קלאַפּען פון די מאַשינען, דאָס קרעכצען פון דאַמפּף און דעם רויש פון די רימענס, וועלכע טרייבען די מאַשינען. פון אומעטום זיינען איילענדיג געלאָפען מענשען און מאַכענדיג מיט די הענד, האָבען זיי זיך געשטריטען, אויפרעגענדיג איינע די אַנדערע מיט די ליידענשאַפטליכע, שטעכענדע ווערטער. די שאַרפע אויפרעגונג, וועלכע האָט שטענדיג געדרעמעלט אין זייערע

מיעדע הערצער, האָט יעצט ערוואַכט, האָט געזוכט פאַר זיך אַן אויסוועג, האָט זיך געריסען פון די ליפּען, איז אַרומגעפלויגען אין דער לופטען און האָט אַלץ ברייטער פאַנאַנדערגעשפּרייט איהרע דונקעלע פליגלען. זי האָט אַלץ פעסטער אַרומגענומען די מענשען, האָט זיי אַוועקגעריסען מיט זיך, האָט זיי דערנעהנטערט איינע צו די אַנדערע און איז פּערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פייערדיגען צאָרן. איבער די מענשען האָט געשוועבט אַ וואָלקען פון שטויב און רויך, די פערשוויצטע פּנים'ער האָבען געברענט און פון זייערע פּנים'ער האָבען איבער די באַקען געפלאָסען שוואַרצע טרעהרען. אין זייערע דונקעלע געזיכטער האָבען געפינקעלט די אויגען, געבלישטשעט די צייהנער. דאָרט וואו עס זיינען געשטאַנען סיזאָוו און מאַכאָטין איז ערשיענען פּאַוועל און עס האָט אַ קלונג געטהאָן זיין רוף:

— חברים!

די מוטער האָט געזעהן, אַז זיין פּנים איז בלאַס געוואָרען און די ליפּען ציטערען; זי האָט זיך ניט ווילענדיג אַ רוק געטהאָן פאָראויס, וועלענדיג זיך דורכשטופּען צו איהם. מיט אויפרעגונג האָט מען אַ געשריי געטהאָן צו איהר:

— וואוהין קריכסטו, אַלטע?

מען האָט איהר געשטופּט. נאָר דאָס האָט איהר ניט אָפּגעשטעלט דורכצושטופּען זיך מיט איהרע פּלייצעס און עלענבויגענס דורך די מענשען. זי האָט זיך אַלץ נעהנטער צוגעשטופּט צום זוהן, געטריעבען פון דעם וואונש צו שטעהן לעבען איהם.

ווען פּאַוועל האָט אַרויסגעשלייַדערט פון הארצען אַ וואָרט, אין וועלכען ער איז געוואוינט געוועזען אַריינצולייגען אַ טיעפען און וויכטיגען געדאַנק, האָט ער דערפיהלט, ווי אַ פריידיגעפיהל איבער דעם קומענדען קאַמפּף האָט איהם פערקוועטשט זיין האַלז און עס האָט איהם אַרומגעכאַפּט אַ הייסער וואונש צו אָפּפערען זיך פאַר זיין גלויבען און אַ וואָרף צו טהאָן די מענשען זיין פייערדיגע האַרץ, וועלכע איז אַנגעצונדען געוואָרען פון דעם גלויבען אין דעם אמת.

— חברים! — האָט ער נאָך אַ מאָל ווידערהאָלט, שעפּענדיג פון דיזען וואָרט בעגייסטערונג און כוח. — מיר זיינען די מענשען, וועלכע בויען די קירכען און פאַבריקען, שמידען די קייטען און שאַפען דאָס געלד... מיר זיינען די קראַפט, וועלכע ערנעהרט און אונטערהאַלט אַלעמען פון וויעג ביז צום קבר...

— אהא! — האָט ריבין אויסגעשריען.

— מיר זיינען שטענדיג און איבעראַל די ערשטע אין דער אַרבייט,

דאָך פערנעהמען מיר אין לעבען דעם לעצטען פּלאַץ. ווער קימערט זיך וועגען אונז? ווער טהוט אונז גוטס? ווער רעכענט אונז פאַר מענשען? קיינער ניט!

— קיינער ניט! — האָט זיך ווי אַן עכאָ אָפּגערופען אַ שטימע.

פּאַוועל, קומענדיג צו זיך, האָט אָנגעפאַנגען רעדען איינפאַכער און רוהיגער. די מאַסע האָט זיך לאַנגזאַם אַלץ מעהר צוגערוקט צו איהם און האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ דונקעלען, טויזענד־קעפּיגען קערפּער. זי האָט מיט הונדערטע אויפמערקזאַמע אויגען געקוקט איהם אין פּנים אריין, האָט איינגעזאַפּט זיינע ווערטער, האָט זיך אָנגעשטרענגט און האָט עס בעהאַלטען.

— מיר וועלען זיך ניט דערשלאָגען צו אַ בעסערען לעבען, ביז וואַנען מיר וועלען זיך ניט דערפיהלען אַלס חברים, אַלס איין פאַמיליע פון פריינד, וועלכע האָבען נאָר איין וואונש — דעם וואונש צו קעמפּפען פאַר אונזערע רעכטע.

— רייד צו דער זאַך! — האָט אימיצער לעבען דער מוטער גראָב אויסגעשריען.

— שטער איהם ניט! שטיל! — האָבען זיך דערהערט צוויי שטילע אויסרופען פון פערשיעדענע פּלעצער.

די שוואַרצע פעררויכערטע פּנים'ער האָבען געקוקט בייז און אָהן צו־טרויען. צעהנדליגע אויגען האָבען אריינגעקוקט פּאַוועלען אין געזיכט ערנסט און נאָכדענקליך.

— אַ סאָציאַליסט, אָבער ניט קיין נאַר! — האָט אימיצער בעמערקט.

— אי, האָט ער אָבער מוטה! — האָט אַ שטוים טהוענדיג די מוטער אין פּלייצע, געזאָגט אַ הויכער, הינקעדיגער ארבייטער.

— עס איז צייט, חברים, זיך אוועקצושטעלען געגען דער פינסטערער, זשעדנער געוואַלט, וועלכע לעבט פון אונזער ארבייט; עס איז צייט צו פער־טהיידיגען זיך; מיר אַלע דאַרפען פערשטעהן, אַז קיינער וועט אונז ניט העל־פען, אויסער מיר אַליין! איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם — אָן דעם כּלל דאַרפען מיר זיך האַלטען פעסט, אויב מיר ווילען צווינגען אונזערע שונאים!

— ער האָט רעכט, חברה! — האָט אויסגעשריען מאַכאָטין, — ער זאָגט דעם אמת! און ברייט אַ מאַך טהוענדיג מיט'ן האַנד, האָט ער אַ טריי־סעל געטהאָן מיט'ן פויסט אין דער לופטען.

— מען דאַרף גלייך ארויסרופען דעם דירעקטאָר, — האָט פּאַוועל פאַרט־געזעצט, — מען דאַרף איהם פרעגען...

דאָס האָט ווי אַ בייזער ווינד אַ קלאַפּ געטהאָן איבער דער מאַסע. די

מענשען האָבען זיך געשאָקעלט אהין און אהער און צעהנדליגע שטימען האָ־
בען מיט איינמאָל אויסגעשריען:

— דעם דירעקטאָר אהער!
— זאָל ער אונז ערקלעהרען!
— ברענגט איהם אהער!
– זאָל מען שיקען צו איהם א דעפּוטאציע!
— מען דאַרף ניט!

די מוטער האָט זיך דורכגעשטופּט פאַראויס און האָט געקוקט אויפ'ן זוהן פון אונטען ארויף. זי איז געוועזען פול מיט שטאָלץ. — פּאוועל איז געשטאַנען צווישען אַלטע, אָנגעזעהענע ארבייטער. אַלע האָבען זיך צוגע־הערט צו זיינע רייד און זיינען איינשטימיג געווען מיט איהם. איהר איז געפעלען געוואָרען, וואָס ער איז רוהיג און רעדט אזוי איינפאַך, איז ניט אין כעס און זידעלט זיך ניט, ווי אַנדערע.

די אָבגעריסענע אויסרופען, די זידלערייען און די בייזע ווערטער האָ־בען זיך געשאָטען פּונקט ווי א האָגעל אויף אַן אייזערנעם בלעך. פּאוועל האָט פון דער הויך געקוקט אויף די מענשען און האָט מיט זיינע ברייט־פאַנאַנדערגעעפענטע אויגען געזוכט עפּעס צווישען זיי.

— דעפּוטאטען!
זאָל סיזאָוו ריידען! —
— וולאַסאָוו!
— ריבינ'ען! ער האָט שרעקליכע צייהנער!

ענדליך האָט מען אויסגעקליבען דרייען, וועלכע זאָלען ריידען מיט'ן דירעקטאָר — סיזאָוו'ן, ריבינ'ען און פּאַוולען, און מען האָט שוין געוואָלט שיקען נאָך איהם, נאָר פּלוצלונג האָבען זיך פון דער מאַסע דערהערט ניט קיין הויכע אויסרופען:

— ער געהט אַליין!..
— דער דירעקטאָר!...
— א־הא־א?!

די מאַסע האָט געמאַכט א וועג פאַר דעם הויכען און טרוקענעם מענשען מיט דער שפּיציגער בערדעל און לאַנגען פּנים.

— ערלויבט נאָר! — האָט ער געזאָגט, אָפּשטופּענדיג די ארבייטער פון וועג דורך א קורצער בעוועגונג מיט'ן האַנד און ניט אָנריהרענדיג זיך אַן זיי. זיינע אויגען זיינען געווען פערזשמורעט און מיט א בליק פון א געניטען הערשער איבער מענשען, האָט ער פאַרשענד בעטראַכט די ארביי־טער. פאַר איהם האָט מען אראָפּגענומען די היטלען, מען האָט זיך פער־

גויגט. ער איז זיך געגאנגגען, ניט ענטפערענדיג אויף די בעגריסונגגען און האט געזעעט צווישען דער מאסע שטילקייט, פערלארענהייט, פערשעהמטע שמייכלען און שטילע אויסרופען, אין וועלכע עס האט זיך שוין געהערט א חרטה פון קינדער, וועלכע האבען דערשפירט און איינגעזעהן, אז זיי האבען זיך צופיעל פערשטיפט.

אט איז ער פארבייגעגאנגען פארביי דער מוטער, א ווארף טהוענדיג אויף איהר א בליק פון זיינע שטרענגע אויגען. ער האט זיך אבגעשטעלט לעבען דער קופקע אייזען. אימיצער פון אויבען האט איהם אויסגעשטרעקט א האנד. ער האט איהר ניט צוגענומען. פריי, דורך א שטארקע בעוועגונג מיט'ן קערפער, איז ער ארויפגעקראכען אויבען, האט זיך אנידערגעשטעלט פאר פאוולען און סיזאוו'ען און האט א פרעג געטהאן:

— וואס איז דאס פאר א פערזאמלונג? ווארום האט איהר געווארפען די ארבייט?

אייניגע סעקונדען איז שטיל געווען. די קעפ פון די מענשען האבען זיך געשאקעלט ווי זאנגען. סיזאוו האט א פאך געטהאן מיט זיין היטעל אין דער לופטען און האט אראפגעלאזען דעם קאפ.

— איך פרעג דאך אייך! — האט דער דירעקטאר א געשריי געטהאן.

פאוועל האט זיך געשטעלט גלייך מיט איהם און האט, אנצייגענדיג אויף ריבינען און סיזאוועו, הויך געזאגט:

— מיר דריי זיינען בעפאלמעבטיגט געווארען פון אונזערע חברים צו פאדערען פון אייך, אז איהר זאלט צוריקרופען אייער בעפעהל וועגען ארונ־טערנעהמען די קאפיקע.

— ווארום? — האט דער דירעקטאר געפרעגט, ניט אנקוקענדיג פאוולען.

— מיר האלטען פאר אן אונרעכט דיעזען שטייער, וועלכען איהר לייגט ארויף אויף אונז! — האט פאוועל הויך געענטפערט.

— הייסט דאס, אז אין מיין אבזיכט אויסצוטריקענען די בלאטע זעהט איהר נאר דעם וואונש צו עקספלואטירען די ארבייטער און ניט די זארג צו פערבעסערען אייער לאגע? יא?

— יא! — האט פאוועל געענטפערט.

— און איהר אויך? — האט דער דירעקטאר געפרעגט ריבינען.

— מיר אלע! — האט ריבין געענטפערט.

— און איהר, געעהרטער? — האט זיך דער דירעקטאר געווענדעט צו סיזאוו'ען.

— יא, איך בעט אייך אויך: לאזט שוין בעסער די קאפיקע פאר אונז!

און ווידער אראָפּבויגנענדיג דעם קאָפּ, האָט סיזאָוו מיט א שולדיגער מינע א שמייכעל געטהאָן.

דער דירעקטאָר איז לאנגזאם דורכגעפלויגען מיט זיינע אויגען די מאסע, האָט א קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעם. דערנאָך האָט ער פאַרשענד בע־טראַכט פּאַוולען און האָט זיך געווענדעט צו איהם:

— איהר שיינט צו זיין א ציעמליך אינטעליגענטער מענש — צו דען פערשטעהט איהר ניט דעם נוצען פון אויסטריקענען דעם זומפּ.

פּאַוועל האָט הויך געענטפערט:

— ווען די פאַבריק זאָל אויסטריקענען דעם זומפּ אויף איהר אייגענעם רעכנונג, דאַן וועלען דאָס אַלע פערשטעהן!

— די פאַבריק בעשעפטיגט זיך ניט מיט צדקה! — האָט דער דירעק־טאָר טרוקען בעמערקט.

— איך היים אייך גלייך אַלעמען געהן צוריק צו דער ארבייט!

און ער האָט זיך גענומען ארונטערלאָזען, פאַרזיכטיג טרעטענדיג אויף די אייזען און אויף קיינעם ניט קוקענדיג.

אין דער מאסע האָט זיך דערהערט אַן אונצופריעדענער ליאַרם.

— וואָס? — האָט דער דירעקטאָר, אָפּשטעלענדיג זיך, געפרעגט.

אַלע זיינען אנטשוויעגען געוואָרען, נאָר ערגעץ פון דערווייטען האָט זיך דערהערט אַן איינזאמער קול:

— זאָלסט אליין ארבייטען!...

— אויב איהר וועט אין פערלויף פון פופצעהן מינוט צייט זיך ניט שטעלען צו דער ארבייט — וועל איך הייסען יעדערען פון אייך שטראַ־פירען! — האָט טרוקען און קלאָר דער דירעקטאָר געענטפערט.

ער איז ווידער אוועק צווישען המון. הינטער איהם האָט זיך געהערט א טעמפּע אונצופריעדענהייט, און וואָס טיעפער זיין פיגור איז פערזונקען צווישען דער מאסע אַלץ שטאַרקער זיינען געוואָרען די געשרייען.

— געה רעד מיט איהם!

— אָט האָסטו דיר רעכטע! אי, שלים־מזל!...

מען האָט זיך געווענדעט צו פּאַוולען, שרייענדיג צו איהם:

— עה, געזעץ־קענער, וואָס טהוט מען יעצט?

— דו האָסט גערעדט און גערעדט אַן ער איז געקומען, האָט ער אַלעס צו נישט געמאַכט.

— נו, וולאסאָוו, וואָס וועט יעצט זיין?

ווען די קולות זיינען געוואָרען עקשנות'דיגער, האָט פּאַוועל ערקלעהרט:

— איך לייג פאָר, חברים, אַז מיר אַלע זאָלען אוועקלייגען די אַרבייט, ביז וואַנען דער דירעקטאָר וועט זיך ניט ענטזאַגען פון דער קאָפּיקע...

די לופט איז געוואָרען אָנגעפּילט מיט אויפגערעגטע ווערטער.

— פאַר אַזעלכע נאַרען האַלסטו אונז?

— דאָס מוזען מיר טהאָן!

— סטרייקען?

— צוליעב דער קאָפּיקע?

— וואָס דען? מילא, לאָמיר סטרייקען.

— מען וועט אונז דערפאַר אַלעמען געבען אין קאַרק...

— און ווער וועט אַרבייטען?

— עס וועלען זיך געפינען לייטע!

— דו מיינסט: פּערדעמהער?

.13

פּאַוועל איז אַרונטערגעגאַנגען און האָט זיך אוועקגעשטעלט לעבען דער מוטער. אַלע אַרום האָבען געליאַרעמט און האָבען מיט אויפרעגונג געהאַמ־פּערט זיך איינע מיט די אַנדערע.

— עס וועט זיך דיר ניט איינגעבען אַרויסצורופען אַ סטרייק! — האָט ריבין געזאָגט, צוגעהענדיג צו פּאַוולען — די לייטע זיינען אַפילו דורשטיג נאָך אַ קאָפּיקע, אָבער זיי זיינען אַלע טרוסען. אַ דריי הונדערט וועלען זיך שטעלען אויף דיין זייט, ניט מעהר. אַזאַ קופּע מיסט וועסטו אויף איין לאָפּעטע ניט אויפהויבען...

פּאַוועל האָט געשוויעגען. דער ריעזיגער שוואַרצער פּנים פון המון האָט זיך בעוועגט אַהין און אַהער און האָט געפאָדערט פון איהם אַן ענטפער. דאָס האַרץ האָט אונרוהיג געקלאַפּט. וולאַסאָוו׳ען האָט זיך געדוכט, אַז זיינע ווערטער זיינען שפּורלאָז פערשוואונדען געוואָרען צווישען די מענשען, פּונקט ווי זעלטענע רעגען־טראָפּענס, וועלכע זיינען געפאַלען אויף אַ טרוקענעם באָדען. איינער נאָך דעם אַנדערען זיינען צו איהם צוגעקומען אַרבייטער, האָבען געלויבט זיין רעדע, האָבען אויסגעדריקט אַ צווייפעל אין דעם, אויב דער סטרייק וועט זיך איינגעבען און האָבען זיך בעקלאָגט, וואָס דאָס פאָלק פערשטעהט ניט זיינע אינטערעסען און ווייס ניט וואָס פאַר אַ קראַפט ער בעזיצט.

ער איז אוועק אַהיים אַן אומעדיגער און אַ מיעדער. הינטער איהם איז געגאַנגען סיזאָוו און גלייך מיט איהם האָט געשפּרייזט ריבין און האָט איהם געהודזשעט אין אויער:

— דו רעדסט גוט. יאָ, — אָבער ניט צום הארצען. מען דארף אין הארצען, אין דער סאַמע טיפעניש, אריינוואַרפען אַ פונק. מיט'ן שכל וועסטו די מענשען ניט נעהמען. עס איז צו פיין פאַר זיי.

סיזאָוו האָט גערעדט צו דער מוטער:

— פאַר אונז, אַלטע לייט, נילאָוונאַ, איז שוין צייט אַריבערצוקלייבען זיך פון דאַנען. עס איז יעצט אויפגעשטאַנען אַ נייער דור... צו וואָס האָבען מיר געלעבט? אויף די קניע האָבען מיר געפּויזעט און געבוקט זיך פאַר יעדען איינציגען. און יעצט זיינען גאָר אַנדערע מענשען... אָדער זיי זיינען קליגער געוואָרען, אָדער זיי לעבען נאָך מעהר אין טעות. אָבער צו אונז זיינען זיי ניט עהנליך. אָט זעה ווי די יונגענד רעדט מיט'ן דירעקטאָר, פּונקט ווי מיט זייער גלייכען... יאָ־יאָ. אַי, ווען מאַטוויי מיינער וואָלט איצט גע־לעבט!... צום ווידערזעהן, פּאַוועל מיכיילאָוויטש... דו שטעלסט זיך גוט איין פאַר די מענשען! זאָל דיר גאָט מצליח זיין... אפשר וועסטו געפינען אַן אויסוועג... זאָל גאָט געבען!

ער איז אַוועקגעגאַנגען.

— שטאַרבט שוין טאַקע! — האָט ריבין אַרויסגעברומט — איהר זיינט שוין יעצט ניט קיין מענשען, נאָר שמאַטעס אויף לעבער צו פערשטאָפּען. האָסט געזעהן, פּאַוועל, ווער עס האָט געשריען, אַז מען זאָל דיר אויסקלייבען פאַר אַ דעפּוטאַט? יענע, וועלכע זאָגען, אַז דו ביזט אַ סאָציאַליסט, אַן אויפ־העצער. אָט דאָס זיינען עס די לייטע! ווי איינער זאָגט: זאָל מען איהם אַרויסטרייבען; עס קומט איהם כשר.

— פאַר זיך זיינען זיי גערעכט! — האָט פּאַוועל געזאָגט.

— אויך די וועלף זיינען גערעכט, ווען זיי צורייסען זייער אייגענעם חבר...

ריבין'ס פּנים איז געוועזן פער'כעס'ט און זיין קול האָט אויסערגעוועהנליך געציטערט.

— די מענשען וועלען ניט גלויבען אויפ'ן וואָרט... מען דאַרף ליידען, מען דאַרף דאָס וואָרט אין בלוט אָפּוואַשען...

דעם גאַנצען טאָג איז פּאַוועל אַרומגעגאַנגען אַ פערכמורעטער, אַ מיע־דער און איז געוועזן עפּעס מאָדנע אונרוהיג. זיינע אויגען האָבען געפלאַמט פּונקט ווי זיי וואָלטען עפּעס זוכען. די מוטער האָט דאָס בעמערקט און האָט איהם פאָרזיכטיג אַ פרעג געטהאָן:

— וואָס איז מיט דיר, פּאַוולושאַ?

— עס טהוט מיר וועה דער קאָפּ, — האָט ער געענטפערט פערטראַכ־טערהייד.

— דו וואָלסט זיך בעסער אנידערלייגען... איך וועל רופען א דאָקטאָר...
ער האָט א קוק געטהאָן אויף איהר און האָט שנעל געענטפערט:
— ניין, מען דארף ניט... עס וועט באלד איבערגעהן.
און פּלוצלונג האָט ער אָנגעפאנגען צו ריידען:
— איך בין יונג און שוואך... אָט דאָס איז עס! זיי האָבען מיר ניט געגלויבט, זיי האָבען ניט געפאָלגט מיין אמת. הייסט דאָס, אז איך האָב זיי ניט געקענט געבען צו פערשטעהן... ווען איך טראכט וועגען דעם אמת, קאָכט אין מיר מיין הארץ. דער אמת איז דאך אזוי קלאָר און דייטליך... און פאר די מענשען האָב איך ניט געקענט צייגען איהם אין זיין גאַנצער קראַפט... און יעצט פיהל איך, ווי אַיך וואָלט עפּעס פערלאָרען... איך פיהל זיך שלעכט... איך שעהם זיך...
זי האָט געקוקט אויף זיין פערפינסטערטען פּנים, איהר האָט זיך געוואָלט פערשטעהן דעם זוהן'ס געדאנקען, אָבער זי איז ניט געווען אימשטאנדע עס צו בעגרייפען. ווערענדיג טרייסטען איהם, האָט זי שטילינקערהייד א זאָג געטהאָן:
— וואַרט נאָר... נעהם זיך דאָס ניט אזוי שטארק צום הארצען... היינט האָבען זיי דיך ניט פערשטאַנען, נו, וועלען זיי דיך מאָרגען פערשטעהן.
— יא, זיי מוזען מיך פערשטעהן! — האָט פּאַוועל אויסגערופען.
— אָט זעהסט, אפילו איך פערשטעה דיין אמת...
פּאַוועל איז צוגעקומען נאָהענט צו איהר.
— דו ביזט זעהר א גוטע, מאַמע.
ער האָט זיך אָפּגעקעהרט פון איהר. זי האָט א ציטער געטהאָן, פּונקט ווי זי וואָלט זיך אָפּגעבריהט פון זיינע שטילע ווערטער. זי האָט צוגעפרעסט די הענד צום הארצען און איז פאַרזיכטיג ארויסגעגאַנגען.
ביינאכט, ווען די מוטער איז שוין געשלאָפען און ער איז געלעגען אין בעט און האָט געלעזען א בוך, זיינען געקומען זשאַנדארען, האָבען בייז גענומען ארומשנאָרכען איבעראַל אין הויז, אויפ'ן הויף, אויפ'ן בוידעם. דער אָפיציער מיט'ן געלען פּנים האָט זיך אויפגעפיהרט פּונקט ווי דעם ערשטען מאָל — פרעך און בעליידיגענד. איהם האָט פערשאַפט פערגעניגען צו בעליידיגען מענשען, און ער האָט זיך געסטאַרעט צו ריידען צו זיי וואָס גראָבער.
די מוטער איז געזעסען אין ווינקעל און האָט געשוויגען, ניט אָפּרייסענדיג די אויגען פון דעם זוהן'ס פּנים. ער האָט זיך געסטאַרעט ניט ארויסצואווייזען זיין אויפרעגונג, אָבער ווען דער אָפיציער האָט געלאַכט, האָבען ביי איהם מאָדנע געציטערט די פינגער, און זי האָט געפיהלט, אז איהם איז

שווער ניט צו ענטפערען דעם זשאנדאר, שווער צו פערטראָגען זיינע גראָבע וויצלעך. יעצט האָט זי זיך שוין ניט געשראָקען, ווי אין דער צייט פון ערשטען אָביסק, זי האָט געפיהלט מעהר האס צו דיזע גראָהע נאכט־געסט מיט די שפּאָרען אויף די פּים און דער האס האָט פערשלונגען איהר אונרוה.

פּאוועל האָט אויספייעט איהר אַ זאָג צו טהאָן שטיל:

— זיי וועלען מיך מיטנעהמען.

זי האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און האָט שטיל געענטפערט:

— איך פערשטעה שוין...

זי האָט פערשטאַנען, אז מען וועט איהם אריינזעצען אין טורמע דער־פאַר, וואָס ער האָט היינט גערעדט צו די ארבייטער. אָבער מיט דעם, וואָס ער האָט גערעדט, זיינען דאָך אַלע געווען איינפערשטאַנדען און אַלע דארפען זיך פאַר איהם אָננעהמען, וועט מען איהם מן הסתם לאַנג ניט האַלטען...

זי האָט געוואָלט איהם ארומנעהמען, פאַנאַנדערהויינען זיך, נאָר לעבען איהר איז געשטאַנען דער אָפיציער און האָט געקוקט אויף איהר. זיינע ליפּען האָבען געציטערט, די וואָנצעס האָבען זיך בעוועגט. איהר האָט זיך געדוכט, אַז דיזער מענש וואַרט אויף איהרע טרעהרען, קלאָגען און בעטען זיך. צונויפנעהמענדיג אַלע איהר כחות, האָט זי זיך געסטאַרעט צו רעדען וואָס ווייניגער, זי האָט געדריקט דעם זוהן'ס האנד און, איינהאַלטענדיג דעם אָטהעם, האָט זי לאַנגזאַם און שטיל ארויסגערעדט:

— צום ווידערזעהן, פּאוולושא... האָסט אַלץ מיטגענומען?

— אַלץ. זיי ניט אומעדיג...

— זאָל דיר גאָט העלפען...

ווען מען האָט איהם אוועקגעפיהרט, האָט זי זיך געזעצט אויפ'ן ביינקעל און, צומאַכענדיג די אויגען, האָט זי זיך שטיל פאַנאַנדערגעוויינט. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן רוקען אָן וואַנד, ווי איהר מאַן פלעגט דאָס טהאָן און געפאַנגען פון אומעט פון דעם בעוואוסטזיין פון איהר מאַכטלאָזיגקייט און פערוואַרפענדיג דעם קאָפּ, האָט זי לאַנג און שטיל געכליפּעט, אויס־גיסענדיג אין דיזע קלאַנגען דעם גאַנצען וועהטאָג פון איהר פערוואונדעטער נשמה. פאַר איהר איז געשטאַנען, ווי אַ שוואַרצער פלעק, די געלע גע־זיכט מיט די שיטערע וואָנצעס און די פערזשמורעטע אויגען און האָט געקוקט מיט צופריעדענהייט. אין איהר הארצען האָט זיך אין אַ שוואַרצען קנויל צוזאַמענגעוויקעלט די אויפרעגונג און דער כעס אויף די מענשען, וועלכע האָבען פון איהר אוועקגענומען איהר זוהן, דערפאַר וואָס ער זוכט דעם אמת אויף דער וועלט.

עס איז געווען קאַלט. אין די שויבען האָט געקלאַפּט אַ רעגען. איבער

די ווענט האָט זיך עפּעס געשאָרשקעט, און עס האָט זיך געדוכט, אַז אין דער פֿינסטער דרעהען זיך אַרום הויז גראָהע פיגורען מיט ברייטע רויטע פּנים'ער אָהן אויגען און מיט לאַנגע הענד. זיי געהען אַרום הין און הער און קלאַפּען מיט די שפּאַרעס.

— אַך, וואָלטען זיי שוין מיר אויך מיטגענומען, — האָט זי געטראַכט.

אויף מאָרגען אין דער פֿריה האָט שטיל און מונטערער געגרליצט דער פֿאַבריק־פּייפעל, וועלכער האָט גערופען די מענשען צו דער אַרבייט.

די טהיר ביי וולאַסאָוואַ'ן האָט זיך געעפֿענט און עס איז אַריינגעקומען ריבין. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט לעבען איהר און, אָפּווישענדיג מיט'ן האַנד די טראָפּענס רעגען פֿון באָרד, האָט ער געפֿרעגט:

— זיי האָבען צוגענומען פּאַוולען?

— יאַ, זיי האָבען איהם אָוועקגעפֿיהרט, די רשעים! — האָט די מוטער געענטפֿערט, זיך אָפּזיפֿצענדיג.

— אָט דאָס איז די מעשה! — האָט ריבין געזאָגט שמייכלענדיג, — און מיר האָט מען אַרומגעטרייסעלט, אַרומגעטאַפּט. מען האָט מיר אויס־געזידעלט... אָבער ניט בעליידיגט... הייסט דאָס פּאַוולען האָט מען צו־גענומען! דער דירעקטאָר האָט אַ וואונק געטהאָן, דער זשאַנדאַרם האָט זיך אַ קעהר געטהאָן — און אויס פּאַוועל! זיי לעבען צווישען זיך אין שלום. איינע מעלקען דעם פֿאָלק און די אַנדערע האַלטען איהם פֿאַר די הערנער...

— איהר האָט זיך גענדאַרפט איינשטעלען פֿאַר פּאַוולען! — האָט די מוטער אויסגערופען, אויפהויבענדיג זיך פֿון אָרט, — ער האָט זיך דאָך אָנגענומען פֿאַר אייך אַלעמען.

— ווער זאָל זיך איינשטעלען? — האָט ריבין געפֿרעגט.

— אַלע!

— אַך, דו! ניין, דאָס קען ניט זיין... זיי האָבען אָנגעקליבען זייערע כחות שוין טויזענדער יאָהרען... זיי האָבען אונז אָנגעקלאַפּט נעגעל אין האַרצען... מיר קענען זיך מיט אַ מאָל ניט פֿעראייניגען, מיר מוזען פֿריהער אַרויסנעהמען די אייזערנע שפּליטערס, וואָס שטערען אונז אָנצושליעסען אונזערע הערצער איינע אָן די אַנדערע.

און שמייכלענדיג איז ער אַרויסגעגאַנגען, שווער טאָפּטשענדיג מיט די פֿיס, נאָך פֿערגרעסערענדיג די זאָרג פֿון דער מוטער דורך זיינע האָפֿ־נונגסלאָזע, שטרענגע ווערטער.

און אפשר וועט מען איהם נאָך שלאָגען... פּייניגען...

זי האָט זיך פֿאַרגעשטעלט דעם זוהן'ס קערפּער אַ צושלאָגענעם, אַ צו־

קאַליעטשעטען, אַ פערבלוטיגטען, און דער שרעק האָט זיך, ווי אַ שווערע אייז־קריעה געלעגט איהר אויפ'ן הארצען און האָט איהר געדריקט. די אויגען האָבען איהר וועה געטהאָן.

זי האָט ניט איינגעהייצט דעם אויווען, האָט ניט געקאָכט קיין מיטאָג און האָט ניט געטרונקען קיין טהעע. ערשט שפּעט ביינאַכט האָט זי אויפ־געגעסען אַ שטיקעל ברויט. און ווען זי האָט זיך געלעגט שלאָפען, האָט זיך איהר געדוכט, אַז איהר לעבען איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי איינזאַם, פּוסט און פול מיט פערדרוס ווי יעצט. פאַר די לעצטע יאָהרען האָט זי זיך צוגעוואוינט צו לעבען אין שטענדיגער ערווארטונג פון עטוואָס וויכטיגעס, גוטעס. ארום האָט זיך בעוועגט פול טומעל און לעבעדיגקייט די יוגענד און פאַר איהר איז שטענדיג געשטאַנען דער ערנסטער פנים פון זוהן, וועלכער האָט געשאַפען דיעזען אונרוהיגען, אָבער גוטען לעבען... און יעצט איז ער ניטאָ און אַלץ איז פערשוואונדען.

14.

אַ טאָג און אַ שלאָפלאָזע נאַכט זיינען לאַנגזאַם אריבער און נאָך לאַנג־זאַמער איז נאָכגעגאַנגען דער צווייטער טאָג. זי האָט אויף אימיצען גע־ווארט, אָבער קיינער איז ניט געקומען. און ווידער איז געוואָרען אבענד און נאָכדעם נאַכט. אַ קאַלטער רעגען האָט געקלאַפּט אין וואַנד, אין קוימען האָט געהוזשעט און אויף דער־ערד האָט זיך עפּעס וואָס בעוועגט אהין און צוריק. פון דאַך האָט געקאַפּעט וואסער, און דער וועהמוטהיגער קלאַנג פון די פאַלענדע וואסער־טראָפּענס האָט זיך צוזאַמענגעגאַסען מיט'ן טיק־טאַק פון זייגער, און האָט פערשפּרייט אַ מאָדנעם גערויש. עס האָט זיך אויס־געדוכט, אַז די גאַנצע הויז שאָקעלט זיך און אַלץ האָט אויסגעקוקט איבעריג און איז פערשטאָרבען געוואָרען פון אומעט...

אימיצער האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין פענסטער. איינס... צוויי... די מוטער איז שוין געווען צוגעוואוינט צו דיעזען קלאַפּ. זי פלעגט זיך שוין ניט שרעקען, אָבער יעצט האָט זי אַ ציטער געטהאָן און האָט דערשפּירט אַ לייכטען פריידיגען שטאָך אין הארצען. עפּעס אַן אונקלאָרע האָפנונג האָט איהר גיך אוועקגעשטעלט אויף די פיס. ארויפוואַרפענדיג די טיכעל אויף די פּלייצעס, האָט זי געעפענט די טהיר.

עס איז אריינגעקומען סאַמאַילאָף און הינטער איהם נאָך אימיצער, וועמעס פנים איז פערדעקט געווען מיט'ן קאָלנער פון מאַנטעל און די היטעל איז געווען אריבערגעצויגען איבער'ן שטערן.

— מיר האָבען אייך געשטערט פון שלאָף? — האָט סאַמאַילאָף ניט בענריסענדיג זיך אַ פּער׳דאגה׳טער אַ פרעג געטהאָן.

— איך האָב ניט געשלאָפען, — האָט זי געענטפערט, מיט אַ פאַר־שענדען בליק אָנקוקענדיג דעם פרעמדען.

סאַמאַילאָף׳ס בעגלייטער האָט שווער און הויך אָטהעמענדיג אַראָפּ־גענומען די היטעל און האָט אויסגעשטרעקט זיין ברייטע האַנד מיט די קורצע פינגער צו דער מוטער, ווי אַן אַלטער בעקאַנטער.

— וואָס מאַכט איהר, באַבינקע? איהר האָט מיך ניט דערקענט?

— דאָס זייט איהר, יעגאָרי איוואַנאָוויטש? — האָט וולאַסאָווא אויס־גערופען, דערפרעהענדיג זיך און ווערענדיג איבערראַשט.

— איך אַליין! — האָט יעגאָרי איוואַנאָוויטש געענטפערט איינבוי־גענדיג זיין גרויסען קאָפּ מיט די לאַנגע האָאַר. זיין פולער פנים האָט גוט־מוטהיג געשמייכעלט. זיינע קליינע גראָהע אויגען האָבען געקוקט אויף דער מוטער צערטליך און קלאָר. ער האָט אויסגעקוקט, ווי אַ סאַמאָוואַר, פונקט אַזוי קיילעכדיג, קליין, מיט אַ דונקעלען האַלז און קורצע אָרעמס. ער האָט הויך גענאָטהעמט און אין זיין ברוסט האָט שטענדיג געבורבעלט און געוויסט.

— געהט אַריין אין צימער. איך וועל זיך שוין אָנטהאָן, — האָט די מוטער פאַרגעשלאָגען.

— מיר האָבען צו אייך אַן עסק! — האָט סאַמאַילאָוו אַ זאָג געטהאָן פער׳דאגה׳ט און פינסטער.

יעגאָר איוואַנאָוויטש איז אַריין אין צימער און האָט פון דאָרט גערעדט:

— היינט אין דער פריה איז אַרויס פון טורמע ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש, וועלכער איז אייך אויך בעקאַנט.

— איז ער דען אויך דאָרטען געווען? — האָט די מוטער געפרעגט.

— דריי מאָנאַטען און עלף טעג... ער האָט געזעהן דעם קליין־רוס און פּאַוועלען. ביידע לאָזען אייך גריסען און בעטען אייך איהר זאָלט זיך ניט בעאונרוהיגען. פּאַוועל בעט אייך איבערצוגעבען, אַז פאַר די וואָס נעהמען אויף דעם זעלבען וועג מיט איהם, איז די טורמע אַן ערהאָלונגס־פּלאַץ. אַזוי איז עס שוין איינגעפיהרט פון אונזערע אָרדנונגס־היטער... יעצט, באַבינקע, וועל איך אָבער צוטרעטען צו דער זאַך. איהר ווייסט וויפיעל מענשען מען האָט נעכטען צוגענומען?

— ניין! האָט מען דען אויסער פּאַוועלען נאָך אימיצען צוגענומען? — האָט די מוטער געפרעגט.

— ער איז דער ניין און פערציגסטער! — האָט איהר יעגאָר איוואַנאָ־

וויטש איבערגעשלאָגען, און מען דאַרף ערוואַרטען, אַז מען וועט צונעהמען נאָך אַ מאַן צעהן. אָט דעם יונגענמאַן אויך...

— יאַ, מיך אויך! — האָט סאַמאָילאָף פינסטער געזאָגט.

וולאַסאָווא האָט דערפיהלט, אַז זי אָטהעמט איצט לייכטער.

— הייסט עס, אַז ער איז דאָרטען ניט אַליין! — איז איהר דורכגע־פלויגען דורכ'ן קאָפּ.

ווען זי האָט זיך אָנגעטהאָן, איז זי אַריין אין צימער און האָט מיט אַ מוטהיגען שמייכעל אַ זאָג געטהאָן צום גאַסט:

— מען וועט זיי מן הסתם לאַנג ניט האַלטען, ווען מען האָט אַזוי פיעל צוגענומען.

— ריכטיג! — האָט יעגאָר איוואַנאָוויטש צוגעשטימט. און אויב אונז וועט זיך איינגעבען צו צושטערען זייער שפּיעל, וועלען זיי נאָך בלייבען די נאַרען אויך...

די זאַך בעשטעהט אין דעם, באַבינקע: ווען מיר וועלען אויפהערען צוצושטעלען אונזערע ביכלעך אויפ'ן פאַבריק, וועלען זיך די זשאַנדאַרען צוטשעפּען צו דיעזער טרויעריגער ערשיינונג און וועלען עס אויסנוצען געגען פּאַוולען און זיינע חברים, וועלכע זיצען שוין אין תּפיסה...

— ווי אַזוי? פאַרוואָס? — האָט אונרוהיג אויסגערופען די מוטער.

— דאָס איז זעהר איינפאַך, באַבינקע! — האָט יעגאָר איוואַנאָוויטש ווייך אַרויסגעזאָגט. — צייטענווייז קענען אויך די זשאַנדאַרען ריכטיג אַרומ־קלעהרען אַ זאַך. בעטראַכט נאָר אַליין: אַזוי לאַנג ווי פּאַוועל איז גע־ווען — זיינען פערשפּרייט געוואָרען ביכלעך און פּראָקלאַמאַציעס, איז פּאַ־וועל מעהר ניטאָ — זיינען ניטאָ ניט קיין ביכלעך און ניט קיין פּראָקלאַ־מאַציעס! הייסט עס, אַז ער האָט פערשפּרייט די ביכלעך און די איבעריגע זאַכען, ניט אמת, האַ? נו, פערשטעהט זיך, וועלען זיי אָנהויבען אַלעמען אויפפרעסען... זיי, די זשאַנדאַרען, האָבען האַלט אַזוי צו עסען די מענשען, אַז פון זיי זאָל אפילו קיין שריד ופליט ניט בלייבען...

— איך פערשטעה, איך פערשטעה! — האָט די מוטער טרויעריג אַרויסגערעדט. — אַך, גאָטעניו! וואָס טהוט מען יעצט?

פון קיך האָט זיך דערהערט סאַמאָילאָוו'ס שטימע.

— צום טייוועל! כמעט אַלעמען האָבען זיי שוין אַרעסטירט!... יעצט דאַרפען מיר פאָרטזעצען די זאַך ווי ביז אַהער ניט נאָר פאַר דער זאַך אַליין, זאָנדערן צו רעטען די חברים.

— און ווער עס זאָל אַרבייטען איז ניטאָ! — האָט יעגאָר צוגעלעגט

שמייכלענדיג. — ליטעראַטור האָבען מיר פון דאָס בעסטע... ד'האָב עס אַליין צוגעגרייט... און ווי עס איבערצושיקען — דאָס וויסען מיר ניט.

— ביין פאַבריק־טויער האָט מען אָנגעהויבען אַלעמען צו אָביסקע־ווען! — האָט סאַמאָילאָוו געזאָגט.

די מוטער האָט געפיהלט, אַז מען וויל עפּעס פון איהר, אַז מען וואַרט אויף עפּעס און זי האָט גיך אַ פרעג געטהאָן:

— אַלזאָ, וואָס וועט זיין? ווי טהוט מען?

סאַמאָילאָוו האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין טהיר און האָט געזאָגט:

— איהר, פּעלאַגעיאַ ניליאָוונאַ, זייט בעקאַנט מיט דער הענדלערקע קאָרסונאָווא...

— איך בין בעקאַנט, נו?

— רעדט זיך דורך מיט איהר. אפשר וועט זי עס דורכטראָגען?

די מוטער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד.

— אָ, ניין! זי איז אַ פרוי, וואָס האָט האַלט צו פּלאַפּלען... ווען מען וועט זיך דערוויסען, אַז עס קומט דורך מיר... פון דיעזער הויז... ניין, ניין!

און פּלוצלונג איז איהר אין קאָפּ אַריין אַ געדאַנק, און זי האָט פרעהליך און שטיל אָנגעהויבען ריידען:

— ברענגט עס צו מיר, ברענגט עס גלייך צו מיר! איך וועל עס שוין מאַכען... איך וועל שוין געפינען אַ וועג! איך וועל בעטען מאַריאַ'ן, זי זאָל מיך צונעהמען אַלס ארויסהעלפּערין! ברויט פערדיענען דאַרף איך דאָך, אַרבייטען מוז איך! נו, וועל איך טראָגען דאַרטען עסען! איך וועל עס שוין מאַכען!

און, צודריקענדיג די האַנד צום האַרצען, האָט זי געזוכט צו איבער־צייגען, אַז זי וועט אַלץ גוט איינאָרדנען, אַז קיינער זאָל גאָר ניט בעמערקען, און צולעצט האָט זי טריאומפירענד אויסגערופען:

— זיי וועלען זעהן, אַז פּאַוועל וולאַסאָוו איז ניטאָ און זיין האַנד דער־גרייכט אַפילו פון תפיסה... זיי וועלען דאָס שוין זעהן!

אַלע דריי האָבען אויפגעלעבט, יעגאָר האָט פעסט אָנגעדריקט די הענד איינע אָן די אַנדערע, האָט געשמייכעלט און געזאָגט:

אויסגעצייכענט, באָבינקע! אָך, ווען איהר וואָלט געוואוסט, ווי אויס־געצייכענט דאָס איז? פּשוט ענטציקט צו ווערען!

— אויב עס וועט זיך איינגעבען, וועל איך זיך זעצען אין טורמע ווי אויף אַ לעהן־שטוהל! — האָט רייבענדיג די הענד סאַמאָילאָוו בעמערקט.

— מאַמעלע, איהר זייט אַ גאָלדענער מענש! — האָט אויסגעשריען יעגאָר.

די מוטער האָט געשמייכעלט. עס איז איהר געווען קלאָר, דאָס אויב עס וועלען זיך יעצט צייגען אויפ'ן פאַבריק די בלעטלעך — וועט די פּאָליציי מוזען פערשטעהן, אז ניט איהר זוהן האָט זיי פערשפּרייט. און פּיהלענדיג, אז זי קען ערפילען איהר אויפגאַבע, האָט זי אזש אויפגעציטערט פאַר פרייד.

— ווען איהר וועט געהן זיך זעהן מיט פּאַוולען, — האָט יעגאָר געזאָגט, — דאַן זאָלט איהר איהם זאָגען, אז ער האָט אַ גוטע מאַמע...

— איך וועל איהם פריהער זעהן! — האָט סאַמאָילאָוו געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— זאָלט איהר איהם טאַקע זאָגען, אז איך וועל אַלץ טהאָן, וואָס מען דאַרף! זאָל ער דאָס וויסען!...

— און ווען מען וועט איהם ניט אריינזעצען? — האָט יעגאָר אַ פרעג געטהאָן מיט אַ שמייכעל, אָנווייזענדיג אויף סאַמאָילאָווען.

— דאַמאָלסט איז שלעכט!

ביידע האָבען זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. און ווען זי האָט איינגעזעהן איהר פעהלער, האָט זי זיך אויך פאַנאַנדערגעלאַכט אין אָנפאַנג שטיל און שעהמעוודיג, דערנאָך דרייסטער.

— יעדער איז זיך אַליין דער נאָהענטסטער! — האָט זי ארויסגערעדט, ארונטערלאָזענדיג די אויגען.

— פערשטעהט זיך! — האָט יעגאָר אויסגערופען. — וואָס פּאַוולען אַנבעלאַנגט קענט איהר זיין גאַנץ רוהיג און איהר דאַרפט קיין פערדרוס ניט האָבען. ווען ער וועט צוריקקומען פון טורמע, וועט ער נאָך בעסער אויסזעהן, ווי געווען. דאָרטען לערענט מען און מען רוהט זיך אָפּ; אויף דער פריי איז פאַר אונזער איינעם פאַר דעם קיין צייט ניטאָ... אָט בין איך שוין דריי מאָל געזעסען אין טורמע, און אויב איך האָב קיין גרויס פערגעניגען ניט געהאַט, האָב איך אָבער זיכער געהאַט אַ גרויסען נוצען פאַר'ן קאָפּ און פאַר'ן הארצען.

— איהר אָטהעמט זעהר שווער! — האָט זי געזאָגט, פריינדליך קוקענדיג אין זיין פּראָסטען פנים.

— אויף דעם זיינען פאַראַן בעזונדערע אורזאַכען! — האָט ער געענטפערט, אויפהויבענדיג דעם פינגער אין דער הויך. — הייסט עס, אַזוי איז בעשלאָסען, באַבינקע? מאָרגען וועלען מיר אייך צושיקען די מאַטעריאַלען... און דער ראָד, וואָס צושטערט די אייביגע פינסטערניש, וועט זיך ווידער אַ דרעהע טהאָן. עס לעבע דאָס פרייע וואָרט, מאַמעלע! און עס לעבע דאָס מוטער־הארץ! דערוויילע — אויף ווידערזעהן!

— אויף ווידערזעהן! — האָט סאַמאָילאָוו געזאָגט, שטאַרק דריקענדיג

איהר די האנד. — פאר מיין מוטער קען איך אפילו א ווארט ווענען די זאכען ניט דערמאהנען...

— זיי וועלען שוין אלע פערשטעהן! — האט וולאסאווא געזאגט, ווע־לענדיג איהם טהאן עטוואס אנגענעהמעס. — אלע וועלען פערשטעהן!

ווען זיי זיינען אוועקגעגאנגען האט זי פערשלאסען די טהיר, האט זיך געשטעלט אויף די קניע אין מיטען צימער און האט אנגעפאנגען צו בעטען גאט אונטער'ן רויש פון רעגען. זי האט געבעטען גאט אהן ווערטער. איין געדאנק האט איהר אין גאנצען בעהערשט, און דאס איז געווען וועגען די מענשען, וועגען אלע מענשען, וועלכע פאוועל האט אריינגעפיהרט אין איהר לעבען. זיי זיינען עפעס דורכגעגאנגען צווישען איהר און דעם גאטעס־בילד, אויף וועלכען זי האט געקוקט; זיי זיינען פארבייגעגאנגען אזעלכע פראסטע, מאדנע נאהענט איינע צו די אנדערע און איינזאמע אין לעבען!

גאנץ פריה איז זי אוועק צו מאריא קארסונאווא.

די קרעמערקע, א פערשמירטע און א קאכעדיגע, האט איהר בעגעגענט מיט מיטגעפיהל.

— דו בייגקסט? — האט זי א פרעג געטהאן דער מוטער, א קלאפ טהוענדיג מיט איהר פעטער האנד איבער דער מוטערס פלייצע. — ווארף אוועק די נארישקייטען! נו, האבען זיי איהם געכאפט, אוועקגעפיהרט. וואס פאר א בייז! קיין שלעכטס האט ער דאך ניט געטהאן.. אמאל פלעגט מען אריינזעצען פאר גנבות און יעצט פאר זאגען דעם אמת. פאוועל האט טאקע אפשר צופיעל אביסעל גערעדט, אבער ער האט זיך דאך איינגעשטעלט פאר אלעמען — און זארג זיך ניט, אלע פערשטעהען איהם; ניט אלע ריידען, אבער אלע פערשטעהען, וואס רעכט איז... איך האב זיך אלץ געקליבען אריינצוגעהן צו דיר, נאר עס איז אלץ ניט אויסגעקומען. איך הארעווע אלץ און ארבייט און וועל שוין מן הסתם שטארבען א קבצן'טע. די גע־ליעבטע פלינדערען מיך אויס, די פערדאמטע חברה־לייט! זיי זויגען פון מיר אויס אלץ, וואס איך האב... טאמער קלייב איך אן א צעהנדליג רובעל, קומט גלייך א חברה־מאן, און נארט אויס דאס געלד... יא, יא, עס איז שלעכט צו זיין א פרויענצימער! אליין לעבען איז קיין געשעפט ניט; פאר צוויי — איז קיין כח ניטא.

— איך וואלט דיך געבעטען, דו זאלסט מיר אננעהמען צו דיר אלס ארויסהעלפערקע — האט וולאסאווא איהר איבערגעשלאגען די רייד.

— ווי אזוי? — האט מאריא א פרעג געטהאן און, אויסהערענדיג דער מוטער, האט זי צוגעשטימט.

— געהט עס! דו געדענקסט, דו פלעגסט מיך פון מיין מאן בעהאלטען.

און יעצט וועל איך דיר פון דער נויט בעהאַלטען... דיר דאַרפען אַלע העל־פען, ווייל דיין זוהן ליידט פאַר אַן אַלגעמיינע זאַך. אַ גוטער בחור איז ער. דאָס זאָגען אַלע, ווי איינער, און אַלע האָבען מיטלייד מיט איהם. איך זאָג: פון די אַרעסטען וועט דער נאַטשאַלסטוואָ קיין גוטס ניט אַרויסקומען. דו גיב נאָר אַ קוק וואָס עס טהוט זיך אויפ'ן פאַבריק? מען רעדט שוין דאָרטען זעהר שטאַרק... די פּאָליציי מיינט, אַז זיי האָבען איינגעביסען אַ מענשען אין פּוס, איז שוין אַלץ אין אָרדנונג... זיי וועלען ווייט ניט אַוועק: עס קומט אָבער אויס, אַז מען שלאָגט אַ צעהנדליג און עס הויבען זיך אויף הונדערטער. דעם אַרבייטער מוז מען בעהאַנדלען פּאָרזיכטיג — ער ליידט, אָבער אַלץ ביז אַ צייט; דערלאַנגט ער זיך אָבער אַ נעהם, דאַמאָלסט צורייסט ער אַלץ אַרום זיך.

דער געשפּרעך האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס אויף דעם אַנדערען טאָג צו מיטאָג איז וולאַסאָוואָ געקומען אויפ'ן פאַבריק מיט מאַריאָ'ס צוויי קערב עסען־זאַכען, און מאַריאָ אַליין איז אַוועק האַנדלען אויפ'ן מאַרק.

## 15.

די אַרבייטער האָבען גלייך בעמערקט די נייע קרעמערקע. זיי זיינען צוגעגאַנגען צו איהר, האָבען איהר פריינדליך געגריסט און האָבען איהר צו־געגעבען מוטה:

— האָסט זיך גענומען צו דער אַרבייט, נילאָוונאַ?

און זיי האָבען איהר געטרייסט, אַז פּאַוועלען וועט מען באַלד אַרויסלאָזען, אַז זיין האַנדלונג איז אַ גערעכטע. אַנדערע האָבען בעאונרוהיגט איהר צו־וועהטאָגטע נשמה מיט פאָרזיכטיגע טרייסט־רייד. נאָך אַנדערע האָבען האָבען אָפען און בייז געזידעלט דעם דירעקטאָר און די זשאַנדאַרען און זייערע רייד האָבען געפונען אַן אָבקלאַנג אין איהר ברוסט. עס זיינען געווען מענשען, וועלכע האָבען געקוקט אויף איהר מיט בייזקייט, און אי־סאַי גאָרבאָוו האָט אַ זאָג געטהאָ דורך די צייהנער:

— ווען איך וואָלט געווען אַ גובערנאַטאָר, וואָלט איך דיין זוהנדעל אויפגעהאַנגען! זאָל ער ניט אַרונטערפיהרען די מענשען פון ריכטיגען וועג...

פון דיזער גיפטיגער בייזקייט האָט אויף איהר אַרויפגעוועהט אַ טויטע קעלט. זי האָט איסאַיען קיין וואָרט ניט געענטפערט. זי האָט נאָר אַריינ־געקוקט אין זיין קליינינקע, מיט זומער־שפּרינקלעך בעדעקטע צורה און, אָפּ־אָטהעמענדיג שווער, האָט זי אַרונטערגעלאָזען די אויגען צו דר'ערד.

זי האָט געזעהן, אַז אויפ'ן פאַבריק איז אונרוהיג. די אַרבייטער קליי־בען זיך צונויף אין קופּקעס און קריעגען זיך וועגען עפּעס־וואָס שטילערהייט.

איבעראַל לויפען אום די פערזאָרגטע מייסטערס און פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ זידעל־וואָרט אָדער אַן אויפגערעגטען געלעכטער.

צוויי פּאָליציסטען האָבען פאַרביי געפיהרט פאַרביי איהר סאַמאָילאָווען. ער איז געגאַנגען, האַלטענדיג איין האַנד אין קעשענע און מיט דער צווייטער גלעטענדיג זיינע רויטליכע האָאַר.

אַ מאַסע פון אַרום הונדערט אַרבייטער האָבען איהם בעגלייט, אונטער־טרייבענדיג די פּאָליציסטען מיט זידלעריי און געלעכטערלעך...

— געהסט שפּאַציערען, גרישאַ! — האָט אימיצער איהם נאָכגעשריען.

— מען גיט אָפּ כבוד אונזערע ברידער! — האָט אונטערגעהאַלטען אַ צווייטער. — מען בעגלייט אונז מיט אַ וואַך...

— ווי עס שיינט, לוינט זיך איצט ניט צו כאַפּען גנבים! — האָט הויך און בייז אַרויסגערעדט אַ הויכער, הינקעדיגער אַרבייטער. — נו, האָבען זיי אָנגעהויבען שלעפּען עהרליכע מענשען...

— וואָלטען זיי כאָטש געכאַפּט ביינאַכט, — האָט אונטערגעהאַלטען אַ צווייטער. — אָבער, ביי טאָג — זיי האָבען גאָר קיין בושה ניט... די לומפּען!

די פּאָליציסטען זיינען געגאַנגען פינסטער און שווייגענדיג, זיך סטאַ־רענדיג גאָרניט צו זעהן און ניט צו הערען די אויסרופען, מיט וועלכע זיי זיינען בעגלייט געוואָרען. אַנטקעגען זיי זיינען אָנגעקומען דריי אַרבייטער, וועלכע האָבען געטראָגען אַ גרויסע שטיק אייזען און, אָנשטעלענדיג דאָס אייזען געגען די פּאָליציסטען, האָבען זיי אויסגעשריען:

— היט זיך, פישערס!

פאַרבייגעהענדיג פאַרביי וולאַסאָוואַ'ן, האָט סאַמאָילאָוו אַ שמייכעל געטהאָן, און שאָקלענדיג צו איהר מיט'ן קאָפּ, האָט ער געזאָגט:

— מען שלעפּט אוועק גאָט'ס קנעכט גריגאָר'ן!

זי האָט זיך שווייגענדיג ניעדריג פאַרבויגען צו איהם. זי איז געריהרט געוואָרען פון די יונגע, עהרליכע, ניכטערע און קלוגע מענשען, וועלכע געהען אוועק אין טורמע מיט אַ שמייכעל אויף די פּנים'ער. אונבעמערקט האָט זיך אין איהר דערוועקט די רחמנות'דיגע ליעבע פון אַ מוטער צו זיי.

און איהר איז אָנגענעהם געווען צו הערען די שאַרפע אורטהיילען איבער די נאַטשאַלסטוואָ, — אין זיי האָט זי געפיהלט די ווירקונג פון איהר זוהן.

זי איז אוועק פון פאַבריק, און האָט די איבעריגע צייט פון טאָג פער־בראַכט ביי מאַריאַ'ן, אַרויסהעלפענדיג איהר אין דער אַרבייט און הערענדיג איהר פּלאַפּלעריי. שפּעט ביינאַכט איז זי געקומען צו זיך אין הויז, וואו עס איז געווען פּוסט, קאַלט און ניט געמיטהליך. זי האָט זיך לאַנג געוואָרפען פון איין ווינקעל אין אַנדערען, זיך ניט געפינענדיג קיין אָרט, ניט וויסענדיג

וואָס צו טהאָן. איהר האָט בעאונרוהיגט, אז אָט איז שוין באַלד נאַכט, און יעגאָר איוואַנאָוויטש ברענגט נאָך אַלץ ניט די ליטעראַטור, ווי ער האָט פער־שפּראָכען.

דרויסען איז געפאַלען אַ קליינינקער, שווערער, גראָהער הערבסט־שנעע. ער האָט זיך אָנגעקלעפּט אָן די שויבען, האָט זיך שטיל אַרונטערגעקייקעלט אונטען און איז צושמאָלצען געוואָרען, לאָזענדיג נאַסע צייכענס. זי האָט געטראַכט וועגען זוהן.

אין טהיר האָט אימיצער פאָרזיכטיג אַ קלאַפּ געטהאָן. די מוטער איז גיך צוגעלאָפען, האָט געעפענט די טהיר, און סאַשענקאַ איז אַריינגעקומען. די מוטער האָט איהר שוין לאַנג ניט געזעהן, און יעצט האָט זיך איהר גע־וואָרפען אין די אויגען די אונגאַטירליכע פולקייט פון דער מיידעל.

— גוטען אבענד! — האָט זי אַ זאָג געטהאָן, זיך פרעהענדיג, אז עס איז געקומען אַ מענש, און דעם רעסט פון דער נאַכט וועט זי ניט פערברייננגען אין איינזאַמקייט.

— איך האָב אייך שוין לאַנג ניט געזעהן. איהר זייט געווען אוועק־געפאָהרען?

— ניין, איך בין געזעסען אין טורמע! — האָט די מיידעל געענטפערט שמייכלענדיג — צוזאַמען מיט ניקאָלאַי איוואַנאָוויטשען. — איהר געדענקט איהם דאָך?

— געוויס געדענק איך איהם! — האָט די מוטער אויסגערופען. — יעגאָר איוואַנאָוויטש האָט מיר נעכטען געזאָגט, אז מען האָט איהם אַרויס־געלאָזען... און וועגען אייך האָב איך ניט געוואוסט... קיינער האָט גאָרניט געזאָגט, אז איהר זייט אויך דאָרטען...

— וואָס זאָל מען וועגען דעם ריידען?... ביז יעגאָר איוואַנאָוויטש וועט קומען, דאַרף איך זיך איבערטהאָן! — האָט די מיידעל אַ זאָג געטהאָן, זיך אַרומקוקענדיג.

— איהר זייט אין גאַנצען דורכגעווייקט...

— איך האָב געבראַכט ביכלעך...

— גיט זיי, גיט זיי גיכער אהער! — האָט די מוטער פרעהליך אויס־גערופען...

— שוין.

די מיידעל האָט זיך לויז־געשפּיליעט דעם מאַנטעל, האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן און פון איהר האָבען זיך אָנגעהויבען צו שיטען פעקלעך פּאַפּיער אויף דר'ערד, פונקט ווי בלעטלעך פון אַ בוים. די מוטער האָט זיי לאַכענדיג אויפגעקליעבען פון דר'ערד און האָט געזאָגט:

— און איך קוק: איהר זייט אזוי דיק. איך האָב גערעכענט, איהר האָט חתונה געהאַט און ערוואַרט אַ קינד... אַי, אַי, וויפיעל איהר האָט עס אָנגעבראַכט! צו דען זייט איהר געקומען צו־פוס?

— יאָ! — האָט סאַשענקאַ געזאָגט. — זי איז יעצט ווידער געוואָרען דין און שלאַנק, ווי פריהער. די מוטער האָט געזעהן, אַז איהרע באַקען זיינען איהר געוואָרען איינגעפאַלען, די אויגען זיינען געוואָרען גרויס און איבער זיי האָבען זיך געזעהן דונקעלע פלעקען.

— מען האָט אייך אַקאָרשט אַרויסגעלאָזען... איהר וואָלט זיך גע־דאַרפט אַביסעל אויסרוהען, און איהר האָט אַזאַ מאַסע געשלעפּט גאַנצע זיעבען ווייאָרסט! — האָט די מוטער געזאָגט, אָבאָטהעמענדיג און שאָק־לענדיג מיט'ן קאָפּ.

— מען מוז! — האָט די מיידעל געענטפערט אויפציטערענדיג. נו, זאָגט, ווי האָט זיך געהאַלטען פּאַוועל מיכאַילאָוויטש?... גאַרנישט... ער האָט זיך ניט שטאַרק אויפגערעגט?

פרעגענדיג דאָס, האָט סאַשענקאַ ניט געקוקט אויף דער מוטער. איינ־בויגענדיג דעם קאָפּ, האָט זי פעררירכט די האָאָר און איהרע פינגער האָבען געציטערט.

— פּטור נו! — האָט די מוטער געענטפערט — ער וועט דאָך זיך אַליין ניט אַרויסגעבען.

— איז ער אַ געזונטער? — האָט שטיל אַ פרעג געטהאָן די מיידעל.

— ער איז קיינמאָל ניט געוועזן קראַנק! — האָט די מוטער געענט־פערט. — און איהר ציטערט אַזוי. איך וועל אייך געבען אַ גלעזעל טהעע מיט מאַלינעס...

— דאָס קען ניט שאַדען! אָבער עס לוינט זיך ניט דער קלאָפּאָט. ס'איז שוין שפּעט. לאָזט, איך וועל אַליין...

— איהר, אַזאַ פערמאַטערטע? — האָט די מוטער זיך אָפּגערופען מיט פאָרוואורף, און זי האָט זיך גענומען צום סאַמאָוואַר. סאַשענקאַ איז אויך אַרויס אין קיך, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן ביינקעל און, פערוואַרפענדיג די הענד הינטער'ן קאָפּ, האָט זי געזאָגט:

— יאָ... די טורמע שוואַכט אָבער דאָך אָפּ. דאָס פערפלוכטע אַרומ־געהן ליידיג! עס איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין ערגערע זאַך... דו זיצסט אַ וואָך, אַ מאָנאַט... דו ווייסט, אַז עס איז דאָ פיעל אַרבייט... די מענשען נויטיגען זיך אין דיינע קענטניסע און דו קענסט זיי געבען דאָס נויטיגסטע... און דו דאַרפסט זיצען אין שטייג ווי אַ חיה... דעריבער טריקענט די האַרץ.

— ווער וועט דאָס אייך פאַר דעם אַלעס בעצאָהלען? — האָט די מוטער געפרעגט.

און אַפּזיפּצענדיג האָט זי זיך אַליין געענטפערט:

— קיינער ניט, אויסער גאָט. און איהר גלויבט דאָך, מסתמא, אויך ניט אין איהם?

— ניין! — האָט קורץ די מיידעל געענטפערט, אַ שאָקעל טהוענדיג מיט'ן קאָפּ.

— זעהט איהר, אַט דאָס גלויב איך אייך ניט! — האָט די מוטער, פּלוצלונג אויפרעגענדיג זיך, געענטפערט. זי האָט שנעל אויסגעריבען מיט'ן פאַרטוך איהרע הענד, וועלכע זיינען שוואַרץ געוואָרען פון די קויהלען, און האָט מיט אַ טיעפער זיכערהייט פאָרטגעזעצט:

— איהר פערשטעהט אַליין ניט אייער גלויבען! ווי קען מען ניט גלויבענדיג אין גאָט, פיהרען אַזא לעבען?...

אין פאָרהויז האָבען זיך דערהערט טריט. די מוטער האָט אַ ציטער געטהאָן. די מיידעל איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און האָט האַסטיג אַ שעפּטשע געטהאָן:

— עפענט ניט! אויב דאָס זיינען זיי, די זשאַנדאַרען... קענט איהר מיך ניט... איך האָב פערבלאָנדזשעט צו אייך אין הויז... בין געפאַלען אין חלשות. איהר האָט מיך אויסגעטהאָן און האָט געפונען די ביכער. איהר פערשטעהט?

— טהייערינקע מיינע... צו וואָס? — האָט די מוטער ווייך געפרעגט.

— וואַרט! — האָט סאַשענקאַ, זיך איינהאָרכענדיג, געזאָגט. — דאַכט זיך, אַז דאָס איז יעגאָר...

ער איז עס טאַקע געווען. אַ נאַסער און אַ מיעדער איז ער אַריין און קוים וואָס ער האָט געאָטהעמט.

— האַ! אַ סאַמאָוואַרעל! — האָט ער אויסגערופען. — באַבינקע, דאָס איז די בעסטע זאַך אין דער וועלט! סאַשענקאַ, איהר זייט שוין דאָ?

אָנפילענדיג די קליינע קיך מיט די הייזעריגע קלאַנגען פון זיין שטימע, האָט ער זיך לאַנגזאַם אויסגעטהאָן און, זיך ניט אָבשטעלענדיג, האָט ער ווייטער גערעדט.

— אַט דאָס, באַבינקע, איז אַ מיידעל, פון וועלכער די טורמע־בעאַמטע האָבען קיין האָניג ניט געלעקט: דער אויפזעהער האָט איהר איינמאָל בעליידיגט, האָט זי איהם ערקלעהרט, אַז זי וועט הונגערען, ביז וואַנען ער וועט זיך פאַר איהר ניט ענטשולדיגען. אַכט טעג האָט זי ניט געגעסען און האָט נאָך אַ האָאָר ניט אויסגעצויגען די פיס!

האַלטענדיג זיך פאַר'ן דיקען, מאָדנע־אַראָבהענגענדיגען בויך, איז ער אַריין אין צימער, האָט צוגעמאַכט די טהיר און האָט עפּעס דאָרט אויף געמורמעלט.

— האָט איהר טאַקע גאַנצע אַכט טעג ניט געגעסען? — האָט די מוטער געפרעגט פערוואונדערט.

— עס איז נויטיג געווען, אום ער זאָל זיך פאַר מיר ענטשולדיגען, — האָט די מיידעל געענטפערט, אַ מאַך טהוענדיג מיט די פּלייצעס.

איהר רוהיגקייט און איינגעשפּאַרטקייט האָבען אויף דער מוטער גע־מאַכט אַן איינדרוק פון פאַרוואורף.

— אַזוי! — האָט די מוטער אַ טראַכט געטהאָן און האָט ווידער אַ פרעג געטהאָן:

— און וואָס וואָלט געווען, ווען איהר וואָלט געשטאָרבען?

— מען קען זיך ניט העלפען! — האָט שטיל געענטפערט די מיידעל. ער אָבער האָט זיך דאָך ענטשולדיגט. אַ מענש טאָר ניט שווייגען, ווען מען בעליידיגט איהם...

— יאַ־אַ... — האָט זיך לאַנגזאַם אָבגערופען די מוטער. — אַט זעהט איהר, אונז אַלעמען בעליידיגט מען דעם גאַנצען לעבען לאַנג...

— איך האָב זיך שוין אויסגעפּאַקט! — האָט יעגאָר, עפענענדיג די טהיר, ערקלעהרט. — דער סאַמאָוואַר איז שוין פאַרטיג? וואַרט, איך וועל איהם אַריינברענגען.

ער האָט אויפגעהויבען דעם סאַמאָוואַר און איהם אַריינגעטראָגען, זאָגענדיג:

— מיין טאַטע פלעגט אויסטרינקען אַ טאָג ניט ווייניגער ווי צוואַנציג גלעזער טהעע. דערפאַר האָט ער טאַקע אָבגעלעבט אויף דער וועלט דריי און זיעבציג יאָהר און איז קיינמאָל ניט קראַנק געווען. ער האָט געוואָגען אַכט פּוד און איז געווען אַ גלח אין דאָרף וואָסקרעסענסקאָיע...

— וואָס? איהר זייט דעם פּאָטער איוואַן'ס זוהן? — האָט די מוטער אויסגערופען.

— יאַ, יאַ! אָבער פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?

— איך אַליין בין אויך פון וואָסקרעסענסקאָיע!...

— הייסט עס, זיינען מיר לאַנדסלייט! וועמענס זייט איהר דאָרט?

— אייערע שכנים!. איך בין סעריאַגינאַ.

— דעם הינקעדיגען ניל'ס טאָכטער? ער איז מיר געווען גוט בעקאַנט. ער האָט מיך ניט איין מאָל אָנגעריסען פאַר די אויערען...

זיי זיינען געשטאַנען איינע אַנטקעגען די אַנדערע, האָבען זיך פער־

שאָטען מיט פראַגען און האָבען געלאַכט. סאַשענקאַ האָט שמייכלענדיג געקוקט אויף זיי און האָט אָנגעהויבען פערקאָכען טהעע. דאָס קלאַפּען פון די געפּעס האָט דער מוטער אומגעקעהרט צו דער ווירקליכקייט.

— אָ, ענטשולדיגט מיר, איך האָב זיך פערדעדט! עס איז אַזאַ פער־געניגען צו טרעפען זיך מיט אַ לאַנדסמאַן, אַז מען פערגעסט אָן אַלצדינג...

— איך דאַרף גאָר בעטען ענטשולדיגונג, וואָס איך קאָמאַנדעווע דאָ, ווי ביי זיך אין דער היים. אָבער עס איז שוין באַלד עלף דער זייגער און איך האָב צו געהן זעהר ווייט.

— וואוהין? אין שטאָדט? — האָט די מוטער געפרעגט מיט פער־וואונדערונג.

— יאָ.

— גאָט איז מיט אייך! עס איז דאָך נאַס און פינסטער, און איהר זייט דאָך אַזוי מיעד! נעכטיגט שוין דאָ... יעגאָר איוואַנאָוויטש וועט זיך לייגען אין קיך און איך מיט אייך וועלען זיך דאָ לייגען.

— ניין, איך מוז געהן! — האָט די מיידעל פּראָסט געענטפערט.

— יאָ, לאַנדס־פרוי, — האָט יעגאָר ערקלעהרט, — עס פאָדערט זיך, אַז די מיידעל זאָל פערשווינדען. איהר קען מען שוין דאָ... און ווען זי וועט זיך מאָרגען ציינגען דאָ אויפ'ן גאַס, וועט זיין זעהר ניט גוט.

— אָבער ווי זשע? ווי קען זי געהן אַליין?

— פערשטעהט זיך, זי וועט געהן! — האָט יעגאָר לאַכענדיג אַרויס־געזאָגט.

די מיידעל האָט זיך אָנגעגאָסען טהיי, האָט גענומען אַ שטיקעל קאָרענע ברויט מיט זאַלץ און האָט אָנגעהויבען עסען, קוקענדיג פערטראַכט אויף דער מוטער.

— ווי האָט איהר דאָס ניט מורא צו געהן? איהר און נאַטאַשאַ... איך וואָלט ניט געגאַנגען אַליין... ס'איז אַ שרעק! — האָט וולאַסאָווא געזאָגט.

— זי האָט אויך מורא! — האָט בעמערקט יעגאָר. — איהר האָט מורא, סאַשאַ?

— געוויס! — האָט געענטפערט די מיידעל.

די מוטער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר און אויף יעגאָר'ן און האָט שטיל אויסגערופען:

— ס'אַראַ שטרענגע איהר זייט עס אַלע!

אויסטרינקענדיג די טהעע, האָט סאַשענקאַ שווייגענדיג געדריקט יע־גאָר'ס האַנד און איז אַרויס אין קיך. די מוטער איז אַרויס דורכלאָזען איהר. אין קיך האָט סאַשענקאַ געזאָגט:

— אז איהר וועט זעהן פאוועל מיכאילאוויטשען, גריסט איהם פון מיינטוועגען... זעהט, ניט פערגעסט!

און נעהמענדיג זיך פאר דער קליאמקע פון טהיר, האט זי זיך פלוצלונג אומגעקעהרט און האט שטיל געפרעגט:

— מעג איך אייך א קוש טהאן?

די מוטער האט איהר שווייגענדיג ארומגענומען און האט איהר געגעבען א הייסען קוש.

— א דאנק אייך! — האט שטיל געזאגט די מיידעל און, א נייג טהוענדיג מיט'ן קאפ, איז זי אוועק.

זיך אומקעהרענדיג אין צימער, האט די מוטער אונרוהיג א קוק געטהאן אין פענסטער. אין דער געדיכטער, פייכטער פינסטערניש זיינען געפאלען נאסע שנעעלאך...

— די פראזאראווס געדענקט איהר? דעם קרעמער? — האט יעגאר געפרעגט.

ער איז געזעסען ברייט פאנאנדערגענומען די פיס און האט הויך גע־בלאזען אין גלאז טהעע. זיין פנים איז געווען רויט, פערשוויצט און צו־פריעדען.

— איך געדענק, איך געדענק... — האט די מוטער פערטראכט געזאגט און איז צוגעגאנגען צום טיש. — זי האט זיך געזעצט, ווארפענדיג אן או־מעדיגען בליק אויף יעגאר'ן, האט זי לאנגזאם ארויסגערעדט:

— אי־אי־אי... סאשענקא... ווי וועט זי דאס דערגעהן?

— זי וועט מיעד ווערען, — האט יעגאר צוגעשטימט. — די טורמע האט איהר שרעקליך אויסגעמאטערט. פריהער איז זי געווען פיעל שטאר־קער... דערצו נאך איז זי ערצויגען געווארען אין מילך און אין האניג... און זי האט זיך שוין, דאכט זיך, איבערגעפיהרט די לונגען...

— ווער איז זי אזוינס? — האט די מוטער שטיל א פרעג געטהאן.

— איהר פאטער איז א פריץ. ער איז זעהר א רייכער מאן און א גרויסער אויסוואורף, ווי זי דערצעהלט. איהר ווייסט, באבינקע, אז זיי ווילען חתונה האבען?

— ווער?

— זי און פאוועל, — האט יעגאר געענטפערט.

— איך האב דאס גאר ניט געוואוסט! — האט די מוטער נאך א קורצען שווייגען געענטפערט... פאווליושא דערצעהלט ווענען זיך גארנישט...

יעצט האט איהר פאר דער מיידעל נאך מעהר לייד געטהאן און, א קוק טהוענדיג מיט פארוואורף אויפ'ן גאסט, האט זי געזאגט:

— איהר האָט איהר געדאַרפט דורכלאָזען!...

— דאָס טאָר מען ניט! — האָט געענטפערט יעגאָר. — איך האָב דאָ צו טהאָן א בארג ארבייט און איך וועל דארפען א גאַנצען טאָג פון פריה־מאָרגען אָן געהן, געהן און געהן. אָן ארבייט, וואָס איז זעהר א שלעכטע רפואה צו מיין אסטמאַ.

— זי איז א וואוילע מיידעל, — האָט די מוטער אונבעשטימט ארומ־גערעדט, טראַכטענדיג וועגען דעם, וואָס יעגאָר האָט איהר דערצעהלט. איהר האָט פערדראָסען, וואָס זי האָט זיך דאָס דערוואוסט ניט פון איהר זוהן אליין, נאָר פון א פרעמדען, און זי האָט פעסט צוזאַמענגעדריקט די ליפּען און האָט אראָפּגעלאָזען די אויגען.

— זעהר ריכטיג, זי איז א וואוילע מיידעל, — האָט יעגאָר א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. — איך זעה, אז איהר האָט אויף איהר רחמנות... דאָס איז ניט נויטיג! אייך וועט ניט קלעקען קיין הארץ, באַבינקע, אויב איהר וועט אָנפאַנגען רחמנות האָבען אויף אונז אלעמען... דעם אמת זאָגענדיג, לעבט זיך אונז ניט זעהר גרינג... אָט האָט זיך ניט לאַנג אומגעקעהרט פון סיביר מיינער א חבר... און ווען ער איז דורכגעפאָהרען ניזשני־נאָווגאָראָד האָבען זיין פרוי און קינד געוואַרט אויף איהם אין סמאָלענסק, און ווען ער איז אָנגעקומען אין סמאָלענסק — זיינען זיי שוין געזעסען אין מאָסקווער טורמע. יעצט דארף די פרוי פאָהרען אין סיביר. איך האָב אויך געהאַט א פרוי, געווען א זעלטענער מענש, אָבער פינף יאָהר פון אזא לעבען, האָבען איהר פערטריעבען אין קבר...

ער האָט מיט איין אָטהעם אויסגעטרונקען די גלאָז טהעע און האָט פאָרטגעזעצט דעם געשפּרעך. ער האָט אויסגערעכענט די יאָהרען און מאָ־נאַטען, וועלכע ער האָט פערבראַכט אין טורמע און אין פערשיקונג; ער האָט דערצעהלט וועגען פערשיעדענע אונגליקען, וועגען הריגות אין די טורמעס, וועגען הונגער אין סיביר... די מוטער האָט געקוקט אויף איהם און האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען, ווי רוהיג און גלאַסען ער רעדט דאָס וועגען דיעזען לעבען, וועלכער איז פול מיט ליידען, פערפאָלגונגען און בעליידיגונגען פון די מענשען.

— נאָר לאָמיר ריידען וועגען אונזער זאַך.

זיין שטימע האָט זיך געענדערט, דער פּנים איז געוואָרען ערנסטער. ער האָט אָנגעפאַנגען איהר פאַנאַנדערפרעגען, ווי אזוי זי דענקט דורכצור־שמוגלען די ביכלעך אויפ'ן פאַבריק, און די מוטער האָט זיך געוואונדערט ווי אזוי ער איז דאָס געניי בעקאַנט מיט יעדער קלייניגקייט.

ווען זיי האָבען געענדיגט וועגען דעם, האָבען זיי ווידער גענומען זיך דערמאָהנען וועגען זייער געבורטס־דאָרף. ער האָט זיך געוויצעלט און זי האָט זיך פערטראַכט וועגען איהר פערגאַנגענהייט, וועלכע האָט איהר אויסגע־זעהן עפּעס מאָדנע עהנליך צו אַ זומפּ, וועלכער איז אויסגעזייהט געוועזן מיט צאַרטע, שטענדיג זיך שרעקענדיגע עספּען־בוימער, ניעדריגע טענען־בוימלעך און פערפלאָנטערטע ווייסע בעריאָזענע בוימלעך. די בעריאָזענע בוימלעך זיינען געוואַקסען לאַנגזאַם און, אָבשטעהענדיג אַזוי אַ יאָהר פינף, פלעגען זיי פאַלען און פערפוילט ווערען... זי האָט געקוקט אויף דיעזען בילד און עס האָט איהר עפּעס מאָדנע באַנג געטהאָן. פאַר איהרע אויגען איז גע־שטאַנען דאָס בילד פון דער מיידעל מיט איהר שאַרפען, שטאָלצען פּנים. זי איז יעצט געגאַנגען אַן איינזאַמע, אַ מיעדע איבער׳ן נאַסען שנעע... און דער זוהן זיצט אויף׳ן פענסטער אין קליינעם צימערעל מיט די אייזערנע גראַטעס. אפשר שלאָפט ער נאָך ניט און טראַכט... אָבער ער טראַכט ניט וועגען דער מוטער; ער האָט יעצט אַ נאָהענטערען מענשען... ווי אַ פערפלאָנטערטער וואָלקען האָבען זיך אויף איהר אָנגערוקט די שווערע גע־דאַנקען און האָבען פעסט ארומגענומען איהר האַרץ...

— איהר זייט דאָך מיעד, מאַמעלע! לאָמיר זיך שוין לעגען שלאָפען! — האָט יעגאָר שמייכלענדיג געזאָגט.

זי האָט גענומען פון איהם אָבשיעד און איז פאָרזיכטיג ארויס אין קיך.

אויף מאָרגען אין דער־פריה האָט יעגאָר איהר אַ פרעג געטהאָן:

— און וואָס וועט זיין, אז מען וועט אייך כאַפּען און מען וועט אייך פרעגען וואו איהר האָט גענומען דיעזע פערבאָטענע ביכלעך, — וואָס וועט איהר ענטפערען?

— דאָס איז ניט אייער עסק, וועל איך זאָגען, — האָט זי געענטפערט.

— זיי וועט דאָס אָבער ניט צופריעדען שטעלען, — האָט יעגאָר בע־מערקט, — זיי זיינען גראָדע טיעף איבערצייגט, אז דאָס איז יא זייער עסק! און מען וועט אייך לאַנג אויספרעגען און אויספאָרשען.

— און איך וועל ניט זאָגען!

— וועט מען אייך אין טורמע אריינזעצען!

— נו, איז וואָס? גאָט צו דאַנקען, אז איך טויג נאָך כאָטש אויף דעם, — האָט זי געזאָגט אַפּזיפצענדיג — גאָט צו דאַנקען! ווער דאַרף מיך האָבען? קיינער ניט... און פייניגען וועט מען ניט? מען זאָגט...

— הם! — האָט יעגאָר, אויפמערקזאַם אַ קוק טהוענדיג אויף איהר, געזאָגט — פייניגען וועט מען ניט... אָבער אַן עהרליכער מענש דאַרף זיך היטען...

— פון אייך קען מען זיך דאָס ניט אויסלערנען! — האָט די מוטער לאַכענדיג געענטפערט.

יעגאָר האָט געשוויגען אַ ווײַלע, איז זיך דורכגעגאַנגען איבער'ן צימער. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו איהר און געזאָגט:

— עס איז שווער, טהייערינקע! איך פיהל, אַז דאָס איז זעהר שווער פאַר אייך!

— עס איז אַלעמען שווער! — האָט די מוטער, אַ מאַך טהוענדיג מיט'ן האַנד געענטפערט, — אפשר אָט די, וועלכע פערשטעהען, פיעלייכט איז זיי לייכטער... נאָר איך פערשטעה אויך אביסעל וואָס גוטע מענשען פערלאַנגען...

— און אויב איהר פערשטעהט טאַקע, מאַמעלע, הייסט דאָס, אַז זיי דאַרפען אייך טאַקע מיט אַלעמען האָבען, מיט אַלעמען, — האָט זיך ערנסט אָבגערופען יעגאָר.

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און האָט שווייגענדיג אַ שמייכעל געטהאָן.

בײַטאָג האָט זי רוהיג און בעזאָכט אַרומגעפּאַקט זיך מיט ביכלעך און האָט דאָס געטהאָן אַזוי געשיקט און בעקוועם, אַז יעגאָר האָט מיט פערגע־ניגען אַ קנאַק געטהאָן מיט'ן צונג און האָט געזאָגט:

— זעהר גוט! ווי עס זאָגט אַ גוטער דייטש, ווען ער טרינקט אויס אַן עמער ביער. אייך, באַבינקע, האָט די „ליטעראַטור" גאָר ניט פערענדערט: איהר זעהט אויס די זעלבע גוטע, בעיאָהרענטע, דיקע און הויכע פרוי. זאָלט איהר געבענשט זיין פון אַלע געטער!...

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז זי געשטאַנען רוהיג און זיכער לעבען פאַבריק־טויער. צוויי וועכטערס, וועלכע זיינען געווען אויפגעבראַכט אויף די אַרבייטער, פאַר וואָס יענע האָבען פון זיי אָבגעלאַכט, האָבען פרעך אַרומ־געטאַפּט און אַרומגעזוכט יעדען איינעם, וועלכער איז נאָר אַריין אין הויף. בײַ דער זייט איז געשטאַנען אַ פּאָליציסט און עפּעס אַ פאַרשוין מיט מאָדנע דינע פיס, מיט אַ רויטען פּנים און שטרענגע אויגען. די מוטער האָט איבער־געלעגט די משא פון איין פּלייצע אויף דער אַנדערער.

זי האָט אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט דיעזען פאַרשוין — זי האָט גע־פיהלט, אַז ער איז אַ שפּיאָן.

אַ הויכער אַרבייטער מיט געקרויזטע האָאַר און אין אַ היטעל, וועלכע איז בײַ איהם געווען אַראָפּגערוקט איבער'ן קאַרק, האָט געשריען צו די וועכ־טערס, וועלכע האָבען איהם בעזוכט:

— איהר, שדים, זוכט בעסער אין קאָפּ, אָבער ניט אין די קעשענעס!

איינער פון די וועכטער האָט געענטפערט:

— ביי דיר אין קאָפּ איז מעהר ווי שמוץ גאָרנישט ניטאָ...

— איהר דאַרפט טאַקע מעהר ניט ווי שמוץ, — האָט זיך אָבגערופען דער ארבייטער.

דער שפּיאָן האָט איהם בעטראַכט פון אויבען ביז אַראָפּ און האָט אַ שפּיי געטהאָן.

— לאָזט מיר כאָטש דורך — האָט די מוטער אַ בעט געטהאָן — איהר זעהט דאָך, אַז איך טראָג אַ משא אויף זיך... עס ברעכט דער רוקען!

— געה, געה! — האָט מיט כעס אויסגעשריען דער וועכטער — זי טענה'ט אויך...

די מוטער איז צוגעגאַנגען צו איהר פּלאַץ, האָט אָוועקגעלייגט איהר פּעקעל אויף דער ערד און, אָפּווישענדיג דעם שוויים פון פּנים, האָט זי זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען.

גלייך זיינען צו איהר צוגעגאַנגען די שלאָסערס, די ברידער גוסעוו און דער עלטערער, וואסילי, האָט פינטלענדיג מיט די אויגען הויך אַ פרעג געטהאָן:

— בלינצעס האָסטו?

— מאָרגען וועל איך אייך ברענגען, — האָט זי געענטפערט.

דאָס איז געווען דער אָפּגערעדטער צייכען. די פּנים'ער פון די ברידער האָבען אויפגעשיינט און איוואַן האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט אויסגערופען:

— אָ, דו הייליגע מוטער...

וואסילי האָט זיך געזעצט אויף אַ קלעצעל און האָט אריינגעקוקט אין איהר קאָשיק, און אין דעם זעלבען מאָמענט איז שוין ביי איהם אונטער'ן פּאָלע געווען אַ פּעקעל ביכלעך.

— איוואַן, — האָט ער הויך געזאָגט, — מיר וועלען היינט אהיים ניט געהן; מיר וועלען שוין ביי איהר קויפען עטוואָס צום עסען! — דערווייל האָט ער די ביכלעך אריינגעשטופּט אין די כאָליאַוועס פון די שטיוועל. — מען דאַרף געבען צו לייזען די נייע הענדלערקע.

— מען דאַרף טאַקע! — האָט איוואַן צוגעשטימט און האָט זיך פאַר־נאַנדערגעלאַכט.

די מוטער האָט, פאָרזיכטיג ארומקוקענדיג זיך, אויסגעשריען:

— זופּ! הייסע לאָקשען! פלייש געבראָטענע!

און אונבעמערקטערהייד האָט זי אַרויסגענומען די ביכלעך איין פּעקעל נאָך דעם אַנדערען און האָט עס איבערגעגעבען צו די ברידער. יעדען מאָל, ווען די ביכער פלעגען פערשווינדען פון איהרע הענד, פלעגט פאַר איהרע

אויגען אויפשיינען ווי א געלער פלעק, דאָס געזיכט פון זשאנדארמסקען אָפיציער און זי האָט אין גערדאנק גערעדט צו איהם מיט א געפיהל פון ראכע:

— אָט האָסטו דיר, פּעטעריל...

איבערגעבענדיג דעם צווייטען פּעקעל פלעגט זי מיט צופריעדענהייט צוגעבען:

— און אָט איז נאָך איינער...

עס פלעגען צוגעהן אַרבייטער מיט די שיסעלעך אין די הענד; ווען זיי זיינען געווען נאָהענט, פלעגט איוואַן גוסיעוו לאכען אויפ'ן קול און וולאַסאָווא פלעגט רוהיג אויפהערען איבערצוגעבען די ביכלעך און פלעגט פאַנאנדערגיסען די זופּ און די לאָקשען. און די גוסיעווס האָבען זיך גע'חכמה'ט:

— נילאָוונא, דו מאכסט דאָס זעהר קונציג!

— נויטה ברעכט אייזען! — האָט בייז בעמערקט עפּעס א הייצער. — דעם שפּייזער האָט מען פון איהר צוגענומען... אָ, די אויסוואורפען! א נו, מאַמעלע, גיב מיר אַקאָרשט פאר דריי קאָפּיקעס לאָקשען... זאָרג זיך ניט, מאַמעלע! דו וועסט זיך ווי עס איז דורכשלאָגען.

— א דאנק פאר א גוט וואָרט! — האָט די מוטער א לאַך געטהאָן.

ער האָט, אַוועקגעהענדיג אָן א זייט, א זאָג געטהאָן:

— א גוט וואָרט קאָסט מיר ניט טהייער...

— און וועמען איהם צו זאָגען איז ניטאָ, — האָט בעמערקט א שמיעד, וועלכער איז געשטאַנען לעבען איהם און מיט פערוואונדערונג א קוועטש טהוענדיג מיט די פּלייצעס, האָט ער צוגעגעבען:

— אזוי, קינדער, איז דאָס לעבען: עס איז ניטאָ וועמען צו זאָגען א גוט וואָרט... קיינער פערדיענט עס ניט...

וואַסילי האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט פעסט פערשפּיליעט זיין מאַנטעל און האָט געזאָגט:

— איך האָב דאכט זיך געגעסען וואַרימס און מיר איז געוואָרען קאַלט.

נאָכדעם, ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט, איז אויפגעשטאַנען איוואַן און איז פייפענדיג אויך אַוועקגעלאָפען.

וולאַסאָווא האָט צופריעדען געשמייכעלט און האָט אַלץ אויסגעשריען:

— געקעכטס, לאָקשען, זופּ...

זי האָט געטראַכט וועגען דעם, ווי זי וועט דערצעהלען דעם זוהן וועגען איהר ערשטער פּראָבע, און פאר איהרע אויגען איז נאָך אַלץ געשטאַנען דער געלער בייזער פּנים פון אָפיציער, זיינע שווארצע וואָנצעס האָבען זיך בעוועגט און פון זיין אויבערשטער ליפּ, וועלכער איז פון אויפרעגונג געווען פערריסען אַרויף, האָט געבלישטשעט דער ווייסער ביין פון זיינע פער־

שטשירעטע צייהנער. אין איהר הארצען האט די פרייד געשלאגען זוך און געזונגען ווי א פויגעל; איהרע ברעמען פלעגען אויפציטערען, און זי פלעגט געשיקט טהאן איהר ארבייט און זאגען צו זיך אליין:

— און אט איז נאך...

.16

דעם גאנצען טאג האט זי געשפירט אין הארצען עפעס א נייעס, אנ־גענעהמען און שמייכלענדיגען געפיהל, און אין אבענד, ווען זי האט געענ־דיגט די ארבייט ביי מאריא'ן און האט געהאלטען אין טרינקען טהעע, האבען זיך דערהערט די טריט פון די פערד איבער'ן בלאטע און עס האט א הילך געטהאן א בעקאנטע שטימע. זי איז ארויסגעלאפען אין קיך, איז צוגע־לאפען צום טהיר, אין פארהויז איז אימיצער שנעל געגאנגען. איהר איז פינסטער געווארען אין די אויגען. זי האט מיט'ן פוס א שטויס געטהאן די טהיר.

— גוטען אבענד, מאמעלע! — האט זיך דערהערט די בעקאנטע שטימע און אויף איהרע פלייצעס האבען זיך ארויפגעלעגט א פאר טרוקענע, לאנגע הענד.

דער אומעט פון ענטוישונג און די פרייד פון צו זעהן אנדרייען האבען אויפגעפלאמט ביי איהר אין הארצען. זיי האבען אויפגעפלאמט און צו־זאמענגעמישט זיך אין איין גרויסען שמערצליכען געפיהל, וועלכער האט איהר ווי א הייסער שטראם פערכאפט און אויפגעהויבען. זי האט זיך צוגעטוליעט מיט'ן קאפ צו אנדריי'ס הארץ. ער האט איהר פעסט צוגעדריקט, זיינע הענד האבען געציטערט. די מוטער האט שטיל און שווייגענדיג געוויינט און ער האט געגלעט איהרע האאר און האט געזעדט פונקט ווי ער וואלט זינגען:

— וויינט ניט, מאמעלע, עסט זיך ניט אפ דאס הארץ! אויף מיינע נאמנות, איך זאג אייך, אז מען וועט איהם אין גיכען ארויסלאזען! זיי האבען קיינע בעווייזע ניט געגען איהם. אונזערע חברה שווייגען, ווי אב־געקאכטע פיש...

ארומנעהמענדיג מיט זיין לאנגער האנד די מוטערס פלייצעס, האט ער איהר אריינגעפיהרט אין צימער און זי האט, צוטוליענדיג זיך צו איהם, גיך אבגעווישט די טרעהרען פון פנים און האט דורכשטיג מיט'ן גאנצען הארצען געשלונגען זיינע ווערטער.

— פאוועל גריסט אייך. ער איז געזונד און פרעהליך, ווי מען קען נאר זיין, זיצענדיג אין טורמע. ענג איז דארטען אין טורמע! אנגעזעצט זיינען

דאָרטען א מאַן הונדערט, אונזערע און שטאָדטישע. אין איין קאַמער זיצט מען צו דריי און צו פיער. די בעאַמטע פון טורמע זיינען אַזוי זיך, ניט צו שלעכט. נאָר זיי זיינען זעהר מיעד פון די פיעלע ארבייט, וואָס די זשאַנ־דאַרען האָבען זיי פערשאַפט. אין אַלגעמיין בעגעהען זיי זיך מיט אונז ניט זעהר שטרענג. זיי טענה'ן נאָר: זעהט, זייט שטיל און מאַכט אונז ניט אונגליקליך! מיר שמועסען צווישען זיך, מיר גיבען איבער ביכער איינע די אַנדערע און טהיילען זיך מיט'ן עסען. א גוטע טורמע! אַן אַלטע און א שמוציגע, אָבער דאָך א גרינגע. די קרימינעלע זיינען אויך גוטע לייט, זיי העלפען אונז פיעל. מען האָט ארויסגעלאָזען מיך, בוקינען און נאָך פיער — עס איז ענג געוואָרען! אין גיכען וועט מען אויך פּאַוולען זיכער בעפרייען. לענגער פון אַלעמען וועט זיצען וועסאָווושטשיקאָוו; זיי זיינען אויף איהם שטאַרק אין כעס. ער הערט ניט אויף זיי אַלעמען צו זידלען! די זשאַנדאַרען קענען איהם ניט אָנקוקען. מען וועט נאָך איהם מסתמא אָנקלאָגען אין געריכט, אָדער מען וועט איהם נאָך שלאָגען אויך. פּאַ־וועל בעט זיך ביי איהם: — הער אויף, ניקאָלאַי! זיי וועלען דאָך בעסער ניט ווערען דערפון, וואָס דו זידעלסט זיי! און ער האַלט אַלץ אין איין ברומען: — „איך וועל זיי אַלעמען אָבווישען פון דער ערד!“ גוט האַלט זיך דאָרטען פּאַוועל. ער בעציהט זיך צו אַלעמען גלייך פעסט. אין גיכען וועט מען איהם ארויסלאָזען, זאָג איך אייך...

— אין גיכען! — האָט די מוטער געזאָגט בערוהיגט. — איך ווייס דאָס.

— איז טאַקע גוט, אַז איהר ווייסט דאָס! נו, גיסט מיר שוין אַן א גלעזעל טהעע. דערצעהלט ווי האָט איהר געלעבט.

ער האָט געקוקט אויף איהר מיט א שמייכעל און אין זיינע רונדע אויגען האָט געגלאַנצט א ליעבענדער עטוואָס אומעדיגער פונק.

— איך האָב אייך זעהר ליעב, אַנדריושאַ! — האָט די מוטער, טיעף אָפּזיפצענדיג, געזאָגט, און זי האָט בעטראַכט זיין מאָגערען פּנים, וועלכער איז קאָמיש בעוואַקסען געוואָרען מיט בערגלעך האָאָר.

— איך בין צופריעדען מיט וועניג... איך ווייס, אַז איהר האָט מיך ליעב. איהר קענט אַלעמען ליעב האָבען, ווייל איהר האָט אַ ברייטע האַרץ! — האָט דער קליין־רוס, זיך וויעגענדיג אויפ'ן שטוהל, געזאָגט.

— ניין, אייך האָב איך בעזאָנדערס ליעב, — האָט זי זיך געהאַלטען ביי דאָס איהריגע. — ווען איהר וואָלט געהאַט א מאַמען, וואָלטען איהר מענשען מקנא געווען, וואָס איהר זוהן איז אַזאַ...

דער קליין־רוס האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און האָט איהר פעסט א דריק געטהאָן מיט ביידע הענד.

— איך האב פיעלייכט אויך ערגעץ וואו א מוטער... — האט ער שטיל געזאגט.

— ווייסט איהר, וואס איך האב היינט געטהאן? — האט זי זיך אב־געררופען מיט גרויס פערגעניגען, און זי האט איהם דערצעהלט, ווי אזוי זי האט דורכגעשמוגעלט אויפ'ן פאבריק די ליטעראטור.

אנפאנגס האט ער פון פערוואונדערונג אויסגעגלאצט די אויגען. נאכ־דעם האט ער זיך פאנאנדערגעלאכט און, בעוועגענדיג זיינע פיס, האט ער געקלאפט מיט די פינגער איבער'ן קאפ און האט פרעהליך געשריען:

— אהא! נו, דאס איז שוין ניט קיין שפאס! דאס איז שוין א זאך! פאוועל וועט זיך דאס אביסעל פרעהען! דאס איז גוט, מאמעלע! אי פאר פאוועלען, אי פאר אלע די יעניגע, וועלכע זיינען מיט איהם צוזאמען ארעס־טירט געווארען.

ער האט מיט ענטציקונג געקנאקט די פינגער, האט געפייפט און האט געשיינט פון פערגעניגען. ער האט אויך אין איהר ערוועקט א שטארקען, פולען אפקלאנג.

— מיין טהייערער, אנדריושא, — האט זי אנגעפאנגען ריידען אזוי, פונקט ווי דאס הארץ וואלט זיך ביי איהר געעפענט און פון דארט וואלט ארויסגעשטראמט א קלארער שפיעלענדער טייכעל פון לעבעדיגע ווערטער, וועלכע זיינען אנגעפיהלט געווען מיט א שטילער פרייד. — איך האב גאר געטראכט וועגען מיין לעבען — גאט מיינער! נו, צוליעב וואס האב איך געלעבט? קלעפ... ארבייט... קיין זאך ניט געזעהן אויסער דעם מאן, קיין זאך ניט געוואוסט אויסער שרעק... און ווי פאוולישא האט זיך געהאדעוועט האב איך ניט געזעהן... און צו האב איך איהם האלט געהאט ווען דער מאן האט געלעבט, ווייס איך ניט! מיינע אלע געדאנקען זיינען שטענדיג געווען פערנומען מיט דעם, ווי אנצוקארמענען מיין חיה צו דער צייט, כדי ער זאל זיך ניט בייזערען, ער זאל מיר ניט סטראשען מיט קלעפ און זאל באטש איין מאל אויף מיר רחמנות האבען... איך געדענק ניט, אז ער זאל ווען ניט איז האבען רחמנות געהאט אויף מיר... געשלאגען האט ער מיר, פונקט ווי מען שלאגט אימיצען, אויף וועמען מען האט א כעס... צוואנציג יאהר האב איך אזוי געלעבט און וואס עס איז געווען מיט מיר ביז דער חתונה געדענק איך ניט! איך דערמאהן זיך און פונקט ווי א בלינדע זעה איך גאר נישט. דא איז געווען יעגאר איוואנאוויטש — מיר זיינען ביידע פון איין דארף... —דערצעהלט ער וועגען דאס, וועגען יענעם. איך אבער — די הייזער געדענק איך, די מענשען געדענק איך, אבער ווי די מענשען האבען געלעבט, וואס זיי האבען גערעדט און וואס האט ביי וועמען פאסירט — דאס

זעה איך ניט; איך האָב אַלץ פאַרגעסען. איך געדענק נאָר די צוויי שרפות... ווי עס זעהט אויס, האָט מען אַלעס פון מיר אַרויסגעקלאַפּט; מיין האַרץ איז שטום און בלינד געוואָרען און זי הערט ניט...

זי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטהעם און דורשטיג שלינגענדיג די לופט, ווי אַ פיש, וועלכע מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער, האָט זי זיך איינגעבויגען פאָראויס און האָט מיט אַ ניעדעריגערען קול פאָרטגעזעצט:

— ווען מיין מאַן איז געשטאָרבען, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן זוהן... אָבער ער האָט זיך אָנגעפאַנגען צו אינטערעסירען מיט אייערע זאַכען. דאָס האָט מיר לייד געטהאָן... ביטער לייד געטהאָן... ווען ער זאָל פאַרלאָרען געהן, אויף וועמען וועל איך דאַן בלייבען? וויפיעל שרעק און אונרוה איך האָב דורכגעלעבט! מיין האַרץ פלעגט צוריסען ווערען, ווען איך פלעג טראַכטען וועגען זיין שיקזאַל...

זי איז אַנטשוויעגען געוואָרען אויף אַ מאָמענט און, שטיל אַ שאָקעל טהוענדיג מיט'ן קאָפּ, האָט זי געזאָגט:

— די ליעבע פון ווייבער איז ניט קיין ריינע ליעבע!... מיר ליעבען דאָס, וואָס מיר ברויכען... אָט קוק איך אויף אייך... איהר בענקט נאָך אייער מוטער... אויף וואָס דאַרפט איהר זי? און אַלע אַנדערע מענשען ליידען פאַר'ן פאָלק, זיי געהען אין טורמע, אין סיביר, שטאַרבען... פיעלע האָט מען אויפגעהאַנגען... יונגע מיידלאַך געהען אַליין ביינאַכט דורך בלאָטע, דורך שנעע, אונטער'ן רעגען... געהען גאַנצע זיעבען וויאָרסט צו־פוס פון שטאָדט צו אונז... ווער טרייבט זיי? ווער פיהרט זיי אַהער? זיי ליעבען!... אָט זיי ליעבען ריין! זיי גלויבען!... זיי גלויבען, אַנדריושאַ! און דאָס, זעהט איהר, קען איך ניט! איך קען נאָר ליעבען דאָס, וואָס עס איז מיר נאָהענט, וואָס עס איז מיינס!

— איהר קענט! — האָט זיך אָבגערופען דער קליין־רוס און, אָפּקעהרענדיג פון איהר דעם פּנים, האָט ער ווי געוועהנליך אַ רייב געטהאָן מיט די הענד דעם קאָפּ, די באַקען און די אויגען — אַלע ליעבען דאָס, וואָס עס איז זיי נאָהענט, אָבער פאַר אַ גרויסער האַרץ זיינען פרעמדע מענשען אויך נאָהענט. איהר פערמאָגט פיעלעס; איהר זיינט גרויס אַלס מוטער...

— הלואי, גאָטעניו! — האָט זי שטיל געזאָגט. — איך פיהל דאָך, אַז אַזאַ לעבען איז גוט. אָט האָב איך אייך ליעב, אפשר נאָך בעסער ווי פּאַוולושאַ'ן. ער איז דאָך אַזאַ פאַרשלאָסענער מענש. אָט וויל ער חתונה האָבען מיט סאַשענקע'ן... און מיר, זיין מאַמען, האָט ער אפילו ניט דערצעהלט וועגען דעם...

— דאָס איז ניט אמת! — האָט דער קליין־רוס געענטפערט. — איך

וויים דאָס זיכער. ער ליעבט איהר און זי איהם — דאָס איז אמת. אָבער צו דער חתונה קומט דאָס נאָך ניט, ניין! זי וואָלט וועלען, אָבער פּאָוועל וויל ניט...

— אַז־ווי־ווי! — האָט זי שטיל און פערטראַכט אַרויסגערעדט און איהרע אויגען האָבען זיך אומעדיג אָבגעשטעלט אויפ'ן פּנים פון דעם קליין־רוס. — אַזוי, די מענשען ענטזאָגען זיך שוין פון זיך אַליין!

— פּאָוועל איז אַ זעלטענער מענש! — האָט שטיל אַ זאָג געטהאָן דער קליין־רוס — ער איז אַן אייזערנער מענש...

— אַט זיצט ער יעצט אין טורמע! — האָט די מוטער פאַרטגעזעצט. — דאָס פערשאַפט מיך שרעק, אונרוה... אָבער שוין ניט ווי אַמאָל. דאָס גאַנצע לעבען איז יעצט אַנדערש און דער שרעק איז אַן אַנדערער... יעצט האָב איך אויף אַלעמען רחמנות... מיין הארץ איז יעצט פערענדערט געוואָרען... די נשמה האָט געעפענט איהרע אויגען און האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און איך האָב דערפיהלט אַן אומעט און אַ פרייד. פיעלעס פערשטעה איך ניט און עס קריינקט מיך; עס קריינקט מיך, וואָס איהר גלויבט ניט אין גאָט! אָבער וואָס זאָל איך טהאָן? איך זעה אָבער, אַז איהר זייט טהייערע מענשען, יאָ! איהר אָפּפערט זיך פאַר'ן פאָלק, פאַר דער גערעכטיגקייט. אייער אמת האָב איך שוין אויך פערשטאַנען: ביז וואַנען עס וועלען זיין רייכע אויף דער וועלט — וועט דאָס פאָלק ניט אָנזעהן קיין גערעכטיגקייט, קיין פריידען, קיין זאַך ניט!... דאָס איז ריכטיג, אַנדריושאַ!... יעצט לעב איך צווישען אייך... און אָפטמאָל בייינאַכט, ווען איך דערמאָהן זיך אויף מיין פריהער־דיגען לעבען, ווען איך עראינער זיך ווי מען האָט מיינע כחות צוטראָטען און מיין יונגע הארץ דערשלאָגען, — דאַן טהוט מיר לייד, עס ווערט מיר ביטער אויפ'ן הארצען! אָבער טראָץ דעם איז מיין לעבען דאָך בעסער און שעהנער געוואָרען...

דער הויכער, מאָגערער און פערטראַכטער קליין־רוס האָט זיך אויפגע־הויבען פון אָרט און, סטאַרענדיג זיך ניט אָנצומאַכען קיין טומעל, האָט ער גענומען פּאַרזיכטיג אַרומגעהן איבער'ן צימער.

— איהר האָט זעהר ריכטיג געזאָגט, — האָט שטיל אויסגערופען דער קליין־רוס, — זעהר שעהן. אין קערטש איז געווען אַ יונגער איד, פלעגט ער שרייבען גדיכטע און איינמאָל האָט ער אָנגעשריעבען:

און די אונשולדיג געטוידטע,
דורכ'ן אמת אויפשטעהן וועלען זיי —

— איהם אַליין האָט די פּאָליציי דאָרט אין קערטש דער'הרג'עט, אָבער דאָס איז ניט וויכטיג. ער האָט פערשטאַנען דעם אמת און האָט איהם פער־

שפּריט צווישען די מענשען... אזוי זייט איהר אויך — אַן אונשולדיג ער־מאָרדעטער מענש... ער האָט גאַנץ ריכטיג געזאָגט...

— איך רעד יעצט, — האָט די מוטער פאָרטגעזעצט, — איך רעד און הער זיך אַליין צו צו מיינע רייד; איך גלויב זיך אַליין ניט. דעם גאַנצען לעבען האָב איך געשוויעגען, איך האָב שטענדיג געטראַכט נאָר וועגען איינס: ווי אַוועקצושטופּען אונבעמערקט דעם טאָג אזוי, אַז קיינער זאָל מיך ניט טשעפּען! יעצט טראַכט איך וועגען אַלעמען... איך פערשטעה פיעלייכט ניט ווי עס דאַרף צו זיין אייערע ענינים... אָבער איהר אַלע זייט מיר נאָהענט, איך האָב אויף אַלעמען רחמנות און איך ווינש אייך אַלעמען פון גאַנצען הארצען גוטעס און אייך, אַנדריושאַ, בעזאָנדערס!...

ער איז צוגעגאַנגען צו איהר און געזאָגט:

— אַ דאַנק אייך, מאַמעלע; לאָמיר ניט ריידען וועגען זיך...

ער האָט אריינגענומען איהר האַנד אין זיינע, האָט איהר פעסט צוזאַמענ־געדריקט און האָט זיך שנעל אָבגעקעהרט אַן אַ זייט. די מוטער, אַ מיעדע פון אויפרעגונג, האָט ניט איילענדיג זיך געוואַשען די געפעס און האָט גע־שוויעגען. אין איהר הארצען האָט זיך שטיל געטלייעט אַ מונטערער גע־פיהל, וועלכער האָט געוואַרימט איהר נשמה. דער קליין־רוס איז ארומגע־גאַנגען הין און צוריק און האָט גערעדט צו איהר:

— איהר וואָלט בעסער געדאַרפט, מאַמעלע, וועסאָווטשיקאָוו'ן מקרב זיין! זיין פאָטער, וועלכער זיצט יעצט אין טורמע, איז אַן עקעלהאַפטע בריאה. דערזעהט איהם ניקאָליי דורכ'ן פענסטער, הויבט ער איהם אַן זיד־לען. עס איז ניט גוט אזוי. ניקאָליי איז פון נאַטור אַ גוטער... ער האָט ליעב הינד, מייז און אַלע אַנדערע בעשעפענישען, אָבער מענשען האַסט ער! אָט וואָס מען קען מאַכען פון אַ מענשען!

— זיין מאַמע איז פערפאַלען געוואָרען, דער טאַטע איז אַ **גנב** און אַ שיכור... — האָט די מוטער פערטראַכטערהייד אַרויסגערעדט.

ווען אַנדרעי איז אַוועק שלאָפען, האָט די מוטער אונבעמערקט איהם איבערגע'צלמ'ט און ווען ער האָט זיך געלייגט און עס איז אַריבער אַ האַלבע שעה, האָט זי שטילינקערהייד אַ פרעג געטהאָן:

— איהר שלאָפט נאָך ניט, אַנדריושאַ?

— ניין... וואָס איז?

— גאָרנישט. אַ גוטע נאַכט!

— אַ דאַנק אייך, מאַמעלע, אַ דאַנק אייך! — האָט ער שטילערהייד געענטפערט.

.17

אויף מאָרגען, ווען די אַלטע איז צוגעגאַנגען מיט איהר משא צום פאַב־ריק־טויער, האָבען איהר די וועכטער פרעך אָבגעשטעלט, האָבען איהר גע־הייסען אוועקשטעלען איהרע קאָשיקעס אויף דער ערד און האָבען איהר גוט ארומגעזוכט.

— מיין עסענוואַרג וועט קאַלט ווערען! — האָט די מוטער רוהיג בע־מערקט, ווען זיי האָבען געהאַלטען אין בעזוכען איהרע קליידער.

— שווייג! — האָט דער וועכטער מיט כעס א זאָג געטהאָן.

דער צווייטער וועכטער האָט איהר לייכט א שטויס געטהאָן אין פלייצע און האָט מיט זיכערהייט געזאָגט:

— איך טענה מיין טענה, אז זיי וואַרפען די פּראָקלאַמאַציעס איבער'ן פּלאַנקען!

דער ערשטער איז צו איהר צוגעגאַנגען דער אַלטער סיזאָוו און, אַרומ־קוקענדיג זיך אויף אַלע זייטען, האָט ער שטיל א פרעג געטהאָן:

— דו האָסט געהערט, מוטער?

— וואָס?

— פון די ביכלעך! זיי זיינען שוין ווידער דאָ... ווי זאַלץ אויף ברויט האָט מען זיי אומעדום אָנגעשאָטען. די אַרעסטען און די אָביסקעס, ווי עס זעהט אויס, העלפען ווייניג! מיין פּלימעניק מאַזינען האָט מען צוגענומען אין טורמע. נו, איז וואָס? דיין זוהן האָט מען אויך צוגענומען... אָבער אַט צייגט זיך שוין יעצט ארויס, אז ניט זיי האָבען עס געטהאָן!

און גלעטענדיג זיין באָרד האָט סיזאָוו פערענדיגט:

— דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען די מענשען, נאָר וועגען די געדאַנקען, און געדאַנקען זיינען ניט קיין פליי; זיי קען מען ניט אויסכאַפּען.

ער האָט אַריינגענומען זיין באָרד אין האַנד, האָט א קוק געטהאָן אויף איהר און אוועקגעהענדיג האָט ער געזאָגט:

— וואָס קומסטו ניט אַריין צו מיר? עס מוז דיר דאָך זיין אומעדיג איינע אַליין...

זי האָט איהם בעדאַנקט און, אויסרופענדיג די נעמען פון די עסענ־וואַרג, האָט זי זיך מיט אויפמערקזאַמקייט צוגעקוקט צו דער אויסערגע־וועהנליכער לעבעדיגקייט אויפ'ן פאַבריק. אַלע אַרבייטער האָבען זיך מיט עטוואָס געפרעהט, זיי פלעגען זיך פערזאַמלען, פאַנאַנדערגעהן און זיינען אַרומגעלאָפען פון איין װערקשטאַט צום צווייטען. אין דער רויכיגער לופט האָט זיך געפיהלט עפּעס מונטערעס און מוטהיגעס. דאָ און דאָרטען האָבען

זיך געהערט צופריעדענע אויסרופען, שפּאַטישע ווערטלעך און צייטענווייז סטראַשונקעס. איבערהויפּט איז צופריעדען געווען די יוגענד. די בעיאַה־רענטע אַרבייטער האָבען זיך פּאַרזיכטיג אונטערגעשמייכעלט. פול זאָרג זיינען געווען די בעאַמטע, די פּאָליציילייט זיינען אַרומגעלאָפען און די אַר־בייטער פלעגען, בעמערקענדיג זיי, זיך פאַנאַנדערגעהן אָדער איבעררייסען דעם געשפּרעך און שווייגענדיג קוקען אויף די פּער׳כעס׳טע אויפגערעגטע פּנים׳ער.

די אַרבייטער האָבען אויסגעזעהן פּונקט אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך עפּעס אַלע ריין אַרומגעוואַשען. עס האָט זיך געזעהן די הויכע פיגור פון גוסיעוו׳ן, לעבען איהם איז ווי אַן ענטעל אַרומגעגאַנגען זיין ברודער און האָט געלאַכט.

לעבען דער מוטער איז לאַנגזאַם דורכגעגאַנגען דער מייסטער פון סטאָ־ליאַרנע וואַווילאָוו און איסאַי, וועלכער פיהרט די ליסטען אויפ׳ן פאַבריק. דער קליינינקער, דאַרער איסאַי האָט פערריסען דעם קאָפּ, האָט איינגעבויגען די האַלז אויף לינקס און קוקענדיג אויף דעם אונבעוועגליכען אַנגעבלאָזענעם פּנים פון מייסטער, האָט ער שנעל אַ זאָג געטהאָן, שאָקלענדיג מיט זיין בערדעל:

— זיי, איוואַן איוואַנאָוויטש, לאַכען... זיי האָבען דערפון פערגעניגען, הגם דאָ האַנדעלט זיך וועגען צושטערען די מלוכה, ווי דער הערר דירעקטאָר האָט געזאָגט. מען דאַרף זיי אויסרייסען מיט׳ן וואָרצעל...

וואַווילאָוו איז אַרומגעגאַנגען, פערלייגט די הענד אויף הינטען און זיינע פינגער זיינען געווען פעסט צוזאַמענגעדריקט...

— זיי מעגען דרוקען וואָס פאַר אַ שקר זיי ווילען, — האָט ער הויך געזאָגט, — אָבער וועגען מיר זאָלען זיי ניט וואַגען!...

עס איז צוגעגאַנגען וואַסיליע גוסיעוו און האָט געזאָגט:

— און איך וועל ביי דיר היינט ווידער עסען. דיינע עסענס זיינען געשמאַקע!

און פערזשמורענדיג די אויגען, האָט ער שטילערהייד צוגעגעבען:

— איהר זעהט? געטראָפען אין פּינטעל... גוט! עך, מאַמע... אויס־געצייכענט!

די מוטער האָט צערטליך אַ שאָקעל געטהאָן צו איהם מיט׳ן קאָפּ. איהר איז געפעלען געוואָרען, וואָס דיעזער אַרבייטער, וועלכער איז דער גרעסטער עזות׳ניק אין פאָרשטאָדט, האָט איהר יעצט „גע׳איהר׳צט". איהר איז געפעלען געוואָרען די אַלגעמיינע אויפרעגונג אויפ׳ן פאַבריק און זי האָט ביי זיך אַ טראַכט געטהאָן:

— אָבער ווען ניט איך...

ניט ווייט האָבען זיך אָבגעשטעלט דריי ארבייטער און איינער האָט שטיל, נאָר מיט בעדויערונג א זאָג געטהאָן:

— איך האָב אין ערגעץ ניט געפונען...

— א שאָדען, אויסהערען וואָלט געווען כדאי... איך קען ניט לעזען, אָבער איך זעה, אז דאָס האָט זיי געטראָפען אין זייט!... — האָט דער אנדערער בעמערקט.

דער דריטער האָט זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען און האָט זיי פאַרגעליינט:

— קומט אין קעסעל ווערקשטאַט... איך וועל אייך דורכלעזען!

— עס ווירקט! — האָט א שעפּטשע געטהאָן גוסיעוו, צופינטלענדיג מיט די אויגען.

וולאַסאָווא איז געקומען אהיים א פרעהליכע — יעצט האָט זי אַליין געזעהן ווי די ביכלעך מאַכען לעבעדיג די מענשען.

— דאָרטען פערדריסט עס די מענשען, וואָס זיי קענען ניט לעזען! — האָט זי געזאָגט אנדרייען, — און ווען איך בין געווען יונג, האָב איך געקענט לעזען, נאָר יעצט האָב איך פערגעסען...

— לערענט זיך ווידער אויס! — האָט איהר פאָרגעשלאָגען דער קליין־רוס.

— אין מיינע יאָהרען? מענשען זאָלען האָבען פון וואָס צו לאַכען...

נאָר אנדריי האָט אראָפּגענומען פון פּאָליצע א בוך און, אָנצייגענדיג מיט'ן שפּיץ מעסער אויף א בוכשטאַב פון פּאָדערבלאַט, האָט ער געפרעגט:

— וואָס איז דאָס?

— א „ר“, — האָט די מוטער לאַכענדיג געענטפערט.

— און דאָס?

— אן „א“...

זי האָט זיך געפיהלט אונגעמיטהליך, בעליידיגט, און עס איז איהר עפּעס אומעדיג געווען. עס האָט זיך איהר געדוכט, אז אנדרעי'ס אויגען לאַכען פון איהר מיט א בעהאַלטענעם געלעכטער, און זי פלעגט אויסמיידען זיינע בליקען. נאָר זיין שטימע האָט געקלונגען אין איהרע אויערען ווייך און רוהיג. זי האָט געוואָרפען א בעהאַלטענעם בליק אויף זיין פּנים — ער איז געווען ערנסט.

— איהר דענקט טאַקע מיט אן אמת, אנדריושא, מיך צו לערנען? — האָט זי געפרעגט לאַכענדיג.

— ווארום ניט? — האָט ער זיך אָבגערופען, — פּרובירט! אויב איהר האָט א מאָל געקענט לעזען, וועט איהר זיך זעהר לייכט צוריק דערמאָהנען.

וועט דאָס ניט געהן, מאכט עס אויך ניט אויס; ווען אָבער יע, איז געוויס גוט!"

— די וועלט זאָגט דאָך אַ ווערטעל: פון דעם, וואָס מען קוקט אָן אַ הייליגען בילד, ווערט מען נאָך ניט פרום, — האָט די מוטער בעמערקט.

— עט! — האָט דער קליין־רום, אַ שאָקעל טהוענדיג מיט'ן קאָפּ, גע־זאָגט. — ווערטלעך זיינען דאָ אַ סך. „פון פיעל וויסען, ווערט מען גיך אַלט", איז אויך פאַראַן אַ ווערטעל. מיט שפּריכווערטער קען מען אָבער אָנפילען דעם מאָגען. ער פערקניפּעלט מיט זיי די נשמה אום ער זאָל קענען מיט איהר טהאָן וואָס ער וויל. דער בויך גאַרט נאָך רוה, אָבער די נשמה דורשט נאָך פרייהייט... אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ בוכשטאַב?

— אַ „ל"! — האָט געזאָגט די מוטער.

— יאַ! און דיעזער?

אָנשטרענגענדיג איהר ראיה, שווער בעוועגענדיג מיט די ברעמען, פלעגט זי זיך מיט מאַטערניש דערמאָהנען די פערגעסענע בוכשטאַבען. אָבער אין גיכען זיינען איהרע אויגען מיעד געוואָרען. אָנפאַנגס האָבעי זיך בעוויעזען טרעהרען פון מיעדקייט און נאָכדעם האָבען אויפ'ן בלעטעל אָפּט געגומען קאַפּען טרעהרען פון אומעט.

— איך לערען זיך לעזען, — האָט זי בליפּענדיג געזאָגט, — שוין צייט צו שטאַרבען, און איך האָב זיך נאָך ערשט אָנגעפאַנגען צו לערנען...

— מען דאַרף ניט וויינען! — האָט צערטליך און שטיל געזאָגט דער קליין־רום. — איהר האָט דאָך ניט געקענט אַנדערש לעבען... און אָט פער־שטעהט איהר דאָך, אַז איהר האָט שלעכט געלעבט! טויזענדער מענשען קענען לעבען בעסער פון אייך... און דאָך לעבען זיי ווי פיה און בעריהמען זיך נאָך, אַז זיי לעבען גוט! אָבער וואָס פאַר אַ גוטס שטעקט אין דעם, ווען אַ מענש האָט היינט אָבגעאַרבייט און אָבגעגעסען, מאָרגען אָבגעאַרבייט און אָבגעגעסען, און אַזוי אַלע זיינע יאָהרען — נאָר אַרבייטען און עסען? צווישען דער אַרבייט און דעם עסען ברענגט ער קינדער אויף דער וועלט. פריהער פערברענגט ער מיט זיי, נאָר ווען זיי הויבען אויך אָן צו עסען אַ סך, איז ער בייז אויף זיי און זידעלט זיי: — „גיכער, פרעסערס, וואַקסט! שוין צייט צו אַרבייטען און צו פערדיענען. און ער וואָלט וועלען אויך זיינע קינדער מאַכען פאַר פיה... און זיי הויבען אָן אַרבייטען פאַר זייער אייגענער קישקע און אויך זייער לעבען ציהט זיך ווי פון פעך! קיינמאָל גיט די האַרץ ניט אַ ציטער פון פרייד, קיינמאָל בליצט ניט דורך אין מוח אַ וועלכער ניט איז געדאַנק, וועלכער זאָל פערכאַפּען דאָס האַרץ. איינינגע לעבען ווי אָרימע לייט און בעטלען אַליין, אַנדערע ווי גנבים — רייסען אַלץ פון די הענד. זיי

האָבען געשאַפען פאַר'ן פאָלק שווינדלערישע געזעצע, האָבען אוועקגעשטעלט מענשען מיט פלעקער — היט אונזערע געזעצען, זיי זיינען נוצליך, זיי גיבען אונז די מעגליכקייט צו זויגען דאָס בלוט פון מענשען. פון דרויסען דריקט מען, גיט זיך דער מענש ניט אונטער, טרייבען זיי אין איהם אריין געזעצען אום צו פּענטען זיין מוח...

אָנשפּארענדיג זיך מיט'ן עלענבויגען אָן טיש, האָט ער געקוקט אויף דער מוטער'ס פּנים מיט פערטראַכטע אויגען און האָט פליסיג גערעדט:

— נאָר די זיינען מענשען, וועלכע צורייסען די קייטען פון דעם מענ־שענ'ס קערפּער און גייסט... אָט האָט איהר זיך יעצט אויך לויט אייערע כחות גענומען פאַר דעם...

— נו, וואָס בין איך, — האָט זי אויסגערופען, — ווי קום איך דערצו?

— ווי זשע דען? דאָס איז דאָך פּונקט ווי אַ רעגענדעל, — יעדער טראָפּען זאַפּט אָן דעם קערענדעל. און אַז איהר וועט אָנפאַנגען לעזען...

ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און האָט אָנגעהויבען ארומגעהן איבער'ן צימער.

— ניין, איהר לערענט זיך!... פּאַוועל וועט קומען און איהר — עהע?

— אַך, אַנדריושאַ! — האָט די מוטער געזאָגט. — פאַר אַ יונגען איז אַלץ איינפאַך. אָבער ווען מען לעבט אָפּ אויף דער וועלט, האָט מען אַ סך צרות, ווייניג כחות און קיין שכל גאָרניט...

18.

אין אָבענד איז דער קליין־רוס אוועק. זי האָט אָנגעצונדען דעם לאָמפּ און האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש מאַכען אַ זאָק. זי איז אָבער שנעל אויפגעשטאַנען, איז זיך דורכגעגאַנגען איבער'ן צימער, איז ארוים אין קיך, האָט פערריגעלט די טהיר און האָט זיך צוריקגעקעהרט אין צימער. זי האָט אראָפּגעלאָזען די פאָרהענגלעך פון פענסטער און, אראָפּנעהמענדיג פון פּאָ־ליצע אַ בוך, האָט זי זיך ווידער געזעצט צום טיש. זי האָט זיך איינגע־בויגען איבער'ן בוך, איהרע ליפען האָבען זיך בעוועגט... ווען פון גאַס פלעגט זיך דערהערען אַ רויש, פלעגט זי צומאַכען דעם בוך און פלעגט זיך איינ־הערען... און, צומאַכענדיג די אויגען און זיי ווידער עפענענדיג, האָט זי שטילערהייד געשעפּטשעט אַ תפילה.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר. די מוטער איז אויפגעשפּרונגען, האָט אוועקגעלייגט דעם ביכעל אויפ'ן פּאָליצע און, צוגעהענדיג צום טהיר, האָט זי אונרוהיג געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?

— איך...

עס איז אריין ריבין. ער האָט זיך בעגריסט מיט איהר, האָט בעלי־בתיש
אַ גלעט געטהאָן זיין באָרד און, אריינקוקענדיג מיט זיינע דונקעלע אויגען
אין צימער, האָט ער בעמערקט:

— פריהער פלעגסטו די מענשען אריינלאָזען ניט געפרעגטערהייד...
דו ביזט אליין?

— אליין.

— אזוי? און איך האָב געדענקט, אז דער קליין־רום איז אין הויז...
איך האָב איהם היינט געזעהן... די טורמע פיהרט דעם מענשען ניט־איבער...
אונזער נאַרישקייט פיהרט אונז איבער... אָט וואָס.

ער איז דורכגעגאַנגען אין צימער, האָט זיך אַנידערגעזעצט דאָרט און
האָט זיך געווענדעט צו דער מוטער:

— לאָמיר זיך אביסעל דורכשמועסען... פערשטעהסטו מיך, איך האָב
אַ פערדאַכט...

ער האָט געקוקט געהיימניספאָל און פערדעכטיג, ארויסרופענדיג אין
דער מוטער אַן אונרוהיגען געפיהל. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אַנטקעגען
איהם און האָט שווייגענדיג געוואַרט.

— אַלץ קאָסט געלד! — האָט ער אָנגעפאַנגען מיט זיין שווערער
שטימע, — אָהן געלד קען מען ניט געבאָרען ווערען און ניט שטאַרבען...
אָט וואָס. אויך די ביכלעך און די בלעטלעך קאָסטען געלד. יעצט פער־
שטעהסטו פון וואַנען קומען די געלדער אויף דיעזע ביכלעך?

— איך וויים ניט! — האָט שטיל געענטפערט די מוטער, פיהלענדיג
עפּעס געפעהרליכעס.

— אזוי. איך וויים אויך ניט. צווייטענס, ווער שרייבט די ביכלעך?

— געלערענטע מענשען...

— פריצים! — האָט שטיל אַ זאָג געטהאָן ריבין. זיין שטימע איז
געוואָרען אַלץ שווערער און זיין בעוואָקסענער פנים האָט זיך אָנגעשטרענגט
און איז רויט געוואָרען.

— הייסט דאָס די פריצים פערפאַסען די ביכער און זיי טהיילען זיי
פאַנאַנדער. און אין דיעזע ביכלעך שרייבט זיך געגען די פריצים. יעצט,
זאָג מיר אָקאָרשט, וואָס לוינט זיך עס זיי אוועקצוגעבען זייער ארבייט און
געלד אום אויפצוהויבען געגען זיך אליין דעם פאָלק... הא?

די מוטער האָט האַסטיג אַ פינטעל געטהאָן מיט די אויגען, נאָכדעם
האָט זי זיי ברייט פאַנאַנדערגעעפענט און האָט מיט שרעק אויסגערופען:

— וואָס דענקסטו? וואָס?

— אהא! — האָט זיך אָפּגערופען ריבין און האָט זיך ווי אַ בער אַ

דרעה געטהאָן אויפ'ן שטוהל — אַט זעהסטו, איך אַליין, ווען איך בין גע־קומען צו דיעזען געדאַנק, האָט מיר אַ קעלט דורכגענומען.

— וואָס זשע איז? האָסט זיך עפּעס דערוואוסט?

— שווינדעל! — האָט געענטפערט ריבין — איך פיהל, אַז דאָס איז אַ שווינדעל. איך ווייס גאָרנישט, אָבער דאָ ליעגט אַ שווינדעל. די פּריצים האָבען עפּעס אויפגעטהאָן און איך וויל ניט... איך וויל גערעכטיגקייט... און איך ווייס דעם אמת, איך האָב איהם פערשטאַנען. און מיט פּריצים צוזאַמען וועל איך ניט געהן. זיי וועלען מיך שטופּען פאָראויס, ווען זיי וועלען עס נאָר נויטיג האָבען... און וועלען זיך ווידער זעצען רייטען אויף מיר, ווי אויף אַ פערד...

ער האָט גערעדט און זיינע בייזע ווערטער האָבען זיך, ווי אַ שווערע משא, געלעגט אויף דער מוטערס האַרץ.

— גאָטעניו! — האָט זי מיט אַן אומעדיגען קול אויסגערופען. — קען דאָס זיין, אַז פּאַווליושאַ פערשטעהט דאָס ניט?... און די אַלע, וועלכע... קומען פון שטאָדט, זאָלען זיי טאַקע ווירקליך...

פאַר איהרע אויגען זיינען פאָרגעשוואומען די ערנסטע, עהרליכע גע־זיכטער פון יעגאָר'ען, איוואַן ניקאָלאַיעוויטשען, סאַשענקאַ'ן און איהר האַרץ האָט גענומען ציטערען.

— ניין, ניין, — האָט זי אויסגעשריען, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, — איך קען דאָס ניט גלויבען... זיי האַנדלען ווי זייער געוויסען הייסט זיי... זיי מיינען קיין שלעכטס ניט!...

— וועגען וועמען רעדסטו? — האָט ריבין פערטראַכט אַ פרעג געטהאָן.

— וועגען אַלעמען... פון דעם ערשטען ביז דעם לעצטען, וועמען איך האָב געזעהן.

איהר פּנים האָט זיך בעדעקט מיט שוויים און די פינגער פון איהרע הענד האָבען געציטערט.

— דו קוקסט ניט דאָרטען, מוטער; זוך ווייטער! — האָט ריבין גע־זאָגט, אָראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ, — די, וועלכע זיינען צוגעקומען צו אונז נאָהענט, זיי, קען זיין, ווייסען אַליין דערפון גאָרנישט... זיי גלויבען, אַז עס דאַרף אַזוי זיין... זיי איז דאָס אַלעס צום האַרצען... אָבער עס קען זיין, אַז הינטער זיי זיינען דאָ אַנדערע, וועלכע זיינען אויסען נאָר זייער איי־גענע טובה. אומזיסט וועט אַ מענש געגען זיך אַליין ניט געהן.

און מיט דער איינגעשפּאַרטקייט פון אַ פּויער, וועלכער האָט אין פער־לויף פון יאָהרהונדערטע איינגעזאַפּט אין זיך אַ מיסטרויען צו יעדען איינ־ציגען, האָט ער צוגעגעבען:

— פון די פּריצים וועט קיינמאָל קיין גוטס ניט אַרויסקומען! אַזוי איז דאָס.

— וואָס איז דיר איינגעפאַלען? — האָט די מוטער צווייפלענדיג אַ פרעג געטהאָן.

— וואָס? — ריבין האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר, האָט געשוויעגען אַ ווײַלע, און דאַן האָט ער נאָך אַ מאָל ווידערהאָלט:

— פון די פּריצים דאַרף מען לויפען ווי פון פייער. אָט וואָס.

דאַן האָט ער ווידער געשוויגען אַ ווײַלע און נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— איך וועל אוועקגעהן, מוטער. איך האָב געטראַכט זיך צו דערנעהנ־טערען צו די יונגע־לייט, אום צו געהן מיט זיי צוזאַמען... איך טויג פאַר אַזא זאַך. איך קען לעזען, איך בין ניט קיין נאַר און בין אַן עקשן, און דאָס וויכטיגסטע איז, וואָס איך ווייס ווי צו ריידען מיט אַ מענשען. אָט וואָס. נו, און יעצט וועל איך אוועקגעהן. איך קען ניט גלויבען, איך מוז אוועק־געהן. איך ווייס, מוטער, אַז די מענשליכע הערצער זיינען פערדאָרבען. אַלע לעבען פון קנאה, אַלע ווילען פרעסען. און אַזוי ווי שפּייז איז דאָ ווענייג, זוכט יעדער איינציגער אויפצופרעסען דעם צווייטען.

ער האָט זיך פערטראַכט און אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ.

— איך וועל געהן אַליין איבער די שטעדטלעך און דערפער און וועל בונטעווען דעם פאָלק. מען דאַרף, אַז ער אַליין זאָל זיך נעהמען צו דער אַרבייט. אויב דער פאָלק וועט פערשטעהן, וועט ער שוין געפינען פאַר זיך אַ וועג, און אָט וועל איך זיך טאַקע סטאַרען, אַז ער זאָל פערשטעהן, אַז ער האָט אויף קיינעם ניט צו האָפען, אויסער אויף זיך אַליין. אַזוי איז דאָס.

זי האָט דערפיהלט אַ מיטלייד צו איהם און זי האָט זיך געשראָקען פאַר דיעזען מענשען. ער איז איהר שטענדיג געווען ניט אָנגענעהם, נאָר יעצט איז ער איהר עפּעס פּלוצלונג געוואָרען נעהנטער.

— פּאַווליושאַ געהט פון איין זייט, ער פון דער צווייטער... פּאַווליושאַ'ן וועט דאָס אָנקומען גרינגער! — האָט זי ניט ווילענדיג אַ טראַכט געטהאָן און זי האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— מען וועט דיר כאַפּען...

ריבין האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר און האָט רוהיג געענטפערט:

— וועט מען כאַפּען — וועט מען אַרויסלאָזען. און איך וועל ווידער...

— די פּויערים אַליין וועלען דיך בינדען... און דו וועסט זיצען אין טורמע...

— איך וועל זיצען אַביסעל און וועל צוריק אַרויסגעהן און וועל ווייַ־טער געהן... און וואָס עס איז שייך די פּויערים, וועלען זיי מיר איינמאָל

בינדען, אַ צווייטען מאָל בינדען, אָבער ענדליך וועלען זיי דאָך פערשטעהן, אַז מען דאַרף מיר ניט בינדען, נאָר צוהאָרכען זיך, וואָס איך זאָג. און אַז זיי וועלען זיך צוהערען, וועלען זיי גלויבען!

זיי האָבען ביידע גערעדט לאַנגזאַם, פּונקט ווי זיי וואָלטען אָפּגעוועגען יעדעס וואָרט, איידער זיי האָבען איהם אַרויסגעזאָגט.

— קיין גרויס פרייד, מוטער, האָב איך דערפון ניט — האָט ריבין געזאָגט — איך האָב דאָ געלעבט די גאַנצע צייט און האָב איינגעזאַפּט אין זיך פּיעלעס. אַזוי איז דאָס. איך בין אַביסעל געקומען צום שכל און יעצט פּיהל איך פּונקט ווי איך וואָלט מקבר געווען אַ קינד...

— דו וועסט אומקומען, מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש! — האָט די מוטער אומעדיג אַ שאָקעל טהוענדיג מיט'ן קאָפּ אַ זאָג געטהאָן.

ער האָט מיט זיינע דונקעלע, טיפע אויגען געקוקט אויף איהר, פּונקט ווי ער וואָלט איהר אַליין עפּעס פרעגען און וואַרטען אויף אַן ענטפער. זיין שטאַרקער קערפּער האָט זיך אויסגעבויגען פאָראויס, די הענד האָבען זיך איינגעשפּאַרט אין שטוהל און זיין געלבליכער פּנים איז געווען בלאַס.

— האָסטו געהערט, וואָס קריסטוס האָט געזאָגט וועגען קערענדעל? שטאַרבט מען ניט, ווערט מען נאָך אַ מאָל ניט געבאָרען אין דעם נייעם זאַנג. דער מענש איז דער קערן פון אמת. אָט וואָס... ביז צום טויט איז מיר נאָך ווייט. איך בין אַ כיטרער!

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל און האָט אַ זאָג געטהאָן:

— נו, איך וועל געהן אין טראַקטיר, פערברענגען דאָרט אַ ביסעל מיט מענשען... וואָס קומט עפּעס נאָך ניט דער קליין־רוס... ער האָט מסתמא יעצט אַ סך אַרבייט?

— יאָ! — האָט די מוטער בעמערקט שמייכלענדיג — זיי זיינען אַלע אַזעלכע — לאָזט מען זיי אַרויס פון טורמע, נעהמען זיי זיך ווידער פאַר זייער זאַך...

— אַזוי דאַרף זיין! דערצעהל איהם וועגען מיר...

זיי זיינען לאַנגזאַם אַרויס אין קיך און, ניט קוקענדיג איינע אויף די אַנדערע, האָבען זיי זיך דורכגעוואָרפען מיט קורצע ווערטער:

— איך וועל איהם דערצעהלען! — האָט זי איהם צוגעזאָגט.

— נו, זיי געזונד!

— געה געזונד... ווען וועסטו פערלאָזען די פאַבריק?...

— איך האָב שוין פערלאָזען.

— און ווען געהסטו אַוועק?

— מאָרגען אין דער פריה. זיי געזונד!

ער האָט זיך איינגעבויגען און איז, עפּעס ניט ווילענדיג, אונגעשיקט ארויסגעקראָכען אין פאָרהויז. די מוטער איז געשטאַנען א ווײלע לעבען טהיר און האָט זיך צוגעהערט צו די שווערע אוועקגעהענדע טריט און צו די ספקות, וועלכע זיינען ערוועקט געוואָרען אין איהר הארצען. נאָכדעם האָט זי זיך שטיל א קעהר געטהאָן, איז אריין אין צימער און, אויפהויבענדיג דעם פאָרהאנגעל, האָט זי א קוק געטהאָן אין פענסטער. דרויסען האָט געהערשט א שווארצע פינסטערניש, וועלכע האָט עפּעס אויף וואָס געלויערט, גרייט אַלעם צו פערשלינגען.

— איך לעב אין נאַכט! — האָט זי א טראַכט געטהאָן

זי האָט רחמנות געהאַט אויף דעם שווארץ־בערדיגען פויער — ער איז, דאַכט זיך, געווען א ברייטער און שטארקער, און דאָך איז ער אויך אזוי הילפלאָז ווי אַלע מענשען...

אין גיכען אין געקומען אנדריי א פרעהליכער, א לעבעדיגער.

ווען זי האָט איהם דערצעהלט וועגען ריבינען, האָט ער אויסגערופען:

— ער געהט? נו, זאָל ער געהן איבער די דערפער, זאָל ער דאָרט קלינגען וועגען אמת, זאָל ער וועקען דעם פאָלק... מיט אונז איז איהם שווער. ביי איהם אין קאָפּ זיינען אויסגעוואַקסען זיינע אייגענע געדאַנקען; פאַר אונזערע איז דאָרט ענג...

— אָט וועגען די פריצים האָט ער גערעדט... דאָ מוז עפּעס זיין! — האָט פאָרזיכטיג בעמערקט די מוטער, — מען זאָל אייך אקאָרשט טאָקע ניט אָפּנאַרען!

— איהר נעהמט דאָס טאָקע ערנסט? — האָט לאַכענדיג אויסגעשריען דער קליין־רוס, — אך, מאַמעלע, הלואי וואָלטען מיר נאָר געהאַט געלד! מיר לעבען נאָך אַלץ אויף פרעמדען חשבון... אָט קריגט ניקאָלאַי איוואַנאָ־וויטש פינף און זיעבעציג רובעל א מאָנאַט — גיט ער אונז פופציג אוועק. און אזוי טהוען די איבעריגע אויך. אָדער די הונגעריגע סטודענטען שיקען אַמאָל צו א ביסעל... און פריצים, פערשטעהט זיך, זיינען דאָ פערשיעדענע. איינציגע וועלען טאַקע אָבנאַרען, אנדערע וועלען אָפּשטעהן פון אונז, אָבער די בעסטע פון זיי וועלען געהן מיט אונז צוזאַמען ביז אונזער פאָלשטענ־דיגען זיעג...

ער האָט א פּאַטש געטהאָן מיט די הענד און האָט מיט פעסטקייט צוגעזעצט:

— נאָר צו יענעם יום־טוב איז נאָך זעהר, זעהר ווייט. אָבער דערפאַר וועלען מיר טאַקע מאַכען א שטיקעל יום־טוב דעם ערשטען מאַי... עס װעט זיין פרעהליך!

זיינע ווערטער און זיין לעבעדיגקייט האָבען פערטריעבען די אונרוהיג־קייט, וועלכע ריבין האָט פערזייהט ביי דער מוטער אין הארצען. דער קליין־רום איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער, האָט מיט איין האַנד גע־ריבען דעם קאָפּ, מיט דער צווייטער די האַרץ און, קוקענדיג אויף דער פּאָד־לאָגע, האָט ער געזאָגט:

— איהר ווייסט, אָפטמאָל האָט מען אין הארצען עפּעס אַ זאָנדערבאַרען געפיהל! עס דוכט זיך, אַז וואו מען זאָל זיך ניט אַ קעהר טהאָן, געפינען זיך מענשען, חברים, וועלכע ברענען אַלע מיט דעם זעלבען פייער. אַלע זיינען אַזעלכע פרעהליכע, גוטע... אָהן ווערטער פערשטעהט מען איינע די אַנדערע, און קיינער וויל דעם צווייטען ניט בעליידיגען, קיינער דאַרף דאָס ניט. אַלע לעבען ווי איין כאָר און יעדעס האַרץ זינגט זיך איהר אייגען ניגון... אַלע ניגונים פליסען ווי טייכעלעך אַריין אין איין גרויסען טייך, און דער טייך פליסט ברייט און פריי אַריין אין ים, אין ים פון די הערליכע פריידען פון אַ נייעם לעבען... ווען מען גיט נאָר אַ טראַכט, אַז דאָס וועט מוזען זיין אַזוי, אַז אַזאַ צייט וועט דאָך קומען, אויב מיר וועלען נאָר וועלען... דאַן ווערט די האַרץ אָנגעפילט מיט פרייד און עס ווילט זיך וויינען... און עס איז אַזוי גוט, אַזוי גוט!

די מוטער האָט זיך געסטאַרעט ניט צו בעוועגען זיך, כדי ניט צו שטערען איהם, ניט איבערצורייסען זיינע רייד. איהם פלעגט זי שטענדיג אויסהערען מיט מעהר אויפמערקזאַמקייט ווי די אַנדערע. ער האָט גערעדט איינפאַכער ווי אַלע, און זיינע ווערטער פלעגען שטאַרקער אָנריהרען איהר האַרץ. פּאַוועל פלעגט מסתמא אויך אַריינקוקען אין דער צוקונפט, וואָרים, ווי קען מען דען אַנדערש לעבען, ווען מען געהט אויף אַזאַ שווערען וועג? נאָר ער פלעגט קוקען אין דער ווייטקייט איינזאַם און פלעגט קיינמאָל ניט דערצעהלען וואָס ער זעהט דאָרט. אָבער אַנדריי האָט זיך איהר אויסגע־דוכט, איז שטענדיג געווען דאָרט מיט אַ טהייל פון זיין האַרץ, שטענדיג האָט אין זיינע רייד געקלונגען די מעשה'לע וועגען דעם צוקינפטיגען יום־טוב פאַר אַלע מענשען אויף דער וועלט. דיעזע מעשה'לע האָט קלאָר גע־מאַכט פאַר דער מוטער דעם זין פון לעבען און פערשטענדיג געמאַכט די אַרבייט פון איהר זוהן און פון אַלע זיינע חברים.

— און ווען דו כאַפּסט זיך אויף, — האָט דער קליין־רוס געזאָגט, אַ טרייסעל טהוענדיג מיט'ן קאָפּ, און זיינע הענד האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען, — און דו קוקסט זיך אַרום... איז אַלץ קאַלט און בלאָטיג! אַלע זיינען אויסגע־מאַטערט, אָנגעשטויסען איינע אויף די אַנדערע, דאָס מענשליכע לעבען איז צוריבען און צוטראָטען...

ער האָט זיך געשטעלט לעבען איהר און, מיט א טיעפען אומעט אין די אויגען, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, האָט ער שטיל און אומעטיג פאָרטגעזעצט:

— עס טהוט וועה דאָס הארץ... אָבער מען דארף ניט גלויבען דעם מענשען, מען דארף מורא האָבען פאר איהם, מען דארף איהם זאָגאר האסען! דאָס לעבען צושניידט דעם מענשען אויף צווייען. דו וואָלסט וועלען נאָר ליעבען, אָבער ווי קען מען דאָס אויספיהרען? ווי זאָל מען מוחל זיין דעם מענשען, ווען ער ווארפט זיך אויף דיר ארויף ווי א ווילדע חיה, ווען ער קוקט אויף דיר ניט ווי אויף א לעבעדיגע בעשעפעניש, ווען ער שפּאַרט דיר זיין פויסט אין פּנים אריין? מען טאָר ניט מוחל זיין. ניט צוליעב זיך — איך קען אריבערטראָגען אַלע בעליידיגונגען, אָבער לאָזען די אונטערדריקער טהאָן וואָס זייער הארץ גלוסט, — דאָס וועל איך ניט. איך וויל ניט, אז אויף מיין רוקען זאָלען זיי זיך לערנען אנדערע צו שלאָגען.

יעצט האָבען זיינע אויגען אויפגעלייכט מיט א קאַלטען פייער. ער האָט עקשנות'דיג איינגעבויגען דעם קאָפּ און האָט מיט מעהר פעסטקייט פאָרטגעזעצט.

— איך דארף ניט מוחל זיין קיין שלעכטס, ווען דאָס זאָל אפילו מיר קיין שאדען ניט ברענגען. איך בין ניט איינער אויף דער וועלט! היינט וועל איך זיך לאָזען בעליידיגען, איך וועל זיך אפשר גאָר אויסלאַכען פון דער בעליידיגונג, ווייל דאָס וועט מיר ניט אַרען... אָבער מאָרגען וועט דער בעליידיגער, אויספּרואווענדיג אויף מיר זיין כח, געהן און אָפּשינדען פון אַן אנדערען די הויט... דארום דארף מען די מענשען בעטראַכטען פערשיעדען. מען דארף די הארץ האַלטען פעסט אין די הענד און פּאַנאַנדער־קלייבען די מענשען: די זיינען אייגענע און יענע זיינען פרעמדע...

די מוטער האָט זיך עפּעס גראָדע דערמאָהנט אָן דעם אָפיציער און אָן סאשענקע'ן און אָפּזיפצענדיג האָט זי א זאָג געטהאָן:

— ניט אַלע מענשען זיינען פון זעלבען טייג געקנאָטען!...

— דאָס איז די צרה! — האָט אויסגערופען דער קליין־רוס, — מען דארף אַלעם בעטראַכטען מיט פערשיעדענע אויגען... עס זיינען דאָ צוויי נשמות אין הארצען — איינע ליעבט אַלעמען און די צווייטע זאָגט — האַלט אָפּ, מען טאָר ניט! אזוי ברעכט זיך דער מענש אין צווייען...

— יאָ, יאָ! — האָט זיך אָבגערופען די מוטער. אין איהר עראינערונג איז אויפגעשטאַנען די בייזע און שווערע פיגור פון איהר מאַן, פּונקט ווי א גרויסער שטיין בעוואַקסען מיט מאָך. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם קליין־רוס אַלס נאַטאַשאַס מאַן און איהר זוהן אַלס סאַשענקאַס מאַן...

— און פון וואַנען קומט דאָס אַלעס? — האָט דער קליין־רוס גע־

פרעגט. — פון דעם, ווייל די מענשען שטעהען ניט גלייך. טו לאָמיר זשע אויסגלייכען אַלעמען אין איין רייהע! זאָלען אַלע גלייך געניסען פון דעם, וואָס דער מענשליכער שכל האָט אויסגעטראַכט, וואָס די מענשליכע הענד האָבען אויפגעאַרבייט. לאָמיר ניט האַלטען איינע די אַנדערע אין שקלאַ־פעריי, שרעק, קנאה, זשעדנעקייט און אונוויסענהייט!...

זיי האָבען אָנגעפאַנגען אָפּט צו ריידען אַזוי.

איהם האָט מען ווידער צוגענומען אויפ'ן פאַבריק. ער פלעגט איהר אָבגעבען אַלע זיינע שכירות און זי פלעגט נעהמען דיעזע געלד פונקט אַזוי רוהיג ווי זי פלעגט עס נעהמען פון פּאַוועל'ס הענד.

אָפטמאָל פלעגט אַנדריי מיט אַ שמייכעל אין די אויגען איהר פאָרלעגען:

— אפשר וועלען מיר עפּעס לעזען, מאַמעלע?

זי פלעגט זיך שפּאַסענדיג אָבער ענערגיש ענטזאָגען. זי פלעגט זיך פיהלען פון זיין שמייכעל פערלאָרען און אַביסעל בעליידיגט און פלעגט טראַכטען:

— אויב דו לאַכסט, פאַר וואָס זשע דאַרפסטו דאָס?

און אַלץ עפטער פלעגט די מוטער איהם פרעגען די בעדייטונג פון דעם אָדער יענעם וואָרט, וועלכער איז איהר פרעמד געוועזען. פרעגענדיג פלעגט זי קוקען אָן אַ זייט און איהר שטימע האָט געקלונגען גלייכגילטיג. ער האָט פערשטאַנען, אַז זי מוז זיך אין דער שטיל ערגעץ לערנען אַליין; ער האָט בעגריפען איהר שעהמעוודיגקייט און האָט אויפגעהערט איהר פאָרצולייגען לעזען מיט איהם. אין גיכען האָט זי איהם ערקלעהרט:

— מיינע אויגען ווערען שוואַך, אַנדריושאַ... איך וואָלט געדאַרפט האָבען ברילען...

— דאָס איז אַ גאַנג! — האָט ער זיך אָפּגערופען, — אַם זונטאָג וועל איך געהן מיט אייך אין שטאָדט; איך וועל אייך ציינען אַ בעקאַנטען דאָקטאָר, און עס וועלען זיין ברילען.

## 19.

זי איז שוין דריי מאָל געגאַנגען בעטען אַן ערלויבניש צו זעהן זיך מיט פּאַוועלען און יעדען מאָל פלעגט דער זשאַנדאַרמסקער גענעראַל, אַ גראָהער אַלטיטשקער מיט רויטע בעקלעך און אַ גרויסען נאָז, איהר העפליך ענטזאָגען.

— אין אַ וואָך אַרום, מאַמינקע, ניט פריהער! אין אַ וואָך אַרום וועלען מיר זעהן... יעצט אָבער איז אונמעגליך...

ער איז געוועזען אַ רונדער, אַ זאַטינקער און אין גאַנצען האָט ער איהר עפּעס אויסגעקוקט ווי אַ צייטיגע פלוים, אַביסעל אַ פערלעגענע און עטוואָס

א צוגעשימעלטע. ער האָט שטענדיג געפּאַרקעט די צייהנער מיט א שאַר־פעז געלען העלצעל, זיינע קליינינקע, גרינע אייגעלעך האָבען רונד און העפליך געשמייכעלט און זיין שטימע האָט געקלונגען פריינדליך.

— אזא העפליכער! — האָט זי, אַריינטראַכטענדיג זיך, געזאָגט צום קליין־רוס. — ער שמייכעלט שטענדיג... דאָס איז, נאָך מיין מיינונג, ניט גוט. ווען מען טהוט אזא ארבייט, דאַרף מען שטשירען מיט די צייהנער...

— יא, יא! — האָט דער קליין־רוס געזאָגט. — זיי זיינען העפליכע, זיי שמייכלען שטענדיג. זאָל מען זיי אָבער נאָר זאָגען: א נו, אָט דיעזער איז א קלוגער און אן עהרליכער מענש, ער איז געפעהרליך פאַר אייך, הענגט איהם אויף! זיי וועלען א שמייכעל טהאָן און וועלען איהם אויפהענגען און דערנאָך וועלען זיי וויעדער שמייכלען.

— יענער, וועלכער איז געוועזען ביי אונז אויף'ן אָביסק, איז שוין בע־סער, — האָט די מוטער געפּרואווט פערגלייכען זיי, — ער איז איינפאַכער. מען זעהט גלייך, אז דאָס איז א הונד...

— זיי זיינען אַלע ניט קיין מענשען, נאָר פּראָסטע האַמערס, אום צו פערטויבען די מענשען. אינסטרומענטען, מיט וועלכע מען בעאַרבייט אונז, אַז מיר זאָלען זיין נוצליכער פאַר דער רעגיערונג. זיי אַליין זיינען שוין געמאַכט אזוי, אז זיי קענען טהאָן אַלעס וואָס מען הייסט זיי, ניט טראַכ־טענדיג און ניט פרעגענדיג אויף וואָס מען דאַרף דאָס.

— ער האָט נאָך דערצו אזא בייכעל...

— יא, יא! וואָס גלאַטער דער בייכעל, אַלץ מעהר פערדאָרבען איז דאָס האַרץ...

ענדליך האָט מען איהר ערלויבט זיך צו זעהן מיט'ן זוהן, און איינמאָל א זונטאָג איז זי בעשיידען געזעסען אין א ווינקעל פון טורמע־קאַנטאָר. אויסער איהר זיינען אין קליינעם, שמוציגען צימער געוועזען נאָך עטליכע מענשען, וועלכע האָבען אויך געוואַרט צו זעהן זיך מיט די אַרעסטירטע. עס איז געוועזען קענטיג, אַז זיי זיינען שוין דאָ ניט דעם ערשטען מאָל און זיי האָבען איינע די אַנדערע געקענט; זיי האָבען שטיל גערעדט צווישען זיך.

— איהר האָט געהערט? — האָט געזאָגט א דיקע פרוי, וועלכע האָט געהאַלטען א רייזע־טאַש אויף איהר שויס. — הייגט אין דער־פריה ביים גאָטעס־דיענסט האָט דער דיריגענט פון כאָר וויעדער אָנגעריסען פאַר די אויערען דעם אינגעל, וואָס זינגט אין כאָר...

א בעיאָהרענטער מענש אין א מונדיר פון אן אויסגעדיענטען מיליטער־בעאַמטען האָט זיך אויסגעהוסט און האָט בעמערקט:

— די אינגלעך פון כאָר זיינען אזעלכע קונדסים!

איבער'ן צימער איז ארומגעלאָפען פערטהאָן א קליינינקער, פליכע־וואטער מענשעל מיט קורצע פיס און לאנגע הענד. ניט אפּשטעלענדיג זיך, האָט ער געֿרעדט מיט אַן אונרוהיגער, ציטערענדער שטימע:

— די לעבענס־מיטלען ווערען טהייערער, דערפאר זיינען די מענשען געוואָרען בייזער... פלייש פון צוויטען סאָרט קאָסט יעצט פערצעהן קאָפּיקעס א פונט, ברויט קאָסט ווידער צוויי און א האלב קאָפּיקעס...

פון צייט צו צייט פלעגען אריינקומען די ארעסטירטע אין די גראָהע קליידער און אין די פּעלענע שיך. אריינקומענדיג אין דעם האלב פינסטע־רען צימער, פלעגען זיי פינטלען מיט די אויגען. ביי איינעם האָבען אויף די פיס געקלונגען די קייטען. אלעס איז עפּעס געווען אזוי מאָדנע רוהיג און איינפאך. עס האָט זיך געדוכט, אז אלע האָבען זיך שוין פון לאנג צוגעוואוינט צו אזא לעבען. אייניגע זיינען געזעסען רוהיג, די צווייטע — האָבען געהיט און די דריטע האָבען פינקטליך און פערמאטערט בעזוכט די ארעסטירטע. די מוטער האָט זיך שוין ניט געקענט דערווארטען די מינוט, ווען מען וועט אריינפיהרען פּאַוולען און איהר הארץ האָט געציטערט. זי האָט זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטען און האָט זיך געוואונדערט, וואָס דער שווערער לעבען איז דאָ אזוי איינפאך.

לעבען וולאסאָווא'ן איז געזעסען א קליינינקע אלטיטשקע. איהר פּנים איז געווען צוקנייטשט, איהרע אויגען אבער זיינען געווען יונג. זי האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך און האָט אויף אלעמען געקוקט עפּעס פון אויבען אראָפּ.

— וועמען האָט איהר דאָ? — האָט שטיל א פרעג געטהאָן וולאסאָווא.

— א זוהן, א סטודענט, — האָט שנעל און הויך אבגעענטפערט די אל־טיטשקע, — און וועמען האָט איהר דאָ?

— אויך א זוהן. אן ארבייטער.

— ווי איז זיין נאָמען?

— וולאסאָוו.

— דעם נאָמען האָב איך קיינמאָל ניט געהערט. ער זיצט שוין לאנג?

— די זיבעטע וואך...

— און מיינער — שוין דעם צעהנטען מאָנאט! — האָט געזאָגט די אלטיטשקע. אין איהר שטימע האָט וולאסאָווא דערפיהלט עפּעס ווי א מין גדלות.

— יא, יא! — האָט שנעל גערעדט דער פליכעוואטער אלטיטשקער, — מען פערליערט די געדולד... אלע זיינען אויפגערעגט, אלע שרייען... און די מקחים שטייגען אלע, און וואָס טהייערער עס ווערען די לעבענס־מיטלען,

אלץ ביליגער ווערען די מענשען... קיין שטימען פון שלום הערען זיך ניט...

— זעהר ריכטיג! — האָט זיך אָבגערופען דער מיליטער־מאַן. — עס איז ניט אויסצוהאַלטען! עס איז נויטיג, אז עס זאָל זיך ענדליך דערהערען א פעסטע שטימע, וועלכע זאָל אויסשרייען: שווייגט! א פעסטע שטימע... אָט וואָס מען דאַרף...

דער געשפרעך איז געוואָרען א לעבעדיגער און אַן אַלגעמיינער. יעדער איינער האָט זיך געאיילט ארויסצוזאָגען זיין מיינונג וועגען לעבען, נאָר אַלע האָבען גערעדט עפּעס מיט א האַלבען מויל און אין יעדען איינציגען האָט די מוטער געפיהלט עטוואָס אַזוינס, וואָס איז איהר פרעמד געוועזן. אין דער־היים האָט מען גערעדט אַנדערש, פערשטענדליכער, איינפאַכער און העכער.

א דיקער טורמע־וועכטער מיט א קוואַדראַטנע געלע באָרד האָט אויס־גערופען דער מוטערס נאָמען, האָט איהר בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און, צוהינקענדיג, איז ער אַוועקגעגאַנגען, א זאָג טהוענדיג צו איהר:

— געה נאָך מיר...

זי האָט געשפּרייזט און עס האָט זיך איהר געוואָלט א שטויס טהאָן דעם וועכטער אין פּלייצע, ער זאָל געהן שנעלער. אין א קליינעם צימערל איז געשטאַנען פּאַוועל. ער האָט געשמייכעלט און האָט איהר אויסגע־שטרעקט די האַנד... די מוטער האָט אונטערגעכאַפּט זיין האַנד. זי האָט זיך פּאַנאַנדערגעלאַכט, האָט אָפט געפינטעלט מיט די אויגען און, ניט געפינענדיג קיין ווערטער, האָט זי שטיל געזאָגט:

— גוט מאָרגען... גוט מאָרגען...

— בערוהיג זיך, מאַמע! — האָט פּאַוועל געזאָגט, דריקענדיג איהר די האַנד.

— גאָרנישט... גאָרנישט...

— אָ, מאַמע! — האָט דער וועכטער, א זיפץ טהוענדיג, א זאָג גע־טהאָן. — שטעהט ניט אַזוי נאָהענט איינער לעבען אַנדערען; מען טאָר דאָס ניט.

און ער האָט הויך א געגעץ געטהאָן. פּאַוועל האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף איהר געזונד, אויף דער הויז... זי האָט ערוואַרטעט עפּעס אַנדערע פראַגען. זי האָט זיי געזוכט אין דעם זוהן'ס אויגען און האָט זיי ניט געפונען. ער איז ווי אימער געוועזן רוהיג, נאָר זיין פּנים איז בלאַסער געוואָרען און זיינע אויגען זיינען דאַכט זיך גרעסער געוואָרען.

— סאַשאַ גריסט דיר! — האָט זי געזאָגט.

ביי פּאַוועלען האָבען א ציטער געטהאָן די ברעמען און האָבען זיך אַראָפּ־

געלאָזען. דער פּנים איז ווייכער געוואָרען און האָט קלאָר געשמייכעלט. עס האָט איהר אַ שטאָך געטהאָן אין הארצען.

— וועלען זיי דיר אין גיכען ארויסלאָזען? — האָט זי גענומען ריידען מיט אַ פּלעצליכער בעליידיגונג און אויפרעגונג אין קול. — פאר וואָס האָט מען דיך אריינגעזעצט? אָט זיינען דאָך אויפ'ן פאבריק ווידער דאָ די פּאַפּיערלעך...

פּאַוועל'ס אויגען האָבען אַ שיין געטהאָן פאר פרייד.

— ווידער? — האָט ער שנעל אַ פרעג געטהאָן.

— וועגען אַזעלכע זאַכען איז פערבאָטען צו ריידען! — האָט דער וועכטער פויל ארויסגערעדט. — עס איז ערלויבט נאָר צו ריידען וועגען פאַ־מיליען־אנגעלעגענהייטען...

— און דאָס איז דען ניט אַ פאַמיליען־אנגעלעגענהייט? — האָט אויף דעם די מוטער געענטפערט.

דער וועכטער איז בעשטאַנען אויף דאָס זייניגע.

— איך ווייס גאָרנישט. אָבער עס איז פערבאָטען. וועגען וועש און עסענוואַרג איז ערלויבט. ווייטער וועגען גאָרנישט!

ער האָט דאָס אָבער געזאָגט גלייכגילטיג און פויל.

— נו, גוט! — האָט פּאַוועל געזאָגט, — רייד וועגען פאַמיליען־זאַכען. וואָס טהוסטו?

זי האָט מיט שטאָלץ געענטפערט:

— איך ברייננג זיי יעצט אַלעס אויפ'ן פאבריק... און שמייכלענדיג האָט זי פאָרטגעזעצט: געקעכטס, קאַשע און אַלע געריכטען מאריא'ס... און די איבעריגע שפּייז...

פּאַוועל האָט פערשטאַנען. זיין פּנים האָט געציטערט פון דעם איינ־געהאַלטענעם געלעכטער. ער האָט פערריכט זיינע האָאר און מיט אַ צערט־ליכער שטימע, וועלכע זי האָט קיינמאָל ניט געהערט פון איהם, האָט ער געזאָגט:

— טהייערינקע מאמע... דאָס איז גוט! עס איז גוט, וואָס דו האָסט אַ בעשעפטיגונג. עס איז דיר ניט לאַנגוויילינג. עס איז דיר ניט אומעטיג?

— און ווען די בלעטלעך האָבען זיך בעוויעזען אויפ'ן פאבריק, האָט מען מיך אויך גענומען בעזוכען! — האָט זי ניט אָהן בעריהמעריי ערקלערט.

— שוין ווידער וועגען דעם! — האָט דער וועכטער געזאָגט בעליי־דיגענדיג זיך. — איך זאָג: מען טאָר ניט! דעם מענשען האָט מען פער־שפּארט אין טורמע, כדי ער זאָל פון גאָרנישט ניט וויסען, און דו טהוסט דאָס דייניגע! מען דארף אַליין פערשטעהן, וואָס מען טאָר ניט.

— נו, לאז דאס צורוה, מאמע! — האט פאוועל געזאגט. — מאטוויי איוואנאוויטש איז א גוטער מענש; מען דארף איהם ניט אריינברענגען אין כעס. מיר לעבען מיט איהם גוט... ער איז דאך היינט צופעליג דא. גע־וועהנליך שטעהט דערביי דער געהילף פון נאטשאלניק. נו, האט מאטוויי איוואנאוויטש מורא, אז דו זאלסט זיך ניט ארויסריידען עטליכע איבעריגע ווערטער!

— נו, דער בעזוך איז צו ענדע, — האט דער וועכטער ערקלעהרט, קוקענדיג אויפ'ן זייגער.

— נו, א דאנק דיר, מאמע! — האט פאוועל געזאגט. — א דאנק דיר, טהייערינקע. בעאונרוהיג זיך ניט. מען וועט מיר אין גיכען ארויסלאזען...

ער האט איהר פעסט ארומגענומען און האט איהר א קוש געטהאן. זי איז געריהרט געווארען פון דעם און האט זיך פאנאנדערגעוויינט.

— געהט זיך פאנאנדער! — האט דער וועכטער געזאגט, און דורכ־לאזענדיג דער מוטער, האט ער איהר א זאג געטהאן:

— וויין ניט... מען וועט איהם ארויסלאזען! מען לאזט אלעמען ארויס... עס איז ענג געווארען אין טורמע...

אין דער היים האט זי שמייכלענדיג דערצעהלט דעם קליין־רוס:

— איך האב דאס איהם אזוי קונציג דערצעהלט... ער האט אלעס פער־שטאנען!

און זי האט אומעדיג א זיפץ געטהאן.

— יא. ער האט פערשטאנען! ווען ניט וואלט ער ניט ארויסגעצייגט אזא ליעבשאפט צו מיר. קיינמאל פלעגט ער דאס ניט טהאן!

— אט האסטו דיר! — האט זיך דער קליין־רוס פאנאנדערגעלאכט. — ווער, וואס, א מוטער זוכט איבעראל לאסקעס...

— ניין, אנדריושא, איך זאג אייך, וואס מענשען זיינען! — האט זי פלוצלונג מיט בעוואונדערונג אויסגערופען. — מען ווערט צו אלץ צוגע־וואוינט. די קינדער האט מען פון זיי אוועקגענומען, אריינגעזעצט אין טורמע און זיי — גאר נישט, זיי אארט דאס ניט, זיי קומען, זיצען זיך רוהיג, ווארטען און שמועסען. נו, און אויב געבילדעטע לייטע ווערען אזוי צוגע־וואוינט, היינט וואס זאל מען שוין זאגען וועגען אונז, פראסטע מענשען?...

— דאס איז גאנץ פערשטענדליך, — האט דער קליין־רוס געזאגט מיט זיין געוועהנליכען שמייכעל, — צו זיי איז דער געזעץ דאך מילדער, ווי צו אונז... און זיי נויטיגען זיך אויך אין איהם מעהר ווי מיר. דארום ווען מען גיט זיי א קלאפ אין שטערען, קנייטשען זיי זיך אפילו יא איין, אבער ניט זעהר שטארק. מיט אן אייגענעם שטעקען איז דאך לייכטער אויסצוקומען...

די געזעצען בעשיצען זיי דאָך פיעל־וועניג, אונז אָבער בינדען זיי נאָר, כדי מיר זאָלען זיך ניט בריקענען...

.20

איינמאָל אין אבענד, ווען די מוטער איז געזעסען ביים טיש און האָט געשטריקט אַ זאָק און דער קליין־רוס האָט געלעזען אין דער־הויך אַ ביכעל וועגען דעם אויפשטאַנד פון די רוימישע שקלאַפען, האָט עפּעס אימיצער אָנ־געקלאַפּט, און ווען דער קליין־רוס האָט געעפענט די טהיר, איז אריינגע־קומען וויעסאָווטשטשיקאָוו, די היטעל אראָפּגערוקט אויפ'ן קארק, אַ פער־שפּריצטער ביז די קניע און מיט אַ פּעקעלע אונטער'ן אָרעם.

— איך געה, זעה איך, אַז ביי אייך ברענט פייער, בין איך אריינגע־קומען געוואָהר ווערען צו אייך. איך קום אַקאָרשט פון טורמע! — האָט ער מיט אַ מאָדנעם קול ערקלעהרט, און אָננעהמענדיג דער מוטערס האַנד, האָט ער איהר שטארק אַ שאָקעל געטהאָן, זאָגענדיג:

— פּאַוועל גריסט אייך...

נאָכדעם האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן שטוהל און האָט מיט זיין פּערפינסטערטען, פערדעכטיגען בליק בעטראַכט דעם צימער.

ער איז ניט געפעלען געוועזען דער מוטער. אין זיין שפּיציגער געשאָ־רענער קאָפּ, אין זיינע קליינטשינקע אויגען איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס פלעגט ביי איהר שטענדיג ארויסרופען אַ מורא. יעצט אָבער האָט זי זיך דערפרעהט און האָט מיט אַ צערטליכען שמייכעל ארויסגעזאָגט:

— דו זעהסט זעהר שלעכט אויס!... קום, אנדריי, לאָמיר איהם מאַכען אַ גלאָז טהעע...

— אָט איך מאַך שוין דעם סאַמאָוואר! — האָט זיך דער קליין־רוס אָבגערופען פון קיך.

— נו, וואָס מאַכט עפּעס פּאַוועל?... האָט מען נאָך אימיצען ארויס־געלאָזען, אָדער נאָר דיר אַליין?

ניקאָלאַי האָט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט געענטפערט:

— פּאַוועל זיצט נאָך און ליידט! ארויסגעלאָזען האָט מען נאָר מיך אַליין!

ער האָט ; קוק געטהאָן אויף איהר, האָט פערמאַכט די אויגען און האָט לאַנגזאַם צווישען די צייהנער ארויסגערעדט:

— איך האָב זיי געזאָגט: גענוג! לאָזט מיך ארויס פריי... אניט וועל איך אימיצען טויטען... און זיך אויך... — האָט מען מיך ארויסגעלאָזען.

— יאָ, יאָ! — האָט זיך די מוטער אָבגערופען, זיך אָברוקענדיג פון

איהם, און האָט ניט ווילענדיג אַ פינטעל געטהאָן מיט די אויגען, ווען איהר בליק האָט זיך בעגעגענט מיט זיינעם.

— און וואָס מאַכט פעדיאַ מאַזין? — האָט דער קליין־רוס אַ פרעג געטהאָן פון קיך. — שרייבט ער נאָך ליעדער?

— ער שרייבט, — האָט ניקאָלאַי געענטפערט. — איך פערשטעה דאָס ניט! וואָס איז ער דען, אַ טשיזשיק? מען האָט איהם אריינגעזעצט אין שטייגעל, זינגט ער... איך ווייס נאָר איין זאַך — אהיים ווילט זיך מיר ניט געהן...

— מ'שטיינס געזאָגט, וואָס האָסטו דאָרטען אין דער היים? — האָט די מוטער פערטראַכטערהייד אַרויסגערעדט. — ס'איז פוסט, דער אויוועץ ניט געהייצט, אַלץ איז פערפראָהרען...

ער האָט געשוויעגען. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פעקעלע פאַפּיראָסען, האָט אַרויסגענומען איינעם, איהם לאַנגזאַם פעררוי־כערט, האָט בעטראַכט דעם רויך, וואָס איז פאַרבייגעפלויגען פאַר זיין פּנים און האָט געלאַכט, ווי אַ גרויסער, בייזער הונד.

— יאַ, דאָרטען מוז זיין קאַלט... אויפ'ן פאָדלאָגע האָבען זיך געוואַל־גערט פערפראָרענע מייז און טאַראַקאַנעס... לאָז מיר ביי דיר איבערנעכטיגען, פעלאַגעיאַ נילאָווּנאַ... ווּעסטו?... — האָט ער שטיל אַ פרעג געטהאָן, ניט קוקענדיג אויף איהר.

— אַ, געוויס. דאַרפסט גאָר ניט פרעגען! — האָט זיך די מוטער גיך אָבגערופען. זי האָט זיך געפיהלט ניט היימליך מיט איהם, זי האָט ניט גע־וואוסט ווּעגען וואָס צו ריידען. אָבער ער האָט אַליין אָנגעהויבען ריידען מיט אַ מאָדנער געבראָכענער שטימע:

— יעצט איז אַזאַ צייט, וואָס קינדער שעהמען זיך מיט זייערע עלטערן...

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר, האָט פערמאַכט די אויגען און זיין געשטופּעלטער פּנים האָט אויסגעזעהן ווי בלינד.

— וואָס? — האָט די מוטער ציטערענדיג געפרעגט.

— קינדער הויבען זיך אָן שעהמען מיט זייערע עלטערען, זאָג איך! — האָט ער ווידערהאָלט און האָט אַ הויך אַ זיפץ געטהאָן. דו האָב קיין מורא ניט, איך מיין דאָס ניט דיר. מיט דיר וועט זיך פּאַוועל קיינמאָל ניט שעה־מען... אָבער איך שעהם זיך מיט מיין פאָטער... און איך וועל מעהר אויף זיין שוועל ניט אַרויפטרעטען. איך האָב מעהר ניט קיין פאָטער... און ניט קיין הויז. מען האָט מיך געשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי, אַניט וואָלט איך אַוועק אין סיביר... איך רעכען, אין סיביר קען אַ מענש,

וואָס האָט קיין מורא ניט, אַ סך אויפטהאָן. איך וואָלט דאַרטען בעפרייט די פערשיקטע און וואָלט זיי געהאָלפען אַנטלויפען...

די מוטער האָט מיט איהר צאַרט געפיהל פערשטאַנען, אַז דיעזען מענ־שען מוז זיין שווער אויפ'ן הארצען, אָבער זיין וועהטאָג האָט ביי איהר ניט אַרויסגערופען קיין מיטלייד.

— יאָ, פערשטעהסט זיך... אויב עס איז אַזוי... איז שוין בעסער אַוועק־געהן! — האָט זי געזאָגט, אום ניט צו בעליידיגען איהם דורך איהר שווייגען.

פון קיך איז אַרויסגעקומען אַנדריי און האָט לאַכענדיג אויסגערופען:

— וואָס דרשנ'סטו דאָ?

די מוטער איז אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט:

— מען דאַרף עפּעס צוגרייטען צום עסען...

וויעסאָווששיקאָוו האָט דעם קליין־רוס פרעמד אַנגעקוקט און האָט פּלוצלונג אַרויסגערעדט:

— מיין מיינונג איז, אַז מען דאַרף געוויסע מענשען אַוועק'הרג'ענען.

— אהאַ! צוליעב וואָס? — האָט געפרעגט דער קליין־רוס.

— כדי זיי זאָלען מעהר ניט זיין אויף דער וועלט...

— האָסטו דען אַ רעכט פון לעבעדיגע מענשען צו מאַכען מתים?

— יאָ, די מענשען האָבען מיר דיעזען רעכט געגעבען...

דער קליין־רוס איז געשטאַנען אין זיין גאַנצער גרוים אין מיטען צימער. ער האָט זיך געוויעגט אויף די פיס און האַלטענדיג די הענד אין די קעשענעס, האָט ער ניקאָלאַיען בעטראַכט פון אויבען אַראָפּ. ניקאָלאַי איז פעסט גע־זעסען אויפ'ן שטוהל, אַרומגערינגעלט פון וואָלקענס רויך, און אויף זיין פּנים האָבען זיך בעוויעזען רויטע פּלעקען.

— די מענשען האָבען מיר געגעבען דיעזען רעכט. יאָ! — האָט ער נאָך אַ מאָל וויעדערהאָלט, צוזאַמענדריקענדיג דעם פויסט. ווען זיי שלאָגען מיך, האָב איך דאָך דאָס רעכט צו געבען זיי אין די צייהנער... טשעפּע מיר ניט, וועל איך דיר ניט טשעפּען. לאָז מיר צורוה, וועל איך זיין רוהיג און קיינעם ניט אָנריהרען. אַז דאָס איז אַזוי, ווייס איין גאָט. אפשר וועל איך גאָר וואוינען אין וואַלד... זיך אויסבויען אַ געצעלט לעבען טייך און וועל דאָרטען וואוינען... איך וויל איבערהויפּט זיין נאָר אַליין...

— דאַן געה זיך דיר געזונטערהייד און לעב ווי דיר געפעלט! — האָט דער קליין־רוס געזאָגט, אַ קוועטש טהוענדיג מיט די פּלייצעס.

— יעצט? — האָט געפרעגט ניקאָלאַי. — ער האָט אַ שאָקעל געטהאָן דעם קאָפּ, האָט געשלאָגען מיט'ן פויסט געגען די קניע און האָט געענטפערט: יעצט געהט דאָס ניט מעהר!

— ווער שטערט דיר דען?

— די מענשען! — האָט וויעסאָווטשיקאָוו געענטפערט. — איך בין פעסט פערבונדען מיט זיי, פערבונדען ביז צום טויט... זיי האָבען מיר דאָס האַרץ אָרומגעוועבט מיט האַס און מיך פערבונדען מיט אַל־דאָס בייזע... איך האָס זיי און וועל אין ערגעץ ניט אַוועקגעהן... איך וועל שטערען זייער לעבען. זיי שטערען מיר, וועל איך זיי אָפּטהאָן דאָס זעלבע. איך בין פער־אַנטוואָרטליך פאַר זיך, פאַר זיך אַליין... און מעהר פאַר קיינעם ניט, און אויב מיין פאָטער איז אַ גנב...

— אהאָ! — האָט שטיל אַ זאָג געטהאָן דער קליין־רוס און ער האָט זיך צוגערוקט צו ניקאָלאַיען.

— און איסאַי גאָרבונאָוו וועל איך דעם קאָפּ אָרונטערגעהמען... וועסט זעהן.

— פאַר וואָס? — האָט געפרעגט דער קליין־רוס.

— זאָל ער ניט שפּיאָנעווען, זאָל ער ניט מסר'ען! ער האָט מיין פאָטער אונגליקליך געמאַכט און צוליעב איהם וויל ער יעצט ווערען אַ שפּיאָן.

— אויב אַזוי, — האָט אויסגערופען דער קליין־רוס, — טאָ ווער קען דיך בעשולדיגען? נאַר נאַראָנים!

— נאַראָנים און קלוגע זיינען מיט איין אויל געזאַלבט, — האָט פעסט אַרויסגערעדט ניקאָלאַי. — אָט ביזטו אַ קלוגער און פּאַוועל אויך.... אָבער בין איך דען פאַר אייך אַזאַ מענש ווי פעדיאַ מאַזין, אָדער סאַמאָילאָוו, אָדער ווי איהר, איינער פאַר דעם אַנדערען? זאָג ניט קיין ליגען; איך וועל דיר סיי ווי סיי ניט גלויבען... און איהר אַלע שטופּט מיך אָפּ אָן אַ זייט אויף אַ בעזונדערען אָרט.

— דיין האַרץ איז פערוואונדעט, ניקאָלאַי! — האָט שטיל און צערטליך געזאָגט דער קליין־רוס, זעצענדיג זיך לעבען איהם.

— יאַ, פערוואונדעט. אויך אייערע הערצער זיינען פערוואונדעט. אָבער אייך דוכט זיך, אַז אייערע וואונדען זיינען מעהר ערהאַבען... יעדער איינער פון אונז איז פאַר דעם צווייטען אַן אויסוואורף. אָט וואָס איך זאָג... און וואָס קענסטו מיר ענטפערען אויף דעם? אַנו זאָג! ער האָט זיך איינ־געגעסען מיט זיינע שאַרפע אויגען אין אַנדריי'ס פּנים און האָט, פערשטשי־רענדיג די צייהנער, געוואַרט אויף אַן ענטפער. זיין פּנים האָט זיך ניט בעוועגט און איבער זיינע דיקע ליפּען איז דורכגעפלויגען אַ ציטער, פּונקט ווי ער וואָלט זיך עפּעס אָפּבריהען מיט הייסע און זיין קערפּער וואָלט זיך גע־קאָרטשעט פון ברענענדען וועהטאָג.

— איך וועל אויף דעם גאָרנישט ניט זאָגען, — האָט זיך אָפּגערופען

דער קליין־רוס, לאַסטשענדיג וויעסאָװשטשיקאָװ׳ס בייזען בליק מיט דעם העלען אומעדיגען שמייכעל פון זיינע בלויע אויגען. — איך וויים, אז האָמ־פערען זיך מיט אַ מענשען אין דער צייט, ווען פון זיינע וואונדען טריפט דאָס בלוט, הייסט איינפאַך בעליידיגען איהם... איך וויים דאָס, ברודעריל!

— מיט מיר טאָר מען זיך ניט שטרייטען, איך קען דאָס ניט! — האָט ניקאָלאַי אַ ברום געטהאָן און האָט אַראָפּגעלאָזען די אויגען.

— איך דענק, — האָט דער קליין־רוס פאַרטגעזעצט, — יעדערער פון אונז האָט אין זיין לעבען מיט באָרוועסע פיס אויף צובראָכען גלאָז גע־טראָטען; יעדער פון אונז האָט אין זיין דונקעלער שעה געפיהלט דאָס זעלבע, וואָס דו...

— דו קענסט מיר אויף דעם גאָרנישט ענטפערען, — האָט וויעסאָװ־שטשיקאָװ לאַנגזאַם אַרויסגערעדט, — גאָרנישט! מיין האַרץ וואָיעט ווי אַ וואָלף!...

— איך וויל דיר גאָרנישט איבעררײדען! נאָר איך וויים, אז דאָס וועט ביי דיר איבערגעהן, אפשר ניט אין גאַנצען, אָבער עס וועט איבערגעהן!...

ער האָט אַ לאַך געטהאָן און האָט פאַרטגעזעצט, אַ קלאַפּ טהוענדיג ניקאָלאַיען איבער׳ן פּלייצע:

— דאָס איז, ברודערעל, אַ קינדערשע קראַנקהייט... אַ שטיינער ווי מאָזלען... מיר אַלע זיינען קראַנק אויף איהר... די שטאַרקערע פון אונז אביסעל װעניגער, די שוואַכערע — מעהר. זי בעפאַלט אונז דאַמאָלסט, ווען דער מענש געפינט אוים זיין אייגענעם „איך" און דעם לעבען, און זיין פּלאַץ אין לעבען פערשטעהט ער נאָך ניט... און ווען דו געפינסט ניט דיין פּלאַץ און קענסט זיך אַליין ניט אָפּשאַצען — דוכט זיך דיר, אז דו ביסט איינער אויף דער וועלט, אַזאַ טהייערע פּירה, און קיינער איז ניט אימשטאַנדע דיך אָפּ־צוּוועגען און אָפּצומעסטען; אַלע ווילען דיך נאָר אויפעסען. נאָכדעם, אז עס וועט אָוועקגעהן אַ קורצע צייט, וועסטו זיך אַרומזעהן, אז דאָס שטיקעל גוטעס, וואָס עס איז דאָ אין דיין האַרץ, איז דאָ אויך אין אַנדערע הערצער — דאַן וועט דיר ווערען לייכטער. און עס וועט דיר נאָך אביסעל פּלאָגען דער געוויסען: פאַר וואָס ביזטו געקראָכען אויפ׳ן טהורעם־גלאָק, ווען דיין גלע־קעלע איז אַזאַ קליינטשינקער, וואָס מען הערט איהם קוים אין אַ יום טוב? ווייטער וועסטו דערזעהן, אז דיין קלאַנג הערט זיך נאָר אין כאָר; איינער אַליין הערט ער זיך אָבער ניט; ער ווערט ווי אַ פליעג אין פוטער דערטרונ־קען אין דעם קלאַנג פון די אַלטע גלעקער. פערשטעהסט, וואָס איך זאָג?

— ס׳קען זיין, איך פערשטעה! — האָט ניקאָלאַי, אַ שאָקעל טהוענדיג מיט׳ן קאָפּ, געזאָגט. — אָבער איך גלויב אין דעם ניט!

דער קליין־רום איז אויפגעשפּרונגען, האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און האָט נאָכדעם געזאָגט:

— אָט האָב איך אַמאָל אויך ניט געגלויבט... אַך דו... וואָגען...

— פאַר וואָס עפּעס וואָגען? — האָט ניקאָליי מיט אַ פינסטערען שמייכעל אַ פרעג געטהאָן.

— ווייל דו ביזט עהנליך צו אַ וואָגען.

פּלוצלונג האָט זיך וויעסאָוושטשיקאָוו הויך פאַנאַנדערגעלאַכט און האָט ברייט פאַנאַנדערגעפּענט דעם מויל.

— וואָס איז? — האָט פערוואונדערט דער קליין־רום געפרעגט, אָפּ־שטעלענדיג זיך לעבען איהם.

— איך האָב אַ טראַכט געטהאָן, אז אַ נאַר וועט זיין דער, ווער עס וועט דיך בעליידיגען, — האָט ניקאָליי שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ ערקלעהרט.

— מיט וואָס קענסטו מיך דען בעליידיגען? — האָט דער קליין־רום געפרעגט, אַ קוועטש טהוענדיג מיט די פּלייצעס.

— איך וויים ניט! — האָט וויעסאָוושטשיקאָוו גוטמוטהיג ארויס־געזאָגט. — איך זאָג נאַר, אז דער יעניגער, וואָס וועט דיך בעליידיגען, וועט נאָכדעם שטאַרק חרטה האָבען.

— אָט וואָס! — האָט דער קליין־רום געזאָגט לאַכענדיג.

— אַנדריושאַ! — האָט די מוטער אַ רוף געטהאָן פון קיך. — טראָגט אריין דעם סאַמאָוואַר. ער איז שוין פאַרטיג.

אַנדריי איז אַוועקגעגאַנגען.

בלייבענדיג אַליין האָט וויעסאָוושטשיקאָוו זיך ארומגעקוקט, האָט אויס־געצויגען זיין פוס מיט'ן שווערען שטיוועל, האָט איהר בעטראַכט און האָט אַ טאַפּ געטהאָן די דיקע איקרע. ער האָט אויפגעהויבען זיין האַנד און בע־טראַכט איהר. זי איז געווען אַ דיקע, מיט קורצע פינגער און בעוואַקסען מיט געלע האָאָר. ער האָט אַ פאָך געטהאָן מיט דער האַנד אין דער לופט און האָט זיך אויפגעשטעלט.

ווען אַנדריי האָט אריינגעבראַכט דעם סאַמאָוואַר, איז וויעסאָוושטשי־קאָוו געשטאַנען לעבען שפּיגעל און ער האָט איהם בעגעגענט מיט די פאָל־גענדע ווערטער:

— איך האָב שוין לאַנג מיין פּנים ניט געזעהן... איך האָב אַ מיאוס'ען פּנים.

— וואָס אַרט דאָס דיך? — האָט אַנדריי געפרעגט, קוקענדיג אויף איהם מיט נייגעריגקייט.

— אָט זאָגט סאַשענקאַ, אז דער פּנים איז דער שפּיגעל פון הארצען! — האָט ניקאָליי לאַנגזאַם ארויסגערעדט.

— פּטור נו! דאָס איז ניט אמת, — האָט דער קליין־רוס אויסגערו־פען, — ביי איהר איז דער נאָז ווי אַ העקעל, די קינבאַקען ווי אַ שעהר און איהר האַרץ איז ווי אַ ליכטיגער שטערן.

זיי האָבען זיך געזעצט טרינקען טהעע.

וויעסאָוושטשיקאָוו האָט גענומען אַ גרויסע קאַרטאָפעל, האָט איינגע־טונקט אַ שטיקעל ברויט אין זאַלץ און האָט רוהיג און לאַנגזאַם גענומען קייען.

— ווי געהט עס דאָ? — האָט ער געפרעגט מיט אַ פולען מויל.

און ווען אַנדריי האָט איהם מיט פרייד דערצעהלט וועגען דעם וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדא אויפ'ן פאַבריק, האָט ער ווידער בייז אַרויסגעברומט:

— דאָס דויערט אַלץ צו לאַנג! עס מוז שנעלער געהן...

די מוטער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און אין איהר האַרצען האָט זיך דערוועקט אַ פיינדליכער געפיהל צו דיעזען מענשען.

— דאָס לעבען איז ניט קיין פערד, מען קען איהם מיט קיין קאַנטשיק ניט אונטערטרייבען! — האָט בעמערקט אַנדריי.

ניקאָליי האָט עקשנות'דיג אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— צו לאַנג! איך האָב קיין געדולד ניט... וואָס זאָל איך טהאָן?

ער האָט הילפלאָז פאַנאַנדערגעפיהרט מיט די הענד, קוקענדיג דעם קליין־רוס אין די אויגען און ער איז אַנטשוויגען געוואָרען, וואַרטענדיג אויף אַן ענטפער.

— מיר אַלע דאַרפען זיך אַליין לערנען און לערנען אַנדערע, אַט דאָס איז אונזער אויפגאַבע! — האָט אַנדריי געזאָגט אַראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ.

וויעסאָוושטשיקאָוו האָט געפרעגט:

— און ווען וועלען מיר זיך שוין שלאָגען?

— ביז יענער צייט וועט מען אונז נאָך ניט איינמאָל שלאָגען. דאָס וויים איך, — האָט דער קליין־רוס לאַכענדיג געענטפערט, — און ווען עס וועט אונז אויסקומען מלחמה צו האַלטען — וויים איך ניט! פריהער, פער־שטעהסטו, דאַרף מען דעם קאָפּ בעוואָפענען און נאָכדעם די הענד, דענק איך...

ניקאָליי איז ענטשוויגען געוואָרען און ער האָט ווידער אָנגעפאַנגען עסען.

די מוטער האָט אונבעמערקטערהייד בעטראַכט זיין ברייטען פּנים, סטאַ־רענדיג זיך צו געפינען אין איהם כאָטש עטוואָס, וואָס זאָל אָפּשוואַכען דעם שלעכטען איינדרוק, וואָס זיין קוואַדראַטנע פיגור מאַכט אויף איהר.

און בעגעגענענדיג דעם שטעכעדיגען בליק פון זיינע קליינטשינקע אוי־גען, האָט זי געפינטעלט מיט איהרע אויגען. אַנדריי האָט זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ און האָט זיך איבערהויפּט געהאַלטען אונרוהיג — פּלעגט פּלוצ־

לונג אַנפּאַנגען ריידען, לאַבען און פּלוצלונג איבעררייסענדיג זיין געשפּרעך פלעגט ער אָנפאַנגען פּייפען.

דער מוטער האָט זיך געדוכט, אַז זי פערשטעהט זיין אונרוהע. ניקאָליי איז געזעסען און געשוויעגען און ווען דער קליין־רוס פּלעגט איהם וועגען וואָס ניט איז פרעגען, פלעגט ער ענטפערען קורץ און אָהן חושק.

אין קליינעם צימערעל איז געוואָרען דושנע און ענג און זיי האָבען גע־נומען קוקען, פריהער זי און נאָכדעם ער, אויפ׳ן גאַסט. ענדליך האָט ער געזאָגט אויפשטעלענדיג זיך:

— איך וואָלט זיך געוואָלט לייגען שלאָפען... איך בין אַזוי לאַנג גע־זעסען און געזעסען... פּלוצלונג האָט מען מיך ארויסגעלאָזען, בין איך אוועק־געגאַנגען... איך בין מיעד...

נאָכדעם איז ער ארוים אין קיך און, ארומדרעהענדיג זיך אביסעל אהין און אהער, איז ער פּלוצלונג געוואָרען שטיל ווי א טויטער. די מוטער האָט, צוהערענדיג זיך צו דער שטילקייט, א שושקע געטהאָן אנדריי׳ען:

— ער דענקט וועגען שרעקליכע זאַכען...

— יא, מיט איהם איז שווער אויסצוקומען, — האָט דער קליין־רוס, צושאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ, צוגעשטימט. — נאָר דאָס וועט אריבערגעהן! מיט מיר איז אויך דאָס זעלבע געווען... ווען די פלאַמען אין הארצען ברענען ניט העל, קלייבט זיך דאָרט אָן פיעל סאַזשע. נו, מאַמעלע, איהר לייגט זיך שלאָ־פען און איך וועל נאָך זיצען, איך וועל נאָך לעזען אביסעל.

זי איז אוועק אין ווינקעל, וואו הינטער׳ן פאָרהאַנג איז געשטאַנען איהר בעט און אנדריי האָט זיצענדיג ביים טיש נאָך לאַנג געהערט דעם וואַרימען רויש פון איהרע תפילות און קרעכצען. שנעל איבערקעהרענדיג די בלעטעל פון ביכעל, האָט ער אָבגעווישט דעם שטערען, האָט מיט זיינע לאַנגע פינגער געדרעהט די וואָנצעס און האָט געשאַרט מיט די פיס. עס האָט זיך געהערט דער טיק־טאַק פון זייגער און הינטער׳ן פענסטער האָט זיך גליטשענדיג איבער די שויבען געזיפּצט דער ווינד. עס האָט זיך דערהערט די שטילע שטימע פון דער מוטער:

— אָ, גאָטעניו! וויפיעל מענשען זיינען דאָ אויף דער וועלט!... און יעדערער קרעכצט אויף זיין שטייגער... וואו זשע זיינען די גליקליכע?

— עס זיינען שוין דאָ אזעלכע, עס זיינען פאַראַן! און אין גיכען וועלען זיין א סך אזעלכע... א סך! — האָט זיך אָבגערופען דער קליין־רוס.

## 21.

דאָס לעבען איז געפלאָסען שנעל. יעדער טאָג פלעגט מיט זיך ברענגען עטוואָס נייעס און דאָס פלעגט שוין ניט בעאונרוהיגען דער מוטער. אַלץ

אָפּטער פלעגען אין אבענד קומען אונבעקאַנטע מענשען און פלעגען פער־זאָרגט און מיט אַ האַלבען מויל שמועסען מיט אַנדרייען. שפּעט אין דער נאַכט פלעגען זיי אַנשטעלען די קאָלנערס, אַראָפּרוקען די היטלען איבער די אויערען און פלעגען פּאַרזיכטיג און שטיל אַוועקגעהן און פערשווינדען אין דער פינסטערניש. אין יעדען איינציגען האָט זיך געפיהלט עפּעס אַן איינ־געהאַלטענע אויפרעגונג; עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלע ווילען זינגען און לאַכען, נאָר זיי האָבען קיין צייט נים. זיי פלעגען זיך שטענדיג איילען. איינינע פּנים׳ער זיינען געווען ערנסטע, די אַנדערע — פרעהליכע, פון וועלכע עס האָט געשיינט די יוגענד־קראַפט; די דריטע — שטילע, פערטראַכטע. אָבער אין דער מוטערס אויגען האָבען זיי אַלע געהאַט אַ שטאָלצען זיכערען אויסזעהן און הגם יעדערער פון זיי האָט געהאַט אַ בעזונדערען פּנים, פלעגען זיך דאָך אין איהרע אויגען די אַלע פּנים׳ער צוזאַמענגיסען אין איין דאַרען, רוהיג־זיכערען, קלאָרען פּנים, מיט אַ טיעפען בליק פון די דונקעלע אויגען, אַ צערטליכען און שטרענגען, פּונקט ווי דער בליק פון קריסטוס אויפ׳ן וועג צו עמאוס.

די מוטער פלעגט זיי צעהלען אין געדאַנק, צונויפזאַמלענדיג זיי אַ־ איין מחנה ארום פּאַוולען. — אין דיעזער מענשען־מחנה פלעגט פּאַוועל ווערען אונבעמערקט פאַר דעם שונא׳ס אויגען.

איינמאָל איז פון שטאָדט געקומען אַ העלדישע מיידעל מיט געקרויזטע האָאָר. זי האָט געבראַכט פאַר אַנדרייען עפּעס אַ פּעקעלע און, אַוועקגע־ עהנדיג, האָט זי לויכטענדיג מיט איהרע פרעהליכע אויגען, געווענדעט זיך צו דער מוטער:

— צום ווידערזעהן, חבר!

— צום ווידערזעהן! — האָט די מוטער מיט אַן איינגעהאַלטענעם שמייכעל געענטפערט.

און דורכלאָזענדיג די מיידעל, איז זי צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט לאַכענדיג געקוקט ווי זי האָט מיט איהרע קליינטשינקע פיסלעך גע־שפּרייזט איבער׳ן גאַס. זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ פרישע פריהלינגס־בלום און לייכט ווי אַ שמעטערלינג.

— חבר! — האָט די מוטער געזאָגט, ווען דער גאַסט איז פערשוואונ־ ־ען, — זאָל דיר גאָט געבען אַן עהרליכען חבר אויף דיין גאַנצען לעבען!

זי פלעגט אָפט בעמערקען אין אַלע בעזוכער פון שטאָדט עפּעס אַ קינ־דערשע נאַאיוויטעט און פלעגט דערפון לייטזעליג שמייכלען. נאָר צו דער זעלבער צייט פלעגט זי ווערען געריהרט און פרעהליך איבערראַשט פון זייער גלויבען. זי האָט אַליץ קלאָרער געפיהלט זייער טיעפקייט און שטאַרקייט.

זייערע חלומות וועגן דעם ענדליכען זיעג פון דער גערעכטיגקייט פלעגען איהר ערמוטהיגען און דערוואַרעמען. צוהערענדיג זיך צו זיי, פלעגט זי ניט ווילענדיג זיפצען פון אומעט. זי האָט אַליין ניט געוואוסט די אורזאַכען דערפון. בעזאָנדערס פלעגט איהר ריהרען זייער פּרעכטיגע, שטאָלצע גלייכ־גילטיגקייט צו זיך אַליין.

זי האָט שוין פיעלעס פערשטאַנען פון דעם, וואָס זיי האָבען גערעדט וועגען לעבען. זי האָט געפיהלט, אַז זיי האָבען ווירקליך ענטדעקט דעם אמת׳ען קוואַל פון אַלע מענשליכע ליידען און זי האָט זיך צוגעוואוינט מסכים צו זיין מיט זייערע געדאַנקען. אָבער טיעף אין הארצען האָט זי ניט גע־גלויבט, אַז זיי קענען איבערבויען אויף זייער שטייגער דאָס גאַנצע לעבען און אַז עס וועט ביי זיי קלעקען כחות אריינצוציהען אין זייער בעוועגונג דאָס גאַנצע ארבייטענדע פאָלק. יעדער איינציגער וויל זיין היינט זאַט און קיינער וויל ניט אָפּלעגען אפילו אויף אַ וואָך זיין מאָהלצייט, אויב ער איז נאָר אימשטאַנדע אויפצועסען איהם גלייך. נאָר וועניגע וועלען געהן מיט דיעזען ווייטען און שווערען וועג, און ניט אַלע וועלען מיט זייערע אייגענע אויגען בעזען ענדע פון איהם דערזעהן דיעזע וואונדערליכע מלוכה פון מענש־ליכע ברידערליכקייט. אָט פאַר וואָס זי האָט דיעזע אַלע גוטע מענשען, ניט קוקענדיג אויף זייערע בערד און אָפטמאָל מיעדע פנים׳ער, געהאַלטען פאַר קינדער.

— טהייערינקע מיינע! — האָט זי צושאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ געטראַכט.

אָבער זיי האָבען שוין יעצט אַלע געפיהרט אַ שעהנעם, ערנסטען און פערשטענדיגען לעבען. זיי האָבען אַלע גערעדט וועגען גוטעס און האָבען ערקלעהרט אַנדערע דאָס, וואָס זיי האָבען אַליין געוואוסט, ניט קימערענדיג זיך וועגען זייער אייגענעם שיקזאַל. זי האָט פערשטאַנען, אַז אַזאַ לעבען קען מען ליעבען, ניט קוקענדיג אויף די געפאַהר וואָס שטעקט אין איהם, און זיפ־צענדיג פלעגט זי ווארפען אַ בליק אויף איהר פערגאַנגענהייט, וועלכע האָט זיך געצויגען ווי אַ דונקעלער, שמאָלער פּאַס. אונבעמערקט האָט זיך ביי איהר אויסגעבילדעט דער בעוואוסטזיין, אַז זי איז נויטיג פאַר דיעזען נייעם לעבען. פריהער האָט זי ניט געפיהלט, אַז זי איז אימיצען נויטיג. יעצט אָבער האָט זי קלאָר געזעהן, אַז זי איז נויטיג פאַר פיעלע. דאָס איז איהר געוועזען ניי, אַנגענעהם און האָט איהר געהאָלפען אויפהויבען דעם קאָפּ...

זי פלעגט רעגעלמעסיג ברענגען אויף׳ן פאַבריק די ביכלעך. זי האָט דאָס געהאַלטען פאַר איהר פליכט און זי האָט שוין אויסגעפונען פיעלע קונ־ציגע שפּיצלעך, ווי אַזוי אָפּצונאַרען די שפּיאָנען, וועלכע פלעגען גוט אַכ־טונג געבען אויף איהר. עטליכע מאָל האָט מען איהר בעזוכט, אָבער שטענ־

דיג ערשט אויף מאָרגען נאָכדעם ווי די ביכלעך פלעגען זיך בעווייזען אויפ'ן פאַבריק. ווען זי פלעגט מיט זיך קיין זאַך ניט האָבען, פלעגט זי קענען ארויסרופען אַ פערדאכט ביי די שפּיאָנען און וועכטער. זיי פלעגען איהר כאַפּען און אַרומזוכען. זי פלעגט זיך מאַכען בעליידיגט, פלעגט זיי גוט אָנזידלען און פלעגט אַוועקגעהן שטאָלץ מיט איהר געשיקטקייט. איהר האָט דיעזער שפּיעל הנאה געטהאָן.

וויעסאָוושטשיקאָוו'ען האָט מען צוריק אויפ'ן פאַבריק ניט צוגענומען. ער איז אָנגעקומען אַלס אַן אַרבייטער צו אַ האָלץ־הענדלער און גאַנצע טעג פלעגט ער אַרומפיהרען איבער'ן פאַרשטאָדט בערוועגעס, ברעטער און האָלץ. די מוטער פלעגט איהם זעהן כמעט יעדען טאָג: צוויי אויסגעדאַרטע פערד פלעגען זיך קוים וואָס שלעפּען פון מיעדקייט.ביידע זיינען זיי געווען אַלטע און זייערע קעפּ פלעגען זיך מיעד און אומעדיג שאָקלען און פלעגען פינטלען מיט זייערע פערכמורעטע אויסגעמאַטערטע אויגען. הינטער זיי פלעגט זיך ציהען אַ נאַסער באַלקען אָדער אַ קופּע ברעטער און ביי דער זייט פלעגט געהן ניקאָליי, אָפּלאָזענדיג די לייצעס, אַן אָפּגעריסענער, אַ שמוציגער, אין שווערע שטיוועל, די היטעל אַראָפּגערוקט אויף'ן קאַרג און ער האָט אויסגעזעהען ווי אַ שטאַם פון אַ בוים אָקאָרשט אויסגעגראָבען פון דער ערד. ער פלעגט שאָקלען מיט'ן קאָפּ אַהין און אַהער, קוקען אויף זיינע פיס און פלעגט פון קיין זאַך ניט וועלען וויסען. זיינע פערד פאָהרען בלינד אַרויף אויף די וועגען, וואָס קומען איהם ענטקעגען און אויף די מענשען. בייזע זידלערייען און אויס־רופען פלעגען דורכשניידען די לופט, אָבער ער פלעגט ניט אויפהויבען דעם קאָפּ און פלעגט זיי ניט ענטפערען. ער פלעגט נאָר געבען אַ שטאַרקען פייף און ברומען צו זיינע פערד:

— הע, הע, געהט, געהט...

יעדען מאָל, ווען ביי אַנדרייען פלעגען זיך פערזאַמלען חברים, אום צו לעזען אַ פרישען נומער פון אַן אויסלענדישער צייטונג אָדער אַ בראָשורע, פלעגט אויך קומען ניקאָליי. ער פלעגט זיך זעצען אין אַ ווינקעל און שוויי־גענדיג האָרכען אַ שטונדע אָדער צוויי. ווען די פאַרלעזונג פלעגט זיך ענ־דיגען, פלעגט די יוגענד אַ לאַנגע צייט דעבאַטירען צווישען זיך. וויעסאָוו־שטשיקאָוו אָבער פלעגט ניט נעהמען קיין אַנטהייל אין דיעזע דעבאַטען. ער פלעגט פערבלייבען לענגער פון אַלעמען און איינער אויף איינעם פלעגט ער שטעלען אַנדרייען די בייזע פראַגע:

— אָבער ווער איז מעהר פון אַלעמען שולדיג?

— שולדיג, זעהסטו, איז דער יעניגער, וועלכער האָט דער ערשטער געזאָגט: „דאָס איז מיינס!" דיעזער מענש איז געשטאָרבען מיט איינינע

טויזענד יאָהר צוריק, און אין כעס זיין אויף איהם איז ניט כדאי! — פלעגט זיך ווינצלען דער קליין־רום, אָבער זיינע אויגען פלעגען אונרוהיג גלאַנצען.

— אָבער די רייכע? און די יעניגע, וועלכע שטעלען זיך פאַר זיי איין? זיינען זיי גערעכט?

דער קליין־רום פלעגט זיך כאַפּען פאַר'ן קאָפּ, פלעגט צופּען די וואָנצעס און פלעגט לאַנג ריידען מיט איינפאַכע ווערטער וועגען דאָס לעבען און די מענשען. נאָר פון זיינע רייד פלעגט אַלע מאָל אויסקומען עפּעס אַזוי ווי שולדיג וואָלטען געווען אַלע מענשען איבערהויפּט. און דאָס פלעגט ניט צופריעדען שטעלען ניקאָליי׳ען. פעסט צוזאַמענדריקענדיג זיינע דיקע ליפּען, פלעגט ער שאָקלען מיט'ן קאָפּ און ערקלעהרען, אַז דאָס איז ניט אַזוי. ער פלעגט אַוועקגעהן אַן אונצופריעדענער און אַ פער'כעס'טער.

איינמאָל האָט ער געזאָגט:

— ניין, שולדיגע מוזען זיין... זיי זיינען דאָ! איך זאָג דיר — מיר מוזען דאָס גאַנצע לעבען, ווי אַ מיסטיגע פעלד, איבעראַקערען... אָהן שום רחמנות!

— אָט פונקט אַזוי האָט וועגען אייך געזאָגט איסאַי, וואָס פיהרט די ליסטען אויפ'ן פאַבריק, — האָט זיך די מוטער דערמאָהנט.

— איסאַי? — האָט, נאָך אַ קורצען שווייגען, וויעסאָווטשיקאָוו אַ פרעג געטהאָן.

— יאָ. ער איז אַ שלעכטער מענש! אומעדום דרעהט ער זיך אַרום, פרעגט אַלעמען אויס... האָט גענומען אַרומגעהן אָפט איבער אונזער גאַס און קוקט אָפט אַריין צו אונז אין פענסטער...

— אין פענסטער? — האָט ניקאָליי איבערגעפרעגט.

די מוטער איז שוין געלעגען אין בעט און זי האָט ניט געזעהן זיין פּנים. נאָר זי האָט געפיהלט, אַז זי האָט זיך אויסגערעדט אַן איבעריג וואָרט, ווייל דער קליין־רום האָט אייל־ענדיג און מיט אַ ווייכערען טאָן אָנגעפאַנגען צו ריידען:

— פּטור, נו! זאָל ער זיך אַרומדרעהען און קוקען! ער האָט פרייע צייט, שפּאַצירט ער אַרום...

— ניין, וואַרט אַ ווייל'ע! — האָט ניקאָליי אויסגערופען, — אָט ער איז דער שולדיגער!

— אין וואָס? — האָט שנעל אַ פרעג געטהאָן דער קליין־רום, — אין דעם, וואָס ער האָט קיין שכל ניט?

נאָר וויעסאָווטשיקאָוו האָט איהם ניט געענטפערט און איז אַוועק־געגאַנגען.

דער קליין־רוס האָט לאַנגזאַם און מיעד געגומען ארומגעהן איבער'ן צימער, שטיל שאַרענדיג מיט זיינע דינע פיס. די שטיוועל האָט ער אויס־געטהאָן, ווי ער פלעגט דאָס שטענדיג טהאָן, אום ניט צו קלאַפּען און ניט צו בעאונרוהיגען וואָסקאָווא'ן. אָבער זי איז ניט געשלאָפען און ווען ני־קאָליי איז אַוועק, האָט זי מיט אונרוה אַ זאָג געטהאָן:

— איך האָב מורא פאַר איהם! ער איז פּונקט ווי אַ הייס אָנגעהייצטער אויוועץ; ער וואַרימט ניט, נאָר ער ברענט...

— יאָ, יאָ! — האָט לאַנגזאַם אויסגערופען דער קליין־רוס, — ער איז אַ בייזער אינגעל. איהר, מאַמעלע, רעדט מיט איהם ניט וועגען איסייען... דיעזער איסאַי איז ווירקליך אַ שפּיאָן... ער קריגט זאָגאַר דערפאַר געלד!

— וואָס איז דאָ דער חידוש? ער האָט דאָך אַ קרוב אַ זשאַנדאַר! — האָט די מוטער בעמערקט.

— איך האָב מורא, אַז ניקאָליי וועט איהם אָנשלאָגען! — האָט דער קליין־רוס פאַרטגעזעצט, — אָט זעהט איהר, וועלכע געפיהלען די הערן פון לעבען האָבען איינגעפלאַנצט ביי דעם פאָלק? ווען אַזעלכע מענשען ווי ניקאָליי וועלען דערפיהלען ווי מען בעליידיגט זיי און וועלען אַרויס פון געדולד, — וואָס וועט דאַן זיין? זיי וועלען דעם הימעל מיט בלוט פער־שפּריצען און די ערד וועט דערפון שוימען, ווי זייף...

— עס איז שוידערליך, אַנדריושאַ! — האָט שטיל אויסגערופען די מוטער.

— דער, וואָס שלינגט פליגען, מוז דערנאָך אויסברעכען! — האָט אַנדריי נאָך אַ קורצען שווייגען געזאָגט, — און דאָך, מאַמעלע, איז זייער יעדער טראָפּען בלוט פריהער אויסגעוואַשקט אין טייכען טרעהרען פון פאָלק...

ער האָט זיך פּלוצלונג שטיל פאַנאַנדערגעלאַכט און האָט צוגעגעבען:

— דאָס איז אַפילו ריכטיג, אָבער דאָס איז אַ קליינער טרייסט!

## 22.

איינמאָל אין אַ יום־טוב איז די מוטער געקומען פון קראָם, האָט אָב־געעפענט די טהיר און האָט זיך אָבגעשטעלט אויפ'ן שוועל אין גאַנצען אָנ־געפילט מיט פרייד. אין צימער האָט געהילכט פאַוועלס פעסטע שטימע.

— אָט איז זי! — האָט אַ געשריי געטהאָן דער קליין־רוס.

די מוטער האָט געזעהן, ווי פאַוועל האָט זיך גיך אָבגעקעהרט און ווי זיין פנים האָט אויפגעפלאַמט מיט אַ געפיהל, וועלכער האָט פערשפּראָכען עפּעס גרויסעס פאַר איהר.

— אַט ביזטו געקומען... אהיים... האָט זי געשטאַמעלט, פערלירענדיג זיך פון אונערוואַרטונג און זי האָט זיך אַניעדערגעזעצט.

ער האָט זיך איינגעבויגען צו איהר אַ בלייבער. אין די ווינקלען פון זיינע אויגען האָבען געבלישטשעט קליינטשינקע טרעהרעלעך און זיינע ליפּען האָבען געציטערט. ער האָט געשוויגען אַ רגע. די מוטער האָט געקוקט אויף איהם און האָט אויך געשוויגען.

דער קליין־רום איז שטיל, פּייפענדיג דורכגעגאַנגען פאַרביי זיי, אראָפּ־לאָזענדיג דעם קאָפּ און ער איז אַרוים אויפ'ן הויף.

— אַ דאַנק דיר, מאַמע! — האָט מיט אַ טיעפען, שטילען קול אָנ־געפאַנגען צו ריידען פּאַוועל, דריקענדיג איהר האַנד מיט זיינע ציטערענדע פינגער. — אַ דאַנק דיר, טהייערינקע!

טיעף גערירט פון דעם זוהן'ס רייד, האָט זי געגלעט זיין קאָפּ און, איינהאַלטענדיג דאָס קלאַפּען פון איהר האַרץ, האָט זי שטילינקערהייד גע־שטאַמעלט.

— גאָט איז מיט דיר!... פאַר וואָס?... פאַרוואָס?...

— דערפאַר, וואָס דו העלפסט אונז אין אונזער הייליגער אַרבייט. — אַ דאַנק דיר! — האָט ער געזאָגט. — ווען אַ מענש האָט אַ מוטער, וועלכע איז איהם אויך נאָהענט אין גייסט, — דאַן איז דאָס אַ זעלטענער גליק!

זי האָט מיט אַן אָפען האַרץ שווייגענדיג געשלונגען זיינע ווערטער און האָט געקליבען נחת פון זוהן, וועלכער איז געשטאַנען פאַר איהר אַזא ליכטיגער און נאָהענטער.

— איך האָב געשוויעגען, מאַמע... איך האָב געזעהן, אַז פיעלעס פון מיין לעבען ריהרט דיך אָן... איך האָב רחמנות געהאַט אויף דיר, אָבער איך האָב גאָרנישט געקענט טהאָן דערצו! איך האָב אַלץ געטראַכט, אַז דו וועסט קיינמאָל ניט אָננעהמען אונזערע געדאַנקען, ווי דיינע אייגענע... דו וועסט נאָר שווייגענד ליידען, ווי דו האָסט געליטען דעם גאַנצען לעבען. דאָס פלעגט מיר פערביטערען מיין לעבען...

— אַנדריושאַ האָט מיר פיעל געגעבען צו פערשטעהן, — האָט זי איהם אונטערבראָכען, וועלענדיג דערמאָהנען דעם זוהן וועגען זיין חבר.

— ער פלעגט מיר דערצעהלען וועגען דיר! — האָט לאַכענדיג געזאָגט פּאַוועל.

— יעגאָר אויך. מיר זיינען לאַנדסלייט... אַנדריושאַ האָט מיר זאָגאַר געוואָלט לערנען לעזען...

— און דו האָסט זיך פערשעהמט און האָסט אַליין אָנגעפאַנגען שטי־לינקערהייד צו לערנען זיך?...

— ער האָט שוין דאָס בעמערקט! — האָט די מוטער מיט פערלאָ־רענהייט אויסגערופען און, איבערפילט פון פרייד, האָט זי ווידער פאַר־געלייגט פּאַוולען:

— מען האָט איהם געדאַרפט אריינרופען! ער איז בכיון ארויסגע־גאַנגען אום ניט צו שטערען אונז. ער האָט ניט קיין מאַמען.

— אַנדריי! — האָט פּאַוועל אַ געשריי געטהאָן, עפענענדיג די טהיר פון פאָרהויז. — וואו ביזטו?

— דאָ. איך וויל אָנהאַקען האָלץ...

— געפונען אַ צייט!... קום אהער!...

— אָט איך געה שוין...

נאָר ער איז אריינגעקומען ניט גלייך און אריינקומענדיג אין קיך האָט ער מיט אַ טאָן פון אַ בעל־הבית אַ זאָג געטהאָן:

— מען דאַרף זאָגען ניקאָלייען, ער זאָל ברענגען האָלץ; מיר האָבען ווייניג האָלץ. איהר זעהט, מאַמעלע, ווי פּאַוועל זעהט אויס? אַנשטאָט צו בעשטראָפען די „בונטאָווטשיקעס", קאָרמעט זיי די רעגיערונג גאָר אָפּ...

די מוטער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. די האַרץ איז איהר פערגאַנגען פאַר פרייד. זי איז געווען ווי פער'שכור'ט פאַר נחת, נאָר עפּעס אַ געפיהל פון פאָרזיכטיגקייט האָט זיך פּאַמעליך אריינגע'גנב'עט צו איהר אין האַרצען און זי האָט געוואָלט זעהן דעם זוהן אַ רוהיגען, ווי שטענדיג. עס איז איהר געווען גוט אויפ'ן האַרצען און זי האָט געוואָלט, אַז איהר ערשטע פרייד אין לעבען זאָל פערבלייבען ביי איהר אַזוי שעהן און שטאַרק אויף שטענדיג. און אויס מורא, אַז איהר גליק זאָל ניט פערשווינדען, האָט זי עס בעהאַלטען טיעף אין האַרצען, ווי אַ יעגער, ווען ער כאַפּט צופעליג אַ זעלטענעם פייגעל.

— נו, לאָמיר געהן עסען!... דו, פּאַווליושאַ, האָסט דאָך נאָך מסתמא ניט געגעסען? — האָט די מוטער פערזאָרגט געפרעגט.

— ניין. איך האָב זיך נעכטען דערוואוסט פון דעם וועכטער, אַז מען האָט בעשלאָסען מיר ארויסצולאָזען, האָב איך שוין קיין חושק ניט געהאַט צו עסען און צו טרינקען.

— דעם ערשטען, וועמען איך האָב דאָ בעגעגענט, איז געווען דעם אַלטען סיזאָוו'ן, — האָט פּאַוועל דערצעהלט, — ווי נאָר ער האָט מיך דער־זעהן, איז ער גלייך צוגעגאַנגען, האָט מיך בעגריסט. איך רוף זיך אָפּ צו איהם: היט זיך יעצט פאַר מיר; איך בין אַ געפעהרליכער מענש, איך געפין זיך אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. פּטור נו, זאָגט ער. און ווייסטו ווי ער האָט געפרעגט אויף זיין פּלימעניק? — „וואָס, זאָגט ער, פעדיאַ האָט זיך עפּעס גוט אויפגעפיהרט?" „וואָס הייסט — אין טורמע זיך גוט אויפ־

פיהרען?" „נו, זאָגט ער, צו האָט ער עפּעס ניט אויסגעפּלוידערט וועגען זיינע חברים?" און ווען איך האָב איהם געזאָגט, אַז פּעדיאַ איז אַ קלוגער און אַן עהרליכער מענש, האָט ער אַ גלעט געטהאָן די באָרד און האָט זיך מיט שטאָלץ אָפּגערופען: „ביי אונז, די סיזאָווס, זיינען קיין שלעכטע מענשען אין דער משפחה ניטאָ..."

— דער אַלטער האָט מארך אין קאָפּ! — האָט געזאָגט דער קליין־רוס, — איך שמועס מיט איהם גאַנץ אָפט. ער איז אַ וואוילער פּויער. וואָס הערט זיך, פּעדיאַ'ן וועט מען אין גיכען ארויסלאָזען?

— איך דענק, אַז מען וועט אַלעמען ארויסלאָזען! זיי האָבען קיינע בעוויִיזע, אויסער דאָס וואָס איסאַי האָט זיי אָנגערעדט, און וואָס האָט זיי איסאַי געקענט דערצעהלען?

די מוטער איז ארומגעגאַנגען אהין און צוריק און זי האָט געקוקט אויפ'ן זוהן. אנדריי איז געשטאַנען לעבען פענסטער, די הענד פערלייגט אויף אַ־הינטער און האָט זיך צוגעהערט צו פּאַוועל'ס רייד. פּאַוועל איז ארומ־געגאַנגען איבער'ן צימער. ביי איהם איז אָנגעוואַקסען אַ באָרד. די קליינע רינגעלעך פון זיינע דינע, דונקעלע האָאר האָבען זיך געדיכט געוועהט אויף זיינע באַקען און האָבען ווייכער געמאַכט דעם ברוינעם פאַרב פון זיין פּנים. זיינע פערדונקעלטע אויגען האָבען געקוקט שטרענג.

— זעצט זיך! — האָט די מוטער פאַרגעלייגט, דערלאַנגענדיג צום טיש וואַרימס.

ביים עסען האָט אנדריי דערצעהלט וועגען ריבינען און ווען ער האָט געענדיגט, האָט פּאַוועל מיט בעדויערונג אויסגערופען:

— ווען איך וואָלט געווען אין דער היים, וואָלט איך איהם שוין אַזוי ניט אַוועקגעלאָזען! וואָס האָט ער אַוועקגעטראָגען מיט זיך? אַ שטאַרקען געפיהל פון האַס און אַ מיש־מאַש אין קאָפּ.

— נו, — האָט זיך אָפּגערופען דער קליין־רוס לאַכענדיג, — אַ מענ־שען, וועלכער האָט שוין אָפּגעלעבט פיערציג יאָהר און האָט יאָהרען־לאַנג מלחמה געהאַלטען מיט די בערען פון זיין הארצען, איז זעהר שווער איבער־צואַנדערשען...

עס האָט זיך ענטוויקעלט איינער פון יענע געשפּרעכען, ווען די מענשען פלעגען אָנהויבען ריידען מיט ווערטער, וועלכע זיינען געווען אונפערשטענד־ליך פאַר דער מוטער. מען האָט שוין געענדיגט עסען און זיי האָבען נאָך אַלץ געהאַלטען אין איין בעשיטען איינער דעם אנדערען מיט אַ געדיכטען האָגעל פון קלוגע פראַזען. אָפטמאָל פלעגט מען ריידען איינפאַך.

— מיר דאַרפֿען גערן מיט אונזער אייגען וועג, ניט אָפּטרעטענדיג אויף א האָר אָן א זייט, — האָט פּאַוועל פעסט ערקלעהרט.

— און אָנשטויסען זיך אין וועג אויף עטליכע צעהנדליג מיליאָנען מענ־שען, וועלכע וועלען אונז בעגעגענען ווי שונאים.

די מוטער האָט זיך צוגעהערט צו דער דעבאַטע און זי האָט פערשטאַנען, אז פּאַוועל האָט ניט ליעב די פּויערים, אָבער דער קליין־רוס שטעלט זיך איין פאר זיי, אויפצייגענדיג, אז מען דאַרף אויך די פּויערים לערנען גוטעס. זי האָט בעסער פערשטאַנען אַנדריי׳ען און עס האָט זיך איהר געדוכט, אז ער איז גערעכט. נאָר יעדען מאָל, ווען ער פלעגט עפּעס ריידען צו פּאַוועלען, פלעגט זי מיט אָן איינגעהאַלטענעם אָטהעם איינהאָרכען זיך, אויב ער האָט ניט מיט וואָס־ניט־איז בעליידיגט פּאַוועלען. אָבער זיי פלעגען שרייען איינער אויף דעם אַנדערען, ניט בעליידיגענדיג זיך.

אָפּטמאָל פלעגט די מוטער פרעגען דעם זוהן:

— איז דאָס טאַקע אַזוי, פּאַווליושאַ?

שמייכלענדיג פלעגט ער ענטפערען:

— יאָ.

— איהר, מיין הערר, — פלעגט דער קליין־רוס זאָגען מיט א פריינד־ליכען כעס, — האָט אָבגעגעסען צו זאַט, אָבער איהר האָט שלעכט צוקייט און א ביסען האָט זיך געשטעלט אין האַלז... שווענקט, זייט מוחל, דורך אייער העלזעלע...

— פלוידער ניט!... — האָט איהם פּאַוועל געראַטהען.

— איך פלוידער ניט; איך בין ערנסט ווי אויף א לויה!...

די מוטער האָט שמייכלענדיג געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

## 23.

דער פריהלינג האָט זיך דערנעהנטערט, דער שנעע האָט גענומען אָפּ־געהן, אויפדעקענדיג די בלאָטע און די סאַזשע פון די פאַבריק־קוימענס, וועלכע זיינען געווען בעהאַלטען טיעף אונטער׳ן שנעע. מיט יעדען טאָג פלעגט זיך די בלאָטע אַלץ מעהר וואַרפען אין די אויגען און די גאַנצע פאָר־שטעדטעל האָט אויסגעזעהן ווי בעדעקט מיט שמאַטעס און ניט געוואַשען. ביי טאָג פלעגט קאַפּען פון די דעכער און פון די גרויע ווענד פון די הייזער פלעגט זיך מיעד און פערשוויצט ציהען א דאַמפּף. ביינאַכט אָבער פלעגען איבעראַל גלאַנצען די ווייסע אייז־ליכטלעך. אַלץ אָפטער פלעגט זיך אויפ׳ן הימעל בעווייזען די זון און די קליינע טייכעלעך האָבען אָנגעפאַנגען צו

רווישען און פלעגען אריינרינען אין זומפּ. מיטאָג־צייט פלעגט איבער'ן פאַרשטאָדט ציטערען די האָפנונגספולע ליעד פון פריהלינג.

מען האָט זיך געגרייט צו פייערען דעם ערשטען מאַי.

אויפ'ן פאַבריק און איבער'ן גאַנצען פאַרשטעדטעל האָבען זיך בעוויעזען בלעטלעך, וועלכע האָבען ערקלעהרט די בעדייטונג פון דיעזען יום־טוב און זאָגאר די יוגענד, וועלכע איז ניט געווען בעריהרט פון דער פּראָפּאַגאַנדא, פלעגט זאָגען, לעזענדיג זיי:

— דאָס מוזען מיר מאַכען.

וויעסאָוושטשיקאָוו פלעגט מיט אַ בייזען שמייכעל אויסרופען:

— עס איז שוין צייט. גענוג צו שפּיעלען אין בעהעלטעניש.

פעדיאַ מאַזין איז געווען זעהר צופריעדען. ער איז געוואָרען שטארק אויסגעמאָגערט און ער האָט מיט זיינע רייד און בעוועגונגען אויסגעקוקט ווי אַ זינג־פויגעל אין אַ שטייגעל. איהם פלעגט שטענדיג בעגלייטען דער שווייגענדער און ערנסטער, ניט נאָך די יאָהרען־נאָך, יאַקאָוו סאָמאָוו, וועלכער האָט יעצט געארבייט אין שטאָדט. סאַמאָילאָוו, וועלכער איז אין טורמע נאָך געלער געוואָרען, וואסילי גוסיעוו, בוקין, דראַגונאָוו און נאָך אייניגע האָבען ערקלעהרט, אַז עס איז נויטיג צו געהן מיט געוועהר אין די הענד, נאָר פאָוועל, דער קליין־רוס, סאָמאָוו און אַנדערע זיינען געווען געגען דעם און האָבען זיך געאַמפּערט מיט זיי.

עס פלעגט קומען יעגאָר, שטענדיג אַ מיעדער, אַ פערשוויצטער, אַ פער־סאָפּעטער און פלעגט זיך וויצלען:

— דאָס איבערבויען פון דער עקזיסטירענדער אָרדנונג, איז אַ ריעזיגע ארבייט. אָבער אום דאָס זאָל געהן שנעלער, דאַרף איך זיך קויפען אַ פּאָר נייע שטיוועל! — פלעגט ער זאָגען, אָנצייגענדיג אויף זיינע צוריסענע, נאַסע שיך. — מיינע קאַלאָשען זיינען שוין אויך אונהיילבאַר צוריסען און יעדען טאָג נעץ איך מיר גוט דורך די פיס. איך וויל זיך ניט אריבער־קלייבען אין דער ערד פריהער, איידער מיר וועלען פון זיך ניט אָפּטרייסלען עפענטליך דעם שטויב פון דער אַלטער וועלט און דאריבער, אָפּוואַרפענדיג דעם חבר סאַמאָילאָוו'ס פאַרשלאָג וועגען אַ בעוואָפענטער דעמאָנסטראַציע, שלאָג איך פאָר, אַז מען זאָל מיך בעוואָפענען מיט אַ פּאָר נייע שטיוועל, וויל איך בין טיעף איבערצייגט, אַז דאָס איז פיעל ניצליכער פאַר דעם זיעג פון סאָציאַליזם אפילו ווי אַ זעהר גרויסע מענשען־שחיטה...

מיט דער זעלבער וויציגער שפּראַך פלעגט ער דערצעהלען די אר־בייטער געשיכטעס ווי אַזוי אין פערשיעדענע לענדער האָט דאָס פאָלק גע־זוכט צו פערלייכטערען זיך דאָס לעבען. די מוטער האָט ליעב געהאַט צו

הערען זיינע רייד און זי האָט ארויסגעטראָגען פון זיי א מאָדנעם איינדרוק — די ערגסטע שונאים פון פאָלק, וועלכע האָבען איהם גרויזאמער און אָפּטער בעשווינדעלט, זיינען געווען קליינטשינקע מענשעלעך מיט דיקע בייכלעך און רויטע פּנים׳ער, געווייסענלאָזע, זשעדנע, כיטרע און גרויזאמע.

ווען זיי האָט זיך געלעבט שווער אונטער דעם יאָך פון די קסרים, פלעגען זיי אויפרייצען דעם פּראָסטען פאָלק אויף דער קייזערליכער מאכט און ווען דער פאָלק פלעגט זיך אויפהויבען און ארויסרייסען די מאכט פון דעם קעניג׳ס האנד, פלעגען דיעזע מענשעלעך דורך שווינדעל ארייננכאַפּען די מאכט אין זייערע הענד, פלעגען דעם פאָלק פעריאָגען אין זיינע קאָנורעס און אויב ער פלעגט זיך שטעלען אַנטקעגען, פלעגען זיי אומבריינגען הונ־דערטע און טויזענדע מענשען.

איינמאָל האָט זי, פּאַסענדיג זיך מוטה, איהם בעשריעבען דיעזען לע־בענס־בילד, וועלכען ער האָט מיט זיינע רייד ארויסגערופען ביי איהר און זי האָט לאַכענדיג א פרעג געטהאָן:

— איז דאָס טאַקע אזוי, יעגאָר איוואַנאָוויטש?

ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, האָט פערגלאָצט די אויגען און האָט זיך אָפּגערופען:

— דאָס איז ריכטיג אזוי, באַבינקע! איהר האָט געכאַפּט פּאָר די הערנער דעם אָקס פון דער געשיכטע... אויף דיעזען גלעלען גרונד זיינען נאָר דאָ איניגע אָרנאַמענטען, אָבער זיי ענדערען ניט די לאַגע. ווירקליך, די דיקינקע מענשעלעך זיינען די הויפּט בעלי־עבירות און די גיפטיגסטע פליגען, וועלכע בייסען דעם פאָלק. די פראַנצויזען רופען זיי זעהר טרעפליך בורזשוא. געהמט זיך דאָס אריין גוט אין קאָפּ, ליעבע באַבינקע: די בור־זשוא פרעסען אונז און זויגען אונז אויס...

— דאָס הייסט די רייכע? — האָט די מוטער געפרעגט.

— יא. אין דעם ליעגט זייער אונגליק. ווען מען זאָל א קינד אין דעם עסען אריינטהאָן צו ביסלעך קופּער, — פערהאַלט דאָס דעם וואוקס פון זיינע ביינער, און ער וועט זיין א קריפּעל. און ווען מען פער׳סם׳ט דעם מענשען פון דער יוגענד אָן מיט גאָלד, ווערט זיין הארץ א קליינטשינקע, א טויטינקע, א גרויע, פּונקט ווי א פינף קאָפּיקענע גומענע פּילקע...

איינמאָל, ריידענדיג וועגען יעגאָר׳ן, האָט פּאַוועל געזאָגט:

— דו ווייסט, אנדריי, אַם מייסטען שפּאַסען די יעניגע מענשען, ביי וועמען דאָס הארץ טהוט שטענדיג וועה...

דער קליין־רוס האָט געשוויגען א ווילע און דאן האָט ער געענטפערט:

— דאָס איז ניט ריכטיג! ווען דו וואָלסט רעכט געהאַט, וואָלט גאַנץ רוסלאַנד געדאַרפט אויסשטאַרבען פון געלעכטער...

עס איז אויך ערשיענען נאַטאַשאַ. זי איז אויך געזעסען אין טורמע ערגעץ אין אַנאַנדער שטאָדט. אָבער דאָס האָט איהר ניט פערענדערט. די מוטער האָט בעמערקט, אַז אין איהר אַנוועזענהייט פלעגט דער קליין־רוס ווערען פרעהליכער, פלעגט שיטען מיט וויצען, פלעגט יעדערען פער־טשעפּען מיט זיין ווייכען שפּאַס און פלעגט ערוועקען אין איהר אַ פרעה־ליכען געלעכטער. אָבער ווען זי פלעגט אַוועקגעהן, פלעגט ער אַנהויבען אונטערפייפען זיינע אומעדיגע אונענדליכע ליעדער און פלעגט לאַנג אַרומ־געהן איבער'ן צימער. אָפט פלעגט קומען צו לויפען סאַשאַ אַ פערהאַוועטע, אַ פערזאָרגטע. איינמאָל, ווען פּאַוועל איז אַרויס אין פאָרהויז איהר דורכ־לאָזען און ער האָט ניט פערמאַכט די טהיר הינטער זיך, האָט די מוטער דערהערט אַ שנעלען געשפּרעך:

— איהר וועט טראָגען די פאָהן? — האָט די מיידעל שטיל געפרעגט.

— איך.

— דאָס איז שוין בעשלאָסען?

— יאַ. איך האָב דאָס רעכט אויף דעם.

— איהר ווילט ווידער טורמע?!

פּאַוועל האָט געשוויעגען.

— קענט איהר דאָס ניט... — האָט זי אָנגעפאַנגען, נאָר זי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס? — האָט פּאַוועל געפרעגט.

— איבערגעבען אַן אַנדערען...

— ניין! — האָט ער הויך געענטפערט.

— בעטראַכט נאָר... איהר האָט אַזאַ ווירקונג דאָ אויף אַלעמען... איך האָט מען ליעב... איהר און אַנדריי זייט די ערשטע דאָ... וויפיעל קענט איהר אויפטהאָן דאָ אויף דער־פריי... בעטראַכט נאָר! און פאַר דעם וועט מען דאָך אייך פערשיקען... ווייט... און אויף לאַנג!...

דער מוטער האָט זיך געדוכט, אַז אין דער מיידעלס שטימע קלינגען בעקאַנטע געפיהלען — אומעט און שרעק. און סאַשאַ'ס ווערטער האָבען גענומען פאַלען איהר אויפ'ן הארצען, פּונקט ווי גרויסע טראָפּענס קאַלטע וואַסער.

— ניין, איך האָב בעשלאָסען! — האָט פּאַוועל געזאָגט, — פון דעם וועל איך זיך פאַר קיין פאַל ניט ענטזאָגען.

— אפילו ווען איך וועל בעטען... ווען איך...

פאוועל האט פלוצלונג אנגעהויבען ריידען שנעל און עפעס בעזאנדערס שטרענג.

— איהר דארפט אזוי ניט ריידען... וואס איז מיט אייך? איהר דארפט ניט!

— איך בין פריהער פון אלעם א מענש! — האט זי זיך שטיל אפ־גערופען.

— א גוטער מענש! — האט פאוועל א זאג געטהאן אויך שטיל, נאר עפעס מיט א בעזונדערען קול, פונקט ווי עס וואלט איהם עפעס שטיקען אין האלז, — א מענש, וועלכער איז מיר טהייער... יא! און טאקע דערפאר... דערפאר דארף מען אזוי ניט ריידען...

— נו, זייט געזונד, — האט די מיידעל געזאגט.

נאך דעם קלאפען פון איהרע אפצאסען, האט די מוטער פערשטאנען, אז זי איז אוועק שנעל, כמעט אוועקגעלאפען.

פאוועל איז ארוים נאך איהר אין הויף.

א שווערע, א דריקענדע מורא האט ארומגעכאפט די מוטערס הארץ. זי האט ניט פערשטאנען וועגען וואס זיי האבען גערעדט, נאר זי האט גע־פיהלט, אז אין דער צוקונפט ערווארטעט איהר א נייער, גרויסער אונגליק. איהר געדאנק האט זיך אבגעשטעלט אויף דער פראגע:

— וואס וויל ער טהאן?

פאוועל איז אריין פון הויף צוזאמען מיט אנדרייען און דער קליין־רוס האט, שאקלענדיג מיט'ן קאפ, א זאג געטהאן:

— אך, איסאיקע, איסאיקע... וואס טהוט מען מיט איהם?

— מען דארף איהם הייסען ער זאל אויפהערען פיהרען זיינע שטיק! — האט פאוועל כמורנע געענטפערט.

— פאווליושא, וואס ווילסטו טהאן? — האט די מוטער, ארעבלא־זענדיג די קאפ, געפרעגט.

— ווען? גלייך?

— דעם ערשטען... דעם ערשטען מאי...

— אהא! — האט פאוועל אויסגערופען מיט א שטילער שטים. — איך וועל טראגען אונזער פאהן... כ'וועל געהן מיט איהר פאראוים. דערפאר וועט מען מיר מסתמא צוריק אריינזעצען אין טורמע.

דער מוטערס אויגען האבען אנגעהויבען ברענען און עס איז איהר טרוקען געווארען אין מויל. פאוועל האט אנגעכאפט איהר האנד און האט איהר א גלעט געטהאן.

— איך מוז דאס טהאן, פערשטעה זשע; אין דעם בעשטעהט מיין גליק.

— איך זאָג דאָך גאָרנישט! — האָט זי געענטפערט, פּאַמעלעך אויפֿ־הויבענדיג דעם קאָפּ. — און ווען איהרע אויגען האָבען זיך בעגעגענט מיט דעם עקשנות'דיגען גלאַנץ פון זיינע, האָט זי ווידער אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ.

ער האָט אַרויסגעלאָזען איהר האנד, האָט אַ זיפץ געטהאָן און האָט מיט פאָרוואורף אַרויסגעזאָגט:

— ניט טרויערען דאַרפסטו, נאָר פרעהען זיך... ווען וועלען שוין זיין מוטערס, וועלכע וועלען מיט פרייד שיקען זייערע קינדער אַפילו אין טויט אַריין!

— האָפּ, האָפּ!... — האָט געברומט דער קליין־רוס. — האָסט זיך שוין פּאַנאַנדערגעלאָזען!...

— זאָג איך דען וואָס? — האָט די מוטער איבערגע'חזר'ט. — איך שטער דיר דאָך ניט... און אויב איך האָב אויף דיר רחמנות, בין איך דאָך אַ מאַמע...

ער איז אָבגעטראָטען פון איהר און זי האָט געהערט זיינע שטרענגע שאַרפע ווערטער:

— עס איז פאַראַן אַזאַ ליעבע, וועלכע שטערט דעם מענשען צו לעבען...

זי האָט אַ ציטער געטהאָן און, האָבענדיג מורא ער זאָל איהר ניט זאָגען נאָך עטוואָס אַזוינס, וואָס זאָל אָבשטויסען איהר הארץ, האָט זי גיך אַרויסגערעדט:

— הער שוין אויף, פּאַווליושאַ! איך פערשטעה... דו קענסט ניט אַנדערש... פאַר די חברים...

— ניין! — האָט ער אויסגעשריען. — איך טהו עס פון מיינעטוועגען... איך קען ניט געהן אויך, אָבער איך וויל און וועל געהן!

אַנדריי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין טהיר און עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער שטעהט אין אַ ראַהם.

— הערט שוין אויף צו פּלאַפּלען מיין הערר! — האָט ער כמורנע אַרויסגערעדט, וואַרפענדיג אַ בייזען בליק אויף פּאַוולען. — ער האָט אויסגעזעהן ווי אַן עקדעש אין אַ פעלזען־שפּאַלט.

די מוטער האָט געוואָלט וויינען. אום אָבער איהר זוהן זאָל ניט זעהן איהרע טרעהרען, האָט זי פּלוצלונג אַרויסגעמורמעלט:

— אוי, גאָטעניו!.. איך האָב זיך גאָר פערגעסען...

און זי איז אַרויס אין כאָרהויז. דאָרט האָט זי זיך איינגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אין ווינקעל און האָט זיך ביטער פּאַנאַנדערגעוויינט. די טרעה־רען האָבען איהר אַזוי אָבגעשוואַכט, אַז איהר האָט זיך געדוכט, דאָס צו־זאַמען מיט זיי רינט אויך אויס דאָס בלוט פון איהר האַרצען. דורך דער

האלב־געעפענטער טהיר האט זי געהערט, ווי זיי האבען זיךביידע געקריעגט.

— וואס איז, דו קלייבסט נחת דערפון, וואס דו מאטערסט איהר אזוי ?

— האט דער קליין־רוס געפרעגט.

— דו האסט קיין רעכט ניט אזוי צו רעדען ! — האט פאוועל אויס־גערופען.

— איך וואלט דיר געווען א טהייערער חבר, ווען איך וואלט געשוויגען, צוקוקענדיג זיך צו דיינע ציגענע התפעלות !... צו וואס האסטו דאס גע־דארפט זאגען ? האסטו זיך אריינגעטראכט אין דעם ?

— מען מוז שטענדיג זיין פעסט ; אדער יא אדער ניין !

— און דאס זאגסטו איהר ?

— אלעמען ! איך וויל ניט קיין ליעבע און קיין פריינדשאפט, וואס פלאנטערט זיך אונטער די פיס, וואס לאזט ניט מאכען א פרייען שריט...

— העלד מיינער ! וויש אפ דעם נאז ! וויש איהם אפ, און געה דער־צעהל דאס אלץ סאשינקען... דאס וואלסטו געדארפט איהר זאגען...

— איך האב עס איהר געזאגט !...

— אזוי ? דו זאגסט ליגען ! מיט איהר האסטו גערעדט פריינדליך, צערטליך... איך האב עס ניט געהערט, נאר איך ווייס, אז אזוי איז דאס געווען ! פאר דער מאמען אבער האסטו ארויסגעוויעזען דיין העלדישקייט... אזא העלדישקייט איז ניט ווערט קיין צובראכענע פרוטה !

וולאסאווא האט גענומען אויף גיך אבווישען די טרעהרען פון איהרע באקען. זי האט מורא געהאט, אז דער קליין־רוס זאל ניט בעליידיגען פאוועלען. זי האט גיך געעפענט די טהיר און איז אריינגעגאנגען אין קיך א פערציטערטע פול מיט קומער און שרעק. זי האט הויך א זאג געטהאן :

— אוף !... קאלט ! און עס איז דאך שוין פריהלינג...

זי האט זיך געסטארעט צו פערטומלען די שטילע שטימען אין צימער. זי האט איבערגעלעגט די זאכען פון איין ארט אויפ'ן אנדערען און האט נאך העכער ארויסגערעדט :

— אלץ האט זיך פערענדערט... די מענשען זיינען געווארען היציגער און דער ווינטער קעלטער... פריהער פלעגט שוין אין דער צייט זייןווארים, דער הימעל קלאר און די זון פלעגט שיינען...

אין צימער איז שטיל געווארען. זי האט זיך אבגעשטעלט אין מיטען קיך און האט געווארט.

— האסט געהערט ? — האט זיך דערהערט דעם קליין־רוס' שטילע פראגע. — דאס דארפסטו פערשטעהן... צום טייוועל ! זי דארט איז פיעל רייכער פון דיר...

— טהעע וועט איהר טרינקען? — האָט זי מיט אַ ציטערדיגער שטימע אַ פרעג געטהאָן און, ניט וואַרטענדיג אויף אַן ענטפער, האָט זי אויסגערופען:

— וואָס איז מיר עפּעס אַזוי קאַלט!

פּאוועל איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו איהר. ער האָט אַ קוק געגעבען אויף איהר און אַ שמייכעל פון חרטה האָט געציטערט אויף זיינע ליפּען.

— ענטשולדיג מיר, מאַמע, — האָט ער שטיל געזאָגט. — איך בין נאָך אַ אינגעל, אַ היץ־קאָפּ...

— לאָז מיך צו־רוה! — האָט זי אומעטיג אויסגערופען, צודריקענדיג זיין קאָפּ צו איהר הארצען. — רעד ניט... זאָל דיר גאָט העלפען. דיין לעבען איז דיין זאַך! אָבער מיין הארץ לאָז צו־רוה! ווי קען דען אַ מאַמע ניט האָבען קיין רחמנות? דאָס איז אונמעגליך... איך האָב אויף אַלעמען רחמנות, אַלע זיינען מיר איינגעבאַקען אין הארצען... איהר זיינט מיר אַלע נאָהענט... ווער זשע דען וועט זיך אויף אייך דערבאַרימען, אויב ניט איך? דו געהסט זיך דיין וועג און הינטער דיר געהען נאָך אַנדערע... איהר האָט אַלץ אוועקגעוואָרפען און איהר זייט אוועק... אוועק... פּאַווליושאַ!

אין הארצען ביי איהר האָט געשלאָגען אַ מעכטיגער גליהענדער געדאַנק, וואָס האָט אָנגעפילט איהר ברוסט מיט אַ געפיהל פון שמערצליכער פרייד. אָבער זי האָט ניט געפונען קיין ווערטער אויסצודריקען איהר געדאַנק, און זי האָט שטום בעוועגט די הענד און האָט געקוקט דעם זוהן אין פּנים.

— גוט, מאַמע! ענטשולדיג מיר... איך זעה שוין אַליין איין! — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט, אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ און האָט פון זייט אַ קוק געגעבען אויף איהר מיט אַ שולדיגען שמייכעל און, זיך אָבקעהרענדיג פון איהר אַ פערשעהמטער, האָט ער מיט פרייד צוגעגעבען:

— דאָס וועל איך קיינמאָל ניט פערגעסען... אויף מיין עהרען־וואָרט!

זי האָט איהם אָבגעשטופּט פון זיך, און אַריינקוקענדיג אין צימער האָט זי מיט אַ שטים פול געבעט געזאָגט צו אַנדרייען:

— אַנדריושאַ! שרייט דאָך ניט אַזוי אויף איהם... איהר זייט טאַקע דער עלטערער, נאָר איהר זייט שוין...

דער קליין־רוס איז געשטאַנען צו איהר מיט'ן רוקען. ער האָט זיך ניט בעוועגט פון אָרט און האָט קאָמיש און מאָדנע אַרויסגעברומט:

— אַי, אַי, וועל איך שרייען אויף איהם!... און איך וועל איהם נאָך שלאָגען אויך!...

זי איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו איהם, האָט אויסגעשטרעקט די הענד און האָט געזאָגט:

— אָ, טהייערינקער מיינער !...

דער קליין־רוס האָט זיך אָבגעקעהרט, האָט אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, ווי אַן אָקס, און צוזאַמענדריקענדיג די הענד הינטער'ן רוקען, איז ער דורכ־געגאַנגען פאַרביי איהר צום קיך. פון דאָרטען האָט זיך דערהערט זיין לאַכענדיגע שטימע:

— געה אוועק, פּאוועל, אַניט וועל איך דיר אָפּבייסען דעם קאָפּ! איך לאַך דאָס, מאַמעלע; איהר דארפט מיר ניט גלויבען! אָט וועל איך אָנשטעלען דעם סאַמאָוואר. יא! האָבען מיר עס נאַסע קויהלען! צום טייוועל!...

ער איז אנטשוויגען געוואָרען... ווען די מוטער איז ארוים אין קיך, איז ער געזעסען אויף דר'ערד און האָט פאַנאַנדערגעבלאָזען דעם סאַמאָוואר. ניט אָנקוקענדיג איהר, האָט ער ווידער אָנגעפאַנגען:

— איהר דארפט קיין מורא ניט האָבען; איך וועל איהם ניט טשעפּען! איך בין דאָך אַ גוטער, אַ ווייך־הערציגער, און איך... — איי, דו העלד, האָרך זיך ניט איין!... — און איך האָב איהם האָלט... אָבער זיין וועסטעל האָב איך ניט ליעב. ער, פערשטעהט איהר מיך, האָט אָנגעטהאָן אַ נייע וועסטעל, און זי געפעלט איהם זעהר. נו, געהט ער ארום מיט'ן בייכעל פאַראוים און שטופּט אַלעמען: זעהט וואָס פאַר אַ שעהנע וועסטעל איך האָב! זי איז טאַקע אַ גוטע, אָבער צו וואָס נאָך שטופּען זיך? עס איז שוין אַזוי אויך ענג אויף דער וועלט.

פּאוועל האָט, מיט אַ שמייכעל אויפ'ן פּנים, אַ פרעג געטהאָן:

— ווי לאַנג וועסטו נאָך בורטשען? האָסט דאָך מיך שוין דערלאַנגט אַ פּאָרציע. נו, און גענוג!

זיצענדיג אויף דער ערד האָט דער קליין־רוס אויסגעשטרעקט ביידע פיס ארום סאַמאָוואר און האָט איהם אָנגעקוקט. די מוטער איז געשטאַנען לעבען טהיר און האָט צערטליך און פערטרויערט געקוקט אויף אַנדריי'ס רונדען קארק און אויף זיין לאַנגען אויסגעבויגענעם האלז. ער האָט זיך אָפּגעקעהרט, האָט זיך אָנגעשפּארט מיט די הענד אויף דער פּאָדלאָגע, האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער מוטער און דעם זוהן מיט אַ ביסעל רויט געוואָרענע אויגען און האָט שטיל ארויסגערעדט:

— איהר זייט אַלע גוטע מענשען... יא!

פּאוועל האָט זיך איינגעבויגען און האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנד.

— שלעפּ ניט! — האָט אויסגעשריען דער קליין־רוס. — דו וועסט מיך נאָך אַנידערוואַרפען.

— וואָס שעהמט איהר זיך? — האָט די מוטער טרויעריג אַרויס־גערעדט. — צוקושט זיך. נעהמט זיך אַרום שטאַרק, שטאַרק...

— ווילסט? — האָט פּאַוועל געפרעגט.

— פאַרוואָס ניט? — האָט דער קליין־רוס געענטפערט און האָט זיך גענומען אויפהויבען.

אָבער פּאַוועל האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף די קניע און זיי האָבען זיך אויף אַ מאָמענט פעסט אַרומגעכאַפּט: צוויי קערפּערס און איין האַרץ, וועלכע האָט הייס געברענט מיט אַ טיעפען געפיהל פון פריינדשאַפט.

איבער'ן פּנים פון דער מוטער זיינען געפלאָסען טרעהרען פון דער־לייכטערונג. זי האָט זיי גיך אויסגעווישט און האָט צומישטערהייד אַרויס־גערעדט:

— ווייבער האָבען ליעב צו וויינען; פון צרות וויינען זיי, פון פרייד וויינען זיי — שטענדיג רק זיי וויינען!

דער קליין־רוס האָט פּאַוולען לייכט אָבגעשטופּט, האָט זיך אויך אויס־געווישט די אויגען מיט די פינגער און האָט געזאָגט:

— נו, גענוג! דורכגעשטיעפּט זיך, ווי די קעלבער. יעצט צו דער ארבייט... נו, פערפלוכטע קויהלען! געבלאָזען און געבלאָזען און זיך די אויגען פערשאָטען...

פּאַוועל האָט אַרונטערגעלאָזען דעם קאָפּ, האָט זיך געזעצט לעבען פענסטער און האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— מיט אַזעלכע טרעהרען איז זיך ניטאָ וואָס צו שעהמען.

די מוטער איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבען איהם. אַ וואַרימער און אַנגענעהמער געפיהל האָט זיך צוגאָסען איבער איהר האַרץ. עס איז איהר אומעדיג געווען, אָבער זי איז געווען רוהיג.

— אַלץ איינס! — האָט זי געטראַכט, שטיל גלעטענדיג דעם זוהן'ס האַנד, — אַנדערש געהט עס ניט... אַזוי מוז דאָס זיין!

און נאָך אַנדערע געוועהנליכע געדאַנקען האָבען זיך געפּלאָנטערט ביי איהר אין קאָפּ, אָבער זיי האָבען קיין שייכות ניט געהאַט מיט דעם, וואָס זי האָט אין דער רגע דורכגעלעבט.

— איך וועל אויסוואַשען די געפעס... איהר זיצט, מאַמעלע! — האָט זיך אָבגערופען דער קליין־רוס, אויפהויבענדיג זיך פון דער ערד און גע־הענדיג צום צימער, — רוהט זיך אויס! מיר האָבען אייך גענוג עגמת נפש פערשאַפט...

און אין צימער האָט זיך דערהערט זיין הויכע, זינגענדע שטימע:

— עס איז ניט שעהן צו בעריהמען זיך, אָבער מיר האָבען דאָך יעצט

דורכגעלעבט א טהייערען מאָמענט אין אונזער לעבען... א מאָמענט פון אן אמת'ען לעבען !...

— יא ! — האָט א זאָג געטהאָן פּאוועל, און האָט א קוק געטהאָן אויף דער מוטער.

— אַלץ איז יעצט אַנדערש געוואָרען ! — האָט זי זיך אָבגערופען. — די צרות זיינען אַנדערע, די שמחות — אַנדערע... איך ווייס שוין מעהר גאָר ניט, איך פערשטעהע שוין אַליין ניט מיט וואָס איך לעב... מיט ווערטער קען איך דאָס גאָר ניט אויסדריקען !

— אַלץ איז אַנדערש... יא, אזוי דאַרף עס זיין, — האָט דער קליין-רוס געזאָגט. — מאַמעלע ! עס וואַקסט א נייע הארץ אין לעבען, די מענשליכע הערצער זיינען צובראָכען פון די פערשיעדענע אינטערעסען, זיי זיינען צור-ביסען פון קנאה און זשעדנעקייט, איבעראַל זעהט מען נאָר ליגען און פייג-הייט, שמוץ און בלאָטע... אַלע מענשען זיינען קראַנק און בלאָנדזשען ארום ווי אין א נעבעל... יעדער ווייס נאָר ווי זיין אייגען שוך קוועטשט איהם, אָבער אָט קומט א מענש און בעלייכט זייער וועג מיט דער ליכט פון פער-נונפט און ער רופט צו זיי — היי, טאַראַקאַנעס פערבלאָנדזשעטע ! עס איז שוין צייט צו פערשטעהן, אז אַלע מענשען האָבען איין אינטערעס, אז אַלע ווילען לעבען אויף דער וועלט ! דיעזער מענש, וועלכער רופט, איז נאָך דערווייל איינער אויף דער וועלט, און דערפאַר שרייט ער אזוי הויך. ער דאַרף האָבען פריינד ; איהם איז קאַלט און אומעטיג אַליין ! און אויף זיין רוף גיסען זיך צוזאַמען ווי אין א גלאָק אַלע געזונדע הערצער אין איין מעכטיגע, טיעפע און פיהלענדע הארץ. אָט הילכט דער גלאָק : — מענשען פון אַלע לענדער, פעראייניגט זיך אין איין פאַמיליע ! די ליעבע איז די מוטער פון לעבען און ניט דער האס !... יא, ברידערלעך, איך הער שוין דעם רוף !...

— איך אויך ! — האָט פּאוועל הויך ארויסגערעדט.

די מוטער האָט צוזאַמענגעפּרעסט די ליפּען, זי זאָל ניט ציטערען און פערמאַכט די אויגען, זי זאָל ניט וויינען.

— ליעג איך ביינאַכט אָדער איך וואַנדער ארום, — איבעראַל הער איך יענעם רוף... און עס ווערט מיר אזוי גוט אויפ'ן הארצען ! איך ווייס, אז די ערד איז שוין מיעד געוואָרען פון שקר און ליידען... און קלינגט שוין אַליין ווי א גרויסער גלאָק און רופט זיך אָפּ אויף יענעם רוף, וואָס דרינגט ארויס פון דער גרויסער מענשליכער הארץ.

פּאוועל איז אויפגעשטאַנען, האָט אויפגעהויבען די האַנד. אָבער די

מוטער האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר זיין אַנדער האַנד, האָט איהר צוגעצויגען צו זיך און האָט געשעפּטשעט :

— שטער איהם ניט...

— ווייסט איהר וואָס ? — האָט דער קליין־רום געזאָגט, שטעהענדיג אין טהיר און בלישטשענדיג מיט די אויגען, — אַ סך צרות האָבען נאָך די מענשען אויסצושטעהן, אַ סך בלוט וועלען נאָך די גיעריגע פויסטען פון זיי אויסזויגען... אָבער די אַלע צרות און גאָר די בלוט זיינען אַ קליינער פּרייז פאַר דאָס, וואָס איך פיהל שוין יעצט אין מיין הארץ, אין מיין נשמה ! איך בין שוין יעצט רייך, ווי אַ שטערן אין שטראַהלען... איך וועל אַלץ אריבער־טראָגען, ווייל אין מיין הארץ פיהל איך אַ פרייד, וואָס קיינער קען שוין ניט דערשלאָגען ! אין דער דאָזיגער פרייד ליעגט מיין כח !

זיי זיינען געזעסען ביין טיש ביז האַלבע נאַכט, זיי האָבען געטרונקען טהיי און האָבען געפיהרט אַ שטילען, הערצליכען געשפּרעך איבער׳ן לעבען, איבער די מענשען און איבער דער צוקונפט.

און ווען דער געדאַנק פלעגט זיין קלאָר, פלעגט די מוטער אָבזיפצען און אויסגעפינען אין איהר פערגאַנגענהייט אַ שווערע און שלעכטע ערפאַ־נערונג און פלעגט מיט דיזען שטיין פון איהר הארצען אונטערשפּאַרען דעם געדאַנק. אין וואַרימען שטראָם פון הארצליכען געשפּרעך איז איהר אונרוה און מורא צוגאַנגען און פערשוואונדען. זי האָט זיך געפיהלט אַזוי, ווי אין יענעם טאָג, ווען איהר טאַטע האָט צו איהר בייז אַ זאָג געטהאָן :

— גענוג שוין צו קרימען זיך ! האָט זיך איינגעפונען אַ נאַר און וויל דיך נעהמען —— געה ! אַלע מיידלעך האָבען חתונה, אַלע ווייבער האָבען קינדער, פאַר אַלע עלטערען זיינען די קינדער אַ לאַסט ! וואָס ביזטו אַן אויסנאַהם ?

נאָך דיזע ווערטער האָט זי דערזעהן פאַר זיך דעם אונפערמיידליכען וועג, וועלכער האָט געפיהרט צו אַ וויסטען און פינסטערען פלאַץ. און די נויט־ווענדיגקייט צו געהן אויף דיזען וועג האָט אָנגעפילט איהר הארץ מיט אַ בלינדע רוהיגקייט. דאָס זעלבע האָט זי יעצט געפיהלט. אָבער דערפיהד־לענדיג דאָס אָנקומען פון נייע צרות, האָט זי טיעף אין הארצען אַרויסגערעדט צו אימיצען :

— נאַט, נעהמט מיך !

דאָס האָט געלינדערט דעם שטילען שמערץ פון איהר האַרצען, וועלכער האָט געציטערט ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע, און טיעף אין איהר נשמה, וועלכע האָט מיט אומעט עפּעס ערוואַרט, האָט געשימערט אַ האָפנונג, אַז

ניט אַלץ וועט מען ביי איהר אָבנעהמען, ניט אַלץ וועט מען ארויסרייסען... עפּעס וועט פאָרט פערבלייבען.

.24

אויף מאָרגען אין דער־פריה, ווי נאָר פּאוועל און אנדריי זיינען אוועק־געגאַנגען, האָט מאַריא קאָרסונאָווא אונרוהיג אָנגעקלאַפּט אין פענסטער און האָט אויף גיך אויסגעשריען:

— איסאַיען האָט מען דער'הרג'עט! קום א קוק טהאָן...

די מוטער האָט אויפגעציטערט. אין איהר קאָפּ האָט א בליאַסק גע־טהאָן דער נאָמען פון מערדער.

— ווער? — האָט זי געפרעגט, ארויפוואַרפענדיג די טיכעל אויף די פּלייצעס.

— ער וועט דאָך דאָרטען ניט שטעהן. ער האָט אָבגעטהאָן זיין עסק און איז זיך אוועק! — האָט מאַריא געענטפערט.

אויפ'ן גאַס האָט זי געזאָגט:

— יעצט וועט מען ווידער אָנהויבען צו אַקערען און זוכען דעם שול־דיגען. גוט נאָך, וואָס דיינע זיינען די גאַנצע נאַכט געווען אין דער היים, — איך בין אַן עדות. נאָך האַלבע נאַכט בין איך פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דיין הויז און אַ קוק געטהאָן אין פענסטער: איהר זייט אַלע געזעסען ביים טיש...

— וואָס רעדסטו, מאַריא? קען מען דען אימיצען פון זיי חושד זיין? — האָט די מוטער מיט שרעק אויסגערופען.

— ווער־זשע דען האָט איהם דער'הרג'עט? דאָך געוויס איינער פון אייער חברה? — האָט מיט זיכערהייט קאָרסונאָווא ארויסגעזאָגט. — אַלע ווייסען דאָך, אז ער האָט זיי געשפּיאָנעוועט...

די מוטער האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט שווער אָפּגעאָטהעמט און האָט צוגעלעגט די האַנד צום האַרצען.

— וואָס איז מיט דיר? האָב קיין מורא ניט!... דער הונד איז ווערטה דעם שטעקען... לאָמיר געהן גיכער, אַניט וועט ער שוין זיין אוועקגעפיהרט!

די מוטער איז געגאַנגען, ניט ווויסענדיג אַליין צוליעב וואָס זי געהט. איהר האָט געדריקט אַ פינסטערער, שווערער געדאַנק וועגען וויעסאָוו־שטשיקאָוו'ען.

— ער האָט, הייסט עס, זיינס דורכגעפיהרט! — האָט זי אַ טראַכט געטהאָן.

ניט ווייט פון פאַבריק, אויפ'ן אָרט פון דער אַלט אָבגעברענטער הויז, טרעטענדיג איבער קויהלען און פאַנאַנדערשאַרענדיג די אַש, איז געשטאַנען

א מענשען־מאסע און האט געהודזשעט ווי א מחנה ביהנען. דארטען זיינען געשטאנען א סך פרויען, נאך מעהר קינדער, קרעמערס, קעלנערס, פאליציי־לייט און דער זשאנדאר פעטלין, א הויכער אלטער מיט א געדיכטער זיל־בערנער בארד און מעדאלען אויף דער ברוסט.

איסאי איז האלב געלעגען אויף דער ערד דעם רוקען אנגעשפארט אן אן אבגעברענטען באלקען און די קאפ אראבגעהאנגען אויף דער רעכטער פלייצע. זיין רעכטע האנד איז געווען אריינגערוקט אין הויזען־קעשענע, די פינגער פון דער לינקער האנד האט ער אריינגעגראבען אין דער ווייכער ערד.

די מוטער האט א קוק געטהאן אויף זיין פנים. איין אויג האט געבליקט אויף זיין היטעל, וועלכע איז געלעגען צווישען זיינע אויסגעשפרייטע פיס. דער מויל איז געווען עפעס מאדנע האלב־אפען און זיין געלע בערדעל האט ארויסגעשטארטשט אויף א זייט. זיין מאגערער קערפער מיט'ן שפיציגען קאפ און די ביינערנע געשפרינקעלטע צורה איז נאכ'ן טויט געווארען נאך קלענער.

די מוטער האט א זיפץ געטהאן און זיך איבערגעצ'צלמ'ט. ביי'ן לעבען איז ער איהר געווען עקעלדיג, אבער יעצט האט ער ערוועקט אין איהר א שטילען רחמנות.

— עס זעהט זיך גאר קיין בלוט ניט! — האט אימיצער עפעס מיט א האלבען מויל בעמערקט. — איהם האט קענטיג אימיצער מיט'ן פויסט דער־לאנגט.

א דיקע פרוי האט א שלעפ געטהאן דעם זשאנדאר פאר'ן ארבעל און האט איהם געפרעגט:

— אפשר לעבט ער נאך, הא?

— אוועק פון דאנען! — האט דער זשאנדאר א געשריי געטהאן, ארויסרייסענדיג דעם ארבעל.

— דער דאקטאר איז געווען און האט געזאגט, אז עס איז שוין נאך אלעמען, — האט אימיצער געענטפערט.

א טרוקענע, בייזע שטימע האט הויך אויסגערופען:

— יעצט האט מען דעם מסור פערשטאפט די מויל... עס קומט איהם כשר!...

דער זשאנדאר האט זיך א קעהר געטהאן, האט פאנאנדערגעשיעבט מיט די הענד די פערזאמעלטע און האט סטראשענדיג א פרעג געטהאן:

— ווער דרשנ'ט עס דארטען, הא?

די מענשען האָבען אָבגעטראָטען, אייניגע זיינען אנטלאָפען. אימיצער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט מיט א פרעהליכען בייסענדען געלעכטער.

די מוטער איז אוועק אַהיים.

— קיינער האָט ניט קיין מיטלייד מיט איהם! — האָט זי געטראַכט.

פאַר איהרע אויגען האָט ווי א שאָטען געשוועבט די ברייטע פיגור פון וויעסאָוושטשיקאָוו'ן. זיינע שמאָלע אויגעלעך האָבען געקוקט קאַלט און בייז און זיין רעכטע האַנד האָט זיך געטרייסעלט, אקוראַט ווי ער וואָלט איהר אָבגעקלאַפּט...

ווען דער זוהן און אנדריי זיינען געקומען מיטאָג עסען, האָט זי זיי פריהער פון אַלץ א פרעג געטהאָן:

— נו, וואָס? מען האָט קיינעם ניט ארעסטירט פאַר איסאַיען?

— דערווייל הערט זיך גאָרנישט! — האָט זיך אָבגערופען דער קליין־רוס.

זי האָט געזעהן, אַז ביידע זיינען פערביטערט און עס דריקט זיי עפּעס.

— וועגען ניקאָלאַיען רעדט מען גאָרנישט? — האָט די מוטער שטיל געפרעגט.

דעם זוהן'ס שטרענגע אויגען האָבען זיך אָבגעשטעלט אויף איהר פּנים און ער האָט דורכדרינגליך געזאָגט:

— פון איהם הערט מען ניט און קיינער איז איהם ניט חושד. ער איז גאָר ניטאָ. ער איז נעכטען מיטאָג־צייט אוועקגעפאָהרען צום טייך און האָט זיך נאָך ניט אומגעקעהרט. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף איהם...

— נו, דאַנקען גאָט! — האָט די מוטער מיט א זיפץ פון ערלייכטערונג ארויסגערעדט. — גאָט צו דאַנקען!

דער קליין־רוס האָט א קוק געטהאָן אויף איהר און האָט אראָבגעלאָזען זיין קאָפּ.

— ער ליגט דאָרטען, — האָט די מוטער פערטראַכטערהייט דער־צעהלט, — און פונקט ווי ער וואָלט זיך איבער וואָס ניט איז וואונדערען, אזא פּנים איז ביי איהם. קיינער האָט קיין רחמנות ניט אויף איהם און קיינער זאָגט וועגען איהם קיין גוט וואָרט ניט. א קלייניגקער אזא, קוים וואָס מען בעמערקט איהם... פונקט ווי א שאַרבען, וואָס האָט זיך פון וואָס ניט איז אָבגעבראָכען, איז אראָבגעפאַלען און ליעגט...

ביים עסען האָט פּאַוועל פּלוצלונג א וואָרף געטהאָן די לעפעל און האָט אויסגערופען:

— דאָס פערשטעה איך ניט!

— וואָס ? — האָט געפרעגט דער קליין־רוס, אַ שווייגענדער און אַ פעראומערטער.

— טויטען אַ בהמה נאָר דערפאַר, וואָס מען דאַרף עסען, — דאָס איז שוין ניט אַנגענעהם. טויטען אַ ווילדע חיה... אַ גזלן, דאָס קען מען נאָך פערשטעהן. איך אַליין וואָלט געקענט טויטען אַ מענשען, וואָס איז געוואָרען אַ ווילדע חיה פאַר די אַנדערע. אָבער ווי קען זיך די האַנד אויפהויבען צו טויטען אַזאַ עקעלדיגע ניעדעריגע בריאה !...

דער קליין־רוס האָט אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס און האָט אַרויסגערעדט :

— ער איז געוועזן ניט ווענינער שעדליך, ווי אַ ווילדע חיה...

— איך ווייס.

— אַ קאָמאַר, וועלכער זויגט נאָר אויס אַ ביסעל פון אונזער בלוט, טויטען מיר, — האָט שטיל צוגעגעבען דער קליין־רוס.

— נו, יאַ... וועגען דעם רעד איך ניט. איך זאָג נאָר, אַז עס איז עקעלדיג.

— וואָס קען מען העלפען ? — האָט געזאָגט אַנדריי, ווידער אַ קוועטש טהוענדיג מיט די פּלייצעס.

— דו וואָלסט געקענט טויטען אַזעלכען ? — האָט פּאַוועל, נאָך אַ לאַנגען שטילשווייגען, פערטראַכטערהייט געפרעגט דעם קליין־רוס.

אַנדריי האָט איהם אָנגעקוקט מיט זיינע רונדע אויגען, האָט אַ וואָרף געטהאָן זיינע אויגען אויף דער מוטער און האָט טרויעריג אָבער פעסט געענטפערט :

— פון מיינעטוועגען וואָלט איך קיינעם ניט געטשעפּעט. פאַר די חברים אָבער, פאַר דער אַלגעמיינער זאַך — קען איך אַלץ טהאָן ! אַפילו אַן אייגענעם זוהן אויך...

— אָ, אַנדריושאַ ! — האָט די מוטער שטיל אויסגערופען.

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן און האָט געזאָגט :

— מען קען אַנדערש ניט. אַזוי איז שוין דאָס לעבען !

— יאַ, — יאַ !... — האָט זיך פּאַוועל לאַנגזאַם אָבגערופען. — אַזוי איז דאָס לעבען !...

פּלוצלונג איז אַנדריי אויפגעשטאַנען פון אָרט, פּונקט ווי ער וואָלט עפּעס האַסטיג געטריעבען געוואָרען פון אַן אינערליכען געפיהל. ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט די הענד און האָט אָנגעהויבען צו ריידען :

— וואָס קען מען העלפען ? אַ מאָל מוז מען אויך האַסען דעם מענשען, אום עס זאָל גיכער אָנקומען די צייט, ווען מען וועט קענען אַלעמען ליעבען.

מען דארף אומברענגען דעם יעניגען, וועלכער פערדארבט דאס לעבען, וועל־כער פערקויפט זיינע מיט־מענשען פאר געלד אום איינצוקויפען זיך כבוד און רוהם. ווען עהרליכע מענשען טרעפען אויף זייער וועג א פעררעטהער, וועלכער זוכט זיי צו פערניכטען — וועל איך אליין זיין א פעררעטהער אויב איך וועל איהם ניט אומברענגען... מען טאר דאס ניט? איך האב קיין רעכט ניט? און זיי, אונזערע בעלי בתים, האבען א רעכט צו האלטען סאלדאטען און תלינים, פרעהליכע הייזער און טורמעס און די אלע עקעל־האפטע זאכען, וועלכע זאלען שאפען פאר זיי זייער רוהע און בעקוועמ־ליכקייט... ניט ווילענדיג קומט מיר אפטמאל אוים צו נעהמען אין האנד זייער וואפע... וואס קען מען זיך העלפען? איך וועל נעהמען, איך וועל זיך ניט ענטזאגען. זיי טויטען צעהנדליגע און הונדערטע פון אונז. דאס גיט מיר א רעכט אויפצוהויבען די האנד און אראפצולאזען זי אויף איינע פון יענע פיינדליכע קעפ, וועלכע איז מיר מעהר שעדליך, וועלכע שטערט מיר אם מייסטען אין מיין ארבייט. אזא לאגיק איז דאס. געגען איהר געה איך; פון איהר וויל איך ניט וויסען. איך ווייס, אז מיט זייער בלוט קען מען גארנישט בעשאפען... זייער בלוט איז ניט פרוכטבאר!... אויף דער וועלט וואקסט דער אמת נאר דאן, ווען אונזער בלוט ווייקט דורך די ערד מיט אן אפטען רעגען, אבער זייער פערפוילטע בלוט לאזט נאך זיך קיין סליאד ניט. דאס ווייס איך! איך וועל נעהמען אויף זיך די עבירה; איך וועל טויטען, ווען איך וועל געפינען, אז דאס איז נויטיג! איך רייד נאר פון זיך... מיין זינד וועט שטארבען מיט מיר צוזאמען. זי וועט ניט בע־פלעקען די צוקונפט, וועט קיינעם ניט פערשווארצען אויסער מיך אליין!

ער איז ארומגעגאנגען איבער'ן צימער מאכענדיג מיט'ן האנד און האט דורכגעשלאגען די לופט ווי ער וואלט עפעס וועלען פערטרייבען פון זיך. די מוטער האט געקוקט אויף איהם מיט אומעט און אונרוה. זי האט גע־פיהלט, אז אין איהם האט זיך עפעס צובראכען און עס טהוט איהם וועה. די פינסטערע, געפעהרליכע געדאנקען וועגען דעם מארד האבען איהר פער־לאזען. — אויב ניט וויעסאווששטשיקאוו, דאן האט קיין אנדערער פון פא־וועלס חברים איהם ניט געטויטעט, האט זי געטראכט. פאפוועל האט מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ זיך צוגעהערט צו אנדריי'ס רייד:

— אויף דעם וועג, וועלכער פיהרט אין דער צוקונפט, — האט אנדריי ווייטער גערעדט, — קומט אפטמאל אוים צו האנדלען געגען זיך אליין. מען דארף קענען אלעס אפגעבען, דאס גאנצע הארץ... דאס לעבען אפגעבען, שטארבען פאר דער זאך — דאס איז ניט שווער! מען מוז אפגעבען דאס,

וואָס איז אָפּטמאָל טהייערער פון דעם לעבען... ערשט דאַן וועט זיעגען די וואַרהייט!

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטען צימער א בלאַסער מיט האַלב־פערמאַכטע אויגען און, אויפהויבענדיג די האַנד, האָט ער מיט נאָך מעהר פעסטקייט פאָרטגעזעצט:

— איך וויים, אַז עס וועט קומען א צייט, ווען אַלע מענשען וועלען איינע די אַנדערע ליעבען, ווען יעדער איינציגער וועט פאַר דעם צווייטען ווי א שטערען לויכטען און יעדער וועט זיך צוהערען צום צווייטען ווי צו מוזיק! אויף דער ערד וועלען אַרומגעהן פרייע, גרויסע מענשען, מיט אָפענע הערצער און יעדע האַרץ וועט זיין פריי פון קנאה און דאַרום וועלען זיי ניט זיין שלעכט איינע צו די אַנדערע. דאַן וועט דאָס ניט זיין קיין לעבען, נאָר א פרייער דיענען דעם מענשען, וועלכער וועט ערהויבען זיין געשטאַלט. פרייע מענשען וועלען זיין אימשטאַנדע אַלעס צו דערגרייכען. דער מענש וועט דאַן לעבען פאַר'ן אמת און פאַר די שעהנהייט און פאַר די בעסטע וועלען זיך רעכענען די יעניגע, וועלכע וועלען מיט זייער האַרץ ברייטער אַרומנעהמען די וועלט, וועלכע וועלען איהר טיעפער ליעבען... די בעסטע וועלען זיין די פרייסטע — אין זיי ליעגט מעהר שעהנקייט! דאַן וועט זיין דאָס לעבען גרויס און גרויס וועלען זיין די מענשען פון אַזאַ לעבען...

ער האָט געשוויעגען א ווייל. דאַן האָט ער זיך אויסגעגלייכט, האָט זיך א שאָקעל געטהאָן ווי א גלאָק און האָט טיעף פון גאַנצען האַרצען א זאָג געטהאָן:

— פאַר אַזאַ לעבען וועל איך אַלעס טהאָן... איך וועל מיין אייגען האַרץ אויסרייסען און צוטרעטען עס מיט די פיס, אויב דאָס וועט נאָר נויטיג זיין...

זיין פנים האָט א ציטער געטהאָן און האָט געלויכטען פון אויפרעגונג. פון זיינע אויגען זיינען געפלאָסען איינע נאָך די אַנדערע גרויסע, שווערע טרעהרען.

פּאַוועל האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט געקוקט אויף איהם א בלאַסער, מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפענטע אויגען. די מוטער האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל. זי האָט געפיהלט ווי א פינסטערער אונרוה נעהמט איהר אַרום.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט פּאַוועל שטיל געפרעגט.

דער קליין־רוס האָט א טרייסעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, האָט זיך אויס־געצויגען ווי א סטרונע און האָט געזאָגט, קוקענדיג אויף דער מוטער.

— איך האָב עס געזעהן... איך וויים...

זי האָט זיך אויפגעהויבען, איז שנעל א פערציטערטע צוגעגאַנגען צו

איהם און האָט איהם אָנגענומען פאַר די הענד. ער האָט געוואָלט אַרויס־רייסען זיין רעכטע האַנד, אָבער זי האָט זיך פעסט געהאַלטען אָן זיין האַנד און האָט זיך ליידענשאַפטליך געבעטען ביי איהם:

— ליעבינקער מיינער, שטילער! טהייערינקער, דאָס איז גאָרנישט... גאָרנישט, פּאַוועל!

— וואַרט אַ ווייל, — האָט דער קליין־רוס געמורמעלט, — איך וועל אייך דערצעהלען ווי דאָס איז פאַרגעקומען...

— מען דאַרף ניט! — האָט זי געשעפּטשעט מיט טרעהרען אין די אויגען, קוקענדיג אויף איהם — דאָס איז ניט נויטיג, אַנדריושאַ...

פּאַוועל איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען, קוקענדיג אויפ׳ן חבר מיט פייכטע אויגען. ער איז געווען בלאַס און שמייכלענדיג האָט ער לאַנגזאַם אַ זאָג געטהאָן:

— די מאַמע האָט מורא, אַז דו האָסט...

— איך האָב ניט מורא... — האָט די מוטער געזאָגט. — איך גלויב ניט! ווען איך וואָלט דאָס אפילו געזעהן, וואָלט איך דאָס אויך ניט געגלויבט.

— וואַרט אוים! — האָט דער קליין־רוס געזאָגט, ניט קוקענדיג אויף זיי און סטאַרענדיג זיך צו בעפרייען זיין האַנד, — דאָס האָב ניט איך... אָבער איך האָב געקענט ניט דערלאָזען...

— לאָז דאָס צורוה, אַנדריי, — האָט פּאַוועל אַ זאָג געטהאָן.

מיט איין האַנד דריקענדיג אַנדריי׳ס האַנד, האָט פּאַוועל די צווייטע האַנד אַרויפגעלעגט אויף אַנדריי׳ס פּלייצע, פּונקט ווי ער וואָלט וועלען אָפּשטעלען דעם ציטער אין זיין הויכען קערפּער. דער קליין־רוס האָט איינגעבויגען צו זיי זיין קאָפּ און האָט שטיל און אָבגעריסען אָנגעפאַנגען:

— איך האָב דאָס ניט געוואָלט. דו, פּאַוועל, ווייסט דאָך. עס האָט פּאַסירט אַזוי: ווען דו ביזט אַוועק פאָראויס און איך בין געבליבען דאָרט ביים עק גאַס מיט דראַגונאָוו׳ען, האָט זיך איסאַי דאָרט בעוויעזען פון אַ ווינקעל... ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אָן אַ זייט און האָט גענומען קוקען אויף אונז און לאַכען. דראַגונאָוו האָט אַ זאָג געטהאָן: — דו זעהסט? דאָס שפּיאָנעוועט ער מיר נאָך אַ גאַנצע נאַכט... איך וועל איהם אָנשלאָגען. און ער איז אַוועקגעגאַנגען... איך האָב גערעכענט, אַז ער איז אַוועק אַהיים... און איסאַי איז צוגעגאַנגען צו מיר...

דער קליין־רוס האָט אַ זיפץ געטהאָן.

— קיינער האָט מיר אַזוי מיאוס ניט בעליידיגט, ווי דיעזער הונד...

די מוטער האָט איהם געשלעפּט פאַר׳ן האַנד צום טיש און ענדליך איז איהר געלונגען איהם אַוועקצוזעצען אויף אַ שטוהל. אליין האָט זי זיך

געזעצט הארט לעבען איהם. פּאוועל איז געשטאַנען לעבען זיי און האָט געצופּט זיין באָרד.

— ער האָט מיר געזאָגט, אַז מען קען אונז אַלעמען, אַז די זשאַנדאַרען האָבען אונז אויפ'ן צעטעל, און אַז פאַר דעם ערשטען מאַי וועט מען אונז אַלעמען ארעסטירען. איך האָב איהם ניט געענטפערט. איך האָב געלאַכט. אָבער דאָס הארץ האָט אין מיר געקאָכט. ער האָט אָנגעפאַנגען ריידען, אַז איך בין אַ קלוגער בחור און דאַרף ניט געהן אויף דיעזען וועג. בעסער...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע, האָט אָבגעווישט דעם פּנים מיט דער לינקער האַנד און זיינע אויגען האָבען טרוקען אַ בלישטשע געטהאָן.

— איך פערשטעה! — האָט פּאוועל געזאָגט.

— יא. בעסער, זאָגט ער, טרעט אריין אין דיענסט פון דער רעגיע רונג. הא?

דער קליין-רוס האָט אַ פּאַך געטהאָן מיט'ן צוזאַמענגעדריקטען פויסט.

— פון דער רעגיערונג... אַך, דו פערפלוכטער נפש! בעסער וואָלט ער מיר אין באַק געגעבען, וואָלט מיר לייכטער געווען... און איהם פיעלייכט אויך. אָבער דאַן ווען ער האָט אַ שפּיי געטהאָן מיר אין הארצען מיט זיין פער'עפּוש'טער שפּייעכץ, האָב איך שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען.

אַנדריי האָט אַלץ געריסען זיין האַנד פון פּאוועל'ס הענד און האָט מיט עקעל פאַרטגעזעצט: — איך האָב איהם אַ פּאַטש געטהאָן אין באַק און בין אוועק... הער איך פון הינטער ווי דראַגונאָוו רופט זיך אָפּ אַזוי שטיל — אהא, אריינגעפאַלען? ער איז מסתמא געשטאַנען אין אַ ווינקעל... איך האָב זיך ניט אָבגעקעהרט... הגם איך האָב געפיהלט... איך האָב פערשטאַנען, אַז עס איז מעגליך... איך האָב געהערט אַ קלאַפּ... אַזאַ שווערען... אַ שטאַר־קען... איך געה מיר רוהיג, פּונקט ווי איך וואָלט צוטראַטען מיט'ן פוס אַ זשאַבע... איך האָב זיך געשטעלט צו דער אַרבייט, הער איך מען שרייט — איסאַיען האָט מען דער'הרג'עט! עס האָט זיך ניט געגלויבט... אָבער מיין האַנד האָט אָנגעהויבען נאַיען און עס איז מיר עפּעס ניט אָנגענעהם מיט איהר צו אַרבייטען... זי טהוט מיר ניט וועה, נאָר זי איז עפּעס ווי קירצער געוואָרען...

ער האָט קרום אַ קוק געטהאָן אויפ'ן האַנד און האָט געזאָגט:

— דעם גאַנצען לעבען וועל איך שוין געוויס ניט אָבוואַשען דיעזען מיאוס'ען פלעק...

— פּטור נו! אבי דיין הארץ איז ריין... טהיירינקער! — האָט ייך שטיל אָפּגערופען די מוטער.

— איך בעשולדיג זיך ניט... ניין! — האָט פעסט געזאָגט דער קליין־

רוס, — אָבער דאָס איז מיר אָבשייליך! עס איז מיר שווער צו טראָגען אין הארצען אזא שמוץ... דאָס אַלעס קען מען פערמיידען.

— וואָס דענקסטו צו טהאָן? — האָט פּאוועל געפרעגט, פערדעכטיג א קוק טהוענדיג אויף איהם.

— וואָס? — דער קליין־רוס האָט זיך פערטראַכט, אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און ווידער אויפהויבענדיג איהם, האָט ער מיט א שמייכעל א זאָג געטהאָן:

— זאָגען, אז איך האָב איהם א קלאַפּ געטהאָן... האָב איך, פערשטעהסט זיך, ניט מורא... אָבער איך שעהם זיך דאָס צו זאָגען.

ער האָט פאנאנדערגעפיהרט מיט די הענד, האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט נאָך א מאָל ווידערהאָלט:

— איך קען ניט! איך שעהם זיך!...

— איך פערשטעה דיך ניט! — האָט פּאוועל געזאָגט, א קוועטש טהוענדיג מיט די פּלייצעס, — דו האָסט איהם ניט דער'הרג'עט און ווען אפילו...

— ברודעריל, דאָס איז דאָך אָבער פּאָרט געווען א מענש... וויסען, אז מען הרג'עט א מענשען און ניט שטערען, דאָס איז פּיעלייכט א ניעדער־טרעכטיגע פייגהייט...

פּאוועל האָט פעסט געזאָגט:

— איך פערשטעה דאָס איינפאַך ניט...

און נאָכדענקענדיג א ווײַלע האָט ער צוגעגעבען:

— דאָס הייסט, פערשטעהן קען איך דאָס, אָבער פיהלען ניט.

עס האָט זיך דערהערט דאָס פייפען פון פאַבריק־פייפעל. דער קליין־רוס האָט פערנייגט דעם קאָפּ אויף א זייט און ווען ער האָט אויסגעהערט דעם מעכטיגען רוף, האָט ער געזאָגט:

— איך וועל ניט געהן ארבייטען...

— איך אויך ניט... — האָט זיך אָבגערופען פּאוועל.

— איך וועל געהן אין באָד! — האָט לאַכענדיג א זאָג געטהאָן דער קליין־רוס. ער האָט זיך פאַרטיג געמאַכט און איז אוועק א פערזאומערטער.

די מוטער האָט איהם דורכגעלאָזען מיט א מיטפיהלענדען בליק און האָט זיך געווענדעט צום זוהן:

— זאָג זיך וואָס דו ווילסט, פּאווליושאַ... איך וויים, אז עס איז אַן עבירה צו הרג'ענען א מענשען... אָבער איך בעשולדיג קיינעם ניט... ווען איך האָב א קוק געטהאָן אויף איסאַיען און האָב זיך דערמאָהנט, אז ער האָט געסטראַשעט דיך אויפצוהענגען, האָב איך ניט געפיהלט צו איהם קיין

האם און האָב זיך ניט געפרעהט, וואָס ער איז געשטאָרבען... איך האָב פּשוט רחמנות געהאַט... אָבער יעצט פיהל איך אפילו דאָס אויך ניט...

זי איז אויף א רגע אנטשוויעגען געוואָרען, האָט א טראַכט געטהאָן און דאַן האָט זי מיט א פערוואונדערטען שמייכעל בעמערקט:

— דו הערסט, פּאוועל, וואָס איך זאָג?...

פּאוועל האָט מסתמא ניט געהערט. ער איז לאַנגזאַם ארומגעגאַנגען איבער'ן צימער דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזען און פערטראַכט. דאַן האָט ער ארויסגעזאָגט:

— אזוי איז דאָס לעבען, מאַמע! דו זעהסט ווי די מענשען זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען איינע געגען די אַנדערע? דו ווילסט גאָר ניט און מוזט שלאָגען! און וועמען? פּונקט אזא רעכטלאָזען מענשען, וועלכער איז נאָך אונגליקליכער פון דיר, ווייל ער האָט קיין שכל ניט... די פּאָליציי, די זשאַנדאַרען, די שפּיאָנען — דאָס זיינען אַלץ אונזערע שונאים... אָבער זיי אַלע זיינען דאָך פּונקט אזעלכע מענשען ווי מיר, אויך זייער בלוט צאַפּט מען און אויך זיי רעכענט מען ניט פאַר מענשען... פּונקט דאָס זעלבע! אָבער אַט האָט מען אָנגערייצט די מענשען איינע אויף די אַנדערע, מען האָט זיי מיט דומהייט און סטראַשונקעס פערבלענדעט די אויגען, מען האָט זיי גע־בונדען הענד און פיס און מען זויגט זייער בלוט. מען דריקט זיי און מען שלאָגט איינע מיט די אַנדערע. די מענשען האָט מען פערוואַנדעלט אין ביקסען, אין שטעקענס, אין שטיינער און דאָס רופט מען קולטור! דאָס רופט מען מלוכה!...

ער איז צוגעגאַנגען נעהנטער צו דער מוטער.

— דאָס איז א פערברעכען, מאַמע! דער ניעדערטרעכטיגסטער מאָרד פון מיליאָנען מענשען... א גייסטיגער מאָרד... דו פערשטעהסט?... זיי טויטען די נשמה. דו זעהסט דעם אונטערשיעד צווישען אונז און זיי. ווען אימיצער פון אונז האָט וועמען געשלאָגען, איז דאָס איהם אָבשייליך, ער שעהמט זיך און עס טהוט איהם וועה... עס עקעלט איהם — דאָס איז די הויפּט־זאַך! אָבער זיי טויטען טויזענדע מענשען רוהיג, אָהן רחמנות, מיט פערגעניגען און פרייד און זייער הארץ טהוט אפילו קיין ציטער ניט! און זיי טויטען אַלעמען און אַלעס נאָר אום צו פערהיטען די האַלץ פון זייערע הייזער, אום צו האָבען מעבעל, גאָלד, זילבער, ווערטהלאָזע פּאַפּיערען און אַלעס, וואָס גיט זיי די מאַכט איבער די מענשען. בעטראַכט נאָר: ניט צוליעב זיך אַליין שלאַכטען זיי אוים גאַנצע פעלקער, ניט צוליעב זייער אייגענעם „איך" פער־קריפּלען זיי די מענשליכע הערצער, נאָר צוליעב זייער אייגענטהום... ניט אינערליך פערזיכערען זיי זיך, נאָר אויסערליך...

ער האָט גענומען איהרע הענד, האָט זיך איינגעבויגען, האָט זיי א טרייסעל געטהאָן און האָט געזאָגט:

— ווען דו וואָלסט דערפיהלט אָט דיזע געמיינהייט און שענדליכ־קייט, וואָלסטו דאָן פערשטאַנען אונזער לעהרע... דו וואָלסט דאָן איינזעהן ווי גרוים און העל זי איז!...

די מוטער האָט זיך אויפגעהויבען אַן אויפגערעגטע, אַנגעפילט מיט׳ן וואונש צו פעראייניגען איהר הארץ מיט דעם זוהן׳ס הארץ אין איין מעכ־טיגען פלאַם.

— ווארט, פאַוועל... ווארט! — האָט זי שווער אָטהעמענדיג געמור־מעלט — איך בין דאָך אויך א מענש! איך פיהל אויך... האָב נאָר געדולד!...

25.

אין פאָרהויז האָט זיך דערהערט א שאָרך. זיי האָבעןביידע א ציטער געטהאָן און אַנגעקוקט איינע די אַנדערע.

די טהיר האָט זיך געעפענט לאַנגזאַם און עס האָט זיך בעוויעזען די שווערע פיגור פון ריבין.

— אָט בין איך דאָ! — האָט ער, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, געזאָגט מיט א שמייכעל. — עס ציהט מיך שטענדיג אהין, וואו איך ברויט און זאַלץ געפין; איז נאָר עסען פראַן, קומען גלייך — דאָס איז מיין זאַך!

ער איז געווען אַנגעטהאָן אין א פּעלצעל, וועלכער איז געווען אין גאַנ־צען פערשמירט אין זשענאַכץ, אין לאַפּטשעס, הינטער זיין גארטעל האָבען געשטאַרטשעט זיינע הענדזשקעס, אויפ׳ן קאָפּ האָט ער געטראָגען א פּעלצענע היטעל.

— וואָס מאַכט איהר? הייסט דאָס זיי האָבען דיך ארויסגעלאָזען, פּאַוועל? אַזוי. ווי לעבט זיך דיר עפּעס, נילאָוונאַ? — ער האָט ברייט געשמייכעלט, ארויסצייגענדיג זיינע ווייסע צייהנער. זיין שטימע האָט געקלונגען ווייכער ווי פריהער און זיין פּנים איז נאָך געדיכטער בעוואַקסען געוואָרען מיט האָאָר.

די מוטער האָט זיך דערפרעהט, איז צוגעגאַנגען צו איהם, האָט געדריקט זיין גרויסע, שווארצע האַנד און, איינאָטהעמענדיג דעם געזונדען, שטאַרקען ריח פון די זשענאַכץ, האָט זי געזאָגט:

— אַך, דו... נו, דאָס פרעהט מיך... וואָס מאַכסטו?

פּאַוועל האָט געשמייכעלט אַנקוקענדיג ריבינען.

— ניט קיין שלעכטער פּויער!...

ריבין האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעטהאָן און האָט געזאָגט:

— יא, איך בין וויעדער געוואָרען א פּויער... איהר ווערט בּיסלעכווייז

פריצים, איך אָבער געה צוריק... יאָ! אויסטהוענדיג אויף גיך זיין העמדעל איז ער אריין אין צימער, האָט איהם אויפמערקזאם בעטראכט און האָט ערקלעהרט:

— רייכער, ווי עס שיינט, זיינט איהר ניט געוואָרען, אָבער ביכער איז צוגעקומען... יאָ. נו, דערצעהלט, ווי געהט דאָס געשעפט?

— דאָס געשעפט געהט פּאָרווערטס! — האָט פּאַוועל געענטפערט.

— מיר זייען און שניידען און קענען ניט ליידען קיין ליגענס, זלזולים, קיין פאַלשע בלבולים. מיר קלייבען די זאַנגען פון פעלד מיט געזאַנגען און טרינקען ביז שיכור, — אָט דאָס איז דער עיקר. גוט, האַ? נו, אויב אַזוי, איז פיין, זעהר פיין!

— טהעע וועסטו טרינקען? — האָט די מוטער געפרעגט.

— פאַר וואָס ניט? אַ גלעזעל בראַנפען וואָלט איך אויך גענומען... און וועט איהר געבען עסען, וועל איך זיך אויך ניט אָפּזאָגען... עס פרעהט מיך ווידער צו זעהן זיך מיט אייך... אָט דאָס איז די זאַך.

— אַלזאָ, וואָס מאַכט איהר, מיכאַילאָ איוואַנאָוויטש? — האָט פּאַוועל געפרעגט, זעצענדיג זיך גענענאיבער איהם.

— גאָרנישט. מען לעבט. אין יעגילדעיעווא האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. איהר האָט געהערט יעגילדעיעווא? אַ טהייערער דאָרף. צוויי ירידען קומען דאָרט פאַר יעדען יאָהר, איינוואוינער זיינען דאָרט פאַראַן איבער צוויי טויזענד — אַ שלעכטער פאָלק! קיין אייגענע ערד האָבען זיי ניט, נעהמען זיי אין ארענדע שלעכטע ערד. האָב איך זיך פערדונגען פאַר אַ קנעכט צו אַ דאָרטיגען הויט־שינדער — דאָרטען זיינען דאָ אַ סך אַזעלכע, ווי פליגען אויף אַ טויטען קערפּער. טרייבען מיר זשעגאַכץ, ברענען קוילען. פאַר דער אַרבייט קריג איך בעצאָהלט פיער מאָל וועניגער און האָרעווען מוז איך צוויי מאָל אַזוי פיעל, ווי דאָ. יאָ... יאָ... מיר זיינען דאָרט זיעבען לייטע ביי דיעזען הויט־שינדער... דורכאויס יונגע, אַלע דאָרטיגע, אויסער איך... קענען אַלע לעזען... און איינער, יעפים, איז אַ דורכגעטריבענער יונג!

— נו, שמועסט איהר עפּעס מיט זיי? — האָט פּאַוועל לעבהאַפט געפרעגט.

— איך שווייג שוין גראָד ניט. איך האָב מיט זיך אָוועקגעפיהרט אַלע היעגע בלעטלעך — פיער און דרייסיג שטיק. אָבער איך בענוץ זיך מיט דער ביבעל. דאָרט איז דאָ וואָס צו נעהמען: אַ דיקער בוך, אַ קאַזיאָנער, געדרוקט פון הייליגען סינאָד אַליין און די לייטע גלויבען אין דעם גיכער.

ער האָט אַ פינטעל געטהאָן מיט די אויגען צו פּאַוועלען און שמייכלענדיג האָט ער ווייטער פאָרטגעזעצט:

— אָבער דאָס אַלץ איז ניט געווּנג. איך בין געקומען צו דיר נאָך ביכלעך. מיר זיינען דאָ באַנאַנד. אָט דער יעפּים איז אויך מיט מיר. מיר האָבען צוזאַמען געפיהרט זשעגאַכץ, נו, האָבען מיר זיך אַראָפּגעכאַפּט צו דיר... גיב מיר ביכלעך, ביז וואַנען יעפּים איז נאָך ניט געקומען... עס איז ניט נויטיג, אַז ער זאָל אַלץ ווּיסען.

די מוטער האָט געקוקט אויף ריבינען און עס האָט זיך איהר געדוכט, אַז צוזאַמען מיט'ן ראָק האָט ער פון זיך אַרונטערגענומען נאָך עפּעס. ער איז געוואָרען וועניגער סאָליד און זיינע אויגען האָבען געקוקט כיטרע, ניט אַזוי אָפען ווי פריהער.

— מאַמע, — האָט פּאַוועל געזאָגט, — געה אַרונטער און ברענג ביכער. דאָרט ווייס מען שוין, וואָס צו געבען... זאָג — פאַר אַ דאָרף.

— גוט! — האָט די מוטער געזאָגט. — אָט זאָל נאָר פאַרטיג ווערען דער סאַמאָוואַר, וועל איך גלייך געהן.

— דו גיסט זיך שוין אויך אָפּ מיט דעם, נילאָוונאַ? — האָט ריבין לאַכענדיג געפרעגט. — אַזוי. בעלנים אויף ביכלעך זיינען דאָרט פאַראַן אַ סך. דער לעהרער געוועהנט זיי צו דעם... מען זאָגט, אַז ער איז אַ וואַוילער בחור, הגם ער שטאַמט פון גייסטליכע. אַ לעהרערקע איז אויך דאָ אַ ווייאָרסט זיבען פון דאָרטען... אָבער מיט פערבאָטענע ביכער אַרבייטען זיי ניט. זיי זיינען דאָך בעאַמטע, — האָבען זיי מורא. איך מעג אָבער האָבען אַ פער־באָטענעם, שאַרפען ביכעל... נו, וועל איך אַרבייטען אויף זייער רעכענונג... ווען דער פּריסטאַוו אָדער דער גלח וועלען דערזעהן אַ פערבאָטענעם ביכעל, וועלען זיי דענקען, אַז דאָס האָבען די לעהרער פערזייהט! און איך וועל דערווייל ביז אַ צייט בלייבען פון דער זייט!

און אַ צופריעדענער מיט זיין קלוגשאַפט, האָט ער זיך פרעהליך פאַ־נאַנדערגעלאַכט.

— זעה נאָר! — האָט די מוטער אַ טראַכט געטהאָן. — קוקסט אויס ווי אַ בער און לעבסט ווי אַ פוקס...

פּאַוועל האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און שפּרייזענדיג איבער'ן צימער מיט גלייכע טריט, האָט ער מיט פאָרוואורף געזאָגט:

— ביכער וועלען מיר אייך געבען... אָבער דאָס, וואָס איהר קלייבט זיך צו טהאָן, איז ניט שעהן, מיכאַאיל איוואַנאָוויטש...

— פאַר וואָס עפּעס ניט שעהן? — האָט ריבין, ברייט פאַנאַנדער־עפענענדיג די אויגען, געפרעגט.

— פאַר דעם, וואָס איהר טהוט, דאַרפט איהר אַליין זיין פעראַנט־וואָרטליך... און אָוועקשטעלען די זאַך אַזוי, אַז אַנדערע זאָלען טראָגען די

פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר אייער אַרבייט — איז ניט שעהן! — אין פאַר־וועל'ס שטימע האָט זיך געהערט אַ פעררדרוס און אַ פאָרוואורף.

ריבין האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן פאָדלאָגע, האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און האָט געזאָגט:

— איך פערשטעה ניט וואָס דו רעדסט.

— ווי דענקט איהר, — האָט פּאַוועל געפרעגט, אָפּשטעלענדיג זיך לעבען איהם, — אויב מען זאָל די לעהרערס חושד זיין, אַז זיי גיבען פאַר־נאַנדער די פערבאָטענע ביכלעך, וועט מען זיי אַריינזעצען אין טורמע?

— געוויס... אָבער וואָס געהט דאָס מיך אָן? — האָט ריבין געפרעגט.

— איהר האָט דאָך געגעבען די ביכלעך און ניט זיי! דאַרפט איהר געהן אין טורמע...

— עה, דו לץ! — האָט ריבין אַ לאַך געטהאָן, אַ קלאַפּ טהוענדיג זיך מיט'ן האַנד איבער'ן קניע, — ווער וועט דאָס אויף מיר דענקען? פּאַסירט דען, אַז אַ פּראָסטער פּויער זאָל זיך בעשעפטיגען מיט אַזעלכע זאַכען. אַ ביכעל איז אַ פּריצישע זאַך. נו, דאַרפען זיי דערפאַר בעצאָהלען...

די מוטער האָט געפיהלט, אַז פּאַוועל פערשטעהט ניט ריבינען און זי האָט בעמערקט, ווי ער האָט פערזשמורעט די אויגען און דאָס איז אַ סימן, אַז ער איז אין כעס. זי האָט פּאָרזיכטיג און ווייך אַ זאָג געטהאָן:

— מיכאַאיל איוואַנאָוויטש וויל טהאָן די אַרבייט; די קאָסטען זאָלען אָבער אַנדערע טראָגען.

— אָט דאָס טאַקע מיין איך! — האָט זיך אָפּגערופען ריבין, גלעט־טענדיג זיין באָרד.

— מאַמע, — האָט פּאַוועל אויסגערופען, — אויב אימיצער פון אונז, אַנדריי צום ביישפּיעל, זאָל עפּעס אָפּטהאָן ביי מיר אונטער'ן האַנד און מען זאָל מיך דערפאַר אַריינזעצען אין טורמע, וואָס וואָלסטו דאַן זאָגען?

די מוטער האָט אַ ציטער געטהאָן, האָט פערוואונדערט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זוהן און האָט, אַ שאָקעל טהוענדיג מיט'ן קאָפּ, געזאָגט:

— ווי קען מען דען האַנדלען אַזוי געגען אַן אייגענעם חבר?

— אַהאַ־אַ — האָט ריבין אויסגעצויגען. — יעצט, פּאַוועל, פערשטעה איך דיר שוין!

ער האָט שפּאָטיש אַ וואונק געטהאָן און האָט זיך געווענדעט צו דער מוטער:

— דאָס, מוטער, איז אַ האַרבע פראַגע. — און ווידער האָט ער אָנ־געהויבען ריידען צו פּאַוועלן מיט'ן טאָן פון אַ לעהרער:

— דו ביזט נאָך אַ גרינגער, ברודערעל. אין געהיימע זאַכען דאַרף מען

קיין יושר ניט זוכען. בעטראַכט נאָר... ערשטענס, וועט מען אין טורמע אַריינזעצען פריהער דעם, ביי וועמען מען געפינט די ביכלעך און ניט די לעהרערם; צווייטענס פערשפּרייטען די לעהרערס ערלויבטע ביכער, אָבער אין זיי רעדט זיך דאָס זעלבע, וואָס אין אונזערע, נאָר מיט אַנדערע ווערטער; דאָס הייסט, זיי ווילען דאָס זעלבע וואָס מיר, אָבער זיי גאהען הינטען־אַרום און איך גאה מיט'ן גלייכען וועג... פאַר דער פּאָליציי אָבער זיינען מיר די זעלבע שולדיגע. וואָס ניט אַזוי, אפשר? דריטענס, ברודער, קימערען מיר די מענשען גאָר ניט. אַ פוס־געהער איז ניט קיין חבר צום רייטער. געגען אַ פּויער וואָלט איך אפשר אַזוי ניט געהאַנדעלט, אָבער זיי זיינען אַן אַנדער זאַך. איין לעהרער איז אַ זוהן פון אַ גלח; אַ צווייטע איז אַ טאָכטער פון אַ גוטס־בעזיצער. וואָס פאַר אַן אינטערעס זיי האָבען אויפצוהויבען דאָס פּאָלק, ווייס איך ניט... איך קען עס ניט בעגרייפען! זייערע פּריצישע געדאַנקען זיינען אונז, פּויערים, אונפערשטענדליך. וואָס איך טהו אַליין, ווייס איך, אָבער וואָס זיי ווילען, איז פאַר מיר אַ רעטעניש. טויזענד יאָהר נאָכאַנאַנד האָבען זיי רוהיג געהערשט, די פּריצים, און האָבען פון אונז, פּויערים, געשונדען די הויט. יעצט ווילען זיי פּלוצלונג עפענען די פּויערים די אויגען. איך, ברודערל, גלויב ניט אין קיין מעשה'לעך, און דאָס קלינגט ווי אַ מעשה. איך בין מיט אַלע פּריצים פון דער ווייטענס. עס קומט מיר אויס אַזוי: דו פאָהרסט ווינטער אין אַ פעלד, דו זעהסט עס בעוועגט זיך פון ווייטען עטוואָס לעבעדיגעס, דו פרעגסט זיך אַליין: וואָס איז דאָס? אַ וואָלף, אַ פוקס אָדער פּראָסט אַ הונד? איך קען ניט זעהן, עס איז צו ווייט און איך קען זיך ניט פאַנאַנדערקלייבען.

די מוטער האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זוהן. זיין פּנים איז געוועזן פערחומערט.

ריבין'ס אויגען האָבען פינסטער געגלאַנצט. ער האָט אָנגעקוקט פּאַוולען מיט אַ שטאָלצער צופריעדענהייט. ער האָט געקעמט זיין באָרד מיט די פינגער און האָט אויפגערעגטערהייד ווייטער גערעדט:

— איך האָב קיין צייט ניט, קיין שעהנע ווערטער צו ריידען. דאָס לעבען מאַכט אַן ערנסטען פּנים. אַ הינטישע בודקע איז ניט קיין שעפּסען־שטאָל און יעדע סטאַדע בילט אויף איהר שטייגער...

— עס זיינען פאַראַן פּריצים, וואָס גיבען אָפּ זייער לעבען פאַר'ן פּאָלק, וואָס מאַטערען זיך יאָהרען־לאַנג אין די טורמעס... — האָט די מוטער אַרויסגערעדט, דערמאָהנענדיג זיך אָן די בעקאַנטע פערזאָנען, וואָס פּלעגען קומען צו זיי אין הויז.

— וועגען דיעזע רעדט מען ניט. זיי מוז מען אַרויסנעהמען פון כּלל, —

האַט ריבין געזאָגט. — ווערט אַ פּויער רייך, הויבט ער זיך אָן צו שטופּען צו די פּריצים, ווערט אַ פּריץ אָרים, שטופּט ער זיך צו די פּויערים. איז דער טייטשער קליין — איז די נשמה ריין... געדענקסט, פּאַוועל, דו האָסט מיר אַליין ערקלעהרט, דאָס ווי איינער לעבט אזוי טראַכט ער. ווען אַן אַר־בייטער זאָגט: „יא", מוז דער בעל הבית זאָגען: „ניין". אָבער ווען אַן ארבייטער זאָגט ניין, מוז דער בעל הבית זאָגען יא. דאָס ליעגט שוין אין דער נאַטור פון די מענשען. אזוי האָבען די פּויערים און די פּריצים פער־שיעדענע נאַטורען. איז דער פּויער זאַט — פּיהלט זיך דער פּריץ מאַט. פערשטעהט זיך צווישען יעדען שטאַנד זיינען פאַראַן זיינע אויסוואורפען און איך וויל אין קיין פאַל ניט געהן פערטהיידיגען אַלע פּויערים.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט אַ דונקעלער און שטאַרקער. זיין פּנים איז פינסטער געוואָרען. די באָרד האָט געציטערט, פּונקט ווי ער וואָלט שטילערהייד געקלאַפּט מיט די צייהנער, און ער האָט מיט אַ נידריגער שטימע פאָרטגעזעצט:

— פינף יאָהר האָב איך זיך געוואָלגערט אויף די פאַבריקען. איך האָב מיך אָבגעוואָוינט פון דאָרף. ווען איך בין געקומען אַהין און האָב זיך ארומ־געזעהן, האָב איך געפיהלט, אַז איך קען אזוי ווייטער ניט לעבען! פער־שטעהסטו? איך קען ניט! איהר לעבט דאָ, איהר ווייסט ניט פון קיין הונ־גער, איהר שטעהט ניט אוים אַזעלכע בעליידיגונגען... אָבער דאָרטען פּויזעט דער הונגער נאָך דעם מענשען, ווי אַ שאָטען, און זיי האָבען אפילו קיין האָפנונג ניט אויף ברויט. גאָרניט. דער הונגער האָט אויפגעפרעסען זייערע הערצער, האָט אָבגעווישט זייער מענשליכען אויסזעהן. די מענשען לעבען דאָרטען ניט, זאָנדערן זיי פוילען אין שרעקליכער נויט... און ארום זיי דרעהט זיך די נאַטשאַלסטוואָ ווי אַ סטאַדע קראָהען און היט זיי צו זיי האָבען ניט אָן איבעריגען ביסען. זעהען זיי נאָר, אַז עס געפינט זיך אָן איבעריגער ביסען, רייסען זיי עס ארויס און גיבען נאָך דערצו אין די צייהנער.

ריבין האָט זיך ארומגעקוקט און האָט זיך איינגעבויגען צו פּאַוולען. אָנשפּאַרענדיג זיך מיט דער האַנד אָן טיש, האָט ער פאָרטגעזעצט:

—מיר איז זאָגאַר עקעלדיג געוואָרען, ווען איך האָב ווידער אַ קוק געטהאָן אויף דיעזען לעבען... איך זעה: איך קען ניט בלייבען. און דאָך האָב איך זיך גובר געווען און האָב געזאָגט צו זיך: זיי ניט צולאָזען, האַרץ! איך בלייב דאָ... איך וועל קיין ברויט קיינעם ניט געבען, אָבער אַ קאַשע וועל איך דאָ פערקאָכען... יא, ברודער, דאָס טהו איך. איך האָס די מענשען צוליעב די מענשען גופא. דיעזער האָס שטעקט מיר ווי אַ מעסער אין האַר־צען און ציטערט אַהין און צוריק.

זיין שטערען איז פערשוויצט געוואָרען. ער האָט זיך לאַנגזאַם צו־גערוקט צו פּאַוולען און האָט אַרויפגעלעגט זיין האַנד אויף פּאַוועלס פּלייצע. זיין האַנד האָט געציטערט:

— העלף מיר! גיב מיר ביכער! אָבער אַזעלכע, דאָס ווען דער מענש וועט זיי דורכלעזען, זאָל ער קיין רוה ניט געפינען. מען מוז די מענשען אַריינשטופּען אַ יאַזשיק אונטער'ן שאַרבען, אַ שטעכעדיגען יאָזלעק. זאָג דיינע שטאָדטיגע, וועלכע שרייבען פאַר אייך, אַז זיי זאָלען אויך שרייבען פאַר'ן דאָרף! אָבער זאָלען זיי שרייבען אַזוי, אַז עס זאָל בריהען, בראָטען, אַז דאָס פאָלק זאָל געהן מיט אַ פריידען־שמייכעל צום טויט.

ער האָט אויפגעהויבען די האַנד און האָט, לאַנגזאַם אַרויסריידענדיג דייטליך יעדעס וואָרט, געזאָגט:

— דעם טויט בעזיעגט מען נאָר מיט'ן טויט! דאָס איז די זאַך! מען מוז שטאַרבען, אום די מענשען זאָלען אויפלעבען. זאָלען שטאַרבען טויזענדע, אום דאָס גאַנצע פאָלק זאָל אויפלעבען. אָט ווי איך פערשטעה שטאַרבען איז לייכט. וואָלטען נאָר די אַנדערע אויפלעבען! וואָלטען זיך נאָר די מענשען אויפהויבען!

די מוטער האָט אַריינגעבראַכט דעם סאַמאָוואַר און האָט קרום אַ קוק געטהאָן אויף ריבינען. זיינע שווערע ווערטער האָבען געדריקט איהר האַרץ. אין איהם איז געוועזען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט איהר דערמאָהנט אָן איהר מאַן: ער פלעגט אויך אַזוי קריצען מיט די צייהנער, מאַכען מיט די הענד, פאַרקאַטשען די אַרבעל. אין איהם האָט געלעבט די זעלביגע אונגעדולד און דער זעלביגער וואוטה. יענער איז געוועזען שטום, דער אָבער האָט גע־רעדט און האָט דעריבער צו זיך ניט ערוועקט אַזאַ מורא.

— דאָס דאַרף מען! — האָט געזאָגט פּאַוועל, אַ שאָקעל טהוענדיג מיט'ן קאָפּ. מען דאַרף אויך פאַר'ן דאָרף אַ צייטונג... איהר גיט אונז די מאַטעריאַל און מיר וועלען אייך דרוקען אַ צייטונג.

די מוטער האָט מיט אַ שמייכעל אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זוהן, האָט גע־טהאָן אַ צופריעדענעם שאָקעל מיט'ן קאָפּ, האָט זיך אָנגעטהאָן און איז שוויי־גענדיג אַוועק פון הויז.

— דו טהו נאָר! מיר וועלען דיר שוין אַלעס צושטעלען. נאָר שרייבט איינפאַכער, פּראָסטער, אַז אפילו קעלבער זאָלען אויך פערשטעהן! — האָט ריבין אויסגערופען.

.26

אין קיך האָט זיך געעפענט די טהיר און אימיצער איז אַריינגעקומען.

— דאָס איז יעפים! — האָט געזאָגט ריבין. — קום אַהער, יעפים.

דאָס איז יעפּים... און דער מאַן דאָ הייסט פּאַוועל. איך האָב דיר פון איהם דערצעהלט.

פאַר פּאַוולען איז געשטאַנען מיט'ן היטעל אין האַנד, אין אַ קורצען האַלב־פּעלצעל, אַ בלאָנד־געלאָקטער, שטאַטליכער, קרעפטיגער בחור מיט אַ ברייטען פּנים. ער האָט איהם אָנגעקוקט מיט לויערענדע גרויע אויגען.

— גוט מאָרגען! — האָט ער אַ ביסעל הייזעריג אַרויסגעזאָגט. ער האָט אַ דריק געטהאָן פּאַוולען די האַנד און האָט מיט ביידע הענד בעגלעט זיינע האָאָר. דערנאָך האָט ער בעטראַכט דעם צימער און האָט זיך פער־גנב'ענענדיג צוגעשאַרט צו דער ביכער־פּאָליצע.

— דערזעהן? — האָט ריבין אַרויסגערעדט, ווינקענדיג מיט'ן אויג צו פּאַוולען. יעפּים האָט זיך אָבגעקעהרט, האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און האָט זיך גענומען דורכקוקען די ביכער, זאָגענדיג דערביי:

— וויפיעל ביכער איהר האָט דאָ צום לעזען! און קיין צייט צום לעזען האָט איהר מסתמא ניט. אין דאָרף דערפאַר איז דאָ מעהר צייט צום לעזען.

— און חושק צום לעזען האָט מען דאָרטען נאָך וועניגער ווי דאָ? — האָט פּאַוועל געפרעגט.

— פאַרוואָס? חושק איז פאַראַן, — האָט יעפּים געענטפערט, זיך רייבענדיג די מאָרדע. עס איז יעצט געקומען אַ צייט, ווען מען מוז זיך פער־טראַכטען. און ווילסטו עס ניט, דאַן לייג זיך און שטאַרב! דאָס פאָלק וויל ניט שטאַרבען און דארום האָט ער אָנגעהויבען זיך צו ריהרען פון אָרט און טראַכטען. „געאָלאָגיע“ — וועגען וואָס רעדט זיך אין דיעזען בוך?

פּאַוועל האָט איהם ערקלעהרט.

— דאָס איז ניט פאַר אונז! — האָט יעפּים אַרויסגעזאָגט, אַוועק־שטעלענדיג דעם בוך צוריק אויפ'ן פּאָליצע.

ריבין האָט הויך אָבגעזיפצט און האָט בעמערקט:

פאַר דעם פּויער איז ניט וויכטיג צו וויסען פון וואַנען די ערד האָט זיך גענומען, זאָנדערן ווי אַזוי די פּריצים האָבען איהר אַרויסגעריסען פון אונטער דעם פּאָלקס פיס. אויב די ערד שטעהט אָדער זי דרעהט זיך, דאָס איז גאַנץ גלייך. דו קענסט איהר פון מיינעטוועגען אויפהענגען אויף אַ שטרי־קעל, ווען זי גיט דיר נאָר עסען.

— געשיכטע פון דער שקלאַפעריי! — האָט יעפּים ווידער איבער־געלעזען און האָט אַ פרעג געטהאָן פּאַוולען:

— איז דאָס וועגען אונז?

— אין דיעזען בוך איז אויך פאַראַן וועגען פּאַנשטשיזנע! — האָט פּאַוועל געענטפערט, דערלאַנגענדיג איהם אַ צווייטען ביכעל. יעפּים האָט

גענומען דעם בוך, האָט איהם בעטראַכט און איהם אָבלייגענדיג אָן אַ זייט, האָט ער רוהיג אַרויסגעזאָגט:

— דאָס איז שוין אַריבער.

— איהר האָט ערד? — האָט פּאַוועל געפרעגט יעפימען.

— מיר? יאָ! מיר זיינען דריי ברידער, און אונזער לאַנד האַלט פיער דעסיאַטין... אַלץ זאַמד — מען קען מיט דעם פּוצען קופּער, אָבער צו פערזייהען טויג עס ניט. און שוויינענדיג אַ ווײַלע האָט ער פאָרטגעזעצט:

— איך האָב זיך בעפרייט פון דער ערד. וואָס טויג זי מיר? שפּייזען שפּייזט זי ניט און בינדט נאָר די הענד און פיס. עס איז שוין דער פערטער יאָהר, ווי איך האָב זיך פערדונגען פאַר אַן אַרבייטער און אין הערבסט דאַרף איך שוין געהן דיענען פאַר אַ סאָלדאַט. מיכאַילאָ זאָגט מיר: „געה ניט!" ער זאָגט מען שיקט יעצט די סאָלדאַטען שיסען דעם פאָלק. איך דענק אָבער יאָ צו געהן. די סאָלדאַטען האָבען געשלאָגען דעם פאָלק אין סטענקאַ ראַזין'ס צייטען און אין פּוגאַטשאָוו'ס צייטען. עס איז שוין צייט צו מאַכען אַ סוף צו דעם... ווי דענקט איהר? — האָט ער אַ פרעג געטהאָן פּאַוולען, איהם אַנקוקענדיג.

— עס איז שוין צייט! — האָט פּאַוועל געענטפערט מיט אַ שמייכעל.— אָבער עס איז שווער! מען מוז וויסען וואָס צו זאָגען די סאָלדאַטען און ווי זיי צו זאָגען, אַז זיי זאָלען עס פערשטעהן.

— וועל איך זיך צולערנען אַביסעל, וועל איך קענען! — האָט יעפים געזאָגט.

— אָבער ווען די נאַטשאַלסטוואָ זאָל דיך כאַפּען, וועט מען דיך דערשיסען, — האָט פּאַוועל געענדיגט, נייגעריג אַנקוקענדיג יעפימען.

זי שאָנעוועט ניט! — האָט יעפים רוהיג צוגעשטימט און האָט ווידער גענומען פאַנאַנדערקוקען די ביכער.

— טרינקט טהעע, יעפים. מיר מוזען באַלד פאָהרען! — האָט געזאָגט ריבין!

— שוין! — האָט זיך אָבגערופען יעפים, און האָט ווידער אַ פרעג געטהאָן:

— רעוואָלוציע! מיינט דאָס אַ בונט?

אַנדריי איז אַריינגעקומען אַ רויטער, אַ צוהיצטער, אַ פערמאָרעטער. ער האָט שוויינענדיג אַ דריק געטהאָן יעפים'ס האַנד און האָט זיך געזעצט לעבען ריבינען און האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— וואָס ביזטו אַזוי פערמאָרעט? — האָט ריבין איהם אַ פרעג געטהאָן און האָט איהם אַ פּאַטש געטהאָן מיט'ן האַנד אויפ'ן קניע.

— אזוי זיך... — האָט געענטפערט דער קליין־רוס.

— אויף אַן ארבייטער? — האָט יעפים געפרעגט, אָנצייגענדיג מיט'ן קאָפּ אויף אַנדרייען.

— יאָ! — האָט אַנדריי געענטפערט. — וואָס איז?

— ער זעהט צום ערשטען מאָל פאַבריק־ארבייטער! — האָט ריבין ערקלעהרט, — ער זאָגט, אז דאָס זיינען גאָר אַנדערע מענשען...

— מיט וואָס זיינען זיי אַנדערש? — האָט פּאַוועל געפרעגט.

יעפים האָט אויפמערקזאַם בעטראַכט אַנדרייען און האָט געענטפערט:

— איהר האָט שאַרפע ביינער. ביי די פּויערים זיינען די ביינער קיי־לעכדיגער...

— דער פּויער שטעהט רוהיגער אויף די פיס! — האָט צוגעגעבען ריבין, — ער פיהלט אונטער זיך די ערד, הגם ער האָט קיין ערד ניט, אָבער ער פיהלט די ערד. אַ פאַבריק־ארבייטער איז אָבער ווי אַ פויגעל — ער האָט קיין פאָטערלאַנד ניט און קיין היים ניט; היינט איז ער דאָ, מאָרגען דאָרטען! איהם קען אפילו אַ פרוי אויך ניט צובינדען צו אַ בעשטימטען פּלאַץ, ווי נאָר עפּעס — דאַן אַדיע, טהייערינקע, און ער געהט זיך זוכען וואו בעסער איז. דער פּויער אָבער וויל ארום זיך בעסער מאַכען, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט... עהע, אַט איז די מוטער אויך געקומען!

און ריבין איז ארויס אין קיך. יעפים איז צוגעגאַנגען צו פּאַוועלען און האָט איהם אַ פרעג געטהאָן:

— אפשר קענט איהר מיר געבען אַ וועלכען ניט איז ביכעל?

— מיט פערגעניגען! — האָט פּאַוועל געענטפערט.

יעפים'ס אויגען האָבען דורשטיג אויפגעלויכטען און ער האָט גיך געזאָגט:

— איך וועל עס אייך אומקעהרען. אונזערע לייטע פיהרען דאָ ניט ווייט זשעגעכץ, וועלען זיי עס אייך ברענגען. אַט, אַ דאַנק אייך. יעצט איז אַ ביכעל ווי אַ ליכט אין מיטען דער נאַכט...

ריבין האָט זיך צוריקגעקעהרט שוין אַן אָנגעטהאָנענער, שטייף ארום־געגאַרטעלט און ער האָט זיך געווענדעט צו יעפים'ען:

— נו, לאָמיר פאָהרען, עס איז שוין צייט.

— אַט וועל איך יעצט האָבען וואָס צו לעזען! — האָט יעפים אויס־געשריען, אָנצייגענדיג אויף די ביכער און האָט אַ ברייטען שמייכעל געטהאָן. ווען זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען, האָט פּאַוועל מיט פרייד אויסגערופען, זיך ווענדענדיג צו אַנדרייען:

— ווי געפעלען דיר חברה־לייט?...

— יאָ־אָ! — האָט לאַנגזאַם אויסגעצויגען דער קליין־רוס, — ווי

וואָלקענס פאַר דעם זונען־אונטערגאַנג... געדיכטע, פינסטערע און בעוועגען זיך לאַנגזאַם...

— וואָס זאָגט איהר צו מאַכאַילאָ'ן ? — האָט די מוטער אויסגערופען. — פונקט ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל אויפ'ן פאַבריק ניט געאַרבייט, ער איז ווידער געוואָרען אַ פּויער... און אַזאַ שרעקליכער!

— אַ שאָד וואָס דו ביסט ניט געווען! — האָט פּאַוועל געזאָגט צו אַנדריי'ען, וועלכער האָט פערכמורעט געקוקט אויפ'ן גלאָז טהעע, זיצענדיג ביים טיש. — אָט וואָלסטו איינמאָל געקענט זעהן אַ האַרץ, דו רעדסט דאָך שטענדיג וועגען האַרץ! ריבין האָט אויף מיר אַרויפגעיאָגט אַזוי פיעל פּאַרע... ער האָט מיך אַנידערגעוואָרפען און האָט מיך צוגעדריקט!... איך האָב איהם גאַרניט געקענט ענטפערען... וויפיעל אונצוטרוי ער האָט דאָס צו די מענשען... און ווי ביליג ער שעצט זיי! און גאַנץ ריכטיג זאָגט די מאַמע, אַז דיעזער מענש טראָגט אין זיך אַ שרעקליכע קראַפט!...

— דאָס האָב איך געזעהן! — האָט מיט כעס געענטפערט דער קליין־רוס, — מען האָט פער'סם'ט די מענשען! ווען זיי וועלען זיך אויפהויבען, וועלען זיי אַלץ איבערקעהרען קאַפּויר! זיי דאַרפען נאָר די נאַקעטע ערד... און זיי וועלען איהר מאַכען נאַקעט, זיי וועלען אַלעס אָפּרייסען!

ער האָט גערעדט לאַנגזאַם און עס איז קענטיג געווען, אַז ער דענקט וועגען וואָס אַנדערש. די מוטער האָט זיך פאָרזיכטיג אָנגעריהרט אָן איהם.

— דו וואָלסט געדאַרפט קומען אַ ביסעל צו זיך, אַנדריושאַ!

— וואַרט אויס, מאַמעלע! — האָט דער קליין־רוס איהר שטיל און צערטליך אַ בעט געטהאָן. — דאָס איז דאָך פאַרט ניעדריג... ווען איך האָב דאָס אַפּילו ניט געוואָלט! וואַרט נאָר! און פּלוצלונג אויפרעגענדיג זיך, האָט ער אָנגעפאַנגען ריידען, אַ קלאַפּ טהוענדיג מיט'ן האַנד אָן טיש:

— יאָ, פּאַוועל, דער פּויער וועט ברענגען די ערד צו גרונד, ווען ער וועט זיך אויפהויבען! ער וועט אַלץ פערברענען ווי נאָך אַ מגפה, אום צו פערוועהען מיט אַש די שפּורען פון זיינע בעליידיגונגען...

— און נאָכדעם וועט ער זיך אונז שטעלען אין וועג! — האָט שטיל בעמערקט פּאַוועל.

— איז אונזער זאַך ניט צו דערלאָזען דאָס. מיר דאַרפען איהם איינ־האַלטען! מיר זיינען מעהר ווי אַלע אַנדערע נעהנטער צו איהם... אונז וועט ער גלויבען און וועט אונז נאָכפאָלגען!

— ווייסט, ריבין שלאָגט אונז פאָר אַרויסצוגעבען אַ צייטונג פאַר'ן דאָרף! — האָט איהם פּאַוועל דערצעהלט.

— דאָס מוזען מיר טאָקע טהאָן... און באַלד!

פּאָוועל האָט אַ לאַך געטהאָן און האָט געזאָגט:
— מיר פּערדריסט, וואָס איך האָב ניט געקענט מיט איהם דיספּוטירען!
דער קליין־רוס האָט אַ הויב געטהאָן דעם קאָפּ און האָט רוהיג בעמערקט:
— מיר וועלען נאָך צייט האָבען! דו שפּיעל נאָר אויף דעם פייפעל. ווער עס האָט נאָר פרעהליכע פיס, וועלכע זיינען נאָר אין דער ערד ניט איינגעוואקסען, יענע וועלען שוין טאַנצען נאָך דיין דודקע. ער, ריבין, האָט ריכטיג געזאָגט — מיר פיהלען אונטער זיך ניט די ערד און מיר דאַרפען דאָס גאָר ניט. און דערפאַר טאַקע איז דאָס אונזער אויפגאַבע אויפצור־טרייסלען די גאַנצע ערד. מיר וועלען איינמאָל אַ טרייסעל טהאָן, — וועלען זיך אָפּרייסען איניגע מענשען, נאָך אַ מאָל אַ טרייסעל טהאָן — וועלען אַנדערע נאָכפאָלגען!...
די מוטער האָט שמייכלענדיג אַ זאָג געטהאָן:
— פאַר דיר, אַנדריי, איז אַלעס איינפאַך!
— נו, יאַ! — האָט זיך אָפּגערופען דער קליין־רוס, — עס איז טאַקע איינפאַך! און ער האָט פינסטער צוגעגעבען:
— גראַדע אַזוי ווי דאָס לעבען!
אין עטליכע מינוט אַרום האָט ער געזאָגט:
— איך וועל געהן אין פעלד, וועל זיך דורכגעהן אַ ביסעל.
— נאָכ'ן באַד? עס איז דאָך לופטיג, דו וועסט זיך נאָך פערקיהלען! — האָט איהם די מוטער געוואָרענט.
— דורכלופטערען זיך אַביסעל דאַרף איך טאַקע! — האָט ער גע־ענטפערט.
— זעה, דו וועסט זיך פערקיהלען! — האָט פּאָוועל צערטליך גע־זאָגט. — בעסער לייג זיך צו, פּרוביר איינשלאָפען!
— ניין, איך וועל בעסער געהן!
ער האָט זיך אָנגעטהאָן און איז אַ שווייגענדיגער אַרויסגעגאַנגען...
— עס איז איהם שווער אויפ'ן הארצען! — האָט די מוטער בעמערקט אַ זיפץ טהוענדיג.
— ווייסט וואָס, — האָט איהר פּאָוועל געזאָגט, — דו האָסט גוט גע־טהאָן, וואָס נאָך דעם האָסטו איהם אויפגעהערט צו „איהרצען"!
זי האָט פערוואונדערט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און אַ טראַכט טהוענדיג אַ רגע, האָט זי געענטפערט:
— איך האָב גאָר אַליין ניט בעמערקט, ווי אַזוי דאָס איז אַרויסגע־קומען... גאָר ניט ווילענדיג! ער איז מיר געוואָרען אַזוי נאָהענט... וויים איך יעצט אַליין ניט ווי צו זאָגען!

— דו האָסט אַ גוטע האַרץ, מאַמע! — האָט פּאַוועל שטיל אַרויס־געריעדט.

— אויב אַזוי, בין איך צופֿריעדען! איך זאָל נאָר קענען דיר און אייך אַלעמען מיט וואָס ניט איז העלפֿען!

— פּטור נו, האָב קיין מורא ניט, דו וועסט שוין קענען!...

זי האָט זיך שטיל פֿאַנאַנדערגעלאַכט, זאָגענדיג:

— אָט ניט מורא־האָבען, קען איך ניט!

— נו, גוט, מאַמע! — האָט פּאַוועל שטיל געזאָגט. — זיי וויסען, אַז איך ליעב דיר... און איך בין דיר זעהר, זעהר דאַנקבאַר!

זי איז אַרויס אין קיך אום ער זאָל זיך ניט פֿערלירען פֿון איהרע טרעהרען.

דער קליין־רוס האָט זיך צוריקגעקעהרט שפּעט אין אָבענד אַ מיעדער און ער האָט זיך גלייך געלעגט שלאָפֿען, זאָגענדיג:

— אַ וויאָרסט צעהן, דענק איך, בין איך דורכגעלאָפֿען...

— נו, עס האָט עפּעס געהאָלפֿען? — האָט פּאַוועל אַ פֿרעג געטהאָן.

— איך ווייס ניט... שטער מיך ניט, איך וויל שלאָפֿען!

און ער איז אַנטשוויעגען געוואָרען, פּונקט ווי ער וואָלט געשטאָרבען.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז געקומען וויעסאָווטשיקאָוו אַן אָבגע־ריסענער, אַ פֿערשמוצטער און אַן אונצופֿריעדענער ווי אימער.

— דו האָסט ניט געהערט וועך עס האָט דאָס דער׳הרג׳עט איסייקען? — האָט ער געפֿרעגט פּאַוולען, שפּרייזענדיג איבער׳ן צימער.

— ניין! — האָט זיך אָבגערופֿען פּאַוועל.

— עס האָט זיך אַלזאָ געפֿונען איינער, וועלכער האָט אָבגעטהאָן די שטיקעל אַרבייט. און איך האָב זיך אַלץ געקליבען איהם צו דערשטיקען. דאָס איז דאָך געוועזן די סאַמע פּאַסענדסטע אַרבייט פֿאַר מיר!

— ניקאָלאַי, הער אויף צו ריידען אַזעלכע ווערטער! — האָט פּאַוועל איהם פֿריינדליך געזאָגט.

— וואָס זיינען דאָס טאַקע פֿאַר אַ דיבורים, — האָט די מוטער צערטליך אונטערגעכאַפּט, — אַ ווייכע האַרץ און רעדעט אַזוי... צו וואָס איז דאָס נויטיג?

אין דיעזען מאָמענט איז איהר געוועזן אָנגענעהם צו זעהן ניקאָלייען און זאָגאַר זיין געשפּרינקעלטער פּנים האָט איהר אויסגעקוקט שעהנער. און זי האָט רחמנות געהאַט אויף איהם מעהר ווי ווען עס איז ביז יעצט...

— אַז איך טויג ניט פֿאַר קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אויף אַזעלכע אַר־בייט, — האָט ניקאָליי טעמפּ געזאָגט, אַ קוועטש טהוענדיג מיט די פּליי־צעס. — איך טראַכט און טראַכט: וואו איז מיין פּלאַץ? עס איז ניטאָ

קיין פלאץ פאר מיר! מען דארף ריידען מיט מענשען און איך קען דאס ניט! איך זעה אלץ, איך פיהל אלע מענשליכע ליידען... אבער ארויסזאגען דאס, קען איך ניט! איך האב א שטומע הארץ...

ער איז צוגעגאנגען צו פאוולען און אראפלאזענדיג דעם קאפ, קראַצענדיג מיט'ן פינגער דעם טיש, האט ער מיט אומעט און עפעס ווי א קינד, ניט לויט זיין שטייגער נאך, ארויסגערעדט:

— גיט מיר עפעס א שווערע ארבייט, ברידער! איך קען אזוי ניט לעבען אהן א טאלק... איהר זייט אלע ארייגעטהאן אין דער זאך... און איך זעה, אז זי וואקסט... אבער איך שטעה אן א זייט! איך פיהר בערווענעס, ברעטער... אבער קען מען דען צוליעב דעם לעבען? גיט מיר א שווערע ארבייט!

פאוועל האט איהם אנגענומען פאר'ן האנד און האט איהם צוגעצויגען צו זיך.

— מיר וועלען דיר שוין געבען!...

פון הינטער'ן ווענטעל האט זיך דערהערט אנדריי'ס קול:

— ניקאלאי, איך וועל דיר אויסלערנען זעצען בוכשטאבען, וועסטו ווערען א זעצער ביי אונז. צופריעדען, הא?

ניקאלאי איז צוגעגאנגען צו איהם און האט געזאגט:

— וועסט מיר אויסלערנען? אויב איך וועל דיר דערפאר שיינקען א מעסער...

— געה צום טייפעל מיט'ן מעסער! — האט א געשריי געטהאן דער קליין־רוס און האט זיך פלוצלונג פאנאנדערגעלאכט.

— א גוטער מעסער! — איז ניקאלאי צוגעשטאנען.

פאוועל האט זיך אויך פאנאנדערגעלאכט. דאן האט זיך וויעסאָווּשטשיקאָוו אבגעשטעלט אין מיטען צימער און האט געפרעגט:

— דאס לאכט איהר פון מיר?

— נו, יא, — האט געענטפערט דער קליין־רוס אראפשפרינגענדיג פון געלענער. — אט וואס: קומט אין פעלד שפאצירען. די נאכט איז אזא גוטע, א ליכטיגע. געהען מיר?

— גוט! — האט געזאגט פאוועל.

— איך וועל אויך געהן! — האט ניקאלאי ערקלעהרט. אנדריי, איך האב ליעב, אז דו לאכסט...

— און איך האב ליעב, אז דו זאגסט צו מתנות! — האט דער קליין־רוס געענטפערט לאכענדיג.

ווען ער האָט זיך געהאַלטען אין אָנטהאָן אין קיך, האָט די מוטער א זאָג געטהאָן צו איהם:

— טהו זיך אָן ווארימער...

נאָכדעם ווי אַלע דריי זיינען אוועק, האָט זי א קוק טהוענדיג אויף זיי דורכ'ן פענסטער, אויפגעהויבען איהרע אויגען צו די הייליגע בילדער און האָט שטיל געזאָגט:

— העלף זיי, גאָטעניו!...

.27

די טעג זיינען געפלויגען מיט אזא שנעלקייט, אז די מוטער האָט קיין צייט ניט געהאט צו טראַכטען וועגען ערשטען מאַי. נאָר ביי נאכט, ווען זי פלעגט זיך א מיעדע נאָך דער רוישיגער, אויפרעגענדער ארבייט פון טאָג, לייגען אין בעט, פלעגט איהר נאָגען דאָס הארץ.

— וואָלט עס שוין גיכער אריבער...

פאר־טאָג האָט א הודזשע געטהאָן דער פאבריק־פייפעל. פאוועל און אנדריי האָבען אויף גיך אָבגעטרונקען טהעע, האָבען צוגעביסען און זיינען אוועק, איבערלאָזענדיג פאר דער מוטער א צעהנדליג שליחות. א גאנצען טאָג האָט זי זיך געדרעהט ווי א וועווערקע אין א ראָד, האָט צוגעשטעלט מיטאג, האָט אויסגעקאָכט די קליי פאר'ן העקטאָגראף צו דרוקען די פראָקלאמאציעס. עס פלעגען אריינקומען עפעס אונבעקאנטע מענשען און פלעגען איבערלאָזען צעטעלעך פאר פאוולען און פלעגען פערשווינדען, אָנשטעקענדיג איהר מיט זייער אויפרעגונג.

די בלעטעלעך, דורך וועלכע מען האָט גערופען די ארבייטער פייערן דעם ערשטען מאַי, פלעגט מען יעדע נאכט אָנקלעפּן אויף די פּארקאנס. זיי פלעגען זיך זאָגאר בעווייזען אויף די טהירען פון פּאָליציי־הויז. מען פלעגט זיי יעדען טאָג געפינען אויפ'ן פאבריק. יעדען פריה־מאָרגען פלעגט די פאָליציי ארומגעהן איבער'ן פאָר־שטעדטעל און זידלענדיג זיך פלעגט זי אראָפּסקראָבען פון די ווענד די רויטע בלעטעלעך, נאָר מיטאג־צייט פלעגען זיי ווידער ארומפליהען איבער'ן גאָס, פלאָנטערענדיג זיך אונטער די פיס פון די דורכגעהער. פון שטאָדט האָט מען געשיקט שפּיאָנען און זיי פלעגען שטעהן אויף די ווינקלען און פלעגען מיט די אויגען ארומטאפּען די ארבייטער, וועלכע פלעגען פרעהליך און לעבעדיג געהן פון פאבריק מיטאָג עסען און צוריק. אַלע פלעגען הנאה האָבען אָנצוקוקען די מאַכטלאָזיגקייט פון דער פּאליציי און זאָגאר די בעיאָהרענטע ארבייטער פלעגען לאכענדיג זאָגען איינע צו די אַנדערע:

— ווי פיין זיי האָבען עס אָבגעאַרבייט!

איבעראל פלעגען זיך פערזאַמלען קופּקעס מענשען און פלעגען היים ריידען וועגען די אויפרעגענדע פּראָקלאַמאַציעס. דאָס לעבען האָט געקאָכט און געברויזט. דער פריהלינג איז פאַר אַלעמען געווען אַן אינטערעסאַנטער. ער האָט פאַר יעדערען מיטגעבראַכט עטוואָס נייעס. אייניגע האָבען גע־קראָגען נאָך אַן אורזאַכע אויפצורעגען זיך און זיי פלעגען מיט כעס זידלען די „בונטאָווש־טשיקעס". פאַר אַנדערע האָט דער פריהלינג געבראַכט אַ געוויסע אונרוהיגקייט און אַ האָפנונג, און פאַר דריטע — זיי זיינען געווען די מינאָריטעט — אַ שאַרפע צופריעדענהייט מיט דעם בעוואוסטזיין, אַז זיי זיינען דאָס די קראַפט, וועלכע וועקט אַלעמען.

פּאַוועל און אַנדריי פלעגען כמעט ניט שלאָפען נעכט. זיי פלעגען קומען אהיים פאַר־טאָג, ווען מען פלעגט שוין כמעט דאַרפען געהן צו דער אַרבייט, — מיעדע, בלאַסע און הייזעריגע. די מוטער האָט געוואוסט, אַז זיי מאַכען פערזאַמלונגען אין וואַלד, הינטער'ן זומפּ. זי האָט געוואוסט, אַז אַרום פאַר־שטעדטעל פאָהרען אַרום גאַנצע נעכט רייטענדע פּאָליציסטען. עס דרעהען זיך אַרום שפּיאָנען און כאַפּען און זוכען אַרום איינצעלנע אַר־בייטער, טרייבען פונאַנדער די רעדלעך מענשען און אַרעסטירען דעם אָדער יענעם. זי האָט פערשטאַנען, אַז אויך פּאַוולען און אַנדרייען קען מען יעדע נאַכט אַרעסטירען. צייטענווייז פלעגט זיך איהר דוכטען, אַז דאָס וואָלט שוין געווען גלייכער פאַר זיי.

די געשיכטע וועגען דער ערמאָרדונג פון איסאַיען איז עפּעס זאָנדערבאַר פערשטיקט געוואָרען. צוויי טעג נאָכאַנאַנד האָט די אָרטיגע פּאָליציי גע־האַלטען אין אויספרעגען די איינוואוינער וועגען דעם און אויספרעגענדיג אַ מאַן צעהן, האָט זי פערלאָרען דעם אינטערעס צו דיעזען מאָרד. מאַריאַ קאָרסונאָווא האָט אין אַ געשפּרעך מיט דער מוטער געזאָגט, אויסדריקענדיג מיט איהרע ווערטער די מיינונג פון דער פּאָליציי, מיט וועלכע זי איז געווען בעפריינדעט, אַזוי ווי מיט אַלע איבעריגע מענשען:

— קען מען דען אויסגעפינען די שולדיגע? יענעם פריהמאָרגען האָבען אודאי אַ מאַן הונדערט געזעהן איסאַיען און אַ מאַן נייניציג פון זיי האָבען איהם געקענט געבען איבער'ן קאָפּ. פאַר די לעצטע זיעבען יאָהר איז ער אַלעמען דערגאַנגען אין די ביינער...

דער קליין־רוס האָט זיך שטאַרק געענדערט. דער פּנים איז איהם איינגעפאַלען, די ברעמען זיינען שווערער געוואָרען און האָבען זיך אַרונטער־געלאָזען אויף די בולטע אויגען, האַלב פערמאַכענדיג זיי. ער פלעגט שמייכ־לען זעלטענער. אַ דינער קנייטש האָט זיך פערשפּרייט אויף זיין פּנים.

ער האָט אָנגעפאַנגען אַלץ ווענינער צו רעדען וועגען געוועהנליכע זאַכען און פּאַסירונגען, אָבער אַלץ אָפטער פלעגט ער אויפפלאַמען און פלעגט אריינ־פאַלען אין אַ בעגייסטערונג, וועלכע פלעגט אַלעמען פער'שכור'ען, ווען ער פלעגט ריידען וועגען דער צוקונפט, וועגען דעם שעהנעם, הערליכען יום־טוב פון זיעג, פרייהייט און פערנונפט.

ווען די געשיכטע וועגען דעם טויט פון איסאַיען איז פערשטיקט גע־וואָרען, האָט ער געזאָגט מיט אַן אומעדיגען שמייכעל:

— ניט נאָר דאָס פאָלק, נאָר אַפילו די מענשען, וועלכע זיי רייצען אויף אונז אַן ווי די הינד, זיינען ביי זיי אויך ניט טהייער. זיי אַרט ניט זייערע משרתים; וואָס זיי קימערט איז נאָר זייער אייגענע עקזיסטענץ...

און נאָך אַ קורצען שווייגען האָט ער צוגעגעבען:

— איך אָבער האָב, וואָס מעהר איך טראַכט, אַלץ אַ גרעסערען רחמנות אויף איהם. איך האָב ניט געוואָלט, אַז מען זאָל איהם טויטען.

— זאָל שוין נעהמען אַ סוף צו דעם, אַנדריי! — האָט פּאַוועל פעסט ארויסגעזאָגט.

די מוטער האָט שטיל צוגעגעבען:

— וואָס געשעהן איז געשעהן!...

— דאָס איז אַפילו אמת. אָבער עס איז אַ שוואַכע טרייסט, — האָט זיך דער קליין־רוס אָבגערופען מיט פערדרוס.

ער פלעגט אָפט זאָגען דיעזע ווערטער, אָבער אין זיין מויל האָבען זיי געהאַט אַ מאָדנעם ביטערען זין...

*  *  *

...און ענדליך איז געקומען דיעזער טאָג, דער ערשטער מאַי.

די פאַבריק־פייפעל האָט ווי שטענדיג אַ גרילץ געטהאָן מעכטיג און בעפעהלענד. די מוטער, וועלכע האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, איז אויפגעשפּרונגען פון בעט, האָט אריינגעוואָרפען קויהלען אין סאַמאָוואַר, וועלכער איז נאָך געוועזען צוגעגרייט פון אָבענד. זי האָט געוואָלט, ווי שטענדיג אַנקלאַפען אין טהיר פון זוהן און פון אַנדרייען, נאָר נאָכדענקענדיג אַ ווייל'ע האָט זי אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד, האָט זיך געזעצט לעבען פענ־סטער און זיך פערדעקט דעם פּנים, פונקט ווי זי וואָלט געליטען פון ציינהענער־וועהטאָג.

אויפ'ן בלאַס־בלויען הימעל זיינען געשוואוּמען אַ מחנה ווייסע, ראָזינגע, לייכטע וואָלקענס. זיי זיינען געפלויגען פונקט ווי גרויסע פויגלען, דער־שראָקענע פון גרילץ פון פאַבריק־פייפעל. די מוטער האָט געקוקט אויף די וואָלקענס און האָט זיך צוגעהערט צו זיך אַליין. דער קאָפּ איז איהר

געווען שווער און די אויגען, אנגעלאָפענע פון דער ניט־דערשלאָפענער נאכט, זיינען איהר געווען טרוקען. אין איהר ברוסט האָט געהערשט א מאָדנע רוהיגקייט. איהר הארץ האָט גלייכמעסיג געשלאָגען און זי האָט געטראַכט וועגען געוועהנליכע זאכען...

— איך האָב צו פריה צוגעשטעלט דעם סאמאָוואר, ער וועט נאָך אויס־קאָכען. זאָלען זיי היינט א ביסעל לענגער שלאָפען. זיי האָבען זיךביידע גוט אָנגעהאָרעוועט...

א יונגער זונען־שטראַהל האָט פרעהליך שטיפענדיג אריינגעקוקט אין פענסטער. די מוטער האָט אויסגעשטרעקט נאָך איהם די האנד און ווען ער האָט זיך אויף איהר האנד אנידערגעלעגט, האָט זי איהם שטיל א גלעט געטהאָן מיט דער אנדערער האנד און האָט צערטליך און פערטראַכטערהייד געשמייכעלט... דערנאָך האָט זי זיך אויפגעשטעלט, האָט אראָבגענומען דעם קוימען פון סאמאָוואר, זיך סטאַרענדיג ניט אָנצומאכען קיין טומעל. זי האָט זיך איינגעוואשען און האָט אָנגעהויבען שטיל שעפּטשענדיג צו מורמ־לען א תפילה, צלמ'ענדיג זיך מיט התמדה. איהר פּנים האָט געלויכטען און איהר רעכטער ברעם פלעגט זיך אויפהויבען און אַרונטערלאָזען.

דער צווייטער גריליץ פון פאַבריק־פייפעל האָט זיך דערהערט. ער איז געווען א שטילערער און א וועניגער זיכערער און אין זיין טיפען פייכטען טאָן האָט זיך געהערט א ציטער. דער מוטער האָט זיך געדוכט, אז היינט גרילצט ער עפּעס לענגער.

אין צימער האָט זיך דערהערט אנדריי'ס קלאָרער, רווישענדער קול:

— פּאוועל, דו הערסט? מען רופט...

אימיצער פון זיי האָט א טראַט געטהאָן מיט באָרוועסע פיס אויף דער פּאָדלאָגע און דער צווייטער האָט א צופריעדענעם געניץ געטהאָן...

— דער סאמאָוואר איז פערטיג! — האָט אויסגערופען די מוטער.

— מיר שטעהען שוין אויף! — האָט פּאוועל א צופריעדענער גע־ענטפערט.

— די זון געהט אויף! — האָט דער קליין־רוס א זאָג געטהאָן, — און די וואָלקענס...

ער איז ארויס אין קיך מיט צופּודעלטע האָאָר, א פערשלאָפענער אָבער א פרעהליכער.

— גוט מאָרגען, מאמעלע! ווי האָט איהר געשלאָפען?

די מוטער איז צו איהם צוגעגאנגען און האָט שטיל געזאָגט:

— זעה, אנדריושינקע, געה נאָהענט לעבען איהם!

— פערשטעהט זיך! — האָט אנדריי ארויסגעשעפּטשעט. — אזוי

לאנג ווי מיר זיינען צוזאַמען, וועלען מיר שטענדיג געהן האנד ביי האנד... אין דעם מעגט איהר זיכער זיין!

— וואָס שושקעט איהר זיך דאָרטען? — האָט פאַוועל געפרעגט.

— מיר? גאָרנישט, פאַוולישאַ. זי זאָגט מיר, איך זאָל זיך ריינער ארומוואשען, דאן וועלען די מיידלעך אויף מיר קוקען! — האָט דער קליין־רוס געענטפערט, ארויסגעהענדיג זיך וואשען אין פאָרהויז.

„שטעהט אויף, ערהויבט זיך, ארבייטער־מאַסען!“ — האָט פאַוועל אין דער שטיל אָנגעהויבען זינגען.

דער טאָג איז געוואָרען אַלץ קלאָרער. די פון ווינד געטריבענע וואָל־קענס האָבען זיך אויפגעהויבען אַלץ העכער און העכער. די מוטער האָט דערלאַנגט די גלעזער און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ האָט זי געטראַכט, ווי אַלץ איז אַזוי מאָדנע. אָט שפּאַסען זיי, לאַכט זיך, און שמייכלען פריהמאָרגענס, און נאָכמיטאָג ערוואַרטעט זיי גאָט ווייס וואָס. און זי אַליין איז אויך געווען עפּעס רוהיג, כמעט פרעהליך.

די טהעע האָט מען געטרונקען לאַנגזאַם, אום צו אונטערדריקען די אונגעדולד. און פאַוועל האָט, ווי שטענדיג, פּאַמעליך אריינגעלעגט די צוקער אין גלאָז, האָט ניט ווילענדיג עס צומישט, האָט פאָרזיכטיג ארויפ־געשאָטען אַ ביסעל זאַלץ אויף אַ שטיקעל ברויט־קריטשיק, וואָס ער האָט זעהר האָלט געהאַט. דער קליין־רוס האָט אונטער'ן טיש בעוועגט מיט די פיס. ער האָט זיי אין קיין פאַל ניט געקענט אַוועקלייגען אַזוי, אַז עס זאָל איהם זיין בעקוועם, און ווען ער האָט דערזעהן אויפ'ן וואַנד אַ זונען־שטראַהל, האָט ער דערצעהלט:

— ווען איך בין געווען אַלט אַ יאָהר צעהן, האָט זיך מיר פערוואָלט אריינכאַפּען די זון אין אַ גלאָז. איך האָב גענומען אַ גלאָז, זיך צוגע'גנב'עט צום וואַנד, און — באַטש!... איך האָב זיך צושניטען די האנד און מען האָט מיר נאָך אָנגעשלאָגען אויך. דערנאָך בין איך ארוים אויף דרויסען און דערזעהענדיג די זון אין אַ בלאָטע, האָב איך אָנגעהויבען אויף איהר צו טאָפּטשען מיט די פיס. נו, האָב איך זיך פערשפּריצט פון קאָפּ ביז די פיס, און מען האָט מיר דערפאַר ווייטער גוט צובראָכען די ביינער... וואָס זשע טהו איך? איך האָב אָנגעהויבעןריידען צו דער זון: מיר טהוט ניט וועה, דו רויטער טייוועל, דו! מיר טהוט גאָר ניט וועה! און איך האָב איהר געציינט אַ צונג... אין דעם האָב איך געפונען אַ טרייסט.

— פאַרוואָס האָט די זון דיר עפּעס אויסגעוויעזען רויט? — האָט פאַוועל געפרעגט לאַכענדיג.

— ווייל אַנטקעגען אונז האָט געוואוינט אַ שמיעד. ער האָט געהאַט

א רויטען פּנים מיט א רויטע באָרד. ער איז געווען א פרעהליכער גוטער מענש... און ביי מיר איז אויסגעקומען, אַז די זון איז עהנליך צו איהם...

די מוטער האָט זיך לענגער ניט געקענט איינהאַלטען און האָט א זאָג געטהאָן:

— איהר וואָלט בעסער גערעדט וועגען דעם, ווי איהר וועט געהן!

— וועגען דעם איז שוין אַלץ אָבגערעדט! — האָט פּאַוועל געענטפערט.

— וועגען אָבגעשטימטע זאַכען צו ריידען, איז מעהר ניט ווי זיך צו פערפּלאָנטערען! — האָט דער קליין־רוס ווייך צוגעגעבען. אין פאַל מען וועט אונז אַלעמען היינט צונעהמען, וועט צו אייך קומען ניקאָלאַי איוואַ־נאָוויטש און וועט אייך זאָגען וואָס צו טהאָן. ער וועט שוין אייך אין אַלץ ארויסהעלפען.

— גוט, — האָט די מוטער ארויסגעזאָגט מיט א זיפץ.

— מיר וואָלטען שוין געדאַרפט ארויסגעהן אויפ'ן גאַס! — האָט פּאַוועל פאַרגעשלאָגען.

— ניין, זיץ בעסער דערווייל אין הויז! — האָט זיך אָבגערופען אַנדריי. — צו וואָס דאַרף מען שטעכען די פּאָליציי אומזיסט די אויגען; דו ביזט זיי שוין סיי ווי סיי גאַנץ גוט בעקאַנט.

פעדיא מאַזין איז געקומען צו לויפען א פרעהליכער, א שטראַהלענדער, מיט רויטע פלעקען אויף די באַקען. פול אונרוהה און פרייד, האָט פעדיא פערטריעבען די לאַנגווייליגקייט.

— עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען! — האָט ער אָנגעפאַנגען. — דאָס פאָלק ריהרט זיך! אַלע זיינען ארויס אויפ'ן גאַס. די פּנים'ער זיינען ביי אַלעמען שאַרף ווי די העק... ביין פאַבריק־טויער זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען וויעסאָווששיקאָוו, וואַסיא גוסין און סאַמאָילאָוו און האָבען געהאַלטען רעדעס. זיי האָבען א סך ארבייטער אומגעקעהרט צוריק אַהיים! קומט, עס איז שוין צייט! עס איז שוין באַלד צעהן דער זייגער!...

— איך געה! — האָט פּאַוועל פעסט ארויסגעזאָגט.

— אַט וועט איהר זעהן, — האָט פעדיא נביאות געזאָגט. — נאָכ־מיטאָג וועט זיך אָבשטעלען די גאַנצע פאַבריק.

און ער איז ארויסגעלאָפען.

— ער ברענט, ווי א וואַקסענע ליכטעל אויפ'ן ווינד, — האָט די מוטער איהם נאָכגערופען. — זי איז ארויס אין קיך און האָט זיך אָנגעהויבען אָנטהאָן.

— וואוהין קלייבט איהר זיך, מאַמעלע?

— מיט אייך! — האָט זי געענטפערט.

אנדריי האָט אַ קוק געטהאָן אויף פּאַוולען, זיך צופּענדיג די וואָנצעס. פּאַוועל האָט פּעררוכט די האָאָר אויפ'ן קאָפּ און איז ארויסגעגאַנגען צו איהר.

— מאַמע, איך זאָג דיר גאָרנישט... און דו זאָג מיר אויך גאָרנישט! אַבגעמאַכט, טהייערינקע?

— גוט, גוט... זאָל אייך גאָט העלפען! — האָט זי געמורמעלט.

28.

ווען זי איז אַרויס אויפ'ן גאַס און דערהערט די יום טוב'דיגע הודזשעריי פון מענשליכע שטימען, דעם אונרוהיגען, ערוואַרטונגספולען גערויש אין דער לופט, ווען זי האָט דערזעהן אין די פענסטער און ביי די טויערען פון די הייזער קופּקעס מענשען, וועלכע האָבען מיט נייגעריגע בליקען דורכ־געלאָזען איהר זוהן און אַנדרייען, איז פאַר איהר ערשיענען אַ נעבעלדיגער בילד, וועלכער האָט אַרומגעטאַנצט אַהין און אַהער און האָט געביטען דעם קאָליר אַט אויף דורכזיכטיג־גרין און אַט אויף מוטנע גרוי.

מען האָט זיי בעגריסט און אין די בעגריסונגען איז געווען עפּעס זאָנ־דערבאַרעס. איהר אויער האָט נאָר אויפגעכאַפּט אָפּגעריסענע שטילע בעמערקונגען.

— אָט זיינען די פיהרער...

— מיר ווייסען ניט, ווער דער פיהרער איז...

— איך זאָג דאָך ניט קיין שלעכטס!...

אין אַן אַנדער פּלאַץ אויפ'ן הויף האָט עפּעס איינער געשריען מיט אויפרעגונג:

— די פּאָליציי וועט זיך נעהמען צו זיי, וועט פון זיי קיין שריד ופליט ניט בלייבען!

— זי האָט שוין דאָס פּרובירט און עס האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזען!

פון אַ פענסטער האָט זיך דערהערט אַ דערשראָקענער וויינענדיגער קול פון אַ פרוי:

— בערעכען זיך נאַר! וואָס ביזטו, אַ בחור? זיי זיינען ניט פּער־הייראטה, איז פאַר זיי אַלץ איינס...

ווען זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען די הויז פון דעם קאַליקען זאַסימאָוו, וועלכער פלעגט בעקומען פון פאַבריק אַ מאָנאַטליכע געהאַלט דערפאַר וואָס ער האָט אויפ'ן פאַבריק פערלאָרען זיינע פיס, האָט ער אַרויסגערוקט דעם קאָפּ דורכ'ן פענסטער און האָט אַ געשריי געטהאָן:

— וולאַסאָוו! מען וועט דיר דעם קאָפּ אַרונטערנעהמען, דו שעהנער תכשיט, פאַר דיינע גוטע מעשים. דו וועסט זיך דערוואַרטען!

די מוטער האָט אַ ציטער געטהאָן און האָט זיך אָפּגעשטעלט. דיעזער אויסגעשריי האָט אין איהר ערוועקט אַ שאַרפען געפיהל פון צאָרן. זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער פערשוואָלענער דיקער געזיכט פון דעם קאָליקע. ער האָט, זיך זידלענדיג, בעהאַלטען דעם קאָפּ. דאַן האָט זי אונטערגע־איילט איהרע טריט, האָט דעריאָגט דעם זוהן און האָט זיך געסטאַרעט ניט אָפּצושטעהן פון איהם.

עס האָט זיך געדוכט, אַז ער און אַנדריי הערען קיין זאַך ניט, אַז זיי הערען ניט די אויסרופען, וועלכע לאָזען זיי דורך. זיי זיינען געגאַנגען רוהיג, ניט איילענדיג זיך, און זיי האָבען הויך גערעדט וועגען פּשוט׳ע זאַכען. אָט האָט זיי אָפּגעשטעלט מיראָנאָוו, אַ בעיאָהרענטער, בעשיע־דענער מענש, וועלכען אַלע האָבען געאַכטעט דערפאַר, וואָס ער האָט ניט גע׳שכור׳ט און האָט בכלל געפיהרט אַ ריינעם לעבען.

— איהר אַרבייט אויך ניט, דאַנילאָ איוואַנאָוויטש? — האָט פּאַוועל נעפרעגט.

— מיין ווייב איז פערנומען... נו, און דער טאָג איז היינט אַן אונ־רוהיגער! — האָט מיראָנאָוו ערקלעהרט, דורכדרינגליך בעטראַכטענדיג די חברים, און ער האָט שטיל אַ פרעג געטהאָן:

— עס איז אמת, קינדער, וואָס מען זאָגט, אַז איהר ווילט מאַכען אַ סקאַנדאַל דעם דירעקטאָר? איהר קלייבט זיך אויסצושלאָגען איהם די שויבען?

— וואָס זיינען מיר: שכורים? — האָט פּאַוועל אויסגערופען.

— מיר וועלען פּשוט דורכגעהן זיך אין די גאַסען מיט פאָהנען און מיר וועלען זינגען ליעדער! — האָט געזאָגט דער קליין־רוס. — אָט איהר וועט הערען אונזערע ליעדער! אין זיי איז אונזער גלויבען!

— אייער גלויבען ווייס איך! — האָט מיראָנאָוו געזאָגט פערטראַכט. איך האָב געלעזען אייערע פּאַפּיערען.

— מאַמינקע, נילאָוונאַ! — האָט ער אויסגערופען, שמייכלענדיג צו דער מוטער מיט זיינע קלוגע אויגען. — דו געהסט אויך בונטעווען?

— מען דאַרף כאָטש פאַר׳ן טויט דורכשפּאַצירען זיך מיט׳ן אמת!

— אהאַ! — האָט אויסגערופען מיראָנאָוו. — קענטיג, אַז עס איז אמת, וואָס מען זאָגט, אַז דו פלעגסט טראָגען אויפ׳ן פאַבריק די פערבאָ־טענע ביכלעך!

— ווער זאָגט עס? — האָט פּאַוועל געפרעגט.

— לייט זאָגען! נו, זייט מיר געזונד... פיהרט זיך אויף אַנשטענדיג! די מוטער האָט שטיל געלאַכט. עס האָט איהר הנאה געטהאָן, וואָס

מען רעדט אזוי וועגען איהר. פּאוועל האָט איהר לאַכענדיג אַ זאָג געטהאָן:

— דו וועסט אין גיכען פערזוכען טורמע, מאַמע!

— איך וועל זיך ניט ענטזאגען! — האָט זי געענטפערט.

די זון האָט זיך אויפגעהויבען אַלץ העכער און העכער און האָט אַריינגעגאָסען אַ וואַרימקייט אין דער מונטערער פרישקייט פון פריהלינגס-טאָג. די וואָלקענס זיינען געשוואומען לאַנגזאַמער, זייערע שאָטענס זיינען געוואָרען דינער און דורכזיכטיגער... זיי האָבען ווייך געפּויזעט איבער'ן גאַס און איבער די דעכער פון די הייזער, האָבען אַרומגעוויקעלט די מענשען, פּונקט ווי זיי וואָלטען רייניגען די פאָר-שטאָדט און וואָלטען אָפּווישען די בלאָטע און די שטויב פון די ווענד און פון די דעכער און דעם אומעט פון די מענשליכע פּנים'ער. עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען פרעהליכער, די שטימען האָבען געקלונגען העכער, פערטויבענדיג דעם וויטען טומעל, דאָס רוישען פון די מאַשינען און די קרעכצען פון דער פאַבריק.

ווידער זיינען אין דער מוטערס אויגען געפלויגען אונרוהיגע און בייזע, נאָכגעטראַכטע און פרעהליכע ווערטער. אָבער יעצט האָט זיך איהר געוואָלט ענטפערען, דאַנקען, ערקלעהרען. עס האָט זיך איהר געוואָלט אַריינמישען אין דער מאָדנער פערשיעדענאַרטיגקייט פון דיעזען טאָג.

הינטער'ן ווינקעל, אין דער שמאָלער געסעל, האָט זיך פערזאַמעלט אַן עולם מענשען פון אַ מאַן הונדערט און אין מיטען פון דער מאַסע האָט זיך געהערט וויעסאָווטשיקאָ'ס קול:

— זיי קוועטשען אויס פון אונז דאָס בלוט, ווי זאַפט פון ברוסניצעס! — דיעזע אונגעלומפּערטע ווערטער זיינען געפאַלען אויף די קעפּ פון די מענשען.

— ריכטיג! — האָבען גלייך אָבגעענטפערט עטליכע שטימען אין איין קול.

ער סטאַרעט זיך, דער בחור! — האָט געזאָגט דער קליין-רוס. — אַ נו, געה העלף איהם אַרוים!...

ער האָט זיך איינגעבויגען, און איידער פּאוועל האָט צייט געהאַט אָפּצוהאַלטען איהם, האָט ער זיך אַריינגעדריקט אין דער מאַסע, ווי אַ קאָרקען-ציהער אין אַ קאָריק. עס האָט זיך דערהערט זיין זינגענדיגע שטימע:

— חברים! מען זאָגט, אַז אויף דער וועלט לעבען פערשיעדענע פעלקער — אידען, דייטשען, ענגלענדער און טאַטערס. אָבער איך גלויב ניט אין דעם! עס זיינען דאָ נאָר צוויי פעלקער, וועלכע קענען קיינמאָל ניט מאַכען קיין שלום צווישען זיך — אָרימע און רייכע! מענשען טהוען זיך אָן פערשיעדען, ריידען אויף פערשיעדענע לשונות, אָבער גיט אַ קוק ווי

די רייכע פראַנצויזען, דייטשען און ענגלענדער בעגעהען זיך מיט זייערע אַרבייטער, און איהר וועט גלייך איינזעהן, אַז זיי אַלע זיינען פאַר דעם אַרבייטער ווילדע גזלנים, זאָל זיך זיי שטעלען אַ ביין אין האַלז!

דער עולם האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— און פון דער צווייטער זייט, ווען מיר וועלען בעטראַכטען, וועלען מיר זעהן, אַז סיי דער פראַנצויזישער אַרבייטער, סיי דער טאָטער, סיי דער טערק — זיי אַלע לעבען פונקט אַזאַ הינטישען לעבען ווי מיר, רוסישע אַרבייטער!

פון גאַס זיינען אַלץ צוגעקומען מעהר מענשען און איינער נאָך דעם אַנדערען פלעגען די מענשען שווייגענדיג אויסציהען די העלזער און אויפ־הויבענדיג זיך אויף די שפּיץ פינגער אַריינשפּאַרען זיך אין געסעל. אַנדריי האָט אויפגעהויבען זיין שטימע העכער.

— אין אויסלאַנד האָבען שוין די אַרבייטער בעגריפען דיזע פּשוט'ע וואַרהייט, און היינט, אין דעם ליכטיגען טאָג פון ערשטען מאַי...

— פּאָליציי! — האָט אימיצער אויסגעשריען.

פון גאַס זיינען אַריינגעפאָהרען אין געסעל און אַרויפגעפאָהרען איינ־פאַך אויף די מענשען פיער רייטענדע פּאָליציסטען מיט קאַנטשיקעס אין די הענד, און זיי האָבען געשריען:

— געהט זיך פאַנאַנדער!

— וואָס זיינען דאָ פאַר אַ רעדען?

— וועלכער רעדט דאָס?

די מענשען האָבען זיי געכמורעט און האָבען ניט ווילענדיג אָפּגע־טראָטען דעם וועג די פערד. איינִיגע זיינען אַרויפגעקראָכען אויף די פּאַר־קאַנס. עס האָבען זיך דערהערט שפּאָטישע אויסרופען.

— מען האָט אַרויפגעזעצט חזירים אויף פערד און זיי כריוקען. — אָט, הייסט עס, זיינען מיר אויך גענעראַלען! — האָט געשריען אַ קלינ־גענדער קול.

דער קליין־רוס איז געבליבען אַליין אין מיטען געסעל. אויף איהם האָבען זיך געלאָזען צוויי פערד. ער האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט און אין דער זעלבער צייט האָט איהם די מוטער געכאַפּט פאַר'ן האַנד און האָט איהם אַוועקגעשלעפּט, בורטשענדיג:

— דו האָסט צוגעזאָגט צו געהן צוזאַמען מיט פּאַוועלען, און צום סוף קריכסטו גאַר אַליין!

— איך האָב בעגאַנגען אַ פעהלער! — האָט דער קליין־רוס שמייכ־

לענדיג געזאָגט צו פּאַוולען. — אַך, וויפיעל פּאָליציי עס איז פאַראַן אויף דער וועלט!

— נו, גוט! — האָט די מוטער געבורטשעט.

עס האָט איהר אָרומגענומען אַן אונרוהיגע מיעדקייט, וועלכע האָט איהר פערדרעהט דעם קאָפּ און האָט אַרויסגערופען ביי איהר אַ פרייד און אַן אומעט. עס האָט זיך איהר געוואָלט, אַז עס זאָל זיך שוין גיכער דער־הערען דער פאַבריק־פייפעל, וועלכער זאָגט אָן די צייט פאַר מיטאָג עסען.

זיי זיינען אַרוים אויפ'ן פּלאַץ, וואו עס איז געשטאַנען אַ קלויסטער. אַרום און אַרום דעם צאַם פון קלויסטער זיינען געשטאַנען און געזעסען קופּקעס מענשען. דאָ זיינען געווען אַ מאַן פינף הונדערט פרעהליכע יונגע לייט, פער'דאגה'טע פרויען און קינדער. די מענשען פלעגען אונרוהיג אויפהויבען די קעפּ אַרויף און פלעגען אַריינקוקען אין דער ווייטקייט פון אַלע זייטען, וואַרטענדיג מיט אונגעדולד. עס האָט זיך געפיהלט עפּעס אַ געהויבענע שטימונג. אייניגע האָבען זיך געפיהלט פערלאָרען, אַנדערע האָבען זיך געסטאַרעט אַרויסצוציינגען זייער העלדישקייט. שטיל האָבען געקלונגען די געדריקטע שטימען פון די פרויען. די מענער פלעגען מיט פערדרוס זיך אָפּקעהרען פון זיי. צייטענווייז פלעגט זיך הערען אַ שטילער שימפּף־וואָרט. דאָס ענטשלאָסענע און בעשטימטע איז אַריינגעטראָטען אין אַ שטרייט מיט דער מורא.

— מיטיאַ! — האָט שטיל געציטערט אַ פרויען־שטימע. — זעה האָב רחמנות אויף זיך!...

— לאָז מיך צו־רוה! — האָט אָפּגעקלונגען אַן ענטפער.

און סיזאָוו'ס געלאַסענע שטימע האָט גערעדט רוהיג און איבערציינגענד:

— ניין, מיר טאָרען ניט אָפּשטעהן פון די יונגע. זיי זיינען געוואָרען קליגער פון אונז; זיי לעבען דרייסטער! ווער האָט אויסגעפיהרט מיט דער „בלאָטע קאָפּיקע"? זיי! דאָס דאַרף מען געדענקען. זיי האָט מען דערפאַר אין די טורמעס געשלעפּט... און געוואונען דערפון האָבען מיר אַלע!...

עס האָט אַ גרילץ געטהאָן די פאַבריק־פייפעל און האָט פערשלונגען מיט איהר שוואַרצען קלאַנג די מענשליכע געשפּרעכען. די מאַסע האָט אַ ציטער געטהאָן, די יעניגע וועלכע זיינען געזעסען האָבען זיך אויפגעשטעלט. אויף איין מאָמענט איז אַלץ טויט געוואָרען און פיעלע פּנים'ער זיינען בלאַס געוואָרען.

— חברים! — האָט זיך דערהערט פּאַוועל'ס הילכיגע פעסטע שטימע.

אַ טרוקענער הייסער געבעל האָט אַ ברען געטהאָן דער מוטער'ס

אויגען און מיט איין בעוועגונג פון איהר קערפער, וועלכער איז פלוצלונג שטארק געווארען, האט זי זיך געשטעלט הינטער'ן זוהן. אלע האבען זיך אפגעקעהרט צו פאוועלען און האבען איהם ארומגערינגעלט, פונקט ווי אייזען־ברעקלעך ציהען ארום א מאגנעט.

— ברידער! אט איז געקומען די שעה, ווען מיר ענטזאגען זיך פון דיעזען לעבען, וועלכער איז פול מיט זשעדנעקייט, צארן און פינסטערניש; פון דיעזען לעבען פון אונטערדריקונג, וואו פאר אונז איז קיין פלאץ ניטא, וואו מיר זיינען קיין מענשען ניט!

ער איז אנטשוויעגען געווארען און אלע האבען געשוויעגען און האבען זיך נאך פעסטער צוזאמענגעדריקט ארום איהם. די מוטער האט איהם געקוקט אין פנים אריין און זי האט געזעהן בלויז זיינע שטאלצע, מוטהיגע און פייערדיגע אויגען...

— חברים! מיר האבען בעשלאסען עפענטליך היינט צו ערקלעהרען, ווער מיר זיינען. מיר הויבען היינט אויף אונזער פאהן, די פאהן פון פערנונפט, אמת און פרייהייט!

א לאנגער, ווייסער שטאנג האט זיך בעוויעזען אין דער לופט, האט זיך אראפגעבויגען, האט דורכגעשניטען די מאסע, איז פערשוואונדען אין איהר און אין א מינוט ארום האט ווי א רויטער פויגעל געפלאטערט איבער די פערריסענע פנים'ער פון די מענשען די ברייטע לייוונטענע פאהן פון אר־בייטער־פאלק...

פאוועל האט אויפגעהויבען די האנד ארויף. דער שטאנג האט זיך א שאקעל געטהאן: א צעהנדליג הענד האבען אונטערגעכאפט דעם ווייסען, גלאטען שטיקעל האלץ, און צווישען זיי איז אויך געווען דער מוטער'ס האנד.

— עס לעבע דאס ארבייטער־פאלק, — האט פאוועל אויסגעשריען.

הונדערטע שטימען האבען איהם אפגעענטפערט אין איין הילכיגען אויסגעשריי.

— עס לעבע די סאציאל־דעמאקראטישע ארבייטער פארטיי, אונזער פארטיי, חברים, אונזער גייסטיגע פאטערלאנד!

דער עולם האט זיך געקאכט. די יעניגע, וועלכע האבען פערשטאנען די בעדייטונג פון דער פאהן, זיינען צוגעטראטען צו איהר נעהנטער. לעבען פאוועלען האבען זיך אנידערגעשטעלט מאזין, סאמאילאוו, די ברידער גוסיעוו, ניקאליי, וועלכער האט מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ פאנאנדערגעשטויסען די מענשען, וועלכע די מוטער האט געקענט און עטליכע אונבעקאנטע מיט ברענענדיגע אויגען...

— עס לעבע דאָס ארבייטער־פאָלק פון אַלע לענדער! — האָט פּאווע̇ל אויסגעשריען.

און אַלץ מיט מעהרער קראַפט און פרייד האָט איהם אָפּגעענטפערט אַ טויזענד שטימיגע עכאָ, וועמעס קלאַנג האָט געריהרט דאָס הארץ.

די מוטער האָט אָנגעכאַפּט די האַנד פון ניקאָליי'ען און נאָך אימיצענס. טרעהרען האָבען איהר געשטיקט, אָבער זי האָט ניט געוויינט. די פיס האָבען זיך ביי איהר געטרייסעלט און מיט ציטערנדע ליפּען האָט זי גע־מורמעלט:

— טהייערינקע... דאָס איז דאָך אמת!...

אויף ניקאָליי'ס געשפּרינקעלטען פּנים איז אַרויפגעשוואומען אַ בריי־טער שמייכעל. ער האָט געקוקט אויף דער פאָהן און האָט עפּעס געפּלאַ־פּעלט, אויסשטרעקענדיג די האַנד צו איהר, און נאָכדעם האָט ער פּלוצלונג מיט דיעזער האַנד ארומגעכאַפּט די מוטער ארום האַלז, האָט איהר אַ קוש געטהאָן און האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— חברים! — האָט מיט אַ זינגעדיגען קול אָנגעפאַנגען דער קליין־רוס, — אין נאָמען פון אַ נייעם גאָט, דעם גאָט פון ליכט און װאַרהייט, בערנונפט און גוטעס טרעטען מיר יעצט ארויס. אונזער וועג, חברים, איז אַ לאַנגער און אַ שווערער. אונזער ציעל איז וויט פון אונז; נאָהענט פון אונז זיינען נאָר די דערנער־קראַנצען. ווער עס גלויבט ניט אין דער מאַכט פון דער וואַרהייט, ווער עס האָט ניט קיין מוטה צו שטעהן פאַר איהר ביז'ן טויט, ווער עס גלויבט ניט אין זיינע אייגענע כחות און האָט מורא פאַר ליידען — יענער זאָל אָפּטרעטען פון אונז אָן אַ זייט! מיר רופען צו זיך די יעניגע, וועלכע גלויבען אין אונזער זיעג; די יעניגע, וועלכע זעהען ניט אונזער ציעל, זאָלען ניט געהן מיט אונז; זיי ערוואַרטעט נאָר ליידען און צרות! אין די רייהען, חברים! עס לעבע דער יום־טוב פון פרייע מענשען!

די מאַסע האָט זיך נאָך ענגער צוזאַמענגעשלאָסען. פּאווע̇ל האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער פאָהן, זי האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט אין דער לופט און האָט אויפגעפלאַטערט בעשיינט פון דער זון, רויט און ברייט שמייכלענדיג...

„לאָמיר זיך פון דער קנעכטשאַפט בעפרייען",

האָט זיך דערהערט דער קלינגענדער קול פון פעדיאַ מאַזין, און אַ ווייכע צאַרטע כוואַליע פון צעהנדליגע שטימען האָט אונטערגעכאַפּט דעם געזאַנג:

„אָבטרייסלען איהר שטויב פון די פיס"

די מוטער איז מיט א הייסען שמייכעל אויף די ליפען געגאנגען הינ־טער מאזינען און האט איבער זיין קאפ געקוקט אויפ'ן זוהן און אויף דער פאהן. ארום איהר האבען געפינקעלט צופריעדענע פנים'ער און פערשיעדען־פארביגע אויגען. פאראוים פון אלעמען איז געגאנגען איהר זוהן און אנ־דריי. זי האט געהערט זייערע שטימען — אנדריי'ס ווייכע, פייכטע שטימע האט זיך צוזאמענגעגאסען מיט דער געדיכטער באס־שטימע פון איהר זוהן.

„שטעהט אויף, ערהויבט זיך, איהר ארבייטער־מאסען,
אויף דעם פיינד געהט, איהר הונגעריגע ברידער!..."

דאס פאלק איז געלאפען אנטקעגען דער רויטער פאהן, האט עפעס געשריען, האט זיך פעראייניגט מיט דער מאסע, האט זיך אומגעקעהרט מיט איהר צוריק און זיינע געשרייען פערלאשען געווארען אין די קלאנגען פון ליעד — פון יענעם ליעד, וועלכע מען פלעגט אין דער־היים זינגען שטילער ווי אלע אנדערע — אויפ'ן גאס האט זי זיך געגאסען גלייך און מיט א שרעקליכער קראפט. אן אייזערנע העלדישקייט האט געקלונ־גען אין איהר און רופענדיג די מענשען אין דעם וויטען וועג פון דער צוקונפט, האט זי עהרליך דערצעהלט וועגען די שוועריגקייטען פון דיזען וועג. אין איהר גרויסען, רוהיגען פלאם האט זיך געשמאלצען א דונקעלער שליאק פון דער פערגאנגענהייט, א שווערער קנויל פון די אלטעגליכע גע־פיהלען און האט פערברענט אין אש די פערפלוכטע מורא פאר דאס נייע...

„מיר געהען צו די ליידענדע ברידער!
צום הונג'ריגען פאלק געהען מיר!"...

האט זיך געגאסען דאס ליעד פאראווערטס.

אן אונבעקאנטע, דערשראקענע געזיכט האט זיך בעוועגט לעבען דער מוטער און א ציטערענדער קול האט כליפענדיג אויסגערופען.

— מיטיא! וואו ווילסטו געהן?

— לאז איהם געהן... האב קיין מורא ניט. איך האב אויך מורא געהאט... מיינער געהט פאראוים פון אלעמען — האט די מוטער, ניט אפשטעלענדיג זיך, געזאגט. — דער וואס טראגט די פאהן איז מיין זוהן!

— גזלנים! וואו ווילט איהר געהן? דארטען שטעהען דאך סאל־דאטען!

און פלוצלונג אנכאפענדיג די מוטער פאר'ן האנד מיט איהר ביינינער האנד, האט א הויכע, דארע פרוי אויסגערופען:

— טהייערינקע מיינע... ווי זיי זינגען עס!... און מיטיא זינגט אויך...

— דאגה'ט ניט! — האָט די מוטער געמורמעלט. — דאָס איז אַ הייליגע זאַך... בעטראַכט נאָר — קריסטוס וואָלט דאָך אויך קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען, ווען מענשען וואָלטען צוליעב איהם ניט אומגעקומען.

דיעזער געדאַנק האָט פּלוצלונג אויפגעפלאַמט אין איהר מח און האָט איהר איבערראַשט מיט זיין קלאָרען איינפאַכען אמת. זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער געזיכט פון דער פרוי, וועלכע האָט פעסט געהאַלטען איהר האַנד און האָט נאָך אַ מאָל איבערגע'חזר'ט שמייכלענדיג:

— עס וואָלט ניט געווען אויף דער וועלט קיין קריסטוס, אויב די מענשען וואָלטען זיך ניט מקריב געווען פאַר איהם.

לעבען איהר איז ערשיענען סיזאָוו. ער האָט אַראָפּגענומען די היטעל, האָט געפאָכעט מיט איהר צום טאַקט פון ליעד און האָט געזאָגט:

— יעצט, מוטער, איז מען עפענטליך ארויס, האַ? און אַ ליעד האָט מען צוגעטראַכט... וואָס פאַר אַ ליעד, מוטער, האַ?

„דער צאַר דאַרף אַרמעען, סאָלדאַטען,
ניט איהם אוועק איי'רע זיהן"...

— זיי האָבען פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט! — האָט סיזאָוו גערעדט, — און מיין זוהן ליעגט אין קבר... די פאַבריק האָט איהם דערשטיקט... יאָ!

דער מוטער'ס האַרץ האָט גענומען שלאָגען צו שטאַרק און זי האָט גענומען אָפּשטעהן. מען האָט איהר שנעל אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט און צוגעשפּאַרט צו אַ פּאַרקאַן. פאַרביי איהר איז דורכגעפלאָסען אַ געדיכטער שטראָם פון מענשען. זי האָט געזעהן, אַז זייער צאָהל איז גרויס און דאָס האָט איהר געפרעהט.

„שטעהט אויף, ערהויבט זיך, אַרבייטער־מאַסען!"...

עס האָט זיך געדוכט, אַז אין דער לופט זינגט אַ מורא'דיגע קופּערנע טרובע, זינגט און וועקט די מענשען, אַרויסרופענדיג אין איין האַרץ אַ גרייטקייט צום קאַמפּף, אין דער אַנדערער אַן אונקלאָרע פרייד, אַן ערוואַרטונג פון עפּעס נייעס, אַ ברענענדע נייגעריגקייט; דאָרט ערוועקענדיג אַ סמוטנעם ציטער פון האָפנונגען, דאָ עפענענדיג אַן אַרויסגאַנג פאַר דעם בייסענדען שטראָם פון ערביטערונג, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט פאַר יאָהרען. אַלע האָבען אַרויסגעקוקט פאָראויס, וואו עס האָט געפלאַטערט און בעוועגט זיך די רויטע פאָהן.

— מיט א כאר זיינען זיי ארויס, — האט גערעוועט אימיצענ׳ס אן ענטציקטע שטימע. — אויסגעצייכענט, ברידער!

און, קענטיג, פיהלענדיג עפעס גרויסעס, וואס ער האט ניט געקענט אויסדריקען מיט די געוועהנליכע ווערטער, האט זיך דער מאן געזידעלט מיט שטארקע שימפף־ווערטער. אבער אויך א צארן, א דונקעלער, בליג־דער צארן פון א שקלאף האט זיך הייס געגאסען פון זיין מויל.

— אפיקורסים! — האט פון א פענסטער, סטראשענדיג מיט׳ן פויסט, געשריען עפעס איינער מיט א געבראכענער שטימע.

נאך א שטימע האט געשריען:

— געגען קייזער, געגען זיין מאיעסטעט, דעם צאר, בונטעווען?

פארביי דער מוטער האבען געפינקעלט צוטראגענע געזיכטער. אונ־טערשפרינגענדיג זיינען פארבייגעלאפען מענער, פרויען. דאס פאלק האט געשטראמט ווי א געדיכטע לאווע, ווערענדיג צוגעצויגען פון דיעזער ליעד, וואס האט, דאכט זיך, מיט דעם שטראם פון איהרע קלאנגען אומגעווארפען אלעס ארום און האט אפגערייניגט דעם וועג. און אין דער מוטער׳ס הארץ איז מעכטיג געוואקסען א פערלאנג אויסצושרייען צו די מענשען:

— ליעבינקע!

קוקענדיג אויף דער רויטער פאהן פון דער ווייטענס, האט זי ניט זעהענדיג דאך געזעהן דעם זוהן׳ס פנים, זיין בראנזענעם שטערן און זיינע אויגען, וועלכע האבען געברענט מיט א הערליכען פייער פון גלויבען.

נאר אט איז זי שוין ביים עק פון דער מאסע, צווישען מענשען, וועלכע זיינען געגאנגען ניט געאיילט, גלייכגילטיג קוקענדיג פאראויס מיט א קאל־טער נייגעריגקייט פון צושויער, וועמען עס איז שוין פאראויס בעוואוסט דער סוף פון דיעזען שפיעל. זיי זיינען געגאנגען און האבען גערעדט ניט הויך און מיט זיכערהייט.

— איין ראטע סאלדאטען שטעהט לעבען שול און די אנדערע לעבען פאבריק...

— דער גובערנאטאר איז געקומען צו פאהרען...

— טאקע?

— איך האב איהם אליין געזעהן... ער איז געקומען צו פאהרען...

איינער האט זיך עפעס פרעהליך אויסגעזידעלט און האט געזאגט:

— מען האט אבער דאך אנגעהויבען מורא צו האבען פאר אונז!... סאלדאטען און דער גובערנאטאר!...

— ליעבינקע! — האט זיך געשלאגען ביי דער מוטער אין הארצען.

נאָר די ווערטער אַרום איהר האָבען געקלונגען קאַלט און טויט. זי האָט צוגעאײלט איהרע טריט אום אַוועקצוגעהן פון דיעזע מענשען און איהר איז גאַנץ לייכט געווען אַריבערצוויאָגען זייער לאַנגזאַמען, פוילען גאַנג.

און פּלוצלונג האָט זיך די קאָפּ פון דער מאַסע פּונקט ווי עפּעס אָפּגעשלאָגען אָן עטוואָס. איהר קערפּער האָט, אָפּשטעלענדיג זיך, אַ שטויס געטהאָן זיך אויף צוריק מיט אָן אונרוהיגער, שטילער הודזשעריי. דאָס ליעד האָט אויך אַ ציטער געטהאָן און נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבען פליסען שנעלער און העכער. און ווידער האָט זיך דער געדיכטער שטראָם פון קלאַנגען אַראָפּגעלאָזען און האָט זיך אומגעקעהרט אויף אַ־הינטער. די שטימען זיינען אַרויסגעפאַלען פון כאָר איינע נאָך די אַנדערע, עס האָבען זיך געהערט בעזונדערע אויסרופען, וועלכע האָבען זיך געסטאַרעט אויפצוהויבען דאָס ליעד אויף דער פריהערדיגער הויכקייט און שטויסען איהר פאָראויס:

„שטעהט אויף, ערהויבט זיך, אַרבייטער מאַסען!
אויף דעם פיינד געהט, איהר הונג'ריגע ברידער!“...

אָבער אין דיעזען רוף איז שוין ניט געווען קיין אַלגעמיינע, פעראייניגטע זיכערהייט; אין איהם האָט שוין געציטערט אַ טרעוואָגע.

ניט זעהענדיג גאָרנישט, ניט ווייסענדיג וואָס דאָרט האָט פּאַסירט מיט די פאָדערשטע רייהען, האָט די מוטער פאַנאַנדערגעשטופּט דעם עולם און זיך גערוקט פאָראויס און אַנטקעגען איהר האָבען זיך אַלץ געררוקט אויף אַ־הינטער מענשען, אייניגע — דעם קאָפּ אַראָבגעבויגען, אַנדערע מיט אַ קאָנוואולסיווען שמייכעל, די דריטע מיט אַ שפּאָטישער פייפעריי. זי האָט מיט אָן אומעט בעטראַכט זייערע פּנים'ער. איהרע אויגען האָבען שווייגענד געפרעגט, געררופען און געבעטען זיך...

— חברים! — האָט זיך דערהערט פּאַוועל'ס קול. — די סאָלדאַטען זיינען אויך מענשען פּונקט ווי מיר. זיי וועלען אונז ניט שלאָגען. פאַר וואָס זאָלען זיי אונז שלאָגען? דערפאַר וואָס מיר פרעדיגען דעם אמת, וועלכער איז נויטיג פאַר אַלעמען? אונזער אמת איז דאָך גוט פאַר זיי אויך... דערווייל פערשטעהען זיי דאָס ניט, אָבער עס איז שוין נאָהענט די צייט ווען זיי וועלען זיך שטעלען צוזאַמען מיט אונז, ווען זיי וועלען געהן ניט אונטער דער פאָהן פון רויבעריי און הריגות, ווי די ליגנער און די בעסטיעס הייסען זיי, זאָנדערן זיי וועלען געהן אונטער דער פאָהן פון פרייהייט און גוטס. און אום זיי זאָלען אונזער לעהרע וואָס שנעלער

פערשטעהן, דארפען מיר געהן פאָרוועדטס, פאָרוועדטס, חברים! אימער פאָרוועדטס!"

פאוועלס שטימע האָט געקלונגען פעסט. זיינע ווערטער זיינען געווען קלאָר און דייטליך, נאָר די מאַסע איז אַלץ מעהר פאַנאַנדערגעפאַלען, די מענשען פלעגען איינער נאָך דעם אַנדערען אָפּגעהן אָן אַ זייט, רעכטס און לינקס און פלעגען זיך אַנשפּארען אָן די פּארקאַנס. יעצט האָט די מאַסע אויסגעזעהן ווי אַ קלין, פון וועלכען פּאוועל איז געווען דער שפּיץ און איבער זיין קאָפּ האָט הויך געפלאַטערט די פאָהן פון ארבייטער־פּאָלק. אויך איז די מאַסע עהנליך געווען צו אַ שוואַרצען פויגעל — ברייט פאַנאַנ־דערפאָכענדיג זיינע פליגלען האָט ער זיך געקליבען אויפצוהויבען זיך און פליהען, און פּאוועל איז געווען זיין שנאָבעל...

.29

די מוטער האָט געזעהן, אַז ביים עק גאַס איז געשטאַנען אַ ניעדריגע, גראָהע וואַנד פון מענשען אָהן פּנים'ער; אַלע האָבען געהאַט איין אויסזעהן. זיי האָבען פערשפּאַרט דעם אַריינגאַנג אויפ'ן פּלאַץ. אויפ'ן פּלייצע פון יעדערען פון זיי האָבען געבלישטשעט די קאַלטע דינע שפּיצען פון שווערדען. און פון דיעזער שווייגעדיגער, פערגליווערטער וואַנד האָט אויף די ארביי־טער געוועהעט מיט אַ קעלט. דיעזע קעלט איז אויך אריבער צו דער מוטער אין הארצען.

זי האָט זיך אַריינגעשפּאַרט אין דער מאַסע, דאָרט וואו עס זיינען געשטאַנען איהרע בעקאַנטע, די יעניגע וועלכע זיינען געווען פאָראויס מיט דער פאָהן האָבען זיך צומישט מיט די אונבעקאַנטע, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך אויף זיי אָנשפּארען. זי האָט זיך פעסט צוגעטוליעט מיט אַ זייט צו עפּעס אַן אונבעקאַנטען מענשען מיט אַ ראַזירטען פּנים. ער איז געווען אַ קרומער און אום אַ קוק צו טהאָן אויף איהר, האָט ער אויסגעדרעהט דעם קאָפּ.

— וואוהין קריכסטו?... ווער ביזטו?... — האָט ער אַ פרעג געטהאָן.

— איך בין פאוועל וולאַסאָוו'ס מאַמע! — האָט זי געענטפערט, פיה־לענדיג דערביי אַז איהרע קניע ציטערען און איהר אונטערשטע ליפּ לאָזט זיך ניט ווילענדיג אַראָפּ.

— אַהאַ! — האָט דער קרומער געזאָגט.

— חברים! — האָט פאוועל גערעדט. — דעם גאַנצען לעבען דארפען מיר געהן פאָרוועדטס. מיר האָבען קיין אַנדערען וועג ניט! זינגט!

עס איז שטיל געוואָרען. די פאָהן האָט זיך אויפגעהויבען, האָט זיך

א וויעג געטהאָן און פלאַטערענדיג פערטראַכט איבער די מענשליכע קעפּ האָט זי זיך געלאָזען צו דער גראָהער וואַנד פון סאָלדאַטען. די מוטער האָט א ציטער געטהאָן, האָט פערמאַכט די אויגען און האָט א זיפץ געטהאָן. — פּאַוועל, אַנדריי, סאַמאָילאָוו און מאַזין, — נאָר זיי פיער האָבען זיך אָפּגעריסען פון דער מאַסע.

אָבער אין דער לופט האָט לאַנגזאַם א ציטער געטהאָן די קלאָרע שטימע פון פעדיאַ מאַזין:

„אַלס אָפּפער געפאַלען זייט איהר אין דעם קאַמפּף...“ — האָט ער אָנגעפאַנגען צו זינגען. — „אין קאַמפּף פאַר דער פעלקער־בעפרייאונג“... — האָבען ווי שווערע קרעכצען זיך אָפּגערופען די געדיכטע ניעדריגערע שטימען.

די מענשען האָבען א שפּרייז געטהאָן פאָראויס, א קלאַפּ טהוענדיג צום טאַקט מיט די פיס אָן דער ערד, און עס האָט זיך א גאַס געטהאָן א נייע ענטשיעדענע ליעד.

„מיר האָבען געאָפּפערט מיט אַלעס אַצינד...“ — האָט זיך ווי א הערליכע סטענגע געשלענגעלט פעדיאַ מאַזין׳ס קול.

„פאַר דער פרייהייט...“ — האָבען געזונגען די חברים.

— אהא!; — האָט אימיצער אויסגעשריען מיט א בייזער צופריעדענהייט. — א לויה־ניגון האָבען זיי אָנגעהויבען זינגען, די טריפה׳נע ביינער!...

— שלאָגט איהם! — האָט זיך דערהערט א פער׳כעס׳טער אויסרוף.

די מוטער האָט זיך געכאַפּט מיט די הענד פאַר׳ן האַרצען. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט דערזעהן, אַז די מאַסע, וועלכע האָט פריהער אַזוי געדיכט פערפלייצט די גאַס, שטעהט יעצט פערצווייפעלט, קווינקעלט זיך און קוקט צו ווי פון איהר דערווייטערען זיך אַלץ מעהר די מענשען מיט דער פאָהן. הינטער זיי געהען נאָך א פּאָר צעהנדליג מענשען און ביי יעדען טראַט, וואָס זיי מאַכען פאָרווערטס, שפּרינגען אַלץ מעהר מענשען אָפּ אָן א זייט, פונקט ווי דער וועג דורכ׳ן גאַס וואָלט געווען אָנגעברענט און וואָלט זיי ברענען די פיאַטעס.

„עס וועט קומען א צייט און דער ווילקיר וועט פאַלען!“ — האָט דאָס ליעד געזאָגט נביאות אין פעדיאַ׳ס מויל

„ערוואַכען ט׳דאָס פאָלק!“ — האָבען איהם מיט זיכערהייט נאָכגעזונגען א כאָר פון שטאַרקע שטימען.

אָבער דורך דעם גלייכען פליסען פון דאָס ליעד האָבען זיך דורכגעריסען שטילע ווערטער:

— ער קאַמאַנדעוועט...

— די ביקסען אויפ׳ן האַנד! — האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער געשריי פּאַראָוים.

אין דער לופט האָבען זיך אַ וויעג געטהאָן די שפּיעזען. זיי האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען און האָבען זיך אויסגעצויגען אַנטקעגען דער פאָהן, כיטרע שמייכלענדיג.

— מאַ־רש!

— ענטלויפט! האָט געזאָגט דער קרומער און אַריינרוקענדיג די הענד אין די קעשענעס האָט ער אויף גיך אַ שפּרייז געטהאָן אָן אַ זייט.

די מוטער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט. די גראָהע כוואַליע פון סאָלדאַטען האָט אויסציהענדיג זיך אין דער גאַנצער ברייט פון גאַס, קאַלט און גלייך געלאָזען זיך געהן טראָגענדיג פאַראויס די בלישטשענדע שטאָלענע צייהנער. זי איז אויף שנעל אונטערגעלאָפען צום זוהן און האָט זיך אוועקגעשטעלט נעהנטער צו איהם. זי האָט געזעהן ווי אַנדריי האָט אַריבערגעיאָגט פאַוועלען און האָט איהם פערשטעלט מיט זיין הויכען קערפּער.

— געה גלייך מיט מיר, חבר! — האָט שאַרף אויסגעשריען פאַוועל.

אַנדריי האָט געזונגען. די הענד זיינען ביי איהם געווען פערלעגט הינטער׳ן רוקען און דעם קאָפּ האָט ער פעררייסען אַרויף. פאַוועל האָט איהם אַ שטופּ געטהאָן מיט׳ן פּלייצע און האָט נאָך אַ מאָל אַ געשריי געטהאָן:

— געה גלייך! דו האָסט קיין רעכט ניט! פאַראוים איז די פאָהן!

— געהט זיך פאַנאַנדער! — האָט מיט אַ דינעם קול געשריען אַ קליינינקער אָפיצעריל, פאָכענדיג מיט אַ ווייסען שווערד. די פיס פלעגט ער אויפהויבען הויך און ניט איינבויגענדיג זיי אין קניע, האָט ער געטאָפּטשעט מיט די פיס אָן דער ערד. דער מוטער האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען זיינע גלאַנציגע אויסגעפּוצטע שטיוועל.

און פון דער זייט, אַ ביסעל הינטער איהם, האָט זיך קוים־וואָס געשלעפּט אַ געוויקסיגער מאַן מיט אַ ראַזירטען פּנים מיט געדיכטע גרויע וואָנצעס און אַ לאַנגען מאַנטעל מיט אַ רויטען אונטערשלאַק און געלע לאַמפּאַסען אויף די ברייטע הויזען. ער האָט אויך ווי דער קליין־רוס געהאַלטען די הענד הינטער׳ן פּלייצע, ער האָט הויך אויפגעהויבען זיינע געדיכטע גרויע ברעמען און האָט געקוקט אויף פאַוועלען.

די מוטער האָט געזעהן זעהר פיעל. עס האָט איהר געדריקט דאָס הארץ און זי איז געווען בערייט פאַנאַנדערצושרייען זיך, נאָר זי האָט זיך

איינגעהאַלטען אַנכאַפּענדיג זיך מיט די הענד פאַר'ן האַרצען. מען האָט איהר געשטופּט. זי האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס און זי איז געגאַנגען פאָרוועררטס אָהן וועלכען ניט איז גערדאַנק, כמעט בעוואוסטלאָז. זי האָט געפיהלט, אַז דער המון הינטער איהר ווערט אַלץ קלענער. אַ קאַלטער שטראָם איז זיי אַנטקעגען געקומען און פלעגט זיי פאַנאַנדערטראָגען.

אַלץ נעהנטער זיינען זיך די מענשען מיט דער רויטער פאָהן צוזאַמענגעקומען מיט די סאָלדאַטען מיט די שאַרפע שפּיזען. צילעווענדיג זיך אין די הערצער פון די מענשען האָבען די סאָלדאַטען נאָך איידער זיי האָבען זיך אָנגעריהרט אָן די מענשען, פאַנאַנדערגעשפּאָלטען די מאַסע און צוטריעבען דעם המון.

די מוטער האָט געהערט הינטער זיך די טריט פון די לויפענדע. דערשראָקענע, אונרוהיגע שטימען האָבען געשריען:

— געהט זיך פאַנאַנדער, קינדער...

— וולאַסאָוו, ענטלויף!...

— טרעט אָפּ, פּאַוועל!

— וואַרף אַוועק די פאָהן, פּאַוועל! — האָט פער'כעס'ט געזאָגט וויעסאָווטשיקאָוו. — גיב אַהער, איך וועל איהר בעהאַלטען!

ער האָט אַ כאַפּ געטהאָן דעם פלעקעל פון דער פאָהן און זי האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן.

— טשעפּע ניט! — האָט פּאַוועל אַ געשריי געטהאָן.

ניקאָליי האָט צוגעכאַפּט די האַנד, פּונקט ווי ער וואָלט איהר אָפּגעברענט. דאָס ליעד איז פערלאָשען געוואָרען. די מענשען האָבען זיך אָפּגעשטעלט און האָבען פעסט אַרומגערינגעלט פּאַוולען, אָבער ער האָט זיך אַרויסגעשטופּט פאָראויס. עס איז שטיל געוואָרען אויף אַ רגע פּונקט ווי די שטילקייט וואָלט זיך פלוצלונג אַראָפּגעלאָזען פון ערגעץ אויבען און וואָלט אַרומגענומען די מענשען מיט אַ דורכזיכטיגען וואָלקען.

אונטער'ן פאָהן זיינען געשטאַנען אַ מאָן צוואַנציג, ניט מעהר. אָבער זיי זיינען געשטאַנען פעסט, צוציהענדיג די מוטער צו זיך מיט דעם געפיהל פון שרעק פאַר זיי און מיט דעם סמוטנעם ווילען צו זאָגען זיי עפּעס וואָס...

— נעהמט ביי איהם אָפּ, הערר פּאָרוטשיק, אָט דאָס! — האָט זיך דערהערט דער גלאַטער קול פון הויכען אַלטען.

אויסשטרעקענדיג די האַנד, האָט ער אָנגעצייגט אויף דער פאָהן.

צו פּאַוולען איז צוגעלאָפען דער קליינינקער אָפיצעריל, האָט זיך אָנ־

געכאַפּט מיט'ן האַנד פאַר'ן פלעקעל און האָט מיט א דינעם קול'כעל א געשריי געטהאָן:

— וואַרף דאָס אַראָפּ!

— נעהמט אַרונטער אייערע הענד! — האָט הויך געזאָגט פּאַוועל.

די פאָהן האָט רויט געציטערט אין דער לופטען, איינבויגענדיג זיך דאָ אויף לינקס, דאָ אויף רעכטס, און זי האָט זיך ווידער אַנידערגעשטעלט גלייך. דער אַפּיצעריל איז אָפּגעשפּרונגען אָן א זייט און האָט זיך אַנידער־געזעצט אויף דער ערד. פאַרביי דער מוטער איז עפּעס מיט א ניט גע־וועהנליכער שנעלקייט דורכגעלאָפען ניקאָליי, טראָגענדיג פאַראויס אַן אויס־געשטרעקטע האַנד מיט א צוזאַמענגעדריקטען פויסט.

— נעהמט זיי! — האָט א ברום געטהאָן דער אַלטער, א קלאַפּ טהוענ־דיג מיט'ן פוס אָן דער ערד.

עטליכע סאָלדאַטען זיינען אַרויסגעשפּרונגען פאַראויס. איינער פון זיי האָט א מאַך געטהאָן מיט'ן פּריקלאַד פון ביקס. די פאָהן האָט א ציטער געטהאָן, האָט זיך איינגעבויגען און איז פערשוואונדען צווישען דער גראָהער קופּקע סאָלדאַטען.

— אַך! — האָט אימיצער אויסגעשריען מיט אומעט.

און די מוטער האָט א געשריי געטהאָן מיט א קול פון א ווילדער חיה. נאָר אַלס ענטפער האָט זיך פון דער קופּע סאָלדאַטען דערהערט פּאַוועל'ס קלאָרע שטימע:

— זייט געזונד, מאַמע! צום ווידערזעהן, טהייערינקע...

— ער לעבט! ער האָט זיך דערמאָהנט, — האָט עס צוויי מאָל א קלאַפּ געטהאָן אין דער מוטער'ס האַרץ.

— צום ווידערזעהן, מאַמעלע!

אויפהויבענדיג זיך אויף די שפּיץ פינגער, האָט זי זיך געסטאַרעט צו זעהן זיי און איבער די קעפּ פון די סאָלדאַטען האָט זי דערזעהן אַנדריי'ס רונדען פנים. ער האָט געשמייכעלט און גענייגט זיך צו איהר.

— טהייערינקע מיינע... אַנדריושאַ... פּאַווליושאַ... — האָט זי געשריען.

— צום ווידערזעהן, חברים! — האָט מען א געשריי געטהאָן פון דער קופּע סאָלדאַטען.

פון די פענסטער, ערגעץ פון דער הויך, פון די דעכער, האָט זיי אָפּגע־ענטפערט א פיעל־שטימעדיגער אָבגעריסענער עכאָ און איז פערקלונגען אין דער לופטען.

.30

מען האָט איהר אַ שטוים געטהאָן אין הארצען. ווי דורך אַ נעבעל האָט זי געזעהן פאַר זיך דעם אָפיצערעל. זיין פנים איז געװען אַ רויטער און אַן אָנגעבלאָזענער און ער האָט געשריען צו איהר:

— אוועק פון דאַנען, אַלטע.

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם פון אויבען־אַראָפּ און זי האָט דער־זעהן ווי אונטער זיינע פיס האָט זיך געוואַלגערט דער פלעקעל פון דער פאָהן, ויעלכער איז געװען צובראָכען אין צווייען. אויף איינעם איז נאָך פער־בליבען אַ שטיקעל פון דעם רויטען שטאָף. זי האָט זיך איינגעבויגען און עס אויפגעהויבען. דער אָפיציער האָט אַרויסגעריסען דעם שטעקעל פון איהרע הענד, האָט עס אַ וואָרף געטהאָן אָן אַ זייט און טופּענדיג מיט די פיס האָט ער געשריען:

— אוועק פון דאַנען, זאָג איך דיר!...

צווישען די סאָלדאַטען האָט אויפגעפלאַמט און צוגאָסען זיך דאָס ליעד:

„שטעהט אויף, ערהויבט זיך, ארבייטער מאַסען!“...

אַלעס האָט זיך געדרעהט, געשאָקעלט און אויפגעציטערט. אין דער לופט איז געשטאַנען אַ געדיכטער, אונרוהיגער טומעל, פונקט ווי דער מאָ־טאָווער רוישען פון די טעלעגראַף־דראָטען. דער אָפיציער איז אָפּגעשפרונ־גען און האָט מיט אויפרעגונג אויסגעשריען:

— הערט אויף צו זינגען! פעלדפעבעל קראַינאָוו...

די מוטער איז צוגעגאַנגען צום שטיקעל האָלץ און האָט איהם ווידער אויפגעהויבען.

— פערשטאָפּט זיי די מיילער...

דאָס ליעד האָט זיך אָבגעריסען, האָט אויפגעציטערט און איז פער־לאָשען געוואָרען. אימיצער האָט אָנגעכאַפּט די מוטער פאַר'ן פלייצע, האָט איהר אַ קעהר געטהאָן און אַ שטוים געטהאָן אין רוקען...

— געה, געה...

— רייניגט אָפּ די גאַס! — האָט געשריען דער אָפיציער.

די מוטער האָט געזעהן צעהן טריט פון זיך ווידער אַ געדיכטע קופּע מענשען. זיי האָבען געשריען, געברומט און געפייפט און זיינען לאַנגזאַם אָפּגעטראָטען אין דער טיעפעניש פון גאַס און זיינען זיך צוגאַנגען אין די הויפען.

— געה, מכשפה! — האָט אויסגעשריען הארט לעבען דער מוטער

א יונגער סאָלדאַט מיט גרויסע וואָנצעס און ער האָט איהר א שטויס געטהאָן אויפ'ן טראָטואַר.

זי איז אוועק אַנגעשפּאַרט אויפ'ן פּלעקעל און די פּיס האָבען זיך ביי איהר געבויגען. אום ניט צו פאַלען, האָט זי זיך געדראַפּעט מיט דער צוויי־טער האַנד אָן די יוענד און אָן די פּאַרקאַנס. פאַראויס פון איהר זיינען געגאַנגען מענשען, גלייך מיט איהר און הינטער איהר זיינען געגאַנגען סאָל־דאַטען און האָבען געשריען:

— געה, געה!...

די סאָלדאַטען האָבען איהר איבערגעיאָגט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט זיך ארומגעקוקט. ביים עק גאַס איז ווידער געשטאַנען א קייט פון סאָלדאַטען, וועלכע האָבען פערשפּאַרט דעם ארויסגאַנג אויפ'ן פּלאַץ. דער פּלאַץ איז געווען לעדיג. אויך פאַראויס האָבען זיך געשאַקעלט גרויע פיגורען, וועלכע האָבען זיך לאַנגזאַם אַנגערוקט אויף די מענשען...

זי האָט זיך געוואָלט אומקעהרען צוריק, אָבער ניט אָפּגעבענדיג זיך קיין חשבון אין איהר טהאַט, איז זי אוועק פאָרווערטס און דערגעהענדיג צום געסעל, האָט זי זיך פערקירעוועט אין איהם.

זי האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט. זי האָט א זיפץ געטהאָן און האָט זיך צוגעהערט. ערגעץ פאַראויס האָט געהודזשעט דאָס פאָלק.

אָנשפּאַרענדיג זיך אויפ'ן פּלעקעל, האָט זי זיך געלאָזט געהן ווייטער, מאַכענדיג מיט די ברעמען. זי איז פּלוצלונג פערשוויצט געוואָרען. זי האָט געמאַכט מיט די ליפּען, פאַנאַנדערגעפיהרט מיט די הענד און אין איהר האַרצען האָבען ווי פונקען אויפגעפלאַמט עפּעס ווערטער. זיי האָבען אויפגעפלאַמט, האָבען זיך געשטויסען און האָבען אָנגעצונדען אין האַרצען א מעכטיגען פערלאַנג ארויסצוזאָגען זיי, אויסצושרייען...

די געסעל האָט זיך געצויגען לינקס און הינטער'ן ווינקעל האָט די מוטער דערזעהן א גרויסע, געדיכטע קופּע מענשען. אימיצענס א קול האָט הויך און שטאַרק גערעדט:

— צוליעב עזות'קייט אליין, ברידערלעך, לאָזט מען זיך ניט אויף די באַיאָנעטען!

— ווער, זיי? מען לאָזט זיך אויף זיי — און זיי שטעהען! יאָ, ברידער, זיי שטעהען און האָבען קיין מורא ניט...

— יאַ־אַ...

— וואָס זאָגסטו צו פּאַוועל וולאַסאָוו!...

— און דער קליין־רום?

— די הענד פערלעגט אויף אהינטער און שמייכעלט. א טייוועל!...

— טהייערינקע! מענשען! — האט אויסגעשריען די מוטער, אריינ־שטופענדיג זיך צווישען דעם עולם. אויס רעספעקט צו איהר האבען די מענשען אבגעווייכט און האבען איהר אריינגענומען אין מיטען. אימיץ האט זיך פאנאנדערגעלאכט:

— זעה נאר — מיט'ן פלאג! זי האט די פאהן אין האנד!

— שווייג! — האט זיך שטרענג אפגערופען א צווייטע שטימע.

די מוטער האט ברייט פאנאנדערגעפיהרט מיט די הענד...

— הערט נאר אויס, גאטספארכטיגע מענשען! איהר אלע, טהייע־רינקע... הארציגע, בעטראכט נאר. גיט א קוק אהן מורא... אהן פורכט... וואס האט דא פאסירט? אונזערע קינדער געהען אין דער וועלט... עס געהען אונזערע קינדער, אונזער בלוט; זיי געהען פאר'ן אמת... זיי זוכען א נייעם, א ברייטען וועג פאר אלעמען! פאר אייך אלעמען, פאר אייערע קליינע קינדער געהען זיי אויפ'ן דערנער־וועג... זיי ווילען א נייעם לעבען, א לעבען פון אמת און גערעכטיגקייט... זיי ווילען גוטס פאר אלעמען!"...

ביי איהר האט זיך געריסען דאס הארץ, אין ברוסט איז איהר געווען ענג, אין האלז טרוקען און הייס. טיעף אין הארצען זיינען געבארען גע־ווארען ווערטער פון דער גרויסער ליעבע, וועלכע נעהמט אלעס און אלעמען ארום און דיעזע ווערטער האבען געברענט אויף איהר צונג און האבען איהם אלץ מעכטיגער און פרייער בעוועגט. זי האט געזעהן — מען הארכט זיך צו צו איהרע רייד, אלע שווייגען. זי האט געפיהלט, אז די מענשען דענקען נאך און אין איהר הארצען איז אלץ מעהר געוואקסען דער פערלאנג, וועלכער איז שוין פאר איהר יעצט קלאר געווען — א שטויס צו טהאן די מענשען אהין נאך אנדרייען און די איבעריגע, וועמען מען האט אפגעגעבען אין די הענד פון די סאלדאטען, נאך יענע וועמען מען האט דארט איבערגעלאזען אליין און פון וועמען מען איז אוועקגעגאנגען.

בעטראכטענדיג די במורנע אויפמערקזאמע פנים'ער ארום זיך, האט זי מיט א ווייכער קראפט פארטגעזעצט:

„אונזערע קינדער געהען צו פרייד, זיי געהען צוליעב אלעמען, פאר גאט'ס אמת, — געגען אלעס מיט וואס די שלעכטע, פאלשע און זשעדנע מענשען האבען אונז געבונדען און געשטיקט! טהייערינקע מיינע, דאס

האָט זיך דאָך אונזער יונג בלוט ערהויבען פאַר'ן גאַנצען פאָלק, פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר אַלע ארבייטער זיינען זיי אַוועק. געהט זשע ניט אַוועק אַזוי, לאָזט ניט איבער די קינדער אַליין אויף'ן איינזאַמען וועג. האָט רחמנות אויף זיך אַליין; גלויבט אייערע זיהן; זיי האָבען געפונען דעם אמת, זיי ברענען פאַר איהם און קומען אום צוליעב איהם. גלויבט זיי!"

איהר שטימע האָט זיך איבערגעריסען. זי האָט זיך אַ שאָקעל געטהאָן אַן אָהנמעכטיגע. אימיצער האָט איהר אונטערגעכאַפּט אונטער'ן אָרעם...

— גאָט'ס ווערטער! — האָט אימיצער מיט אַן אויפגערעגטען קול אויסגעשריען — גאָט אַליין רעדט מיט איהר מויל! הערט זיך צו!

אַ צווייטער האָט מיט רחמנות אַ זאָג געטהאָן:

— אַך, ווי זי קוועלט זיך נעבאַך!

איהם האָט מען מיט פאָרוואורף אָפּגעענטפערט:

— זי קוועלט זיך גאָר ניט, זאָנדערן זי שטראָפט דאָס אונז, אונז, די נאַררען... בעגרייף דאָס!

איבער'ן עולם האָט זיך ערהויבען אַ ווייכע, ציטערנדע שטימע:

— גאָטספאָרכטיגע מענשען! מיין מיטיא, די ריינע נשמה... וואָס האָט ער געטהאָן? ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיינע חברים... זי איז גע־רעכט — פאַר וואָס זאָלען מיר לאָזען די קינדער אַליין? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבען זיי אונז געטהאָן!

די מוטער האָט אויפגעציטערט פון דיעזע ווערטער און זי האָט גע־ענטפערט אויף זיי מיט שטילע טרעהרען.

— געה אהיים, נילאָוונאַ! געה, מוטער! דו ביזט דאָך אָפּגעמאַ־טערט! — האָט הויך געזאָגט סיזאָוו.

ער איז געווען בלאַס און זיין באָרד איז געווען צופודעלט און האָט זיך געטרייסעלט. פּלוצלונג האָט ער פערקנייטשט די ברעמען, האָט געוואָרפען אַ שטרענגען בליק אויף אַלעמען ארום איהם, האָט זיך אויסגעגלייכט און האָט דייטליך געזאָגט:

— מיין זוהן מאַטווי איז אומגעקומען אויף'ן פאַבריק... דאָס ווייסט איהר. נאָר ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט איך איהם אַליין געשיקט, ער זאָל געהן צוזאַמען מיט זיי, מיט יענע... איך וואָלט אַליין געזאָגט: געה דו אויך, מאַטווי! געה, דאָס איז ריכטיג... דאָס איז עהרענהאַפט!

ער איז אַנטשוויעגען געוואָרען אויף אַ רגע און אַלע איבעריגע האָבען

מיט פערדרום געשוויעגען, זייענדיג ארומגענומען מיט עטוואס גרויסעס און נייעס, וואס האט זיי שוין ניט געשראקען מעהר. סיזאוו האט אויפגע־הויבען די האנד, האט א פאך געטהאן מיט איהר און האט ווייטער פארט־געזעצט:

— דאס רעדט צו אייך אן אלטער מאן... איהר קענט מיר. ניין און דרייסיג יאהר ארבייט איך דא... דריי און פופציג יאהר איז ווי איך לעב אויף דער וועלט. מיין פלימעניק, אזא זויבערען און קלוגען אינגעל האט מען היינט ווידער צוגענומען... ער איז אויך געגאנגען פאראוים לעבען וולאסאוו׳ען, הארט לעבען דער פאהן...

ער האט א מאך געטהאן מיט׳ן האנד, האט זיך איינגעקארטשעט און, נעהמענדיג די מוטער פאר׳ן האנד, האט ער געזאגט:

— דיעזע פרוי האט געזאגט דעם אמת... אונזערע קינדער ווילען לעבען אין עהרע און מיט פערנונפט, אבער מיר האבען זיי אוועקגעווארפען, מיר האבען זיי איבערגעלאזען ביי די סאלדאטען אין די הענד און אליין זיינען מיר אוועק, יא! געה, נילאוונא...

— ליעבינקע, מיינע! — האט זי געזאגט, בעטראכטענדיג אלעמען מיט איהרע פערוויינטע אויגען, — צו די קינדער געהערט דאס לעבען; זיי געהערט די גאנצע ערד!...

— געה, נילאוונא! נא, נעהם דעם שטעקעל... — האט סיזאוו געזאגט, דערלאנגענדיג איהר דעם שטיקעל פלעקעל.

אויף דער מוטער האט מען געקוקט מיט אומעט, מיט רעספעקט און מיט שטילען מיטגעפיהל האבען איהר אלע דורכגעלאזען. סיזאוו האט שווייגענדיג אפגעשטופט די מענשען פון וועג. זיי האבען שווייגענדיג געמאכט פאר איהר א ווארע. עפעס אן אונקלארע קראפט האט זיי גע־צויגען נאך דער מוטער. זיי זיינען איהר פאמעליך נאכגעגאנגען און האבען זיך שטיל דורכגעווארפען מיט קורצע ווערטער. ביים טויער פון איהר הויז האט זי זיך אפגעקעהרט צו זיי, אנשפארענדיג זיך אויפ׳ן שטיקעל פלעקעל פון דער פאהן און פערנייגענדיג זיך צו זיי האט זי גזאגט:

— א דאנק אייך...

און ווידער דערמאהנענדיג זיך אן איהר געדאנק — אן דעם נייעם געדאנק, וועלכען, ווי זי האט געגלויבט, איהר הארץ האט איהר געבארען, — האט זי ארויסגערעדט:

— קריסטוס וואלט קיינמאל אויף דער וועלט ניט געווען, אויב מענשען וואלטען זיך צוליעב איהם ניט מקריב געווען...

די מענשען האבען שוויגענדיג געקוקט אויף איהר.

זי האט זיך נאך א מאל א נייג געטהאן צו אלעמען און איז אריין אין הויז. סיזאוו האט איינגעבויגען דעם קאפ און איז אויך אריין מיט איהר.

די מענשען זיינען געשטאנען ביים טויער און האבען וועגען עפּעס־וואס געשמועסט צווישען זיך און זיינען דערנאך ביסלעכווייז פאנאנדער־געגאנגען.

(ענדע פון ערשטען טהייל)

# צווייטער טהייל

1.

דער רעסט פון טאָג איז אריבער אין א נעבעל פון עראינערונגען, אין א שווערער מיעדקייט, וועלכע האָט שטייף ארומגענומען דעם גוף און די נשמה. ווי א גרויער פלעק איז פאר דער מוטערס אויגען ארומגעשפרונגען די פיגור פון דעם קליינעם אָפיציערל. אין דעם דונקעלען שטורם פון בע־וועגונג האָט געלויכטען די בראָנזענע פיגור פון פּאַוועל און עס האָבען גע־שמייכעלט אנדריי'ס אויגען...

זי איז ארומגעגאנגען איבער'ן צימער, האָט זיך געזעצט לעבען פענסטער און ארויסגעקוקט אין גאַס. זי איז ווידער ארומגעגאנגען, פלעגט אויפ־ציטערען און ארומקוקען זיך און ניט טראכטענדיג האָט זי עפּעס געזוכט... זי האָט געטרונקען וואסער און האָט אלץ ניט געקענט שטילען איהר דורשט. זי האָט ניט געקענט אויסלעשען אין הארצען דעם ברענענדען וועהטאָג פון אומעט און בעליידיגונג. דער טאָג איז איבערגעהאקט געוואָרען — אין אנפאנג איז געווען אן אינהאַלט, א זינען, און יעצט האָט אלץ אויסגעטריפט פון איהם, פאר איהר האָט זיך פערשפרייט א וועהמוטיגע פוסטקייט און עס האָט זיך געפּלאָנטערט דער געדאנק:

— וואָס וועט יעצט זיין ?...

עס איז געקומען קארסונאָווא. זי האָט געשריען, געוויינט, געמאכט מיט די הענד, געטופּעט מיט די פיס. זי האָט עפּעס פאָרגעלעגט און צוגע־זאָגט און האָט אימיצען עפּעס געסטראשעט. דאָס אלץ האָט דער מוטער ניט געריהרט.

— אהא ! — האָט זי געהערט מאריא'ס שרייענדען קול. — מען האָט טאקע פערטשעפּעט דאָס פאָלק ! די פאבריק האָט זיך אָפּגעשטעלט... די גאַנצע פאבריק !

— יאָ, יאָ ! — האָט די מוטער, צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ געמורמעלט און איהרע אויגען האָבען פערגליווערט געקוקט אויף דעם, וואָס עס איז שוין געוואָרען א פערגאנגענהייט, וואָס איז פערשוואונדען פון איהר צוזאמען מיט אנדרייען און פּאַוולען. וויינען האָט זי ניט געקענט — דאָס הארץ האָט

איהר געדריקט און איז פערטריקענט געוואָרען; איהרע ליפּען זיינען אויך פערטריקענט געוואָרען, אויך אין מויל האָט זי געפיהלט א טרוקענקייט. די הענד האָבען זיך געטרייסעלט און אויפ'ן רוקען האָט געציטערט די הויט. אָבער אין הארצען האָט זיך די גאַנצע צייט געטלייעט א פונק פון צאָרען. דער פונק האָט זיך ניט פאנאַנדערגעברענט און ער האָט זיך אויך ניט אויס־געלאָשען, נאָר ער האָט צייטענווייז ווי א נאָדעל געשטאָכען איהר דאָס הארץ און די מוטער פלעגט זיך אויף דיעזען שטאָך אָפּרופען מיט א קאַלטען צוזאָג:

— ווארט נאָר...

און הויך אריינשלינגענדיג די לופט מיט'ן נאָז, פלעגט זי אראָפּלאָזען די ברעמען.

אין אבענד זיינען געקומען זשאַנדארען. זי האָט זיי בעגעגענט אָהן שרעק, ניט וואונדערענדיג זיך. אריין זיינען זיי מיט א טומעל און אין זיי איז געיוען עפּעס א פרעהליכקייט, א צופריעדענהייט. דער געל־פּנים'דיגער אָפיציער האָט אויססטאַרטשענדיג זיינע צייהנער געזאָגט:

— נו־ס, וואָס מאַכט איהר עפּעס? שוין דאָס דריטע מאָל ווי מיר טרעפען זיך מיט אייך, הא?

זי האָט געשוויגען, א פיהר טהוענדיג מיט'ן צונג איבער די טרוקענע ליפּען. דער אָפיציער האָט גערעדט א סך, מיט א טאָן פון א לעהרער און זי האָט געפיהלט, אז ער האָט הנאה דערפון. אָבער זיינע ווערטער זיינען ניט דערגאַנגען צו איהר, האָבען איהר ניט געשטערט. נאָר דאַן, ווען ער האָט געזאָגט: „דו אליין, מאַמינקע, ביזט שולדיג, וואָס דו האָסט אין איהם ניט געקענט איינפלאַנצען א ליעבע צו גאָט און צום קיסר..." — האָט זי, שטעהענדיג ביים טהיר און ניט קוקענדיג אויף איהם געענטפערט:

— יאַ... אונזערע ריכטער זיינען די קינדער... זיי וועלען אונז לויט'ן אמת פער'משפט'ען דערפאַר, וואָס מיר וואַרפען זיי אַוועק אויף אַזאַ וועג.

— וואָס? — האָט א געשריי געטהאָן דער אָפיציער. — העכער!

— איך זאָג: די קינדער זיינען אונזערע ריכטער! — האָט זי אָפּזיפּ־צענדיג איבערגע'חזר'ט.

דאַן האָט ער עפּעס אָנגעפאַנגען ריידען שנעל און מיט כעס, אָבער זיינע ווערטער האָבען זיך געדרעהט ארום איהר און האָבען איהר ניט אָנגעריהרט.

מאַריאַ קאָרסונאָוואַ איז געווען דער עדות. זי איז געשטאַנען לעבען דער מוטער, נאָר זי האָט ניט געקוקט אויף איהר און ווען דער אָפיציער פלעגט זיך ווענדען צו איהר מיט א פראַגע, פלעגט זי אויף גיך פערנייגען זיך צו איהם און פלעגט ענטפערען אַלץ מיט דעם זעלבען נוסח:

— איך ווייס ניט, אייער עקסעלענץ. איך בין נאר א פראסטע פרוי. איך בעשעפטיג זיך מיט האנדעל און מיט מיין נארישע קאפ פערשטעה איך גארנישט...

— נו, שווייג! — פלעגט דער אפיציער בעפעהלען.

זי פלעגט זיך פערנייגען פאר איהם און צייגענדיג איהם בעהאלטע־נערהייד א פייג, פלעגט זי שעפטשען צו דער מוטער:

— נא דיר, פערבייס!

מען האט איהר געהייסען ארומזוכען דער מוטער. זי האט אנגעפאנגען צו פינטלען מיט די אויגען, האט זיי אויסגעסטארטשעט אויפ'ן אפיציער און האט מיט שרעק געזאגט:

— אייער עקסעלענץ, איך קען דאס ניט!

ער האט א טופע געטהאן מיט'ן פוס און האט א געשריי געטהאן. מאריא האט ארפגעלאזען די אויגען און האט שטיל א בעט געטהאן די מוטער:

— מילא, נו... שפיליע זיך אפ, פעלאגעיא נילאוונא...

דורכטרייסלענדיג און ארומטאפענדיג איהרע קליידער, האט זי מיט א פנים, וועלכער איז געווען אנגעגאסען מיט בלוט געשעפטשעט:

— אך, הינד... הא?

— וואס רעדסטו דארטען? — האט מיט א שטרענגען קול א געשריי געטהאן דער אפיציער, ארייגקוקענדיג אין ווינקעל, וואו זי האט ארומגע־זוכט דער מוטער.

— וועגען א ווייבערשען עסק, אייער עקסעלענץ! — האט מאריא מיט שרעק ארויסגעמורמעלט.

ווען ער האט געהייסען דער מוטער אונטערשרייבען דעם פראטאקאל, האט זי מיט א ניט געניטער האנד אויפגעצייכענט מיט דיקע געדרוקטע בוכ־שטאבען: „די אלמנה פון אן ארבייטער פעלאגעיא נילאווא ווּלאסאווא".

— וואס האסטו אויפגעשריעבען? צוליעב וואס איז דאס? — האט דער אפיציער אויסגעשריען, פערקניטשענדיג דעם פנים, און נאכדעם האט ער לאכענדיג געזאגט:

— בארבארען...

זיי זיינען אוועקגעגאנגען. די מוטער האט זיך אנידערגעשטעלט לעבען פענסטער, די הענד פערלעגט אויפ'ן הארצען און ניט זעהענדיג פאר זיך גארנישט, האט זי לאנג געקוקט אין דער ווייטקייט. זי האט הויך אויפ־געהויבען די ברעמען, האט פערקוועטשט די ליפען און האט אזוי צוזאמענ־

געדריקט די קינבאקען, אז זי האָט גיך דערפיהלט א וועהטאָג אין די ציינער. אין לאָמפּ האָט אויסגעברענט די קעראָסין. דער פייער האָט געהאלטען אין פערלאָשען ווערען. זי האָט א בלאָז געטהאָן אויף איהם און איז געבליבען אין דער פינסטער. א דונקעלער וואָלקען פון דער אומעדיגער געדאנקענ־לאָזיגקייט האָט זיך פערשפּרייט איבער׳ן הארצען און האָט שווערער געמאכט דאָס קלאָפּען פון הארצען. געשטאנען איז זי לאנג — עס זיינען איהר מיעד געוואָרען די פיס און די אויגען. זי האָט געהערט ווי אונטער׳ען פענסטער האָט זיך אָפּגעשטעלט מאריא און האָט מיט א שיכור׳ען קול געשריען:

— פעלאגעיא! דו שלאָפסט? מיין אונגליקליכע... שלאָף! אלעמען, אלעמען בעליידיגט מען.

די מוטער האָט, ניט אויסטהוענדיג זיך, געלעגט זיך אין בעט און איז שנעל אריינגעפאלען אין א שווערען שלאָף.

עס האָט זיך איהר גע׳חלומ׳ט דער געלער זאמדיגער בערגעל הינטער׳ן זומפּ אויפ׳ן וועג צום שטאָדט. אויפ׳ן ברעג, וועלכער האָט זיך געצויגען צו די גריבער, וואו מען פלעגט גראָבען זאמד, איז געשטאנען פּאוועל און מיט אנדריי׳ס שטימע האָט ער שטיל און הילכיג געזונגען: „שטעהט אויף, ער־הויבט זיך, ארבייטער־מאסען!“... זי איז פארבייגעגאנגען דעם בערגעל אויפ׳ן וועג און, צולעגענדיג די האנד צום שטערען, האָט זי א קוק געטהאָן אויפ׳ן זוהן. אויפ׳ן „פאָן“ פון בלויען הימעל האָט זיך זיין פיגור אויס־געצייכענט דייטליך און שארף. זי האָט ניט געוואגט צוצוגעהן צו איהם. עס האָט איהר געפלאגט דאָס געוויסען, וואָס זי איז געווען שוואנגערדיג. און אויף די הענד האָט זי אויך געהאלטען א קינד. זי איז אוועק ווייטער. אויפ׳ן פעלד האָבען קינדער געשפּיעלט אין פּילקעס. קינדער זיינען דאָרט געווען א סך און די פּילקע — א רויטע. דאָס קינד האָט זיך א ציה געטהאָן פון איהרע הענד צו זיי און האָט זיך הויך פאנאנדערגעוויינט. זי האָט איהם געגעבען זויגען און האָט זיך אומגעקעהרט צוריק. אָבער אויפ׳ן בער־געל זיינען שוין געשטאנען סאָלדאטען צילעווענדיג זיך מיט די שפּיעזען אויף איהר. זי איז אויך גיך אוועקגעלאָפען צום קלויסטער, וועלכער איז געשטא־נען אין מיטען פעלד, צום ווייסען, לייכטען קלויסטער, וועלכער איז געווען אונענדליך הויך און פונקט ווי פון וואָלקענס געבויט. דאָרט איז געווען א לויה. די טרונע איז געווען א גרויסע, א שווארצע און איז געווען פעסט פערמאכט מיט א דעק. דער גלח מיט זיין העלפער זיינען ארומגעגאנגען איבער׳ן קלויסטער אנגעטהאָן אין ווייסען און האָבען געזונגען: „קריסטוס איז אויפגעשטאַנען פון קבר“... דער דיאקאָן האָט געוויכערט

די קטירות, האָט זיך געניגט צו איהר און האָט געשמייכעלט. זיינע האָאר זיינען געווען געלע און זיין פּנים אַ פרעהליכער, פּונקט ווי ביי סאַמאָילאָוו'ען. פון דער הויך פון שפּיץ קלייסטער זיינען ווי האַנדטיכער געפאַלען זונען־שטראַהלען. אויף די ביידע בימות האָבען שטיל געזונגען אינגלעך:

„קריסטוס איז אויפגעשטאַנען פון קבר....

— נעהמט זיי! — האָט פּלוצלונג אַ געשריי געטהאָן דער גלח, אָפּ־שטעלענדיג זיך אין מיטען קלייסטער. זיין ווייסער מאַנטעל איז פער־שוואונדען פון איהם און אויף זיין פּנים האָבען זיך בעוויזען גרויע שטרענגע וואָנצעס.

אַלע האָבען זיך געלאָזט לויפען און אויף דער דיאַקאָן איז אוועקגע־לאָפען, אַ וואָרף טהוענדיג די קטירות אָן אַ זייט און אָנכאַפּענדיג זיך מיט די הענד פאַר'ן קאָפּ פּונקט ווי דער קליין־רוס. דאָס קינד האָט זיך ארויס־געגליטשט פון דער מוטער'ס הענד און איז אַראָפּגעפאַלען אויף דער ערד און די מענשען זיינען דורכגעלאָפען פאַרביי איהם און האָבען מיט שרעק אומגעקוקט זיך אויף דעם נאַקעטען קערפּעריל, און זי האָט זיך געשטעלט אויף די קניע און האָט געשריען צו זיי:

— לאָזט ניט דאָס קינד אַליין! נעהמט איהם מיט...

— קריסטוס איז אויפגעשטאַנען פון קבר... — האָט געזונגען דער קליין־רוס,האַלטענדיג די הענד הינטער'ן רוקען און שמייכלענדיג.

זי האָט זיך איינגעבויגען, האָט אויפגעהויבען דאָס קינד און האָט איהם ארויפגעזעצט אויפ'ן וואָגען ברעטער, נאָך וועלכען עס האָט זיך לאַנגזאַם געשלעפּט ניקאָליי און ער האָט לאַבענדיג געזאָגט:

— מען האָט מיר געגעבען אַ שווערע אַרבייט...

אויפ'ן גאַס איז געווען בלאָטיג. פון די פענסטער, פון די הייזער האָ־בען ארויסגערוקט זייערע קעפּ מענשען. זיי האָבען געפּייפט, געשריען און געמאַכט מיט די הענד. דער טאָג איז געווען אַ קלאָרער. די זון האָט העל געלויכטען, נאָר קיין שאָטענס זיינען ערגעץ ניט געווען.

— זינגט, מאַמעלע! — האָט גערעדט דער קליין־רוס. — אַזאַ לעבען!

און ער האָט געזונגען, פערטומלענדיג אַלע קלאַנגען מיט זיין גוטען שמייכלענדען קול. זי איז נאָכגעגאַנגען נאָך איהם און האָט זיך בעקלאָגט:

— פאַר וואָס בעליידיגט מיר דער אָפיציער?...

נאָר פּלוצלונג איז זי אָבגעטראָטען אויף אַהינטער און איז אַראָפּ־געפלויגען אין אַ תהום און די טיעפקייט איז מיט אַ שרעקליכען וואָיען איהר אַנגעקומען אנטקעגען...

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ פּערציטערטע און איז אין גאַנצען געווען בערעקט מיט שוויים.

זי האָט זיך צוגעהערט צו זיך און האָט זיך פּערוואונדערט — אין הארצען איז געווען פּוסט, פּונקט ווי אימיצענס אַ שווערע האנד וואָלט אַרומ־געכאַפּט איהר הארץ און וואָלט איהר געדריקט.

עס האָט געהודזשעט דער פאַבריק־פּייפּעל. נאָכ'ן קלאַנג האָט זי פּער־שטאַנען, אַז דאָס איז שוין דער צווייטער רוף. אין צימער האָבען זיך אָהן אַ טאָלק געוואָלגערט ביכער; אַלעס איז געווען איבערגעקעהרט, איבערגע־ראָיעט, די פּאָדלאָגע אָנגעטראָטען.

זי איז אויפגעשטאַנען און ניט איינוואַשענדיג זיך, ניט תפילה טהוענדיג האָט זי אָנגעהויבען אויפקלייבען די הויז. אין קיך האָט זיך איהר געוואָר־פען אין די אויגען דער פּלעקעל מיט'ן שטיקעל לייוונד. זי האָט דאָס גענומען אין האַנד און האָט עס געוואָלט אַרונטערוואַרפען אונטער'ן אויווען, אָבער אָפּזיפּצענדיג האָט זי אַראָפּגענומען פון פּלעקעל דאָס שטיקעל פּאָהן, האָט פּאָרזיכטיג צוזאַמענגעלעגט דאָס שטיקעל טיכעל און האָט עס בעהאַל־טען אין קעשענע. דאָס העלצעל האָט זי צובראָכען און אַרונטערגעוואָרפען אונטער'ן אויווען.

נאָכדעם האָט זי מיט קאַלטע וואַסער אויסגעוואַשען די פּאָדלאָגע און די פענסטער, האָט אָנגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר... האָט זיך אָנגעטהאָן... זי האָט זיך געזעצט אין קיך לעבען פענסטער און ווידער האָט זיך פאַר איהר געשטעלט די פראַגע:

— וואָס טהוט מען יעצט?

דערמאָהנענדיג זיך, אַז זי האָט נאָך ניט תפילה געטהאָן, האָט זי זיך געשטעלט לעבען די הייליגע בילדער און אָפּשטעהענדיג אַזוי עטליכע סע־קונדען, האָט זי זיך ווידער אַנידערגעזעצט — אין הארצען איז געווען פּוסט.

דער פּערפּענדיקעל פון זייגער, וועלכער פּלעגט אַלע מאָל קלאַפּען פלינק, פּונקט ווי ער וואָלט געווען זיכער, אַז אין גיכען וועט ער זיך דערשלאָגען צו עפּעס אַזוינס וואָס עס איז נויטיג פאַר איהם, האָט היינט גענומען קלאַפּען לאַנגזאַמער און די פליעגען האָבען ניט זיכער געזשומעט...

אין פאַרשטעדטעל איז עפּעס געווען מאָדנע שטיל, פּונקט ווי אַלע מענשען, וועלכע האָבען נאָך נעכטען אַזוי פיעל געשריען אויפ'ן גאַס, האָבען זיך היינט בעהאַלטען אין די הייזער און האָבען זיך שווייגענד פערטראַכט וועגען דעם אונגעוועהנליכען טאָג.

פלוצלונג האָט זיך די מוטער דערמאָהנט דאָס בילד, וועלכען זי האָט א מאָל געזעהן אין איהרע יונגע יאָהרען: אין דעם אַלטען פּאַרק פון די פּריצים זאַאיסאַילאָווס איז געווען אַ גרויסער טייכעל, וועלכער איז געווען געדיכט בע־וואַקסען מיט בורבולקעס. איין מאָל, אין אַ גרויען הערבסט־טאָג, איז זי פאַרבייגעגאַנגען דעם טייכעל און האָט דערזעהן אין מיטען טייכעל אַ שיפעל. דער טייכעל איז געווען דונקעל און רוהיג און די שיפעל איז געווען ווי צוגעקלייעט צום שוואַרצען וואַסער, וועלכער איז געווען פערפּוצט מיט געלע בלעטער. אַ טיעפער אומט, אַן אונבעוואוסטע בענקשאַפט האָט גע־וועהט פון דיעזער אונבעוועגליכער שיפעל אָהן אַ שיפער און אָהן אַ רודער, וועלכע איז געשטאַנען איינזאַם אויף׳ן מאַטאָווען וואַסער צווישען די פער־שטאָרבענע בלעטער. די מוטער איז לאַנג געשטאַנען ביין ברעג טייכעל נאָכטראַכטענדיג, ווער עס האָט אָפּגעשטופּט דאָס שיפעל פון ברעג און צו־ליעב וואָס...

יעצט האָט זיך איהר געדוכט, אַז זי אַליין איז ענליך צו דיעזער שיפעל, וועלכע האָט איהר דאַמאָלסט אויסגעקוקט ווי אַ טרונע, וואָס האָט געוואַרט אויף אַ מת. אין אבענד פון זעלבען טאָג האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אין טייכעל האָט זיך דערטרונקען זאַאיסאַילאָווס פּריקאַזטשיקס פרוי, אַ קליינינקע מיט שוואַרצע אויגען, שטענדיג מיט צולאָזענע האָאָר און אַ גיכען גאַנג...

די מוטער האָט אַ פיהר געטהאָן מיט די הענד איבער די אויגען, פונקט ווי זי וואָלט אָפּווישען פון זיי די עראינערונגען און איהרע געדאַנקען האָבען זיך אונרוהיג אָפּגעשטעלט אויף די איינדריקע פון נעכטיגען טאָג... אזוי איז זי לאַנג געזעסען אונבעוועגליך, די אויגען געריכטעט אויף דער אָפּגע־שטאַנענער גלאָז טהעע. אין איהר הארצען האָט זיך פאַנאַנדערגעברענט דער וואונש צו טרעפען עפּעס אַ פערשטענדיגען, איינפאַכען מענשען און פאַנאַנדערפרעגען ביי איהם וועגען פּיעלעס.

און פונקט ווי ענטפערענדיג אויף איהר וואונש, איז נאָך מיטאָג געקור־מען ניקאָליי איוואַנאָוויטש. אָבער ווען זי האָט איהם דערזעהן, האָט זי עפּעס פּלוצלונג דערפיהלט אַן אונרוהע און, ניט ענטפערענדיג אויף זיין בע־גריסונג, האָט זי שטיל געזאָגט:

— אַך, מיין פריינד, איהר האָט יעצט ניט געדאַרפט קומען. איהר האָט געדאַרפט זיין פאָרזיכטיגער! מען וועט דאָך אייך אַרעסטירען, אויב מען וועט אייך דאָ טרעפען...

פעסט דריקענדיג איהר די האנד און פעררינכטענדיג זיינע ברילען, האט ער איינגעבויגענע זיין געזיכט צו איהר און האט איהר שנעל ערקלעהרט:

— פערשטעהסט איהר מיך, איך האב אפגערעדט מיט פאוולען און אנ־דרייען, אז אויב מען וועט זיי ארעסטירען, דארף איך אויף מארגען גלייך אייך אריבערפיהרען אין שטאדט, — האט ער צערטליך און פערזארגט געזאגט. — אן אביסק האט מען געמאכט ביי אייך?

— יא. מען האט אלעס ארומגעזוכט און ארומגעטרייסעלט. דיעזע מענשען האבען גאר קיין בושה און קיין חרפה ניט! — האט די מוטער געענטפערט.

— צו וואס דארפען זיי בושה? — האט ניקאליי, א קוועטש טהוענדיג מיט די פלייצעס, געזאגט.

ער האט אנגעפאנגען איהר צו בעווייזען פאר וואס זי דארף לעבען אין שטאדט. זי האט זיך פריינדליך צוגעהערט צו זיינע רייד, האט גע־קוקט אויף איהם מיט א בלאסען שמייכעל און, ניט פערשטעהענדיג זיינע ארגומענטען, האט זי זיך אליין געוואונדערט איבער איהר פריינדליכען צו־טרויען צו דיעזען מאן.

— אויב פאוועל האט אזוי געוואלט, — האט זי געזאגט, — און אויב איך וועל אייך ניט פאלען צו לאסט...

ער האט איהר אונטערבראכען:

— וועגען דעם זארגט זיך ניט. איך וואוין אליין. זעלטען ווען קומט צו מיר צו פאהרען מיין שוועסטער...

— אומזיסט וועל איך מיין ברויט ניט עסען, — האט זי בעמערקט.

— אויב איהר וועט וועלען, וועט איהר שוין געפינען ארבייט! — האט ניקאליי געזאגט.

ביי איהר איז מיט דעםווארט „ארבייט" שוין געווען פערבונדען די פארשטעלונג וועגען די טהעטיגקייט פון איהר זוהן, פון אנדרייען און פון זיינע חברים. זי האט זיך צוגערוקט צו ניקאלייען און, אריינקוקענדיג איהם אין די אויגען, האט זי געפרעגט:

— וועט זיך געפינען ארבייט?

— מיין בעל הבתישקייט איז א קליינע, ווי ביי א ניט פערהייראטהען...

— איך מיין ניט די שטוביגע ארבייט! — האט זי שטיל געזאגט. — איך מיין וועגען דער אלגעמיינער זאך...

זי האָט אַן אומעדיגען זיפץ געטהאָן, פיהלענדיג זיך בעליידיגט, וואָס ער האָט איהר ניט פערשטאַנען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און שמייכ־לענדיג מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען האָט ער פערטראַכט אַ זאַג געטהאָן:

— אויך אין דער אַלגעמיינער זאַך וועט זיך געפינען פאַר אייך ארבייט, אויב איהר וועט נאָר וועלען...

איהר איז אַריינגעפלויגען אין קאָפּ אַן איינפאַכער און קלאָרער געדאַנק: איין מאָל איז זי שוין געווען אימשטאַנדע צו העלפען פּאַוולען, פאַר וואָס זאָל זי דאָס ניט קענען טהאָן אַ צווייטען מאָל אויך? וואָס מעהר מענשען עס וועלען זיך נעהמען פאַר זיין ארבייט, אַלץ גיכער וועלען די מענשען איינזעהן די ריכטיגקייט פון זיין לעהרע. צוקוקענדיג זיך צו ניקאָליי׳ס גוטען פּנים, האָט זי ערוואַרטעט צו הערען פון איהם ווערטער פון רחמנות וועגען פּאַוולען, אַנדריי׳ען און וועגען איהר, אָבער ניקאָליי האָט געצופּט זיין בערדעל מיט פערטראַכטע בעוועגונגען פון זיינע פינגער און האָט געזאָגט:

— אָט אויב איהר וואָלט געקענט, ווען איהר וועט זיך זעהן מיט פּאַוו־לען, דערוויסען זיך פון איהם דעם אַדרעס פון די פּויערים, וועלכע האָבען איהם געבעטען וועגען אַ צייטונג...

— איך קאָן זיי! — האָט זי מיט פרייד אויסגערופען! — איך וויים ווער זיי זיינען און וואו זיי זיינען. גיט, איך וועל זיי אָוועקטראָגען. איך וועל זיי אויסגעפינען און וועל אַלץ טהאָן ווי איהר וועט מיר הייסען... ווער קען דאָס איינפאַלען, אַז איך טראָג פערבאָטענע ביכלעך? אויפ׳ן פאַבריק פלעג איך זיי טראָגען — גאָט צו דאַנקען, איך האָב ניט איין פּוד אַריבערגעשמוגעלט אַהינצו.

איהר האָט זיך פּלוצלונג פערוואָלט צו געהן ערגעץ וואו איבער וועגען פאַרביי וועלדער און דערפער מיט אַ פּעקעל אויף די פּלייצעס און מיט אַ שטעקען אין האַנד.

— איהר, טהייערינקער, זעהט טאַקע צו געבען מיר אַזאַ סאָרט אַר־בייט, — האָט זי געזאָגט. — איך וועל געהן וואו מען וועט נאָר דאַרפען: איבער אַלע גובערניעס; איך וועל אַלע וועגען אויסגעפינען. זייט זיכער, איך וועל געהן זומער און ווינטער... איך וועל וואַנדערען ביז׳ן קבר פאַר׳ן אמת. איז דאָס דען אַ שלעכטע ארבייט פאַר מיר? דאָס וואַנדער־לעבען איז אַ שעהן לעבען. מענשען געהען איבער דער וועלט, זיי האָבען קיין זאַך ניט און דאַרפען קיין זאַך ניט, אויסער ברויט. קיינעם טהוען זיי קיין שלעכטעס ניט און אַזוי, שטילינקע און אונבעמערקטע, טהוען זיי זייער

ארבייט... איך וועל אויך געהן... איך וועל דערגעהן צו פאוולען און אנדרייען און די אלע איבעריגע.

איהר איז געוואָרען אומעדיג, ווען זי האָט זיך דערזעהן אלס א היימ־לאָזע בעטלערין, וועלכע קומט צו די פענסטער פון די פויערשע הייזער בע־טען א שטיקעל ברויט א נדבה. ניקאָליי האָט פאָרזיכטיג גענומען איהר האַנד און האָט איהר א גלעט געטהאָן מיט זיינער. נאָכדעם האָט ער א קוק געטהאָן אויפ׳ן זייגער און ארויסגעזאָגט:

— וועגען דעם וועלען מיר זיך דורכריידען שפּעטער... מען דאַרף דאָס גוט בעטראַכטען...

— טהייערינקער! — האָט זי אויסגערופען. — וואָס איז דאָ פאראַן צו טראַכטען? אונזערע קינדער, אונזער אייגען בלוט און פלייש, גיבען אָפּ זייער לעבען, קומען אום און קימערען זיך ניט וועגען זייער אייגענעם שיק־זאל... פאר וואָס זשע זאָל איך, א מאַמע, זיין ערגער?

ניקאָליי איז בלאָס געוואָרען און האָט שטיל א זאָג געטהאָן, קוקענדיג אויף איהר מיט א צערטליכער אויפמערקזאַמקייט:

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת: איך הער דעם ערשטען מאָל אזעלכע רייד...

— וואָס קען איך זאָגען? — האָט זי מיט אומעט שאָקלענדיג דעם קאָפּ און מאַכענדיג מיט די הענד געזאָגט. — ווען איך וואָלט האָבען ווערטער אויסצודריקען מיינע מוטערליכע געפיהלען...

די מוטער האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט פאָרטגעזעצט:

— דאַן וואָלטען זיך פיעלע פאַנאַנדערגעוויינט... אפילו די שלעכטע, די האַרצלאָזע מענשען אויך...

ניקאָליי האָט זיך אויך אויפגעהויבען און האָט ווידער א קוק געטהאָן אויפ׳ן זייגער.

— אלזאָ, איז דאָס בעשלאָסען? איהר וועט אריבערפאָהרען אין שטאָדט צו מיר?

זי האָט שווייגענדיג א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.

— ווען? מאַכט דאָס שנעלער! — האָט ער איהר געבעטען און האָט צוגעגעבען: איך וועל זיך זעהר בעאונרוהיגען, אויב איהר וועט דאָ נאָך פערבלייבען לענגער!

זי האָט פערוואונדערט א קוק געטהאָן אויף איהם. — וואָס קימערט ער זיך אזוי פאר איהר? דעם קאָפּ איינגעבויגען און שמייכלענדיג, איז ער געשטאַנען פאר איהר אַן איינגעקאָרטשעטער, א קורצזיכטיגער, אַנגע־

טהאָן אין אַ פּראָסטען שווארצען רעקעל און אַלץ אויף איהם איז עפּעס געווען פרעמד...

— געלד האָט איהר? — האָט ער געפרעגט, אראָפּלאָזענדיג די אויגען.

— ניין!

ער האָט שנעל ארויסגענומען פון קעשענע דעם טייסטער, האָט איהם געעפענט און האָט איהר דערלאַנגט:

— אָט נעהמט...

די מוטער האָט ניט ווילענדיג אַ שמייכעל געטהאָן און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ האָט זי בעמערקט:

— אַלץ איז אויף אַ נייעם שטייגער! געלד האָט קיין ווערדע ניט! מענשען טהוען אָפּ אַלץ אין דער וועלט פאר דעם; זיי פערקויפען פאר דעם זייער נשמה... און פאר אייך איז דאָס געלד פּשוט פּאַפּיער און שטיקלעך קופּער... עפּעס אזוי ווי אוים רחמנות צו די מענשען האַלט איהר זיי ביי זיך...

ניקאָליי האָט זיך שטיל פאַנאַנדערגעלאַכט.

— געלד איז אַ זעהר ניט אַנגענעהמע זאַך! עס איז קיינמאָל ניט אַנגענעהם צו נעהמען געלד און עס צו געבען...

ער האָט אָנגענומען איהר האַנד, האָט איהר פעסט אַ דריק געטהאָן אין האָט איהר נאָך אַ מאָל אַ בעט געטהאָן:

— זעהט, מאַכט דאָס גיכער.

און, ווי אימער, איז ער שטיל אוועק.

דורכלאָזענדיג איהם, האָט זי אַ טראַכט געטהאָן:

— אזא גוטער, און דאָך האָט ער קיין מיטלייד ניט אויף זיי...

און זי האָט זיך אַליין ניט געקענט אָבגעבען קיין רעכנונג: צו דאָס וואונדערט איהר אָדער דאָס איז איהר נאָר סתם אונאַנגענעהם...

## 2.

פיער טעג נאָך ניקאָליי'ס בעזוך האָט זי זיך געמאַכט גרייט צום וועג. ווען די פוהר מיט איהרע צוויי קופערטען זיינען שוין געווען אין פעלד, אויסער'ן שטאָדט, האָט זי, זיך אומקעהרענדיג מיט'ן פּנים, דערפיהלט, אז זי פערלאָזט אויף אייביג דעם אָרט, וואו זי האָט פערבראַכט דעם טרויעריג־סטען און שווערסטען טהייל פון איהר לעבען און עס הויבט זיך אָן פאר איהר אַ נייער לעבען פול מיט נייע זאָרג און נייע פרייד.

ווי אַ ריעזיגער דונקעל־רויטער שפּין האָט זיך די פאַבריק אויסגעשפּרייט אויף דער שווארצער פערסאָזשעטער ערד. די קוימענס אויסגעשטרעקט

צום הימעל. צו איהר האבען זיך צוגעטוליעט די גרויע ניעדריגע הייזלעך פון די ארבייטער. גרויע, פינסטערע, האבען זיי זיך אנגעשטויסען נאהענט איינע צו די אנדערע ביין ברעג פון זומפ און האבען רחמנות'דיג געקוקט איינע אויף די אנדערע מיט זייערע קליינינקע מאטע פענסטערלעך. איבער זיי האט זיך אויסגעשטרעקט דער קלויסטער, אויך א דונקעל־רויטער, פון זעלבען קאליר ווי די פאבריק און זיין שפיץ איז געווען ניעדריגער פון די פאבריק־קוימענס.

די מוטער האט א זיפץ געטהאן, האט פעררוכט דעם קאלנער פון מאנ־טעל, וועלכער האט געדריקט איהר האלז. זי איז געווען אומעטיג, אבער איהר אומעט איז געווען א טרוקענער, ווי דער שטויב אין א הייסען טאג.

— איי, סטארע זיך! — האט דער קוטשער געשמיסען דעם פערד מיט די לייצעס. דער קוטשער איז געווען א מענשעל פון אונבעשטימטע יאהרען, מיט קרומע פיס, בעוואקסען מיט שיטערע האאר אויפ'ן פנים און אויפ'ן קאפ און מיט פארבלאזע אויגען. זיך שאקלענדיג פון איין זייט אויף דער אנדערער, איז ער געגאנגען ביין זייט פון וואגען און עס איז קענטיג געווען, אז איהם איז אלץ איינס, צי ער געהט רעכטס, צי לינקס.

— נא־א!... — האט ער אויסגערופען מיט א גלייכגילטיגען קול און האט קאמיש געווארפען זיינע קרומע פיס, אויף וועלכע עס זיינען געווען אנ־געטהאן שווערע, גרויסע שטיוועל.

די מוטער האט זיך אומגעקוקט. אויפ'ן פעלד איז געווען פוסט, פונקט יוי ביי איהר אין הארצען...

דער פערד האט טרויעריג געשאקעלט מיט'ן קאפ, האט פעסט גע־טראמפעלט מיט די פיס און די פון זון אנגעווארעמטע זאמד און האט שטיל געשארשקעט. דער צובראכענער וואגען, וועלכער איז געווען שלעכט אנ־געשמיעדט, האט געסקריפעט, און אלע קלאנגען צוזאמען מיט'ן שטויב זיינען געבליבען פון הינטען...

ניקאלאי איוואנאוויטש האט געוואוינט ביין ברעג שטאדט: אין א פוסטע גאס, אין א קליינעם, הילצערנעם הייזעל, וועלכע איז געווען צו־געבויט צו א גרויסער דאפעלטער צוויי־עטאזשנער הילצערנער הויז. פאר זיין הויז איז געווען א גערטענדעל און אין די דריי פענסטער פון זיין דירה פלעגען פריינדליך און פריש ארייננקוקען די צווייגען פון מאיאווע בלומען און אקאצעס און די זילבערנע בלעטער פון די יונגע טאפאל־בוימער. אין די צימערען איז געווען שטיל און ריין. אויף דער פאדלאגע האבען שווייגענד געציטערט די פערשיעדענארטיגע שאטענס. אויף די וועגד הא־

בען זיך געצויגען פּאַליצעס, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעלט מיט ביכער און עס זיינען געהאַנגען פּאָרטרעטען פון שטרענגע, ערנסטע מענשען.

— אייך וועט דאָ זיין בעקוועם? — האָט ניקאָליי געפרעגט, ווען ער האָט אריינגעפיהרט די מוטער אין אַ קליינעם צימערעל מיט איין פענ־סטער צום גערטענדעל און דעם צווייטען צום הויף, וועלכער איז געווען געדיכט בעוואַקסען מיט גראָז. אויך אין דעם צימער זיינען די ווענד געווען פערנומען מיט פּאַליצעס פול מיט ביכער.

— איך וואָלט בעסער געגאַנגען אין קיך! — האָט זי געזאָגט. — די קיך איז אַ ליכטיגע, אַ ריינע...

איהר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער האָט זיך דערשראָקען, און ווען ער האָט איהר געגומען אָפּריידען, אַ צוטומעלטער, אַ פערלאָרענער, און זי האָט צוגעשטימט, איז ער מיט אַ מאָל געוואָרען פרעהליך...

אַלע דריי צימערען זיינען געווען אָנגעפילט מיט עפּעס אַ בעזונדערער לופט — עס איז געווען לייכט און אנגענעהם צו אָטהעמען, נאָר די שטימע דאָט זיך ניט ווילענדיג געהערט ניעדריגער. עס האָט זיך ניט געוואָלט רעדען הויך און שטערען די שטילע פערטראַכטקייט פון די מענשען, וועלכע האָבען אַראָפּגעקוקט פון די ווענד.

— מען וואָלט בעדאַרפט בעגיסען די בלומען, — האָט די מוטער געזאָגט, אָנריהרענדיג די ערד אין די בלומען־טעפּלעך אויף די פענסטער.

— יאָ, יאָ! — האָט זיך אָפּגערופען דער בעל־הבית מיט אַ שולדיגער מינע. — איך, פערשטעהט איהר מיך, האָב זיי זעהר ליעב, אָבער איך האָב ניט קיין צייט אָפּצוגעבען זיך מיט זיי...

צוקוקענדיג זיך צו איהם, האָט זי בעמערקט, אַז אויך אין זיין אנגע־נעהמער דירה געהט ניקאָליי אַרום פּאָרזיכטיג, שטיל, פרעמד און ווייט פון אַלעס, וואָס רינגעלט איהם אַרום. ווען ער פלעגט וועלען בעקוקען אַ וועלכע ניט איז זאַך, פלעגט ער איינבויגען זיין פּנים האַרט צום געגענ־שטאַנד און פעררוכטענדיג די ברילען מיט זיינע דינע פינגער פון דער רעכטער האַנד, פלעגט ער פערזשמורען די אויגען און פלעגט זיך מיט זיין בליק איינעסען אין דעם געגענשטאַנד, פונקט ווי ער וואָלט איהם שטעלען אַ שטומע פראַגע. אַפּטמאָל פלעגט ער נעהמען אין האַנד אַ סטאַטועטקע אָדער עפּעס אַן אנדער זאַך, פלעגט דאָס פּאָרזיכטיג דורכדרינגען מיט זיינע אויגען. — עס האָט זיך געדוכט, אַז ער איז ערשט יעצט אריין אין הויז צוזאַמען מיט דער מוטער און פונקט ווי פאַר איהר, איז פאַר איהם אויך אַלץ געווען אומבעקאַנט און פרעמד. ווען די מוטער האָט דערזעהן, אַז ער

איז אזעלכער, האָט זי זיך גלייך געפיהלט היימיש אין דיעזע צימערען. זי איז נאָכגעגאַנגען ניקאָלייען, ארומקוקענדיג וואו עס שטעהט יעדע זאך; זי האָט אויסגעפרעגט וועגען דעם אָרט לעבען דאָ, און ער האָט איהר אויף אַלץ געענטפערט מיט א שולדיגען טאָן פון א מענשען, וועלכער ווייס, אז אַלעס וואָס ער טהוט איז ניט אַזוי ווי מען בעדאַרף צו טהאָן, נאָר ער קען אַנדערש ניט.

בעגיסענדיג די בלומען און אוועקלעגענדיג אין אָרדנונג די נאָטען, וועלכע זיינען געווען צוואָוואָרפען איבער'ן פיאַנאָ, האָט זי א קוק געטהאָן אויפ'ן סאַמאָוואַר און האָט בעמערקט:

— מען דאַרף איהם אָפּשייערען..

ער האָט א פיהר געטהאָן מיט די פינגער איבער'ן סאַמאָוואַר, האָט צוגעלעגט דעם פינגער צום נאָז און האָט ערנסט איהם בעטראַכט. די מוטער האָט זיך גוטמיטהיג פאַנאַנדערגעלאַכט.

ווען זי האָט זיך געלעגט שלאָפען און האָט זיך דערמאָהנט אויף דעם איבערגעלעבטען טאָג, האָט זי מיט פערוואונדערונג אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון קישען און האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטען. דעם ערשטען מאָל אין איהר לעבען האָט זי גענעכטיגט אין א פרעמדע הויז און זי האָט זיך ניט געפיהלט אונבעקוועם. זי האָט געטראַכט וועגען ניקאָלייען און האָט געהאַט א קלאָהרען וואונש צו טהאָן פאַר איהם אַלעס, אום אריינצוברענגען אין זיין לעבען עפּעס צערטליכעס, וואָס זאָל איהם דערוואַרימען. ניקאָליי'ס אונגעשיקטקייט, זיין לעכערליכקייט אין טהאָן די געוועהנליכע שטובּיגע זאַכען און דער קלוגער קינדערשער בליק פון זיינע העלע אויגען האָבען איהר גערירהט. נאָכדעם האָט זיך איהר געדאַנק אָפּגעשטעלט אויפ'ן זוהן, און זי האָט זיך ווידער דערמאָהנט אָן א טאָג, אָן דעם ערשטען מאי, וועלכע איז געווען אָנגעפילט מיט נייע קלאַנגען און מיט א נייעם זין. אויך דער אונגליק פון יענעם טאָג איז געווען גאַר א בעזונדערער. ער האָט ניט געבויגען איהר קאָפּ צו דער ערד, ווי א שווערער, פערטויבענדער קלאַפּ, זאָנדערן ער האָט ווי מיט נאָדלען געשטאָכען איהר האַרץ, האָט ארויסגערופען אין איהר א שטילען צאָרן און האָט אויסגעגלייכט איהר איינגעבויגענעם רוקען.

„אינזערע קינדער געהען אין דער וועלט...“ האָט זי געטראַכט, זיך צוהערענדיג צו די אונבעקאַנטע קלאַנגען פון דעם שטאָדטישען נאַכט־לעבען. זיי זיינען דערגאַנגען צום אָפענעם פענסטער. זיי האָבען גערוישט אין

די בלעטער פון גארטען און קומענדיג צופליהען מיעדע און בלאסע פון דער ווייטען פלעגען זיי שטיל אבשטארבען אין צימער...

אויף מארגען האט זי אבגעשייערט דעם סאמאוואר, האט איהם אוועקגעשטעלט אויף אן ארט, האט שטיל צוזאמענגעשטעלט די געפעס און האט זיך אוועקגעזעצט אין קיךווארטען ביז וואנען ניקאליי וועט זיך אויפכאפען. אט האט זיך דערהערט זיין הוסטען, און ער איז אריין אין צימער מיט איין האנד האלטענדיג זיינע ברילען און מיט דער אנדערער פערדריקענדיג זיין האלז. זי האט געענטפערט אויף זיין „גוט מארגען" האט אריינגעטראגען דעם סאמאוואר אין צימער און ער האט זיך גענומען איינוואשען, פערשפריצענדיג די פאדלאגע מיט וואסער, פערלירענדיג די זייף און די צייהן־בערשטעל און אונצופריעדען בלאזענדיג זיך.

ביין טהעע טרינקען האט איהר ניקאליי דערצעהלט:

— איך בין בעשעפטיגט אין דער „זעמסטווא" מיט א זעהר טרויעריגער ארבייט. איך בעטראכט, ווי אונזערע פויערים ווערען פערארימט.

און, שמייכלענדיג מיט א שולדיגער מינע, האט ער איבערגע'חזר'ט:

— יא, איך גיב אכטונג! מענשען הונגערען. געהען יונגערהייד אוועק פון דער וועלט. קינדער ווערען געבארען שוואכע און שטארבען אויס ווי פליגען אין הערבסט... דאס ווייסען מיר אלץ. מיר ווייסען די אורזאכען פון דיזע אומגליקען! און מיר קריגען בעצאהלט דערפאר, וואס מיר בעטראכטען דאס.. ווייטער טהוען מיר אייגענטליך גאר ניט...

— וואס זייט איהר? א סטודענט? — האט זי איהם געפרעגט.

— ניין, איך בין א דארפס־לעהרער... מיין פאטער איז א פערוואלטער פון א פאבריק אין וויאטקא, און איך בין געווארען א לעהרער. אין דארף האב איך אנגעהויבען צו געבען די פויערים ביכלעך, דערפאר האט מען מיר אריינגעזעצט אין טורמע. נאך דער טורמע האב איך געארבייט אין א בוך־געשעפט. איך האב זיך אויפגעפיהרט ניט פארזיכטיג און מען האט מיר ווידער אריינגעזעצט אין טורמע. דערנאך האט מען מיר ארויסגעשיקט אין ארכאנגעלסקער גובערניע... דארטען האב איך ווידער געהאט סכסוכים מיט'ן גובערנאטאר און מען האט מיר ארויסגעשיקט אין א קליינעם דערפעל לעבען ווייסען ים, וואו איך האב אבגעוואוינט פינף יאהר.

זיין ערצעהלונג האט אין קליינעם, ליכטיגען, פון זון בעגאסענעם צימער געקלונגען רוהיג און גלייך. די מוטער האט שוין געהערט פיעלע אזעלכע מעשיות און האט קיינמאל ניט געקענט פערשטעהן, ווי אזוי מען דערצעהלט עס אזוי רוהיג און געלאסען, קיינעם ניט בעשולדיגענדיג, קיינעם

ניט מאַכעודיג קיין בּאַרווירפע און אַנגעהמענדיג אַלץ פאַר אונפערמיידליך און געוועהנליך.

— היינט קומט צו פאָהרען מיין שוועסטער, — האָט ער איהר דער־צעהלט.

— איז זי אַ פערהייראַטהע?

— זי איז אַן אלמנה. איהר מאַן איז געווען פערשיקט אין סיביר. ער איז פון דאָרטען אַנטלאָפען. אין וועג האָט ער זיך זעהר שטאַרק פער־קיהלט און איז מיט צוויי יאָהר צוריק געשטאָרבען אין אויסלאַנד...

— זי איז אַן אינגערע פון אייך?

— ניין, זי איז מיט זעקס יאָהר עלטער... איך האָב איהר פיעל צו פערדאַנקען... אַט וועט איהר הערען, ווי זי שפּיעלט! דאָס איז איהר פּיאַנאָ. דאָס זיינען איבערהויפּט פאַראַן אַ סך איהרע זאַכען. די ביכער זיינען מיינע.

— און וואו וואוינט זי?

— אומעטום! — האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכעל. — וואו מען נויטיגט זיך נאָך אין אַ דרייסטען, מוטהיגען מענשען, דאָרטען קומט זי צו פאָהרען.

— זי בעשעפטיגט זיך אויך מיט דיעזע „זאַכען“? — האָט געפרעגט די מוטער.

— פערשטעהט זיך!

ניקאָליי איוואַנאָוויטש איז אַוועק צו דער ארבייט און די מוטער האָט זיך פערטראַכט וועגען דיעזער „זאַך“, וואָס די מענשען טהוען רוהיג און עקשנות'דיג טאָג־איין, טאָג־אויס, און זי האָט זיך געפיהלט אַנט־קעגען זיי, פּונקט ווי זי וואָלט געשטאַנען געגען אַ הויכען באַרג אין אַ פינ־סטערע נאַכט.

אַרום האַלבען טאָג איז געקומען אַ הויכע, שעהן־געוואַקסענע דאַמע, געקליידעט אין שוואַרצען. ווען די מוטער האָט איהר געעפענט די טהיר, האָט זי אַ וואָרף געטהאָן אויף'ן פּאָדלאָגע אַ קליינעם, געלבען טשעמאָדאַנ־טשיקעל און, שנעל אַ כאַפּ טהוענדיג וולאַסאָוואַ'ס האַנד, האָט זי אַ פרעג געטהאָן:

— איהר זייט פּאַוועל מיכאַילאָוויטשעס מוטער?

— יאָ! — האָט די מוטער געענטפערט, ווערענדיג צוטומעלט פון די עלעגאַנטע קליידער, וואָס די דאַמע האָט געטראָגען.

— איך האָב זיך טאַקע פאָרגעשטעלט, אַז איהר זעהט אַזוי אויס. מיין

ברודער האָט מיר געשריעבען, אַז איהר וועט ביי איהם וואוינען, — האָט די דאַמע געזאָגט, אַרונטערנעהמענדיג פאַר׳ן שפּיעגעל איהר הוט. איך בין מיט פּאַוועל מיכאַילאָוויטשען שוין פון לאַנג אַן גוטע פריינד. ער פלעגט מיר אָפט דערצעהלען וועגען אייך.

איהר שטימע איז געוועזן אַ ביסעל טעמפּ. גערעדט האָט זי לאַנגזאַם, אָבער בעוועגט האָט זי זיך פעסט און גיך. איהרע גרויסע גרויע אויגען האָבען געשמייכעלט יונג און קלאָר, אָבער אויף די שלייפען איהרע האָבען שוין געגלאָצט דינע שטראַהלענדע קנייטשעלעך און אויף איהר קאָפּ האָבען ערטערווייז געבלישטשעט זילבער־גרויע האָאָר.

— איך וויל עסען! — האָט זי ערקלעהרט. — איך וואָלט יעצט גע־טרונקען אַ גלעזעל קאַפע.

— איך וועל שוין אויפקאָכען! — האָט זיך אָפּגערופען די מוטער, זי האָט אַרויסגענומען די געפעס פון אַלמער און האָט שטיל אַ פרעג געטהאָן:

— צו דען רעד׳ט פּאַוועל וועגען מיר?

— אָ, געוויס!... זעהר אָפט...

זי האָט אַרויסגענומען אַ קליינעם לעדערנעם פּאַרט־סיגאַר, האָט פאַר־רויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט אַ פרעג געטהאָן, אַרומגעהענדיג איבער׳ן צימער:

— איהר זאָרגט זיך זעהר וועגען איהם?

די מוטער האָט בעטראַכט, ווי די בלויע פלאַמען פון שפּירט־לאַמפּ ציטערען אונטער דער קאַפע־קאַן און זי האָט שטיל געשמייכעלט. איהר שעהמעוודיגקייט פאַ־ דער דאַמע איז פערשוואונדען.

„אַזוי? ער האָט וועגען מיר דערצעהלט!... מיין טהייערער! — האָט זי געטראַכט און האָט לאַנגזאַם אַרויסגערעדט:

— איהר פרעגט צו איך זאָרג? פערשטעהט זיך; עס איז ניט לייכט... אָבער פריהער איז געוועזן ערגער.. יעצט ווייס איך, אַז ער איז ניט אַליין... און ווי הייסט איהר?

— סאָפיע.

די מוטער האָט איהר שארף בעטראַכט. אין איהר גאַנצער געשטאַלט איז געלעגען עפּעס שטאַרקעס, שטאָלצעס און האַסטיגעס...

סאָפיע איז שנעל אַרומגעגאַנגען איבער׳ן צימער און האָט מיט זיכער־הייט געזאָגט:

— די הויפּט־זאַך איז, אַז זיי זאָלען ניט דאַרפען לאַנג זיצען אין

טורמע, מען זאָל זיי וואָס גיכער פּעראורטהיילען, דאַן וועלען מיר העלפען פּאוולען אַנטלויפען... איהם דאַרפען מיר דאָ זעהר נויטיג האָבען.

די מוטער האָט אָהן צוטרויען אַ קוק געטהאָן אויף סאָפיאַ׳ן, און יענע האָט געזוכט מיט די אויגען, וואו אַ וואָרף צו טהאָן דעם מונד־שטיק פון פּאַפּיראָס. ענדליך האָט זי איהם אַריינגערוקט אין דער ערד פון אַ בלומען־טאָפּ.

—— די בלומען ווערען פון דעם איבערגעפיהרט! — האָט די מוטער מעכאַניש בעמערקט

—— ענטשולדיגט מיר! — האָט סאָפיע געזאָגט. — ניקאָליי זאָגט עס מיר אויך שטענדיג.. און אַרויסנעהמענדיג דעם מונדשטיק פון טעפּעל, האָט זי עס אַרויסגעוואָרפען דורכ׳ן פענסטער.

די מוטער האָט זיך פערשעמהט, האָט אַ קוק געטהאָן איהר אין פּנים און האָט מיט אַ שולדיגער מינע אַ זאָג געטהאָן:

— איהר מוזט מיר ענטשולדיגען! איך האָב עס געזאָגט ניט געמיינ־טערהייד. ווי קום איך אייך צו לערנען?

— פאַר וואָס טאַקע ניט לערנען, ווען איך בין אַן אונצוכט? — האָט זיך סאָפיע אָבגערופען, אַ קוועטש טהוענדיג מיט די פּלייצעס. — די קאַפּע איז שוין פאַרטיג? אַ גרויסען דאַנק אייך! אָבער פאַר וואָס האָט איהר נאָר גענומען איין גלאָז? איהר טרינקט ניט?

און פּלוצלונג האָט זי אָנגענומען די מוטער פאַר די פּלייצעס, האָט איהר ציגעצויגען צו זיך און האָט איהר מיט פערוואונדערונג אַ פרעג געטהאָן:

— צו דען שעהמט איהר זיך?

די מוטער האָט שמייכלענדיג געענטפערט:

— אָקאָרשט האָב איך אייך געזאָגט וועגען מונדשטיק, און איהר פרעגט נאָך אויב איך שעהם זיך!

און ניט בעהאַלטענדיג איהר פערוואונדערונג, האָט זי געזאָגט:

— ערשט נעכטען בין איך געקומען צו אייך און איך פיהר זיך שוין אויף פונקט, ווי איך וואָלט געוועזען ביי זיך אין דער היים, אַקוראַט ווי איך וואָלט אייך שוין לאַנג געקענט... איך האָב פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט, רעד וואָס איך וויל... און מאַך אייך נאָך פאַרווירפע.

— אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין! — האָט זיך סאָפיע אָבגערופען.

— דער קאָפּ דרעהט זיך מיר, און איך פיהל זיך עפּעס ניט ווי ביי זיך... — האָט די מוטער שטיל פאָרטגעזעצט. — עס טרעפט, אַז דו געהסט און געהסט לעבען אַ מענשען, איידער דו רעדסט צו איהם פון האַרצען...

און יעצט — איז ־י הארץ מיט א מאָל אָפען און דו רעדסט אזוינס, וועגען וואס דו וואָלסט פריהער גאָר מורא געהאט צו טראכטען... ס'איז עפּעס מאָדנע. .

סאָפיע האָט ווידער פערדרויכערט א פּאפּיראָס און האָט שטיל און צערטליך בעטראכט דעם פּנים פון דער מוטער מיט איהרע שעהנע גרויע אויגען.

— איהר זאָגט, אז איהר וועט איהם העלפען אנטלויפען... אָבער ווי זשע וועט ער לעבען אלס אַן אנטלאָפענער? — האָט די מוטער א פרעג געטהאָן.

— פּטור נו! — האָט סאָפיע געענטפערט, אַנגיסענדיג זיך נאָך א גלאָז קאָפע. — ער וועט לעבען ווי די צעהנדליגע אַנדערע אנטלאָפענע לע־בען... אָט האָב איך נאָר וואס בעגעגענט און דורכגעלאָזען אזעלכען... אויך זעהר א נוצליכען מענשען... אַן ארבייטער פון דרום רוסלאַנד. געוועזען פער־שיקט אויף פינף יאָהר און אָפּגעוועזען איז ער דאָרטען אין גאַנצען דריי מיט א האלב מאָנאט... דערפאר בין איך דאָס היינט אזוי אויסגעפּוצט. וואס מיינט איהר: איך טהו זיך אַלע מאָל אזוי אָן? איך האָס דאָס ווי דעם טויט... א מענש דארף זיך אָנטהאָן איינפאך; שעהן אָבער איינפאך...

די מוטער האָט אויף איהר א קוק געטהאָן, האָט א שמייכעל געטהאָן און שאָקלענדיג פערטראכט מיט'ן קאָפּ, האָט זי שטיל געזאָגט:

— ניין, דער ערשטער מאי האָט מיר איינפאך צוטומעלט! מיר איז עפּעס אזוי אונגעמיטהליך, פּונקט ווי איך וואָלט אין איין און דער זעלבער צייט געגאַנגען אויף צוויי וועגען... אָט דוכט זיך מיר, אז איך פערשטעה אַלעס און אָט פּלוצלונג דאכט זיך מיר, אז אַלץ ארום מיר איז פערהילט אין א גרויען נעבעל... אָט איהר... איך קוק אויף אייך — דאכט זיך, א פּריצ'טע... און בעשעפטיגט זיך מיט דיעזער זאך... איהר קענט פּאוולען און איהר שעצט איהם. א דאנק אייך דערפאר...

— נו, א דאנק קומט גאָר אייך! — האָט זיך סאָפיע פאנאנדערגעלאכט.

— וואס בין איך? ניט איך האָב דאָס איהם אויסגעלערענט, — האָט די מוטער, א זיפץ טהוענדיג, געזאָגט. — יאַ, זאָג איך, אָפּטמאָל איז מיר אַלץ אזוי נאָהענט און איינפאך, און פּלוצלונג קען איך ניט פערשטעהן אָט דיעזע איינפאכקייט. אָט דאכט זיך בין איך אזוי רוהיג, און פּלוצלונג הויב איך אָן מורא צו האָבען פאר דיעזער רוהיגקייט. דעם גאַנצען לעבען האָב איך זיך געשראָקען... יעצט, אז עס איז דאָ פאר וואס מורא צו האָבען... שרעק איך זיך גאָרניט... איך קען ניט פערשטעהן פאר וואס דאָס איז אזוי...

סאָפיע האָט פערטראַכטערהייד געענטפערט :

— עס וועט קומען אַ צייט, ווען איהר וועט אַלץ פערשטעהן ! נו, מיר איז שוין צייט אַרונטערצונעהמען פון זיך דעם גאַנצען פוץ...

אַ׳וועקלעגענדיג דעם מונדשטיק אויפ׳ן טעצעל פון גלאָז, האָט זי אַ מרייסעל געטהאָן דעם קאָפּ. איהרע גאָלדענע האָאר האָבען זיך צושאָטען אין געדיכטע לאָקען איבער׳ן פּלייצע און זי איז אַרויסגעגאַנגען.

די מוטער האָט איהר דורכגעלאָזען מיט איהר בליק, זי האָט אַ זיפץ געטהאָן, האָט זיך אַרומגעקוקט און אין אַ האַלב שלעפעריגען צושטאַנד האָט זי זיך גענומען אָפּראַמען די געפעס.

.3

אַ זייגער פיער איז געקומען ניקאָליי. ביים מיטאָג האָט סאָפיע לאַכענדיג דערצעהלט, ווי אַזוי זי האָט בעגעגענט און בעהאַלטען אַ מאַן, וועלכער איז אַנטלאָפען פון סיביר ; ווי אַזוי זי האָט מורא געהאַט פאַר די שפּיאָנען און פלעגט פערדעכטיגען יעדען מענשען, און ווי קאָמיש דיעזער אַנטלאָפענער האָט זיך געהאַלטען. אין איהר טאָן האָט די מוטער געפיהלט עפּעס אַ צופריעדענהייט פון אַן אַרבייטער, וועלכער האָט גוט אָפּגעטהאָן אַ שווערע אַרבייט.

יעצט איז זי געווען אָנגעטהאָן אין אַ לייכטע, ברייטע קלייד. אין דיעזער האָט זי אויסגעזעהן העכער אין וואוקס. איהרע אויגען זיינען ווי דונקעלער געוואָרען און איהרע בעוועגונגען זיינען געוואָרען רוהיגער.

נאָכ׳ן עסען האָט ניקאָליי צו סאָפיע׳ן געזאָגט :

— דיר וועט זיך אויסקומען צו נעהמען צו נאָך אַן אַרבייט... דו ווייסט, מיר האָבען דאָך בעשלאָסען אַרויסצוגעבען אַ צייטונג פאַר׳ן דאָרף... אָבער אַ דאַנק די לעצטע אַרעסטען האָבען מיר פערלאָרען די פערבינדונג מיט די דאָרטיגע מענשען. אָבער פּעלאַגעיאַ ניל׳אָוונאַ קען אונז אָנווייזען אַ מענשען, דורך וועלכען מיר וועלען דאָרטען קענען פערשפּרייטען די צייטונג... פאָהר אַריבער מיט איהר... מען דאַרף עס מאַכען וואָס גיכער...

— גוט, — האָט סאָפיע, פעררויכערענדיג דעם פּאַפּיראָס, געענטפערט. פאָהרען מיר, פּעלאַגעיאַ ניל׳אָוונאַ ?

— פאַרוואָס ניט ? לאָמיר פאָהרען !...

— איז עס ווייט פון דאַנען ?

— אַ וויאָרסט אַכציג.

— אויסגעצייכענט!... יעצט וועל איך אַ ביסעל אַ שפּיעל טהאָן. איהר, פּעלאַגעיאַ ניל׳אָוונאַ, קענט פערטראָגען אַ ביסעל מוזיק?...

— מיר פרעגט ניט. זאָל זיך אייך דוכטען, אַז איך בין גאָר ניטאָ אין הויז! — האָט די מוטער געזאָגט, זיך אַוועקזעצענדיג אין אַ ווינקעל אויפ׳ן דיוואַן.

— אָט, האָרך, ניקאָליי! דאָס איז גריעג׳ס אַ קאָמפּאָזיציאָן. איך האָב עס היינט מיטגעבראַכט... פערמאַך דעם פענסטער!

זי האָט אויפגעעפענט די נאָטען און האָט אַ לייכטען קלאַפּ געטהאָן מיט די פינגער איבער די פּיאַנאָ־קלאַווישען. זאַפטיג און געדיכט האָבען די סטרונעס אָנגעהויבען צו זינגען. מיט אַ טיעפען זיפץ האָט זיך נאָך אַ פולער טאָן ציטערענדיג צוגעגאָסען צו דעם געזאַנג. אונטער די פינגער פון איהר רעכטער האַנד איז געפלויגען אַ העל־קלינגענדע, אונרוהיגע מחנה דורכזיכטיגע טענער, וואָס האָבען זיך געטרייסעלט אַהין און צוריק און זיינען פערקראָכען אויף דעם דונקעלען גרונד פון די ניעדריגע נאָטען, ווי דערשראָקענע פויגלען. און די איבעריגע האָבען געקלונגען גלייך, האַרמאָניש, ווי כוואַליעס פונ׳ם ים, וואָס זיינען פערמאַטערט געוואָרען פון אַ לאַנגען שטורעם. אַלס ענטפער אויף דאָס ליעד, האָבען זיך דערהערט געדיכטע, האָפנונגסלאָזע דונקעלע קלאַנגען. ברייטע און הויכע, האָבען זיי איינגעשלונגען מיט זייער טיעפקייט די גאַנצע מחנה קלינגענדע קלאָגען, פראַגען און זיפצען, וואָס זיינען געוועזן פעראייניגט אין דעם אונרוהיגען ליעד. צייטענווייז פלעגט זיך דאָס ליעד אויפהויבען זעהר הויך און פלעגט מיט אַ געוויין ווידער אַרונטערפאַלען. די טענער פלעגען פליהען און זיך טרייסלען אין די געדיכטע שטראָמען פון די טיעפע באַס־נאָטען, פלעגען דערטרונקען ווערען אין זיי און ווידער זיך דורכרייסען אין האָפנונגסלאָזען רוהיגען געזאַנג. די טענער פלעגען וואַקסען, אויפקלינגען, צוזאַמענשמעלצען און זיך ווידער אויפלעזען אין דעם ברייטען שוואונג פון די פייכטע טענער. און זיי, די טענער, האָבען אַלץ אַזוי שטאַרק געזיפצט, אונערמיעדליך, אָהן אַ ענטפער, אָהן פייערליכקייט.

אין אָנפאַנג האָבען דער מוטער די אַלע קלאַנגען ניט געריהרט. זיי זיינען געווען פאַר איהר אונפערשטענדליך. אין זייער שטראָם האָט זי נאָר געהערט אַ קלינגענדען כאַאָס. איהר געהער האָט ניט געקענט אויפכאַפּען די מעלאָדיע און דעם פערשיעדענאַרטיגען ציטערען פון די טענער. האַלב דרעמלענדיג האָט זי געקוקט אויף ניקאָלייען, וועלכער איז געזעסען אויף דעם צווייטען ברעג פון דיוואַן די פיס פערלעגט אונטער זיך. זי האָט פון

זייט בעטראַכט סאָפֿיע'ס שטרענגען פּנים, וואָס איז געווען איינגעראָמט אין אַ ים פֿון געדיכטע גאָלדענע האָאָר. די זון האָט געהאַלטען ביים אונטערגעהן און איין שטראַהל האָט פֿערטראַכטערהייד אין אָנפֿאַנג בעלויכטען סאָפֿיע'ס פּלייצע, דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעלעגט אויף דער פּיאַנאָ און האָט געציטערט אונטער די פֿינגער פֿון דער פֿרוי, וועלכע ער האָט אַרומגערינגעלט. די מוזיק האָט אַלץ ענגער און ענגער אָנגעפֿילט דעם צימער און, אונבעמערקט פֿאַר דער מוטער, געוועקט איהר האַרץ. דריי טענער, קלינגענדיגע ווי פֿעדיאַ מאַזין'ס קול, האָבען זיך אָבגעביטען איינער דעם אַנדערען. האָבען זיך געהאַלטען אויף דער זעלבער הויך און האָבען געבלישטשעט, ווי דריי זילבערנע פֿישעלעך אין אַ טייך... צייטענווייז פֿלעגט זיך מיט זיי פֿעראייניגען אַ פֿיערטער. זיי פֿלעגען זינגען צוזאַמען און האָבען געשמייכעלט און געטרייסט דער מוטערס צואוועהטאָגטע האַרץ מיט זייער ריהרענדער איינפֿאַכער מעלאָדיע. זי האָט גענומען נאָכפֿאָלגען זיי, וואַרטען אויף זיי, און פֿון אַלע קלאַנגען האָט זי נאָר געהערט אָט די, וועלכע זי האָט אַרויסגעקליבען פֿון אונרוהיגען טומעלדיגען כאַאָס פֿון דער גאַנצער קאָמפּאָזיציאָן.

און עפּעס פּלוצלונג איז פֿון דער פֿינסטערער גרוב פֿון איהר פֿערגאַנגענהייט אַרויסגעקראָכען עפּעס אַ בעליידיגונג, וועלכע זי האָט שוין לאַנג פֿערגעסען און וועלכע האָט אין איהר יעצט אויפֿגעלעבט מיט אַ ביטערער קלאָרקייט.

אַ מאָל איז איהר פֿערשטאָרבענער מאַן געקומען שפּעט ביי־נאַכט אַהיים אַ שטאַרק שיכור'ער. ער האָט איהר אָנגעכאַפּט ביים אָרעם, האָט איהר אַראָפּגעשלעפּט אויף דר'ערד, האָט איהר אַ בריק געטהאָן מיט'ן פֿוס אין זייט און האָט צו איהר געזאָגט:

— אַרויס פֿון דאַנען, דו אויסוואורף! דו האָסט מיר שוין דערעסען!...
אַרויס!

אום זיך צו פֿערטהיידיגען פֿון זיינע קלעפּ, האָט זי אַ כאַפּ געטהאָן אויף די הענד איהר צוויי־יאָהריגען זוהן און האָט זיך פֿערשטעלט מיט זיין קערפּער, ווי מיט אַ פּאַנצער, שטעהענדיג אויף די קניע און ציטערענדיג פֿאַר שרעק און בעליידיגונג. דאָס קינד האָט זיך דערשראָקען און אַ נאַקעטער, אַ וואַרימער האָט ער געוויינט, וואַרפֿענדיג זיך אין איהרע הענד.

— אַרויס! — האָט מיכאַאיל געשריען מיט זיין גראָבען קול.

זי איז אויפֿגעשפּרונגען, איז אַריינגעלאָפֿען אין קיך, האָט אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף די פּלייצעס אַ יאַקעל, האָט איינגעוויקעלט דאָס קינד אין אַ

שאַל, און שטיל, אָהן קולות, איז זי אַ באָרוויסע, אין איין העמד מיט'ן יאַקעל אַרויס אין גאַס. עס איז געווען מאַי מאָנאַט. די נאַכט איז געווען אַ פרישע. דער נאַסער קאַלטער שטויב פון גאַס האָט זיך צוגעקלעפּט צו איהרע פיס און האָט זיך אַריינגעריסען צווישען איהרע פיס־פינגער. דאָס קינד האָט געוויינט און זיך געוואָרפען. זי האָט צוגעטוליעט דעם זוהן צו איהר נאַקעטען קערפּער און אַ דערשראָקענע איז זי געגאַנגען און געגאַנגען איבער'ן גאַס שטיל, צוברומענדיג צו איהם:

אָה — אָה — אָה... אָה — אָה — אָה... אָה — אָה — אָה!...

עס האָט שוין אָנגעהויבען טאָגען. זי האָט זיך געשעהמט און האָט מורא געהאַט, אַז אימיצער זאָל ניט אַרויסגעהן אויף'ן גאַס און איהר דער־זעהן אַ האַלב־נאַקעטע... זי איז אַראָפּגעגאַנגען צום זומפּ און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דר'ערד אונטער אַ געדיכטע גרופּע אָסינאָווע בוימער. אַזוי איז זי געזעסען לאַנג, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט און קוקענדיג אין דער פינסטערניש מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפענטע אויגען און האָט שטיל געזונגען פערוויגענדיג דעם איינגעשלאָפענעם קינד און איהר אייגענע בעליידיגטע האַרץ...

אָה — אָה — אָה... אָה — אָה — אָה... אָה — אָה — אָה!...

אין איינע פון דיזע מינוטען, וועלכע זי האָט דאָרטען פערבראַכט, איז איבער איהר קאָפּ פאַרביי געפלויגען אַ שוואַרצע, שטומע פויגעל און האָט איהר אויפגעוועקט. אַ פערציטערטע פון קעלט איז זי אַוועק אַהיים, ערוואַרטענדיג דאָרטען ווידער נייע קלעפּ און נייע בעליידיגונגען...

צום לעצטען מאָל האָט אַ זיפץ געטהאָן אַ הילכיגער אַקאָרד, אַ גלייכ־גילטיגער, אַ קאַלטער. ער האָט אַ זיפץ געטהאָן און איז פערשוואונדען.

סאָפּיע האָט זיך אָבגעקעהרט און האָט שטיל אַ פרעג געטהאָן איהר ברודער:

— נו, ווי איז עס דיר געפעלען?

— זעהר גוט! — האָט ער געענטפערט, אַ ציטער טהוענדיג, פונקט ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. זעהר, זעהר גוט...

אין דער מוטערס האַרץ האָט געזונגען און געציטערט אַן עכאָ פון עראינערונגען. איהר האָט זיך געוואָלט הערען נאָך מוזיק. און ערגעץ פון דער זייט איז איהר אַריין אין קאָפּ אַ געדאַנק:

— אַט לעבען מענשען: אַ ברודער מיט אַ שוועסטער — פריינדליך, רוהיג... שפּיעלען מוזיק... זידלען זיך ניט, טרינקען ניט קיין בראַנפען, רייסען זיך ניט איבער אַ ביסען... האָבען ניט קיין וואונש צו בעליידיגען

איינער דעם אַנדערען, ווי דאָס איז דער פאַל ביי די מענשען פון שוואַרצען, פער׳חושב׳טען לעבען...

סאָפּיע האָט זיך גערויכערט איהר פּאַפּיראָס. זי האָט גערויכערט אַ סך, כמעט אָהן אַן אויפהער.

— אַט די זאַך זעהר האָט ליעב געהאַט מיין פערשטאָרבענער קאָמ־טיאַ! — האָט זי געזאָגט און האָט זיך ווידער אָנגעשטימט אַ שטילען אומעדיגען אַקאָרד. — אַך, ווי איך האָב דאָס ליעב געהאַט איהם צו שפּיעלען! ווי געפּיהלפאָל ער איז געווען!... ער פלעגט זיך אָפּרופען אויף אַלעס...

„זי דערמאָהנט זיך מסתמא אָן איהר מאַן...", האָט די מוטער פאַר־בייגעהענדיג אַ טראַכט געטהאָן. — און שמייכעלט פון דעסטוועגען...

— וויפיעל גליק האָט מיר דיעזער מענש געגעבען... — האָט סאָפיא שטיל געזאָגט, אַקאָמפּאַנירענדיג איהרע געדאַנקען מיט די לייכטע קלאַנגען פון די סטרונעס. — ווי שעהן ער האָט פערשטאַנען צו לעבען... שטענדיג האָט אין איהם געברענט אַ פרייד, אַ קינדערשע, לעבעדיגע פרייד...

— אַ קינדערשע... — האָט די מוטער שטיל פאַר זיך איבערגע׳חזר׳ט, איינשטימענדיג מיט איהר.

— יאַ! יאַ! — האָט ניקאָליי אַ זאָג געטהאָן, צופּענדיג זיין בערדעל. — אַ זינגענדיגע נשמה!...

סאָפּיא האָט אַוועקגעוואָרפען ערגעץ איהר אָנגעהויבענעם פּאַפּיראָס, האָט זיך געווענדעט צו דער מוטער און האָט איהר אַ פרעג געטהאָן:

— איך שטער ניט מיין טומעל?

די מוטער האָט איהר געענטפערט מיט אַ לייכטען פערדרוס, וועלכען זי האָט ניט געקענט איינהאַלטען:

— איהר פרעגט ניט ביי מיר... איך פערשטעה גאָר ניט... איך זיץ און האָרך און טראַכט וועגען זיך...

— ניין, איהר מוזט עס פערשטעהן! — האָט סאָפּיא געזאָגט. — אַ פרוי קען ניט ניט־פערשטעהן מוזיק... און נאָך איבערהויפּט דאַן ווען איהר איז אומעטיג אויפ׳ן האַרצען.

זי האָט שטאַרק אַ קלאַפּ געטהאָן איבער די קלאַווישען און עס האָט זיך דערהערט אַ הויכער אויסגעשריי, פּונקט ווי אימיצער וואָלט דערהערט אַ שרעקליכער בשורה, וואָס האָט פערוואונדעט די נשמה און האָט פון האַר־צען אַרויסגעפּרעסט דיעזען קלאַנג. יונגע שטימען האָבען דערשראָקען גע־ציטערט און האָבען זיך צוטומעלטע געוואָרפען אין אַלע זייטען און ווידער האָט אַ צאָרנדיגע, הויכע שטימע אַ געשריי געטהאָן און האָט אַלץ פערטו־

מעלט... עס האָט מן הסתם פּאַסירט אַן אומגליק, וואָס האָט ניט אַרויס־גערופען קיין געוויין, זאָנדערן אַ ביטערען צאָרן... דערנאָך איז געקומען עפּעס אַ צערטליכער, אַ שטאַרקער קלאַנג און עס האָט זיך אָנגעהויבען צו הערען אַן איינפאַכע, שעהנע ליעד, וואָס האָט צוגעצויגען צו זיך און האָט עפּעס צוגערעדט צו וואָס, און אין דער זעלבער צייט האָבען אין דער ליעד טעמפּ און בעליידיגענד געברומט די באַס־סטרונעס.

זי האָט אַ לאַנגע צייט געשפּיעלט און האָט פאַנאַנדערגעזעעט די קלינ־גענדע טענער, וואָס האָבען דער מוטער אויפגערעגט און האָבען ערוועקט אין איהר אַ פערלאַנג צו פרעגען וועגען וואָס רעדט דאָס די מוזיק, וועלכע רופט אַרויס אין איהר אַזעלכע אונקלאָרע בילדער, געפּיהלען און געדאַנקען, וואָס ווערען גלייך אָבגעביטען פון אַנדערע. אומעט און אונרוה האָבען אָבגעטראָטען זייער פּלאַץ פאַר אַ רוהיגער, שטילער פרייד. עס האָט זיך אויסגעדוכט אַזוי ווי אין צימער וואָלט אַרומגעלאָפען אַ גאַנצע מחנה אונ־זעהבאַרע פויגלען. זיי דרינגען אומעטום אַריין, בעריהרען און זינגען עפּעס ערנסטעס וועגען וואָס ניט איז, וואָס רופט אין הארצען ניט ווילענדיג אַרויס אַזעלכע געדאַנקען, וועלכע מען קען מיט ווערטער ניט אויסדריקען. זיי ערמוטהיגען דאָס האַרץ מיט אונקלאָרע האָפנונגען און זיי צערטלען איהר און גיבען איהר צו פרישען מוטה.

דער מוטער'ס האַרץ איז פול געוואָרען מיט אַ וואונש צו זאָגען עפּעס גוטעס צו דיעזע צוויי מענשען בפרט און צו אַלעמען בכלל. אַ פער־שכור'טע פון דער מוזיק, האָט זי שטילערהייד געשמייכעלט, זיך פיהלענדיג אימשטאַנדע צו טהאָן עפּעס גוטעס פאַר'ן ברודער און פאַר די שוועסטער.

און אַ זוך טהוענדיג מיט די אויגען, וואָס צו טהאָן, איז זי שטיל אַרויס אין קיך און האָט זיך גענומען אויפשטעלען דעם סאַמאָוואַר.

אָבער דיעזער וואונש איז ניט פערשוואונדען ביי איהר. ער האָט איהר געעגבערט און געהאַמערט אין קאָפּ און, אַנגיסענדיג די טהעע, האָט זי פערשעהמט און צוטומעלט אַרויסגערעדט:

— מיר, מענשען פון פינסטערען לעבען, פיהלען אַלעס, אָבער אויס־רעדען אונזער האַרץ איז אונז שווער. און אונז פערדריסט עס, פאַר וואָס מיר פערשטעהען און קענען ניט אַרויסרעדען. און אָפטמאָל זיינען מיר אין כעס אויף אונזערע אייגענע געדאַנקען, און אויך אויף די, וואָס ווירקען אויף אונזערע געפיהלען, זיינען מיר אין כעס, און מיר טרייבען די געדאַנקען אַוועק. דאָס לעבען איז דאָך אונרוהיג — פון אַלע זייטען שלאָגט עס און

שטערט עס און עס ווילט זיך אַברוהען... און די געראַנקען וועקען די נשמה, פאַדערען און זוכען...

ניקאָליי האָט איהר אויסגעהערט, האָט גיך אויסגעווישט די ברילען און צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. סאָפיע האָט ברייט פאַנאַנדערגעעפענט איהרע גרויסע אויגען און האָט געקוקט אויף איהר, פערגעסענדיג צו רויכערען איהר פּאַפּיראָס, וועלכער האָט שוין געהאַלטען ביים פערלאָשען ווערען. זי איז געזעסען האַלב צוגעקעהרט צום פּיאַנאָ און צייטענווייז פלעגען זיך איהרע דינע פינגער פון דער רעכטער האַנד אַנריהרען אָן די קלאַווישען. אָן אַקאָרד פלעגט זיך פאַרזיכטיג אריינגיסען אין דער מוטער'ס רייד, וועלכע האָט פערוואַנדעלט איהרע געפיהלען אין האַרציגע פּראָסטע ווערטער:

— אָט יעצט קען איך עפּעס זאָגען וועגען זיך, וועגען אונזערע מענשען... ווייל איך פערשטעה דאָס לעבען... און אָנגעפאַנגען צו פערשטעהן האָב איך דאָן, ווען איך האָב גענומען פערגלייכען. פריהער האָב איך געלעבט אַזוי זיך; עס איז ניט געווען מיט וואָס צו פערגלייכען דאָס לעבען. אונזערע מענשען לעבען דאָך אַלע אויף איין שטייגער. יעצט אָבער זעה איך, ווי אַנדערע לעבען. איך בעטראַכט, ווי איך האָב אַליין געלעבט און — עס איז מיר ביטער און שווער צו דערמאָהנען זיך... נאָר פאַרפאַלען... צוריקנעהמען די פערגאַנגענע יאָהרען קען מען ניט. די יוגענד איז אריבער און וועט זיך שוין קיינמאָל ניט צוריקקעהרען.

זי האָט אַ ביסעל אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט מיט אַ ניעדריגער שטימע פאָרטגעזעצט:

— אפשר רעד איך עפּעס ניט אַזוי ווי מען דאַרף און אפשר דאַרף מען דאָס אייך גאָר ניט דערצעהלען, ווייל איהר ווייסט עס אַליין... נאָר איך רעד עס דאָך פאַר זיך... איהר האָט עס מיר אוועקגעשטעלט לעבען אייך...

טרעהרען פון פרעהליכער דאַנקבאַרקייט האָבען זיך געהערט אין איהר קול און קוקענדיג אויף זיי מיט אַ שמייכעל אין די אויגען האָט זי געזאָגט:

— מיר ווילט זיך עפענען פאַר אייך די האַרץ, אום איהר זאָלט זעהן, ווי איך ווינש אייך אַל־דאָס גוטס.

— דאָס זעהען מיר! — האָט ניקאָליי שטיל אַרויסגערעדט. — איהר פערשאַפט אונז פערגעניגען.

— ווייסט איהר, וואָס מיר דוכט זיך? — האָט זי שמייכלענדיג אַרויסגעזאָגט. — דאַכט זיך, אַז איך האָב געפונען אַן אוצר; איך בין געוואָרען פלוצלונג רייך... אַזוי רייך, אַז איך קען אַלעמען פון מיין רייכ־

טהום געבען מתנות! עס קען זיין, אז מיין נארישקייט האט זיך דאס צושפיעלט אין מיר...

— רעדט ניט אזוי! — האט סאפיע ערנסט א זאג געטהאן.

זי האט געמוזט בעפריעדיגען איהר ווילען און האט זיי ווידער געזאגט דאס, וואס איז געוועזן ניי פאר איהר, און האט זיך איהר אויסגעדרוקט, אז עס איז זעהר וויכטיג. און זי האט אנגעהויבען צו דערצעהלען וועגען זיך, וועגען איהר ארימען לעבען פול מיט בעליידיגונגען און ליידען. זי פלעגט דערצעהלען, פלעגט זיך פלוצלונג אבשטעלען. איהר האט זיך געדוכט, אז זי איז אבגעטראטען פון זיך אליין און זי רעדט דאס אלץ פונקט ווי וועגען א זייטיגען.

אין איינפאכע, פראסטע ווערטער, אהן צארן און כעס, מיט א שמייכעל פון מיטלייד אויף איהרע ליפען, האט זי געהאלטען אין איין פאנאנדער־וויקלען פאר זיי א גרויען קנויל פון אומעדיגע, טרויעריגע טעג. זי האט אויסגערעכענט די אלע קלעפ פון איהר מאן און האט זיך אליין געוואונ־דערט איבער די נישטיגע אורזאכען, וואס איהר מאן האט געהאט איהר צו שלאגען. זי האט זיך געוואונדערט פאר וואס זי האט זיך ניט געשטעלט אנטקעגען, פאר וואס זי האט זיי ניט אויסגעמיעדען.

ביידע האבען שווייגענדיג און אויפמערקזאם זיך צוגעהערט צו יעדען ווארט איהרען און זייערע הערצער האבען זיך אנגעפילט מיט א טיעפען וועהטאג פון דער פראסטער לעבענס־געשיכטע פון א מענשען־קינד, וואס איז בעטראכט געווארען פאר א שטילער בהמה; פון א מענשען־קינד, וואס האט זיך אליין געהאלטען א לאנגע צייט פאר דאס, פאר וואס מען האט עס פעררעכענט. עס האט זיך געדוכט, אז טויזענדע לעבענס ריידען מיט איהרע ליפען. געוועהנליך און איינפאך איז געווען אלץ, וועגען וואס זי האט גערעדט. אבער אזוי געוועהנליך און איינפאך לעבען אונצעהליגע טויזענדע מענשען אויף אונזער וועלט, און איהר לעבענס־געשיכטע איז אין זייערע אויגען געווארען א סימבאל... ניקאליי האט אנגעשפארט דעם קאפ אויף די עלענבויגענס און האט אויפמערקזאם געקוקט אויף איהר, זיך ניט בעוועגענדיג. סאפיא האט זיך אנגעשפארט אן לעהן פון שטוהל און האט געציטערט. פון צייט צו צייט האט זי עפעס געשעפטשעט און האט גע־שאקעלט מיט׳ן קאפ. איהר פנים איז געווארען מאגערער און בלאסער און זי האט אויפגעהערט צו רויכערען.

— איינמאל האב איך זיך געפיהלט זעהר אומגליקליך. מיר האט זיך געדוכט, אז מיין לעבען איז א קדחת, — האט סאפיא שטיל געזאגט, אראב־

לאָזענדיג דעם קאָפּ. — דאָס איז געווען ווען איך בין געווען פערשיקט אין אַ קליין שטעדטעל. די שטעדטעלע איז געווען אַ קליינע. וואָס צו טהאָן איז ניט געווען און מעהר ווי צו טראַכטען וועגען זיך איז אין קאָפּ ניט געלעגען. איך פלעג צוזאַמענלייגען אַלע מיינע צרות און פלעג זיי וועגען און מעסטען. אַט האָב איך זיך צוקריעגט מיט מיין פאָטער, וועל־כען איך האָב געליעבט מעהר ווי מיין לעבען. פון גימנאַזיע האָט מען מיר ארויסגעטריעבען און בעליידיגט. דערנאָך איז געקומען די טורמע, דער פעררעטה פון אַ חבר, וועלכער איז מיר געווען נאָהענט, דעם מאַן'ס ארעסט, ווידער די טורמע און די פערשיקונג, דעם מאַן'ס טויט... און מיר האָט זיך דאַן געדוכט, אַז דער אונגליקליכסטער מענש אויף דער וועלט בין איך... אָבער אַלע מיינע צרות און צעהן מאָל מעהר זיינען גאָרנישט אין פערגלייך מיט איין מאָנאַט פון אייער לעבען, פעלאַגעיא ניל‍אָוונאַ... די טאָג־טעגליכע קוועלונגען און מאַטערניש אין פערלויף פון יאָהרען! וואו שעפּען די מענשען כח אַזוי פיעל צו ליידען?

— מען ווערט צוגעוואוינט! — האָט, זיך אָבזיפצענדיג, וולאַסאָווא געענטפערט.

— מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך קען דיעזען לעבען, — האָט זיך ניקאָליי אָבגערופען פערטראַכטערהייד. אָבער ווען איך זעה דאָס ניט פון אַ בוך און ניט פון מיינע אייגענע בעאָבאַכטונגען, זאָנדערן אַט אַזוי — דאָס לעבען אַליין — ווערט מיר שרעקליך. שרעקליך זיינען די קלייניג־קייטען, שרעקליך איז דאָס נישטיגע, די סעקונדען, פון וועלכע עס ווערען צוזאַמענגעשטעלט די יאָהרען...

דער געשפּרעך האָט זיך געגאָסען אַזוי ווייטער און ווייטער און האָט ארומגענומען דעם פינסטערען לעבען פון אַלע זייטען. די מוטער האָט זיך פערטיעפט אין איהרע זכרונות, און ארויסציהענדיג פון דער פינסטערער פערגאַנגענהייט די טאָג־טעגליכע בעליידיגונגען, האָט זי פון זיי בעשאַפען אַ שווערען בילד און אַ ריעזיגען שטומען שרעק, אין וועלכען עס איז דער־טרונקען געוואָרען איהר יוגענד. ענדליך האָט זי געזאָגט:

— אוי, איך האָב זיך פערעדט... אייך איז צייט זיך אָבצורוהען! אַלץ קען מען דאָך ניט אויסדערצעהלען...

דער ברודער און די שוועסטער האָבען זיך מיט איהר שווייגענדיג געזעגענט. איהר האָט זיך געדוכט, אַז ניקאָליי האָט זיך איינגעבויגען און האָט פעסטער ווי אַלע מאָל געדריקט איהר האַנד. סאָפיע האָט איהר

דורכגעלאָזען ביז איהר צימער, און אָבשטעלענדיג זיך ביין טהיר, האָט זי שטיל געזאָגט:

— נו, רוהט זיך אויס... אַ גוטע נאַכט!

פון איהר שטים האָט געוועהט עפּעס אַ ווארימקייט און איהרע גוטע גרויע אויגען האָבען ווייך געצערטעלט דער מוטערס פּנים.

די מוטער האָט אַריינגענומען סאָפיאַ'ס האַנד אין איהרע הענד, האָט איהר שטאַרק געדריקט און האָט געענטפערט:

— אַ דאַנק אייך!

## 4.

אַרום דריי טעג זיינען אַריבער אין אונאויפהערליכע געשפּרעכען מיט סאָפיען און ניקאָלייען, אין געשפּרעכען וועגען דער פערגאַנגענהייט, וועלכע האָבען אויפגעעפענט די נשמה, און די אויפמערקזאַמקייט, מיט וועלכע דער ברודער און די שוועסטער האָבען זיך צוגעהערט צו דער מוטער האָט נאָך ברייטער פאַנאַנדערגעעפענט איהר האַרץ, בעפרייענדיג איהר פון דער פינ־סטערער שמאָלער שטייגעל.

אויף דעם פיערטען טאָג זיינען סאָפיע און די מוטער ערשיענען פאַר ניקאָלייען אַלס צוויי אָרים געקליידעטע פרויען מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס, מיט שטעקלעך אין די הענד. דער קאָסטיום, וואָס סאָפיא האָט גע־טראָגען, האָט געמאַכט איהר פיגור העכער און איהר פּנים איז געוואָרען נאָך שטרענגער.

געזעגענענדיג זיך מיט דער שוועסטער האָט ניקאָליי אַ דריק געטהאָן איהר האַנד און די מוטער האָט נאָך אַ מאָל בעמערקט די איינפאַכקייט און די רוהיגקייט פון זייערע בעציהונגען. דאַכט זיך, זיי קושען זיך ניט און זאָגען זיך איינע די אַנדערע ניט קיין צערטליכע ווערטער, און דאָך בעציהען זיך איינע צו די אַנדערע אַזוי הארציג און זאָרגפעלטיג. דאָרט, וואו זי האָט געוואוינט, קושען זיך די מענשען אַ סך, רײדען אָפט צערטליכע ווערטער און פרעסען זיך איינע די אַנדערע, ווי הונגעריגע הינד.

די פרויען זיינען שוויינענדיג דורכגעגאַנגען די גאַסען פון שטאָדט, זיינען אַרויס אין פעלד און זיינען אַוועק איבער'ן צושלאָגענעם וועג, וועלכער איז געווען אויסגעזעצט מיט צוויי רייהען בעריאָזאָווע בוימער.

— איהר וועט ניט מיעד ווערען? — האָט די מוטער געפרעגט סאָפיען.

— וואָס, איהר מיינט, אַז איך בין וועניג געגאַנגען? מיר איז דאָס געהן גוט בעקאַנט...

און מיט א פּרעהליכען שמייכעל, פּונקט ווי זי וואָלט זיך בעריהמען מיט די גראָטעסקע שטיפעריייען פון איהר קינדהייט, האָט סאָפיא גענומען דערצעהלען דער מוטער מעשיות פון איהר רעוואָלוציאָנערער ארבייט. איהר איז אויסגעקומען צו לעבען אונטער א פרעמדען נאָמען, זי האָט זיך בענוצט מיט פאַלשע פּעסער, זי פלעגט זיך איבערטהאָן אין אנדערע קליידער, פלעגט זיך בעהאַלטען פאַר שפּיאָנען, פלעגט פּודענווייז טראנספּאָרטירען ליטעראַטור נאָך פערשיעדענע שטעדט, פלעגט העלפען פערשיקטע צו אנטלויפען אין אויסלאַנד און טהאָן נאָך פערשיעדענע אנדערע ארבייטען. אין איהר וואָהנונג איז א מאָל געווען א געהיימע דרוקעריי און ווען די זשאַנדאַרען האָבען זיך דאָס דערוואוסט און זיינען בעפאַלען די קוואַרטיר, האָט זי זיך אין איין מינוט איבערגעטהאָן אַלס דיענסט־מיידעל און איז ארויס פון הויז אנטקעגען די זשאַנדאַרען אָהן א מאַנטעל מיט א טיכעל אויפ'ן קאָפּ און מיט א בלעכענע קעראָסין־קאַן אין האַנד. אזוי איז זי אין א גרויסען פראָסט דורכגעגאַנגען פון איין ברעג שטאָדט צום אנדערען. אן אנדער מאָל איז זי געקומען אין א פרעמדער שטאָדט צו איהרע בעקאַנטע, און ווען זי איז שוין געווען אויפ'ן טרעפּ פון זייער קוואַרטיר, האָט זי בעמערקט, אז דאָרטען איז אן אָביסק. אומקעהרען זיך צוריק איז שוין געווען שפּעט. זי האָט דאַן דרייסט אָנגעקלונגען אין א טהיר צו פרעמדע מענשען, איז אָהין אריין מיט איהר טשעמאָדאַנטשיק און האָט זיי אָפען ערקלעהרט איהר לאַגע.

— איהר קענט מיר ארויסגעבען, אויב איהר ווילט, נאָר איך דענק, אז איהר וועט עס ניט טהאָן, — האָט זי מיט זיכערהייט געזאָגט.

די מענשען האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען און האָבען א גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, ערוואַרטענדיג יעדע מינוט, אז מען וועט אָנקלאַפּען צו זיי, אָבער זיי האָבען זיך ניט געקענט בעשליסען איהר ארויסצוגעבען צו די זשאַנדאַרען. אויף מאָרגען אין דער פריה האָבען זיי צוזאַמען מיט איהר געלאַכט פון דער נארישער פּאָליציי.

איינמאָל האָט זי זיך איבערגעטהאָן פאַר א מאָנאַשקע, און איז געפאָהרען אין איין וואַגאָן און איז געזעסען אויף איין באַנק מיט א שפּיאָן, וועלכער איז איהר נאָכגעפאָהרען און האָט איהר געזוכט, און בעריהמענדיג זיך מיט זיין געשיקטקייט, האָט ער איהר דערצעהלט, ווי ער טהוט עס. ער איז געווען זיכער, אז זי פאָהרט מיט'ן זעלבען צוג, אין א וואַגאָן צווייטער קלאַס. אויף יעדער סטאַנציע פלעגט ער ארונטערגעהן און, אומקעהרענדיג זיך, פלעגט ער זאָגען:

— זי זעהט זיך ניט... זי שלאָפט מסתמא. זיי ווערען אויך מיעד... זייער לעבען איז אויך אַ שווערער, פונקט ווי אונזערער.

די מוטער האָט לאַכענדיג צוגעהערט איהר ערצעהלונג. די הויכע דאַרע סאָפיע האָט לייכט געשפּרייזט איבער׳ן וועג מיט איהרע שעהנע שטאַרקע פיס. אין איהר גאַנג, אין איהרע ווערטער, אין קלאַנג פון איהר שטימע. אין איהר גאַנצער פיגור איז געלעגען געזונדהייט, פרעהליכע אונ־טערנעהמונגס־לוסט און אַ דורשט נאָך פרייהייט...

— זעהט וואָס פאַר אַ שעהנע סאָסנע! — האָט סאָפיע אויסגערופען, אָנצייגענדיג דער מוטער אויף אַ בוים. די מוטער האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט געקוקט. די סאָסנע איז געווען ניט העכער און ניט געדיכטער, ווי די אַנדערע.

— אַ שעהנער בוים! — האָט די מוטער געזאָגט שמייכלענדיג.

זיי פלעגען אָנטרעפען אויפ׳ן וועג פויערים צו־פוס און אויף וועגען און האָבען זיי בעגריסט מיט׳ן געוועהנליכען:

— גאָט העלף!

די פריהלונגס־זון האָט געברענט. ווייך האָט געשימערט די בלויע טיעפקייט פון הימעל. ביי די זייטען פון וועג האָט זיך געצויגען אַ גע־דיכטער וואַלד. די פעלדער האָבען שוין אָנגעהויבען ווערען גרין, די פויגע־לעך האָבען געזונגען, אַ פרישער גערוך האָט זיך געהערט פון וואַלד און האָט פערשפּרייט אַ צערטליכע וואַרימקייט.

דאָס אַלץ האָט צוגעצויגען דער מוטער צו איהר בעגלייטערין מיט די ליכטיגע אויגען און מיט דער ליכטיגער נשמה און די מוטער האָט זיך ניט ווילענדיג געסטאַרעט צו געהן מיט איהר טראָט ביי טראָט. מאַנכעס מאָל האָט זיך אָבער אין סאָפיא׳ס ווערטער געהערט עפּעס צו האַרטעס, צו שאַר־פעס און די מוטער האָט מיט אַ שטילען פּערדרוס געטראַכט:

— זי וועט מסתמא ניט געפעלען ווערען מיכאַילאָ׳ן...

גלייך נאָכדעם האָט סאָפיא ווידער אָנגעהויבען צו רעדען, אָבער זעהר האַרציג, און די מוטער האָט איהר פריינדליך אָנגעקוקט אין די אויגען.

— ווי יונג איהר זייט נאָך! — האָט זי, אַ זיפץ טהוענדיג, געזאָגט.

— אָ, איך בין שוין צוויי און דרייסיג יאָהר אַלט! — האָט סאָפיא אויסגערופען.

וולאַסאָווא האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— איך מיין ניט וועגען דעם... אויף אייער פּנים קען מען אייך ניט האַלטען פאַר עלטער. אָבער ווען מען גיט אַ קוק אין אייערע אויגען, ווען

מען הערט אייער שטימע, וואונדערט מען זיך פּשוט. איהר ווייזט דאָן אויס, ווי אַ יונג מיידעל. אייער לעבען איז אַן אונרוהיגער, שווערער, געפעהרליכער — און די הארץ אייערע שמייכעלט!

— איך פיהל ניט, אַז מיר איז שווער און איך קען זיך גאָר ניט פאָר־שטעלען קיין בעסערען, אינטערעסאַנטערען לעבען פון מיינעם... איך וועל אייך רופען ניליאָווגאַ. פּעלאַגעיאַ פּאַסט זיך עפּעס ניט פאַר אייך.

— רופט ווי איהר ווילט! — האָט די מוטער פערטראַכטערהייד ארויס־געזאָגט. — ווי אייער הארץ געלוסט... איך קוק אַלץ אויף אייך, הער זיך צו און טראַכט. און מעהר פאַר אַלץ איז מיר אָנגענעהם, וואָס איהר ווייסט אַלע וועגען ווי אַזוי צוצוקומען צו דער מענשליכער הארץ. דער גאַנצער מענש איז אָפען פאַר אייך... און איך טראַכט וועגען אייך אַלעמען — איהר וועט גאָר די שלעכטס אויסראָמען פון דער וועלט; איהר וועט אַלעס בעזיעגען!

— מיר וועלען זיעגען דערפאַר, ווייל מיר זיינען מיט'ן ארבייטער־פאָלק! — האָט סאָפיא הויך און מיט זיכערהייט געזאָגט. — אונזער קראַפט בעשטעהט אין דעם, וואָס מיר שעפּען עס פון פאָלק. דאָס פאָלק איז אַ קוואַל פון גייסטיגע און פיזישע קראַפט, וואָס קען ניט אויסגעשעפּט ווערען... אין איהם ליעגט בעהאַלטען אַ גרויסע מאַכט. מיט איהם קען מען אַלץ דערגרייכען... מען דאַרף נאָר קענען אויפוועקען זיין בעוואוסטזיין.

אין דער מוטער'ס הארץ האָט סאָפיא'ס רעדע ארויסגערופען פערשיע־דענע געפיהלען. זי האָט עפּעס רחמנות געהאַט אויף איהר און איהר האָט זיך געוואָלט הערען אַנדערע, איינפאַכערע ווערטער...

— ווער וועט אייך פאַר אייער ארבייט בעלוינען? — האָט די מוטער שטיל און אומעדיג אַ פרעג געטהאָן.

סאָפיא האָט שטיל געענטפערט:

— מיר זיינען שוין בעלוינט... מיר האָבען געפונען פאַר זיך אַ לעבען, וועלכער בעפריעדיגט אונז. מיר לעבען ברייט און פול. וואָס נאָך קענען מיר פערלאַנגען?

די מוטער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר און האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, וויעדער אַ טראַכט טהוענדיג:

— מיכאַילאָ'ן וועט זי מסתמא ניט געפעלען ווערען...

איינזאַפּענדיג מיט'ן פולען הארצען די זיסע לופט, זיינען זיי געגאַנגען שנעל, און דער מוטער האָט זיך געדוכט, אַז זי געהט גאָט בעטען. זי האָט זיך דערמאָהנט אָן איהר קינדהייט און אָן יענע גוטע פרעהליכקייט, מיט וועלכע

זי פלעגט אַ מאָל אין אַ יום־טוב געהן פון דאָרף אין אַ וויַיטען קלויסטער צו אַ הייליגען בילד.

אָפטמאָל פלעגט סאָפיא ניט הויך, נאָר שעהן אונטערזינגען עפּעס נייע ליעדער וועגען הימעל, וועגען ליעבע, אָדער זי פלעגט פּלוצלונג אָנהויבען דערצעהלען שירים וועגען פעלדער, וועגען וועלדער, וועגען דער מוטער־וואָלגאַ, און די מוטער פלעגט שמייכלענדיג צושאָקלען מיט'ן קאָפּ צום טאַקט.

אין איהר ברוסט האָט זי גפיהלט אַ וואַרימקייט. שטיל און פערטראַכט, פּונקט ווי אין אַ קליינעם, אַלטען גאָרטען אין אַ זומער־אָבענד, אַזוי איז איהר געווען צו־מוטה.

## .5

אויפ'ן דריטען טאָג זיינען זיי אָנגעקומען אין דאָרף. די מוטער האָט אַ פרעג געטהאָן ביי אַ פּויער, וועלכער האָט געאַרבייט אויפ'ן פעלד, וואו עס געפינט זיך די זשעגאַכץ־פאַבריק, און אין גיכען האָבען זיי זיך אַוועקגעלאָזען אויף אַ שמאָלער וועגעל. — די וואָרצלען פון די בוימער זיינען געווען אויסגעלעגט אויף איהר פונקט, ווי טרעפּ. זיי זיינען דערנאָך ארויס אויף אַ קיילעכדיגען פעלד, וועלכער איז געווען פערוואָרפען מיט קויהלען און שפּענער און פערגאָסען מיט זשעגאַכץ.

— אָט זיינען מיר אָנגעקומען! — האָט די מוטער, זיך אומרוהיג ארומקוקענדיג, ארויסגעזאָגט.

לעבען אַן אויסגעפלאָכטענע ביידעל זיינען ביי אַ טיש פון דריי אונגעהובעלטע ברעטער געזעסען ריבין, יעפים און נאָך צוויי יונגע ארבייטער. ריבין איז געווען אין אַ גאַנצען אַ שוואַרצער מיט אַן אָבגעשפּיליעטע האַרץ. ריבין האָט דער ערשטער זיי בעמערקט און, צולעגענדיג די האַנד צו די אויגען, האָט ער שווייגענדיג געוואַרט.

— וואָס מאַכט איהר, ברודער מיכאַילאָ! — האָט די מוטער אַ געשריי געטהאָן נאָך פון וויַיטען.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און איז זיי ניט איילענדיג אַנטקעגען געקומען. ער האָט איהר דערקענט, האָט זיך אָבגעשטעלט און שמייכלענדיג האָט ער אַ גלעט געטהאָן מיט דער שוואַרצער האַנד זיין באָרד.

— מיר געהען אין קלויסטער! — האָט די מוטער געזאָגט, צוגעהענדיג צו איהם. — טראַכט איך זיך: איך וועל דערוויַיל אַריינגעהן געוואָהר ווערען אַ ברודער! דאָס איז מיין חבר'טע. אַננאַ רופט מען איהר...

שטאָלצירענדיג מיט איהר אויסגעטראַכטער מעשה, האָט זי אַ קוק געטהאָן אויף סאָפּיאַ׳ס שטרענגען און ערנסטען פּנים.

— גוט מאָרגען! — האָט ריבין געזאָגט, פינסטער שמייכלענדיג. ער האָט אַ דריק געטהאָן איהר האַנד, האָט זיך אַ נייג געטהאָן צו סאָפּיאַ׳ן און האָט געזאָגט:

— זאָג ניט קיין ליגען; דאָ איז ניט די שטאָדט; דאָ דאַרף מען ניט זאָגען קיין ליגען. זיי זיינען אַלע אייגענע מענשען...

יעפים האָט זיסצענדיג ביים טיש אויפמערקזאַם בעטראַכט די וואַנ־דערענדע פּרויען און האָט עפּעס שטיל געשושקעט זיך מיט זיינע חברים. ווען די פרויען זיינען צוגעקומען צום טיש, האָט ער זיך אויפגעהויבען און האָט זיך שווייגענדיג פערנייגט פאַר זיי. זיינע חברים זיינען געזעסען אויפ׳ן אָרט, פּונקט ווי זיי וואָלטען גאָר ניט בעמערקט די געסט.

— מיר לעבען דאָ ווי מאָנאַכען! — האָט ריבין געזאָגט, אַ קלאַפּ טהוענדיג לייכט וולאַסאָוואַ׳ן איבער׳ן פּלייצע. — קיינער געהט צו אונז ניט. דער בעל הבית איז אין דאָרף ניטאָ, די באַלעבאָסטע האָט מען אַוועקגעפיהרט אין האָספּיטאַל און איך בין דאָ יעצט אַ מין פערוואַלטער... זעצט זיך צום טיש. איהר ווילט דאָך מסתמא עסען? יעפים, קריג ערגעץ מילך.

יעפים איז זיך ניט איילענדיג אריין אין ביידעל. די פרויען האָבען אַרונטערגענומען פון די פּלייצעס די פּעקלעך. איינער פון די יונגע לייט, אַ הויכער, אַ דאַרער, האָט זיך אויפגעהויבען, איז אַרויס פון טיש און האָט זיי געהאָלפען אַרונטערנעהמען די פּעקלעך. דער צווייטער, אַ דיקער און אַן אונגעלומפּערטער, איז געזעסען אָנגעשפּאַרט אָן טיש, האָט פערטראַכט געקוקט אויף זיי און האָט שטילערהייד עפּעס צוגעמורמעלט אַ ניגון.

— אָט דער הייסט יאַקאָוו, — האָט ריבין געזאָגט, אָנצייגענדיג אויף דעם הויכען, — און יענער — איגנאַטי... נו, וואָס מאַכט עפּעס דיין זוהן?

— ער זיצט אין טורמע! — האָט די מוטער, אַ זיפץ טהוענדיג געזאָגט.

— שוין ווידער אין טורמע? — האָט ריבין אויסגערופען. — עס איז איהם, ווי עס זעהט אויס, שטאַרק געפעלען. איגנאַטי האָט אויפגעהערט צו זינגען, יאַקאָוו האָט צוגענומען דעם שטעקען פון דער מוטערס האַנד און האָט געזאָגט: זעץ זיך, באַבינקע...

— וואָס שטעהט איהר? זעצט זיך! — האָט ריבין פאָרגעלעגט סאָפּיע׳ן.

זי האָט זיך שווייגענדיג געזעצט אויף אַן אָבגעהאַקטען בוים און האָט אויפמערקזאַם בעטראַכט ריבינען.

— ווען האָט מען איהם צוגענומען ? — האָט ריבין געפרעגט, אוועק־זעצענדיג זיך אנטקעגען דער מוטער.

ער האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און אויסגערופען:

— עס געהט דיר ניט, נילאָווגא!

— עס מאַכט ניט אויס! — האָט זי געזאָגט.

— טאַקע? דו ווערסט צוגעוואוינט!

— ניין, איך זעה, אז מען קען אנדערש ניט!

— אזוי! — האָט זיך אָבגערופען ריבין. — נו, דערצעהל...

יעפים האָט געבראַכט א טאָפּ מיט מילך. ער האָט אראָבגענומען פון טיש א קוביק, האָט איהם אויסגעשווענקט און, אנגיסענדיג עס מיט מילך, האָט ער איהם צוגערוקט צו סאָפּיע'ן. ער האָט זיך אויפמערקזאם צוגע־הערט צו דער מוטערס רייד. ער האָט זיך בעוועגט און האָט אלץ געטהאָן פאָרזיכטיג און שטיל. ווען די מוטער האָט געענדיגט דערצעהלען, האָבען אלע געשוויגען א ווײלע. איגנאַטי האָט, זיצענדיג ביים טיש, געצייכענט מיט'ן נאָגעל אויף דער ברעט עפּעס א מוסטער. יעפים איז געשטאַנען הינטער ריבינען, אנשפּארענדיג זיך אויף זיין פּלייצע. יאַקאָוו איז גע־שטאַנען אנגעשפּאַרט אָן א בוים, די הענד פערלעגט אויפ'ן הארצען און מיט אן אראָבגעלאָזענעם קאָפּ. סאָפּיע האָט אויפמערקזאם בעטראַכט די פּויערים.

— יאָ־אָ! — האָט לאַנגזאם אויסגערופען ריבין. — אזוי ווייט איז דאָס שוין, אז מען איז גאַנץ אָפּען ארוים אין גאַס...

— ווען מען מאַכט דאָס ביי אונז אזא פּאַראַד, — האָט יעפים גע־זאָגט, — וואָלטען די פּויערים אונז גע'מְמית'ט אויף טויט.

— זיכער! — האָט צוגעשטימט איגנאַטי, א שאָקעל טהוענדיג מיט'ן קאָפּ. — ניין, איך וועל אוועק אויפ'ן פאַבריק, דאָרטען איז בעסער...

— דו זאָגסט, אז מען וועט פּאַוולען משפּט'ען? — האָט ריבין געפרעגט.

— יא, מען האָט בעשלאָסען צו משפּט'ען! — האָט די מוטער גע־ענטפערט.

— נו, און וואָס פאַר א שטראָף ערוואַרטעט איהם האָסטו ניט געהערט?

— קאַטאָרגא אָדער אייביגע פערשיקונג אין סיביר... — האָט זי שטיל געענטפערט.

אלע דריי פּויערים האָבען מיט א מאָל א קוק געטהאָן אויף איהר, און ריבין האָט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט לאַנגזאם געפרעגט:

— נו, און ער האָט געוואוסט, וואָס איהם ערוואַרטעט, ווען ער האָט אָנגעפאַנגען די זאַך?

— איך ווייס ניט... מסתמא האָט ער געוואוסט...

— ער האָט געוואוסט! — האָט הויך געזאָגט סאָפיע.

אַלע זיינען אַנטשוויעגן געוואָרען אונבעוועגליך, פּונקט ווי זיי וואָלטען פערגליווערט געוואָרען אויף איין קאַלטען געדאַנק.

— יאַ? — האָט ריבין כמורנע פאַרטגעזעצט. — איך דענק אויך, אַז ער האָט געוואוסט. ניט אויסרעכענענדיג אַפריהער, וועט ער ניט שפּרינגען. ער איז אַן ערנסטער מענש. אָט, ברידער, זעהט איהר? דער מענש האָט געוואוסט, אַז מען קען איהם מיט אַ שפּיעז דערלאַנגען און מיט קאַטאָרגע מכבד זיין, און ער איז דאָך געגאַנגען. אַז מען האָט געדאַרפט, איז ער געגאַנגען. ווען די מאַמע זאָל איהם ליגען אין וועג, וואָלט ער איבער איהר איבערגעשפּרייזט און וואָלט דאָך געגאַנגען זיין וועג... ווי דענקסטו, ניי־לאָוונא, ער וואָלט אַריבערגעשפּרייזט איבער דיר?

— יאַ, ער וואָלט געגאַנגען! — האָט די מוטער אַ ציטער טהוענדיג געזאָגט, האָט אַ זיפץ געטהאָן און האָט זיך אַרומגעקוקט.

סאָפיע האָט שווייגענדיג אַ גלעט געטהאָן איהר האַנד און פערקניי־טשענדיג די ברעמען, האָט זי אַ קוק געטהאָן אויף ריבינען.

— אָט דאָס איז אַ מענש! — האָט ריבין שטיל אויסגערופען, און ער האָט אַלעמען בעטראַכט מיט זיינע דונקעלע אויגען. און ווידער האָבען אַלע זעקס מענשען געשוויעגען. די דינע זונען־שטראַהלען זיינען ווי גאָל־דענע סטענגעס געהאַנגען אין דער לופט. ערגעץ וואו האָט איבערצייגענד געקרעכצט אַ קראָה. די מוטער איז געוועזען אויפגערעגט פון די ערא־ינגע־רונגען וועגען דעם ערשטען מאַי, וועגען דעם זוהן און וועגען אַנדרייען. זי האָט אַלעם בעטראַכט אַרום זיך.

אויף דעם קליינעם, ענגען פּלאַץ זיינען געלעגען צובראָכענע פעסלעך פון זשעגאַכץ, עס האָבען זיך געוואַלגערט אויסגעברענטע וואָרצלען פון בוימער און סטרושקעס פון האָלץ. די דעמבּיזם און די בעריאָזאָווע בוימער האָבען געדיכט אַרומגערינגעלט דעם פּלאַץ און האָבען זיך אָנגערוקט פון אַלע זייטען פּונקט ווי זיי וואָלטען וועלען אָפּמעקיין, פערניכטען די אַלע שמאַטעס, די גאַנצע בלאָטע, וועלכע האָט זיי בעליידיגט. און געבונדען פון דער אַרו־מיגער שטילקייט, האָבען זיי געוואָרפען אַ וואַרימען, דונקעלען שאָטען אויף דער ערד.

פּלוצלונג האָט זיך יאַקאָוו אָפּגערוקט פון בוים, איז אָפּגעטראָטען אַן אַ זייט, האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ מאַך טהוענדיג מיט'ן קאָפּ, האָט ער טרוקען און הויך אַ פרעג געטהאָן:

— דאָס הייסט געגען אזעלכע וועט מען מיר מיט יעפימען שיקען?

— און געגען וועמען דענקסטו? — האָט ריבין געענטפערט מיט א בייזער פראגע. — אונז שטיקט מען מיט אונזערע אייגענע הענד... אין דעם בעשטעהט דער שפּאַס!

— פון דעסטוועגען וועל איך געהן אין סאָלדאַטען! — האָט שטיל ערקלעהרט יעפים.

— ווער רעדט דיר דען אָפּ? — האָט אויסגערופען איגנאַטי. — געה!

און קוקענדיג גלייך אויף יעפים'ען, האָט ער לאַכענדיג געזאָגט:

— אָבער ווען דו וועסט שיסען אין מיר, זאָלסטו זיך צילעווען אין קאָפּ... טויט מיך בעסער גלייך, נאָר מאַך מיר ניט פאַר קיין קאַליקע!

— דאָס האָב איך שוין געהערט! — האָט שאַרף אויסגעשריען יעפים.

— הערט נאָר, קינדער, — האָט ריבין געזאָגט, אַרומקוקענדיג זיי אַלעמען און ער האָט אויפגעהויבען די האַנד. — אָט קוקט אָן דיעזע פרוי! — האָט ער געזאָגט, אָנצייגענדיג אויף דער מוטער. — איהר זוהן איז יעצט זיכער פערלאָרען...

— וואָס דאַרפסטו אַזוי ריידען? — האָט די מוטער אומעדיג און שטיל געפרעגט.

— מען דאַרף אַזוי! — האָט ער בייז געענטפערט. — מען דאַרף, אַז דיינע האָאָר זאָלען אומזיסט ניט גראָה ווערען, אַז דיינע שמערצען זאָלען ניט זיין אַרויסגעוואָרפען... נו, איז וואָס האָט מען איהר מיט דעם גע־טויטעט? נילאָוונא, ביכלעך האָסטו געבראַכט?

די מוטער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און, נאָך אַ קורצען שווייגען, האָט זי געענטפערט:

— איך האָב געבראַכט!...

— אַזוי! — האָט ריבין געזאָגט, אַ פּאַטש טהוענדיג מיט'ן האַנד אָן טיש. — איך האָב גלייך פערשטאַנען, ווי איך האָב דיר נאָר דערזעהן... צוליעב וואָס קענסטו קומען, אויב ניט צוליעב דעם? איהר זעהט? דעם זוהן האָט מען אַרויסגעשטויסען פון די רייהען — האָט זיך די מאַמע גע־שטעלט אויף זיין אָרט!

ער האָט זיך אויסגעגלייכט און, אַ סטראַשע טהוענדיג מיט'ן האַנד, האָט ער טעמפּ אויסגעשריען:

— זיי, די הינד, — ער האָט זיך שטאַרק געזידעלט, — ווייסען ניט וואָס זייערע בלינדע הענד זעען. זיי וועלען דאָס דערזעהן, ווען עס וועט

אויסוואקסען אונזער מאכט און מיר וועלען אָנפאַנגען צו שניידען די פער־פלוכטע גראָז. זיי וועלען שוין דאַן זעהן!

די מוטער האָט זיך שטארק דערשראָקען פאר זיין געשריי. זי האָט א קוק געטהאָן אויף איהם און האָט דערזעהן, אז מיכיילאָ'ס פּנים האָט זיך שטארק פערענדערט. — ער איז דארער געוואָרען, די באָרד איז געוואָרען ניט גלייך און אונטער איהר האָבען ארויסגעסטארטשעט די קינבאקען. אויף די בלאָהע ווייסלעך פון די אויגען זיינען ארויסגעטראָטען דינע רויטע אָדער־לעך, פּונקט ווי ער וואָלט א לאנגע צייט ניט געשלאָפען. זיין נאָז איז געוואָרען פּלאטשיג און האָט זיך פערבויגען. פון דעם אָפענעם קאָלנער פון זיין העמד, וועלכער איז אין מיטען געווען רויט און איז יעצט געווען אויס־געשמירט אין זשעגאכץ, האָבען ארויסגעסטארטשעט די שליס־ביינער. זיין ברוסט איז געדיכט געווען בעוואקסען מיט האָאר און זיין גאנצע פיגור איז עפּעס געווען פינסטערער און טרויעריגער. דער טרוקענער גלאַנץ פון זיינע אָנגעלאָפענע אויגען האָט בעלויכטען זיין דונקעלען פּנים מיט א פייער פון אומעט און צאָרן, וועלכע האָבען ווי רויטע פונקען געשימערט אין זיין בליק. סאָפיע איז בלאַס געוואָרען. זי האָט געשוויעגען און האָט ניט אָפּ־געריסען איהרע אויגען פון די פויערים. איגנאטי האָט פערזשמורענדיג די אויגען צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און יאקאוו האָט שטעהענדיג לעבען ביידעל מיט כעס געריסען די קאָרע פון די בוימער. לעבען טיש, הינטער דער מוטער האָט לאנגזאם ארומגעשפּרייזט יעפים.

— אנומעלט, — האָט ריבין פארטגעזעצט, — האָט מיר ארויסגערופען דער זעמסקער... ער רופט זיך אָפּ צו מיר: דו, שופט, וואָס האָסטו דאָרט געזאָגט דעם גלח? פאר וואָס בין איך עפּעס א שופט? איך פערדיען מיין ברויט פון מיין שווערע הארעוואניע; איך האָב קיין שלעכטס קיינעם ניט געטהאָן, — רוף איך זיך אָפּ. — אָט וואָס. אז ער האָט עס אָנגעפאַנגען אויף מיר צו שרייען און האָט מיר דערלאנגט אין די צייהנער... און דריי טעג בין איך נאָך געזעסען ארעסטירט. אָט אזוי רעדט איהר עס מיט'ן פאָלק? אזוי? זאָלסט שוין ניט ווארטען, טייוועל, אויף קיין רחמנות! אויב ניט איך, אויב ניט דיר, — וועט מען זיך מיט דיינע קינדער אָפּרעכענען פאר מיר... געדענק דאָס! אזוי איז דאָס.

ער איז אינגאנצען געווען אָנגעגאָסען מיט א קאָכענדען צאָרן און אין זיין שטים פלעגען אויפציטערען קלאנגען, וועלכע האָבען געשראָקען דער מוטער.

— און וואָס האָב איך געזאָגט דעם גלח? — האָט ער פאָרטגעזעצט

א ביסעל רוהיגער. — איינמאָל זיצט ער זיך אַזוי מיט די פּויערים אויפ'ן גאַס און דערצעהלט זיי, אַז די מענשען זיינען אייגענטליך אַ סטאַדע, וועלכע נויטיגען זיך אימער אין אַ פּאַסטוך... האָב איך דאַן אַ שפּאַס געטהאָן. ווען מען זאָל מאַכען, זאָג איך, דעם פוקס פּאַר אַ קריעגס־פּיהרער אין וואַלד, וואָלטען פעדערען געווען אַ סך און קיין פויגלען וואָלטען ניט פערבליבען. ער האָט אויף מיר קרום אַ קוק געטהאָן און האָט אָנגעהויבען צו רעדען וועגען דעם, אַז דאָס פאָלק דאַרף אייגענטליך ליידען און דאַרף גאָט בעטען, אַז ער זאָל געבען כחות איבערצוטראָגען די ליידען. האָב איך זיך אָפּ־גערופען — אַז דאָס פאָלק טהוט אַ סך תפילה איז טאַקע אמת, אָבער ווי עס זעהט אויס האָט גאָט קיין צייט ניט, ער הערט ניט! ער האָט זיך צונעטשעפּעט צו מיר — וועלכע תפילות זאָג איך? רוף איך זיך אָפּ: איך האָב איין תפילה אויפ'ן גאַנצען לעבען: גאָט, לערען אויס די פּריצים צו שלעפּען ציגעל, עסען שטיינער און שפּייען מיט בערוועגעס! ער האָט מיר ווייטער ניט געלאָזען ריידען...

— איהר זייט אַ פּריצ'טע? — האָט ריבין, עפּעס פלוצלונג איבער־רייסענדיג זיין ערצעהלונג, געפרעגט סאָפיע'ן.

— פאַר וואָס בין איך עפּעס אַ פּריצ'טע? — האָט איהם סאָפיע געפרעגט, אַ ציטער טהוענדיג פון עפּעס אונרוהיגעס.

— פאַר וואָס? — האָט ריבין אַ לאַך געטהאָן. — אַזאַ מזל האָט איהר, מיט דעם זייט איהר געבאָרען געוואָרען. איהר דענקט, אַז מיט אַ קאַרטונענע טיכעל קען מען די פּריצישע זינד בעהאַלטען פון מענשען? מיר דערקענען דעם וואָלף אַפילו אונטער אַ שעפּסענעם פעלץ... אָט האָט איהר אוועקגעלעגט אייער עלענבויגען אין נאַסקייט אויפ'ן טיש, האָט איהר אַ ציטער געטהאָן... און אייער רוקען איז אויך צו גלייך פאַר אַן ארבייטס־מענש...

מורא האָבענדיג, אַז ער וועט בעליידיגען סאָפיע'ן מיט זיין שווערען קול, מיט זיינע שפּאַסען און זיינע ווערטלעך האָט די מוטער אויף גיך און שטרענג אָנגעפאַנגען צו רעדען:

— זי איז מיין חבר'טע, מיכיילאָ איוואַנאָוויטש; זי איז אַ וואוילער מענש... און האָט זיך אָנגעלעבט גרויע האָאָר פון דיעזער זאַך... דו זיי ניט אַזוי!...

ריבין האָט שווער אַ זיפץ געטהאָן.

— איך בעליידיג איהר דען?

סאָפיע האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און האָט טרוקען אַ פּרעג געטהאָן:

— איהר האָט מיר עפּעס געוואָלט זאָגען?

— אייך... יאַ! אָט דאָ ניט לאַנג איז אַהער געקומען אַ נייער מענש, יאַקאָוו׳ס אַ שוועסטער־קינד. ער איז אַ קראַנקער, אַ שווינדזיכטיגער, נאָר ער פערשטעהט אַ ביסעל אַ טאָלק! קען איך איהם רופען אַהער?

— פאַר וואָס ניט, רופט איהם! — האָט סאָפיע געענטפערט.

ריבין האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר און מיט אַ ניעדעריגער שטימע האָט ער געזאָגט:

— יעפים, לויף אַריבער צו איהם... זאָג איהם, אַז ביי נאַכט זאָל ער קומען אַהער... אָט וואָס.

יעפים איז אַריין אין ביידעל, האָט אָנגעטהאָן די היטעל און איז, זיך ניט אומקוקענדיג, לאַנגזאַם פערשוואונדען אין וואַלד. ריבין האָט איהם נאָכגעקוקט, האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און געזאָגט:

— ער ליידט נעבעך! אַן עקשן... ער דאַרף געהן דיענען אין סאָל־דאַטען... ער און יאַקאָוו אויך. יאַקאָוו זאָגט פּשוט — איך קען דאָס ניט. ער אָבער קען אויך ניט און דאָך וויל ער געהן.. ער האָט אַ פּלאַן... ער דענקט, אַז מען קען די סאָלדאַטען אַ ביסעל אויפרודערען. איך דענק, אַז מען קען די וואַנד מיט׳ן קאָפּ ניט דורכבּרעכען... אָט נעהמען זיי די ביקסען אויפ׳ן פּלייצע און געהען. וואוהין? זיי זעהען ניט, אַז זיי געהען געגען זיך אַליין... יאַ... ער ליידעט דערפון... און דערצו מאַכט איהם נאָך איגנאַטי אומ־זיסט שווער אויפ׳ן הארצען...

— שוין גאָר ניט אומזיסט! — האָט איגנאַטי, ניט קוקענדיג אויף ריבינען, כמורנע געזאָגט — מען וועט איהם דאָרט בעאַרבייטען, וועט ער אָנפאַנגען שיסען ניט ערגער ווי אַנדערע...

— ניין, איך צווייפעל! — האָט ריבין זיך אָפּגערופען פערטראַכטער־הייד. — נאָר עס איז געוויס בעסער צו אַנטלויפען פון דעם... רוסלאַנד איז גרויס — געה זוך איהם! אַ פּאַספּאָרטעל געקראָגען און מאַרש איבער די דערפער...

— איך וועל טאַקע אַזוי טהאָן! — האָט איגנאַטי בעמערקט, קלאַ־פּענדיג זיך מיט אַ שפּאָן איבער׳ן פוס. — איינמאָל שוין בעשלאָסען צו געהן געגען, דאַרף מען געהן גלייך, וועט מען שנעלער דערגעהן...

דער געשפּרעך האָט זיך איבערגעריסען. ביענען און פליגען האָבען זיך אַרומגעדרעהט און געזשומעט אין דער שטילקייט. פויגלעך האָבען געצוויטשערט און ערגעץ ווייט האָט געקלונגען אַ ליעד, וועלכע האָט זיך

געצויגען איבער די פעלדער. נאך א קורצען שווייגען האט ריבין געזאגט:

— נו, מיר דארפען ארבייטען... איהר ווילט זיך אפשר אויסרוהען? דארט אין ביידעל זיינען דא נארעס. יאקאוו, שפרייט זיי דארט אויס מיט טרוקענע בלעטער... און דו, נילאוונא, גיב אהער די ביכער... וואו זיינען זיי?

די מוטער און סאפיע האבען זיך גענומען פאנאנדערבינדען די פעקלעך.

ריבין האט זיך איינגעבויגען צו זיי און האט מיט צופריעדענהייט געזאגט:

— אזוי. איהר האט געבראכט א היבש ביסעל... אהא! שוין לאנג אין דיזער זאך... ווי רופט מען אייך? — האט ער זיך געווענדעט צו סאפיע'ן.

— אננא איוואנאוונא! — האט זי געענטפערט. — שוין צוועלף יאהר... וואס איז? אנטקעגען וואס פרעגט איהר דאס?

— סתם אזוי זיך. אין טורמע זייט איהר דאך מסתמא געזעסען?

— יא.

— זעהסט? — האט די מוטער שטיל געזאגט מיט א פארוואורף, — און דו האסט מיט איהר אזוי גראב גערעדט...

ער האט געשוויגען א ווייל און, ארייננעהמענדיג אין די הענד דעם פאק ביכער, האט ער געזאגט:

— איהר האט אויף מיר קיין פאראיבעל ניט! א פויער מיט א פריץ זיינען ווי פעך מיט וואסער... זיי שפרינגען אפ איינע פון די אנדערע!

— איך בין ניט קיין פריצ'טע, נאר א מענש! — האט סאפיע מיט א ווייכען שמייכעל געענטפערט.

— דאס קען אפשר אויך זיין! — האט זיך ריבין אנגערופען. — מען זאגט יאקבי, אז א הונד איז אויך פריהער א וואלף געווען... איך וועל יעצט געהן און בעהאלטען עס.

איגנאטי און יאקאב זיינען צוגעגאנגען צו איהם און האבען ביידע אויסגעשטרעקט די הענד.

— גיב אקארשט אונז! — האט געזאגט איגנאטי.

— וואס, אלע זיינען פון איין סארט? — האט ריבין געפרעגט סאפיע'ן.

— ניין, עס זיינען דא פערשיעדענע. דא איז דא א צייטונג...

— אהא.

אלע זיינען אויף גיך אריין אין ביידעל.

— דער פויער איז פייער און פלאם! — האט די מוטער שטיל געזאגט, דורכלאזענדיג זיי מיט א פערטראכטען בליק.

— יא, — האט זיך סאפיע שטיל אבגערופען. — איך האב נאך קיינ־מאל אין מיין לעבען ניט געזעהן אזא פנים ווי זיינער... עפעס ווי פון א

גרויסען מארטירער! קומט לאָמיר געהן אהין; מיר ווילט זיך א קוק טהאָן אויף זיי...

— איהר זייט ניט אין כעס אויף איהם, וואָס ער איז אזוי שטרענג... — האָט די מוטער שטילינקערהייד א בעט געטהאָן.

סאָפיע האָט א לאַך געטהאָן.

— ס'אַרא וואוילע פרוי איהר זייט, ניליאָוונא...

ווען זיי האָבען זיך געשטעלט אין טהיר, האָט איגנאַטי אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט פערבייגעהענדיג א קוק געטהאָן אויף זיי און אריינלאָזענדיג די פינגער אין זיין געקרויזטער קאָפּ, האָט ער זיך איבערגעבויגען איבער'ן צייטונג, וועלכע איז געלעגען אויף זיינע קניע; ריבין האָט שטעהענדיג געכאַפּט א זונען־שטראַהל, וועלכער איז אריינגעדרונגען דורך א שפּאַלט פון דאַך און בעוועגענדיג די צייטונג אונטער'ן שטראַהל, האָט ער געלייענט מאַכענדיג מיט די ליפּען; יאַקאָוו, שטעהענדיג אויף די קניע, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן הארצען אויפ'ן ברעג פון די נאַרעס און האָט אויך געלעזען.

די מוטער האָט דערזעהן, אז סאָפיע פיהלט זייער דורשט צו אן אמת'ען וואָרט. איהר פּנים איז בעלויכטען געוואָרען מיט א שמייכעל. זי איז פאַרזיכטיג אריין אין ווינקעל פון ביידעל און האָט זיך דאָרט אנידערגע־זעצט. סאָפיע האָט איהר אַרומגענומען און האָט זיך שווייגענדיג צוגעקוקט.

— פעטער מיכאַילאָ, מען זידעלט אונז פּויערים! — האָט יאַקאָוו, זיך ניט אָפּקעהרענדיג, געזאָגט מיט א האַלבען קול.

ריבין האָט זיך אָפּגעקעהרט, האָט א קוק געטהאָן אויף איהם און האָט לאַכענדיג געענטפערט:

— אוים ליעבע! ווער עס ליעבט, דער בעליידיגט ניט, וואָס ער זאָל ניט זאָגען...

איגנאַטי האָט אריינגעצויגען אין זיך די לופט, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און פערמאַכענדיג די אויגען האָט ער א זאָג געטהאָן:

— עס שטעהט דאָ געשריעבען: „דער פּויער האָט אויפגעהערט צו זיין א מענש“. — געוויס האָט ער אויפגעהערט!

איבער זיין פּראָסטען, אָפענעם פּנים איז דורכגעלאָפען א שאָטען פון בעליידיגונג.

— נא דיר אקאָרשט מיין פעלץ, טאַנץ זיך דורך אין איהם... איך וועל דאַן זעהן, וואָס עס וועט ווערען פון דיר... חכם מיינער!

— איך וועל זיך צולייגען! — האָט שטיל געזאָגט די מוטער צו

סאָפּיע'ן. — איך בין פּאַרט מיעד אַ ביסעל און דער קאָפּ דרעהט זיך מיר פון דעם געריך. און איהר?

— איך וויל ניט.

די מוטער האָט זיך אויסגעצויגען אויף די נאַרעס און איז אַנטדרעמעלט געוואָרען. סאָפּיע איז געזעסען איבער איהר און האָט זיך צוגעקוקט צו די, וואָס האָבען געלעגען, און ווען אַ פליעג פלעגט זיך אַרומדרעהען אַרום דער מוטערס פּנים, פלעגט זי איהר אָפּטרייבען. די מוטער האָט מיט האַלב־אָפענע אויגען דאָס געזעהן און עס האָט איהר הנאה געטהאָן, וואָס סאָפּיע זאָרגט זיך פאַר איהר.

דיבין איז צוגעגאַנגען און האָט אַ פרעג געטהאָן:

— זי שלאָפט?

— יאָ.

ער האָט אַ רגע געשוויגען, האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטהאָן אויף דער מוטערס געזיכט, האָט אַ זיפץ געטהאָן און האָט שטיל אָנגעפאַנגען צו ריידען:

— זי איז פיעלייכט די ערשטע, וואָס איז אוועק נאָך איהר זוהן, מיט זיין וועג... די ערשטע!

— לאָמיר איהר ניט שטערען; קומט, מיר וועלען אוועקגעהן! — האָט סאָפּיע פאַרגעלעגט.

— יאָ, מיר דאַרפען אַרבייטען... עס וואָלט זיך וועלען דורכריידען, אַבער מיר וועלען שוין דאָס אָבלעגען אויף אין אָבענד! קומט, קינדער!...

זיי זיינען אַלע דריי אוועק, איבערלאָזענדיג סאָפּיע'ן לעבעןביידעל. און די מוטער האָט אַ טראַכט געטהאָן:

— נו, נישקשה... גאָט צו דאַנקען, זיי האָבען זיך בעפריינדעט...

און זי איז רוהיג אַנטשלאָפען געוואָרען, איינזאַפּענדיג די געזונטע לופט פון וואַלד.

### .6

אין אָבענד זיינען געקומען די זשעגאַכץ־טרייבער, אַלע פיער צופריע־דענע, וואָס זיי האָבען געענדיגט די אַרבייט.

די מוטער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זייערע שטימען און איז אַרויס פון ביידעל, גענעצענדיג און שמייכלענדיג.

— איהר האָט געאַרבייט און איך בין זיך ווי אַ פּריצ'טע געשלאָפען! — האָט זי געזאָגט, בעטראַכטענדיג זיי אַלעמען מיט מילדע אויגען.

— דאָס מאַכט ניט אויס! מיר זיינען דיר מוחל! — האָט זיך אָפּ־געריפּען ריבין. — ער איז געווען רוהיגער. די מיעדקייט האָט פערשלונגען זיין אויפרעגונג.

— איגנאַטי, — האָט ער געזאָגט, — זעה דאָרט וועגען די טהעע... מיר פיהרען דאָ די בעלי הבתיש'קייט איינע נאָך די אַנדערע; א טאָג איינער, אויף מאָרגען דער צווייטער... היינט זאָרגט זיך פאַר אונזער עסען און טרינקען איגנאַטי...

— היינט וואָלט איך גערן דאָס איבערגעגעבען אַ צווייטען! — האָט בעמערקט איגנאַטי און ער האָט גענומען אויפקלייבען שפּענדלעך און פלעקער אויף אַ קאָסטיאָר.

— פאַר אַלעמען זיינען די געסט אינטערעסאַנט! — האָט אַ זאָג גע־טהאָן יעפים, אַוועקזעצענדיג זיך לעבען סאָפיע'ן.

— איך וועל דיר צוהעלפען! — האָט שטיל געזאָגט יאַקאָוו, אַוועק־געהענדיג איןביידעל.

ער האָט אַרויסגעטראָגען פון דאָרט אַ לאַבען ברויט און האָט אָנגעפאַנגען צו שניידען איהם, פאַנאַנדערלעגענדיג אויפ'ן טיש.

— שאַ! — האָט שטיל אויסגערופען יעפים. — ער הוסט...

ריבין האָט זיך צוגעהערט און האָט געזאָגט אַ שאָקעל טהוענדיג מיט'ן קאָפּ:

— יאָ, ער געהט...

און ווענדענדיג זיך צו סאָפיע'ן, האָט ער ערקלעהרט:

— באַלד וועט קומען דער עדות... איך וואָלט איהם אַרומגעפיהרט איבער שטעדט, איך וואָלט איהם אַוועקגעשטעלט אויפ'ן מאַרק, אום דאָס פאָלק זאָל איהם הערען... רעדען רעדט ער שטענדיג איין זאַך, אָבער אַלע דאַרפען דאָס הערען...

די שטילקייט און די פינסטערניש זיינען וואָס ווייטער געוואָרען אַלץ געדיכטער און די שטימען פון די מענשען האָבען געקלונגען שטילער. סאָפיע און די מוטער האָבען געקוקט אויף די פויערים. זיי אַלע האָבען זיך בע־וועגט לאַנגזאַם, שווער, עפּעס מיט אַ מאָדנער פאָרזיכטיגקייט און זיי האָבען אויך נאָכגעפאָלגט די פרויען.

פון וואַלד איז אויפ'ן פעלד אַרויס אַ הויכער, פעסט געבויטער מאַן. ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם, פעסט אָנשפּאַרענדיג זיך אויף אַ שטעקען, און עס האָט זיך געהערט זיין כריפּענדיגער אָטהעמען.

— אָט איז סאַוועליע אויך! — האָט אויסגערופען יאַקאָוו.

— אַט בין איך! — האָט זיך אָפּגערופֿען דער מאַן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט אָנגעפֿאַנגען צו הוסטען.

ער איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ לאַנגען ביז די פּיאַטעס אָבגעריבענעם מאַנטעל. פֿון אונטער זיין רונדער, צוקנייטשטער היטעל זיינען אַראָב־געהאַנגען בינטלעך געלבליכע האָאר. זיין בלאָנדע באָרד איז געוואָקסען אויף זיין געלען, בייניגען פּנים. זיין מויל איז געווען האַלב אָפֿען, די אויגען טיעף איינגעפֿאַלען און זיי האָבען נערוועז געבלישטשעט פֿון די דונקעלע לעבער.

ווען ריבין האָט איהם בעקענט מיט סאָפּיע'ן, האָט ער איהר געפֿרעגט:

— איך האָב געהערט אַז איהר האָט געבראַכט ביכער פֿאַר'ן פֿאָלק?

— יאָ.

— אַ דאַנק אייך... פֿאַר'ן פֿאָלק... אַליין קען ער נאָך ניט פֿערשטעהן דעם אמת פֿון די ביכער... ער קען ניט אָפּדאַנקען. איך אָבער, וואָס האָב שוין בעגריפֿען דעם אמת, דאַנק אייך אין זיין נאָמען.

ער האָט געאָטהעמט שנעל, שלינגענדיג די לופֿט מיט זיין קורצען, דורשטיגען אָטהעם. זיין שטימע פֿלעגט זיך אָפֿט איבעררייסען, די בייניגע פֿינגער פֿון זיינע מאַכטלאָזע הענד זיינען אַרומגעקראָכען איבער'ן האַרצען, סטאַרענדיג זיך צו פֿערשפּיליען די קנעפּלעך פֿון מאַנטעל.

— פֿאַר אייך איז שעדליך צו זיין אַזוי שפּעט אין וואַלד... דער וואַלד איז אַ בלעטערדיגער, עס איז פֿייכט און שטיקענד! — האָט סאָפּיע בעמערקט.

— איך האָב שוין ניט וואָס מורא צו האָבען! — האָט ער שטיקענדיג זיך געענטפֿערט. — מיך קען נאָר דער טויט רעטען...

הערען זיין שטימע איז געווען שווער און זיין גאַנצע פֿיגור האָט אַרויס־גערופֿען יענעם איבעריגען מיטלייד, וועלכער אָנערקענט זיין מאַכטלאָזיגקייט און ערוועקט נאָר אַ בייזען פֿערדרוס. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ פֿעסעל, איינבויגענדיג די קניע אַזוי פֿאָרזיכטיג, פּונקט ווי ער וואָלט מורא האָבען אַז זיי וועלען זיך ביי איהם איבערברעכען. ער האָט אָבגעווישט דעם פֿער־שוויצטען פּנים. זיינע האָאר זיינען געווען טרוקענע, טויטע.

עס האָט אויפֿגעפֿלאַמט דער קאַסטיאָר. אַלץ אַרום האָט אַ ציטער געטהאָן, האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן, די אָפּגעברענטע שאָטענס האָבען זיך דערשראָקען אַ וואָרף געטהאָן אין וואַלד און איבער'ן פֿייער האָט אַ שיין געטהאָן איגנאַטי'ס רונדער פּנים מיט די אָנגעבלאָזענע באַקען. עס האָט אָנגעהויבען שמעקען מיט רויך, וויעדער האָט זיך די שטילקייט מיט'ן נעבעל

פעראייניגט און האָבען זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו די הייזעריגע ווער־טער פון קראַנקען.

— נאָר פאר'ן פאָלק קען איך נאָך ברענגען נוצען, אלס עדות פון דעם פערברעכען. — אָט גיט אַ קוק אויף מיר... איך בין אין גאַנצען אלט אכט און צוואַנציג יאָהר און איך שטאַרב! און מיט צעהן יאָהר צוריק פלעג איך לייכט אויפהויבען אויף די פּלייצעס צוועלף פּוד... און גאַרנישט! מיט אזא געזונד, האָב איך גערעכענט, וועל איך אָפּלעבען אַ יאָהר זיבעציג און וועל זיך קיינמאָל ניט אויסגליטשען... און אָפּגעלעבט האָב איך צעהן — און מעהר קען איך נישט. די בעלי בתים האָבען מיר בעראַבעוועט; פערציג יאָהר לעבען האָבען זיי ביי מיר אוועקגענומען, ארויסגעריסען פערציג יאָהר.

— אָט איז זי, זיין ליעד! — האָט טעמפּ געזאָגט ריבין.

וויעדער האָט אויפגעפלאַמט דער פייער, אָבער יעצט האָבען זיך שוין די שאָטענס האַסטיגער און הערליכער אַ ריס געטהאָן צום וואלד און האָבען זיך וויעדער אומגעקעהרט צום פייער. זיי זיינען פערציטערט געוואָרען ארום דעם קאָסטיאָר אין אַ רוישלאָזען, פיינדליכען טאַנץ. אין פייער האָבען געטרעשטשעט און גוואָיעט די נאַסע פּלעקער. עס האָבען געשעפּטשעט די בלעטער פון די בוימער, אויפגערעגטע פון דער כוואַליע אָנגעוואַרימטע לופט. די פרעהליכע, לעבעדיגע פייער־צונגען האָבען זיך געשפּיעלט, ארומ־געהמענדיג זיך. געלע און רויטע פלעגען זיי זיך ציהען אין דער הויך, זעענדיג פונקען. עס זיינען געפלויגען די ברענענדע בלעטער און די שטערען אין הימעל האָבען געשמייכעלט צו די פונקען, רופענדיג זיי צו זיך.

— דאָס איז ניט מיין ליעד... הונדערטע מענשען זינגען איהר פאר זיך... זיי זינגען און פערשטעהען אליין ניט וואָס פאר אַ גוטע לעהרע זייער לעבען איז פאר דעם פאָלק... וויפיעל פערמאַטערטע דורך דער ארבייט קאַליקעס שטאַרבען פון הונגער... מען דאַרף שרייען, ברידער, שרייען דאַרף מען! — ער האָט זיך פערהוסט, איינבויגענדיג זיך און ציטערענדיג.

— פאר וואָס? — האָט זיך אָפּגערופען יעפים. — מיין קומער איז מיין זאַך... גיב נאָר אַ קוק אויף מיין פרייד...

— שטער ניט! — האָט איהם ריבין געזאָגט.

— דו האָסט דאָך אליין געזאָגט, אַז מיט די צרות דאַרף מען זיך ניט בעריהמען! — האָט יעפים בעמערקט.

— דאָ איז אַן אנדער זאַך. אַן אלגעמיינע זאַך איז ניט קיין איינענע, נאָר איינער! — דאָס איז עפּעס אנדערש! — האָט ריבין געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ לעהרער. — דאָ האָט דער מענש אַ מעסט געטהאָן די טיעפ־

קייט און האַלט ביין דערטרונקען צו ווערען... שרייט ער יעצט צו דער וועלט — עה, געהט ניט אויף דיעזען פּלאַץ!...

יאַקאָוו האָט אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש אַן עמער מיט קוואַס, האָט אַ וואָרף געטהאַן אַ בינטעלע גרינע ציבעלע און האָט געזאָגט צום קראַנקען:

— געה, סאַוועליע, איך האָב דיר געבראַכט מילך...

סאַוועליע האָט אָפּזאָגענדיג זיך אַ שאָקעל געטהאַן מיט'ן קאָפּ, אָבער יאַקאָוו האָט איהם גענומען אונטער'ן אָרעם און האָט איהם צוגעפיהרט צום טיש.

— הערט, — האָט סאָפיע שטיל געזאָגט צו ריבינען מיט אַ פּאַר־וואָרף. — פאַרוואָס האָט איהר איהם גערופען אהער? ער קען דאָך יעדע מינוט שטאַרבען...

— ער קען! — האָט ריבין צוגעשטימט. — זאָל ער שטאַרבען צווישען מענשען... דאָס איז לייכטער, ווי איינער אַליין... ביז וואַנען־וואָס — זאָל ער רעדען... פאַר נאַרישקייט האָט ער זיין לעבען אומגעבראַכט — זאָל ער לײדען נאָך אַ ביסעל פאַר די מענשען... עס מאַכט ניט אויס! אָט וואָס.

— ווי עס זעהט אויס, קלייבט איהר נחת פון עפּעס! — האָט סאָפיע אויסגערופען.

ריבין האָט אַ קוק געטהאַן אויף איהר און האָט בייז געענטפערט:

— דאָס קלייבען נחת די פּריצים פון קריסטוס'ען, ווי ער איז אויפ'ן צלם געהאַנגען און האָט געקרעכצט. מיר אָבער ווילען זיך פון אַ מענשען לערנען און ווילען, אַז אויך איהר זאָלט זיך אַ ביסעל צולערנען...

די מוטער האָט דערשראָקען אויפגעהויבען די ברעמען און האָט גע־זאָגט צו זיי:

— גענוג אייך שוין!...

ביים טיש האָט דער קראַנקער ווידער אָנגעפאַנגען צו רעדען:

— מען פערניכטעט די מענשען דורך דער אַרבייט... צוליעב וואָס? מען גנב'עט ביי דעם מענשען דאָס לעבען — צוליעב וואָס, פרעג איך? איך האָב מיין לעבען פערלאָרען אויף ניעפעדיעוו'ס פאַבריק. אונזער בעל הבית האָט געגעבען אַ זינגערין אַ מתנה אַ גאָלדערנע שיסעל אויף איינצואוואַשען זיך... און זאָגאַר אַ נאַכט־טעפּעל אַ גאָלדענעם... אין דיעזען טעפּעל איז מיין לעבען, מיין כח... אָט אויף וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען... דער מענש האָט מיר דער'הרג'עט מיט דער אַרבייט אום צו טרייסטען זיין געליעבטע מיט מיין בלוט... אַ גאָלדענעם נאַכט־טעפּעל האָט ער איהר פאַר מיין בלוט געקויפט.

— דער מענש איז בעשאפען געוואָרען לויט דעם געשטאַלט און מוס־טער פון גאָט, — האָט יעפים געזאָגט לאַבענדיג, — און אָט אויף וואָס זיין לעבען געהט אוועק!...

— טו שווייג ניט! — האָט אויסגערופען ריבין, א פּאַטש טהוענדיג מיט'ן האנד אין טיש.

— ניט לייד! — האָט שטיל צוגעלעגט יאַקאָוו.

איגנאַטי האָט א לאַך געטהאָן.

די מוטער האָט בעמערקט, אז די יונגע לייט, אַלע דריי האָבען זיך צוגעהערט מיט אַן אונערזעטיגטער אויפמערקזאַמקייט פון הונגעריגע נשמות און יעדעס מאָל ווען ריבין פלעגט ריידען, פלעגען זיי איהם קוקען אין פּנים אריין מיט לויערענדע אויגען... סאַוועליע'ס רייד פלעגט ארויסרופען אויף זייערע פּנים'ער מאָדנע און שארפע שמייכלען. זיי האָבען ניט געפיהלט קיין מיטלייד צום קראַנקען...

איינבויגענדיג זיך צו סאָפיע'ן, האָט די מוטער שטיל א פרעג געטהאָן:

— צו דען איז טאַקע אמת, וואָס ער דערצעהלט?

סאָפיע האָט הויך געענטפערט:

— יא, דאָס איז אמת! וועגען אזא מתנה האָט מען געשריעבען אין די צייטונגען... דאָס האָט פּאַסירט אין מאָסקווע...

— און קיין טויט־שטראָף האָט ער דערפאַר ניט געקראָגען! — האָט ריבין טעמפּ געזאָגט. — געדאַרפט אָבער האָט מען איהם בעשטראָפען מיט'ן טויט... ארויספיהרען איהם אויפ'ן מארק און פאר דעם פאָלק אין די אויגען צושניידען איהם אויף שטיקער און זיין פארשיווע פלייש ארויסוואַרפען פאר הינד... גרויסע טויט־שטראָפען וועט דער פאָלק אויספיהרען, ווען ער וועט זיך אויפהויבען... פיעל בלוט וועט ער פערגיסען, אום אָפּצוואַשען זיינע בעליידיגונגען... דיעזע בלוט איז זיין בלוט, פון זיינע אָדערען איז זי אייס־געצאַפּט געוואָרען, ער איז אויף איהר דער בעל־הבית.

— עס איז קאַלט! — האָט דער קראַנקער שטיל געזאָגט...

יאַקאָוו האָט איהם געהאָלפען שטעלען זיך און האָט איהם צוגעפיהרט צום פייער.

דער קאָסטיאָר האָט געברענט גלייך און שעהן און די געזיכטלאָזע שאָטענס האָבען געציטערט אַרום איהם, אָנקוקענדיג מיט פערוואונדערונג דעם פרעהליכען שפּיעל פון פייער. סאַוועליע האָט זיך געזעצט אויף א קאָרטש און האָט אויסגעצויגען צום פייער זיינע דורכזיכטיגע, דאַרע הענד. ריבין האָט א וואונק געטהאָן אין זייט און האָט זיך אָפּגערופען צו סאָפיע'ן:

— דאָס איז שאַרפער פון ביכער! דאָס דאַרף מען וויסען!... ווען די מאַשין רייסט אָפּ דעם אַרבייטער אַ האַנד אָדער זי טויטעט איהם, ער־קלעהרט מען, אַז דער אַרבייטער אַליין איז אין דעם שולדיג. אָבער ווען מען זויגט ביי אַ מענשען אויס זיין בלוט און מען וואַרפט איהם אַרויס ווי אַ נבלה... דאַן קען מען שוין דאָס מיט קיין זאַך ניט ערקלעהרען. איך קען בעגרייפען יעדען מאָרד... אָבער דאָס פּייניגען פון פערגעניגען וועגען — דאָס קען איך ניט בעגרייפען!... און צוליעב וואָס פּייניגט מען דעם פאָלק, צוליעב וואָס מאַטערט מען אונז אַלעמען? פון שפּאַס וועגען, פון פער־געניגען, אום זיך לוסטיג צו מאַכען, אום מען זאָל פאַר דעם פאָלק׳ס בלוט יזיך קענען אַלעם איינקויפען — אַ זינגערין, פערד, זילבערנע מעסערס, גאָל־דענע געפעס, טהייערע שפּיעלצייג פאַר די קינדערלעך. דו אַרבייט, אַרבייט וואָס מעהר און איך וועל פון דיין אַרבייט אָנקלייבען געלד און וועל געבען מיין געליעבטער אַ מתנה אַ גאָלדענעם נאַכט־טעפּעל.

די מוטער האָט זיך צוגעהאָרכט. וויעדער האָט פאַר איהר אַ בליץ געטהאָן ווי אַ העלער שטרייף אין דער פינסטערניש דער וועג פון פּאַוולען און זיינע חברים.

נאָכ׳ן עסען האָבען זיי זיך אויסגעזעצט אַרום דעם קאַסטיאָר. פאַר זיי האָט אויפּעסענדיג די האַלץ געברענט דער פייער און הינטער זיי האָט זיך אָנגעדרוקט די געדיכטע פינסטערניש, וועלכע האָט אַרומגערינגעלט דעם וואַלד און דעם הימעל... דער קראַנקער האָט, ברייט פאַנאַנדערעפענענדיג די אויגען, געקוקט אויפ׳ן פייער, האָט אָהן אויפהער געהוסט און זיין גאַנ־צער קערפּער האָט געציטערט. עס האָט זיך געדוכט, אַז די לעצטע שטיקלעך פון זיין לעבען האָבען זיך מיט אונגעדולד געריסען פון זיין האַרצען, ריי־סענדיג זיך צו פערלאָזען דעם טרוקענעם אויסגעמאַטערטען קערפּער. דער אָפּגלאַנץ פון פלאַם האָט געציטערט אויף זיין פּנים, ניט בעלעבענדיג די טויטע הויט. נאָר זיינע אויגען האָבען געברענט מיט אַ בלוילעכען פייער, וועלכער האָט זיך געהאַלטען אין אויסלעשען.

— אפשר וואָלסטו אַריין אין ביידעל, סאַוועליע, האַ? — האָט יאַקאָוו, איינבויגענדיג זיך צו איהם, געפרעגט.

— וואָרום? — האָט ער מיט מאַטערניש געפרעגט. — איך וועל זיצען... ניט פיעל איז מיר פערבליבען מיט מענשען צו פערברענגען!...

ער האָט אַלעמען בעטראַכט אַרום זיך, האָט געשוויעגען אַ ווײַלע און האָט מיט אַ בלאַסען שמייכעל אויף די ליפּען פאָרטגעזעצט:

— איך פיהל זיך גוט מיט אייך... איך קוק אויף אייך און טראַכט —

אפשר װעלען דיזע ראָבע נעהמען פאַר די יעניגע, װעלכע מען האָט בע־רויבט... פאַר׳ן גאַנצען פאָלק, װעלכער איז געפאַלען אַלס קרבן פון זשעד־נעקייט...

איהם האָט מען ניט געענטפערט און ער איז שנעל אַנדרעמעלט גע־װאָרען. ריבין האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און האָט שטילערהייד אָנ־געפאַנגען צו רעדען:

— ער קומט צו אונז צו געהן, זיצט און דערצעהלט אַלע מאָל די זעלבע זאַך... װעגען דאָס איזדזשעקעװען זיך איבער דעם מענשען. אין דעם איז זיין גאַנצע נשמה, פּונקט װי מען װאָלט איהם די אויגען אויסגעלאָשען און ער װאָלט מעהר גאָרנישט געזעהן.

— װאָס זשע דאַרף מען דען נאָך? — האָט נאָכדענקליך געזאָגט די מוטער. — אויב די מענשען קומען אום אין די טויזענדער טאָג־איין, טאָג־אויס פון דער אַרבייט, אום דער בעל הבית זאָל קענען אַרויסװאַרפען זיין געלד אויף נאַרישקייטען... איז דען דאָס ניט גענוג?...

— עס איז לאַנגװיילינג איהם צו הערען! — האָט שטיל געזאָגט איגנאַטי. — װען מען הערט איהם איין מאָל, קען מען שוין ניט פערגעסען... און ער רעדט אימער דאָס זעלבע!

— אין דיעזער איינציגער געשיכטע שטעקט זיין גאַנצער לעבען, — האָט ריבין פינסטער בעמערקט, — און דאָס לעבען פון פיעלע אַנדערע. איך האָב זיין מעשה געהערט צעהן מאָל... און דאָך צװייפעל איך אַ מאָל. עס גיבען אין לעבען גוטע שעה׳ען, װען עס װילט זיך ניט גלויבען אין די פערדאָרבענהייט פון מענשען, אין זייער משוגעת...; שעה׳ען, װען מען פיהלט אַ מיטלייד צו אַלעמען, צום רייכען װי צום אָרימען... אויך דער רייכער האָט זיך פערבלאָנדזשעט! — איינער איז בלינד פון הונגער, דער צװייטער — פון גאָלד... אַך, מענשען, טראַכט מען זיך, — אַך, ברידער! בעדענקט זיך, בעטראַכט עהרליך אַלעס אַרום זיך, ניט קימערענדיג זיך װעגען אייערע בעקװעמליכקייטען!

דער קראַנקער האָט זיך אַ שאָקעל געטהאָן, האָט אויפגעעפענט די אויגען און האָט זיך אַװעקגעלעגט אויף דער ערד. יאַקאָװ האָט זיך שטיל אויפגעהויבען, איז אַריבער איןביידעל, האָט געבראַכט פון דאָרט אַ פּעל־צעל, האָט צוגעדעקט מיט דעם זיין שװעסטער־קינד און האָט זיך װיעדער אַנידערגעזעצט לעבען סאָפיען.

דער פרעהליכער, ריינער פּנים פון פייער האָט געשמייכעלט און בע־לויכטען די דונקעלע פיגורען אַרום איהם און די שטימען פון די מענשען

פלעגען זיך פערטראכט ארייננגיסען אין שטילען טרעשטשען און רוישען פון פלאם.

סאפיע האט דערצעהלט וועגען דעם אלוועלטליכען קאמפף פון פאלק פאר דאס רעכט אויף לעבען, וועגען די אמאליגע קעמפפע פון די פויערים אין דייטשלאנד, וועגען די צרות פון די אירלענדער, וועגען די גרויסע העל־דענטהאטען פון די פראנצויזישע ארבייטער אין זייערע פיעלע קעמפפע פאר פרייהייט.

אין וואלד, וועלכער איז געווען בעדעקט מיט סאמעט פון דער נאכט, אויפ'ן קליינעם פעלד, וועלכער איז ארום און געווען פערצאמט מיט גערייכטע בוימער, בעדעקט מיט דעם דונקעלען הימעל, פאר דעם שפיעלענדען פנים פון פייער, — האבען אויפגעלעבט פאסירונגען, וועלכע האבען אויפ־געטרייסעלט די גאנצע וועלט פון די זאטע און זשעדנע. עס זיינען פאר־בייגעגאנגען איינע נאך די אנדערע די פעלקער פון דער וועלט, פערבלו־טיגטע און אויסגעמאטערטע פון די קעמפפע; עס זיינען דערמאהנט גע־ווארען די נעמען פון די קעמפפער פאר פרייהייט און אמת.

שטיל האט געקלונגען סאפיע'ס שטימע. עפעס ווי א קול פון דער פערגאנגענהייט האט ער געוועקט האפנונגען און זיכערהייט, און די מענשען האבען שווייגענדיג געהארכט די מוזיק, די גרויסע געשיכטע וועגען זייערע גייסטיגע ברידער. זיי האבען געקוקט אויף דער מאגערער און בלייכער געזיכט פון סאפיע'ן. זיי פלעגען ענטפערען מיט א שמייכעל אויף דעם שמייכעל פון איהרע גרויע אויגען און פאר זייערע אויגען האט אלץ הער־ליכער אויפגעלויכטען די היילינע זאך פון אלע פעלקער פון דער וועלט — דער אונענדליכער קאמפף פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט. דער מענש האט דייטליך דערזעהן זיינע געדאנקען און פערלאנגען אין דער וויטער פערגאנגענהייט, וואס איז געווען פערהאנגען מיט א דונקעלען, בלוטיגען שלייער. זיי האבען דערקענט אין די אונבעקאנטע פעלקער פון דער וועלט זייערע פריינד, וועלכע האבען שוין מיט א לאנגער צייט צוריק פעסט בע־שלאסען ביי זיך אויסצוקעמפפען פרייהייט פאר אלעמען.

— עס וועט קומען א צייט, ווען די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט וועלען אויפהויבען זייערע קעפ און וועלען פעסט א זאג טהאן — גענוג! מיר ווילען מעהר ניט דיעזען לעבען! — האט מיט זיכערהייט געקלונגען סאפיע'ס קול. — און דאן וועט איינפאלען די כלומר'שטע קראפט פון די שטארקע האבזיכטיגע מענשען, די ערד וועט זיך ארויסגליטשען פון אונטער זייערע פיס און זיי וועלען ניט האבען אויף וואס אנצושפארען זיך...

— אזוי וועט זיין! — האט ריבין געזאגט, איינבויגענדיג דעם קאפ. — זשאלעווע נאר זיך ניט, וועסטו אלעס בייקומען!

די מוטער האט געהארכט, הויך פעררייסענדיג דעם ברעם מיט א שמייכעל פון פרעהליכער פערוואונדערונג, וועלכער איז פערגליווערט גע־ווארען אויף איהר פנים. זי האט געזעהן, אז אלעס שארפעס, קלינגענ־דיגעס און אונגעבונדענעס, אלעס דאס וואס זי האט גערעכענט פאר איבעריג אין סאפיע'ן, איז יעצט פערשוואונדען, איז דערטרונקען געווארען אין דעם גלייכען שטראם פון איהר ערצעהלונג. איהר איז געפעלען געוועזען די שטיל־קייט פון דער נאכט, דאס שפיעלען פון פייער, סאפיע'ס געזיכט, אבער מעהר פון אלעס — די שטרענגע אויפמערקזאמקייט פון די פויערים.

זיי זיינען געזעסען זיך ניט ריהרענדיג, סטארענדיג זיך ניט צו צושטערען דעם רוהיגען פליסען פון דער ערצעהלונג, מורא האבענדיג איבערצורייסען דעם ליכטיגען פאדים, וועלכער האט זיי צוזאמענגעבונדען מיט דער גאנצער וועלט. נאר צייטענווייז פלעגט אימיצער פון זיי פארזיכטיג צוווארפען האלץ אין פייער און ווען פון קאסטיאר פלעגען זיך אויפהויבען מחנות פונקען און א רויך, פלעגט איינער פון זיי אפטרייבען די פונקען און דעם רויך פון די פרויען, מאכענדיג אין דער לופט מיט'ן האנד.

איינמאל האט זיך יאקאוו אויפגעשטעלט און האט שטילערהייד א בעט געטהאן:

—ווארט א ווילע...

ער איז אוועקגעלאפען אין ביידעל, האט געבראכט פון דארט קליידער און צוזאמען מיט איגנאטי'ן האבען זיי צוגעדעקט די פרויען זייערע פיס און פלייצעס. און ווייעדער האט סאפיע גערעדט, שילדערענדיג זיי דעם טאג פון זיעג, ארייננעבענדיג די מענשען א גלויבען אין זייערע אייגענע כחות, וועקענדיג אין זיי דעם בעוואוסטזיין פון זייער קרובה'שאפט מיט אלע די יעניגע, וועלכע גיבען אפ זייער גאנצען לעבען פאר ארבייט, אום צו שאפען נארישע פערגעניגענס פאר די זאטע.

— העלף זיי גאט!... — האט די מוטער געטראכט, צומאכענדיג די אויגען.

ווען עס האט שוין אנגעהויבען טאגען, איז סאפיע אנטשוויגען גע־ווארען און שמייכלענדיג האט זי א קוק געטהאן אויף די פערטראכטע, ליכטיג געווארענע פנים'ער ארום זיך.

— עס איז שוין צייט פאר אונז צו געהן! — האט די מוטער געזאגט.

— שוין צייט! — האט מיעד א זאג געטהאן סאפיע.

איינער פון די בחורים האָט הויך אַ זיפץ געטהאָן.

— אַ שאָד וואָס איהר געהט אַוועק! — האָט מיט אַן אונגעוועהנליך ווייכען טאָן געזאָגט ריבין. — איהר רעדט גוט... דאָס איז זעהר אַ גרויסע זאַך צוזאַמענצוברענגען די מענשען נאָהענט צווישען זיך! ווען דו ווייסט, אַז מיליאָנען מענשען ווילען אויך דאָס זעלבע, וואָס דו... ווערט עפּעס דאָס הארץ בעסער... און אין גוטסקייט שטעקט אַ גרויסע קראַפט!

— דו קומסט מיט גוטען און ער גיט דיר אין די צייהנער! — האָט יעפים שטיל אַ לאַך טהוענדיג געזאָגט, און ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס. — און אַוועקצוגעהן איז שוין טאַקע צייט, פּעטער מיכיילאָ, ביז וואַנען זיי האָט נאָך קיינער ניט בעמערקט... מיר וועלען צוטהיילען צווישען פאָלק די ביכלעך, וועט די נאַטשאַלסטוואָ אָנפאַנגען זוכען, פון וואַנען זיי האָבען זיך גענומען. אימיצער וועט זיך דערמאָהנען — אַז דאָ זיינען געוועזען די צוויי פרויען...

— נו, אַ דאַנק דיר, מוטער, פאַר דיינע בעמיהונגען! — האָט ריבין אָנגעפאַנגען רעדען, איבערשלאָגענדיג יעפים'ען. — איך טראַכט אַלץ וועגען פּאַוולען, קוקענדיג אויף דיר... דו ביזט אַוועק אויף אַ גוטען וועג!

אַ מילדער שמייכעל האָט זיך צוגאָסען אויף זיין פּנים. די לופט איז געווען פריש און ער איז געשטאַנען אין איין העמד מיט אַן אָפּגעשפּיליעטען קאָלנער, וועלכער האָט טיעף אויפגעדעקט זיין ברוסט. די מוטער האָט בעטראַכט זיין גרויסע פיגור און האָט צערטליך אַ זאָג געטהאָן:

— וואָלסט בעדאַרפט עפּעס אָנטהאָן; עס איז קאַלט!

— עס וואַרימט פון אינעווייניג! — האָט ער געענטפערט.

דריי פון די פויערים זיינען געשטאַנען לעבען קאָסטיאָר און האָבען געשמועסט צווישען זיך און לעבען זייערע פיס איז געלעגען דער קראַנקער איינגעדעקט אין די פּעלצלעך. דער הימעל האָט גענומען בלאַסער ווערען, די שאָטענס האָבען גענומען צושוואָמען ווערען, די בלעטער האָבען אויפגעציטערט, ערוואַרטענדיג די זון.

— נו, זייט געזונטערהייד! — האָט ריבין געזאָגט דריקענדיג סאַפּיע'ס האַנד. — און ווי קען מען אייך אין שטאָדט אויסגעפינען?

— דו זוך מיר אויס! — האָט די מוטער געזאָגט.

די יונגע לייט האָבען אין ענגען קרייז לאַנגזאַם אַרומגערינגעלט סאַפּיען און האָבען איהר אונגעשיקט פריינדליך געדריקט די האַנד. אין יעדען איינציגען איז קענטיג געווען אַ בעהאַלטענע צופרעדענהייט, אַ דאַנקבאַר־קייט און אַ פריינדליכקייט, און דיעזער געפיהל איז מסתמא געווען ניי פאַר

זיי און זיי האָבען זיך געפיהלט אין פערלעגענהייט און האָבען גע־שמייכעלט. זיי האָבען שווייגענדיג געקוקט אויף סאָפיע'ס געזיכט.

— וועט איהר אפשר אויסטרינקען מילך פאר'ן אוועקגעהן? — האָט יאַקאָוו געפרעגט.

— זעה אקאָרשט צו עס איז דאָ! — האָט יעפים געזאָגט.

— עס איז נאָך דאָ א ביסעל...

אָבער איגנאַטי האָט, פעררוכטענדיג זיינע האָאר, מיט פערלעגענהייט ערקלעהרט:

— ניין, עס איז שוין ניטאָ... איך האָב אויסגעגאָסען...

און אלע דריי האָבען זיך צולאַכט.

מען האָט גערעדט וועגען מילך, אָבער די מוטער האָט געפיהלט, אז זיי אלע דענקען וועגען עפּעס וואָס אנדערש, ווינשענדיג סאָפיע'ן אָהן ווערטער גוטעס. דאָס האָט סאָפיע'ן זעהר גערוהרט און האָט ביי איהר אויך ארויס־גערופען א פערלאָרענהייט און איהר שטענדיגע בעשיידענהייט האָט איהר ניט ערלויבט צו זאָגען עטוואָס אנדערש א חוץ א שטילען:

— א דאַנק אייך, חברים!

זיי האָבען זיך איבערגעקוקט, פונקט ווי ריעזער וואָרט וואָלט זיי לייכט א טרייסעל געטהאָן.

עס האָט זיך דערהערט א טעמפּער הוסטען פון דעם קראַנקען. די קויהלען אין דעם קאָסטיאָר האָבען זיך אויסגעלאָשען.

— זייט געזונד! — האָבען די פּויערים מיט א האַלבען מויל געזאָגט און די אומעדיגע ווערטער האָבען לאַנג בעגלייט די פרויען.

זיי זיינען פּאַמעליך געגאַנגען אין דער פריהמאָרגעדיגער דונקעלהייט איבער'ן וואַלד און די מוטער, וועלכע איז געגאַנגען הינטער סאָפיע'ן, האָט געזאָגט:

— דאָס אלעס איז אזוי גוט... פונקט ווי אין חלום, אזוי גוט! און מענשען ווילען וויסען דעם אמת, טהייערינקע מיינע, זיי ווילען! און דאָס זעהט אויס ווי אין קלויסטער אין א יום טוב בעפאָר דער פריהמאָרגעדיגער תפילה... דער גלח איז נאָך ניטאָ, אין קלויסטער איז פינסטער און שטיל, עס נעהמט ארום א מורא און דאָס פאָלק איז שוין פערזאַמעלט... דאָרט לעבען דער איקאָנע צינדט מען אָן א ליכט, דאָ מאַכט מען ליכטיגער און ביסלעכוויז פערשווינדט די פינסטערניש און גאָט'ס הויז ווערט ליכטיג.

— ריכטיג! — האָט סאָפיע געענטפערט. — נאָר דאָ איז גאָט'ס הויז די גאַנצע וועלט!

— די גאנצע וועלט! — האָט, צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, פערטראַכט איבערגע'חזר'ט די מוטער. — אַזוי גוט, אַז עס גלויבט זיך קוים... און גע־רעדט האָט איהר, טהייערינקע, זעהר גוט! איך האָב אַלץ מורא געהאַט, אַז איהר וועט זיי ניט געפעלען ווערען...

סאָפיע האָט נאָך אַ קורצען שווייגען שטיל געענטפערט:

— מיט זיי ווערט מען איינפאַכער... און פאַר אונז איז דאָך דאָס אַזוי נויטיג צו זיין וואָס איינפאַכער!...

זיי זיינען געגאַנגען און געשמועסט וועגען ריבין'ען, וועגען קראַנקען, וועגען די יונגע לייט, וועלכע האָבען זיך אַזוי אויפמערקזאַם צוגעהערט, גע־שוויעגען און האָבען אַזוי אונגעשיקט אָבער קלאָר אויסגעדריקט זייער גע־פיהל פון דאַנקבארער פריינדשאַפט מיט זייער זאָרגען זיך אין יעדער קליי־ניגקייט פאַר די פרויען. זיי זיינען ארוים אין פעלד. אנטקעגען זיי האָט זיך אויפגעהויבען די זון. נאָך אונזיכטבאר פאַר'ן אויג האָט זי איבער'ן הימעל פערשפרייט אַ דורכזיכטיגען פעכער פון ראָזע שטראַהלען און די טוי־טראָפּענס אין גראָז האָבען אָנגעפאַנגען צו בלישטשען מיט פערשיעדען־פאַרביגע פונקען פון מונטערער, פריהלינגס פרייד. פויגלעך האָבען זיך געגומען אויפכאַפּען און האָבען מיט זייער געזאַנג בעלעבט דעם פריהמאָרגען. קראַקענדיג און שווער מאַכענדיג מיט די פליגלען זיינען געלאָפען די דיקע ראָבען, אויף די פעלדער זיינען ארומגעשפרונגען די שווארצע קראָהען און ערגעץ פון דער ווייט האָבען געצוויצערט אַנדערע פויגלען. עס האָבען זיך געעפענט די ווייטקייטען און האָבען פאַר דער זון אראָבגעצויגען די נאַכט־ליכע שאָטענס פון די בערגלעך.

— אָפטמאָל רעדט און רעדט אַ מענש און דו פערשטעהסט איהם ניט ביז וואַנען איהם געלינגט ניט צו זאָגען עפּעס אַזאַ מין וואָרט, וועלכער בעלייכטעט פּלוצלונג אַלעס! — האָט די מוטער פערטראַכטערהייד ארויס־געזאָגט. — אַ שטייגער דיעזער קראַנקער... איך האָב געהערט און איך ווייס אַליין, אַז מען דריקט די ארבייטער אויף די פאַבריקען און איבעראַל... נאָר פון קינדוויז אויף איז מען דערצו אַזוי געוואוינט, אַז דאָס ריהרט ניט דאָס הארץ... און ער האָט פּלוצלונג געזאָגט עפּעס אַזוינס, אַז איין גאָט זאָל זיך מרחם זיין. ניט שוין־זשע גיבען די מענשען אָפּ זייער גאַנצען לעבען, אום די בעלי בתים זאָלען קענען שפּאַס טרייבען?... פאַר דעם איז קיין בערעכ־טיגונג ניטאָ!

דער מוטערס געדאַנק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פאַל און ער

האָט מיט זיין פרעכען גלאַנץ בעלויכטען פיעלע אַנדערע אַזעלכע פעלע, וועלכע זי האָט געוואוסט און שוין לאַנג פערגעסען.

— קענטיג, אַז זיי זיינען שוין מיט אַלעם איבערזעטיגט און עס קעהרט זיי ברעכען! איך ווייס פון אַ פאַל, וואו איינער אַ זעמסקער פלעגט צווינגען די פויערים צו בוקען זיך פאַר זיין פערד און ווער עס פלעגט ניט פאָלגען, פלעגט מען איהם אַרעסטירען... נו, צוליעב וואָס האָט ער דאָס געטהאָן? מען קען דאָס גאָר ניט בעגרייפען... מען קען ניט!

סאָפיע האָט שטיל אויפגעזונגען אַ ליעד, אַ מונטערע, ווי דער פריה־מאָרגען...

## 7.

נילאָוונאַ'ס לעבען האָט זיך געגאָסען עפּעס מאָדנע רוהיג. דיעזע רו־היגקייט האָט איהר אָפטמאָל אַליין געוואונדערט. דער זוהן איז געזעסען אין טורמע. זי האָט געוואוסט, אַז איהם ערוואַרטעט אַ שווערע שטראָף, נאָר יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט טראַכטען וועגען דעם, פלעגט איהר זכרון ארויסרופען פאַר זיך די געשטאַלטען פון אַנדרייען, פעדיאַ'ן און פון אַ גאַנצער רייהע אַנדערע פערזאָנען. דעם זוהן'ס געשטאַלט, איינשלינגענדיג אַלע זיינע שיקזאַל־חברים, פלעגט זיך פאַנאַנדערוואַקסען אין איהרע אויגען און פלעגט איהר ניט לאָזען אָפּשטעלען זיך אויף איין געגענשטאַנד, אַזוי אַז דער קומער און דאָס זאָרגען זיך וועגען זוהן פלעגען זיך ניט קענען צו־נויפבינדען אין איין געדאַנק.

סאָפיע איז אין גיכען אָפּגעפאָהרען ערגעץ־וואו. אין אַ טאָג פינף אַרום איז זי ווידער געקומען אַ פרעהליכע, אַ לעבעדיגע און אין עטליכע שטונדען אַרום איז זי ווידער פערשוואונדען און האָט זיך ווידער צוריקגעקעהרט אין אַ וואָך צוויי אַרום. עס האָט אויסגעזעהן ווי זי וואָלט זיך בעוועגט אין ברייטע קרייזען, צייטענווייז אַריינקוקענדיג צום ברודער, אום אָנצופילען זיין וואָהנונג מיט איהר מונטערקייט און מוזיק.

די מוזיק איז געוואָרען פאַר דער מוטער אַנגענעהם און כמעט נויטיג. הערענדיג איהר, פלעגט זי פיהלען עפּעס ווי וואַרימע כוואַליעס שלאָגען זיך אין איהר הארצען. איהר הארץ שלאָגט גלייכער, אין קאָפּ וואַקסען כוואַ־ליעס פון געדאַנקען, לייכט און שעהן בליהען ווערטער, אויפגעוועקטע פון דער מאַכט פון די קלאַנגען.

פאַר דער מוטער איז שווער געווען צוצוגעוואוינען זיך צו סאָפיע'ס אונאָרדנונג, וועלכע פלעגט איבעראַל פאַנאַנדערוואַרפען איהרע זאַכען, די

מונדשטיקס פון די פאפיראסען, די אש א. ז. וו. נאך שווערער איז געווען פאר דער מוטער צו הערען איהרע אונגעבונדענע רייד. דאס אלעס איז פערגלייך מיט ניקאליי'ס ווארימקייט און ערנסטקייט האט איהר געשטאכען די אויגען. סאפיע האט זיך איהר אויסגעוויעזען ווי א האלב־געוויקסיגע, וואס שטעלט זיך אן פאר א גרויסען מענשען און קוקט אויף די מענשען ווי אויף שפיעל־צאצקעלאך. זי האט א סך גערעדט וועגען דער הייליגקייט פון דער ארבייט, האט משונה גרויס געמאכט די ארבייט און האט דורך איהר נאכלעסיגקייט שווערער געמאכט די ארבייט פון דער מוטער. זי האט גערעדט וועגען פרייהייט און האט דורך איהר אונגעדולד און לאנגע קריעגערייען יעדען געשטערט און האט זיך שטענדיג ארויסגערוקט אויפ'ן ערשטען פלאץ. אין איהר זיינען געווען פעראייניגט א סך גענענזעצע. און די מוטער, דאס איינזעהענדיג, האט איהר בעהאנדעלט מיט אן אנגע־שטרענגטער פארזיכטיגקייט און מיט אן אויסערגעוועהנליכער אויפמערק־זאמקייט, אבער אהן דער שטענדיגער ווארימקייט אין הארצען, וועלכע ניקאליי האט ביי איהר ארויסגערופען.

ער איז שטענדיג געווען פערטהאן און האט געפיהרט אן איינארטיגען, אויסגעמאסטענעם לעבען. אום אכט אוהר אין דער פריה האט ער גע־טרונקען טהעע און געלייענט די צייטונגען און דערצעהלט דער מוטער די נייעס. צוהערענדיג זיך צו איהם, האט די מוטער מיט א בעוואונדערענדע קלארקייט געזעהן, ווי די שווערע לעבענס־מאשין מאהלט אונבארעמהערציג איבער די מענשען אין געלד. זי האט אין איהם געפיהלט עפעס געמיינ־זאמעס מיט אנדרייען. פונקט ווי דער קליין־רוס, האט ער גערעדט וועגען די מענשען אהן כעס, האלטענדיג אלעמען פאר שולדיג אין דעם שלעכטען געבוי פון לעבען, נאר דער גלויבען אין נייעם לעבען איז ביי איהם ניט גע־ווען אזוי הייס, ווי ביי אנדרייען און אויך ניט אזוי קלאר. ער האט שטענדיג גערעדט רוהיג, מיט א שטימע פון אן עהרליכען און שטרענגען ריכטער, און ריידענדיג אפילו וועגען דאס שרעקליכסטע, האט ער שטיל, אהן מיטלייד צוגעשמייכעלט און זיינע אויגען האבען געבלישטשעט קאלט און פעסט. זעהענדיג דיעזען גלאנץ אין זיינע אויגען, האט די מוטער פערשטאנען, אז דיעזער מענש פערגיט קיינעם קיינמאל קיין עולות ניט און קען ניט פערגעבען. זי האט געפיהלט, אז איהם אליין איז שווער דיעזע הארטקייט און זי האט רחמנות געהאט אויף איהם. און ער איז איהר אלץ מעהר און מעהר געפעלען געווארען.

אום ניין א זייגער פלעגט ער אוועקגעהן צו דער ארבייט. זי פלעגט

צוקלייבען די צימערען, פלעגט פארטיג מאכען דעם מיטאָג, פלעגט זיך ארומוואשען, פלעגט זיך איבערטהאָן און זיצענדיג אין איהר צימער, פלעגט זי דורכקוקען די בילדלעך אין די ביכער. זי האָט זיך שוין אויסגעלערענט לעזען, נאָר דאָס פלעגט אימער פאָדערען פון איהר אַן אָנשטרענגונג און לעזענדיג פלעגט זי זיך שנעל איינמאטערען און פלעגט פערליערען דעם צוזאמענבונד פון די ווערטער און דאָס בעטראַכטען פון די בילדלעך פלעגט איהר פעראינטערעסירען ווי א קינד — זיי פלעגען עפענען פאר איהר א נייע, אונפערשטענדליכע, וואונדערבארע וועלט. עס פלעגען אויפשטעהן פאר איהר ריזיגע שטעדט, פרעכטיגע געביידען, מאשינען, שיפען, מאָנומענטען, אונצעהלבארע רייכטהימער, וועלכע זיינען בעשאַפען געוואָרען מיט די מענשליכע הענד און די וואונדערבארע שעפּפונג פון דער נאטור. דאָס לעבען איז אַלץ ברייטער געוואָרען און פלעגט יעדען טאָג עפענען פאר איהרע אויגען עפּעס ריעזיגעס, וואונדערבארעס און פלעגט מיט זיין גרויסען רייכטהום און שעהנקייט אויפרעגען איהר ערוואכטע, הונגעריגע נשמה. איבערהויפט האָט זי ליעב געהאט צו בעטראַכטען די צייכנונגען פון דעם זאָאָלאָגישען אטלאַס און הגם ער איז געווען געדרוקט אויף א פרעמדער שפּראַך, האָט ער איהר דאָך געגעבען א מעהר קלאָהרערען בעגריף וועגען די שעהנקייט, רייכקייט און ברייטקייט פון דער וועלט.

— גרויס איז די ערד! — פלעגט זי זאָגען ניקאָלייען ביים עסען.

— יא... און די מענשען זיינען געענגט...

מעהר פון אַלעס פלעגט זי נתפעל ווערען פון די פערשיעדענע פליגען, איבערהויפּט פון די שמעטערלינגע און זי פלעגט זיך ווענדען צו ניקאָלייען:

— ס'אַרא שעהנקייט, ניקאָליי איוואַנאָוויטש, יא? און ווי פול די וועלט איז מיט דיעזער שעהנהייט. אָבער אַלץ איז פון אונז פערשטעלט; אַלעס געהט אזוי פארביי אונז און מיר זעהען עס ניט. מענשען פלאָגען זיך, ווייסען קיין זאַך ניט, קענען פון קיין זאַך קיין פערגעניגען ניט האָבען; זיי האָבען פאר דעם קיין צייט ניט און קיין חושק ניט.

וויפיעל פרייד וואָלטען זיי געקענט זיך פערשאַפען, ווען זיי וואָלטען געוואוסט ווי רייך די ערד איז, ווי פיעל וואונדערבארעס עס לעבט אויף איהר. און אַלעס פאר אַלעמען, יעדער פאר אַלעס. אזוי?

— יא! — האָט ניקאָליי געזאָגט שמייכלענדיג. און ער פלעגט ברענגען נאָך ביכער מיט צייכנונגען.

אין די אָבענדען פלעגען זיך אָפט אין זיין הויז צוזאמענקלייבען געסט. עס פלעגט קומען אַלעקסיי וואסיליעוויטש, א שעהנער מאנספערזאָן מיט א

בלייבען פּנים און אַ שוואַרצע באָרד, אַ סאָלידער, אַ שווייגעדיגער; ראָמאַן פּעטראָוויטש, אַ מאַן מיט אַ קיילעכדיגען קאָפּ, וועלכער פלעגט שטענדיג מיט בעדויערען טשמאָקענען מיט די ליפּען; איוואַן דאַנילאָוויטש, אַ דאַרינקער און אַ קליינינקער מיט אַ שפּיציגער בערדעל און אַ דינעם קול, אַ שרייעדיגער און אַ שטעכעדיגער ווי אַן אָל; יעגאָר, וועלכער פלעגט אימער מאַכען שפּאַס פון זיך, פון זיינע חברים און פון זיין קראַנקהייט, וועלכע האָט זיך אַלץ געהאַלטען אין פאַנאַנדערוואַקסען אין איהם. עס פלעגען אויך אַריינקומען אַנדערע מענשען, וועלכע פלעגען קומען צו פאָהרען פון פערשיעדענע ווייטע שטעדט. ניקאָליי פלעגט פיהרען מיט זיי לאַנגע און שטילע געשפּרעכען שטענדיג וועגען איין זאַך — וועגען די אַרבייטער פון דער וועלט. מען פלעגט דעבאַטירען, היצען זיך, מאַכענדיג מיט די הענד, מען פלעגט טרינקען אַ סך טהעע, אָפּטמאָל פלעגט ניקאָליי אין רעכטען טומעל פון געשפּרעך פערפאַסען פּראָקלאַמאַציעס, נאָכדעם פלעגט ער עס פאָרלעזען פאַר די חברים. מען פלעגט זיי דאָ גלייך אויף אָן אָרט איבערשרייבען מיט געדרוקטע בוכשטאַבען. די מוטער פלעגט פאָרזיכטיג צוזאַמענקלייבען די שטיקלעך צוריסענע פּאַפּיער פון אָריגינאַל און פלעגט עס פערברענען. זי פלעגט אַנגיסען טהעע און פלעגט זיך וואונדערען איבער די היציגקייט, מיט וועלכע זיי פלעגען רעדען וועגען לעבען און שיקזאַל פון אַרבייטער פאָלק, וועגען דעם ווי שנעלער און בעסער מען קען פערזעען צווישען איהם די געדאַנקען וועגען גערעכטיגקייט און אויפהויבען זיין גייסט. אָפּטמאָל פלעגען זיי ניט איינשטימען איינער מיט'ן צווייטען, פלעגען אין כעס ווערען און פלעגען בעשולדיגען איינער דעם צווייטען אין עטוואָס, פלעגען זיך בעליידיגען און פלעגען ווייטער ספּאָרען. די מוטער האָט געפיהלט, אַז זי ווייס דעם לעבען פון די אַרבייטער בעסער פון דיעזע מענשען. איהר האָט זיך געדוכט, אַז זי זעהט קלאָרער ווי זיי די ריעזיגקייט פון דער שווערער אויפגאַבע, וואָס זיי האָבען גענומען אויף זיך און דאָס האָט איהר געגעבען די מעגליכקייט צו בעציהען זיך צו זיי מיט עטוואָס אַן אומעדיגען געפיהל ווי פון אַן ערוואַקסענעם מענשען צו קינדער, וועלכע שפּיעלען זיך אין מאַן און ווייב, ניט פערשטעהענדיג די דראַמאַ פון דיעזע פערהעלטניסע. זי האָט ניט ווילענדיג פערגלייכט זייערע רעדעס מיט די רעדעס פון איהר זוהן, פון אַנדרייען און פערגלייכענדיג פלעגט זי פיהלען דעם אונטערשיעד, וועלכען זי האָט פריהער ניט געקענט פערשטעהן. צייטענווייז פלעגט זיך איהר דאכטען, אַז דאָ שרייט מען שטאַרקער, ווי מען פלעגט אַ מאָל שרייען דאָרט אין פאָרשטעדטעל. זי פלעגט זיך עס ערקלעהרען:

— זיי ווייסען מעהר... ריידען זיי העכער...

נאָר זעהר אָפט האָט זי געזעהן, אַז דיעזע אַלע מענשען היצען זיך עפּעס מיט אַ כיון, אום כדי צו דערוואַרימען איינער דעם צווייטען, פּונקט ווי יעדער פון זיי וואָלט וועלען בעווייזען זיינע חברים, אַז איהם איז דער אמת טהייערער און נעהנטער ווי אַלע איבעריגע און די אַנדערע פלעגען זיך בע־ליידיגען דערפאַר און פלעגען פון זייער זייט אָנהויבען צו ספּאָרען שאַרף און גראָב. יעדערער פלעגט וועלען אַרויפשפּרינגען העכער פון דעם אַנ־דערען, האָט זיך איהר געדוכט, און דאָס האָט אַרויסגערופען אין איהר הארצען אַן אונרוהיגען אומעט. זי פלעגט מאַכען מיט די ברעמען און קוקענדיג אויף אַלעמען, פלעגט זי מיט בעטענדע אויגען טראַכטען:

— וועגען פּאַווליושאַ'ן מיט זיינע חברים האָבען זיי אין גאַנצען פער־געסען!...

שטענדיג צוהערענדיג זיך מיט אויפמערקזאַמקייט צו זייערע דעבאַטען, ניט פערשטעהענדיג זיי גוט, פלעגט זי זוכען הינטער די ווערטער אַ געפיהל, און זי האָט געזעהן, אַז ווען אין פאָרשטעדטעל האָט מען גערעדט וועגען גוטעס, פלעגט מען דאָס נעהמען אַלס קיילעכדיגעס, אַלס גאַנצעס. דאָ אָבער פלעגט אַלעס צושלאָגען ווערען אויף שטיקלעך; דאָרטען פלעגט מען פיהלען טיעפער און שטאַרקער, דאָ אָבער האָבען געהערשט שאַרפע, שניידענדע געדאַנקען. און דאָ האָט מען מעהר גערעדט וועגען דאָס צושטערען פון דאָס אַלטע; דאָרטען אָבער האָט מען געטרוימט וועגען דאָס נייע און דערפאַר זיינען איהר דעם זוהן'ס און אַנדריי'ס רייד געווען נעהנטער און פערשטענד־ליכער... אַ סמוטנע אונצופריעדענהייט מיט די מענשען פלעגט זיך שטיל אַריינ'גנב'ענען אין איהר נשמה און פלעגט איהר בעאונרוהיגען, ערוועקענדיג אין איהר אַ וואונש גיכער צו פערשטעהן אַלץ אַליין און אַליין אָנפאַנגען צו ריידען וועגען לעבען מיט איהר אייגען וואָרט פון איהר אייגען האַרץ.

זי פלעגט אויך בעמערקען, אַז ווען צו ניקאָלייען פלעגט קומען עמיץ ווער פון די אַרבייטער, פלעגט דער בעל הבית ווערען פרייער; עפּעס אַ זיסקייט פלעגט זיך בעווייזען אויף זיין פנים און ריידען פלעגט ער עפּעס אַנדערש ווי אימער, גיכער און נאַכלעסיגער.

— ער סטאַרעט זיך, אַז מען זאָל איהם פערשטעהן! — פלעגט זי טראַכטען.

אָבער דאָס האָט איהר ניט געטרייסט און זי האָט געזעהן, אַז אויך דער גאַסט, דער אַרבייטער, פיהלט זיך ווי געבונדען און קען ניט ריידען אַזוי לייכט און פריי, ווי ער רעדט מיט איהר, מיט אַ פּראָסטער פרוי. איינמאָל,

ווען ניקאָליי איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זי בעמערקט צו איינעם עפּעס אַ בחור:

— וואָס שעהמסטו זיך? ביזט דאָך ניט קיין אינגעל אויפ'ן עקזאַמען...

יענער האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעלאַכט.

— פון פערלעגענהייט ווערען אַפילו די ראַקעס רויט... פאַרט ניט אונזער גלייכען...

און ער האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ.

— פּטור נו! — האָט די מוטער געזאָגט. — ער איז אַ פּשוט'ער מענש...

דער בחור האָט אַ קוק געטהאָן איהר אין פּנים. — ביידע האָבען זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און זיינען אַנטשוויעגען געוואָרען.

אָפּט פלעגט קומען סאַשענקאַ. זי פלעגט לאַנג ניט זיצען, פלעגט אימער ריידען וועגען זאַכליכע ענינים, ניט לאַכענדיג, און יעדען מאָל פלעגט זי פאַר'ן אוועקגעהן פרעגען ביי דער מוטער:

— וואָס מאַכט פּאַוועל מיכיילאָוויטש? איז ער געזונד?

— דאַנקען גאָט! — פלעגט ענטפערען די מוטער. — ער איז שטענדיג פרעהליך!

— גריסט איהם! — פלעגט די מיידעל בעטען און זי פלעגט פערשווינדען.

צייטענווייז פלעגט זיך די מוטער קלאָגען פאַר איהר, וואָס מען האַלט פּאַוועלען אַזוי לאַנג, וואָס מען משפּט איהם ניט. סאַשענקאַ פלעגט שווייגען, איהר פּנים פלעגט ווערען פינסטער און איהרע פינגער פלעגען זיך שנעל בעוועגען.

נילאָוונאַ האָט געפיהלט אַ וואונש צו זאָגען איהר:

— טהייערינקע מיינע, איך וויים דאָך, אַז איהר ליעבט איהם... איך וויים!

אָבער זי פלעגט ניט וואָגען. דער מיידעל'ס שטרענגער פּנים, איהרע פעסט צוזאַמענגעדריקטע ליפּען און די טרוקענע זאַכליכקייט פון איהרע רייד פלעגען שוין פאַראויס אָפּשטויסען יעדע לאַסקע. אָפּזיפצענדיג, פלעגט די מוטער אָהן רייד דריקען די אויסגעשטרעקטע האַנד און פלעגט טראַכטען:

— אונגליקליכע מיינע...

איינמאָל איז געקומען צו פאָהרען נאַטאַשאַ. זי האָט זיך זעהר דערפרעהט דערזעהענדיג די מוטער, האָט זיך צוקושט מיט איהר און פאַרבייגעהענדיג האָט זי עפּעס פלוצלונג און שטיל איהר דערצעהלט:

— און מיין מאַמע איז געשטאָרבען... די אונגליקליכע...

זי האָט אַ טרייסעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, האָט אויף גיך אָפּגעווישט די טרעהרען פון די אויגען און האָט פאָרטגעזעצט:

— איך בעדויער איהר זעהר שטאַרק... איהר איז נאָך קיין פופציג יאָהר ניט געווען... האָט נאָך געקענט לאַנג לעבען. און ווען מען גיט אַ קוק פון דער אַנדערער זייט, טראַכט מען זיך ניט ווילענדיג: דער טויט איז מסתמא לייכטער פון אַזאַ לעבען. שטענדיג אַליין, שטענדיג פרעמד פון אַלעמען — אַ פערמאַטערטע, אַ דערשראָקענע פון מיין פאָטער'ס געשרייען, האָט זי דען געלעבט? מען לעבט, ווען מען וואַרט אויף עפּעס בעסערס. זי אָבער האָט ניט געהאַט אויף וואָס צו וואַרטען, אויסער בעליידיגונגען...

— איהר זייט גערעכט, נאַטאַשאַ! — האָט די מוטער געזאָגט נאָכדענקליך און, פריינדליך אַ גלעט טהוענדיג דער מיידעלס האַנד, האָט זי געפרעגט: — איהר זייט יעצט געבליבען אַליין?

— יאָ! — האָט לייכט געענטפערט נאַטאַשאַ.

די מוטער האָט געשוויעגען אַ ווײַלע און פּלוצלונג האָט זי מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען בעמערקט:

— נישקשה! אַ גוטער מענש לעבט קיינמאָל ניט אַליין; צו איהם וועלען שטענדיג אַנדערע מענשען צושטעהן...

## 8.

נאַטאַשאַ איז אָנגעקומען אַלס אַ לעהרערין אין אַ דערבייאיגער שטאָדט אויף אַ וועבער־פאַבריק און די מוטער פלעגט איהר צושטעלען פערבאָטענע ביכלעך, פּראָקלאַמאַציעס און צייטונגען.

דאָס איז געוואָרען איהר זאַך. עטליכע מאָל אַ מאָנאַט פלעגט זי זיך איבערטהאָן פאַר אַ מאָנאַשקע, פאַר אַ הענדלערקע פון לייווענט און שפּיצען אָדער פאַר אַ פרומע בעטלערקע און פלעגט אַרומפאָהרען און אַרומוואַנדערען איבער דער גאַנצער גובערניע מיט אַ זעקעל אויפ'ן פּלייצע אָדער מיט אַ רייזע־טאַש אין האַנד. אין די וואַגאָנעס, אויף די פּאַראַכאָדען, אין די האָטעלען און די אכסניות פלעגט זי זיך אימער האַלטען איינפאַך און רוהיג. זי פלעגט די ערשטע פערפיהרען אַ געשפּרעך מיט אונבעקאַנטע מענשען און פלעגט צוציהען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט איהרע פריינדליכע און אומגעצוואונגענע רייד און מיט איהרע זיכערע מאַניערען פון אַן ערפאַהרענעם מענשען, וועלכער האָט פיעל געזעהן אויף זיין לעבען.

עס פלעגט איהר פערשאַפען פערגעניגען צו ריידען מיט מענשען. זי האָט ליעב געהאַט צו הערען זייערע ערצעהלונגען וועגען לעבען, זייערע

קלאָגען און זייערע זיפצען. איהר הארץ פלעגט פערגאָסען ווערען מיט פרייד יעדען מאָל, ווען זי פלעגט בעמערקען אין א מענשען א שארפע אונצופריע־דענהייט; יענע אונצופריעדענהייט, וועלכע פראָטעסטירענדיג געגען די קלעפּ פון שיקזאל, זוכט אַן ענטפער אויף די פראַגען, וועלכע זיינען שוין ענט־שטאַנען אין קאָפּ. פאַר איהר האָט זיך אַלץ בּרייטער און קלאָרער פאַנאַ־דערגעוויקעלט דאָס בּילד פון מענשליכען לעבען, פון דעם איילינען, אונ־רוהיגען לעבען אין קאַמפּף פאַר זאַטקייט. איבּעראַל האָט זיך גע־זעהן די פרעכע, נאַקעטע, אָפענע שטרעבונג צו בעשווינדלען דעם מענשען, בעראַבּעווען איהם, אַרויסדריקען פון איהם אַלץ מעהר נוצען פאַר זיך, אויס־טרינקען זיין בלוט. און זי האָט געזעהן, אַז אַלץ איז געוועזן פיעל אויף דער וועלט. דאָס פאָלק אָבער האָט זיך גענויטיגט און האָט געלעבּט אַ הונגע־ריגער לעבען דיעזע אוצרות פון רייכטהימער. אין די שטעדט שטעהען טעמפּלען אָנגעפּילטע מיט גאָלד און זילבּער, וועלכע גאָט דאַרף ניט האָבּען און אויפ'ן הויף פון די טעמפּלען שטעהען אָרימע לייט און וואַרטען ביז מען וועט זיי אַריינוואַרפען אין האַנד אַ קופּערנע מטבעה. זי האָט דאָס אויך פריהער געזעהן, אָבּער פריהער האָט זי דאָס געהאַלטען פאַר נאַטירליך, אָבּער יעצט האָט זי געזעהן אין דעם אַן אונגעהייערע בעליידיגונג פון די אָרימע מענשען, וועמען זי האָט געוואוסט, אַז גאָטס הויז איז נעהנטער ווי די רייכע.

נאָך די בילדער, וועלכע האָבען פאַרגעשטעלט קריסטוסען, לויט די ערצעהלונגען וועגען איהם, האָט זי געוואוסט, אַז דער פריינד פון די אָרימע פלעגט זיך אָנטהאָן פּראָסט, און דאָ אין די קלייסטערס, וואו די אָרימע־לייט קומען זוכען אַ טרייסט ביי איהם, האָט זי איהם געזעהן אַ געשמיעדעטען אין גאָלד און זיידענס, וועלכער קעהרט זיך אָפּ פון די אָרימע לייט, און ניט ווילענדיג פלעגט זי זיך דערמאָהנען אָן ריבין'ס ווערטער:

— אויך מיט גאָט האָט מען אונז אָבגענאַרט! מען האָט איהם אָנ־געטהאָן אין ליגען און רכילות, אום צו טויטען אונזערע הערצער...

אונבעמערקט פאַר זיך אַליין האָט זי אָנגעפאַנגען ווענינער גאָט צו בעטען, אָבּער אַלץ אָפטער האָט זי געטראַכט וועגען קריסטוס'ען און וועגען די מענשען, וועלכע פלעגען ניט דערמאָהנען זיין נאָמען, פּונקט ווי זיי וואָל־טען גאָר ניט געוואוסט, אַז ער איז ווען געוועזן אויף דער וועלט, און דאָך האָבען זיי געלעבט נאָך זיין געבאָט און, ווי ער, האָבען זיי געוואָלט צו־טהיילען צווישען די מענשען אַלע רייכטהימער פון דער ערד. זי האָט פיעל געטראַכט וועגען דעם. דיעזער געדאַנק איז אַלץ טיעפער אַריינגעוואַקסען

אין איהר הארצען און אלץ, וואס זי האט געזעהן און געהערט, האט אין איהרע אויגען אנגענומען די ליכטיגע געשטאלט פון א תפילה, וועלכע האט מיט איהר גלייכען פייער בעגאסען די פינסטערע וועלט, דאס גאנצע לעבען און אלע מענשען. פון איהרע רייזען פלעגט זי זיך אימער אומקעהרען צו ניקאלייען אויפגערעגט פון פרייד, וואס זי האט געזעהן און געהערט אויפ'ן וועג.

— עס איז א פערגעניגען ארומצופאהרען אזוי איבעראל און צו זעהן אלץ! — פלעגט זי זאגען צו ניקאלייען אין אבענד. — מען פאנגט אן צו פערשטעהן דעם געבוי פון לעבען. זיי פערשטויסען און פערטרייבען דאס פאלק אן א זייט און ער מאטערט זיך דארט א בעליידיגטער, אבער, ווילענדיג צי ניט, הויבט ער אן צו טראכטען — פאר וואס? ווארום פערטרייבט מען מיר? ווארום איז אלץ דא אזוי פיעל אויף דער וועלט און איך בין הונגעריג? און וויפיעל חכמה איז דא אויף דער וועלט און איך בין נאריש און אונ־וויסענד? און וואו איז ער, דער בארמהערציגער גאט, וועמעס הארצען אלע זיינען טהייער, דער רייכער ווי דער ארימער? ביסלעכווייז ווערט דאס פאלק אויפגערעגט... ער פיהלט, אז די אונערכט וועט איהם דערשטיקען, אויב ער וועט בעצייטענס אליין ניט א טראכט טהאן וועגען זיך!

אלץ אפטער האט זי געפיהלט א שטארקען וואונש צו רעדען צו די מענשען מיט איהר אייגענעם לשון וועגען די אונגערעכטיגקייטען פון לעבען און אפטמאל איז איהר שווער געווען צו דערשטיקען אין זיך דיזען וואונש...

ניקאליי, טרעפענדיג איהר איבער די ביכלעך מיט די צאצקעס, פלעגט איהר שמייכלענדיג דערצעהלען שטענדיג עפעס וואונדערבארעס און א פער־וואונדערטע פלעגט זי אימער פרעגען:

— טאקע, קען דאס אזוי זיין?...

און ער פלעגט, קוקענדיג אויף איהר פנים מיט זיינע גוטע אויגען, דערצעהלען איהר מיט א פעסטער זיכערהייט מעשה'לעך וועגען דער צוקונפט.

— דעם מענשען'ס פערלאנגען זיינען אהן א גרענעץ און זיין קראפט איז אונערשעפבאר! אבער די וועלט ווערט דאך לאנגזאם רייכער אין גייסט, ווייל יעצט איז יעדער איינציגער, וואס וויל ווערען אונאבהענגיג געצוואונגען צו זאמלען ניט קיין קענטניס, נאר געלד. אבער ווען די מענ־שען וועלען אויפהערען צו זיין זשעדנע, ווען זיי וועלען זיך בעפרייען פון דעם יאך פון דער געצוואונגענער ארבייט...

זי פלעגט זעלטען פערשטעהן דעם זין פון זיינע ווערטער, נאר דער

געפיהל פון רוהיגען גלויבען, מיט וועלכען זיי זיינען געווען דורכגעדרונגען, איז אליץ פערשטענדליכער געוואָרען פאר איהר.

— אויף דער וועלט זיינען דאָ זעהר ווייניג פרייע מענשען. אט איין וואָס עס בעשטעהט דער אונגליק, — פלעגט ער זאָגען.

דאָס איז געווען פערשטענדליך. זי האָט געקענט אזעלכע מענשען, וועלכע האָבען זיך בעפרייט פון זשעדנעקייט און שלעכטסקייט; זי האָט פערשטאַנען, אז ווען עס וואָלטען געווען אויף דער וועלט מעהרער אזעלכע מענשען, וואָלט די פינסטערע, שרעקליכע געשטאַלט פון לעבען געוואָרען מילדער, בעסער און ליכטיגער.

— דער מענש מוז ניט ווילענדיג זיין גרויזאם! — האָט ניקאָליי מיט אומעט געזאָגט.

זי האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, דערמאָהנענדיג זיך אָן די רייד פון קליין־רוס.

9.

איין מאָל איז ניקאָליי געקומען אהיים א סך שפּעטער ווי אימער און ניט אויסטהוענדיג זיך, האָט ער איילענדיג געזאָגט:

— איהר ווייסט, נילאָוונא, היינט, אין דער צייט ווען די ארעסטאַנטען האָבען זיך געזעהן מיט זייערע קרובים, איז פון טורמע ענטלאָפען איינער פון אונזערע חברים... נאָר ווער דאָס איז, האָב איך ניט געקענט אויסגעפינען.

די מוטער האָט זיך א שאָקעל געטהאָן אויף די פיס און אָן אויפגערעגטע האָט זי זיך אראָפּגעלאָזען אויפ'ן שטוהל און האָט שטיל געפרעגט:

— אפשר פאַוולושא?

— פיעלייכט! — האָט ניקאָליי געענטפערט, א קוועטש טהוענדיג מיט די פּלייצעס. — נאָר ווי העלפט מען איהם זיך בעהאַלטען? וואו גע־פינט מען אוים? איך בין יעצט געגאַנגען איבער די גאַסען; איך האָב גע־דענקט פיעלייכט וועל איך איהם בעגעגענען. דאָס איז לעכערליך, אָבער מען מוז דאָך עפּעס טהאָן! און איך וועל ווידער געהן...

— איך אויך!... — האָט די מוטער אויסגעשריען.

— איהר געהט אריבער צו יעגאָר'ען, פיעלייכט וויים ער עטוואָס? — האָט איהר ניקאָליי פאָרגעלעגט און ער איז גלייך פערשוואונדען.

זי האָט ארויפגעוואָרפען אויפ'ן קאָפּ א טיכעל און פול מיט האָפנונג איז זי שנעל ארוים נאָך איהם אויפ'ן גאַס. עס האָט איהר געשווינדעלט אין די אויגען, איהר הארץ האָט שנעל געשלאָגען און זי איז כמעט ווי גע־לאָפען, ניט בעמערקענדיג ארום זיך קיין זאַך.

— איך וועל קומען אהין און ער איז שוין דאָרטען... — האָט גע־פינקעלט א האָפנונג, שטויסענדיג איהר...

עס איז געוועזן היים. זי האָט זיך געשטיקט פון מיעדקייט און ווען זי איז דערגאַנגען צו די טרעפּ פון יעגאָר'ס וואוינונג, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, ניט האָבענדיג קיין כח ווייטער צו געהן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויס־שרייענדיג שטיל מיט פערוואונדערונג און האָט אויף א רגע צוגעמאַכט די אויגען. איהר האָט זיך געדוכט, אז ביים טויער שטעהט ניקאָליי וויע־סאָוושטשיקאָוו, די הענד פעררוקט אין די קעשענעס און מיט א שמייכעל קוקט ער אויף איהר. נאָר ווען זי האָט ווידער א קוק געטהאָן, איז שוין קיינער ניט געוועזן...

— עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט! — האָט זי אין געדאַנק צו זיך אליין א זאָג געטהאָן, און געהענדיג איבער די טרעפּ האָט זי זיך צוגעהערט. אונ־טען אויפ'ן הויף האָט זיך געהערט א שטילער קלאַפּען פון לאַנגזאַמע טריט... אָפּשטעלענדיג זיך אויף די טרעפּ, האָט זי זיך איינגעבויגען, האָט א קוק געטהאָן אונטען און האָט ווידער דערזעהן א געשפּרינקעלטען פּנים, וועל־כער האָט געשמייכעלט צו איהר.

— ניקאָליי... ניקאָליי... — האָט די מוטער אויסגערופען, אראָפּלאָ־זענדיג זיך איהם אנטקעגען און איהר הארץ האָט אָנגעפאַנגען צו נאָגען פון ענטוישונג.

— דו געה, געה! — האָט ער שטיל געזאָגט, א מאַך טהוענדיג מיט'ן האַנד.

זי איז שנעל אַרויפגעלאָפען אויף די טרעפּ און איז אריין אין יעגאָר'ס צימער. יעגאָר איז געלעגען אויפ'ן דיוואַן. זי איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט מיט א פערכאַפּטען אָטהעם ארויסגעשעפּטשעט:

— ניקאָליי איז ענטלאָפען... פון טורמע...

— וועלכער ניקאָליי? — האָט מיט א הייזעריגען קול געפרעגט יעגאָר, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ פון קישען. — דאָרטען זיינען דאָ צוויי.

— וויעסאָוושטשיקאָוו... ער געהט אהער!...

— זעהר גוט! אָבער איך וועל ניט אויפשטעהן איהם בעגעגענען...

ער איז שוין אריין אין צימער, האָט פערשפּארט די טהיר און אראָפּ־נעהמענדיג די היטעל, האָט ער שטיל געלאַכט, גלעטענדיג די האָאָר אויפ'ן קאָפּ. יעגאָר האָט זיך אָנגעשפּארט מיט'ן עלענבויגען אָן דיוואַן, האָט זיך אויפגעהויבען און האָט א הוסט געטהאָן, א שאָקעל טהוענדיג מיט'ן קאָפּ.

— קומט אהער... שעהמט זיך ניט...

ברייט שמייכלענדיג, איז ניקאָליי צוגעגאַנגען צו דער מוטער און האָט א כאַפּ געטהאָן איהר האַנד:

— ווען איך וואָלט דיר ניט דערזעהן, איז — כאָטש געה צוריק אין טורמע! אין שטאָדט קען איך קיינעם ניט און אין פאָרשטעדטעל וואָלט מען מיר גלייך געכאַפּט... איך געה און טראַכט — נאַר איינער, וואָס ביזטו ענטלאָפען? פּלוצלונג זעה איך נילאָוונאַ לויפט! און איך נאָך איהר...

— ווי אַזוי ביזטו ענטלאָפען? — האָט די מוטער געפרעגט.

ער האָט זיך אונגעשיקט צוגעזעצט אויפ'ן ברעג פון דיוואַן און האָט קוועטשענדיג מיט די פּלייצעס דערצעהלט:

— איך ווייס אַליין ניט ווי... פּשוט עס האָט זיך געמאַכט א געלעגענהייט! איך האָב געשפּאַצירט אויפ'ן הויף... און די קרימינעלע אַרעסטאַנטען האָבען אָנגעפאַנגען צו שלאָגען דעם נאַדזיראַטעל... דאָרט איז דאָ איינער א געוועזענער זשאַנדאַרם, וועמען מען האָט פאַר גנבה אַרויסגעטריעבען... ער שפּיאָנירט, מסור'ט און לאָזט קיינעם ניט פריי אָטהעמען!... שלאָגען זיי איהם, איז געוואָרען א טומעל, די נאַדזיראַטעלעס האָבען אָנגעפאַנגען לויפען און פייפען. איך זעה די טויערען זיינען אָפען, בין איך צוגעגאַנגען און דערזעהן א אָפענעם פּלאַץ און די שטאָדט... עס האָט מיר א ציה געטהאָן אהין... און איך בין אַוועק, ניט איילענדיג זיך, פּונקט ווי אין א חלום... ווען איך בין אַזוי אָפּגעגאַנגען א ביסעל, בין איך געקומען צו זיך. — וואוהין געהט מען? — טראַכט איך... איך זעה די טויערען פון טורמע זיינען שוין פערשפּאַרט... איך האָב זיך גענומען פיהלען עפּעס ניט אנגענעהם... עס האָט מיר פערדראָסען פאַר די חברים... און איבערהויפּט... עפּעס אַזוי נאַריש... איך האָב גאָר ניט געדענקט אַוועקצוגעהן...

— הם! — האָט יעגאָר געזאָגט. — איהר, מיין הערר, האָט זיך געדאַרפט אומקעהרען, העפליך אָנקלאַפּען אין טהיר און בעטען מען זאָל אייך צוריק אַריינלאָזען. „ענטשולדיגט, מיינע הערערן", האָט איהר געדאַרפט זאָגען. "איך האָב זיך געלאָזען הינרייסען פון דער פרייהייט..."

— יאָ, — האָט לאַכענדיג פאַרטגעזעצט ניקאָליי. — דאָס איז טאַקע א נאַרישקייט, איך פערשטעה. אָבער דאָך איז דאָס ניט גוט געגען די חברים... איך האָב קיינעם גאָרניט געזאָגט, אַז איך געה אַוועק... איך געה, זעה איך מען טראָגט א טויטען, א קליין קינד. בין איך נאָכגעגאַנגען נאָך דער לויה, האָב אַראָבגעבויגען דעם קאָפּ, קוק אויף קיינעם ניט... איך בין געזעסען אויפ'ן בית עולם... און אין קאָפּ איז מיר אַריין איין געדאַנק...

— נאָר איין געדאַנק? — האָט יעגאָר געפרעגט און אָפּזיפּצענדיג האָט ער צוגעגעבען: — איך דענק, איהם איז דאָרטען ניט ענג...

וויעסאָווטשיקאָוו האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט אָהן דער מינדעסטער בעליידיגונג און האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— נו, יעצט איז ביי מיר די קאָפּ ניט אַזוי פוסט, ווי זי איז פריהער געוועזען... און דו, יעגאָר איוואַנאָוויטש, קרענקסט נאָך אַלץ...

— יעדער איינציגער טהוט וואָס ער קען! — האָט יעגאָר געענטפערט פייכט הוסטענדיג. — דערצעהל וויטער!

— נאָכדעם בין איך אַוועק אין זעמסקען מוזעאום... איך בין אַרומגעגאַנגען דאָרטען, געקוקט און אַליין טראַכט איך זיך אַלץ — וואו זשע טהוט מען זיך פאָרט אַהין? איך בין זאָגאָר אין כעס געוואָרען אויף זיך אַליין... און עס האָט זיך מיר זעהר שטאַרק פערוואָלט עסען! איך בין אַרויס אויפ'ן גאַס, איך געה און עס פערדריסט מיר... און אויפ'ן גאַס זעה איך ווי די פּאָליציי־לייט קוקען זיך צו צו יעדען איינציגען. נו, טראַכט איך מיר, מיט מיין פּנים וועל איך גיך אַריינפאַלען! פּלוצלונג לויפט ניִלאָוונאַ אַנטקעגען... איך האָב זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט און האָב זיך געלאָזען גלייך נאָך איהר... אָט דאָס אַלעס!

— און איך האָב דיר גאָר ניט בעמערקט! — האָט מיט אַ שולדיגער מינע געזאָגט די מוטער.

זי האָט בעטראַכט וויעסאָווטשיקאָוו'ען און עס האָט זיך איהר גע־דאַכט, אַז ער איז עפּעס געוואָרען לייכטער.

— די חברים מוזען זיך מסתמא בעאונרוהיגען... וואו, אַ שטייגער, געפינט ער זיך? — האָט ניקאָליי געזאָגט.

— נו, און אויף דער נאַטשאַלסטוואָ האָסטו קיין רחמנות ניט? זי בעאונרוהיגט זיך דאָך אויך! — האָט יעגאָר בעמערקט. ער האָט אויפ־געעפענט דעם מויל און האָט אָנגעפאַנגען אַזוי צו בעוועגען מיט די ליפּען, פּונקט ווי ער וואָלט געקייט די לופט. — פון דעסטוועגען, שפּאַס אָן אַ זייט! מען דאַרף דיך בעהאַלטען. דאָס איז אַפילו אַנגענעהם, אָבער ניט אַזוי לייכט... ווען איך וואָלט געקענט אויפשטעהן...

ער האָט זיך פערשטיקט, האָט אַ וואָרף געטהאָן די הענד אויפ'ן האַרצען און האָט אָנגעפאַנגען מיט זיי צו רייבען זיין האַרץ...

— דו האָסט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעקרענקט, יעגאָר איוואַנאָוויטש! האָט ניקאָליי געזאָגט און ער האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ. די מוטער האָט

א זיפץ געטהאָן און מיט אַן אונרוהיגען בליק בעטראַכט דעם קליינעם, ענגען צימער.

— דאָס איז מיין פּריוואט זאַך! — האָט יעגאָר געענטפערט. — איהר, באַבינקע, פרעגט נאָך אויף פּאוולען. ניטאָ זיך וואָס צו בעהאַלטען! וויעסאָווּשטשיקאָוו האָט ברייט אַ שמייכעל געטהאָן.

— פּאוולען איז גוט! ער איז געזונד. ער איז דאָרט ביי אונז אַ מין עלטערער. מיט דער נאַטשאַלסטווא רעדט ער און איבערהויפּט — ער קאָמאַנדעוועט... איהם אַכטען אַלע...

ווּלאַסאָווא האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, האָרכענדיג וויעסאָווּשטשיקאָוו'ס ערצעהלונג, און זי האָט פון דער זייט געקוקט אויף יעגאָר'ס בלויליכען, אויסגעצעהרטען פּנים. פערגליווערט און אָהן אַן אויסדרוק, האָט זיין געזיכט אויסגעקוקט ווי פלאַטשיג און נאָר זיינע אויגען האָבען לעבעדיג און פרעהליך געלויכטען.

— איהר וואָלט מיר געגעבען עפּעס וואָס צו עסען... אויף מיין וואָרט. עס ווילט זיך מיר זעהר שטאַרק! — האָט אונערוואַרטעט אויסגערופען ניקאָליי.

— באַבינקע, אַט דאָרט אויפ'ן פּאָליצע ליעגט ברויט און נאָכדעם גיעהט ארויס אין קאָרידאָר און קלאַפּט אָן לינקס אין דער צווייטער טהיר. אַ פרוי וועט אייך עפענען. זאָגט איהר, אַז זי זאָל אריינקומען אַהער און ברענגען מיט זיך גאָר די עסענוואַרג, וואָס זי האָט דאָרט.

— נו, גאָט איז מיט אייך! אויף וואָס דאַרף מען אַלעס? — האָט ניקאָליי געזאָגט.

— שרעק זיך נישט... קיין סך איז דאָרטען ניטאָ... און עס קען זיין, אַז עס איז גאָר ניטאָ!

די מוטער איז ארויסגעגאַנגען, האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר און צוהאָרכענדיג זיך צו דער שטילקייט הינטער זיך, האָט זי מיט בעדויערונג אַ טראַכט געטהאָן וועגען יעגאָר'ען.

— ער שטאַרבט נעבאַך...

— ווער איז דאָרט? — האָט מען אַ פרעג געטהאָן הינטער דער טיהר.

— פון יעגאָר איוואַנאָוויטשען! — האָט שטיל געענטפערט די מוטער. — ער בעט אייך צו איהם...

— איך קום שוין אריין! — האָט מען איהר, ניט אויפעפענענדיג די טיהר, געענטפערט.

זי האָט געוואַרט אַ ווײַלע און האָט ווידער אָנגעקלאַפּט. דאַן האָט

זיך די טיהר שנעל געעפענט און אין קאָרדאָר איז אַרוים אַ הויכע פרוי אין ברילען. זי האָט איילענדיג פעררוקט דעם פערקנייטשטען ארבעל פון איהר בלוזקע און האָט שטרענג אַ פרעג געטהאָן די מוטער:

— וואָס דאַרפט איהר דאָ?

— איך בין פון יעגאָר איוואַנאָוויטש'ען...

— אהא! קומט... אָך קען דאָך אייך! — האָט שטיל אויסגערופען די פרוי. — גוטען אבענד! עס איז דאָ פינסטער...

וולאַסאָווא האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר און האָט זיך דערמאָהנט, אַז דיעזע פרוי פלעגט קומען צו ניקאָלייען.

— אַלע אייגענע מענשען! — איז איהר דורכגעפלויגען אַ געדאַנק אין קאָפּ.

די פרוי האָט דורכגעלאָזען דער מוטער פאָראויס און אליין איז זי נאָכגעגאַנגען הינטער איהר.

— וואָס איז, איהם איז ניט גוט? — האָט זי געפרעגט.

— יא, ער ליעגט. ער האָט אייך געבעטען ברענגען עפּעס וואָס צום עסען...

— נו, דאָס איז גאַנץ איבעריג...

ווען זיי זיינען אריין צו יעגאָרען, האָט זיי בעגעגענט זיין כריפּען:

— איך קלייב זיך אריבערצופּעקלען צו אונזערע עלטער זיידעס, מיין פריינד... ליודמילאַ וואַסיליעוונא, דיעזער מאַן איז אוועק פון טורמע אָהן אַן ערלויבניש פון דער נאַטשאַלסטוואָ — אַן עזות פנים! פריהער פון אַלעם קאָרמעט איהם אָן און נאָכדעם בעהאַלט איהם ערגעץ־וואו.

די פרוי האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און קוקענדיג מיט אויפמערקזאַמקייט אויף דעם קראַנקען'ס פנים, האָט זי שטרענג געזאָגט:

— איהר, יעגאָר איוואַנאָוויטש, האָט בעדאַרפט גלייך שיקען נאָך מיר, ווי נאָר זיי זיינען געקומען צו אייך! און צוויי מאָל, ווי איך זעה, האָט איהר שוין ניט גענומען קיין רפואות — ווי איז מען דאָס אַזוי נאָכלעסיג? איהר זאָגט דאָך אַליין, אַז נאָכדעם ווי איהר נעהמט די רפואות איז אייך לייכטער צו אָטהעמען... חבר, קומט צו מיר!... שוין וועט מען קומען פון האָספּיטאַל נאָך יעגאָר'ען...

— מען נעהמט מיך פאָרט אין האָספּיטאַל? — האָט יעגאָר געפרעגט.

— יא. איך וועל דאָרט זיין מיט אייך...

— אויך דאָרט?

— רעדט ניט קיין נארישקייטען...

רעדענדיג האָט די פרוי פערריכט די קאָלדרע אויף יעגאָר׳ס ברוסט. זי האָט דורכדריינגליך בעטראַכט ניקאָלייען און האָט בעטראַכט די רפואות... גערעדט האָט זי פליסיג, שטיל, אָבער מיט א קלינגענדען קול. איהרע בעוועגונגען זיינען געווען לייכטע, איהר געזיכט בלאַס, איהר פּנים איז ניט געפּעלען געווען דער מוטער: ער איז געווען צו פיעל גדלות׳דיג און איהרע אויגען האָבען געקוקט אָהן א שמייכעל, אָהן גלאַנץ. גערעדט האָט זי אויך אזוי ווי זי וואָלט געקאָמאַנדעוועט.

— נו, מיר וועלען געהן! — האָט זי געזאָגט. — איך וועל זיך שנעל צוריקקעהרען! איהר גיט יעגאָר׳ען אן עס־לעפעל פון אָט דעם. לאָזט איהם ניט רעדען...

און זי איז אַוועק, אַוועקפיהרענדיג מיט זיך ניקאָלייען.

— א זעלטענע פרוי! — האָט יעגאָר געזאָגט, א זיפץ טהוענדיג. — א וואונדערבאַרע פרוי... איהר, באַבינקע, האָט זיך געדאַרפט אַריבערקלייבען צו איהר... זי האַרעוועט זעהר פיעל.

— רעד ניט! נאַ, טרינק בעסער!... — האָט די מוטער ווייך געזאָגט.

ער האָט אַראָפּגעשלונגען די רפואות און האָט פערזשמורענדיג די אויגען פאָרטגעזעצט:

— אַלץ איינס, איך וועל סיי ווי סיי שטאַרבען, און אז איך וועל שוין אפילו שווייגען, איז וואָס?

ער האָט א קוק געטהאָן אויף דער מוטערס פּנים און זיינע ליפּען האָבען זיך לאַנגזאַם פאַנאַנדערגעשפּרייט אין אַ שמייכעל. די מוטער האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ, און א שאַרפער מיטלייד־געפיהל צו איהם האָט ארויסגערופען ביי איהר טרעהרען.

— עס מאַכט ניט אויס, באַבינקע, דאָס איז נאַטירליך... דאָס פערגעניגען צום לעבען שלעפּט מיט זיך נאָך די פליכט צו שטאַרבען...

די מוטער האָט אַרויפגעלעגט איהר האַנד אויף זיין קאָפּ און זי האָט ווידער שטיל געזאָגט:

— אפשר וואָלסטו פאָרט שווייגען?...

ער האָט פערמאַכט די אויגען, פונקט ווי ער וואָלט זיך צוהערען צו דאָס כריפּען פון זיין האַרץ און ער האָט ווידער עקשנות׳דיג פאָרטגעזעצט:

— עס האָט קיין זין ניט צו שווייגען, באַבינקע... וואָס וועל איך געווינען פון שווייגען? עטליכע איבעריגע מינוטען פון גסיסה און פערלירען וועל איך דעם גרויסען פערגעניגען צו פּלאַפּלען א ביסעל מיט א גוטען מענשען... איך דענק, אז אויף יענער וועלט זיינען ניטאָ אַזעלכע גוטע מענשען, ווי אויף דער וועלט...

די מוטער האָט איהם אונרוהיג אונטערבראָכען:

— אָט וועט באַלד קומען די פּריצ'טע, און זי וועט זיך בייזערען אויף מיר פאַרוואָס איך לאָז דיך רעדען...

— זי איז ניט קיין פּריצטע, נאָר אַ רעוואָלוציאָנערקע, אַ חבר, אַ זעלטענע נשמה... בייזערען זיך אויף איך, באַבינקע, וועט זי זיכער. זי בייזערט זיך אויף אַלעמען און אימער...

און לאַנגזאַם, קוים וואָס בעוועגענדיג מיט די ליפּען, האָט יעגאָר אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען די לעבענס-געשיכטע פון זיין שכנה. זיינע אויגען האָבען געשמייכעלט. די מוטער האָט בעמערקט, אַז ער רייצט זיך בכיון מיט איהר און קוקענדיג אויף זיין בלוי-געוואָרענעם פּנים, האָט זי געטראַכט:

— ער וועט שטאַרבען...

עס איז אריין ליודמילאַ און, פאַרזיכטיג צומאַכענדיג הינטער זיך די טיהר, האָט זי אָנגעפאַנגען צו רעדען, ווענדענדיג זיך צו ווּלאַסאָוואַ'ן:

— אייער בעקאַנטער דאַרף זיך איבערטהאָן און וואָס שנעלער אוועקגעהן פון מיין קוואַרטיר. דאַרום, פּעלאַגעיאַ ניליאָוונאַ, געהט גלייך, קריגט פאַר איהם קליידער און ברענגט זיי גלייך אַהער. אַ שאָד, וואָס סאָפיע איז ניטאָ... דאָס איז איהר ספּעציאַליטעט — בעהאַלטען מענשען.

— זי קומט מאָרגען צו פאָהרען! — האָט ווּלאַסאָוואַ בעמערקט, אַרויפוואַרפענדיג דאָס טיכעל אויף די פּלייצעס.

יעדען מאָל, ווען מען פּלעגט זיך מיט איהר וואָס פערשאַפען, פּלעגט איהר גלייך אַרומנעהמען אַ וואונש צו ערפילען די זאַך שנעל און גוט און זי פּלעגט שוין ניט קענען טראַכטען וועגען וואָס ניט איז אַנדערש, אויסער וועגען איהר אויפגאַבע. אויך יעצט האָט זי בעזאָרגט געפרעגט:

— ווי דענקט איהר איהם אָנצוטהאָן?

— אַלץ איינס! ער וועט געהן ביינאַכט...

— ביי נאַכט איז נאָך ערגער — עס זיינען דאָ ווענינער מענשען אויף די גאַסען, שפּיאָנעוועט מען מעהרער. און ער איז ניט אַזאַ ריהרעוודיגער.

יעגאָר האָט זיך הייזעריג פאַנאַנדערגעלאַכט.

— איהר זייט נאָך יונג, באַבינקע!

— און אין האָספּיטאַל קען איך קומען צו דיר? — האָט די מוטער געפרעגט.

ער האָט, הוסטענדיג, אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. ליודמילאַ האָט אַ קוק געטהאָן דער מוטער אין פּנים און האָט איהר פאָרגעלעגט:

— ווילט איהר העלפען וואַכען ביי איהם? יאַ? גוט!... און יעצט געהט שנעלער...

זי האָט צערטליך אָנגענומען דער מוטער פאַר'ן האַנד, האָט איהר אַרויסגעפיהרט הינטער דער טיהר און דאָרט האָט זי איהר שטיל געזאָגט:

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, וואָס איך שיק אייך אַזוי אַרויס... איך ווייס, אַז דאָס איז גראָב... אָבער פאַר איהם איז שעדליך צו רעדען... און איך האָב אַ האָפנונג...

דיעזע ערקלעהרונג האָט דער מוטער אַ ביסעל צוטומעלט און זי האָט געענטפערט:

— וואָס איז מיט אייך? דאָס זיינען דען גראָבקייטען?... נו, איך געה. צום ווידערזעהן...

— זעהט נאָר צו עס זיינען ניטאָ קיין שפּיאָנען! — האָט שטיל געזאָגט די פרוי. אויפהויבענדיג די הענד צום געזיכט, האָט זי אַ ריב געטהאָן די שלייפען. איהרע ליפּען האָבען געציטערט און דער פּנים איז געוואָרען ווייכער...

— איך ווייס!... — האָט די מוטער ניט אָהן שטאָלץ געענטפערט.

אַרויסגעהענדיג פון טויער, האָט זי אויף איין מינוט, פערריכטענדיג דאָס טיכעל און אונבעמערקט נאָר אויפמערקזאַם אַרומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטען. זי האָט שוין כמעט אָהן אַ טעות געקענט דערקענען אַ שפּיאָן צווישען אַנדערע מענשען. איהר איז שוין גוט געווען בעקאַנט דער זאָרגלאָזער גאַנג, די אָנגעצווינגענע פרעכקייט פון זייערע זשעסטיקולאַציעס, דער אויסדרוק פון מיעדקייט און לאַנגווייליגקייט אויף זייער פּנים און די שלעכט בעהאַלטענע שרעקעדיגע און שולדיגע שימערען פון זייערע אונרוהיגע און שאַרפע אויגען.

דיעזען מאָל האָט זי ניט בעמערקט קיין בעקאַנטען פּנים און ניט איילענדיג זיך איז זי אַוועק איבער'ן גאַס און נאָכדעם האָט זי געדונגען אַ פוהרמאַן און האָט איהם געבעטען אָפּפיהרען איהר אויפ'ן מאַרק. קויפענדיג די קליידער פאַר ניקאָליייען, האָט זי זיך שטאַרק געדונגען מיט די קרעמער און דערביי האָט זי שטאַרק געזידעלט איהר מאַן דעם שיכור, וועמען זי דאַרף אַלע מאָנאַט קויפען נייע קליידער. דיעזער איינפאַל האָט זעהר ווייניג געווירקט אויף די קרעמער, איז אָבער שטאַרק געפעלען געוואָרען איהר אַליין — אויפ'ן וועג איז איהר איינגעפאַלען, אַז די פּאָליציי וועט זיך מסתמא כאַפּען, אַז ניקאָליי דאַרף זיך איבערטהאָן און זי וועט דאַרום שיקען שפּיאָנען אויפ'ן מאַרק. און מיט אַזאַ נאַאיווע פּאָרזיכטיגקייט האָט זי זיך צוריק־

געקעהרט אויף יעגאַר'ס קוואַרטיר. נאָכדעם איז איהר אויסגעקומען איהם אָפּצופיהרען אין אַן עק שטאָדט. זיי זיינען געגאַנגען אויף בעזונדערע זייטען פון גאַס און דער מוטער איז געוועזן לעכערליך און אנגענעהם צו זעהן ווי ניקאָליי האָט זיך שווער געשלעפּט פּלאָנטערענדיג זיינע פיס אין די לאַנגע פאָלעס פון זיין געלען מאַנטעל און ווי ער פלעגט פעררינכטען די היטעל, וועלכע פלעגט זיך אראָפּלאָזען ביי איהם אויפ'ן נאָז. אין איינע פון די פּוסטע גאַסען האָט זיי בעגעגענט סאַשענקאַ, און די מוטער, געזעגענענדיג זיך מיט וויעסאָווטשיקאָוו'ען דורך אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, איז אוועק אַהיים.

— און פּאַווליושאַ און אַנדערע זיצען... — האָט זי מיט אומעט אַ טראַכט געטהאָן.

## 10.

ניקאָליי האָט איהר בעגעגענט מיט אַן אונרוהיגען אויסרוף:

— איהר ווייסט — יעגאַר'ען איז זעהר שלעכט... זעהר! מען האָט איהם אָפּגעפיהרט אין האָספּיטאַל... דאָ איז געוועזן ליודמילאַ. זי בעט אייך, אַז איהר זאָלט קומען אַהין צו איהר...

— אין האָספּיטאַל?

ניקאָליי האָט מיט אַ נערוועזער בעוועגונג פעררינכט זיינע ברילען, האָט איהר געהאָלפען אָנטהאָן דעם מאַנטעל און דריקענדיג איהר האַנד מיט זיין טרוקענער, וואַרימער האַנד, האָט ער מיט אַ ציטערנדער שטימע געזאָגט:

— יאַ! נעהמט מיט זיך דיעזען פּעקעלע... וויעסאָווטשיקאָוו'ען האָט איהר בעזאָרגט?

— אַלעס גוט...

— איך וועל אויך קומען אַהין... צו יעגאַר'ען...

פון מיעדקייט האָט זיך ביי דער מוטער געדרעהט דער קאָפּ און ניקאָליי'ס אונרוהיגע שטימונג האָט אין איהר אַרויסגערופען אַן אומעדיגען פאָרגעפיהל פון אַ דראַמע.

— הייסט עס — ער שטאַרבט... — האָט אין איהר קאָפּ טעמפּ געקלאַפּט אַ דונקעלער געדאַנק.

ווען זי איז אָבער געקומען אין דעם קליינעם, ריינעם און ליכטיגען צימער פון האָספּיטאַל און זי האָט דערזעהן, אַז יעגאַר זיצט אויפ'ן בעטעל אין אַ ווייסען באַרג פון קישענס און ער לאַכט הייזעריג — האָט דאָס איהר גלייך בערוהיגט. זי האָט זיך שמייכלענדיג געשטעלט אין טיהר און האָט זיך צוגעהערט ווי דער קראַנקער רעדט מיט'ן דאָקטאָר:

— היילען זיך — דאָס איז אַ רעפאָרמע...

פלאַפּל ניט, יעגאָר! — האָט מיט אַ דינעם קול פערזאָרגט געזאָגט דער דאָקטאָר.

— און איך בין אַ רעוואָלוציאָנער.. איך האָב פיינט רעפאָרמען...

דער דאָקטאָר האָט פאָרזיכטיג אוועקגעלעגט יעגאָר'ס האַנד אויף זיין קניע, האָט זיך אויפגעשטעלט פון שטוהל און צופענדיג פערטראַכט זיין בערדעל, האָט ער אָנגעפאַנגען צו טאַפּען מיט די פינגער די געשוואָלענע ערטער אויפ'ן קראַנקען'ס פנים.

די מוטער האָט גוט געקענט דעם דאָקטאָר. ער איז געווען איינער פון ניקאָליי'ס נאָהענטסטע חברים. זיין נאָמען איז געווען איוואַן דאַנילאָ־וויטש. זי איז צוגעגאַנגען צו יעגאָר'ען — ער האָט אַרויסגעשטעלט דעם צונג אַנטקעגען. דער דאָקטאָר האָט זיך אָפּגעקעהרט.

— אַ, נילאָוונאַ! וואָס מאַכט איהר? זעצט זיך! וואָס האַלט איהר דאָ אין האַנד?

— ביכער, מסתמא!

— ער טאָר ניט לעזען! — האָט בעמערקט דער קליינינקער דאָקטאָר.

— ער וויל מיר מאַכען פאַר אַן אידיאָט! — האָט זיך ניקאָליי בעקלאָגט.

— שווייג! — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

קורצע, שווערע קרעכצען פלעגען זיך אַרויסרייסען פון יעגאָר'ס האַרצען, זיין פנים איז געווען בעדעקט מיט אַ לייכטען שוויים. ער פלעגט לאַנגזאַם אויפהויבען זיינע אונגעהאָרכזאַמע, שווערע הענד און פלעגט אָפּווישען דעם שוויים פון שטערען. די מאָדנע פערגליווערטקייט פון זיינע פערשוואָלענע באַקען האָט פערקריפּעלט זיין ברייטען, גוטען פנים און נאָר זיינע טיעפע איינגעפאַלענע אויגען האָבען געקוקט קלאָר מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל.

— עה, וויסענשאַפט! איך בין מיעד... קען איך זיך לעגען?... — האָט ער געפרעגט.

— מען טאָר ניט! — האָט קורץ געענטפערט דער דאָקטאָר.

— נו, וועל איך זיך לעגען, ווען דו וועסט אוועקגעהן...

— איהר, נילאָוונאַ, זאָלט איהם דאָס ניט לאָזען! פערריכט די קי־שענס... און, איך בעט אייך, רעדט ניט מיט איהם. דאָס איז שעדליך פאַר איהם...

די מוטער האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. דער דאָקטאָר איז אוועק מיט שנעלע טריט. יעגאָר האָט פערוואָרפען דעם קאָפּ, האָט צו־געמאַכט די אויגען און איז אַנטשוויעגען געוואָרען, בלויז די פינגער פון זיינע

הענד האָבען זיך בעוועגט. פון די ווייסע וועגד פון דעם קליינעם צימערעל האָט געוועהט אַ קעלט און אַ בלאָסער, טריעבער אומעט... אין גרויסען פענסטער האָבען אריינגעקוקט די געדיכטע לינדען־בוימער, אין די דונקעלע, שטויביגע בלעטער האָבען געגלאַנצט געלע פלעקען — סמנים פון דער קאַל־טער בעריהרונג פון דעם אָנקומענדען הערבסט.

— דער טויט קומט צו מיר לאַנגזאַם... אָהן חושק... — האָט יעגאָר אָנגעפאַנגען צו רעדען, ניט בעוועגענדיג זיך און ניט עפענענדיג די אויגען. — ער אַליין האָט, ווי עס שיינט, אַ ביסעל רחמנות אויף מיר — געוועזען אַזאַ וואוילער בחור, וועלכער האָט געקענט מיט אַלעמען הויזען...

— וואָלסט בעסער געשוויעגען, יעגאָר איוואַנאָוויטש! — האָט די מוטער געבעטען, שטיל גלעטענדיג זיין האַנד.

— וואַרט, באַבינקע, באַלד וועל איך אַנטשוויעגען ווערען...

שטיקענדיג זיך, ארויסרעדענדיג יעדען וואָרט מיט דער גרעסטער אָנ־שטרענגונג, האָט ער פאָרטגעזעצט, איבעררייסענדיג זיינע רייד מיט לאַנגע פויזען פון מאַכטלאָזיגקייט.

— דאָס איז אויסגעצייכענט, וואָס איהר זיינט מיט אונז... עס איז אָנגענעהם צו זעהן אייער פּנים, באַבינקע... און אייערע אויפמערקזאַמע אָפענע אויגען... אייער נאַאיוויטעט... מיט וואָס וועט זי ענדיגען? — פרעג איך זיך אַ מאָל — און עס ווערט מיר אומעטיג אויפ'ן הארצען, ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז אייך ערוואַרטעט, ווי אַלעמען, טורמע, פערשיקונג און אַנדערע שווייגעריי... איהר האָט ניט מורא פאַר טורמע?

— ניין! — האָט זי איינפאַך געענטפערט.

— נו, יאָ, געוויס... און דאָך איז טורמע אַ פּאַסקודנע זאַך... דאָס האָט זי מיר אַזוי צוקאַליטשעט... דעם אמת גערעדט ווילט זיך מיר ניט שטאַרבען...

— אפשר וועסטו נאָך ניט שטאַרבען! — האָט זי געוואָלט זאָגען, נאָר אַ קוק טהוענדיג אויף זיין פּנים, האָט זי געשוויעגען.

— איך וואָלט נאָך געקענט אַרבייטען... ניט שלעכט... נאָר אויב מען קען ניט אַרבייטען, איז דאָס לעבען נאַריש...

— דאָס איז ריכטיג, אָבער עס איז אַ קנאַפּע טרייסט! — האָט די מוטער, ניט ווילענדיג דערמאָהנט זיך אָן אַנדריי'ס ווערטער און זי האָט שווער אַ זיפץ געטהאָן.

זי איז זעהר מיעד געוואָרען פאַר'ן טאָג און איהר האָט זיך געוואָלט עסען. דאָס איינטאָניגע פייכטע שעפּטשען פון קראַנקען האָט אָנגעפילט

דאָס צימער און האָט הילפלאָז ארומגעפויזעט איבער די ווענד. די שפּיצען פון די לינדען־בוימער האָבען אויסגעקוקט ווי אראָפּגעלאָזענע וואָלקענס און זייער טרויעריגע, שווארצע פאַרב האָט ארויסגערופען פערוואונדערונג. אין דער דונקעלער אומבעריהרבארקייט, אין דער וועהמוטהיגער ערווארטונג פון דער נאכט האָט אַלעס עפּעס אזוי זאָנדערבאר געהאַלטען אין אָפּשטארבען.

— ווי שלעכט מיר איז! — האָט יעגאָר געזאָגט און, צומאַכענדיג די אויגען, איז ער אנטשוויעגען געוואָרען.

— שלאָף איין! — האָט די מוטער איהם אַן עצה געגעבען. — אפשר וועט דיר בעסער ווערען.

נאָכדעם האָט זי זיך צוגעהערט צו זיין אָטהעמען, האָט זיך ארומגע־קוקט, איז געזעסען אזוי פעראומערט עטליכע מינוט און איז אנדרימעלט געוואָרען.

א פאַרזיכטיגער גערויש לעבען טיהר האָט איהר אויפגעוועקט. זי האָט א ציטער געטהאָן און האָט דערזעהן יעגאָר'ס אָפענע אויגען.

— איך בין אנטשלאָפען געוואָרען... ענטשולדיג מיר! — האָט זי שטיל געזאָגט.

— אויך דו ענטשולדיג... — האָט ער אויך שטיל איבערגע'חזר'ט.

אין פענסטער האָט אריינגעקוקט דער דונקעלער פארנאכט, א מוטנע קעלט האָט געדריקט די אויגען; אַלעס איז עפּעס אזוי דונקעל געוואָרען, אויך דעם קראַנקען'ס פּנים איז דונקעל געוואָרען. עס האָט זיך דערהערט א גערויש און ליודמילאַ'ס שטימע.

— מען זיצט אין דער פינסטער און מען שעפּטשעט זיך... וואו זשע איז דאָ די קנאָפּקע?

דער צימער האָט זיך פּלוצלונג אָנגעגאָסען מיט א ווייסען אונפריינד־ליכען ליכט. ליודמילא איז געשטאַנען אין גאַנצען א שווארצע, א הויכע און א גלייכע.

יעגאָר האָט שטארק א ציטער געטהאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער און האָט אויפגעהויבען די האַנד צום הארצען.

— וואָס? — האָט אויסגעשריען ליודמילאַ, צולויפענדיג צו איהם.

ער האָט געקוקט אויף דער מוטער מיט די בעוועגלאָזע אויגען און יעצט האָבען זיי אויסגעזעהן גרויס און מאָדנע העל.

— ווארט... — האָט ער א שעפּטשע געטהאָן.

ברייט פאַנאַנדערעפענענדיג דאָס מויל, האָט ער פעררייסען דעם קאָפּ ארויף און האָט אויסגעשטרעקט די האַנד פאָרויס... די מוטער

האָט פאַרזיכטיג אָנגענומען זיין האַנד און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם געקוקט אויף יעגאָר'ס פנים. מיט אַ קראַמפּפהאַפטער און שטאַרקער בעוועגונג פון האַלז האָט ער פערוואָרפען דעם קאָפּ און האָט הויך געזאָגט:

— איך קען ניט... אויס...

זיין קערפּער האָט ווייך אַ ציטער געטהאָן, דער קאָפּ איז מאַכטלאָז אַראָפּגעפאַלען אויפ'ן פלייצע און אין די ברייט־פאַנאַנדערגעעפענטע אויגען האָט זיך אָפּגעשפּיעגעלט דער קאַלטער ליכט פון לאָמפּ, וואָס האָט געברענט איבער'ן בעטעל.

— מיין טהייערינקער! — האָט די מוטער אַרויסגעשעפּטשעט.

ליודמילאַ איז לאַנגזאַם אָפּגעטראָטען פון בעט, האָט זיך אָוועקגעשטעלט לעבען פענסטער און, קוקענדיג ערגעץ פאַראויס, האָט זי עפּעס מיט אַ ניט געוועהנליכען פאַר דער מוטער קול געזאָגט:

— ער איז געשטאָרבען...

זי האָט זיך אויפגעהויבען, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלענבויגענס אָן פענסטער און האָט מיט אַ ציטערענדען קול געזאָגט:

— ער איז געשטאָרבען... רוהיג און העלדיש... ניט בעקלאָגענדיג זיך...

און פלוצלונג, פונקט ווי מען וואָלט איהר אַ קלאַפּ געטהאָן איבער'ן קאָפּ, האָט זי זיך מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזען אויף די קניע, האָט צוגעדעקט דעם פנים מיט די הענד און האָט מיט אַ פערשטיקטען קול אָנגעהויבען צו קרעכצען.

צוזאַמענלעגענדיג יעגאָר'ס שווערע הענד אויף זיין האַרצען, פעררי־טענדיג אויפ'ן קישען די זאָנדערבאַר וואַרימע קאָפּ, האָט די מוטער אָפּגעווישט די טרעהרען, איז צוגעגאַנגען צו ליודמילאַ'ן, האָט זיך איבערגעבויגען איבער איהר און האָט שטיל אַ גלעט געטהאָן איהרע געדיכטע האָאָר. די פרוי האָט זיך לאַנגזאַם אָפּגעקעהרט צו איהר — איהרע מאַטאָווע אויגען האָבען זיך קרענקליך פאַנאַנדערגעברייטעט, זי האָט זיך געשטעלט אויף די פיס און האָט מיט ציטערענדע ליפּען געשעפּטשעט:

— איך קען איהם שוין פון לאַנג... מיר זיינען צוזאַמען געוועזען פערשיקט, צוזאַמען אין די טורמעס געזעסען... צייטענווייז איז געוועזען אונערטרעגליך, אָבשייליך, פיעלע האָבען פערלאָרען דעם מוטה...

אַ טרוקענער, הויכער יאָמער האָט איהר פערשפּאַרט די האַלז, זי האָט זיך געפּסטאַרעט איינצוהאַלטען איהם, און דערנעהנטערענדיג צו דער מוטער איהר געזיכט, וועלכער איז ווייכער געוואָרען פון דעם צאַרטען, אומעדיגען געפיהל און האָט איהר פיעל איינגער געמאַכט, האָט זי פאַרטגעזעצט:

— און ער איז אימער געווען אונערמיעדליך פרעהליך, פלעגט שפאסען, לאכען... פערבארגענדיג זיינע ליידען... סטארענדיג זיך צו ערמוטהיגען די שוואכע... א גוטער, מיטפיהלענדער. דארט, אין סיביר, ווערען די מענשען פון גארנישט טהאן איבערגעפיהרט. אפטמאל רופט אזא לעבען ארויס די שלעכטע אייגענשאפטען. ער האט אבער אימער געקענט בייקומען אין זיך די שלעכטס... ס'ארא טהייערער חבר ער איז געווען, ווען איהר וואלט וויסען. זיין אייגענער לעבען איז געווען א שווערער, ער האט זיך שטענדיג געמאטערט... אבער קיינער האט איהם ניט געהערט בעקלאגענדיג זיך.... קיינער קיינמאל ניט. אט בין איך געווען זיין נאהענטטער פריינד... איך האב איהם פיעל צו פערדאנקען. ער האט מיר געגעבען אלעס, וואס זיין מח איז נאר געווען אימשטאנדע און אן איינזאמער, א מיעדער האט ער קיינמאל ניט געבעטען דערפאר ניט קיין לאסקע און ניט קיין אויפמערקזאמקייט...

זי איז צוגעגאנגען צו יעגאר'ען, האט זיך איינגעבויגען און קושענדיג זיין האנד, האט זי אומעדיג שטיל געזאגט:

— חבר... טהייערער מיינער, ליעבער! איך דאנק דיר מיט'ן גאנצען הארצען... שלאף רוהיג! איך וועל ארבייטען, ווי דו... אונערמיעדליך, אהן צווייפעל, דעם גאנצען לעבען... שלאף רוהיג!

א העפטיגער שלוכצען האט אויפגעציטערט איהר קערפער און שטיקענדיג זיך, האט זי אוועקגעלעגט איהר קאפ אויפ'ן בעטעל לעבען יעגאר'ס פיס.

די מוטער האט שווייגענדיג געוויינט און די הייסע טרעהרען האבען געברענט די הויט פון איהרע באקען. זי האט זיך געסטארעט איינצוהאלטען זיי, איהר האט זיך געוואלט ארויסציינגען צו ליודמילא'ן א בעזונדערע מילדקייט און ריידען וועגען יעגאר'ען מיט גוטע ווערטער פון ליעבע און אומעט... דורך טרעהרען האט זי געקוקט אויף זיין איינגעפאלענער געזיכט, אויף זיינע אויגען, וועלכע זיינען געווען צוגעדעקט מיט די אראפגעלאזענע ברעמען און אויף די דונקעלע ליפען, וועלכע זיינען פערגליווערט געווארען אין א לייכטען שמייכעל. עס איז געווען שטיל און לאנגווייליג ליכטיג...

עס איז אריינגעקומען איוואן דאנילאוויטש, ווי אימער מיט איילענדע, קורצע טריט. ער איז אריין, האט זיך פלוצלונג אפגעשטעלט אין מיטען צימער און, אריינלעגענדיג אויף גיך די האנד אין קעשענע, האט ער מיט א נערוועזען קול הויך געפרעגט:

— לאנג שוין?...

איהם האָט מען ניט געענטפערט. ער האָט אָפּגעווישט דעם שוויים פון פּנים, איז צוגעגאַנגען צו יעגאָר'ען, האָט אַ טאַפּ געטהאָן זיין האַנד און איז אָפּגעטראָטען אָן אַ זייט.

— עס איז גאָר קיין וואונדער ניט... מיט זיין האַרץ... האָט דאָס נאָך געדאַרפט פּאַסירען מיט אַ האַלב יאָהר צוריק... אַם וועניגסטענס...

זיין הויכער, רוהיגער קול האָט זיך פּלוצלונג איבערגעריסען. צו־שפּאַרענדיג זיך מיט'ן רוקען צום וואַנד, האָט ער מיט די פינגער געדרעהט זיין בערדעל און פינטלענדיג אָפּט מיט די אויגען, האָט ער געקוקט אויף דער גרופּע, וועלכע איז געשטאַנען לעבען בעטעל.

— נאָך איינער... — האָט ער שטיל אַ זאָג געטהאָן.

ליודמילאַ האָט זיך אויפגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט איהם אויפגעעפענט.

די מוטער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט זיך ארומגעקוקט, זיפ־צענדיג. אין אַ מינוט ארום זיינען זיי אַלע דריי געשטאַנען ביים פענסטער, ענג צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע און זיי האָבען געקוקט אויף דעם דונ־קעלען געזיכט פון דער הערבסט נאַכט. איבער די שווארצע שפּיצען פון די ביימער האָבען געלויכטען שטערען אונענדליך פערטיעפענדיג די וויט־קייט פון די הימלען...

ליודמילאַ האָט גענומען דער מוטער אונטער'ן אָרעם און זי האָט זיך שווייגענדיג צוגעטוליעט צו איהר פּלייצע. דער דאָקטאָר האָט, שטאַרק איינגעבויגענדיג זיין קאָפּ, אויסגעווישט מיט'ן טיכעל זיינע ברילען. אין דער שטילקייט הינטער'ן פענסטער האָט מיעד געקרעכצט דער ביינאַכטיגער גערויש פון שטאָדט, אַ קעלט האָט געבלאָזען אין די פּנים'ער. ליודמילאַ פלעגט אויפציטערען און איבער איהר באַק האָט געראָנען אַ טרעהר... אין קאָרידאָר פון האָספּיטאַל האָבען ארומגעשוועבט דערשטיקטע, דערשראָ־קענע קלאַנגען, בלאַסע קרעכצען, אַ וועהמוטהיגער שעפּטשען און אַ גערויש פון טריט. די מענשען זיינען געשטאַנען אונבעריהרבאַר לעבען פענסטער, האָבען געקוקט אין דער פינסטערניש און האָבען געשוויגען.

די מוטער האָט זיך דערפיהלט איבעריג דאָ און, פאָרזיכטיג בעפרייענדיג איהר האַנד, איז זי צוגעגאַנגען צום טיהר, אַ נייג טהוענדיג זיך צו יעגאָר'ען.

— איהר געהט אוועק? — האָט דער דאָקטאָר שטיל, ניט ארומקו־קענדיג זיך געפרעגט.

— יאָ...

אויפ'ן גאס האט זי א טראכט געטהאן וועגן ליודמילא'ן, דערמאהנענדיג זיך אן איהרע קארגע טרעהרען:

— אויסוויינען זיך אפילו קען זי אויך ניט, ווי עס בעדארף צו זיין...

יעגאר'ס ווערטער פאר'ן טויט האבען ביי איהר ארויסגערופען א שטילען זיפץ. לאנגזאם שפרייזענדיג איבער'ן גאס, האט זי זיך דערמאהנט אן זיינע לעבעדיגע אויגען, זיין שפאסען און זיינע מעשיות וועגען לעבען.

— א גוטען מענשען איז שווער צו לעבען. שטארבען אבער איז איהם לייכט... ווי א שטייגער וועל איך עס שטארבען?...

נאכדעם האט זי זיך פארגעשטעלט ליודמילא'ען און דעם דאקטאר, שטעהענדיג ביים פענסטער אין דעם ווייסען, ליכטיגען צימער, יעגאר'ס טויטע אויגען הינטער זיי און מיט א געפיהל פון א דריקענדען מיטלייד צו די מענשען, האט זי א שווערען זיפץ געטהאן און איז אוועק שנעלער — עפעס אן אומעדיגער געפיהל האט איהר אונטערגעטריעבען.

— מען דארף שנעלער! — האט זי געטראכט, אונטערוואדפענדיג זיך צו דער אומעדיגער, אבער שטארקער אינערליכער קראפט, וועלכע האט איהר געשטויסען פארווערטס.

## 11.

דעם גאנצען טאג איז די מוטער געווען פערנומען מיט צוגרייטען די לויה און אין אבענד, ווען זי, ניקאליי און סאפיע האבען געטרונקען טהעע, איז ערשיענען סאשענקא עפעס מאדנע א רוישיגע און א לעבהאפטע... איהרע באקען האבען געברענט, די אויגען האבען פרעהליך געלויכטען און איהר גאנצע געשטאלט, ווי עס האט זיך געדוכט דער מוטער, איז געווען אנגעפילט עפעס מיט א פרעהליכער האפנונג. איהר שטימונג האט זיך שארף און שטורמדיג אריינגעריסען אין די טרויעריגע עראינערונגען וועגען דעם פערשטארבענעם און האט אלעמען צומישט און פערבלענדעט, פונקט ווי א פייער, וועלכער וואלט פלוצלונג אויפגעפלאמט אין דער פינסטערניש. ניקאליי האט נאכדענקליך געקלאפט מיט'ן פינגער איבער'ן טיש און האט געזאגט:

— איהר זייט היינט עפעס ניט עהנליך אויף זיך אליין, סאשא...

— יא? פיעלייכט! — האט זי געענטפערט און זי האט זיך פאנאנדערגעלאכט מיט א גליקליכען געלעכטער.

די מוטער האט א קוק געטהאן אויף איהר מיט א שטומען פארוואורף. סאפיע אבער האט בעמערקט:

— און מיר האָבען גערעדט וועגען יעגאַר איוואַנאָוויטש...

— ס'אַרא זעלטען מענש, ניט וואהר? — האָט סאַשא אויסגערופען. — איך האָב איהם קיינמאָל ניט געזעהן אָהן א שמייכעל, אָהן א שפּאַס... און ווי ער האָט עס געאַרבייט! דאָס איז געוועזען א קינסטלער פון דער רעוואָלוציאָן, ער האָט בעזעסען דעם רעוואָלוציאָנערען געדאַנק, ווי א גרויסער מייסטער. מיט וואָס פאַר אַן איינפאַכקייט און קראַפט ער פלעגט אימער שילדערען די בילדער פון ליגען, געוואַלד און אונרעכט... איך האָב איהם פיעל צו פערדאַנקען...

זי האָט גערעדט ניט הויך מיט א פערטראַכטען שמייכעל אין די אויגען, אָבער דיעזער שמייכעל האָט ניט אויסגעלאָשען דעם טריאומפירענדען פייער, וועלכען די פריינדע אַרום האָבען געזעהן אין איהר בליק און האָבען זיך עס ניט געקענט ערקלעהרען.

די מענשען האָבען א מאָל ליעב זייערע געפיהלען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דאָס ברענגט זיי שאַדען; זיי קאָקעטירען מיט זיי און אָפט בעשאַפען זיי אפילו פון זייערע צרות פאַר זיך א געפעהרליכען צייט־פערטרייב, וועלכער עסט זיי דאָס האַרץ. אזוי האָבען אויך די פריינד ניט געוואָלט אָפּפערען די טרויעריגע שטימונג וועגען חבר פאַר דעם געפיהל פון פרייד, וועלכען סאַשא האָט אַריינגעבראַכט, און פערטהיידיגענדיג זייער רעכט אויף אומעט, האָבען זיי ניט ווילענדיג געסטאַרעט זיך אַריינצוציהען די מיידעל אין זייער שטימונג...

— און אָט איז ער געשטאָרבען! — האָט קוקענדיג מיט אויפמערקזאַמקייט אויף איהר געזאָגט סאָפיע.

סאַשא האָט אַלעמען בעטראַכט מיט א שנעלען, פרעגענדען בליק און איהרע ברעמען האָבען זיך צוזאַמענגעקנייטשט. זי האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט לאַנגזאַם פעררויכט די האָאַר.

— געשטאָרבען? — האָט זי הויך געזאָגט נאָך א קורצער פּויזע... — עס איז מיר שווער דאָס צו גלויבען...

זי איז זיך דורכגעגאַנגען איבער'ן צימער און, פּלוצלונג אָפּשטעלענדיג זיך, האָט זי עפּעס מיט א מאָדנעם קול געזאָגט:

— וואָס הייסט געשטאָרבען? וואָס איז טויט? איז דען מיין אַכטונג צו יעגאָר'ען, מיין ליעבע צו איהם, צום חבר, מיין ערינערונג וועגען זיין געדאַנקען־אַרבייט, טויט? זיינען דען פערשוואונדען די געפיהלען, וועלכע ער האָט אַרויסגערופען אין מיין האַרצען, איז דען צושלאָגען געוואָרען מיין פאָרשטעלונג וועגען איהם ווי וועגען א העלדישען, עהרליכען מענשען?

צי דען איז דאָס אַלעס טויט? — אָט דאָס אַלעס וועט פאַר מיר קיינמאָל ניט אָפּשטאַרבען, איך ווייס!... מיר דוכט זיך, אַז מיר איילען זיך צו שנעל צו זאָגען וועגען אַ מענשען: ער איז טויט. טויט זיינען זיינע ליפּען, אָבער זיין וואָרט וועט אימער לעבען אין די הערצער פון די לעבעדיגע!

אַן אויפגערעגטע האָט זי זיך ווידער געזעצט צום טיש, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן איהם און האָט ווייטער פאָרטגעזעצט:

— אפשר איז דאָס נאַריש, וואָס איך זאָג, אָבער — איך גלויב, חברים, אין דער אונשטערבליכקייט פון די עהרליכע מענשען... אין דער אונשטערבליכקייט פון די יעניגע, וועלכע האָבען מיר געגעבען דאָס גליק צו פיהרען אַ שעהנעם, גייסטרייכען לעבען.

— מיט אייך האָט עטוואָס גוטעס פּאַסירט? — האָט סאָפיע שמייכלענדיג געפרעגט.

— יאַ! — האָט סאַשאַ, צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ געזאָגט. — עטוואָס זעהר גוטעס, דאַכט זיך מיר! איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געשמועסט מיט וויעסאָוושטשיקאָוו'ען... איך האָב איהם פריהער ניט ליעב געהאַט, עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז ער איז אַ רויהער, אַ פינסטערער. ער איז טאַקע אָהן צווייפעל געווען אַזאַ... אַן אונבעוועגליכע, פינסטערע אויפרעגונג געגען אַלעמען האָט געלעבט אין איהם, ער פלעגט זיך עפּעס אימער שטעלען אין מיטעל־פּונקט פון אַלעס און פלעגט שטענדיג מיט כעס רעדען: איך, איך און איך. דאָס פלעגט מיך שטענדיג אויפרעגען געגען איהם...

זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן און איז ווידער דורכגעלאָפען אַלעמען מיט אַ שטראַהלענדען בליק.

— יעצט זאָגט ער „חברים!“ און מען דאַרף הערען, ווי ער זאָגט עס... מען קען דאָס גאָר מיט ווערטער ניט איבערגעבען. ער איז געוואָרען אַזוי איינפאַך, אויפריכטיג און ער איז אין גאַנצען איבערפילט מיט דעם וואונש צו אַרבייטען. ער האָט זיך אַליין געפונען, ער ווייס זיינע כחות און ווייס וואָס איהם פעהלט... אין איהם איז ענטשטאַנען אַ געפיהל פון אמת'ער חבר'שאַפט, וועלכע בענגענט אַלע שוועריגקייטען פון לעבען מיט אַ שמייכעל...

ווּלאַסאָווא האָט זיך צוגעהערט צו סאַשאַ'ס רייד און איהר איז געווען אָנגענעהם צו זעהן די אימער שטרענגע מיידעל אַזוי מילד און פרעהליך. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זי שמערצליך געטראַכט וועגען איהר זוהן.

— ער — האָט סאַשאַ פאָרטגעזעצט — איז אין גאַנצען פערנומען מיט די געדאַנקען וועגען די חברים, און ווייסט איהר וואָס ער וויל מיך

איבערצייגען? אז עס איז נויטיג זיי צו העלפען אנטלויפען... יא! ער זאגט, אז דאס איז זעהר לייכט און איינפאך...

סאפיע האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט לעבהאפט געזאגט:

— און ווי דענקט איהר, סאשא, איז דאס טאקע אזוי איינפאך?

די גלאז טהעע האט אין דער מוטער'ס האנד געגומען ציטערען און זי האט איהר אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש. סאשא האט פערקנייטשט די ברעמען, איינהאלטענדיג איהר לעבהאפטיגקייט, האט זי געשוויעגען א וויי־לע און נאכדעם האט זי מיט אן ערנסטען טאן און שמייכלענדיג געזאגט:

— ער איז זיכער... אויב מען קען טאקע אלץ אזוי, ווי ער זאגט — דארפען מיר זיך פרואווען... דאס איז אונזער פליכט!...

זי איז רויט געווארען, האט זיך אראפגעלאזען אויפ'ן שטוהל און איז אנטשוויעגען געווארען.

„טהייערינקע מיינע!" האט שמייכלענדיג געטראכט די מוטער.

סאפיע האט אויך א שמייכעל געטהאן און ניקאליי, קוקענדיג מילד סאשא'ן אין פנים אריין, האט זיך שטיל פאנאנדערגעלאכט.

דאן האט די מיידעל אויפגעהויבען דעם קאפ, האט געווארפען א שטרענגען בליק אויף אלעמען און א בלייכע, פינקלענדיג מיט די אויגען, האט זי טרוקען און מיט בעליידיגונג אין קול געזאגט:

— איהר לאכט... איך פערשטעה אייך... איהר דענקט, אז איך בין פערזענליך פעראינטערעסירט אין דעם. יא?

— ווארום, סאשא? — האט סאפיע כיטרע געפרעגט, אויפשטעהענדיג און צוגעהענדיג צו איהר.

דער מוטער האט זיך געדוכט, אז דיעזע פראגע איז איבעריג און איז א בעליידיגונג פאר דער מיידעל. זי האט א זיפץ געטהאן און האט מיט פארוואורף א קוק געטהאן אויף סאפיען.

— אבער איך ענטזאג זיך! — האט סאשא אויסגערופען. — איך וועל ניט אנטהייל נעהמען אין בעשליסען די פראגע, אויב איהר וועט עס פער־האנדלען...

— הערט אויף, סאשא! — האט ניקאליי רוהיג געזאגט.

די מוטער איז אויך צוגעגאנגען צו איהר און איינבויגענדיג זיך האט זי פארזיכטיג איהר א גלעט געטהאן איבער'ן קאפ. סאפיע אבער האט זיך אניעדערגעזעצט לעבען דער מיידעל אויף א שטוהל, האט ארומגענומען איהרע פלייצעס און האט מיט א נייגעריגען שמייכעל, קוקענדיג איהר אין די אויגען, געזאגט:

— איהר זייט א מאָדנער מענש!

— יא, איך האָב, דאכט זיך, בעגאַנגען א נאַרישקייט... אָבער איך האָב ניט ליעב קיין שאָטענס...

— ווי האָט איהר עס געקענט דענקען... — האָט סאָפיע געזאָגט.

אָבער ניקאָליי האָט איהר איבערגעשלאָגען און האָט מיט אַן ערנסטען און זאכליכען טאָן געזאָגט:

— וועגען העלפען זיי אנטלויפען, אויב עס איז נאָר מעגליך, קענען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. אָבער פריהער פון אלץ דארפען מיר וויסען, אויב די אַרעסטירטע חברים אליין ווילען דאָס...

סאשא האָט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ.

סאָפיע האָט, פעררויכערענדיג א פאַפּיראָס, א קוק געטהאָן אויפ'ן ברודער און האָט א וואָרף געטהאָן די שוועבעלע ערגעץ אין א ווינקעל.

— פאַר וואָס זאָלען זיי ניט וועלען? — האָט די מוטער א זיפץ טהוענדיג געזאָגט. — אָבער איך גלויב ניט, אַז מען קען עס...

אלע האָבען געשוויעגען און זי האָט געקוקט אויף אלעמען פרעגענד. איהר האָט זיך אזוי געוואָלט הערען נאָך עטוואָס וועגען דער מעגליכקייט צו אנטלויפען.

— איך דארף זיך זעהן מיט וויעסאָווטשיקאָוו'ען! — האָט סאָפיע געזאָגט.

— גוט! מאָרגען וועל איך אייך זאָגען וואו און ווען! — האָט סאשא געענטפערט.

— וואָס וועט זיין מיט איהם? — האָט סאָפיע, שפּרייזענדיג איבער'ן צימער, געפרעגט.

— מען האָט בעשלאָסען איהם אריינצונעהמען אין דער נייער דרוקעריי. און דערוויל וועט ער וואוינען ביי דעם וואלד־פערוואלטער.

ניקאָליי איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער, וועלכע האָט געהאַלטען אין וואשען די געפעס און האָט איהר געזאָגט:

— איהר געהט דאָך איבערמאָרגען זעהן זיך מיט פּאַוועלען... דארף מען איהם איבערגעבען א צעטעלע... איהר פערשטעהט — מען דארף וויסען...

— איך פערשטעה, איך פערשטעה! — האָט זיך איילענדיג אָפּגערופען די מוטער... — איך וועל איהם שוין איבערגעבען... דאָס איז שוין מיין זאך...

— איך געה אוועק! — האָט סאשא ערקלעהרט און דריקענדיג אלעמען די הענד איז זי אויף שנעל אוועק.

סאָפיע האָט אַרויפגעלעגט איהרע הענד אויף דער מוטערס פּלייצעס און וויעגענדיג איהר אויף'ן שטוהל, האָט זי מיט אַ שמייכעל אַ פרעג געטהאָן:

— איהר, נילאָוונאַ, וואָלט ליעב געהאַט אַזאַ טאָכטער?...

— אָ, גאָטעניו! איך וואָלט וועלען דערלעבען צו זעהן זיי כאָטש איין טאָג צוזאַמען! — האָט וולאַסאָווא אויסגערופען, גרייט פּאַנאַנדערצוואַ־וויינען זיך.

— יאַ, אַ ביסעל גליק... דאָס איז גוט פאַר יעדערען!... — האָט שטיל בעמערקט ניקאָליי. — אָבער עס זיינען ניטאָ אַזעלכע מענשען, וועלכע זאָלען זיך בענוגענען מיט אַ ביסעל גליק... און ווען עס איז דאָ אַ סך — ווערט עס ביליג...

סאָפיע האָט זיך געזעצט לעבען פיאַנאָ און האָט אָנגעפאַנגען צו שפּיע־לען עפּעס אַן אומעטיגען ניגון.

## 12.

אויף מאָרגען אין דער פריה זיינען אַ פּאָאַר צעהנדליג מענער און פרויען געשטאַנען לעבען טויער פון האָספּיטאַל, ערוואַרטענדיג ווען מען וועט אַרויסטראָגען דעם אָרון פון זייער חבר אויף'ן גאַס. לעבען זיי האָבען זיך פאָרזיכטיג אַרומגעדרעהט שפּיאָנען, צוהערענדיג זיך צו די איינצעלנע אויסרופען, פערצייכענענדיג די פּנים'ער, די מאַניערען און די ווערטער, און פון דער אַנדערער זייט גאַס האָבען אויף זיי געקוקט אַ גרופּע פּאָליציי־לייט מיט די רעוואָלווערען ביים גאַרטעל. די פרעכהייט פון די שפּיאָנען, די שמייכלען פון די פּאָליציי־לייט און זייער גרייטקייט אַרויסצוצייגען זייער קראַפט, האָבען אויפגערעגט די פערזאַמעלטע. איינינע, בעהאַל־טענדיג זייער אויפרעגונג, האָבען געשפּאַסט, די אַנדערע האָבען בייז גע־קוקט אויף דער ערד, סטאַרענדיג זיך ניט צו בעמערקען, דאָס בעליידיגענדע פערהאַלטען זיך פון דער פּאָליציי. די דריטע האָבען ניט געקענט איינ־האַלטען זייער כעס און זיי האָבען איראָניש געלאַכט פון דער אַדמיניסטראַ־ציאָן, וואָס האָט מורא פאַר מענשען, וועלכע זיינען נאָר בעוואָפענט מיט'ן וואָרט. דער בלאַס־קלאָרער הימעל פון הערבסט האָט ליכטיג אַראָפּגעקוקט אויף'ן גאַס, וועלכע איז געווען אויסגעברוקירט מיט קיילעכדיגע, גרויע שטיינער און אויסגעזעעט מיט געלע בלעטער. דער ווינד האָט געהויבען די בלעטער און געוואָרפען זיי אונטער די פיס פון די מענשען.

די מוטער איז געשטאַנען צווישען עולם און, בעטראַכטענדיג די בע־קאַנטע פּנים'ער, האָט זי מיט אומעט געטראַכט:

— איהר זייט ווענינ... ווענינ אין צאָהל !... און קיין ארבייטער זיינען כמעט ניטאָ...

די טויערען האָבען זיך אויפגעמאכט און מען האָט ארויסגעטראָגען אויפ'ן גאַס דעם אָרון, בעדעקט מיט בלומען־קראַנצען און לענטעס. די ארומיגע האָבען שווייגענדיג אראָפּגענומען די היטלען און ס'האָט אויס־געזעהן פּונקט ווי אַ מחנה שווארצע פויגלען וואָלט זיך איבער זייערע קעפּ ערהויבען. אַ הויכער פּאָליציייסקער מיט געדיכטע שווארצע וואָנצעס אויפ'ן רויטען פּנים איז שנעל ארייגגעגאַנגען צווישען עולם. נאָך איהם האָבען ארייגגעמארשירט סאָלדאַטען און האָבען, הויך קלאַפּענדיג מיט זייערע שטיוועל איבער די שטיינער, אָהן צערעמאָניעס פאַנאַנדערגעשטופּט דעם המון. דער פּאָליציייסקער האָט מיט אַ בעפעהלענדען טאָן אַ געשריי געטהאָן:

— נעהמט ארונטער די לענטעס!

פרויען און מענער האָבען איהם אין אַן ענגען קרייז ארומגערינגעלט. זיי האָבען גערעדט צו איהם, מאַכענדיג מיט די הענד, אויפרעגענדיג זיך, שטופּענדיג איינע די אַנדערע. פאַר דער מוטער'ס אויגען האָבען געפינקעלט די בלאַסע, אויפגערעגטע פּנים'ער מיט די ציטערנדע ליפּען, איבער דער געזיכט פון איין פרוי האָבען געראָנען גרויסע טראָפּענס טרעהרען פון בע־לייריגונג...

— ניעדער מיט די געוואַלד! — האָט אויסגעשריען אימיצענס אַ יונגע שטימע און האָט זיך איינזאַם פערלאָרען אין דעם טומעל.

די מוטער האָט אויך דערפיהלט אַ ביטערניש אויפ'ן הארצען און ווענ־דענדיג זיך צו אַ מאַן לעבען איהר, וועלכער איז געווען אָרים געקליידעט, האָט זי געזאָגט מיט אויפרעגונג:

— אפילו מקבר זיין אַ מענשען לאָזט מען אויך ניט, ווי עס ווילט זיך די חברים... וואָס איז דאָס אַזוינס!

די פיינדליכע שטימונג איז געוואַקסען. איבער די מענשליכע קעפּ האָט זיך געטרייסעלט די דעק פון אָרון, דער ווינד האָט געשפּיעלט מיט די לענטעס, און עס האָט זיך געהערט דער טרוקענער, נערוועזער שאָרשקען פון זייד.

אַ קאַלטע מורא פאַר דער מעגליכקייט פון אַ צוזאַמענשטויס האָט ארומגעכאַפּט די מוטער. זי האָט איילענדיג און ניט הויך אויף רעכטס און אויף לינקס געזאָגט:

— לאָזט זיי צו־רוה... זאָל מען אראָפּנעהמען די לענטעס... בעסער

נאָכגעבען... א הויכע, שאַרפע שטימע האָט פּלוצלונג איבערגעשריען דעם טומעל:

— מיר פאָדערן, אז מען זאָל אונז ניט שטערן דורכצולאָזען אין זיין אייביגער רוהע דעם, וועלכען איהר האָט פערמאַטערט צום טויט...

אימיצער, וואהרשיינליך א מיידעל, האָט מיט א דינער שטימע אָנגעפאנגען צו זינגען:

„אלס אָפּפער געפאַלען אין היילינגען קאַמפף"...

— איך הייס אייך אַרונטערנעהמען די לענטעס! יאקאָוולעיעוו, שנייד זיי אראָפּ!

עס האָט זיך געהערט דאָס שאַרשקען פון אן ארויסגעצויגענעם שווערד. די מוטער האָט צוגעמאַכט די אויגען, ערוואַרטענדיג א געשריי... עס איז אָבער געוואָרען שטילער, די מענשען האָבען געבורטשעט, ווי פער'סמ'טע וועלף. נאָכדעם האָבען זיי שווייגענד אַרונטערגעלאָזען די קעפּ מיט דעם בעוואוסטזיין פון זייער מאַכטלאָזיגקייט און האָבען זיך געלאָזען פאַראויס, אָנפילענדיג די גאַס מיט דעם גערויש פון זייערע טריט.

פאַראויס איז געשוואומען אין דער לופט דער בעראַבעוועטער דעק פון אָרון מיט די צוריסענע קרענץ און עס זיינען געריטען די פּאָליציי־לייט. די מוטער איז געגאַנגען איבער'ן טראָטואר. זי האָט ניט געקענט זעהן דעם אָרון, וועלכער איז געוועזען ארומגערינגעלט מיט א געדיכטען עולם, וועלכער איז אונבעמערקט אויסגעוואַקסען און האָט פערפלייצט די גאַנצע גאַס אין דער ברייט. הינטער דעם עולם האָבען זיך אויך געזעהן די גרויע פיגורען פון די רייטענדע פּאָליציסטען. ביי די זייטען האָט געמאַרשירט די פוס־געהענדע פּאָליציי מיט די שווערדען אין די הענד און איבעראל האָבען גע־פינקעלט די בעקאַנטע, שאַרפע אויגען פון די שפּיאָנען, וועלכע האָבען אויפ־מערקזאַם ארומגעטאַפּט די מענשליכע פּנים'ער.

„שלאָף רוהיג, שלאָף רוהיג, חבר!"... — האָבען אומעדיג אָנגעפאַנגען צו זינגען צוויי שעהנע שטימען.

— מען דאַרף ניט! — האָט זיך דערהערט א געשריי. — לאָמיר שווייגען, חברים!

אין דיעזען אויסגעשריי האָט זיך געהערט עטוואָס שטרענגעס און בעטענדעס און די מאַסע האָט זיך גלייך אונטערוואָרפען דעם אויסגעשריי. דאָס אומעדיגע ליעד האָט זיך איבערגעריסען, דער טומעל פון די רייד איז שטילער געוואָרען און נאָר די שווערע קלעפּ פון די פיס אָן די שטיינער האָבען אָנגעפילט די גאַס מיט א דומפּען גלייכמעסיגען קלאַנג. ער פלעגט

זיך ערהויבען איבער די קעפּ פון די מענשען, אוועקשווימענדיג אין דעם דורכזיכטיגען הימעל און האָט אויפגעטרייסעלט די לופט פונקט ווי אַן אָפּ־קלאַנג פון דעם ערשטען דונער פון אַ געוויטער, וועלכער איז נאָך גאַנץ ווייט. אַ קאַלטער ווינד, וועלכער האָט זיך געהאַלטען אין איין פערשטאַרקען, האָט פּיינדליך געטראָגען אַנטקעגען די מענשען שטויב און מיסט פון די שטאָד־טישע גאַסען.

די דאָזיגע שטומע לויה אָהן גלחים און אָהן געזאַנג, די פערטראַכטע פּנים'ער און די פעסטע טריט האָבען ביי דער מוטער ארויסגערופען אַן אונ־זיכערען געפיהל. איהרע געדאַנקען אָבער האָבען זיך אַרומגעדרעהט און האָבען איינגעוויקעלט איהרע איינדריקע אין טרויעריגע ווערטער:

— וועניג זייט איהר, וועלכע שטעהען פאַר גערעכטיגקייט... זיי האָבען אָבער דאָך פאַר אייך מורא...

זי איז געגאַנגען דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזען און איהר האָט זיך גע־דוכט, אַז דאָס איז מען ניט מקבר יעגאָר'ען, וועמען זי האָט געקענט, נאָר עפּעס אַנדערש, צו וואָס זי איז שוין געוואוינט געווען, און דערפאַר איז דאָס איהר געווען נאָהענט און נויטיג. עס איז איהר געווען אומעדיג איהר האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט אַ טרויעריגען געפיהל.

— נאַטירליך, — האָט זי געטראַכט. — יעגאָר האָט אין גאָט ניט געגלויבט, און זיי אַלע גלויבען אויך ניט...

זי האָט אָבער ניט געוואָלט פערענדיגען איהר געדאַנק און זי האָט אַ זיפץ געטהאָן, וועלענדיג אַראָבשטויסען די שווערקייט פון האַרצען.

— אָה, גאָט מיינער... ניט שוין זשע וועט מען מיר אויך אַזוי...

מען איז געקומען אויפ'ן בית עולם און מען האָט זיך דאָרט לאַנג אַרומ־געדרעהט איבער די שמאָלע וועגלעך צווישען די קברים, ביז וואַנען מען איז אַרויס אויף אַן אָפענעם פּלאַץ, וועלכער איז געווען אויסגעזעעט מיט ניעדריגע, ווייסע צלמים. מען האָט אַרומגערינגעלט דעם קבר און מען איז אַנטשוויעגען געוואָרען. און דיעזער שטרענגער שוויגען פון די לע־בעדיגע אַרום די קברים האָט אָנגעזאָגט עפּעס שרעקליכעס. דער מוטער'ס האַרץ האָט אַ ציטער געטהאָן און איז פערשטאַרבען געוואָרען אין ערוואַרטונג. צווישען די מצבות האָט געפייפט און געוויינט דער ווינד. אויפ'ן דעק פון אָרון האָבען אומעדיג געציטערט די צוריסענע בלומען...

די פּאָליציי איז געוואָרען אויפמערקזאַם און האָט זיך אויסגעצויגען, קוקענדיג אויף זייער נאַטשאַלניק. איבער'ן קבר האָט זיך אַנידערגעשטעלט אַ הויכער, בלאַסער יונגער־מאַן אָהן אַ היטעל, מיט לאַנגע האָאָר, שוואַרצע

ברעמען, און אין דער זעלבער צייט האט זיך דערהערט דער קול פון דעם פאליציי־נאטשאלניק:

— מיינע העררען...

— חברים! — האט דער מאן מיט די שווארצע ברעמען הויך אנ־געפאנגען.

— ערלויבט נאר! — האט אויסגעשריען דער פאליציי־נאטשאלניק. — איך ערקלעהר אייך, אז איך קען ניט ערלויבען קיינע רעדעס...

— איך וועל נאר זאגען עטליכע ווערטער! — האט רוהיג ערקלעהרט דער יונגערמאן. — חברים! איבער דעם קבר פון אונזער לעהרער און פריינד לאמיר שווערען, אז מיר וועלען קיינמאל ניט פערגעסען זיין צוואה, אז יעדער איינער פון אונז זאל זיין גאנצען לעבען אונערמיעדליך גראבען א קבר פאר דעם קוואל פון אלע צרות פון אונזער פאטערלאנד, פאר דער בייזער געוואלט, וואס דריקט איהר — פאר דער זעלבסט־הערשונג!

— ארעסטירט איהם! — האט דער פאליציסט אויסגעשריען. אבער זיין שטימע איז פערשריען געווארען פון אן אויסברוך פון קולות:

— ניעדער מיט דער זעלבסט־הערשונג!

פאנאנדערשטופענדיג דעם עולם, האבען זיך די פאליציי־לייט אווארף געטהאן צום רעדנער, און ער, ענג ארומגערינגעלט פון אלע זייטען, האט מאכענדיג מיט'ן האנד געשריען:

— עס לעבע די פרייהייט! מיט איהר וועלען מיר לעבען אדער שטארבען!

די מוטער האט מען אפגעשטויסען אן א זייט. דארט האט זי זיך א דערשראקענע אנגעבויגען אן א צלם און, ערווארטענדיג א קלאפ, האט זי צוגעמאכט די אויגען. שטורמישע קלאנגען האבען איהר פערטויבט, די ערד אונטער איהר האט זיך געטרייסעלט, דער ווינד און דער שרעק האבען שווערער געמאכט דאס אטהעמען. אונרוהיג האט זיך געטראגען אין דער לופט דאס פייפען פון דער פאליציי, עס האט זיך געהערט דער פרעכער טאן פון קאמאנדיר. די פרויען האבען היסטעריש געשריען. דאס האלץ פון פארקאן האט אויך געטרעשטשעט און שטום האט געקלונגען דאס קלאפען פון די פיס אן דער טרוקענער ערד... דאס האט זיך געצויגען לאנג, און שטעהן מיט פערמאכטע אויגען איז איהר געוועזן אונערטרעגליך, שרעקליך...

זי האט א קוק געטהאן און, א געשריי טהוענדיג, האט זי זיך א לאז געטהאן פאראויס, אויסשטרעקענדיג די הענד. ניט ווייט פון איהר, אויף א שמאלער סטעזשקע, צווישען די קברים, האבען די פאליציי־לייט, ארומ־

רינגלענדיג דעם מאַן מיט די לאַנגע האָאר, געהאַלטען אין פערטהיידיגען זיך געגען דעם עולם, וועלכער איז זיי בעפאַלען פון אַלע זייטען. אין דער לופט האָבען געבלאַנקט די ווייסע, קאַלטע, ענטבלויזטע שווערדען, אויפ־הויבענדיג זיך איבער די קעפּ און שנעל אַרונטערלאָזענדיג זיך. שטעקלעך און פלעקער פון דעם צוים האָבען זיך בעוויעזען און האָבען זיך אויסגע־מישט אין ווילדען טאַנץ מיט די געשרייען פון די מענשען און אינ'ם ים פון צאָרנדיגער אויפרעגונג האָט זיך געהערט די פעסטע שטימע פון דעם הויכען מענשען:

— חברים! אויף וואָס פערוועגדעט איהר אייערע כחות?...

ער האָט ביסלעכווייז געזיעגט. אַוועקוואַרפענדיג די שטעקענס, זיינען די מענשען איינע נאָך די אַנדערע אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט. די מוטער אָבער האָט זיך אַלץ מעהר געשטויסען פאָראויס, און זי האָט געזעהן ווי ניקאָליי שטעהט די היטעל אַראָפּגערוקט אויפ'ן קאַרק און ער שלעפּט אָפּ די פון כעס פער'שיכור'טע מענשען אָן אַ זייט. זי האָט געהערט זיין פאָר־וואַרפענדע שטימע:

— איהר זייט פון זינען אַראָפּ!... בערוהיגט זיך שוין אַ מאָל!...

איהר האָט זיך געדוכט, אַז איין האַנד איז ביי איהם אַ רויטע...

— ניקאָליי איוואַנאָוויטש, געהט אוועק! — האָט זי אויסגעשריען, אַ וואַרף טהוענדיג זיך צו איהם.

— וואוהין שטויסט איהר זיך? מען וועט דאָך אייך אַ קלאַפּ טהאָן...

אימיצער האָט די מוטער אָנגעכאַפּט פאַר'ן פּלייצע. לעבען איהר איז געשטאַנען סאָפיע אָהן אַ הוט מיט צושויבערטע האָאר, אונטערהאַלטענדיג אַ יונגען בחור'ל, כמעט אַ אינגעל. ער האָט געווישט מיט'ן האַנד זיין צו־בלוטיגטען פנים און האָט מיט ציטערנדע ליפּען געמורמעלט:

— לאָזט... נישקשה...

— נעהמט זיך צו איהם... פיהרט איהם אָפּ אהיים צו אונז... אָט איז אַ טיכעל... פערבינדט דאָס געזיכט!... — האָט שנעל געזאָגט סאָפיע, און אַריינלעגענדיג דעם אינגעל'ס האַנד אין דער מוטער'ס האַנד, איז זי אוועק־געלאָפען, זאָגענדיג:

— געהט שנעלער, אַ־ניט וועט מען אייך אַרעסטירען!

אין אַלע ריכטונגען פון בית עולם האָבען געהאַלטען אין פאַנאַנדער־געהן זיך מענשען. הינטער זיי האָבען צווישען די קברים שווער געשפּרייזט די פּאָליציי־לייט, פּלאָנטערענדיג זיך אין די פּאָלעס פון זייערע לאַנגע מאַנט־

לען, זידלענדיג זיך און פּאַכענדיג מיט די שווערדען. דער אינגעל האָט זיי בעגלייט מיט אַ וואָלפישען בליק.

— קום שנעלער! — האָט די מוטער אַ געשריי געטהאָן, אָפּווישענדיג מיט'ן טיכעל זיין פּנים.

ער האָט, אויסשפּייענדיג די בלוט, געמורמעלט:

— זאָל איך ניט קימערען... מיר טהוט ניט וועה... ער האָט מיר מיט'ן ענטעל פון שווערד... איבער'ן פּנים און איבער'ן קאָפּ... אָבער איך האָב איהם אויך אַזוי אַ זעץ געטהאָן מיט אַ פלאָקען... ער האָט זאָגאר אַ געשריי געטהאָן!...

און, מאַכענדיג מיט'ן צובלוטיגטען פויסט, האָט ער מיט אַ צוריסענער שטימע צוגעגעבען:

— וואַרט נאָר... ניט דאָס וועט נאָך זיין. מיר וועלען אייך דער־שטיקען אָהן אַ געשלעג... ווען מיר וועלען זיך ערהויבען, דער גאַנצער אַר־בייטער־פאָלק!

— גיכער! — האָט די מוטער איהם געאיילט, שנעל לויפענדיג צום קליינעם טויערעל פון בית עולם. איהר האָט זיך געדוכט, אַז דאָרט הינ־טער'ן פּאַרקאַן, אויפ'ן פעלד, האָבען זיך בעהאַלטען פּאָליציי־לייט און זיי וואַרטען אויף איהר מיט'ן אינגעל, און ווי נאָר זיי וועלען אַרויסגעהן, וועלען זיי זיך אַרויפוואַרפען אויף זיי און וועלען אָנפאַנגען צו שלאָגען. אָבער ווען זי האָט פאָרזיכטיג אויפגעעפענט די טיהרעל און האָט אַרויסגעקוקט אין פעלד, וועלכער איז געווען אָנגעטהאָן אין דעם גרויען געוועב פון דעם הערבסט פאַרנאַכט, — האָבען איהר די שטילקייט און די אָבוועזענהייט פון מענשען גלייך בערוהיגט.

— גיט, איך וועל אייך פערבינדען די געזיכט! — האָט זי געזאָגט.

— מען דאַרף ניט... איך שעהם זיך אַזוי אויך ניט! דאָס איז דאָך אַן עהרליכער געשלעג: ער — מיר, איך — איהם.

די מוטער האָט אויף גיך איבערגעבונדען איהם די וואונד. דאָס קוקען אויף די פרישע, פורפור־רויטע בלוט האָט אָנגעפילט איהר האַרץ מיט מיט־לייד און ווען איהרע פינגער האָבען דערפיהלט די פייכטע וואַרימקייט, איז איהר דורכגעגאַנגען אַ שוידער. זי האָט אַוועקגעפיהרט דעם פערוואונדע־טען דורכ'ן פעלד, האַלטענדיג איהם פאַר'ן האַנד. בעפרייענדיג זיין מויל, האָט ער מיט אַ שפּאַס אין שטימע געזאָגט:

— אָבער וואוהין שלעפּט איהר מיר, חבר? איך קען דאָך אַליין געהן!...

זי האָט אָבער געפיהלט, אַז ער שלעפּט זיך קוים. זיינע טריט זיינען

געוועזן ניט קיין פעסטע און די האנד האָט געציטערט. מיט אַ שוואַכער שטימע האָט ער גערעדט און האָט איהר געפרעגט, ניט וואַרטענדיג אויף אַן ענטפער:

— איך בין דער בלעכער איוואַן... און ווער זייט איהר? מיר זיינען געוועזן דריי אין יעגאָר׳ס קרייזעל, דריי בלעכער... און אַלע צוזאַמען עלף... מיר האָבען איהם זעהר ליעב געהאַט... אַ ליכטיגען גן עדן זאָל ער האָבען... הגם איך גלויב ניט אין גאָט...

אין איינער פון די גאַסען האָט די מוטער געדונגען אַ פוהרמאַן און, אַריינזעצענדיג איהם אין וואָגען, האָט זי איהם שטיל אַ זאָג געטהאָן:

— יעצט שווייגט!... — און זי האָט איהם פאָרזיכטיג איינגעוויקעלט מיט אַ טיכעל דאָס מויל.

ער האָט אויפגעהויבען די האַנד צום געזיכט און האָט שוין ניט געקענט בעפרייען דאָס מויל; די האַנד האָט זיך מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזען אויף די קניע. אָבער דאָך האָט ער פאָרטגעזעצט צו מורמלען דורכ׳ן טיכעל:

— דיעזע קלעפּ וועל איך אייך ניט פערגעסען, מיינע ליעבע... און ביז איהם פלעגט מיט אונז לערנען פּאָליטישע עקאָנאָמיע דער סטודענט טיטאָוויטש... ער איז געוועזן זעהר אַ שטרענגער... נאָכדעם האָט מען איהם אַרעסטירט...

די מוטער האָט אַרומגענומען איוואַנען און האָט צוגעטוליעט זיין קאָפּ צו זיך. ער איז פּלוצלונג אין גאַנצען שווער געוואָרען און איז אַנטשוויעגען געוואָרען. אַ דערשראָקענע האָט זי געוואָרפען איהרע בליקען אויף אַלע זייטען. איהר האָט זיך געדוכט, אַז אָט וועלען פּלוצלונג ערגעץ פון אַ ווינקעל אַרויסלויפען פּאָליציי־לייט, וועלען דערזעהן איוואַנ׳ס פערבונדענע קאָפּ, וועלען איהם כאַפּען און דער׳הרגע׳נען.

—ער האָט זיך עס אַזוי אָנגעטרונקען? — האָט דער פוהרמאַן, אָפּקעהרענדיג זיך צו זיי, מיט אַ שמייכעל געפרעגט.

— יאַ, ער האָט אַ ביסעל איבערגעכאַפּט די מאָס! — האָט אַ זיפץ טהוענדיג געענטפערט די מוטער.

— אַ זוהן?

— יאַ, אַ שוסטער... און איך בין אַ קעכין...

דער פוהרמאַן האָט אַ שמיץ געטהאָן דעם פערד, האָט זיך ווידער אָפּגעקעהרט צו זיי און האָט שטילערהייד פאָרטגעזעצט:

— מאַטערסט זיך. אי־אי־אי — — — —

— ווייסט, יעצט איז אויפ'ן בית עולם געווען א געשלעג!... מען האָט דאָרט מקבר געווען איינעם א פּאָליטישען מענשען... פון די, הייסט עס, וועלכע געהען געגען דער נאַטשאַלסטוואָ... זיי האָבען דאָרט זייערע קריוודעס געגען נאַטשאַלסטוואָ... מקבר געווען האָבען זיי איינעם פון זייערע פריינד הייסט עס... נו, האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו שרייען — ניעדער מיט דער נאַטשאַלסטוואָ. זי, הייסט עס, בעראַבעוועט דאָס פאָלק... די פּאָליציי האָט זיי אָנגעפאַנגען צו שלאָגען... מען זאָגט, אז איינינע האָט מען צוהאַקט אויף טויט... נו, אָבער די פּאָליציי האָט אויך געקראָגען...

ער איז אנטשוויעגען געוואָרען און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ האָט ער מיט א זאָנדערבאַרען קול ארויסגעזאָגט:

— די טויטע בעאונרוהיגט מען... די מתים וועקט מען...

דער וואָגען איז געפלויגען איבער די שטיינער. איוואַן'ס קאָפּ האָט זיך לייכט געקלאַפּט אָן דער מוטערס האַרץ, דער פוהרמאַן זיצענדיג האַלב אָפּגעקעהרט, האָט פערטראַכט געמורמעלט:

— עס טומעלט זיך עפּעס צווישען פאָלק... אָן אונאָרדנונג ערהויבט זיך פון דער ערד... יאָ, נעכטען ביינאַכט זיינען צו אונזערע שכנים געקומען זשאַנדאַרען, האָבען עפּעס דאָרט געזאָכט ביז אין דער־פריה און נאָכדעם האָבען זיי צוגענומען מיט זיך איינעם א שמיעד און זיינען אַוועקגעפאָהרען. מען זאָגט, אז מען וועט איהם ביינאַכט אַוועקפיהרען צום טייך און דאָרט וועט מען איהם בשתיקה דערטרינקען. און דער שמיעד איז געווען א קלוגער מאַן...

— ווי האָט מען איהם גערופען? — האָט די מוטער געפרעגט.

— דעם שמיעד? סאַוועל, און זיין פאַמיליע איז יעווטשענקאָ. א יונגער נאָך, ער האָט אָבער שוין פיעל פערשטאַנען... פערשטעהן, ווי עס זעהט אויס, טאָר מען ניט... ווען ער פלעגט אַמאָל אריינקומען צו אונז, פלעגט ער אָנפאַנגען: „וואָס פאַר א ביטערען לעבען איהר פיהרט עס!" „ריכטיג!" פלעגען מיר ענטפערען, „א הונד לעבט בעסער פון אונז... יאָ..."

— שטעה! — האָט די מוטער געזאָגט.

איוואַן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שטוים און האָט שטיל אָנגעפאַנגען צו קרעכצען.

— עס האָט איהם דורכגענומען! — האָט דער פוהרמאַן בעמערקט. — אַך, די בראָנפען, די בראָנפען!...

מיט גרויס מיה האָט איוואַן געשטעלט די פיס שפּרייזענדיג. זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך געטרייסעלט. ער איז געגאַנגען איבער'ן הויף און האָט געזאָגט:

— פטור, עס מאכט ניט אויס... איך קען שוין...

.13

סאפיע איז שוין געווען אין הויז. אן אויפגערעגטע, א צוטראגענע איז זי איהר ארויס אנטקעגען.

אוועקלעגענדיג דעם פערוואונדעטען אויפ'ן סאפקע, האט זי געשיקט איבערגעבונדען איהם די קאפ און האט געזאגט:

— איוואן דאנילאוויטש, מען האט געבראכט איינעם... איהר זייט מיעד, נילאוונא? איהר האט זיך אנגעשראקען, יא? נו, רוהט זיך אויס... ניקאליי, גיב שנעל נילאוונא'ן טהעע און א גלעזעל פארט-וויין!

א צוטומעלטע פון דעם, וואס זי האט איבערגעלעבט, שווער אטהעמענ־דיג און פיהלענדיג א שמערצליכע שטעכעניש אין הארצען, האט די מוטער געמורמעלט:

— זארגט זיך ניט פון מיינעטוועגען...

און דערביי האט איהר גאנצעס וועזען געפאדערט אויפמערקזאמקייט און רוהיגע צערטליכקייט.

פון צווייטען צימער זיינען ארויסגעקומען ניקאליי מיט אן איבערגע־בונדענער האנד און דער דאקטאר איוואן דאנילאוויטש.ער איז אויף גיך צוגעגאנגען צו איוואנ'ען, האט זיך איבערגעבויגען איבער איהם א זאג טהוענדיג:

— וואסער אהער, מעהר וואסער... ריינע לייווענטענע טיכלעך און וואטע...

די מוטער האט זיך א לאז געטהאן צום קיך. אבער ניקאליי האט איהר מיט דער לינקער האנד גענומען אונטער'ן האנד און האט מילד גע־זאגט, ארויספיהרענדיג איהר אין עס-צימער:

— דאס מיינט מען ניט אייך, נאר סאפיע'ן... איהר זייט אויפגערעגט, טהייערינקע, יא?

די מוטער האט בעגעגענט זיין מיטפיהלענדען אויפמערקזאמען בליק און מיט א יאמער, וועלכען זי האט ניט געקענט איינהאלטען, האט זי אויס־גערופען:

— וואס איז דאס געווען אזוינס... טהייערינקער מיינער! מען האט געשניטען... פשוט געשניטען די מענשען!

— איך האב געזעהן! — האט ניקאליי געזאגט, דערלאנגענדיג איהר די וויין און צושאקלענדיג מיט'ן קאפ. — ביידע צדדים האבען זיך אביסעל

צוהיצט... אָבער איהר זייט ניט צוטראָגען — ערנסט פערוואונדעט איז נאָר איינער...

ניקאָליי'ס שטימע און די ווארימקייט און ליכט פון צימער האָבען דער מוטער בערוהיגט. א קוק טהוענדיג אויף איהם מיט דאנקבארקייט, האָט זי געפּרעגט:

— אייך האָט מען אויך געשלאָגען?

— דאָס האָב איך, דאכט זיך, אליין... אונפּאָרזיכטיג אָן עפּעס פער־טשעפּעט מיין האנד און אָפּגעריסען די הויט... טרינקט טהעע... עס איז קאלט, און איהר זייט אָנגעטהאָן לייכט...

זי האָט אויסגעשטרעקט איהר האנד צום קוביק און האָט דערזעהן, אז איהרע פינגער זיינען בעדעקט מיט פלעקען פון פערטריקענטער בלוט. זי האָט ארונטערגעלאָזען די האנד אויף די קניע — איהר קלייד איז גע־ווען פייכט. מיט ברייט פאנאנדערגעעפענטע אויגען האָט זי געקוקט אויף איהרע פינגער, דער קאָפּ האָט זיך איהר געדרעהט און אין הארצען האָט איהר געקלאַפּט:

— אָט... אָט אזוי וועט מען נאָך א מאָל פאוולען אויך...

עס איז אריינגעקומען איוואן דאנילאָוויטש אין איין וועסטעל, די ארבעל פון העמד פערקאטשעט און אויף ניקאָליי'ס שטומער פראגע האָט ער מיט זיין דינער שטימע געזאָגט:

— אויפ'ן פּנים אן אונבעדייטענדע וואונד און דער שארבען איז דורכ־געבראָכען, הגם אויך ניט שטארק... א בחור איז ער א געזונטער... דאָך בלוט האָט ער פערלאָרען א סך... וואס, וועלען מיר איהם אוועקשיקען אין האָספּיטאל?

— ווארום? זאָל ער בלייבען דאָ! — האָט ניקאָליי אויסגערופען.

— היינט מאכט נאָך ניט אויס... און פיעלייכט מארגען אויך ניט, אָבער דערנאָך וועט מיר זיין בעקוועמער, אז ער זאָל ליגען אין האָספּיטאל. איך האָב קיין צייט ניט צו מאכען וויזיטען! וועסט אָנשרייבען די בלעטעל וועגען די פּאסירונגען אויפ'ן בית עולם?

— געוויס! — האָט ניקאָליי געענטפערט.

די מוטער האָט זיך שטיל אויפגעהויבען און איז ארויס אין קיך.

— וואוהין געהט איהר? — האָט ניקאָליי איהר אָפּגעשטעלט. — סאָניע וועט זיך שוין אליין ספּראַווען!

זי האָט א קוק געטהאָן אויף איהם און אויפציטערענדיג האָט זי געענטפערט מיט א שמייכעל:

— איך בין אין גאנצען אויסגעשמירט אין בלוט...

ווען זי האָט זיך געהאַלטען אין איבערטהאָן ביי איהר אין צימער, האָט זי זיך נאָך אַ מאָל פערטראַכט וועגען די רוהיגקייט פון דיזע מענשען, וועגען זייער פעהיגקייט שנעל איבערצולעבען דאָס שרעקליכסטע. דאָס האָט איהר אויסגעניכטערט און האָט פערטריעבען דעם שרעק פון איהר הארצען. ווען זי איז אריין אין צימער, וואו עס איז געלעגען דער פערוואונדעטער, האָט סאָפיע איינבויגענדיג זיך צו איהם געזאָגט:

— נאַרישקייטען, חבר!

— איך דענק, אַז איך וועל אייך פערשאַפען צו פיעל ארבייט! — האָט ער מיט אַ שוואַכען קול געענטפערט.

— איהר שווייגט בעסער, דאָס איז געזינטער פאַר אייך...

די מוטער האָט זיך אוועקגעשטעלט הינטער סאָפיע'ן און אוועקלעגענדיג די הענד אויף איהר פלייצע, קוקענדיג מיט אַ שמייכעל אויף דעם בלאַסען פנים פון קראַנקען, האָט זי לאַכענדיג אָנגעפאַנגען דערצעהלען, ווי אַזוי ער האָט זיצענדיג אויפ'ן פוהר געפלוידערט און האָט מיט זיינע אונפאָר־זיכטיגע ווערטער פערשאַפט איהר שרעק.

איוואַן האָט געהאָרכט, זיינע אויגען האָבען פיעבערהאַפט געברענט. ער האָט געטשמאָקעט מיט די ליפען און האָט עטליכע מאָל פערשעהמטער־הייד אויסגערופען:

— אַך... ס'אַרא נאַר איך בין!...

— נו, מיר וועלען אייך לאָזען צו־רוהע! — האָט, פערריכטענדיג די קאָלדרע אויף איהם, בעמערקט סאָפיע. — רוהט זיך אויס...

זיי זיינען ביידע אַרוים אין עס־צימער און האָבען דאָרט אַ לאַנגע צייט שטיל געשמועסט וועגען דער פּאַסירונג פון טאָג. און זיי האָבען זיך שוין בעצויגען צו דיזער דראַמע, ווי צו אַ פערגאַנגענער פּאַסירונג. זיי האָבען גערעדט וועגען דער צוקונפט און האָבען בעטראַכט די מיטלען פאַר דער מאָרגעדיגער ארבייט. די פנים'ער זיינען געווען מיעד, אָבער די געדאַנקען זיינען געווען מונטער און רעדענדיג וועגען זייער זאַך, האָבען די מענשען ניט פערבאָרגען די אונצופריעדענהייט מיט זיך. דער דאָקטאָר האָט זיך נערוועז ארומגעדרעהט אויפ'ן שטוהל און האָט מיט זיין דינעם, שאַרפען קול געזאָגט:

— פּראָפּאַגאַנדא, פּראָפּאַגאַנדא! דאָס איז יעצט ווייניג, די ארבייטער יוגענד איז גערעכט! מען דאַרף ברייטער אוועקשטעלען די אַגיטאַציאָן... די אַרבייטער זיינען גערעכט, זאָג איך...

ניקאָליי האָט זיך כמורנע אָפּגערופן:

— פון איבעראַל בעקלאָגט מען זיך אויף דעם מאַנגעל אין ליטע־ראַטור, און מיר קענען נאָך אַלץ ניט אַוועקשטעלן קיין גוטע דרוקעריי. ליודמילאַ פאַלט פון די כחות, זי וועט קראַנק ווערן, אויב מיר וועלן איהר ניט געבען קיין העלפער...

— און וויעסאָוושטשיקאָוו? — האָט סאָפיע געפרעגט.

— ער קען אין שטאָדט ניט וואוינען... ער וועט זיך ערשט נעהמען צו דער ארבייט אין דער נייער דרוקעריי... אָבער זי נויטיגט זיך דערוויילע אין נאָך אַ מענשען...

— וואָלט איך געטויגט צו דעם? — האָט שטיל אַ פרעג געטהאָן די מוטער.

זיי האָבען אַלע דריי אַ קוק געטהאָן אויף איהר און האָבען עטליכע רגע'ס געשוויעגען.

— אַ גוטער פּלאַן! — האָט סאָפיע לעבעדיג און עפּעס פּלוצלונג אויסגערופען.

— ניין, דאָס איז צו שווער פאַר אייך, נילאָוונאַ! — האָט ניקאָליי טרוקען געזאָגט. — אייך וואָלט אויסגעקומען צו וואוינען הינטער'ן שטאָדט, אויפהערען צו זעהן זיך מיט פּאַוולען און איבערהויפּט...

אַ זיפץ טהוענדיג האָט זי געענטפערט:

— פאַר פּאַווליושאַ'ן איז דאָס אַ קנאַפּער היזק... און איך אַליין האָב אויך ווייניג נחת פון די בעגעגענישען — איך האָב נאָר האַרץ־וועהטאָג!... רעדען טאָר מען ווענען קיין זאַך ניט... דו שטעהסט געגען זוהן ווי אַ נאַר... און מען קוקט דיר אין מויל, מען וואַרט — צו וועסטו ניט זאָגען עפּעס אַן איבעריגען וואָרט...

די פּאַסירונגען פון די לעצטע טעג האָבען איהר אויסגעמאַטערט און יעצט, ווען זי האָט דערהערט פאַר זיך אַ מעגליכקייט צו לעבען אויסער'ן שטאָדט, ווייט פון די אַלע דראַמעס, האָט זי זיך דורשטיג אָנגעכאַפּט אָן דיעזער מעגליכקייט.

אָבער ניקאָליי האָט זיך געזוכט ארויסצודרעהען פון דעם געשפּרעך.

— ווענען וואָס טראַכסטו, איוואַן? — האָט ער זיך געווענדעט צום דאָקטאָר.

אויפהויבענדיג זיין אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, האָט דער דאָקטאָר אומעדיג געענטפערט:

— קליין איז אונזער צאָהל! מען דאַרף ענערגישער אַרבייטען... און

מען האָט איבערצייגען פּאַוולען און אַנדרייען, אַז זיי זאָלען אַנטלויפען. זיי ביידע זיינען צו טהייער, אַז זיי זאָלען זיצען אָהן אַרבייט...

ניקאָליי האָט אַ קנייטש געטהאָן דעם שטערען און האָט אַ שאָקעל גע־טהאָן מיט'ן קאָפּ, וואָרפענדיג פערבייגעהענדיג אַ בליק אויף דער מוטער. זי האָט פערשטאַנען, אַז אין איהר אַנוועזענהייט פיהלען זיי זיך אונאַנגענעהם צו רעדען וועגען פּאַוולען און זי איז אַרויס אין איהר צימער, אַוועקטראָגענ־דיג מיט זיך אַ לייכטע בעליידיגונג אויף די מענשען, דערפאַר וואָס זיי האָ־בען אַזוי ווייניג אויפמערקזאַמקייט געשענקט איהר וואונש. זי איז געלעגען אין בעט מיט אָפענע אויגען און ביסלעכווייז האָט איהר אַרומגענומען אַן אונרוהיגקייט.

דער פערגאַנגענער טאָג איז געווען דונקעל, אונפערשטענדליך און פ:ל מיט שלעכטע סמנים, נאָר עס איז איהר געווען צו שווער צו דענקען וועגען איהם און, פערשטויסענדיג פון זיך די פינסטערע איינדריקע, האָט זי זיך פערטראַכט וועגען פּאַוולען. איהר האָט זיך געוואָלט זעהן איהם פריי און אין דער זעלבער צייט האָט זי זיך געשראָקען דערפאַר. זי האָט געפיהלט, אַז אַלעס אַרום איהר פערשאַרפט זיך, ווערט אויפגערעגט און עס האַלט ביי שאַרפע צוזאַמענשטויסע. די שווייגענדיגע געדולד פון די מענשען האָט גע־האַלטען אין פערשווינדען, איבעראַל האָט זיך געפיהלט אַן אויפרעגונג, די לופט האָט געאָטהעמט מיט עטוואָס נייעס... יעדע פּראָקלאַמאַציע פלעגט אַרויסרופען אויפ'ן מאַרק, אין די קראָמען, צווישען די הויז־דיענער און בעל מלאכות לעבהאַפטע געשפּרעכען; יעדער אַרעסט פלעגט ערוועקען אַ פורכט־זאַמע און אָפטמאָל אונבעוואוסטזיניגע סימפּאַטיע צו די אַרעסטירטע. אַלץ אָפטער האָבען זיך צווישען דעם פּראָסטען עולם געהערט די ווערטער, פאַר וועלכע זיי האָבען זיך פריהער געשראָקען: בונט, סאָציאַליסטען, פּאָליטיק. דיעזע ווערטער פלעגט מען אַרויסרעדען מיט שפּאָט, הינטער וועלכען עס איז געלעגען אַ פראַגע פון נייגעריגקייט; מיט כעס, הינטער וועלכען עס איז גע־לעגען אַ שרעק; מיט האָפנונג און אַ געפיהל פון ראַכע... לאַנגזאַם האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו בעוועגען די כוואַליעס איבער דעם פינסטערען איינגעשטאַ־נענעם לעבען, דער פערשלאָפענער געדאַנק האָט געהאַלטען אין אויפוואַכען. דאָס אַלעס האָט די מוטער געזעהן קלאָרער פאַר אַנדערע, ווייל זי האָט בע־סער געקענט דעם בייזען פּנים פון לעבען; זי איז נעהנטער געשטאַנען צו איהם און יעצט, זעהענדיג אויף איהם קנייטשען פון פערטראַכטונג און אויפ־רעגונג, האָט זי זיך געפרעהט און געשראָקען. זי האָט זיך געפרעהט, ווייל זי האָט עס צוגעשריבען די אַרבייט פון איהר זוהן און געשראָקען האָט זי זיך דערפאַר, וואָס זי האָט געוואוסט, אַז ווען ער וועט אַרויס פון טורמע וועט

ער זיך גלייך אוועקשטעלען פאראוים פון אלעמען, אויף דעם געפעהרליכ־סטען פלאץ... און ער וועט אומקומען.

א מאל פלעגט דעם זוהן'ס געשטאלט אויסוואקסען אין איהרע אויגען ביז צו א ריעז פון די אלטע מעשה'לעך. ער פלעגט פעראייניגען אין זיך אלע עהרליכע און דרייסטע ווערטער, וועלכע זי האט ווען געהערט, פון אלע מענשען וועלכע זיינען איהר געפעלען געווען, אלעם העלדישעס און ליב־טיגעס, וואס זי האט געוואוסט. דאן פלעגט זי מיט שטאלץ און בעניים־טערונג און פול מיט האפנונג טראכטען פון איהם:

— עס וועט אלץ זיין גוט... אלעס!

איהר ליעבע, די מוטער־ליעבע פלעגט אויפפלאמען, פלעגט איהר פער־קוועטשען דאס הארץ ביז צום שמערצען און זי פלעגט טראכטען:

— ער וועט אומקומען... ער וועט פערלארען געהן...

זי איז אנטשלאפען געווארען שפעט ביי נאכט, און זי האט זיך אויפ־געכאפט פריה מיט א קאפ וועהטאג און א שטעכעניש אין די זייטען.

## .14

ארום האלבען טאג איז זי געזעסען אין דער קאנטאר פון טורמע אנט־קעגען פאוולען. ווי דורך א נעבעל אין די אויגען האט זי געקוקט אויף זיין בע־וואקסענעם פנים און האט געזוכט א געלעגענהייט ווי אזוי איהם איבערצו־געבען דאס צעטעלע, וועלכען זי האט געהאלטען פעסט צוזאמענגעדריקט צווישען די פינגער.

— איך אליין בין געזונד און אלע אנדערע אויך! — האט ער געזאגט ניט הויך — נו, און וואס מאכסטו?

— גאנץ גוט! יעגאר איוואנאוויטש איז געשטארבען! — האט זי מעכאניש א זאג געטהאן.

— יא? — האט פאוועל אויסגערופען און ער האט שטיל אראפגע־לאזען דעם קאפ.

— ביים בעגראבען איהם האט זיך די פאליציי געשלאגען, איינעם האט מען ארעסטירט! — האט זי נאאיוו פארטגעזעצט.

דער געהילף פון טורמע נאטשאלניק איז אן אויפגערעגטער אויפגע־שפרונגען פון שטוהל און האט ארויסגעברומט:

— דאס איז איבעריג... איהר דארפט דאך פערשטעהן, אז וועגען פא־ליטיק איז פערבאטען צו רעדען!...

די מוטער האט זיך אויך אויפגעהויבען פון שטוהל און פונקט ווי זי

וואָלט ניט פערשטאַנען, ווענען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, האָט זי מיט אַ שול־דיגער מינע ערקלעהרט:

— איך רעד דאָך ניט וועגען פּאָליטיק, נאָר וועגען דער געשלעג! און געשלאָגען האָבען זיי זיך טאַקע... מען האָט זאָגאַר איינעם דעם קאָפּ צו־שפּאָלטען...

— דאָס איז אַלץ איינס! איך בעט אייך שווייגען! דאָס הייסט שווייגען וועגען אַלעס, וואָס איז ניט שייך אייך פּערזענליך... אייער פאַמיליע און אייער הויז און אַלגעמיין.

פּיהלענדיג, אַז ער האָט זיך פערפּלאָנטערט, האָט ער זיך געזעצט צום טיש און פאַנאַנדערקלייבענדיג די פּאַפּיערען, האָט ער מיעד צוגעגעבען:

— איך בין דאָך פעראַנטוואָרטליך, יאָ...

די מוטער האָט זיך אַרומגעקוקט און שנעל אַריינשטופּענדיג פּאַוולען אין האַנד דאָס צעטעלע, האָט זי לייכטער אָפּגעאָטהעמט.

— איך ווייס גאָר ניט וועגען וואָס צו רעדען...

פּאַוועל האָט אַ שמייכעל געטהאָן:

— איך ווייס אויך ניט...

— דאַן דאַרף מען ניט קומען אהער! — האָט מיט אויפרעגונג בע־מערקט דער בעאַמטער. — זיי האָבען ניט וואָס צו רעדען, און געהען פון דעסטוועגען און פערשאַפען אונז איבעריגע אַרבייט....

— דער משפט וועט אין גיכען פאָרקומען? — האָט די מוטער, נאָך אַ קורצען שווייגען, אַ פרעג געטהאָן.

— די טעג איז געווען דער פּראָקוראָר, האָט ער געזאָגט, אַז אין גיכען...

זיי האָבען זיך דורכגעוואָרפען מיט אונבעדייטענדע ווערטער. די מו־טער האָט געזעהן, אַז פּאַוועלס אויגען קוקען אויף איהר מיט ליעבע און צערטליכקייט. נאָך אַלץ אַזאַ גלאַסענער און רוהיגער ווי אימער, האָט ער זיך גאָר ניט געענדערט, בלויז זיין באָרד איז שטאַרק אָפּגעוואַקסען און האָט איהם פערעלטערט, אויך זיינע הענד זיינען ווייכער געוואָרען. איהר האָט זיך פערוואָלט פערשאַפען איהם פרייד און דערצעהלען איהם וועגען ניקאָ־לייען און זי האָט מיט דעם זעלבען דינעם קול געזאָגט:

— איך האָב געזעהן דיין תלמיד...

פּאַוועל האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר מיט אַ שטומען פרעגענדיגען בליק. וועלענדיג איהם דערמאָהנען וועגען וויעסאָווטשיקאָווס געציי־בל־טע פנים, האָט זי מיט'ן פינגער אַ קלאַפּ געטהאָן זיך איבער'ן באַק...

— עס איז איהם גאַנץ גוט, דעם אינגעל. ער איז געזונד און שטאַרק

און אין גיכען קומט ער אָן אויף א שטעלע... געדענקסט, ער פלעגט אַלץ בעטען א שווערע ארבייט?

דער זוהן האָט פערשטאַנען, ער האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און האָט מיט א פרעהליכען שמייכעל אין די אויגען געענטפערט:

— געוויס... איך געדענק!

— יעצט זעהסטו! — האָט זי מיט בעפריעדיגונג אויסגערופען גע־ריהרט פון פרייד.

ביין געזעגענען זיך מיט איהר האָט ער איהר פעסט געדריקט די האנד און האָט געזאָגט:

— א דאנק דיר, מאמע!

זי איז געווען אַזוי פער'שכור'ט פון פרייד, וואָס זי איז אַזוי נאָהענט גייסטיג צו איהם, אַז זי האָט ניט געהאַט קיין כחות צו ענטפערען איהם מיט ווערטער און זי האָט איהם געענטפערט מיט א שטומען האנד־דרוק.

אין הויז האָט זי געטראָפען סאשא'ן. די מיידעל פלעגט געוועהנליך קומען צו נילאָוונא'ן אין די טעג, ווען די מוטער פלעגט געהן זעהן זיך מיט פּאַוועלען. זי פלעגט קיינמאָל ניט פאַנאַנדערפרעגען וועגען פּאַוועלען און אויב די מוטער פלעגט אַליין ניט דערצעהלען וועגען איהם, פלעגט זיך סאשא בעגנוגענען מיט דעם, וואָס זי פלעגט געשפּאַנט קוקען דער מוטער אין פּנים אריין. אָבער יעצט האָט זי איהר בעגעגענט מיט אַן אונרוהיגער פראַגע:

— נו, וואָס הערט זיך מיט איהם?

— ער פיהלט זיך גאַנץ גוט!

— דאָס צעטעלע האָט איהר איהם איבערגעגעבען!

— נאַטירליך!

— ער האָט איהם איבערגעלעזען?

— וואו האָט ער דען געקענט לעזען? דאַרטען קען מען דאָך ניט!

— יא, איך האָב גאָר פערגעסען! — האָט לאַנגזאַם געזאָגט די מיי־דעל. — מיר וועלען וואַרטען נאָך א וואָך... נאָך א וואָך... און ווי דענקט איהר — ער וועט איינשטימען?

זי האָט פערקנייטשט די ברעמען און האָט אונבעוועגליך געקוקט אויף דעם פּנים פון דער מוטער.

— איך ווייס אַליין אויך ניט... איך דענק, אַז ער וועט איינשטימען, — האָט די מוטער געזאָגט. — ווארום זאָל ער ניט וועלען אנטלויפען, ווען דאָס איז ניט פערבונדען מיט קיין געפאַהר?...

סאשא האָט א טרייסעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און טרוקען א פרעג גע־טהאָן:

— ווייסט איהר וואָס מען מעג געבען דעם קראַנקען? ער בעט עסען.

— מען מעג איהם אַלץ געבען! אַט איך גיב שוין....

זי איז ארויס אין קיך. סאשא האָט זיך לאנגזאם געלאָזען געהן נאָך איהר.

— העלפען אייך?

— א דאנק אייך!

די מוטער האָט זיך איינגעבויגען צום אויווען און האָט ארויסגענומען דעם טעפּעל. די מיידעל האָט איהר שטיל א זאָג געטהאָן:

— וואַרט...

איהר פּנים איז בלאַס געוואָרען, די אויגען האָבען זיך ברייט פאנאנ־דערגעעפענט, איהרע ציטערנדע ליפּען האָבען מיט אָנשטרענגונג אָנגעפאנגען צו שעפּטשען היים און שנעל:

— איך וויל אייך בעטען... איך ווייס, אז ער וועט ניט צושטימען! רעדט איהר איהם צו!... זאָגט איהם, אז ער איז נויטיג פאר דער זאַך... אז איך האָב מורא, ער זאָל ניט קראַנק ווערען... איהר זעהט דאָך, דער משפּט וועט נאָך אזוי גיך ניט פאָרקומען...

איהר איז קענטיג געווען שווער צו רעדען. זי האָט זיך אין גאנצען אויסגעגלייכט, האָט זיך אָנגעשטרענגט און האָט געקוקט אָן א זייט. איהר שטימע האָט געקלונגען ניט גלייך, פּונקט ווי א סטרונע, וועלכע מען ציהט אָן, און האָט זיך אונערווארטעט איבערגעריסען. זי האָט אַראָפּגעלאָזען די אויגען און האָט געביסען די ליפּען.

די מוטער איז צומומעלט געוואָרען פון איהרע רייד. זי האָט אָבער פערשטאַנען איהר און, אָנגעפילט מיט א געפיהל פוי אומעט, האָט זי ארומ־גענומען סאשע'ן און האָט שטיל געענטפערט:

— טהייערינקע מיינע!... ער וועט קיינעם אויסער זיך אליין ניט פאָלגען; קיינעם ניט!...

זיי האָבען זיך ביידע צוגעטוליעט איינע צו די אנדערע און האָבען גע־שוויגען. נאָכדעם האָט סאשא פאָרזיכטיג אַראָפּגענומען איהרע הענד פון דער מוטערס פּלייצעס און זי האָט ציטערנדיג געזאָגט:

— יאָ... איהר זייט גערעכט! דאָס זיינען אַלץ נארישקייטען... נערוועז...

און פּלוצלונג האָט זי מיט ערנסטקייט פערענדיגט:

— קומט, לאָמיר געבען עסען דעם פערוואונדעטען...

זיצענדיג ביים קראַנקען'ס בעט, האָט זי איהם צערטליך געפרעגט:

— וואָס, דער קאָפּ טהוט שטאַרק וועה?

— ניט זעהר... נאָר עס שווינדעלט מיר אין די אויגען... און איך פיהל א שוואַכקייט, — האָט איוואַן געענטפערט.

בעמערקענדיג, אַז ער שעהמט זיך צו עסען אין איהר אַנוועזענהייט, האָט זיך סאַשאַ אויפגעהויבען פון אָרט און איז אַרוים.

איוואַן האָט זיך אַניעדערגעזעצט אויפ'ן בעט, האָט איהר דורכגעלאָזען מיט זיין בליק און האָט א זאָג געטהאָן:

— א שעה־נע!...

זיינע אויגען זיינען געוועזען העלע און פרעהליכע. די צייהנער קליינע און געדיכטע, זיין שטימע האָט זיך נאָך ניט איינגעשטעלט.

— ווי אַלט זייט איהר? — האָט די מוטער איהם א פרעג געטהאָן.

— זיעבצעהן יאָהר...

— וואו זיינען אייערע עלטערען?

— אין דאָרף... און איך בין פון צעהן יאָהר אַלט דאָ... איך האָב גע־ענדיגט די שול און בין גלייך געקומען אַהער! און ווי איז אייער נאָמען, חבר?

ביי דער מוטער פלעגט דיעזער וואָרט אימער אַרויסרופען א שמייכעל, אָבער דאָס פלעגט איהר ריהרען. אויך יעצט האָט זי שמייכלענדיג געפרעגט:

— צו וואָס דאַרפט איהר דאָס וויסען?

דער אינגעל האָט זיך א ביסעל פערלאָרען און נאָך א קורצען שווייגען האָט ער ערקלעהרט:

— פערשטעהט איהר מיך, דער סטודענט פון אונזער קרייזעל... דאָס הייסט דער, וואָס האָט מיט אונז געלערענט, האָט אונז דערצעהלט וועגען דער מוטער פון פּאַוועל וולאַסאָוו, אַן אַרבייטער... איהר ווייסט דאָך מסתמא פון דער ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציאָן?

זי האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און האָט זיך געשפּאַנט צוגעהערט.

— ער האָט דער ערשטער עפענטליך ערהויבען די פאָהן פון אונזער פּאַרטיי! — האָט איוואַן מיט שטאָלץ ערקלעהרט און זיין שטאָלצקייט האָט אויך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער מוטערס האַרץ.

— איך בין דערביי ניט געוועזען... מיר האָבען דאַן געדענקט צו מאַכען אַזאַ דעמאָנסטראַציאָן דאָ, אָבער עס האָט זיך אונז ניט איינגעגעבען! קליין איז דאַמאָלסט געוועזען אונזער צאָהל. אָבער דעם קומענדען יאָהר — וועט איהר זעהן!

ער איז לעבעדיג געוואָרען, פאָרשטעלענדיג זיך די קומענדע פּאַסירונגען און פּאָבענדיג אין דער לופט מיט דער לעפעל, האָט ער פאָרטגעזעצט:

— איז אַט די דאָזיגע וולאַסאָווא, די מאַמע הייסט עס... אויך אַריינ־געטראָטען נאָכדעם אין דער פּאַרטיי... מען זאָגט אַן אַלטע... אַז פּשוט אַ וואונדער... מען דאַרף גאָר מיט ליבע זוכען אַזעלכע אין דער וועלט!

די מוטער האָט אַ שמייכעל געטהאָן. איהר איז געווען אַנגענעהם צו הערען אַזעלכע בעגייסטערטע קאָמפּלימענטען פון דעם אינגעל. אין דער זעלבער צייט האָט זי זיך געפיהלט ניט גוט. זי האָט זאָגאַר געוואָלט זאָגען איהם — דאָס בין איך וולאַסאָווא!... זי האָט זיך אָבער איינגעהאַלטען און האָט מיט אַ לייכטען שמייכעל אומעדיג אַ זאָג געטהאָן צו זיך אַליין:

— אַך, דו אַלטער נאַר!...

— און איהר עסט וואָס מעהר... ווערט געזונד וואָס שנעלער, אום צו קענען אַרבייטען פאַר דער גוטער זאַך! — האָט זי פּלוצלונג, איינבויגענדיג זיך צו איהם, געזאָגט. — די זאַך פאָדערט שטאַרקע, יונגע הענד, אַ ריינעם האַרץ און אַן עהרליכען מוח... מיט דיעזע קרעפטען וועט מען קענען בייקומען גאָר דאָס שלעכטע און געמיינע אויף דער וועלט.

די טיהר האָט זיך געעפענט. עס האָט זיך געפיהלט אַ פייכטע הערבסט־קעלט. און סאָפיע איז אַריינגעקומען אַ רויטע, אַ פרעהליכע.

— שפּיאָנען דרעהען זיך אַרום מיר אַרום, פּונקט ווי חתנים אַרום אַ רייכער כלה, עהרען וואָרט! איך מוז וואָס גיכער אַוועקגעהן פון דאַנען... נו, וואָס מאַכט איהר, וואַניאַ? בעסער? וואָס מאַכט פּאַוועל, נילאָוונאַ? איז סאַשאַ דאָ? — האָט זי, פערדרויכערענדיג אַ פּאַפּיראָס, געפרעגט, ניט וואַרטענדיג אויף אַן ענטפער, און זי האָט מיט איהרע גרויע אויגען מילד געקוקט אויף דער מוטער און אויפ'ן קראַנקען.

די מוטער האָט געקוקט אויף איהר און שמייכלענדיג געטראַכט:

— אַט בין איך שוין אויך פערעכענט צווישען די גוטע מענשען!...

און ווידער איינבויגענדיג זיך צו איוואַנען, האָט זי געזאָגט:

— ווערט געזונד, זוהנעלע!

און זי איז אַרויס אין עס־צימער. דאָרטען האָט סאָפיע דערצעהלט סאַשאַ'ן:

— זי האָט שוין פאַרטיג דריי הונדערט עקזעמפּליאַרען! זי וועט פּאַ־לען פון אַזאַ אַרבייט!... אַט דאָס איז אַ העלדישקייט! איהר ווייסט, סאַשאַ, עס איז אַ גרויסער גליק צו לעבען צווישען אַזעלכע מענשען, צו זיין זייער אַ חבר, צו אַרבייטען מיט זיי צוזאַמען...

— יאַ! — האָט די מיידעל שטיל געענטפערט.

אין אָבענד ביים טהעע טרינקען האָט סאָפיע געזאָגט דער מוטער:

— און איהר, נילאָווגא, וועט ווייטער דארפען בעזוכען דעם דאָרף...

— מילא, נו! ווען?

— אין א דריי טעג ארום — קענט איהר?

— גוט...

— איהר פאָהרט! — האָט זיך ניקאָליי אָפּגערופען. — דינגט א פּאָסט־פוהר און פאָהרט אויף אַן אנדער וועג, דורך דעם דאָרף ניקאָלסקאָיע.

— דורך ניקאָלסקאָיע איז וויים! — האָט די מוטער בעמערקט. — און א פוהר אָהין קאָסט צו פיעל...

— פערשטעהט איהר מיך... — האָט ניקאָליי פאָרטגעזעצט. — איך בין בכלל געגען דיעזער נסיעה. דאָרט איז יעצט אונרוהיג.... עס זיינען שוין געוועזען אַרעסטען, מען האָט שוין צוגענומען עפּעס א לעהרער, מען דאַרף זיין פאָרזיכטיגער... מען האָט בעסער געדאַרפט אָפּוואַרטען א קורצע צייט...

— דאָס קען מען סיי ווי ניט אויסמיידען! — האָט די מוטער גע־ענטפערט. — איהר זאָגט דאָך אליין, אז מען פּייניגט ניט! — און זי האָט א שמייכעל געטהאָן.

סאָפיע האָט, צוקלאַפּענדיג מיט די פינגער אָן טיש, בעמערקט:

— מיר מוזען זעהן ניט צו אונטערברעכען די פערשפּרייטונג פון לי־טעראַטור... איהר האָט ניט מורא צו פאָהרען, נילאָווגא? — האָט זי פּלוצלונג געפרעגט.

די מוטער האָט זיך א ביסעל געפונען בעליידיגט פון דיעזער פראַגע און זי האָט געענטפערט:

— ווען האָב איך דען יאָ מורא געהאַט? דעם ערשטען מאָל האָב איך דאָס אויך געטהאָן אָהן קיין שום מורא... און דאָ פּלוצלונג... — זי האָט ניט פערענדיגט די פראַזע און האָט אַרונטערגעלאָזען דעם קאָפּ. יעדעס מאָל, ווען מען פלעגט איהר פרעגען, צו זי האָט קיין מורא ניט, אָדער צו איהר איז בעקוועם, אָדער צו זי איז אימשטאַנדע צו טהאָן דאָס אָדער יע־נעס — פלעגט זיך איהר דוכטען, אז די מענשען שטופּען איהר עפּעס אָפּ אָן א זייט, אז זיי בעציהען זיך צו איהר אַנדערש, ווי איינע צו די אַנדערע. ווען עס זיינען אָנגעקומען די שטורמדיגע טעג, האָבען זיי איהר אין אָנפאַנג בעאונרוהיגט, א דאַנק דער שנעלקייט פון זייער גאַנג און דער פערשיעדענ־אַרטיגקייט פון זייער אינהאַלט און אויפרעגונג, נאָר זי פלעגט זיך גיך צו־געוואוינען צום טומעל און איהר האַרץ, וואָס איז געוועזען אָנגעפילט מיט די פערשיעדענע איינדריקע, האָט זיך געריסען צו טהעטיגקייט, צו אַרבייט... אַזאַ שטימונג האָט זי איבערגעלעבט אויף דיעזען טאָג, און דעריבער איז איהר נאָך אונאָנגענעהמער געווען סאָפיע'ס פראַגע.

— אייער פראַגע, צו איך האָב מורא, איז גאַנץ איבעריג! — האָט זי זיפצענדיג געזאָגט. — איך האָב ניט וואָס מורא צו האָבען... עס שרעקען זיך נאָר יענע, וועלכע האָבען עפּעס... און וואָס האָב איך? נאָר דעם זוהן... פאַר איהם האָב איך זיך געשראָקען... איך האָב מורא געהאַט מען זאָל איהם דאָרט ניט פּייניגען... און פאַר זיך אויך... אָבער אז פּייניגען פּייניגט מען ניט — איז וואָס איז דאָ פאַראַן מורא צו האָבען?

— איהר האָט זיך בעליידיגט! — האָט סאָפיע אויסגערופען.

— ניין... אָבער איהר איינער דעם אַנדערען שטעלט ניט אַזעלכע פראַגען...

ניקאָליי האָט געשווינד אויסגעטהאָן די ברילען, האָט זיי ווידער אָנ־געטהאָן און האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער שוועסטער'ס געזיכט. די מוטער האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל און האָט זיי געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר כאָפּיע האָט איהר אָנגענומען פאַר'ן האַנד און שטיל געזאָגט:

— ענטשולדיגט מיר... מעהר וועל איך דאָס ניט טהאָן!

דאָס האָט אַרויסגערופען אַ געלעכטער ביי דער מוטער, און אין עטליכע מינוט אַרום האָבען זיי שוין אַלע דריי פריינדליך און בעזאָכט געשמועסט וועגען דער רייזע אין דאָרף.

.15

ווען עס האָט אָנגעהויבען טאָגען, האָט זיך די מוטער שוין געטרייסעלט אין דעם פּאָסט־וואָגען איבער דעם בלאָטיגען הערבסט־וועג. אַ פייכטער ווינד האָט געבלאָזען איהר אין פּנים אריין, די בלאָטע האָט געשפריצט און דער פוהרמאַן, זיצענדיג אויף די קאָזלעס, האַלב אָבגעקעהרט צו איהר, האָט זיך געהאַלטען אין בעקלאָגען:

— זאָג איך צו איהם, צום ברודער הייסט עס, קום לאָמיר זיך צוטהיי־לען! האָבען מיר זיך אָנגעפאַנגען טהיילען...

ער האָט פּלוצלונג אַ שמיץ געטהאָן דעם לינקען פערד און האָט מיט כעס אַ געשריי געטהאָן:

— נאָ־אָ! לויף, דו פאַדלע!...

איבער די היילע פעלדער האָבען אַרומגעשפּאַציערט די פעטע הערבסט־וואָראָנעס, אַ קאַלטער ווינד איז פייפענדיג געפלויגען איבער זיי. די וואָ־ראָנעס האָבען אונטערגעשטעלט זייערע זייטען אונטער די קלעפּ פון ווינד. ער האָט פאַנאַנדערגעבלאָזען זייערע פעדערען, האָט זיי געוואָרפען פון די פיס, דאַן פלעגען זיי פויל אויפהויבען די פליגלען און אַריבערפליהען אויף אַן אַנדער פּלאַץ.

— נו, האָט ער ביי מיר אויסגענאַרט... זעה איך, אַז איך האָב ניט צו וואָס צו נעהמען זיך... — האָט דער פוהרמאַן ווייטער דערצעהלט.

די מוטער האָט ווי דורך אַ חלום געהערט זיינע רייד. אין איהר האַרצען איז געוואַקסען אַ שטומער געראַנק. איהר זכרון האָט פאַר איהר געבויט אַ לאַנגע רייהע פּאַסירונגען, וועלכע זי האָט איבערגעלעבט פאַר די לעצטע יאָהרען, און דורכקוקענדיג זיי האָט זי איבעראַל געזעהן זיך. פריהער פלעגט דאָס לעבען געשאַפען ווערען ערגעץ ווייט. זי האָט ניט געוואוסט ווער עס שאַפט און צוליעב וואָס ער ווערט געשאַפען. אָבער יעצט ווערט פיעלעס געטהאָן פאַר איהרע אויגען און מיט איהר הילפע. דאָס האָט אַרויסגערופען אין איהר אַ פערפּלאָנטערטען געפיהל פון אונצוטרוי צו זיך און אַ געפיהל פון זעלבסט־צופריעדענהייט און פון שטילען אומעט...

אַלץ אַרום האָט זיך געשאָקעלט אין לאַנגזאַמער בעוועגונג. איבער'ן הימעל זיינען, אַריבעריאָגענדיג איינער דעם צווייטען, געשוואומען גרויע וואָלקענס. ביי די זייטען פון וועג האָבען זיך געשאָקעלט די נאַסע בוימער, אַרום האָבען זיך געצויגען די פעלדער און בערגלעך. דער גאַנצער גרויער טאָג האָט זיך עפּעס אַזוי ווי געאיילט אַנטקעגען צו קומען עטוואָס ווייטעס און וויכטיגעס.

דער האַמזעדיגער קול פון פוהרמאַן, דאָס קלינגען פון די גלעקלעך, דער פייכטער וואָיען און רויש פון ווינד האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין שטראָמענדען טייכעל. ער האָט זיך געצויגען איבער'ן פעלד מיט אַ גלייכער האַסטיגקייט און האָט געוועקט אין קאָפּ געדאַנקען:

— פאַר אַ רייכען איז דאָך די גאַנצע וועלט ווענ.ג... אַזוי איז עס דאָך שוין!... האָט ער אָנגעפאַנגען צו שניידען... די נאַטשאַלסטוואָ איז מיט איהם בעפריינדעט... — האָט דער פוהרמאַן, שאָקלענדיג זיך אויף די קאָזלעס, דערצעהלט.

ווען זיי זיינען געקומען אויף דער סטאַנציע, האָט ער אויסגעשפּאַנט די פערד און האָט זיך מיט אַ האָפנונגסלאָזער שטימע געווענדעט צו דער מוטער:

— דו האָסט מיר גערארפט געבען אַ צעהנערעל... איך וואָלט כאָטש גענומען אַ שנאַפּס...

זי האָט איהם דערלאַנגט אַ מטבעה און ער האָט מיט'ן זעלבען טאָן געזאָגט:

— פאַר דריי קאָפּיקעס וועל איך קויפען בראַנפען און פאַר צוויי — אַ שטיקעל ברויט...

נאָך האַלבען טאָג איז די מוטער, א צובראָכענע, א פערפראָרענע, אָנגעקומען אין דעם גרויסען דאָרף ניקאָלסקאָיע. זי איז אַרום אויף דער סטאַנציע, האָט זיך געהייסען דערלאַנגען טהעע און האָט זיך געזעצט לעבען פענסטער, אַוועקשטעלענדיג איהר שווערען רייזע־טאַש אונטער'ן באַנק. פון פענסטער האָט זיך געזעהן א פלאַץ ניט קיין גרויסער, בעדעקט מיט צוטראָטענע געלע גראָז און די טונקעל־גרויע הויז מיט דעם אָראַפּגעלאָזענעם דאַך פון דער דאָרפישער פערוואַלטונג. אויפ'ן גאַניק פון הויז איז געזעסען אַן אַלטער פויער מיט א לאַנגער באָרד און א פליכעוואַטען קאָפּ און האָט געררויכערט א ליולקע. איבער'ן גראָז איז אַרומגעגאַנגען א חזיר.

איבער'ן הימעל זיינען געשוואוּמען איינע אויף די אַנדערע דונקעלע וואָלקענס... עס איז געווען שטיל, דונקעל און אומעדיג. דאָס לעבען אַרום האָט זיך עפּעס אַזוי ווי ערגעץ־וואו בעהאַלטען.

פלוצלונג איז גאַלאָפּירענדיג צוגעריטען צום הויז דער אוריאַדניק, האָט אָפּגעשטעלט ביים גאַניק פון הויז דעם געלען פערד און, פאָכענדיג אין דער לופט מיט'ן קאַנטשיק, האָט ער אָנגעפאַנגען צו שרייען אויפ'ן פויער. די געשרייען האָבען זיך אָפּגעקלאַפּט אָן די שויבען פון די פענסטער, אָבער קיין ווערטער האָבען זיך ניט געהערט... דער פויער האָט זיך אויפגעהויבען, האָט אויסגעשטרעקט די האַנד, אָנצייגענדיג אויף ווייטער. דער אוריאַדניק איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד, האָט א וואָרף געטהאָן דעם פויער די לייצעס, איז אַרויפגעשפּרונגען אויפ'ן גאַניק און איז פערשוואונדען הינטער די טיהרען פון הויז...

עס איז ווידער שטיל געוואָרען. דער פערד האָט צוויי מאָל א קלאַפּ געטהאָן מיט'ן קאָפּיטע אָן דער ווייכער ערד. אין צימער איז אַריין א מיידעלע מיט א קורצען, געלען צאָפּ און מיט מילדע אויגען אויפ'ן רונדען פנים. זי האָט געהאַלטען פערביסען די ליפּען, האָט געטראָגען אויף איהרע אויסגעשטרעקטע הענד א טאַץ מיט געשיר. זי האָט זיך גענויגט, אָפּט שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

— גוט מאָרגען, מיידעלע! — האָט די מוטער צערטליך געזאָגט.

— גוט יאָהר!

אויסשטעלענדיג אויפ'ן טיש די טעלער און די טהעע־געשיר, האָט די מיידעלע פלוצלונג לעבהאַפט ערקלעהרט:

— אָקאָרשט האָט מען געכאַפּט א גזלן... מען פיהרט איהם!

— וואָס פאַר א גזלן?

— איך ווייס ניט...

— וואָס האָט ער געטהאָן ?

— איך ווייס ניט, — האָט די מיידעלע איבערגע'הזר'ט. — איך האָב נאָר געהערט: מען האָט געכאַפּט... דער וועכטער פון דאָרפס־פערוואַל־טונג איז אוועקגעלאָפען נאָכ'ן פּריסטאַוו אוז האָט אַ געשריי געטהאָן — מען האָט געכאַפּט, זאָגט ער, מען פיהרט!

די מוטער האָט אַ קוק געטהאָן אין פענסטער — אויפ'ן פּלאַץ האָבען געהאַלטען אין אָנקומען פויערים. אייניגע זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם און בעלי בתיש, אנדערע געשווינד, צושפּיעליענדיג אין גאַנג די פּעלצלעך. אָפּשטעלענדיג זיך ביים גאַניק פון הויז, האָבען אַלע געקוקט ערגעץ לינקס... עס איז געוועזן זאָנדערבאַר שטיל...

די מיידעלע האָט אויך אַ קוק געטהאָן אויפ'ן גאַס און איז אַרויסגע־לאָפען פון צימער, הויך אַ קלאַפּ טהוענדיג מיט'ן טיהר. די מוטער האָט אַ ציטער געטהאָן, האָט אַרונטערגערוקט ווייטער איהר טשעמאָדאַן אונטער'ן באַנק און, אַרויפוואַרפענדיג אויפ'ן קאָפּ אַ טיכעל, האָט זי זיך געלאָזען געהן געשווינד צום טיהר, קוים איינהאַלטענדיג דעם וואונש, וועלכער האָט איהר פערכאַפּט, צו געהן וואָס שנעלער, פּשוט צו לויפען...

ווען זי איז אַרוים אויפ'ן גאַניק, האָט איהר אַ שאַרפע קעלט אַ שמיץ געטהאָן אין די אויגען און אין האַרצען. דער אָטהעם האָט איהר פערכאַפּט און די פים זיינען איהר פערגליווערט געוואָרען. — אין מיטען פּלאַץ איז געגאַנגען ריבין די הענד פערבונדען אויף אַ־הינטער, ביי די זייטען זיינען געגאַנגען צוויי דעסיאַטניקעס מיט שטעקענס אין די הענד און לעבען דאָרפס־פערוואַלטונג איז געשטאַנען אַן עולם מענשען און האָט שווייגענדיג געוואַרט.

אַ צוטומעלטע, ניט קענענדיג פאַנאַנדערקלייבען זיך, וואָס דאָ קומט פאָר אַזוינס, האָט די מוטער, ניט אָפּרייסענדיג זיך, געקוקט — ריבין האָט עפּעס גערעדט. זי האָט געהערט זיין שטימע, אָבער די ווערטער פלעגען פערשווינדען אָהן אַן אָפּקלאַנג אין דער דונקעלער, ציטערנדער פוסטקייט פון איהר האַרצען... זי איז געקומען צו זיך, האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטהעם — ביים גאַניק איז געשטאַנען אַ פּויער מיט אַ ברייטער בלאָנדער באָרד, וועלכער האָט געקוקט אויף איהר מיט זיינע העל־בלויע אויגען. קוים וואָס זי איז געוועזן אימשטאַנדע איהם אַ פרעג צו טהאָן:

— וואָס איז דאָס אַזוינס ?

— אָט, קוקט... — האָט דער פּויער געענטפערט און ער האָט זיך אָפּגעקעהרט.

עס איז צוגעקומען אַ צווייטער פּויער און האָט זיך אוועקגעשטעלט

לעבען איהר. די דעסיאטניקעס האָבען זיך אָפּגעשטעלט לעבען עולם, וועל־כער איז געוואקסען און געוואקסען. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט ריבין'ס קול:

— גאָטספאַרכטיגע מענשען! איהר האָט דאָך מסתמא געהערט וועגען די פּאַפּיערלעך, אין וועלכע עס האָט זיך געשריעבען וועגען אונזער פויער־שען לעבען? — נו, איז פאַר דיעזע פּאַפּיערלעך לייד איך דאָס יעצט... דאָס פּלעג איך זיי פאַנאַנדערגעבען צווישען פאָלק!

די מענשען האָבען ענגער ארומגערינגעלט ריבינען... זיין שטימע האָט געקלונגען רוהיג און גלייכמעסיג. דאָס האָט אַ ביסעל אויסגעניכטערט די מוטער.

— הערסט? — האָט איין פויער, אַ שטופּ טהוענדיג אין זייט אַ צוויי־טען, אַ זאָג געטהאָן. דער צווייטער האָט, ניט ענטפערענדיג, אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער מוטער. אויך דער אַנדערער האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער מוטער... נאָכדעם האָבען זיי זיךביידע אָפּ־גערוקט אָן אַ זייט פון גאַניק.

— זיי האָבען מורא! — האָט די מוטער אַ טראַכט געטהאָן.

איהר אויפמערקזאַמקייט איז געשטיגען. פון דער הויך אויפ'ן גאַניק האָט זי דייטליך געזעהן מיכאיל איוואַנאָוויטשעס צושלאָגענעם, שווארצען פּנים, דעם ברענענדען שיין פון זיינע אויגען; איהר האָט זיך געוואָלט, אַז ער זאָל איהר אויך בעמערקען און זי האָט זיך אויפגעהויבען אויף די שפּיץ פינגער און האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ צו איהם.

דער עולם ארום האָט געקוקט אויף איהם כמורנע, מיט אַן אונצוטרוי און האָט געשוויגען. בלויז פון די הינטערשטע רייהען האָט זיך געהערט אַ שטילער געשפּרעך.

— פויערים! — האָט מיט אַ פולער שטימע געזאָגט ריבין. — גלויבט וואָס עס שטעהט געשריעבען דאָרט אין די פּאַפּיערען... אָט וועל איך יעצט פיעלייכט שטאַרבען פאַר זיי. מען האָט מיר געשלאָגען, געפּייניגט, גע־וואָלט דערגעהן ביי מיר וואו איך האָב זיי גענומען און מען וועט נאָך מיר ווייטער שלאָגען, אבער איך וועל אַלץ אריבערטראָגען!.. ווייל אין דיעזע פּאַפּיערען ליעגט דער אמת; דיעזער אמת דאַרף פאַר אונז זיין טהייערער ווי ברויט... אָט וואָס...

— וואָרום זאָגט ער עס? — האָט זיך שטיל אָפּגערופען איינער פון די פויערים לעבען גאַניק.

דער פויער מיט די העל־בלויע אויגען האָט לאַנגזאַם געענטפערט:

— יעצט איז דאָך שוין אַלץ איינס; צוויי מאָל שטאַרבען וועט מען דאָך ניט, און איינמאָל מוז מען דאָך סיי ווי סיי...

די מענשען ארום זיינען געשטאַנען און געשוויעגען כמורנע. אויף אַלעמענס געזיכטער איז געלעגען עפּעס אַ שווערקייט.

אויפ'ן גאַניק האָט זיך בעוויעזען דער אוריאַדניק און שאָקלענדיג זיך, מיט אַ שיכור'ער שטימע, האָט ער ארויסגעברומט:

— ווער רעדט דאָס?

ער איז פּלוצלונג אַראָפּגעשפּרונגען פון גאַניק, האָט אָנגעכאַפּט ריבינען פאַר די האָר און, טרייסלענדיג זיין קאָפּ הין און צוריק, האָט ער געשריען:

— דו רעדסט עס, דו הונד... דו...

דער עולם האָט זיך אַ ריהר געטהאָן און האָט אָנגעפאַנגען צו טומלען. און ווידער האָט זיך דערהערט ריבין'ס קול:

— אָט קוקט, מענשען עהרליכע...

— שווייג! — דער אוריאַדניק האָט איהם אַ קלאַפּ געטהאָן אין אויער. ריבין האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן און האָט אַ פּיהר געטהאָן מיט די פּלייצעס.

— מען האָט מיך געבונדען די הענד און מען מאַטערט מיך ווי מען וויל.

— דיעסיאַטניקעס, פיהרט איהם! גיעהט זיך פאַנאַנדער — דער אוריאַדניק איז געלאָפען פאַראויס, שפּרינגענדיג פאַר ריבינען ווי אַ הונד, וועלכען מען האַלט אויף אַ קייט, שפּרינגט פאַר אַ שטיקעל פלייש, און ער האָט איהם מיט די פויסטען געקלאַפּט אין פּנים, אין האַרץ, אין בויך...

— שלאָג ניט! — האָט עפּעס איינער פון עולם אויסגעשריען.

— וואָרום שלאָגסטו איהם? — האָט אַ צווייטע שטימע אונטערגעהאַלטען.

— קום! — האָט דער פויער מיט די העל־בלויע אויגען געזאָגט, אַ וואונק טהוענדיג מיט'ן קאָפּ, און זיי זיינען ביידע אוועק אין דאָרפס־פערוואַלטונג.

די מוטער האָט זיי דורכגעלאָזען מיט אַ גוטמוטהיגען בליק. זי האָט לייכטער אָפּגעאָטהעמט. דער אוריאַדניק איז ווידער ארויסגעלאָפען אויפ'ן גאַניק און ער האָט פון דאָרטען, סטראַשענדיג מיט'ן פויסט, געשריען:

— פיהר איהם אהער! זאָג איך...

— מען דאַרף ניט! — האָט זיך פון צווישען דעם עולם דערהערט אַ פעסטע שטימע. — די מוטער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס האָט געזאָגט דער פויער מיט די העל־בלויע אויגען. — לאָזט ניט, קינדער!... ווען מען

וועט איהם אוועקפיהרען אהין, וועט מען איהם גאר דער׳הרג׳ענען צום טויט... נאכדעם וועט מען נאך גאר זאגען אויף אונז... אז מיר האבען איהם דער׳הרג׳עט... לאזט ניט!

— פויערים! — האט געקלונגען מיכיילא׳ס קול. — צו דען זעהט איהר ניט אייער לעבען, צו דען פערשטעהט איהר ניט, ווי מען בעראבע־וועט אייך, ווי מען בעשווינדעלט אייך און ווי מען טרינקט אייער בלוט? אלעם האלט זיך אויף אייך; איהר זייט די גרעסטע מאכט אויף דער וועלט... און וועלכע רעכטע האט איהר? די איינציגע רעכט, וואס איהר האט, איז צו פגר׳ען פון הונגער!...

די פויערים האבען פלוצלונג אנגעפאנגען צו שרייען, איבערשלא־גענדיג איינע די אנדערע.

— ער איז גערעכט!...

— רופט דעם פריסטאוו! וואו איז דער פריסטאוו?...

— דער אוריאדניק איז אוועקגעלאפען נאך איהם!..

— וואוהין איז ער אוועקגעלאפען? ער איז דאך טויט שיכור!

— עס איז ניט אונזער זאך צו רופען די נאטשאלסטווא...

דער טומעל איז אלץ מעהר געוואקסען.

— רייד! מיר וועלען דיך ניט לאזען שלאגען...

— וואס האסטו אזוינס אנגעמאכט, הא?

— בינדט איהם אפ די הענד...

— מען דארף דאס ניט, ברידערלעך...

— בינדט אפ... וואס איז דא פאראן מורא צו האבען?

— זעהט אקארשט, מיר זאלען זיך קיין צרות ניט אנמאכען!...

— די הענד טהוען מיר וועה! — האט ריבין, אריבערשרייענדיג אלעמען, געזאגט: — ברידער, איך וועל ניט אנטלויפען! פון מיין אמת וועל איך זיך ניט בעהאלטען... ער לעבט אין מיר...

עטליכע מענשען זיינען אפגעגאנגען פון עולם אין פערשיעדענע זייטען, האבען שטיל גערעדט צווישען זיך און געשאקעלט מיט׳ן קאפ, אנדערע האבען געלאכט... אבער וואס ווייטער זיינען אלץ מעהר מענשען, ארים געקליידעטע און אויפגערעגטע, זיך צוזאמענגעלאפען... זיי האבען געזידט ארום איהם ווי סם, און ער איז געשטאנען צווישען זיי, געמאכט מיט די הענד און געשריען:

— א דאַנק אײַך, טהײערע מענשען, א דאַנק אײַך! מיר דאַרפען זיך אַליין אײנע די אַנדערע די הענד בעפרײַען... יאָ! װער דען זשע װעט אונז העלפען, אויב ניט מיר אַליין?...

ער האָט אָפּגעװישט זײַן באָרד און האָט װידער אויפגעהויבען זײַן פערבלוטיגטע האַנד.

— אָט גיסט זיך מײַן בלוט... פאַר'ן אמת גיסט זי זיך.

די מוטער איז אַרונטערגעגאַנגען פון גאַניק, אָבער פון דער ערד האָט זי ניט געקענט זעהן מיכײלאָ'ן, װעלכער איז געװען אַרומגערינגעלט פון עולם, און זי האָט זיך װידער אויפגעהויבען אויף די טרעפּ.

— פּויערים! זוכט דיעזע פּאַפּיערלעך, לעזט זיי און גלויבט ניט דער נאַטשאַלסטװאָ און די גלחים, װען זיי װעלען אײַך זאָגען, אַז די יעניגע, װעלכע דערצעהלען אײַך דעם אמת, זײַנען בונטאָװשטשיקעס און האָבען ניט גאָט אין הארצען... דער אמת װאַנדערט איבער דער ערד און ער זוכט א נעסט צװישען פאָלק... פאַר דער נאַטשאַלסטװאָ איז דער אמת װי א מעסער און װי פײַער. זי האָט מורא פאַר איהם, װײַל ער װעט זיי קוילע-נען, פערברענען! דער אמת איז פאַר אײַך א פרײַנד און פאַר זיי א פער-ביטערער שונא! אָט פאַר װאָס זיי דערלאָזען איהם ניט!...

װידער האָבען צװישען עולם אויפגעברויזט עטליכע אויסרופען.

— הערט זיך צו, גאָטספאַרכטיגע מענשען!...

— עך, ברודער, דו װעסט פערלאָרען געהן...

— װער האָט דיר אַרויסגעגעבען?

— דער גלח! — האָט זיך אָפּגערופען אײנער פון די דיעסיאַטניקעס. צװײ פּויערים האָבען זיך שטאַרק אויסגעזידעלט.

— זײַט פאָרזיכטיג, קינדער! — האָט זיך דערהערט א געשריי.

16.

עס איז אָנגעקומען דער פּריסטאַװ, א הויכער, דיקער מאַן מיט א קײַ-לעכדיגען פּנים. די היטעל איז געװען בײַ איהם אָנגעטהאָן אויף א זײַט, אײן װאָנץ איז געװען בײַ איהם פערדרעהט אויף אַרויף, די צװײטע אַראָפּ-געלאָזען, און דערפאַר האָט זײַן פּנים אויסגעזעהן װי צוקרימט. אין דער לינקער האַנד האָט ער געהאַלטען זײַן שװערד און מיט דער רעכטער האָט ער געפאָכט אין דער לופטען. עס האָבען זיך געהערט זײַנע שװערע פעס-טע טריט. דער עולם האָט איהם געמאַכט א װאַרע. עפּעס א פינסטערקייט און א שװערקייט האָט זיך בעװיזען אויף די פּנים'ער. און דער טומעל

האָט זיך גענומען איינשטילען, פונקט ווי ער וואָלט אריין אין דער ערד. די מוטער האָט געפיהלט ווי עס ציטערט איהר די הויט אויפ'ן שטערען און די אויגען ברענען איהר. איהר האָט זיך נאָך אַ מאָל פערוואָלט געהן אַהין צווישען עולם. זי האָט זיך אויסגעבויגען פאָראויס און איז אַזוי פערבליבען שטעהן אין ערוואַרטונג.

— וואָס איז דאָ אַזוינס? — האָט דער פריסטאַוו, אוועקשטעלענדיג זיך געגען ריבינען און אָפּמעסטענדיג איהם מיט די אויגען, געפרעגט. — ווארום זיינען די הענד ניט פערבונדען? דיעסיאַטניקעס, ווארום? בינדט איהם שוין!

— זיי זיינען געווען פערבונדען... האָט דאָס פאָלק אָפּגעבונדען! — האָט איינער פון די דיעסיאַטניקעס געענטפערט.

— וואָס? דאָס פאָלק? וועלכעס פאָלק?

דער פריסטאַוו האָט אַ קוק געטהאָן אויף די מענשען ארום איהם און מיט דעם זעלבען רוהיגען טאָן ווייטער געפרעגט:

— ווער איז דאָס אַזוינס דאָס פאָלק?

ער האָט אַ שטויס געטהאָן מיט'ן הענטעל פון שווערד אין הארץ פון דעם פויער מיט די העל-בלויע אויגען.

— דאָס ביסטו, טשומאַקאָוו, דאָס פאָלק? נו, ווער נאָך? דו, מישין? און ער האָט מיט דער רעכטער האַנד עפּעס אימיצען אַ צופּ געטהאָן די באָרד.

— געהט זיך פאַנאַנדער, לומפּען!... אַ ניט וועל איך אייך... איך וועל אייך בעוויַיזען...

אין זיין שטימע, אויף זיין פּנים איז ניט געווען קענטיג קיין אויפ־רעגונג. ער האָט גערעדט מיט אַ קאַלטער רוהיגקייט און האָט געשלאָגען די מענשען מיט די געוועהנליכע, גלייכמעסיגע בעוועגונגען פון זיינע שטאַר־קע, לאַנגע הענד. די מענשען האָבען אראָפּגעלאָזען די קעפּ און אָפּגערוקט זיך אָן אַ זייט.

— נו, וואָס שטעהט איהר? — האָט ער זיך געווענדעט צו די דיע־סיאַטניקעס. — בינדט איהם!

ער האָט זיך אויסגעזידעלט מיט צינישע ווערטער, האָט ווידער אַ קוק געטהאָן אויף ריבינען און האָט צו איהם אַ געשריי געטהאָן:

— די הענד אַהינטער... דו!

— איך וויל ניט, אַז מען זאָל מיך בינדען! — האָט ריבין געזאָגט. — איך קלייב זיך ניט צו אַנטלויפען און איך שלאָג זיך אויך ניט... פאַר וואָס זשע זאָל מען מיך בינדען?

— וואָס? — האָט דער פּריסטאַוו געפרעגט, קלאַפּענדיג מיט די פּיס.

— גענוג אייך צו מאַטערען דאָס פאָלק, חיות ווילדע! — האָט ריבין ווייטער געזאָגט. — אין גיכען וועט אָנקומען אויף פאַר אייך דער רויטער טאָג...

דער פּריסטאַוו איז געשטאַנען געגען איהם און האָט איהם געקוקט גלייך אין פּנים אַריין. דערנאָך איז ער אָבגעטראָטען צוריק אַ ביסעל און האָט מיט אַ פערוואונדערטער שטימע אַ געשריי געטהאָן:

— אַך דו, הונד... ס'אַרא רייד?...

און פּלוצלונג האָט ער שנעל און שטאַרק אַ קלאַפּ געטהאָן ריבינען אין געזיכט.

— מיט'ן פויסט וועסטו דעם אמת ניט דערשלאָגען! — האָט ריבין אויסגעשריען, לאָזענדיג זיך אויף איהם. — און שלאָגען מיך האָסטו קיין רעכט ניט, הונד דו קרעציגער!

— איך האָב קיין רעכט ניט? איך? — האָט דער פּריסטאַוו אַ גע־שריי געטהאָן און ער האָט ווידער אַ פּאַך געטהאָן מיט'ן האנד, צילעווענדיג זיך אין ריבין'ס קאָפּ. ריבין האָט זיך צוגעזעצט, דער קלאַפּ האָט איהם ניט געטראָפען און דער פּריסטאַוו האָט זיך קוים איינגעהאַלטען אויף די פּיס.

— זאָלסט זיך ניט דערוואַגען מיך צו שלאָגען, טייוועל דו איינער!

דער פּריסטאַוו האָט זיך אַרומגעקוקט — די מענשען אַרום האָבען זיך צוזאַמענגערוקט אין איין ענגען קרייז...

— ניקיטאַ! — האָט דער פּריסטאַוו הויך אַ רוף געטהאָן. — ניקיטאַ!

פון צווישען עולם האָט זיך אַרויסגערוקט אַ דיקער, ניט קיין הויכער פויער אין אַ קורצען פּעלצער. ער האָט געהאַלטען דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזען און האָט געקוקט אויף דער ערד.

— ניקיטאַ! — האָט דרעהענדיג די וואָנצעס און ניט איילענדיג זיך געזאָגט דער פּריסטאַוו. — גיב איהם אין קאַרק... אַזוי, גוט...

דער פויער האָט געמאַכט אַ טראָט פאָרווערטס, האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבען ריבינען און האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. ריבין האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן שטרענג און האָט געזאָגט:

— אָט זעהט, מענשען, ווי די חיות שטיקען אייך מיט אייערע אייגענע הענד! קוקט און דענקט עס איבער!

דער פויער האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבען די האַנד און האָט איהם לייכט אַ קלאַפּ געטהאָן איבער'ן קאָפּ.

— אַט אַזוי דען, הונד איינער?! — האָט דער פּריסטאַוו אַ געשריי געטהאָן.

— עה, ניקיטאַ!... — האָט מען ניט הויך אַ זאָג געטהאָן פון עולם. — פּערגעס ניט אָן גאָט!

— שלאָג, זאָג איך דיר! — האָט געשריען דער פּריסטאַוו, שטויסענדיג דעם פּויער אין קאַרק.

דער פּויער האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט און האָט פינסטער אַ זאָג געטהאָן:

— איך וועל מעהר ניט שלאָגען...

— וואָס?

דעם פּריסטאַוו׳ס פּנים האָט אַ ציטער געטהאָן. ער האָט אָנגעפאַנגען צו טופּען מיט די פיס און האָט זיך זידלענדיג ארויפגעוואָרפען אויף ריבינען. עס האָט אַ קלונג געטהאָן אַ קלאַפּ. מיכיילאַ האָט זיך אַ שאָקעל געטהאָן, אַ מאַך טהוענדיג מיט׳ן האַנד. נאָך נאָך דעם צווייטען קלאַפּ האָט דער פּריסטאַוו איהם אַניעדערגעוואָרפען אויף דער ערד און האָט איהם אָנגעפאַנגען צו שלאָגען מיט די פיס אין הארצען, אין די זייטען און אין קאָפּ.

דער עולם האָט געגומען טומלען און האָט זיך אַ לאָז געטהאָן צום פּריסטאַוו. ער האָט דאָס בעמערקט און האָט דארום ארויסגעכאַפּט דעם שווערד פון שייד.

— אַזוי? איהר בונטעוועט? אהא?... אַט וואָס?...

זיין שטים האָט אַ ציטער געטהאָן און האָט אָנגעפאַנגען צו כריפּען, פּונקט ווי זי וואָלט זיך איבערגעבראָכען... צוזאַמען מיט דער שטים האָט ער אויך פערלאָרען זיין כוח, ער האָט איינגעצויגען די קאָפּ אין די פּלייצעס, האָט זיך איינגעבויגען און אַרומקוקענדיג זיך אויף אַלע זייטען האָט ער זיך גענומען אָברוקען פּאַמעלעך אויף אהינטער, אָנטאַפּענדיג פּאַרזיכטיג מיט די פיס דעם באָדען אונטער זיך. אָברוקענדיג זיך, האָט ער מיט אַן אונרוהיגען, צובראָכענעם קול געשריען:

— גוט!... נעהמט איהם... איך געה אוועק... נו, פּרובירט? ווייסט איהר, לומפּען פערפלוכטע, אַז ער איז אַ פּאָליטישער פערברעכער, אַז ער געהט געגען קיסר, ער מאַכט אָן בונטען, ווייסט איהר עס?... און איהר געהט איהם פערטהיידיגען? איהר זייט אויך בונטאָווטשיקעס?... אַ־האַ...

די מוטער איז געשטאַנען אָהן כחות און אָהן געדאַנקען, אַ צוגעדריקטע פון שרעק און רחמנות. זי האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט און האָט ניט אַ פינטעל געטהאָן מיט די אויגען, פּונקט ווי אין אַ שווערען שלאָף. אין קאָפּ

האָבען איהר ווי פליגען געזשומעט די בעליידיגטע, בייזע און פער׳כעס׳טע געשרייען פון די מענשען, עס האָט געציטערט דעם פּריסטאַוו׳ס קול און עס האָט זיך געהערט אַ שטילער שעפּטשען פון אייניגע מענשען...

— אויב ער האָט זיך פערזינדיגט, משפּט איהם!

— אָבער ניט שלאָג!...

— וואָס איז דאָס טאַקע פאר אַ גאַנג גאָר אָהן קיין שום משפּט?...

— קען מען דען אַזוי? אויף אַזא אופן וועלען אַלע אָנהויבען שלאָגען... וואָס וועט דאַן זיין?

— שדים! בלוטזויגערס אונזערע!...

די מענשען האָבען זיך צוטהיילט אין צוויי גרופּעס — איינע האָט ארומגערינגעלט דעם פּריסטאַוו, האָט געשריען און האָט איהם געפּרובירט איבעררעדען, די אַנדערע, אַ קלענערע אין צאָהל איז געבליבען לעבען ריבינען און האָט דאַרטען בייז און טעמפּ געהודזשעט. עטליכע מענשען האָבען איהם אויפגעהויבען פון דער ערד, די דעסיאַטניקעס האָבען איהם ווידער געוואָלט בינדען די הענד.

— וואַרט, שדים! — האָט מען צו זיי געשריען.

מיכאַילאָ האָט אָבגעווישט פון פּנים און פון באָרד די בלאָטע, די בלוט און האָט געשוויגען. זיין בליק האָט זיך אַ גליטש געטהאָן איבער דער מוטער׳ס פּנים. זי האָט אַ ציטער געטהאָן, האָט זיך אַ לאָז געטהאָן צו איהם, האָט ניט ווילענדיג אַ מאַך געטהאָן מיט׳ן האַנד — ער האָט זיך אָבגעקעהרט. נאָר אין עטליכע מינוט אַרום האָבען זיך זיינע אויגען ווידער אָבגעשטעלט אויף איהר פּנים. איהר האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט זיך אויסגעצויגען, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיינע פערבלוטיגטע באַקען האָבען אָנגעפאַנגען צו ציטערען...

— דערקענט... ניט שוין זשע האָט ער מיר דערקענט?...

און זי האָט עטליכע מאָל אַ נייג געטהאָן צו איהם מיט׳ן קאָפּ, אויפ־ציטערענדיג פאַר פרייד, נאָר אין איין מאָמענט אַרום האָט זי בעמערקט, אַז לעבען איהם שטעהט דער פויער מיט די העל־בלויע אויגען און ער קוקט אויך אויף איהר. זיין בליק האָט אויף אַ מינוט אויפגעוועקט אין איהר דעם בעוואוסטזיין פון דער געפאַהר...

— וואָס טהו איך דאָס?... מען וועט דאָך מיר אויך כאַפּען!

דער פויער האָט עפּעס אַ זאָג געטהאָן ריבינען, יענער האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און האָט מיט אַ ציטערענדער שטימע דייטליך און מונטער געזאָגט:

— נישקשה! איך בין ניט איינער אויף דער וועלט... דעם גאנצען אמת וועלען זיי ניט אויסראָטען! דאָרט, וואו איך בין געווען, ווערט בלייבען אַן אָנדענקונג פון מיר... אָט וואָס! כאָטש זיי האָבען אפילו דעם נעסט צושטערט, עס איז שוין דאָרט מעהר ניטאָ קיין פריינד־חברים...

— דאָס רעדט ער פאַר מיר! — האָט די מוטער גלייך פערשטאַנען.

— אָבער עס וועט קומען דער טאָג, ווען עס וועלען ארויסלויפען אויף דער פריי די אָדלערס... און דאָס פאָלק וועט זיך בעפרייען!

עפּעס אַ פרוי האָט געבראַכט אַן עמער וואַסער און האָט אָכטשענדיג און טענה'ענדיג אָנגעפאַנגען ארומוואַשען ריבינ'ען דעם פּנים. איהר דינע שטימע האָט זיך געפלאָנטערט צווישען מיכיילאָ'ס ווערטער און האָט געשטערט די מוטער צו פערשטעהן זיי. עס זיינען צוגעקומען פויערים מיט'ן פריסטאַוו פאָראויס, עמיץ האָט הויך אַ געשריי געטהאָן:

— דערלאַנגט אהער אַ פוהר פאַר דעם ארעסטירטען... וועמעס רייהע איז היינט?

נאָכדעם האָט זיך דערהערט דעם פריסטאַוו'ס קול:

— איך מעג דיר אַ קלאַפּ טהאָן, אָבער דו מיר ניט, דו קענסט ניט, דו טאָרסט ניט וואַגען... גולם!

— אזוי! און ווער ביזטו, אַ גאָט? — האָט ריבין אויסגעשריען.

אַן אויסברוך פון אויסרופען האָט פערטויבט זיין קול.

— האמפּער זיך ניט, פעטערל! דאָ איז דאָך נאַטשאַלסטוואָ!

— זייט ניט אין כעס, הערר פריסטאַוו!... דער מענש איז ניט ביים זינען....

— דו שווייג, ליג!...

— אָט וועט מען דיך גלייך אָבפיהרען אין שטאָדט אריין...

— דאָרט היט מען מעהר די געזעצע!...

די דעסיאַטניקעס האָבען אוועקגעפיהרט ריבינ'ען אונטער די הענד אויפ'ן גאַניק פון דער דאָרפס־פערוואַלטונג און האָבען זיך בעהאַלטען אין טהיר. די פויערים זיינען זיך לאַנגזאַם פונאַנדערגעגאַנגען איבער'ן פּלאַץ. די מוטער האָט דערזעהן, אַז דער פויער מיט די העל־בלויע אויגען לאָזט זיך געהן צו איהר און קוקט אויף איהר מיט אַ פער'גנב'עטען בליק. די פיס אונטער די קניע האָבען ביי איהר אָנגעפאַנגען צו ציטערען. — אַ וועה־מוטיגער געפיהל פון איינזאַמקייט האָט געגומען עסען איהר הארץ.

— מען דאַרף ניט אוועקגעהן! — האָט זי אַ טראַכט געטהאָן. — מען

דארף ניט! — און האלטענדיג זיך פעסט אָן די פּאַרענטשעס האָט זי געוואָרט.

דער פּריסטאַוו איז געשטאַנען אויף׳ן גאַניק, האָט גערעדט און מאַכענדיג אַהין און אַהער מיט׳ן האַנד, האָט ער מיט אַ פּאַרוויירפענדע, הארצלאָזע שטימע גע׳טענה׳ט:

— גאַראַנים, הינד וואָס איהר זייט! איהר פערשטעהט גאָרנישט און קריכט אין אַזעלכע זאַכען... אין אַ רעגיערונגס זאַך! חיות! איהר דאַרפט דאָך מיר דאַנקען, איהר דאַרפט דאָך מיר די פיס קושען פאַר מיין גוטסקייט! ווען איך זאָל וועלען — געהט איהר דאָך אַלע אויף קאַטאָרגע...

אַ פּאָר צעהנדליג פויערים זיינען געשטאַנען אַרום איהם מיט אַראָבגענומענע היטלען און האָבען געהאָרכט... עס האָט שוין אָנגעפאַנגען פינסטער צו ווערען, וואָלקענס האָבען זיך אַלץ ניעדריגער אַנגערוקט...

דער פויער מיט די העל-בלויע אויגען איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט געזאָגט אַ זיפץ טהוענדיג:

— אָט אַזוי געהט עס ביי אונז...

— יאָ אָ... — האָט זיך די מוטער שטיל אָבגערופען.

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר מיט אַן אָפענעם בליק און האָט געפרעגט:

— מיט וואָס בעשעפטיגט איהר זיך?

— איך קויף אויף ביי די ווייבער שפּיצען... אויך לייווענט...

דער פויער האָט לאַנגזאַם אַ גלעט געטהאָן די באָרד. נאָכדעם האָט ער, קוקענדיג אין דער ריכטונג צו דער הויז פון דער דאָרפס-פערוואַלטונג, ניט הויך אַ זאָג געטהאָן:

— דאָס קען מען ביי אונז ניט געפינען.

די מוטער האָט געקוקט אויף איהם פון אויבען אַראָפּ און האָט געוואָרט אויף דעם מאָמענט, ווען עס וועט איהר זיין בעקוועמער אריינצוגעהן אין צימער. דער פויער איז געווען אַ פערטראַכטער, אַ שעהנער, די אויגען אומעטיגע. אַ ברייט פּלייצינער און אַ הויכער איז ער געווען אָנגעטהאָן אין אַ בגד, וועלכער איז אין גאַנצען געווען בעדעקט מיט לאַטעס, און אין אַ ריינע קאַרטונענע העמד, געלע הויזען און לאַפּטשעס...

די מוטער האָט עפּעס לייכטער אויפגעאָטהעמט. און פּלוצלינג האָט זי עפּעס אונערוואַרטעט פאַר זיך אַליין אַ פרעג געטהאָן ביי איהם:

— וואָס, איבערנעכטיגען ביי דיר וועט מען קענען?

זי האָט אַ פרעג געטהאָן און אַלעס אין איהר האָט זיך אָנגעשטרענגט:

די מוסקולען, די ביינער. זי האָט זיך אויסגעגלייכט, קוקענדיג אויף דעם פויער מיט בעוועגלאָזע אויגען. אין קאָפּ האָבען איהר שנעל געעגבערט די געדאַנקען:

— איך וועל אונגליקליך מאַכען ניקאָליי איוואַנאָוויטשען... פּאַוולויושאַ׳ן וועל איך ניט קענען זעהן א לאַנגע צייט... מען וועט מיר שלאָגען!

דער פויער האָט, קוקענדיג אויף דער ערד און ניט איילענדיג זיך געענטפערט:

— איבערנעכטיגען? מען קען... וואָרום ניט? מיין שטוב איז נאָר א שלעכטע...

— דאָס מאַכט ניט... איך בין געוועהנט דערצו! — האָט די מוטער געענטפערט.

— מען קען! — האָט דער פויער איבערגע׳חזר׳ט, אָפּמעסטענדיג איהר מיט זיין פאַרשענדען בליק.

עס איז שוין פינסטער געוואָרען און אין דער פינסטערניס האָבען זיינע אויגען געלויכטען קאַלט, זיין פּנים האָט אויסגעקוקט זעהר בלאַס. די מוטער האָט, פּונקט ווי זי וואָלט זיך אַראָבגעלאָזען פון א באַרג, ניט הויך א זאָג געטהאָן:

— הייסט עס, וועל איך טאַקע שוין געהן... און דו... וועסט נעהמען מיין טשעמאָדאַן.

— גוט.

ער האָט א פּיהר געטהאָן מיט די פּלייצעס, האָט צוגעמאַכט דעם בגד און האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— אָט פאָהרט די פוהר...

אויפ׳ן גאַניק פון דער הויז פון דער דאָרפס-פערוואַלטונג האָט זיך בעוויזען ריבין, זיינע הענד זיינען ווידער געוועזן געבונדען, דער קאָפּ און דער פּנים זיינען געוועזן איינגעוויקעלט עפּעס אין א גראָהע זאַך.

— זייט געזונד, גוטע מענשען! — האָט זיין שטימע געקלונגען אין קעלט פון דער אבענד דעמערונג. — זוכט דעם אמת, היט איהם אָב, גלויבט דעם מענשען, וועלכער וועט אייך ברענגען דעם עהרליכען וואָרט, זשאַלע־ וועט זיך ניט צוליעב דעם אמת!...

— שוויינג, הונד! — האָט דעם פּריסטאַוו׳ס קול פון ערגעץ אויסגע־ שריען. — דיעסיאַטניק, טרייב די פערד, גולם!

— וואָס האָט איהר צו פערלירען? וואָס פאַר א לעבען איז אייערער?...

די פוהר האָט זיך גערירט. זיצענדיג אין איהר מיט די צוויי דיעסיאַט־ניקעס פון ביידע זייטען, האָט ריבין געשריען:

— צוליעב וואָס שטאַרבט איהר פון הונגער? סטאַרעט זיך וועגען פרייהייט, זי וועט אייך געבען ברויט און גערעכטיגקייט.... זייט געזונד, גוטע מענשען!...

דאָס איילענדיגע רוישען פון די רעדער, דאָס טופּען פון די פערד, דער קול פון דעם פריסטאַוו האָבען ארומגעכאַפּט זיין רעדע, האָבען איהר פער־פּלאָנטערט און דערשטיקט.

— געענדיגט! — האָט דער פויער א שאָקעל טהוענדיג מיט'ן קאָפּ געזאָגט, און ווענדענדיג זיך צו דער מוטער האָט ער שטיל פאָרטגעזעצט: — איהר זיצט דאָרט אויף דער סטאַנציע אביסעל... און איך וועל אין א ווייל־ע ארום קומען...

די מוטער איז אריין אין צימער, האָט זיך אניעדערגעזעצט לעבען טיש ביים סאַמאָוואר, האָט גענומען אין האנד א שטיקעל ברויט, האָט א קוק געטהאָן אויף איהם און האָט לאַנגזאַם איהם צוריק אריינגעלעגט אין טעלער. עסען האָט זיך איהר ניט געוואָלט און עס האָט איהר אָנגעהויבען צו ווערען ניט גוט. פאַר איהרע אויגען איז געשטאַנען דער פּנים פון דעם פויער מיט די העל־בלויע אויגען — א מאָדנער פּנים, עפּעס פונקט ווי א ניט פערענ־דיגטער און ער האָט ניט ארויסגערופען צו זיך קיין צוטרויען. איהר האָט זיך עפּעס ניט געוואָלט א טראַכט טהאָן גלייך, אז ער וועט איהר ארויסגעבען, אָבער דיעזער געדאַנק האָט שוין אָנגעפאַנגען צו ענטשטעהן ביי איהר און איז ווי א שווערער לאַסט געלעגען אויף איהר הארצען.

— ער האָט מיר בעמערקט! — האָט זי פויל און מאַכטלאָז געטראַכט.

— ער האָט בעמערקט... און האָט פערשטאַנען...

און ווייטער האָט זיך דער געדאַנק ניט ענטוויקעלט, ווערענדיג דער־טרונקען אין דעם געפיהל פון אומעט און ניט־גוטקייט.

א שרעקעדיגע שטילקייט, וועלכע האָט זיך בעהאַלטען הינטער'ן פענס־טער, האָט אומגעביטען דעם גערויש. דיעזע שטילקייט האָט ענטבלויזט אין דאָרף עטוואָס געדריקטעס און דערשראָקענעס, האָט פערשאַרפט אין דער מוטער'ס הארץ דעם געפיהל פון איינזאַמקייט און האָט אָנגעפילט איהר נשמה מיט א פינסטערניס, וועלכע איז געווען גראָה און ווייך ווי אַש.

עס איז אריינגעקומען די מיידעלע און, אָבשטעלענדיג זיך ביים טהיר, האָט זי א פרעג געטהאָן:

— ברענגען אייך דעם פיינקוכען?

מען דאַרף ניט... עס ווילט זיך מיר שוין ניט... איך האָב זיך אַזוי אָנגע־שראָקען פון דעם געשריי...

די מיידעלע איז צוגעגאַנגען צום טיש און מיט אויפרעגונג דערציילט:

— אַך, ווי דער פּריסטאַוו האָט עס איהם געשלאָגען!... איך בין געשטאַנען נאָהענט, האָב איך געזעהן... ער האָט איהם אַלע צייהנער אויס־געשלאָגען... ער שפּייט און די בלוט, אַזאַ געדיכטע, דונקעלע! קיין אויגען זיינען גאָר ניט קענטיג, יאָ־אָ. ער איז אַ זשעגעכץ־טרייבער... דער אוריאַד־ניק ליגט דאָ ביי אונז... שכור צום טויט און ער האַלט איין בעטען נאָך בראָנפען... ער זאָגט — זיי זיינען געווען אַ גאַנצע באַנדע און דיעזער איז דאָס געווען זייער עלטערער, דער אַטאַמאַן הייסט עס... דריי האָט מען געכאַפּט און איינער איז ענטלאָפען... יאָ־אָ און אַ לעהרער האָט מען אויך געכאַפּט... אויך פון זייערע... אין גאָט גלויבען זיי ניט און זיי ריידען איין אַנדערע אויך... אַז מען זאָל אַלע קירכען בעראַבעווען... אָט ווער זיי זיינען! און אונזערע פּויערים, אייניגע האָבען אויף איהם רחמנות געהאַט און אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז מען דאַרף איהם טוידטען אויף אָן אָרט!... ביי אונז זיינען דאָ אַזעלכע שלעכטע פּויערים — אַ גרויל!

די מוטער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו איהרע רייד, סטאַרענ־דיג זיך צו דערשטיקען אין זיך דעם אונרוה און פערטרייבען פון זיך דעם שמערצהאַפטען געפיהל פון ערוואַרטונג. און די מיידעלע איז וואהרשיינליך געווען צופריעדען, וואָס מען האָרכט איהר אויס און דאָרום האָט זי מיט נאָך מעהר לעבהאַפטיגקייט איין קול דערציילט:

— מיין טאַטע זאָגט, אַז דאָס אַלעס נעהמט זיך פון דער נישט גערע־טענים! צוויי יאָהר צייט שוין, ווי עס איז אַ ניט גערעטענים, אַלע מענשען זיינען שוין מיעד... דערפאַר זיינען די פּויערים אַזוי בייז — אַ שרעק! קומען זיי זיך צונויף, שרייען זיי און שלאָגען זיך. אַנומעלט, ווען מען האָט וואַסיר־קאָוו'ס בעל־הבתיש'קייט אויסגעפערקויפט פאַר די שטייערען, וואָס ער קומט, האָט ער אַזוי אַראָבגעלאָזען דעם סטאַראָסטאַ אַ קלאַפּ אין פּנים. נאַ דיר. זאָגט ער, מיינע שטייערען...

היינטער'ן טיהר האָבען זיך דערהערט שווערע טריט. אָנשפּאַרענדיג זיך מיט די הענד אָן טיש, האָט זיך די מוטער אויפגעשטעלט...

עס איז אַריינגעקומען דער פּויער מיט די העל־בלויע אויגען און, ניט אַראָפּנעהמענדיג די היטעל, האָט ער געפרעגט:

— וואו איז דיין פּעקעל?

ער האָט לייכט אויפגעהויבן דעם טשעמאָדאַן, האָט איהם אַ טרייסעל געטהאָן און האָט געזאָגט:

— אַ פּוסטער!... מארקא, געה פיהר איהר אָפּ צו מיר אַהיים... און ער איז אַוועק, ניט אומקוקענדיג זיך.

— איהר נעכטיגט דאָ? — האָט די מיידעלע געפרעגט.

— יאָ! איך קויף אויף שפּיצען, לייוועגט...

— ביי אונז וועבט מען ניט! דאָס וועבט מען אין טינקאָווא, אין דאַראינא, אָבער ניט ביי אונז! — האָט די מיידעלע ערקלעהרט.

— איך פאָהר מאָרגען אַהין...

אָפּצאָהלענדיג דער מיידעלע פאַר די טהעע, האָט זי איהר געגעבען דריי קאָפּיקעס אַ מתנה און זי האָט איהר זעהר דערפרעהט מיט דעם. אויפ'ן גאַס, טאַפּטשענדיג מיט איהרע באָרוועסע פיסלעך איבער דער נאַסער ערד, האָט די מיידעלע געזאָגט:

— איהר ווילט, וועל איך אַריבערלויפען אין דאַראינא און וועל אָנזאָגען די ווייבער, וועלען זיי ברענגען אַהער די שפּיצען? זיי וועלען קומען, וועט איהר פערשפּאָרען צו פאָהרען אַהין... עס איז פאָרט דאָך גאַנצע צוועלף וויאָרסט...

— עס איז ניט נויטיג, טהייערינקע! — האָט די מוטער געענטפערט.

די קאַלטע לופט האָט איהר אַביסעל אָבגעפרישט און אין קאָפּ איז איהר געבאָרען געוואָרען אַן אונקלאָרער בעשלוס און זי האָט אַלץ געהאַלטען אין איין טראַכטען:

— וואָס טהוט מען?... אפשר גאָר פּרובירען אָפענהערציג זאָגען דעם אמת?...

עס איז געוועזען פינסטער, פייכט און קאַלט. בלאָס האָבען געלויכטען די פענסטער פון די הייזער מיט אַ רויטליכען, בעוועגלאָזען ליכט. אַ דונקעלע דריקענדע פערטראַכטקייט האָט איינגעוויקעלט דאָס גאַנצע דאָרף...

— דאָ איז עס! — האָט די מיידעלע געזאָגט. — איהר האָט אויסגעקליבען אַ שלעכטען פּלאַץ צום נעכטיגען... דער פּויער איז זעהר אָרים...

זי האָט אָנגעטאַפּט די טיהר, האָט איהר אויפגעעפענט, האָט אַ געשריי געטהאָן אין הויז:

— טאַטיאַנאַ, די פרוי איז געקומען!...

און זי איז ענטלאָפען געוואָרען. פון דער פינסטער האָט זיך דערהערט איהר קול:

— פאָהרט געזונטערהייד!...

.17

די מוטער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים שוועל און האָט געוואָרפען א בליק ארום זיך. די שטיבעלע איז געווען א ריינע, אַן ענגע, אָבער א ציכטיגע. דאָס האָט זיך איהר גלייך געוואָרפען אין די אויגען. פון הינטער'ן אויווען האָט ארויסגעקוקט א יונגע פרוי. זי האָט זיך שוויינענדיג א נייג געטהאָן און איז פערשוואונדען. אין פאָדערשטען ווינקעל אויפ'ן טיש האָט גע־ברענט א לאָמפּ.

דער בעל הבית פון הויז איז געזעסען ביים טיש און האָט, צוקלאַ־פּענדיג מיט'ן פינגער אין ברעג טיש, אויפמערקזאַם געקוקט די מוטער אין די אויגען אריין.

— קומט אריין! — האָט ער זיך געווענדעט צו איהר. — טאַטיאַנאַ, געה רוף אריין פּיאָטרען. שנעלער!

די פרוי איז שנעל ארוים ניט אָנקוקענדיג די גאַסט. זיצענדיג ביים טיש אויפ'ן באַנק אַנטקעגען דעם בעל הבית, האָט זיך די מוטער ארומגע־קוקט — איהר טשעמאָדאַן האָט זיך ניט געזעהן. א שווערע שטילקייט האָט אָנגעפילט די הויז, עס האָט זיך קוים וואָס געהערט דער טרעשטשען פון פייער אין לאָמפּ. דעם פּויער'ס פּנים איז געווען בעזאָרגט און אָנגע־בלאָזען און דאָס האָט ארויסגערופען א פערדרוס ביי דער מוטער.

— נו, רעד שוין!... שנעלער...

— וואו איז מיין טשעמאָדאַן? — האָט זי פּלוצלונג און אונערוואַר־טעט פאַר זיך אליין הויך א פרעג געטהאָן.

דער פּויער האָט א פּיהר געטהאָן מיט די פּלייצעס און האָט פערטראַכט געענטפערט:

— ער וועט ניט פערפאַלען געהן...

און מיט אַן אראָפּגעלאָזענער שטימע האָט ער ווייטער פאָרטגעזעצט:

— איך האָב פריהער מיט א כיון געזאָגט פאַר דער מיידעלע, אז ער איז א פּוסטער. — ניין, ער איז ניט קיין פּוסטער! ער איז שווער אָנגע־פּאַקט!

— נו? — האָט די מוטער געפרעגט. — איז וואָס איז?

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צו איהר, האָט זיך איינ־געבויגען און האָט שטיל א פרעג געטהאָן:

— איהר קענט יענעם מאַן?

די מוטער האָט א ציטער געטהאָן און זי האָט פעסט געענטפערט:

— יא!

דער דאָזיגער קורצער וואָרט האָט עפּעס אַזוי ווי בעלויכטען איהר אינערליך און האָט אַלעס אַרום אויסגעלייטערט. זי האָט לייכט אָפּגע־זיפצט, האָט זיך צוגערוקט אויפ׳ן באַנק און האָט זיך פעסטער געזעצט...

דער פויער האָט אַ ברייטען שמייכעל געטהאָן.

— איך האָב בעמערקט, ווי איהר האָט צו איהם אַ וואונק געטהאָן און ער צו אייך אויך... איך האָב איהם אַ פרעג געטהאָן אויפ׳ן אויער — די פרוי, וואָס שטעהט אויפ׳ן גאַניק איז אייערע אַ בעקאַנטע?

— און וואָס האָט ער געענטפערט? — האָט זי שנעל געפרעגט.

— ער? עס זיינען דאָ אַ סך פון אונזערע, האָט ער געענטפערט... יאָ, אַ סך, זאָגט ער...

ער האָט פרענגענדיג אַ קוק געטהאָן דער מוטער אין די אויגען און האָט ווידער שמייכלענדיג פאָרטגעזעצט:

— דער מאַן בעזיצט אַ גרויסע קראַפט! אַזאַ דרייסטער. מען שלאָגט איהם און ער טענה׳ט אָפּען — יאָ, איך!

זיין אונזיכערער און ניט פעסטער קול, דער ניט פערענדיגטער פּנים און די העלע אָפענע אויגען האָבען אַלץ מעהר בערוהיגט די מוטער. אַנשטאַדט אַן אונרוה און אַ וועהמוט, האָט זיך גענומען פיהלען אַ שאַרפען רחמנות צו דיבינען. זי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט מיט ביטערען צאָרן אויסגערופען:

— גזלנים... מערדער!

און זי האָט אַ כליפּע געטהאָן.

דער פויער איז אָפּגעטראָטען פון איהר, שאָקלענדיג פינסטער מיט׳ן קאָפּ.

— די נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך אַנגעלעבט פריינד... יאָ־אָ!

און פּלוצלונג האָט ער זיך ווידער אָפּגעקעהרט צו דער מוטער און האָט שטיל געזאָגט צו איהר:

— הער אויס... איך פערשטעה דאָך, אַז אין טשעמאָדאַן איז אַ צייטונג... אמת?

— יאָ! — האָט די מוטער איינפאַך געענטפערט, אָפּווישענדיג די טרעהרען. — איך האָב דאָס פאַר איהם געפיהרט.

ער האָט פערקנייטשט די ברעמען, האָט אַריינגענומען די באָרד אין הויפען און קוקענדיג אָן אַ זייט האָט ער געשוויגען אַ רגע און דאַן האָט ער זיך אָפּגערופען:

— זי פלעגט דערגעהן צו אונז אויך... ביכלעך פערשיעדענע פלעגען

מיר אויך קריגען... דאָס אַלעס איז נויטיג... דאָס אַלעס דאַרף מען טאָקע... אַזוי... איך אַליין קען ניט לעזען, אָבער איך האָב אַ פריינד... ער קען... אויך מיין פרוי לעזט מיר...

דער פויער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַ טראַכט געטהאָן אַ ווײַלע און נאָכדעם האָט ער געפרעגט:

— וואָס וועט איהר אַלזאָ טהאָן מיט דעם... מיט'ן טשעמאָדאַן?

די מוטער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און האָט גלייך געענטפערט:

— איך וויל איהם אייך איבערלאָזען!...

ער האָט זיך ניט פערוואונדערט, האָט ניט פּראָטעסטירט, ער האָט נאָר קורץ איבערגע'חזר'ט:

— אונז...

ער האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, האָט אַרויסגעלאָזען די באָרד פון הויפען, האָט איהר פאַנאַנדערגעקאַמט מיט די פינגער און האָט זיך אַנידער־געזעצט.

מיט אַ דרינגענדער איינגעשפּאַרטקייט האָט איהר געדעכבנים אַרויס־געדופען פאַר איהרע אויגען די סצענע ווי מען האָט ריבינען געפּייניגט, זיין געשטאַלט האָט געלאָשען אין איהר קאָפּ אַלע געדאַנקען, דער וועהטאָג און פערדרוס פאַר דיעזען מענשען האָבען פערשטעלט אַלע איהרע געפיהלען, זי האָט שוין ניט געקענט טראַכטען וועגען דעם טשעמאָדאַן און ניט וועגען קיין אַנדער זאַך. פון איהרע אויגען האָבען זיך אָהן אַן אויפהער געגאָסען טרעהרען, איהר פנים איז געווען פינסטער און איהר שטימע האָט ניט אויפ־געציטערט, ווען זי האָט געזאָגט צום בעל־הבית פון הויז:

— זיי בעראַבעווען, זיי דריקען און טרעטען אין בלאָטע דעם מענשען... די גזלנים!

— זיי זיינען אַ מאַכט! — האָט זיך שטיל אָפּגערופען דער פויער. — זיי האָבען אַ גרויסע מאַכט.

— אָבער וואו נעהמען זיי דיעזע מאַכט? — האָט די מוטער מיט פער־דרוס אויסגערופען. — זיי נעהמען דאָך עס ביי אונז, ביים פאָלק, אַלץ האָבען זיי גענומען ביים פאָלק!...

— יאַ־אַ! — האָט ער פערטראַכט בעמערקט. — אַ ראָד...

ער האָט זיך אויפמערקזאַם אָנגעשטערנגט, האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ צום טהיר, האָט זיך צוגעהאָרכט און האָט שטיל אַ זאָג געטהאָן:

— זיי געהען...

— ווער?

— אונזערע...

עס איז אריינגעקומען די ווייב, נאָך איהר האָט אריינגעשפּרייזט אין הויז דער פּויער מיט די זומער שפּרינקלעך. ער האָט א ווארף געטהאָן די היטעל אין ווינקעל, איז שנעל צוגעגאנגען צום בעל הבית און האָט איהם גע־פרעגט:

— נו, וואס הערט זיך?

יענער האָט איהם געענטפערט מיט יא, א שאָקעל טהוענדיג מיט'ן קאָפּ.

— סטעפּאן! — האָט זיך אפּגערופען די פרוי, שטעהענדיג לעבען אוי־וועז. — אפשר ווילען זיי, די דורכפאָהרערקע, עסען?

— איך וויל ניט, א דאנק אייך, טהייערינקע! — האָט די מוטער גע־ענטפערט.

דער פּויער מיט די זומער שפּרינקלעך איז צוגעגאנגען צו דער מוטער און האָט מיט א שנעלען צובראכענעם קול אנגעפאנגען צו ריידען:

— הייסט עס, ערלויבט צו בעקענען זיך... מיך רופט מען פּיאָטר יעגאָ־ראָוו ריאַבינין, מיין צונאָמען איז שילאָ... אין אייערע ענינים פערשטעה איך אביסעל... איך קען לעזען און שרייבען און בין ניט קיין נאר, אזוי צו זאָ־גען...

ער האָט א כאַפּ געטהאָן די מוטערס אויסגעשטרעקטע האנד און שאָק־לענדיג איהר, האָט ער זיך געווענדעט צום בעל הבית:

— אָט, זעה, סטעפּאן! ווארווארא מיכאַילאָוונא איז א גוטע פּריצ'־טע, אמת! אבער וועגען דעם אלעם זאָגט זי, אז דאָס זיינען נארישקייטען, פּלוידעריי!... איינגלעך, כלומרשט און פערשיעדענע דאָרט נארישע סטודענטען דרעהען א קאָפּ דעם פאָלק... דאָך זעהען מיר — אָט דאָ ניט לאנג האָט מען מען א סאָלידען, ווי עס בעדארפט צו זיין פּויער ארעסטירט און אָט יעצט — זיי זיינען אויך א בעיאָהרטע פרוי און ווי עס שיינט אויך ניט פון פּריצ'ישער אפּשטאַמונג. ענטשולדיגט — פון וועלכען קלאַס שטאַמט איהר?

גערעדט האָט ער שנעל, דייטליך, ניט איבערכאַפּענדיג דעם אָטהעם, זיין בערדיל האָט נערוועז געציטערט און די אויגען האָבען, פינטלענדיג זיך, שנעל געהאַלטען אין איין בעטראַכטען דעם פּנים און די פיגור פון דער פרוי. אָן אפּגעריסענער, מיט צופּלאָנטערטע האָר אויפ'ן קאָפּ, האָט ער אויסגע־זעהן פונקט ווי ער וואַלט זיך נאר וואס צושלאָגען מיט עמיצען, האָט בייגע־קומען דעם נעגנער און איז אין גאנצען פער'שיכור'ט פון דער פרעהליכער

אויפרעגונג פון זיעג. ער איז געפעלען געווארען דער מוטער מיט זיין דרייסטקייט און מיט דעם, וואס ער האט גלייך אנגעפאנגען צו רעדען אזוי אפענהערציג און איינפאך. קוקענדיג איהם מילד אין פנים אריין, האט זי געענטפערט אויף זיין פראגע. — ער אבער האט נאך אמאל פעסט א שאקעל געטהאן איהר האנד און האט זיך שטיל, טרוקענדליך פאנאנדערגעלאכט.

— דאס איז א ריינע זאך, סטעפאן, זעהסט? אן אויסגעצייכענטע זאך!.. איך האב דיר געזאגט, אז דאס פאלק הויבט אליין אן מיט זיינע אייגענע הענד, אזוי צו זאגען... און די פריצטע, זי וועט דעם אמת ניט זאגען, איהר קען עס שאדען ברענגען... איך אכטע איהר, אהן שום צווייפעל! זי איז א מענש א גוטער, און ווינשט אונז גוטעס ,אבער זי אליין זאל דערביי קיין זאך ניט פערליערען!.. דאס פאלק אבער וויל געהן גלייך און האט ניט קיין מורא פאר שאדען אדער צו פערליערען, פערשטעהסט? פאר איהם איז דאס גאנצע לעבען שעדליך, איבעראל — פערלוסט, ער האט ניט וואו א קעהר צו טהאן זיך, ארום איהם הערט ער נאר פון אלע זייטען שרייענדיג — שטעה!

— יא, דאס איז קלאהר! — האט סטעפאן געזאגט, צושאקלענדיג מיט'ן קאפ און ער האט גלייך אויפ'ן שטעל צוגעלעגט: — זי איז אונרוהיג וועגען טשעמאדאן...

פיאטר האט כיטרע א ווארנק געטהאן צו דער מוטער און האט ווידער אנגעפאנגען צו רעדען, בערוהיגענדיג איהר:

— זייט רוהיג! עס וועט אלעס זיין אין ארדנונג! דער טשעמאדאן אייערער איז ביי מיר... ווי נאר ער האט מיר געזאגט וועגען אייך, אז איהר נעהמט אויך אן אנטהייל אין דיעזער זאך און איהר קאנט יענעם מענשען — רוף איך זיך אפ — קוק, סטעפאן!.. מען דארף האלטען מויל אין אזא שטרענגען פאל! נו, און איהר, מאמינקע, האט אונז אויך געמוזט דערפיהלען, ווען מיר זיינען געשטאנען לעבען אייך. עהרליכע מענשען קען מען דערקענען נאכ'ן געזיכט. ווייל ניט פיעל אזעלכע געהען ארום איבער די גאסען! אייער טשעמאדאן איז ביי מיר...

ער האט זיך אניעדערגעזעצט לעבען איהר און קוקענדיג איהר אין די אויגען אריין האט ער פארטגעזעצט:

— אויב איהר ווילט איהם דא אויסלעדיגען, וועלען מיר אייך מיט'ן גרעסטען פערגעניגען העלפען!.. די ביכלעך וועלען אונז דא זעהר צוניץ קו־מען...

— זי וויל אונז אלע אוועקגעבען! — האט סטעפאן בעמערקט.

— אויסגעצייכענט, מאמינקע! אַן אָרט וועלען מיר שוין דאפיר געפינען!...

ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און ארומגעהענדיג שנעל איבער׳ן הויז הין און צוריק, האָט ער מיט צופריעדענהייט געזאָגט:

— דאָס איז, אַזוי צו זאָגען, א זעלטענער צופאַל!... הגם א גאַנץ איינפאַכער... אין איין אָרט האָט זיך דער פאָדים איבערגעריסען, האָט מען איהם אָנגעצווינגען אין א צווייטען פלאַץ... נישקשה... און די צייטונג, זאָג איך אייך איז א גוטע, און זי טהוט איהר ארבייט — זי רייבט אוים די אויגען... נאַטירליך פאַר די פּריצים איז דאָס ניט אנגענעהם... איך אַרבייט דאָ סטאָלעריי ביי א פּריצ׳טע, א וויאָרסט זיעבען פון דאַנען. זי איז א וואָילע פרוי, ניטאָ זיך וואָס צו בעקלאָגען אויף איהר, זי גיט פאַנאַנדער ביכלעך... אָפטמאָל זעהר איינפאַכע ביכלעך... לעזט איבער — און די אויגען עפענען זיך פשוט! אין אַלגעמיין — מיר זיינען איהר זעהר דאַנקבאַר... אָבער ווען איך האָב איהר בעוויזען א נומער פון דיעזער צייטונג, האָט זי זיך זאָגאַר א ביסעל בעליידיגט. וואָהפט עס אוועק, זאָגט זי, פּיאָטר! יאָ! דאָס, זאָגט זי, טהוען די נארישע אינגלעך. און פון דעם, זאָגט זי, וועט איהר נאָך האָבען מעהר צרות... טורמע און סיביר...

ער איז פּלוצלונג נאָך א מאָל ענטשוויגען געוואָרען, האָט נאָכגעדענקט א ווייל און האָט געפרעגט:

— זאָגט, איך בעט אייך, איז דיעזער מאַן אייערער א קרוב?

— א פרעמדער! — האָט די מוטער געענטפערט.

פּיאָטר האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, ווי ער וואָלט געוועןן מיט עפּעס זעהר צופריעדען און ער האָט אָנגעפאַנגען צו שאָקלען מיט׳ן קאָפּ, נאָר אין א מינוט אַרום האָט זיך די מוטער בעטראַכט, אז דער וואָרט פרעמדער פאַסט זיך ניט אין בעצוג צו ריבינען און בעליידיגט איהר:

— ער איז מיינער קיין קרוב ניט — האָט זי געזאָגט — אָבער איך קאָן איהם שוין פון לאַנג און איך שעץ איהם... ווי א לייבליכען ברודער... אַן עלטערען...

זי האָט ניט געקענט געפינען דעם פּאַסענדען וואָרט, דאָס האָט איהר וועה געטהאָן און זי האָט ווידער ניט געקענט איינהאַלטען דעם שטילען יאָמער. א פינסטערע ערוואַרטענדע שטילקייט האָט אָנגעפילט די שטוב. פּיאָטר איז געשטאַנען דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן פּלייצע, פּונקט ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס־וואָס צוגעהערט. סטעפּאַן האָט זיך אָנגעלעגט אָן טיש און האָט די גאַנצע צייט פערטראַכטערהייד צוגעקלאַפּט מיט׳ן פינגער איבער׳ן

ברעטעל. זיין ווייב האָט זיך אין דער פינסטער צוגעשפּאַרט צום אויוועז, די מוטער האָט די גאַנצע צייט געפּיהלט אויף זיך איהר בליק און צייטענווייז האָט זי אַליין געקוקט אויף איהם. איהר פּנים איז געווען אַ רונדער, אַ ברוינליכער, דער נאָז אַ גלייכער. און איהר מאָרדע קורץ און ענערגיש גע־פּארמירט. איהרע גרינליכע אויגען האָבען אויפמערקזאם און דורכדרינגליך געלויכטען.

—א פריינד, הייסט עס... — האָט פּיאָטר שטיל אַ זאָג געטהאָן. — ער איז אַ מענש מיט אַ כאַראַקטער... יאַ־אַ!.. ער שעצט זיך זעהר הויך... ווי עס בעדאַרף צו זיין... אָט זעה, טאַטיאַנאַ, ס'אַרא מענש, האַ? דו זאגסט...

— ער איז אַ פערהייראַטער? — האָט טאַטיאַנאַ איבערשלאָגענדיג זיינע רייד אַ פרעג געטהאָן און איהרע דינע ליפּען האָבען זיך פעסט צוזאַ־מענגעדריקט.

— אַן אַלמון! — האָט די מוטער אומעדיג געענטפערט.

— דערפאַר איז ער אַזאַ העלד! — האָט טאַטיאַנאַ מיט אַ ניעדעריגער שטימע געזאַגט — אַ פערהייראַטער וועט מיט אַזאַ וועג ניט געהן — ער וועט מורא האָבען...

— און איך? פערהייראַט און אַ סוף... — האָט פּיאָטר אויסגערופען.

— מאַך זיך ניט נאַריש! — האָט די פרוי, ניט קוקענדיג אויף איהם און פערקרימענדיג די ליפּען, געזאַגט. — נו, וואָס ביזטו דען אַזוינס? דו רעדסט נאַר און אַמאָל לעזטו אַ ביכעל. ווייניג נוצען האָבען די מענשען פון דעם, וואָס דו שושקעסט זיך אין די ווינקעלעך מיט סטעפּאַנען.

— צו מיר, ברודערעל, הערען זיך דאָ פּיעלע צו! — האָט דער פּויער שטיל געענטפערט מיט בעליידיגונג. — איך בין דאַ ווי הויוועז... אומזיסט מאַכסטו אַזוי אַוועק...

סטעפּאַן האָט שווייגענדיג אַ קוק געטאָן אויף דער ווייב און האָט וויע־דער אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ...

— איך פערשטעה ניט, וואָרום האָבען די פּויערים חתונה? — האָט טאַטיאַנאַ געפרעגט. — מען זאָגט, אַז מען דאַרף האָבען אַ באַלעבאַסטע,, אָבער, אַז עס איז דאָך גאָר ניטאַ, וואָס צו באַלעבאַטעווען?

ס'איז דיר נאָך ווייניג! — האָט סטעפּאַן בעמערקט.

— וואָס קומט אַרויס פון דער אַרבייט? סיי ווי סיי קומט אויס טאָג טעגליך צו הונגערען. קינדער ווערען געבאָרען — אַכטונג צו געבען אויף זיי איז קיין צייט ניטאַ... צוליעב דער אַרבייט, וועלכע גיט קיין ברויט ניט. זי איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער, האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבען איהר

און האָט ווייטער פאַרטגעזעצט אָהן קיין שום צאָרן און קלאַגע אין קול:

— איך האָב געהאַט צוויי... איינער א צוויי יאָהריגער האָט זיך אבגע־בריהט מיט זוד, דעם צווייטען האָב איך ניט דערטראַגען, ער איז געבאָרען געוואָרען א טוידטער אַלץ צוליעב דיעזער פערפלוכטער ארבייט! אָט דאַס זיינען מיינע נחות? איך זאָג — אומזיסט האָבען די פּויערים חתונה, זיי בינ־דען זיך נאָר די הענד דערמיט.. אַזוי וואָלטען זיי זיך געלעבט פריי, וואָלטען זיך דערשלאָגען א בעסערע אָרדנונג פאַר אַלעמען... זיי וואָלטען ארויס אָפען פאַר דער גערעכטיגקייט, אט אזוי ווי יענער מאַן... ריכטיג מאַמינקע?..

— ריכטיג! — האָט די מוטער געזאָגט — ריכטיג טהייערינקע — אנ־דערש קען מען דעם לעבען ניט בייקומען...

— איהר האָט א מאַן?

— ער איז געשטאָרבען... איך האָב א זוהן...

— און וואו איז ער, ער וואהנט מיט אייך?

— ער זיצט אין טורמע! — האָט די מוטער געענטפערט.

און זי האָט דערפיהלט, אז דיעזע ווערטער האָבען צוזאַמען מיט דעם געוועהנליכען אומעט, וועלכען זיי פּלעגען אימער אַרויסרופען, אָנגע־פילט איהר האַרץ מיט א רוהיגען שטאָלץ.

— דעם צווייטען מאָל שוין, ווי מען זעצט איהם אריין!.. אַלץ דער־פאַר ווייל ער האָט בעגריעפען גאָט'ס אמת און האָט איהם אָפען פערשפּרייט, גיט זשאַלעוועגדיג זיך... ער איז אַ יונגער, בילד שעהנער... א קלוגער! די צייטונג — דאָס איז זיין איינפאַל און מיכאַילאָ איוואַנאָוויטשען האָט ער עם אַרויפגעפיהרט אויף דיעזען וועג, הגם מיכאַילאָ איז צוויי מאָל אזוי אַלט ווי ער!.. יעצט אט וועט מען איהם משפּט'ן דערפאַר און מען וועט איהם פעראורטהיילען... אבער ער וועט ענטלויפען פון סיביר און וועט ווידער טהאָן זיין ארבייט, ווי פריהער...

— עס זיינען שוין יעצט דאָ פיעלע אַזעלכע מענשען און עס קומען יעדען טאָג צו נייע און זיי אַלע וועלען ביז'ן ענדע שטעהן שטאָל און אייזען פאַר דער בעפרייאונג פון די מענשען און פאַר דער גערעכטיגקייט... — זי האָט פערגעסען יעדע פאָרזיכטיגקייט און הגם זי האָט ניט אָנגערופען קיין נע־מען, האָט זי דאָך דערצעהלט אַלעס, וואָס זי האָט געוואוסט וועגען דער געהיימער אַרבייט צו בעפרייען דעם פאָלק פון די קייטען פון שקלאַפעריי. זי האָט מיט א בעזונדערער ליעבע און פרייד געשילדערט די מענשען, וועל־כע זיינען איהר געוועזן טהייער.

עס האָט איהר פערשאַפט א בעזונדערען פערגעניגען צו פערווירקליכען

איהר לאנג־אָניגען וואונש. יעצט האָט זי אַליין גערעדט צו די מענשען ווע־גען דער ווארהייט!

— מיט אזעלכע מענשען קען דאָס פאָלק געהן צוזאמען. זיי וועלען זיך מיט וועניג ניט בענוגענען, זיי וועלען זיך ניט אָפּשטעלען ביז וואנען דאָס גאנצע פאָלק וועט זיך ניט צוזאמענגיסען אין איין הארץ און וועט אין איין קול ערקלעהרען — איך בין דער הערשער, איך אַליין וועל שאפען גלייכע געזעצע פאר אַלעמען!...

זי איז ענטשוויעגען געוואָרען א מיעדע. זי האָט דערפיהלט אין האר־צען א זיכערהייט, אז איהרע ווערטער וועלען דאָ ניט זיין ארויסגעוואָרפען... די פויערים האָבען געקוקט אויף איהר, ערוואַרטענדיג עפּעס נאָך וואָס. פּיאָטר האָט פערלעגט די הענד אויפ׳ן הארצען, האָט פערזשמורעט די אוי־גען און אויף זיין פנים האָט געציטערט א שמייכעל. סטעפּאן האָט, אָנ־שפּארענדיג זיך מיט איין האנד אָן טיש, אויסגעצויגען די האלז, פונקט ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געהאָרכט... א שאָטען איז געלעגען אויף זיין פנים און דערפאר האָט ער אויסגעזעהן מעהר פערענדיגט. זיין פרוי איז גע־זעסען לעבען דער מוטער, די הענד פערלעגט אויף די קניע. זי האָט זיך איינגעבויגען און האָט געקוקט אראָפּ.

— אזוי... — האָט פּיאָטר שטיל א זאָג געטהאָן און ער האָט זיך פאר־זיכטיג צוגעזעצט אויפ׳ן באַנק.

סטעפּאן האָט זיך לאנגזאם אויסגעגלייכט, האָט א קוק געטהאָן און האָט פּאַנאַנדערגעפיהרט מיט די הענד אין דער לופטען, פונקט ווי ער וואָלט וועלען עפּעס ארומנעהמען...

— ווען מען נעהמט זיך שוין פאר דער דאָזיגער זאַך, — האָט ער שטיל אָנגעפאנגען, — דארף מען טאקע ווירקליך אָפּגעבען זיך צו דעם מיט לייב און זעלע...

און פּיאָטר האָט צוגעגעבען:

— יאָ... אויף א־הינטער דארף מען זיך שוין ניט אומקוקען!...

— די זאַך איז ברייט אוועקגעשטעלט... — האָט סטעפּאן פאָרט־געזעצט.

— אויף דער גאנצער וועלט!... האָט ווידער פּיאָטר צוגעגעבען.

18.

די מוטער האָט זיך אָנגעשפּארט מיט׳ן רוקען אָן וואנד און פערוואַר־פענדיג דעם קאָפּ, האָט זי זיך צוגעהערט צו זייערע רייד. טאטיאנא האָט זיך אויפגעהויבען, האָט זיך ארומגעקוקט און האָט זיך ווידער אַנידער־

געזעצט. איהרע גרינע אויגען האָבען טרוקען געלויכטען, ווען זי האָט מיט צופריעדענהייט אויפ'ן געזיכט אַ קוק געטהאָן אויף די פויערים.

— איהר האָט מסתמא געגוג צרות געהאַט? — האָט זי פּלוצלונג אַ זאָג געטהאָן, ווענדענדיג זיך צו דער מוטער.

— עס האָט ניט געפעהלט! — האָט זיך די מוטער אָפּגערופען.

— איהר רעדט גוט... עס ציהט און ציהט די הארץ נאָך אייערע רייד... מען טראַכט — גאָטעניו! ווען מען זאָל קאָטש דורך אַ שפּאַלט קענען אַ קוק טהאָן אויף אַזעלכע מענשען און אויף אַזאַ לעבען. ווי.לעבען מיר? משטיינס געזאָגט, ווי אַ שעפּס! אָט קען איך לעזען און איך לעז ביכלעך... טראַכט פיעל... אָפטמאָל לאָזען מיר די געדאַנקען אַ גאַנצע נאַכט ניט שלאָפען. און וואָס קומט אַרוים דערפון? טראַכט מען, געהט מען צו גרונדע, און טראַכט מען ניט, איז אויך דאָס זעלבע. עס איז עפּעס אַלץ אַזוי ארויסגעוואָרפען... אָט ארבייטען די פויערים פאַלען פשוט פון די פיס צוליעב דעם שטיקעל ברויט... און טראַץ דעם האָבען זיי גאָרנישט... דאָס ערגערט זיי, ווערען זיי בייז, טרינקען אַ סך, שלאָגען זיך און ארבייטען ווידער, ארבייטען... און וואָס?... גאָרנישט...

זי האָט גערעדט מיט אַ שפּאָט אויף די ליפען „שטיל, פליסיג, אָפּ־שטעלענדיג זיך צייטענווייז, פונקט ווי זי וואָלט פּלוצלונג איבעררייסען איהרע רייד, ווי אַ פאָדים... די פויערים האָבען געשוויגען, דער ווינד האָט נעגלעט די שויבען פון די פענסטער, האָט געשאַרכט די שטרוי פון דאַך און האָט צייטענווייז שטיל געזשומעט אין קוימען. אַ הונד האָט געוואָיעט. און ניט ווילענדיג האָבען פון צייט צו צייט געקלאַפּט אין פענסטער טראָ־פענס רעגען. דער פייער אין לאָמפּ האָט אַ ציטער געטהאָן, איז דונקע־לער געוואָרען, נאָר אין אַ רגע ארום האָט ער זיך ווידער פאַנאַנדערגעברענט גלייך און העלל.

— אָט צוליעב וואָס אַלזאָ די מענשען לעבען!... וואונדערבאַר... איך הער אייערע רייד און טראַכט זיך — דאָס ווייס איך דאָך שוין אַלעס!

— מיר דאַרפען עפּעס עסען, טאַטיאַנאַ, און אויך דעם פייער אויסלע־שען! — האָט סטעפּאַן כמורנע און לאַנגזאַם געזאָגט. — מענשען קענען בעמערקען, אַז ביי די טשומאַקאָווס האָט שפּעט געברענט פייער. אונז מאַכט דאָס ניט אויס... אָבער פאַר דעם גאַסט קען זיך דאָס אויסלאָזען שלעכט...

טאַטיאַנאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און איז צוגעגאַנגען צום אויווען.

— יאָ־אָ! — האָט פּיאָטר שטיל און מיט אַ שמייכעל אָנגעפאַנגען, —

יעצט אלזא, פריינד, ווען די צייטונג וועט זיך בעווייזען צווישען פאלק, האלט אנגעשטרענגט דעם אויער!...

— איך רעד ניט פון זיך... מיר אז מען וועט ארעסטירען, איז אויך ניט קיין גרויסער אונגליק...

זיין פרוי איז צוגעגאנגען צום טיש און האט געזאגט:

— לאז...

ער האט זיך אויפגעהויבען, איז אפגעטראטען אן א זייט און קוקענדיג ווי זי גרייט צום טיש, האט ער מיט א שמייכעל בעמערקט:

— דער פרייז פאר אונזערע מענשען איז א צעהנער א בינטעל און אויך נאר דאן, ווען אין בינטעל געפינט זיך ניט ווייניגער ווי א הונדערט...

די מוטער האט פלוצלונג דערפיהלט א רחמנות צו איהם. יעצט איז ער איהר מעהר געפעלען געווען. נאך איהר רעדע האט זי זיך געפיהלט ווי ערפרישט און זי האט אלעמען געוואונשען גוטעס.

— עס איז ניט ריכטיג, ווי דו זאגסט! — האט זי זיך אפגערופען. — א מענש דארף ניט זיין איינפערשטאנדען מיט דעם, ווי עס שעצען איהם די יעניגע מענשען, וועלכע ווילען נאר זיין בלוט. מען דארף זיך אליין אינערליך שעצען ניט פאר די פיינדע, נור פאר די פריינד...

— מישטיינס געזאגט, וואס פאר א פריינדע האבען מיר? — האט דער פויער שטיל אויסגערופען, — העכסטענס נאר אזוי לאנג ביז עס קומט צום ביסען...

— און איך זאג, אז דאס פאלק האט פריינד...

— עס זיינען פאראן, אבער ניט דא... אט וואס! — האט סטעפאן נאכדענקליך זיך אפגערופען.

— זעהט צו ערווערבען דא אויך אזעלכע...

סטעפאן האט א טראכט געטהאן א ווילע און האט שטיל בעמערקט:

— יא־א, מען דארף טאקע...

— זעצט זיך צום טיש! — האט טאטיאנא פארגעלעגט.

ביים עסען האט פיאטר, וועלכער איז געווען געדריקט פון דער מוטערס רייד און האט פערלארען דעם קאפ, ווידער לעבהאפטיג און שנעל געזאגט:

— איהר, מאמינקע, דארפט זעהן מארגען וואס פריהער פון דאנען אוועקצופאהרען... און פאהרען זאלט איהר אויף דער נאהענטסטער סטאנציע און ניט אין שטאדט... פאהרט מיט א פאסט־פוהר...

— ווארום? איך וועל איהר אפפיהרען... — האט סטעפאן געזאגט.

— מען דארף ניט! טאמער מאכט זיך עפּעס וואס, וועט מען דאך דיך פרעגען. זי האט גענעכטיגט? גענעכטיגט. וואו איז זי אהינגעקומען? איך האב איהר אפּגעפיהרט... אהא, דו האסט איהר אפּגעפיהרט? געה, זיי מוחל, אין טורמע!... פערשטעהסט? און ווארום זאלסטו זיך איילען צו געהן אין טורמע?... אויף אלעם קומט א צייט... אבער אזוי איז גאר איינפאך — זי האט גענעכטיגט, האט געדונגען א פוהר און איז אוועקגעפאהרען... א נאווינע אז אימיצער נעכטיגט ביי וועמען? א סך פאהרען דורך אונזער דארף...

— וואו האסטו זיך עס אויסגעלערענט מורא צו האבען? — האט טאטיאנא געפרעגט.

— אלעס דארף מען וויסען, טהייערינקע! — האט פּיאטר, א קלאפּ מהוענדיג זיך איבער'ן קניע, אויסגעשריען. — מען דארף קענען מורא האבען און מען דארף קענען זיין דרייסט? געדענקסט ווי דער זעמסקער האט וואגאנאווען געשמיסען פאר דיעזער צייטונג. יעצט וועסטו וואגאנאווען פאר קיין געלד ניט איינריידען צו נעהמען א צייטונג אין האנד... יא! איהר וועט מיר גלויבען, מאמינקע, אז איך בין אויף אלע אזעלכע שפּיצלעך א גרויסער בריה. דאס ווייסען אלע... ביכלעך און פּאפּיערען וועל איך אייך פערשפּרייטען צווישען פאלק וויפיעל מען דארף נאר! דער עולם אונזערער קען ניט זעהר גוט לעזען און ער שרעקט זיך אויך, אבער פון דעסטוועגען דריקט די צייט אזוי אונטער די זייטען, אז דער מענש הויבט ניט ווילענדיג אן אויפצועפענען די אויגען און בעטראכטען זיין לאגע. און דאס ביכעל ענטפערט איהם אויף זיינע פראגען. עס טרעפט גאנץ אפט, אז די וועלכע קענען ניט לעזען, פערשטעהען א מאל בעסער פון די יעניגע, וועלכע קענען יא... איבערהויפּט, ווען די, וועלכע קענען, זיינען זאטע! איך געה דא ארום איבעראל און איך זעה זיך אן פיעלעס. נישקשה, מען קען לעבען, נאר מען דארף האבען מארך און געשיקטקייט אום גלייך ניט ארייננצופאלען אין בלאטע. די נאטשאלסטווא פיהלט אויך מיט'ן נאז, אז פון פּויער האט עפּעס אזוי ווי מיט א קעלט א בלאז געטהאן. דער פּויער שמייכעלט ווענינ, גאר ניט פריינדליך... און וויל איבערהויפּט אפּגעוואוינען זיך פון דער נאטשאלסטווא... אנומעלט איז מען אין סמאליאנקאווא, א דארף ניט ווייט פון דאנען, געקומען אויפמאהנען די שטייערען, האבען זיך די פּויערים א נעהם געטהאן צו די פלעקער... דער פּריסטאוו האט זיך גלייך אפּגערופען — אך, איהר הינד! איהר געהט דאך געגען קיסר! איז דארט געוועזען איינער א פּויער ספּיוואקין, נו האט ער זיך אפּגערופען — „צום טייוועל מיט'ן קיסר! וואס פאר א קיסר איז דאס,

אַז ער רייסט די לעצטע העמד פון לייב?"... אַט אויף ווי ווייט עס איז שוין אַוועק, מאַמינקע! נאַטירליך, ספּיוואַקינען האָט מען צוגענומען און אַריינגעזעצט אין טורמע... אָבער דאָס וואָרט — ער איז פערבליבען, און קליינע קינדער אפילו ווייסען איהם. ער לעבט און שרייט.

ער האָט ניט געגעסען, נאָר ער האָט די גאַנצע צייט געזעהן שנעל, זיינע דונקעלע, שעלמישע אויגען האָבען מוטהיג געלויכטען און דערביי האָט ער אַלץ געהאַלטען אין אויסשיטען פאַר דער מוטער, ווי קופּערנע מטבעות פון אַ טייסטער, זיינע איינדריקע פון דאָרפס-לעבען.

צוויי מאָל האָט סטעפּאַן צו איהם געזאָגט:

— וואָרום עסטו ניט?...

פּיאָטר פלעגט כאַפּען אַ שטיקעל ברויט, אַ לעפעל און פלעגט ווידער זיך צוגיסען מיט ערצעהלונגען, ווי אַ פויגעל מיט געזאַנג. ענדליך נאָכ'ן עסען האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט און האָט ערקלעהרט:

— נו, מיר איז צייט צו געהן!...

ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט לעבען דער מוטער און צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, האָט ער איהר געדריקט די האַנד, זאָגענדיג דערביי:

— פאָהרט געזונד, מאַמינקע! מעגליך, אַז מיר וועלען זיך שוין מעהר קיינמאָל ניט זעהן... איך דאַרף אייך זאָגען, אַז דאָס אַלעס איז זעהר גוט... צו בעגעגענען זיך מיט אייך און הערען אייערע רייד איז אַ גרויסער פערגעניגען! איהר האָט עפּעס אין טשעמאָדאַן אויסער די ביכלעך אויך? אַ וואָלענע טיכעל? אויסגעצייכענט... אַ וואָלענע טיכעל. סטעפּאַן, געדענק! אַט שוין וועט ער אייך ברענגען דעם טשעמאָדאַן... קום, סטעפּאַן! זייט געזונד!...

ווען זיי זיינען אַרויס האָט טאַטיאַנאַ אויסגעבעט דעם געלעגער פאַר דער מוטער, אַראָפּנעהמענדיג פון אויווען די אַלטע בגדים און אויסשפּרייטענדיג זיי אויפ'ן באַנק.

— אַ לעבעדיגער מאַן! — האָט די מוטער בעמערקט.

די בעל-הבית'טע האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר און האָט געענטפערט:

— זעהר אַ לייכטער... ער קלינגט און קלינגט, אָבער מען הערט איהם ניט ווייט.

— און וואָס פאַר אַ מענש איז אייער מאַן? — האָט די מוטער געפרעגט.

— נישקשה... אַן עהרליכער מאַן... טרינקט ניט. מיר לעבען פריינדליך... אָבער ער האָט אַ שוואַכען כאַראַקטער...

זי האָט זיך אויסגעגליכען, האָט געשוויעגען אַ רגע און האָט דאַן געפרעגט:

— איהר זאָגט, אויך יונגע פרײלינס בעשעפטיגען זיך מיט אייער זאַך. זײ געהען צו די ארבייטער, לעזען... האָבען זײ גאָר קיין מורא ניט?

און אויפמערקזאַם אויסהערענדיג דער מוטערס ענטפער, האָט זי אַ טיע־פען זיפץ געטהאָן. נאָכדעם האָט זי, אראָפּלאָזענדיג די ברעמען און איינ־בויגענדיג דעם קאָפּ, ווידער אָנגעפאַנגען צו ריידען:

— איך האָב איבערגעלעזען אין אַ ביכעל די ווערטער — אַ זינלאָ־זעם לעבען... דאָס האָב איך גלייך גוט פערשטאַנען! מיר איז בעקאַנט אַזאַ לעבען — געדאַנקען זיינען דאָ, אָבער זײ זיינען ניט צוזאַמענגעבונדען און וואַנדערען ארום; עס איז ניטאָ מיט וואָס און ווער עס זאָל זײ צוזאַמענ־קלייבען... די מענשען בעגרייפען ניט, וואָס מען דאַרף טהאָן. אָט דאָס הייסט — אַ זינלאָזעם לעבען. איך וואָלט אנטלאָפען פון אַזאַ לעבען און וואָלט זיך גאָר ניט אומגעקוקט... עס איז אַזוי אומעדיג, אַז מען פערשטעהט עפּעס!

— איהר, טהייערינקע, פערשטעהט דאָך וואָס צו טהאָן...

טאַטיאַנאַ האָט איהר שטיל איבערגעשלאָגען:

— מען דאַרף קענען... געהט לעגט זיך, שוין פאַרטיג!

זי איז צוגעגאַנגען צום אײוווען און איז געבליבען דאָרט שטעהן אומעדיג, פערטיעפט אין איהרע רעיונות... די מוטער האָט זיך ניט אויס־טהוענדיג אַנידערגעלעגט, זי האָט דערפיהלט אַ נאָגענדע מיעדקייט אין איהרע גליעדער און זי האָט שטיל אָנגעפאַנגען צו קרעכצען. טאַטיאַנאַ האָט פערלאָשען דעם לאָמפּ און ווען די פינסטערניש האָט זיך געדיכט פערשפּרייט איבער'ן שטוב, האָט זיך דערהערט איהר שטילע, פליסיגע שטימע:

— איהר זאָגט ניט קיין קיין תפילות פאַר'ן שלאָף... איך דענק אויך, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט... און קיין נסים פּאַסירען אויך ניט! דאָס אַלעס האָט מען אויסגעטראַכט, אום אונז אָפּצושרעקען...

די מוטער האָט זיך אונרוהיג אָפּגעקעהרט אויפ'ן באַנק. אַ געדיכטע פינסטערניש האָט דורכ'ן פענסטער געקוקט אויף איהר און אין דער אַרו־מיגער שטילקייט האָט זיך קוים געהערט אַ שטילער רויש... זי האָט אָנגע־פאַנגען צו ריידען שטיל, כמעט שעפּטשענדיג און מיט אַ געוויסער מורא:

— וועגען גאָט ווייס איך ניט... אָבער אין קריסטוס'ען גלויב איך...

און אויך אין זיינע ווערטער: האָב ליעב דעם צווייטען, ווי זיך אַלײן — אין דעם גלויב איך אויך!...

און פלוצלונג האָט זי כמעט מיט א פערוואונדערונג א פרעג געטהאָן:

— נאָר אויב גאָט — טו ווארום זשע האָט ער אונז פערלאָזען? וואַרום האָט ער דערלאָזען, אז די מענשען זאָלען זיך צוטהיילען אין צוויי וועלטען. אויב ער איז א לייטזעליגער, טו ווארום זשע דערלאָזט ער די אַלע מענשליכע צרות, ווארום דערלאָזט ער, אז איין מענש זאָל דעם צווייטען טרעטען מיט די פיס?

טאַטיאַנאַ האָט געשוויעגען. אין דער פינסטער האָט די מוטער קוים געזעהן דעם שוואכען קאָנטור פון איהר גלייכער, גרויער פיגור אויף דעם שווארצען פאָן פון אויווען. זי איז געשטאַנען און ניט גערוהרט זיך פון אָרט. די מוטער האָט צוגעמאכט די אויגען.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט א בייזער, קרעכצענדער קול:

— דעם טויט פון מיינע קינדער קען איך קיינמאָל ניט פערגעבען ניט גאָט, ניט די מענשען... קיינמאָל ניט!...

ניליאָוונאַ האָט זיך אונרוהיג אויפגעהויבען פון אָרט. זי האָט מיט'ן הארצען דערפיהלט די גאַנצע קראַפט פון דעם וועהטאָג, מיט וועלכען דיעזע ווערטער זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרען.

— פטור נו! איהר זייט נאָך יונג, איהר וועט נאָך האָבען אנדערע קינדער... — האָט זי מילד געזאָגט.

— ניין! דער דאָקטאָר זאָגט, אז איך בין קראַנק; איך קען שוין קיינמאָל ניט האָבען מעהר... — האָט זי שטיל געענטפערט.

א מויז איז דורכגעלאָפען איבער'ן פאָדלאָגע. עפּעס האָט טרוקען און הויך א טרעשטשע געטהאָן און האָט צוריסען די פערגליווערטע שטילקייט. און וויעדער האָט זיך דערהערט דער שטילער רוישען פון דעם הערבסט־רעגען אויפ'ן שטרויענעם דאך. וועהמוטהיג זיינען געפאַלען אויף דער ערד די טראָפּענס וואסער, מעסטענדיג דעם לאַנגזאַמען גאַנג פון דער הערבסט־נאַכט.

די מוטער האָט דורכ'ן שווערען דרעמעל דערהערט דומפע טריט אויפ'ן גאַס און אין פאָרהויז. די טיהר האָט זיך פאָרזיכטיג געעפענט און עס האָט זיך דערהערט א שטילער אויסרוף:

— טאַטיאַנאַ... דו האָסט זיך שוין געלעגט?

— ניין.

— און זי שלאָפט?

— יא, דאכט זיך.

עס האָט א שימער געטהאָן א פייער, האָט א ציטער געטהאָן און איז

דערטרונקען געוואָרען אין דער פינסטערניש. דער פויער איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער׳ס געלעגער, האָט פערריכט דעם פעלץ, איינדעקענדיג איהרע פיס. דיעזע צערטליכקייט האָט מיט איהר איינפאַכקייט גריהרט די מוטער און וויעדער, צומאַכענדיג די אויגען, האָט זי אַ שמייכעל געטהאָן.

סטעפּאַן האָט זיך שווייגענדיג אויסגעטהאָן און האָט זיך צוגעלעגט. עס איז שטיל געוואָרען.

די מוטער איז געלעגען און האָט זיך צוגעהאָרכט צו דער אַרומיגער דרעמלענדער שטילקייט און פאַר איהרע אויגען האָט אין דער פינסטער געשוועבט ריבין׳ס מיט בלוט פערגאָסענער פּנים...

פון געלעגער האָט זיך דערהערט אַ טרוקענע שושקעריי:

— זעהסט, וועלכע מענשען עס נעהמען זיך פאַר דעם... שוין בעיאָהרענטע, וועלכע זיינען אויסגעשטאַנען אַלע צרות אויף זייער לעבען, האָבען זיך שוין גענוג אָנגעאַרבייט, שוין צייט פאַר זיי אויסצורוהען זיך און זיי — אַט וואָס זיי טהוען! דו אָבער ביזט נאָך אַ יונגער, אַ קלוגער... עך, סטעפּאַן...

די פייכטע, געדיכטע שטימע פון פויער האָט געענטפערט:

— פאַר אַזאַ זאַך טאָר מען זיך ניט נעהמען, וואו מען בערעכענט זיך ניט אפריהער גוט... האָב צייט...

— דאָס האָב איך שוין געהערט...

די קלאַנגען האָבען זיך אויף אַ ווײלע איבערגעריסען און דאַן האָט זיך וויעדער דערהערט סטעפּאַן׳ס קול:

— מען דאַרף פריהער אַזוי איבעררײדען מיט די פויערים, מיט יעדערען בעזונדער. אַט, צום ביישפּיעל, מאַקאָוו, אַליאָשאַ... אַ כוואַט, קען לעזען און די נאַטשאַלסטוואָ האָט איהם בעליידיגט... שאַרין, סערגיי, אויך אַ קלוגער פויער... קניאַזיעוו איז אויך אַ מענש אַן עהרליכער און אַ דרייסטער... און דערווייל וועט גאָר זיין גענוג... מען דאַרף נאָר דערגעהן, ווי געפינט מען איהר אויס... און איבערהויפּט טאַקע אַליין אַ קוק טהאָן אויף די מענשען, וועגען וועלכע זי האָט דערצעהלט... איך וועל גאָר נעהמען אַ האַק און וועל זיך אַוועקלאָזען אין שטאָדט... איך וועל זאָגען, אַז איך בין בלומרשט אַוועק זוכען אַרבייט, האָלץ האַקען... דאָ דאַרף מען זיין זעהר פאָרזיכטיג... זי איז גערעכט, אַז אַ מענשען שעצט מען נאָך זיין אַרבייט... און דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס מען דאַרף זיך הויך שעצען, ווען מען נעהמט זיך צו דעם. אַט אַזוי ווי יענער פויער... ער איז ביי זיך פעסט... איהם שטעל אפילו געגען גאָט, ניט נאָר געגען פּריסטאַוו, וועט ער זיך ניט אונ־

טערגעבען... ניין, דאָס פאַלק, ווען עס זאָל זיך אַ נעהם טהאָן איינִיג פאַר וואָס־ניט־איז, וועט ער אַלעס אויספיהרען...

— איינִיג! פאַר אייערע אויגען האָט מען אַ מענשען געשלאָגען און איהר זייט געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און האָט רוהיג צוגעקוקט!...

— דו וואַרט נאַר... מען דאַרף נאָך גאָט דאַנקען, וואָס מיר אַליין האָבען איהם ניט געשלאָגען... אָט וואָס! עס פּאַסירט דאָך אויך, אַז מען הייסט שלאָגען און מען שלאָגט. אין האַרצען אפשר וויינט מען פון רחמנות, אָבער מען שלאָגט... די מענשען וואַגען זיך ניט צו ענטזאַגען, ווייל מען וועט זיי אַליין דערפאַר שלאָגען... ניין, מען דאַרף אַזוי מאַכען, אַז פּיעלע מיט אַ מאָל זאָלען קריגען מוטה און שטעלען זיך ווי איין מאַן.

ער האָט נאָך לאַנג געשעפּטשעט, דאָ אַראָפּלאָזענדיג דעם קול אַזוי ניעדריג, אַז די מוטער האָט קוים געקענט הערען זיינע ווערטער, און דאָ אויפהויבענדיג זיין שטימע, אַז די פרוי פלעגט איהם אָפּשטעלען און זאָגען:

— שטילער! דו וועסט איהר אויפוועקען...

די מוטער איז אַנטשלאָפען געוואָרען מיט אַ שווערען שלאָף.

טאַטיאַנאַ האָט איהר אויפגעוועקט, ווען אין פענסטער האָט נאָך אַריינגעקוקט דער גרויער בין השמשות און איבער'ן דאָרף איז פערשלאָפען געשוואומען דער קלאַנג פון קירכען גלאָק.

— איך האָב אָנגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר, איהר וועט טרינקען אַ גלעזעל טהעע, אַניט וועט אייך זיין קאַלט צו פאָהרען גלייך פון שלאָף...

סטעפּאַן האָט, פאַנאַנדערקעמענדיג זיין צופלאָנטערטע באָרד, פאַנאַנדערגעפרעגט די מוטער, ווי אַזוי מען קען איהר אויסגעפינען אין שטאָדט און איהר האָט זיך געדאַכט, אַז היינט איז דעם פויער'ס געזיכט געוואָרען בעסער, עדעלער... ווען זיי זיינען געזעסען ביים טיש און געטרונקען טהעע, האָט ער לאַכענדיג בעמערקט:

— ווי וואונדערבאַר דאָס האָט פּאַסירט!...

— וואָס? — האָט טאַטיאַנאַ געפרעגט.

— אָט דיעזע בעקאַנטשאַפט!... אַזוי איינפאַך...

די מוטער האָט נאַכדענקליך, אָבער מיט זיכערהייט בעמערקט:

— אין דיעזער זאַך איז אַלעס אַזוי וואונדערבאַר און איינפאַך....

געזעגענט האָבען זיי זיך מיט איהר זעהר איינגעהאַלטען, ניט פערליערענדיג קיין סך ווערטער און פערזאָרגענדיג איהר מיט אַלע בעקוועמליכקייטען.

זיצענדיג אויפ'ן פוהר האָט די מוטער געטראַכט, אַז דיעזער פויער וועט

אנפאנגען צו ארבייטען פארזיכטיג, שטיל ווי א קראַט און אונערמיעדליך. און אימער וועט לעבען איהם קלינגען די אונצופריעדענע שטימע פון זיין ווייב, עס וועט לויכטען דער טרוקענער, ברענענדער שיין פון איהרע גרינע אויגען און עס וועט אין איהר הארצען קיינמאל ניט אפשטארבען דער געפיהל פון ראכע און אומעט פאר איהרע אומגעקומענע קינדער...

זי האט זיך דערמאַהנט אַן ריבינען, זיין בלוט, זיין פּנים, זיינע ברע־נענדע אויגען און זיינע ווערטער זיינען ארויסגעטראטען בולט פאר איהר — איהר הארץ איז ווידער צוזאמענגעדריקט געוואָרען פון דעם ביטערען געפיהל פון מאכטלאָזיגקייט געגען דיעזע בעסטיעס. און דעם גאנצען וועג ביז׳ן שטאָדט איז פאר איהרע אויגען געשטאנען ריבין׳ס שטארקע פיגור אין דער צוריסענער העמד, מיט די הענד געבונדען אויף הינטען און זי האט געזעהן זיין בליק, וועלכער איז געווען אָנגעפילט מיט כעס און גלויבען אין זיין אמת... די מוטער האט געטראכט וועגען די אונצעהליגע דערפער, וועלכע האָבען זיך פערשראָקען צוגעטוליעט צו דער ערד, וועגען די מענשען, וועלכע האָבען געהיים ערוואַרטעט דאָס אָנקומען פון דעם אמת אויף דער וועלט און אויך וועגען די טויזענדע מענשען, וועלכע ארבייטען זייער גאנצען לעבען אָהן א זין און אָהן א צוועק, ניט ערוואַרטענדיג קיין זאך.

עראינערענדיג זיך אַן איהר ערפאָלג, האט זי טיעף אין הארצען גע־פיהלט א שטילען ציטער פון פרייד און זי האט זיך פערשעהמט געסטארעט ניט צו טראכטען וועגען דער בעגעגעניש מיט סטעפּאנען און זיין פרוי.

ווען זי האט פון דער וויימענס דערזעהן די קלויסטערס און די הייזער פון שטאָדט, האט איהר ארומגענומען א וואַרימער געפיהל און האט בערו־היגט איהר אונרוהיגע, מיעדע הארץ — אין איהר זכרון זיינען ארויפגע־שוואומען די בעזאָרגטע פּנים׳ער פון די מענשען, וועלכע האָבען טאָג־איין טאָג־אויס אונערמיעדליך און מיט זיכערהייט פאנאנדערגעוואָרפען די פונ־קען פון געדאנק איבער דער ערד, און איהר הארץ האט זיך אָנגעפילט מיט א רוהיגען וואונש אוועקצוגעבען דיעזע מענשען אַלע איהרע כחות און איהר גאנצע מוטער־ליעבע, וועלכע איז דורך די געדאנקען פון דיעזע מענשען ערוועקט געוואָרען צום נייעם לעבען.

## 19

אין דער היים האט איהר געעפענט די טיהר ניקאָליי, וועלכער איז ארוים מיט א בוך אין האנד.

— שוין? — האָט ער מיט פרייד אויסגערופען. — איהר האָט עס שנעל געמאַכט... אויסגעצייכענט! איך בין צופריעדען... זעהר!

זיינע אויגען האָבען מילד און לעבהאַפטיג געפינטעלט זיך אונטער די ברילען. ער האָט איהר געהאָלפען זיך אויסטהאָן און קוקענדיג אויף איהר געזיכט האָט ער געזאָגט מיט אַ מילדען שמייכעל:

— און ביי מיר, זעהט איהר, איז געווען ביינאַכט אַן אַביסק, איך האָב געטראַכט — וואָס קען זיין די אורזאַכע? צי האָט עפּעס ניט פּאַסירט מיט אייך?.... אָבער מען האָט אייך ניט אַרעסטירט... וואָרים אויב מען וואָלט אייך אַרעסטירט, וואָלטען זיי שוין מיר אויך ניט אָבגעלאָזען!.....

ער האָט איהר אַריינגעפיהרט אין עס־צימער לעבהאַפטיג פּאָרט־זעצענדיג:

— פונדעסטוועגען, האָט מען אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל מיר אָבזאָגען פון מיין שטעלע. איך ערגער זיך וועניג דערפון... עס האָט שוין סיי ווי סיי דערעסען מיר שטענדיג צו צעהלען די פּויערים, וועלכע האָבען קיין פערד ניט און אגב האָב איך קיין צייט אויך ניט...

דער צימער האָט אויסגעזעהן אַזוי, פונקט ווי עמיץ אַ שטאַרקער וואָלט פון גאַס אַ שטויס געטהאָן די וואַנד און וואָלט אַלעס אין הויז איבער־געקעהרט קאַפּויר. בילדער האָבען זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, די טעפּי־כער זיינען געווען צוריסען, אין איין פּלאַץ איז געווען אויפגעריסען אַ ברעט פון פּאָדלאָגע, אויף דער ערד לעבען אויוון איז געווען אָנגעשאָטען אַש. די מוטער האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, דערזעהענדיג דאָס בעקאַנטע בילד.

אויפ׳ן טיש איז געשטאַנען דער אויסגעלאָשענער סאַמאָוואַר, די ניט־געוואַשענע געפעס, אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער אָנשטאָט אַ טעלער איז געלע־גען אַ שטיקעל וואורשט און קעז און אַרום האָבען זיך געוואַלגערט שטיקלעך און ברעקלעך ברויט, ביכער און די קויהלען פון סאַמאָוואַר. די מוטער האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— דאָס האָב איך שוין פערענדיגט דעם חורבן... נאָר עס מאַכט ניט אויס, נילאָוונאַ, פּטור, נו. איך דענק, אַז זיי וועלען באַלד ווייטער קומען, דערפאַר האָב איך ניט צוגעקליבען. נו, דערצעהלט אַקאָרשט, ווי זייט איהר פערפאָהרען?

די פראַגע האָט איהר שווער אַ שטויס געטהאָן אין הארצען — פאַר איהרע אויגען איז אויסגעוואַקסען ריבין און זי האָט זיך דערפיהלט שולדיג, וואָס זי האָט גלייך ניט דערצעהלט וועגען איהם. אָנבויגענדיג זיך אויפ׳ן

שטוהל, האָט זי זיך צוגערוקט צו ניקאָלייען און סטאַרענדיג זיך צו זיין רוהיג, אום קיין זאַך ניט צו פערגעסען, האָט זי אָנגעפאַנגען דערצעהלען.

— ער איז אַרעסטירט...

ניקאָליי׳ס פּנים האָט אַ ציטער געטהאָן.

— יאָ? ווי אַזוי?

די מוטער האָט אָבגעשטעלט זיין פראַגע מיט אַ בעוועגונג פון דער האַנד און זי האָט פּאַרטגעזעצט צו דערצעהלען, פּונקט ווי זי וואָלט געשטאַנען פאַר דער געזיכט פון דער גערעכטיגקייט אַליין, און וואָלט זיך פאַר איהר בעקלאָגט אויף דעם, וואָס מען האָט אַזוי געפּייניגט דעם מענשען. ניקאָליי האָט זיך אָנגעלעהנט אָן שטוהל, איז בלאַס געוואָרען, האָט פערביסען די ליפּען און געהאָרכט. ער האָט לאַנגזאַם אַרונטערגענומען די ברילען, האָט זיי אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש, האָט אַ פיהר געטהאָן מיט׳ן האַנד איבער׳ן געזיכט, פּונקט ווי ער וואָלט אָבגעווישט אַן אונזעהבאַרען שפּינגעוועב.

ווען זי האָט געענדיגט דערצעהלען, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, איז אַ ווייל אַרומגעגאַנגען איבער׳ן צימער, די פויסטען פערלעגט טיעף אין די קעשענעס. נאָכדעם האָט ער אַ מורמעל געטהאָן:

— ערם מוז מסתמא זיין אַ גרויסער מאַן... אַזאַ שעהנקייט! איהם וועט זיין זעהר שווער אין טורמע, אַזעלכע ווי ער פיהלען זיך שלעכט אין טורמע!

— און אָבשטעלענדיג זיך לעבען דער מוטער האָט ער מיט אַ קלינגענדער שטימע אויסגערופען:

— נאַטירליך, די אַלע פּריסטאַווס, אוריאַדניקעס זיינען נאַר אַ שטעקען אין די הענד פון אַ קלוגען שופט, אַ דרעסירער פון חיות. יאַ, יאַ... אָבער מען דאַרף טויטען די בעשעפעניש דערפאַר וואָס זי האָט זיך געלאָזען פערוואַנדלען אין אַ ווילדע חיה!....

ער האָט אַלץ טיעפער בעהאַלטען זיינע הענד, פערבאָרגענדיג זיין אויפרעגונג, אָבער די מוטער האָט עס דאָך געפיהלט. זיינע אויגען זיינען געוואָרען שאַרף, ווי שפּיזען. ער האָט גענומען ווידער אַרומשפּאַצירען איבער׳ן צימער און האָט מיט כעס גערעדט:

— בעטראַכט נאָר, סאַראַ שרעק! אַ קופּקע נאַרישע מענשען, פערטהיידיגענדיג זייער פערדאַרבענדע מאַכט איבער׳ן פאָלק, האַלטען אין איין שלאָגען, הרג׳ענען, דריקען און שטיקען אַלעמען... עס וואַקסט די פערווילדעטקייט, די גרויזאַמקייט ווערט דאָס געזעץ פון לעבען — בעטראַכט נאָר! אייניגע שלאָגען און ווערען פערווילדעט פון דעם, וואָס מען בעשטראָפט זיי

ניט, קריגען א קרענקליכע נייגונג צו פייניגען די מענשען, ווערען קראנק אויף דער קראנקהייט פון קנעכט, ווען עס איז איבערגעגעבען געוואָרען די פרייהייט ארויסצואווייזען די גאנצע קראפט פון זייערע שקלאפּישע גע־פיהלען און טהיערישע געוואוינהייטען. די אנדערע ווערען פער'סם'ט מיט ראבע, די דריטע ווערען אזוי דערשלאָגען, אז זיי ווערען בלינד און שטום... מען פיהרט איבער דאָס פאָלק, דאָס גאַנצע פאָלק!

ער האָט זיך אבגעשטעלט, האָט זיך אָנגעכאפּט פאר'ן קאָפּ און איז אַנטשוויגען געוואָרען.

— אין אזא טהיערישען לעבען ווערט מען אליין ניט ווילענדיג א חיה! — האָט ער שטיל געזאָגט.

נאָר בייקומענדיג זיין אויפרעגונג, כמעט רוהיג האָט ער א קוק גע־טהאָן אויף דער מוטער'ס פנים, וועלכער איז געווען בעגאָסען מיט טרעהרען און האָט געזאָגט:

— פונדעסטוועגען, דארפען מיר ניט פערליערען קיין צייט, נילאָוונא.... לאָמיר זיך אקאָרשט ארייננעהמען אין די הענד, טהייערער חבר...

ער איז צוגעגאנגען צו איהר מיט אן אומעדיגען שמייכעל און א דריק טהוענדיג איהר האַנד, האָט ער געפרעגט:

— וואו איז אייער טשעמאָדאן?

— אין קיך! — האָט זי געענטפערט.

— לעבען אונזער טהויער שטעהען שפּיאָנען — אזוי פיעל פּאפּיער וועלען מיר ניט קענען אונבעמערקט ארויסטראָגען פון דאנען.... וואו צו בעהאלטען איז ניטאָ און איך דענק אז היינט בייננאכט וועלען זיי קומען נאָך אמאָל. איך וויל ניט, אז מען זאָל אייך ארעסטירען... דארום, ווי עס זאָל ניט זיין א שאָדען די ארבייט — קומט, לאָמיר עס פערברענען.

— וואָס? — האָט די מוטער געפרעגט.

— אלץ פון טשעמאָדאן.

זי האָט איהם פערשטאַנען. און ווי אומעדיג עס איז איהר ניט געווען אויפ'ן הארצען — האָט אָבער דער געפיהל פון שטאָלץ מיט איהר ערפאָלג ארויסגערופען א שמייכעל אויף איהר פנים.

— דאָרט איז גאָרנישט ניטאָ, קיין איין בלעטעל אפילו ניט! — האָט זי געזאָגט און זי האָט איהם אָנגעפאנגען צו דערצעהלען פון איהר בעגעגע־ניש מיט טשומאקאָוו'ען.

ניקאָליי האָט איהר אויסגעהערט, אין אָנפאנג קנייטשענדיג מיט די

ברעמען, דערנאָך מיט פערוואונדערונג און צום ענד האָט ער מיט בעגייס־טערונג איבערגעריסען איהר ערצעהלונג, אויסשרייענדיג:

— האַרכט, דאָס איז דאָך אויסגעצייכענט! איהר זייט ווירקליך א גליקליכער מענש!...

ער איז געבליבען שטעהן א צוטומעלטער, האָט צוזאַמענגעפּרעסט איהרע הענד און האָט שטיל אויסגערופען:

— אייער גלויבען אין די מענשען איז פּשוט צו בעוואונדערען... איהר האָט א זעלטען גוטע האַרץ... איך ליעב אייך אויף צונ׳אמת׳ען מעהר ווי מיין אייגענע מוטער...

זי האָט איהם געכאַפּט פאַר׳ן האַלז און האָט וויינענדיג צוגעפּרעסט זיין קאָפּ צו איהרע ליפּען.

— אפשר... — האָט ער געשעפּטשעט אויפגערעגט און צוטומעלט פון דיעזען נייעם געפיהל, — אפשר רעד איך דאָ נאַרישקייטען... אָבער

ווען זי האָט געזעהן, ווי ער האָט ווידער אויפגעלעבט און זי האָט געפיהלט זיין גרויסע שמחה, האָט זי איהם בעטראַכט מיט א שמייכעל פון נייגיעריגקייט; איהר האָט זיך געגלוסט דערוויסען פאַרוואָס ער איז אזוי פרעהליך און לעבעדיג געוועז.

— איבערהויפּט איז דאָס וואונדערבאר! — האָט ער געזאָגט, זיך רייבענדיג די הענד און האָט דערביי שטיל און פריינדליך געלאַכט. — איהר ווייסט, איך האָב די לעצטע טעג א זעלטען שעהנעם לעבען געפיהרט; איך האָב די גאַנצע צייט מיט אַרבייטער געלעזען, גערעדט מיט זיי, זיך צוגע־האַרכט צו זיי און זיי בעטראַכט... און אין מיין האַרץ האָבען זיך מאָדנע געזונטע און ריינע געפיהלען צוזאַמענגעקליבען. אי, נילאָוונאַ! זיינען דאָס גוטע און ליעבע מענשען! אַקוראַט אזוי ווי מאַיאָווע טעג! איך רעד פון די יונגע אַרבייטער — זיי זיינען שטאַרק און צאַרט־פיהלענד... פול מיט א בעגעהר אַלעס צו וויסען, אַלעם צו פערשטעהן... בעטראַכט מען זיי, דאַן ווייס מען, אַז רוסלאַנד וועט ווערען די העררליכסטע דעמאָקראַטישע לאַנד אויף דער וועלט!

ער האָט אויפגעהויבען זיך צו פערשטאַרקען זיינע ווערטער און עס האָט אויסגעוויעזען פּונקט ווי ער וואָלט געגעבען א שבועה. נאָך א קורצען שטילשווייגען האָט ער פאָרטגעזעצט:

— איך בין זיך דאָ געזעסען און האָב געשריעבען און בין פערזויערט און פערשימעלט געוואָרען איבער די ביכער און די ציפערען... כמעט א יאָהר האָב איך אזא לעבען געפיהרט — דאָס איז אַן אמת׳ער משוגעת!...

איך בין געוואוינט צו זיין צווישען די ארבייטער, און ווען איך דערוויימער זיך פון זיי, ווערט מיר ניט גוט... איך ערגער זיך און נויטיג זיך אין דעם סארט לעבען... אָבער יעצט וועל איך זיך ווידער מיט זיי קענען טרעפען און זיך מיט זיי פערנעהמען... איהר פערשטעהט? — איך שטעה יעצט ביי דער וויעג פון נייגעבאָרענע געדאנקען, פאר דעם אָנקונפט פון יונגע שעפפערישע ענערגיע... דאָס איז מאָדנע איינפאך און שעהן און רעגט שרעקליך אויף... מען ווערט יונג און פעסט, מען שטראהלט און מען פיהרט א רייכען לעבען!

ער האָט מאָדנע גליקליך זיך פאנאנדערגעלאכט, און זיין פרייד האָט אויך זיך אריינגעכאפט אין דער הארץ פון דער מוטער, וועלכע האָט דיעזע פרייד אויך גוט פערשטאנען.

— איהר אָבער, איהר זייט א זעלטען גוטע פרוי! — האָט ניקאָליי אויסגערופען. — איהר פערמאָגט א גרויסע, צארטע מאכט... זי ציהט בעפעהלעריש צו זיך צו די הערצער. ווי ליכטיג זיינען דאך די מענשען!... און ווי גוט זיינען זיי!...

— איך זעה זייער לעבען און פערשטעה איהם, מיין פריינד...

— אייך ליעבט מען!... און עס איז וואונדערבאר שעהן אימיצען צו ליעבען... אך, ווי שעהן!...

— ניין, איהר זייט עס, וועלכע וועקען די מענשען אויף פון זייער טויטקייט — איהר! — האָט געשעפטשעט די מוטער איהם צערטליך גלעטענדיג די האנד. — מיין פריינד, איך בעטראכט און זעה: עס איז דאָ פיעל ארבייט און א סך געדולד איז נויטיג! און איך וואָלט וועלען, אז אייערע כחות זאָלען ניט פערשווינדען...

ניקאָליי האָט זיך אוועקגעזעצט לעבען איהר און האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס נייגעריגקייט צו איהרע איינפאכע און פליסיגע רייד.

— עס איז פשוט א נס! — האָט ער אויסגערופען. — איהר האָט געקענט זעהר לייכט אריינפאלען אין טורמע און פלוצלונג... יא, קענטיג, אז אויך דער פויער האָט זיך גענומען ריהרען... איבעריגענס, דאָס איז גאנץ נאטירליך. איהר ווייסט, איך שטעל מיך זעהר דייטליך פאר אָט דיעזע פרוי... איך פיהל איהר צאָרנדיגע הארץ... איהר האָט ריכטיג בעמערקט, אז זי וועט קיינמאָל ניט אויסגלאָשען ווערען... קיינמאָל ניט! מיר דארפען פאר דער ארבייט אין דאָרף זעהן צו קריגען ספעציעלע מענשען... מענשען! אָבער אונז פעהלען זיי איבעראל! דאָס לעבען פאָדערט הונדערטע הענד...

— אַט ווען פּאַוולויושאַ זאָל אַרויס אויף דער פרייַ... און אַנדריי! — האָט זי שטיל אַ זאָג געטהאָן.

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר און האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ.

— פערשטעהט איהר מיך, נילאָוונאַ... דאָס וועט אייך זיין שווער אויסצוהערען, אָבער איך וועל עס דאָך זאָגען... איך קען פּאַוולען גוט — ער וועט פון טורמע ניט אַוועקגעהן! ער דאַרף האָבען דעם משפט, ער זאָל זיך אַרויסצייגען אין זיין גאַנצער גרויסקייט... ער וועט זיך פון דעם ניט אָנטזאָגען. און מען דאַרף דאָס אויך ניט!... — ער וועט אַנטלויפען פון סיביר.

די מוטער האָט אַ זיפץ געטהאָן און האָט שטיל געענטפערט:

— נו, וואָס קען מען זיך העלפען?... ער ווייס אַליין ווי בעסער איז...

ניקאָליי איז שנעל אויפגעשפּרונגען פון אָרט און האָט ווידער מיט שמחה אויסגערופען:

איך דאַנק אייך, נילאָוונאַ, איך האָב היינט איבערגעלעבט פיעלייכט די בעסטע מינוטען אין מיין לעבען... אַ דאַנק אייך... און קומט לאָמיר זיך צוקושען!

זיי האָבען זיך אַרומגענומען, שווייגענד קוקענדיג איינע די אַנדערע אין די אויגען.

— אַט — גוט! — האָט ער שטיל געזאָגט.

די מוטער האָט לויז געמאַכט די הענד, וועלכע האָבען אַרומגענומען זיין האַלז און זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט מיט אַ גליקליכען שמייכעל.

— הם! — האָט ניקאָליי געזאָגט אין אַ מינוט אַרום, קוקענדיג אויף איהר דורך זיינע ברילען. — ווען אַט דיעזער פויער אייערער וואָלט זיך צו־געאיילט צו קומען צו אונז! וועגען ריבינ'ען, פערשטעהט איהר מיך, דאַרף מען אויפשרייבען אַ ספּעציעלען בלעטעל פאַר'ן דאָרף, איהם קען דאָס שוין ניט שאַדען, ווען ער האָט זיך אַזוי דרייסט אויפגעפיהרט און דער זאַך קען דאָס פיעל העלפען... איך וועל טאַקע היינט, גלייך אויפשרייבען און ליודמילאַ וועט עס גלייך אָפּדרוקען... אָבער ווי אַזוי וועט דיעזע בלעטעל אָנקומען אין דאָרף?

— איך וועל אַוועקפיהרען...

— ניין, איך דאַנק אייך! — האָט ניקאָליי שנעל אויסגערופען. — איך דענק צי וואָלט אַקאָרשט וויעסאָוושטשיקאָוו ניט געטויגט דערפאַר. האַ, וואָס דענקט איהר?

— איבעררעדען מיט איהם?

— אַט, פּרובירט!... און גיט איהם די נויטיגע אויסקינפּטע.
— און וואָס וועל איך טהאָן?
— זאָרגט זיך נישט!

ער האָט זיך אוועקגעזעצט שרייבען. זי האָט צוגעקליבען דעם טיש, ניט אראָפּלאָזענדיג די אויגען פון איהם, און זי האָט געזעהן, ווי די פּעדער ציטערט אין זיין האַנד, בעדעקענדיג די פּאַפּיער מיט ציילען שווארצע ווער־טער. א מאָל פלעגט די הויט פון זיין קאָרק א ציטער טהאָן. ער פלעגט פערוואָרפען דעם קאָפּ און פלעגט צומאַכען די אויגען. דאָס איז געווען א בעוויז, אַז ער איז אויפגערעגט.

— שנייד זיי! — האָט זי שטיל געמורמעלט. — האָב קיין רחמנות ניט אויף די גזלנים!...

— נו, אַט איז שוין פארטיג! — האָט ער געזאָגט, אויפשטעלענדיג זיך. — איהר בעהאַלט ערגעץ דאָס פּאַפּיערעל אויף זיך... אָבער זייט וויסען, אַז אויב זשאַנדאַרען וועלען קומען, וועלען זיי אייך אויך בעזוכען!

— כאַפּט זיי דער טייוועל! — האָט זי רוהיג געענטפערט.

אין אבענד איז געקומען צו פּאַהרען דער דאָקטאָר איוואַן דאַנילאָוויטש.

— ווארום איז עס די נאַטשאַלסטוואָ געוואָרען אַזוי אונרוהיג? — האָט ער געזאָגט, ארומלויפענדיג איבער'ן צימער. — זיעבען אָביסקעס האָט מען היינט ביינאַכט געמאַכט. וואו זשע איז דער קראַנקער, האַ?

— ער איז נאָך נעכטען אוועקגעגאַנגען! — האָט ניקאָליי געענטפערט.

— היינט, פערשטעהסטו מיך, איז שבת, דאַרף ער געהן אויף א פאָרלעזונג, וויל ער ניט אויסלאָזען א מאָל...

— נו, דאָס איז שוין נאַריש. צו זיצען מיט א צושפּאָלטענעם קאָפּ אויף א פאָרלעזונג!...

— איך האָב דאָס איהם אויך געזאָגט, אָבער ער האָט מיר ניט געהערט.

— עס ווילט זיך אָביסעל בעריהמען פאַר די חברים, — האָט די מוטער בעמערקט. — אַט, א שטייגער, זעהט איך האָב שוין פערגאָסען מיין בלוט!...

דער דאָקטאָר האָט א קוק געטהאָן אויף איהר, האָט געמאַכט א שטרענ־גען פּנים און האָט געזאָגט:

— אוי־אוי, בלוטדורשטיגע...

— נו, איוואַן, דו האָסט דאָ ניט וואָס צו טהאָן, און מיר ערווארטען געסט — געה! ניליאָוונא, גיט איהם דאָס פּאַפּיערעל...

— נאָך א פּאַפּיערעל? — האָט דער דאָקטאָר אויסגערופען.

— אַט איז עס! נעהם און גיב עס איבער אין דרוקעריי.

— איך װעל איבערגעבען. דאָס אַלעס?

— אַלעס. ביים טויער שטעהט אַ שפּיאָן.

— איך האָב געזעהן. ביי מיין טיהר שטעהט אויך איינער. נו, צום װיעדערזעהן! צום װיעדערזעהן, גרויזאַמע פרוי!... איהר װייסט, װאָס איך װעל אייך זאָגען, פריינדע, אַז נאָך אַלעמען איז דער געשלעג אויפ׳ן בית־עולם אַ גאַנץ גוטע זאַך! װעגען דעם רעדט יעצט די גאַנצע שטאָדט. דיין בלעטעל װעגען דעם איז זעהר גוט געשריעבען און זי איז אַרויס פּונקט אין צייט... איך האָב אַלע מאָל גע׳טענה׳ט, אַז אַ גוטער קריעג איז בעסער, װי אַ שלעכטער פריעדען...

— גוט, גוט. געה אַהיים, געה!...

— ניט זעהר ליעבליך! גיט אייער הענטעל, נילאָװנאַ! און דער בחור׳ל האָט פון דעסטװעגען נאַריש געטהאָן... דו װייסט, װאו ער װאוינט?

ניקאָלײ האָט איהם געגעבען דעם אַדרעס.

— מאָרגען דאַרף מען אַריבערפאָהרען צו איהם... אַ װאויל קינד, יאָ?

— זעהר... אַ זעלטענע נשמה...

— מען דאַרף אויף איהם אַכטונג געבען... ער האָט געזונטע מאַרך אין קאָפּ! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אװעקגעהענדיג. — אָט טאַקע פון אַזעלכע חברה דאַרף עס אויסװאַקסען די אמת־פּראָלעטאַרישע אינטעליגענץ, װעלכע װעט פערנעהמען אונזערע רייהען, װען מיר װעלען אַװעקגעהן אַהין, װאו עס עקזיסטירען שוין מסתמא ניט קיין קלאַסען־געגענזאַצען...

— דו האָסט די לעצטע צייט אָנגעפאַנגען אַ סך צו פּלאַפּלען.

— מיר איז פרעהליך, דערפאַר טהו איך עס... נו, איך געה... הייסט עס — דו ערװאַרטעסט טורמע? װינש איך דיר, אַז דו זאָלסט זיך גוט אויסרוהען.

— איך דאַנק דיר. איך בין ניט מיעד.

די מוטער האָט זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך און עס האָט איהר הנאה געטהאָן, װאָס ער זאָרגט זיך אַזוי װעגען דעם אַרבייטער.

װען דער דאָקטאָר איז אַװעק, האָבען ניקאָלײ און די מוטער גענומען טרינקען טהעע און ציבייסען, ערװאַרטענדיג יעדע מינוט די נאַכט־געסט און שמועסענדיג שטיל. ניקאָלײ האָט איהר פיעל דערצעהלט װעגען זיינע חברים, װעלכע זיינען געװען פערשיקט, װעגען די יעניגע, װעלכע זיינען שוין ענט־לאָפען פון דאָרט און זעצען יעצט װייטער פאָר זייער אַרבייט אונטער אַנ־דערע נעמען. די נאַקעטע װענד פון צימער פלעגען אָפּשטויסען דעם שטי־לען קלאַנג פון זיין קול, פּונקט אַ שטייגער װי זיי װאָלטען זיך װאונדערען

און וואָלטען ניט געגלויבט אַז דיזע אַלע געשיכטען וועגען די בעשיעדענע העלדען, וועלכע האָבען אַהן דעם מינדעסטען איינגעננוג אָפּגעגעבען זייערע קרעפטען פאַר דער גרויסער זאַך צו בענייען די וועלט. אַ וואָרימער שאָטען האָט מילד אַרומגערינגעלט די מוטער, אָנפילענדיג איהר הארץ מיט אַ וואַרימען געפיהל פון ליעבע צו די אונבעקאַנטע מענשען, און זיי אַלע האָבען זיך פערשמאָלצען אין איהר פאָרשטעלונג אין איין ריעזיגען מענשען, וועלכער איז פול מיט אונערשעפּבאַרער מורא׳דיגער קראַפט. ער שפּאַציערט לאַנגזאַם אָבער אַהן אַן אָפּשטעל איבער דער וועלט און רייניגט מיט זיינע הענד דעם שימעל פון שקר, וועלכער האָט זיך אָנגעקליעבען אין פערלויף פון הונדערטע יאָהרען און ער ענטפּלעקט פאַר די מענשליכע אויגען דעם איינפאַכען און קלאָרען אמת פון לעבען. און דער גרויסער אמת רופט צו זיך פריינדליך אַלעמען, זאָגט צו אַלעמען גלייך די בעפרייאונג פון זשעדנעקייט, שלעכטעס און ליגען, וועלכע האָבען פערשקלאָפּט מיט זייער ציניִשער, גרויזאַמער קראַפט די גאַנצע וועלט. — דיעזעס געשטאַלט האָט אין איהר הארצען אַרויסגערופען אַ געפיהל, וועלכער איז געווען עהנליך צו יענעם געפיהל, מיט וועלכען זי פלעגט זיך אַ מאָל אוועקשטעלען לעבען דער איקאָנע, פערענדיגענדיג מיט אַ פרעהליכען און דאַנקבאַרען געבעט דעם טאָג, וועלכער האָט איהר אויסגזעהן לייכטער ווי די אַנדערע טעג פון איהר לעבען. יעצט האָט זי דיזע טעג פערגעסען און דאָס געפיהל, וועלכען זיי פלעגען אַרויסרופען, האָט זיך איינגעבאַקען אין איהר הארצען.

— און די זשאַנדאַרען קומען ניט! — האָט ניקאָליי פלוצלונג, איבעררייסענדיג זיין ערצעהלונג, אויסגערופען.

די מוטער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און נאָך אַ קורצען שווייגען האָט זי מיט פערדרוס זיך אָפּגערופען:

— כאַפּט זיי דער שוואַרץ יאָהר!

— פערשטעהט זיך! אָבער אייך איז צייט צו געהן שלאָפען, נילאָווּנאַ, איהר זיינט מסתמא זעהר אויסגעמאַטערט... מען מוז צוגעבען, אַז איהר זייט זעהר אַ שטאַרקע! וויפיעל טומעל און אונרוהיגקייט איהר האָט... און דאָך לעבט איהר עס אַלץ איבער גאַנץ לייכט! אַז די האָר נאָר אייערע הויבען אָן שנעל גרוי צו ווערען... נו, געהט רוהט זיך אויס!

זיי האָבען זיך איינע די אַנדערע געדריקט די הענד און זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

.20

די מוטער איז גיך איינגעשלאָפען. זי איז געשלאָפען רוהיג און האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַר טאָג פון אַ שטאַרקען קלאַפּען אין קיך־טיהר. געקלאַפּט האָט מען אָהן אַן אויפהער, מיט אַ גערולדיגע איינגעשפּאַרטקייט. עס איז נאָך געוועז פינסטער. אַ שטילקייט האָט געהערשט ארום און אין דיעזער שטילקייט האָט זיך דאָס אונאויפהערליכע קלאַפּען אויסגעדוכט, ווי דאָס רוישען פון אַ מוטנעם טאָג און האָט אַרויסגערופען אַן אונרוהיגקייט. זיך גיך אָנטהוענדיג, איז די מוטער אַרויס אין קיך און, שטעהענדיג לעבען טיהר, האָט זי אַ פרעג געטהאָן:

— ווער איז דאָרטען?

— איך! — האָט געענטפערט אַן אונבעקאַנטע שטימע.

— ווער?

— עפענט! — האָט מען שטיל און טרויעריג זיך געבעטען פון הינטער'ן טיהר.

די מוטער האָט אויפגעהויבען דעם ריגעל, האָט אַ שטופּ געטהאָן די טיהר מיט'ן פוס — און עס איז אַריינגעגאַנגען איגנאַטי און האָט פרעהליך אויסגערופען:

— נו, ניט פערבלאָנדזשעט! — ריכטיג געטראָפען!...

ער איז ביז צום קאָפּ געוועזען פערשפּריצט אין בלאָטע. זיין פּנים איז געוועזען גרוי, די אויגען איינגעפאַלען און נאָר די געגרייזעלטע האָאָר האָבען אַרויסגעשטאַרטשעט אין אַלע זייטען, זיך דורכשלאָגענדיג אַ וועג פון אונטער'ן היטעל.

— ביי אונז האָט געטראָפען אַן אונגליק! — האָט ער שושקענדיג אַרויסגערעדט, פערמאַכענדיג די טיהר.

— איך וויים...

דאָס האָט איהם געוואונדערט. אַ פינטעל טהוענדיג מיט די אויגען האָט ער אַ פרעג געטהאָן:

— ווי?... פון וואַנען?...

זי האָט איהם קורץ און גיך איבערגעגעבען.

— און זיי ביידען, די חברים, האָט מען צוגענומען?

— זיי זיינען ניט געוועזען. זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען זיך מעלדען צום פּריזיוו. פינפען האָט מען צוגענומען, אַריינרעכענענדיג פעטער מיכאַילאָ'ן.

ער האָט אַ ציה געטהאָן מיט'ן נאָז די לופט און האָט שמייכלענדיג אַרויסגערעדט:

— און איך בין געבליעבען... מען זוכט מיך, מן הסתם. זאָלען זיי זוכען! איך וועל שוין אהין ניט געהן... פאַר קיין פאַל ניט! דאָרטען זיינען נאָך איבערגעבליבען אַ מענשען אכט, זיעבען בחורים און איין מיידעל... ס'מאַכט ניט אויס! זיי זיינען אַלע פערטרויענסווערטע...

— ווי ביזטו עס גאַנץ געבליעבען? — האָט די מוטער איהם געפרעגט.

די טיהר פון אינערען צימער האָט זיך לאַנגזאַם געעפענט.

— איך? — האָט, זיצענדיג אויפ'ן ביינקעל און זיך ארומקוקענדיג, אויסגערופען איגנאַטי. — נו, זיי זיינען ביינאַכט בעפאַלען אונז, פערשטעהסט איהר מיך... און מיט אַ מינוט פריהער איז געקומען צו לויפען דער וואַלד־היטער, האָט אָנגעקלאַפּט אין פענסטער און שטיל ארויסגעזאָגט: „היט זיך, חברה, מען געהט אויף אייך!“...

ער האָט זיך שטיל פאַנאַנדערגעלאַכט, האָט אויסגעווישט דעם פּנים מיט'ן ברעג פון רעקעל און האָט פאָרטגעזעצט:

— נו, פעטער מיכאַילאָ'ן קען מען דאָך אפילו מיט אַ האַמער אויך ניט פערטויבען, פאַר קיין פאַל ניט!... ער פערליערט זיך ניט... און גלייך זאָגט ער צו מיר: „איגנאַטי, לויף גיך אין שטאָדט!... געדענקסט די פרוי, די עלטערע? — און אַליין שרייבט ער אַ צעטעלע... — נאַ, זאָגט ער, געה... זיי געזונד, חבר! — און האָט מיר ארויסגעשטופּט פון הויז. נו, בין איך ארויס און אויף אַלע פיער קריך איך צווישען די בוימלעך, און איך הער זיי קומען! אַ סך זיינען זיי געוועזן, פון אַלע זייטען האָבען זיי געטומעלט, די טייוואָלים! מיט אַ שטריק ארומגעצויגען די פאַבריקעל... איך האָב זיך אוועקגעלעגט אין די בוימלעך... זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען!... איך האָב זיך דאַן אויפגעהויבען און האָב גענומען שפּרייזען, און איך האָב צוגע־שפּרייזט ביז דאַנען!... צוויי נעכט און אַ גאַנצען טאָג בין איך געגאַנגען אָהן אַן אָבשטעל, און אָט בין איך יעצט פערמאַטערט... פאַר אַ גאַנצע וואָך האָב איך זיך אָנגעהאָרעוועט! די פיס נאָגען!...

מען האָט געזעהן, אַז ער איז צופריעדען פון זיך. אין זיינע אויגען האָט געגלאַנצט אַ שמייכעל. די דיקע רויטע ליפען האָבען אַ ציטער געטהאָן.

— איך וועל דיר שוין אָנטרינקען מיט טהעע! — האָט די מוטער גיך ארויסגערעדט, כאַפּענדיג דעם סאַמאָוואַר. — דו וואַש זיך דערווייל אַיין, וועט דיר לייכטער ווערען...

— וואַרט, איך וועל אייך געבען דעם צעטעלע!...

ער האָט מיט מיה אויפגעהויבען די פוס, האָט זי איינגעבויגען און האָט קרעכצענדיג און סאָפּענדיג איהר אַרויפגעלעגט אויפ'ן ביינקעל.

— איך האָב זיך דערשראָקען... איך האָב געמיינט, אז איך האָב עס שוין פערלאָרען!...

אין טיהר איז אריין ניקאָליי. איגנאַטי האָט א פערשעהמטער ארונ־טערגעלאָזען די פיס אויף דר'ערד. ער האָט געוואָלט אויפשטעהן, נאָר ער האָט זיך אויסגעגליטשט און האָט זיך שווער אראָפּגעלאָזען צוריק אויפ'ן ביינקעל, זיך אָנשפּאַרענדיג מיטביידע הענד.

— נו, בין איך אָבער פערמאַטערט!... טפו זאָל עס ווערען!...

— א נוט מאָרגען איך, חבר! — האָט ניקאָליי געזאָגט, זיך צו איהם ווענדענדיג, פריינדליך פינטלענדיג מיט די אויגען און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. — לאָזט איך וועל אייך העלפען.

זיך ארונטערלאָזענדיג פאר איהם אויף די קניע, האָט ניקאָליי גיך פאַ־נאַנדערגעבונדען די שמוציגע אָניטשע.

— נו! — האָט שטיל אויסגערופען איגנאַטי, טרייסלענדיג מיט'ן פוס און פערוואונדערט מאַכענדיג מיט די אויגען צו דער מוטער.

ניט בעמערקענדיג זיין בליק, האָט די מוטער א זאָג געטהאָן:

— מען דאַרף איהם איינרייבען די פיס מיט בראַנפען... דאָס וועט גלייך העלפען!

— זיכער! — האָט ניקאָליי געזאָגט.

איגנאַטי האָט זיך פערלאָרען און האָט עפּעס מאָדנע געשמייכעלט.

ניקאָליי האָט געפונען דעם צעטעלע, האָט איהם אויסגעגליכען, האָט א קוק געטהאָן און האָט עס דערלאַנגט די מוטער.

— דאָס איז צו אייך!

— לייענט!...

צוטראָגענדיג די גרויע צוקנייטשטע שטיקעל פּאַפּיער צום פּנים, האָט ניקאָליי אָנגעהויבען צו לייענען:

„לאָז ניט איבער די זאַך אָהן אויפמערקזאַמקייט, מוטער. זאָג די הויכע פריצ'טע, אז זי זאָל ניט פערגעסען אונז פויערים, און מען זאָל מעהר שרייבען וועגען אונזערע זאַכען. איך בעט דיר נאָך א מאָל, פערגעס ניט. זיי געזונד. ריבין“.

— טהייערינקער מיינער! — האָט טרויעריג ארויסגערעדט די מוטער.

— איהם האַלט מען שוין פאר'ן האַלז און ער...

ניקאָליי האָט לאַנגזאַם ארונטערגעלאָזען די האַנד מיט'ן צעטעלע און האָט שטיל ארויסגערעדט:

— דאָס איז גרויסאַרטיג!...

איגנאַטי האָט געקוקט אויף זיי, שטיל בעוועגענדיג מיט זיינע שמוציגע פינגער פון דער געשוואָלענער פּוס. די מוטער האָט אָפּגעקעהרט דעם פּנים, וואָס איז געווען נאַס פון טרעהרען. דאַן איז זי צוגעגאַנגען צו איג־נאַטי׳ן מיט אַ שיסעל וואַסער. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דר׳ערד און האָט צוגעשאַרט די הענד צו זיינע פּיס.

ער האָט די פּוס שנעל בעהאַלטען אונטער׳ן ביינקעל און האָט מיט שרעק אויסגערופען:

— וואָס?!...

— דו גיב אַקאַרשט אַהער דיין פּוס!...

— איך וועל שוין אַריינטראָגען ספּירט, — האָט געזאָגט ניקאָליי און איז אַרויסגעגאַנגען.

איגנאַטי האָט אַריינגערוקט די פּוס נאָך טיעפער אונטער׳ן ביינקעל און האָט געבורטשעט:

— וואָס איז מיט איך?... עס פּאַסט ניט...

זי האָט שווייגענדיג זיך גענומען פאַנאַנדערבינדען די אַנדער אָניטשע. איגנאַטי׳ס רונדע צורה האָט געקוקט פערוואונדערט. ער האָט הילפלאָז געוואָרפען אין אַלע זייטען זיינע ברייט־פאַנאַנדערגעעפענטע אויגען און האָט שטיל אַרויסגעזאָגט:

— אָבער... עס וועט מיר דאָך קיצלען!...

— יועסט אַריבערטראָגען! — האָט געענטפערט די מוטער, זיך נעהמענדיג צום יואשען.

איגנאַטי האָט אַ הויכען שאַרף געטהאַן מיט׳ן נאָז און האָט, פּלומפּ בעוועגענדיג מיט זיין האַלז, געקוקט אויף דער מוטער פון אויבען אַראָפּ, משוגה׳דיג מאַכענדיג מיט די ליפּען.

— דו ווייסט, — האָט די מוטער אָנגעהויבען מיט אַ ציטערנדע שטי־מע. — מיכאַילאַ איוואַנאָוויטשען האָט מען געשלאָגען...

— וואָס? — האָט שטיל און מיט שרעק אויסגערופען איגנאַטי.

— יאַ. און מען האָט איהם געבראַכט אַ צובלוטיגטען, אַ צוקלאַפּטען. און אין ניקאָלסק האָט איהם דער אוריאַדניק און דער סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו געשלאָגען... איבער׳ן פּנים, איבער׳ן קערפּער און געקניפּט ביז בלוט...

די מוטער איז אַנטשוויגען געוואָרען, צוזאַמענברעכענדיג אונטער די עראינערונגען.

— זיי קענען דאָס! — האָט זיך אָפּגערופען איגנאַטי, קנייטשענדיג די ברעמען. די פּלייצעס האָבען איהם געציטערט. — דאָס הייסט — איך

האָב מורא פאַר זיי, שדים וואָס זיי זיינען!... און די פּויערים!... זיי האָבען ניט געשלאָגען?...

— איינער האָט אַ קלאַפּ געטהאָן. דער סטאַנאָוואָי האָט איהם גע־הייסען. און די איבעריגע — ניט. זיי האָבען זיך נאָך אפילו אָנגענומען פאַר איהם. — מען טאָר ניט, האָבען זיי געזאָגט, שלאָגען...

— נ־נ־אַ־אַ... די פּויערים הויבען שוין אָן צו פערשטעהן, ווער וואָס עס וויל און פאַר וועמען ער איז...

— דאָרטען זיינען אויך דאָ מענשען, וואָס זיינען געקומען צום שכל.

— וואו זיינען זיי ניטאָ? די גויט! איבעראַל זיינען זיי פאַראַן. — עס איז זיי אָבער שווער צו געפינען. זיי האָבען זיך פערקלאַפּט אין די שפּאַלטען און ציגען זיך זייערע אייגענע הערצער. אָבער זיך צוזאַמען־קלייבען אַלע צוזאַמען — אויף דעם האָבען זיי קיין מוטה ניט...

ניקאַליי האָט געבראַכט אַ פלעשעל ספּירט, האָט צוגעלעגט קויהלען אין סאַמאָוואַר און איז שווייגענדיג אַרויסגעגאַנגען. איהם בעגלייטענדיג מיט פערוואונדערטע אויגען, האָט איגנאַטי שטיל אַ פרעג געטהאָן דער מוטער:

— אַ פּריץ?

— אין דיעזער זאַך זיינען קיין פּריצים ניטאָ, אַלע זיינען חברים!...

— עס וואונדערט מיר! — האָט איגנאַטי אַרויסגעזאָגט, ניט גלויבענדיג און מאָדנע שמייכלענדיג.

— וואָס וואונדערסטו זיך?

— אַט אַזוי זיך... אויף איין ענד שלאָגט מען אין מאָרדע, און אויף דעם אַנדערען וואַשט מען די פיס... און אין מיטען איז עפּעס פאַראַן?

די טיהר פון צימער האָט זיך געעפענט און ניקאַליי, האָט אַרויסגע־רעדט, שטעהענדיג אויפ׳ן שוועל:

— און אין מיטען שטעהען מענשען, וועלכע לעקען די הענד פון יענע, וועלכע שלאָגען אין מאָרדע און זויגען די בלוט פון די יעניגע, וועמעס מאָר־דעם זיי שלאָגען. — אַט דאָס איז דער מיטען!

— נילאָוונאַ, — האָט געזאָגט ניקאַליי, — איהר זייט שוין פערמאַ־טערט, לאָזט מיר...

איגנאַטי האָט צושראָקען אַ מאַך געטהאָן מיט די פיס.

— עס וועט שוין גאָר זיין גענוג! — האָט געענטפערט די מוטער. — נו, איגנאַטי, יעצט געה וואַש זיך איין!...

איגנאַטי האָט זיך אויפגעהויבען, פעסט טרעטענדיג מיט די פיס אויפ׳ן פּאָדלאָגע און האָט בעמערקט:

— אקוראט ווי נייע זיינען זיי געוואָרען! א דאנק אייך... אָבער גאָר א בעזונדערען דאנק!...

זיין פּנים האָט זיך פערקרימט, די ליפּען האָבען א ציטער געטהאָן און די אויגען זיינען רויט געוואָרען. נאָך א קורצען שווייגען האָט ער שטיל א שעפּטשע געטהאָן:

— איך ווייס זאָגאר ניט ווי צו דאנקען אייך...

נאָך דעם זיינען זיי געזעסען אין עס־צימער און האָבען געטרונקען טהעע און איגנאַטי האָט מיט א סאָלידען קול דערצעהלט:

— איך פלעג עס פּאנאנדערטראָגען, כוח צום געהן האָב איך א סך. דער פעטער מיכאילא האָט עס מיר איבערגעגעבען און געהייסען — טראָג.

— א סך מענשען לעזען עס? — האָט ניקאָליי געפרעגט.

— אלע, וועלכע קענען נאָר לעזען... אפילו אייניגע נגידים אויך... זיי, פערשטעהט זיך, קריגען עס ניט פון אונז... אונז וואָלטען זיי לעבעדיגערהייד בעגראָבען! זיי פערשטעהען דאָך, אז דאָס איז א תליה פאר זיי...

ניקאָליי האָט א קוק געטהאָן אויף איהם און האָט געפרעגט:

— ווארום עפּעס א תליה?

— וואָס זשע דען, — האָט איגנאַטי פערוואונדערט אויסגערופען. — די פּויערים וועלען דאָך אליין אוועקנעהמען די ערד פון אלעמען, פון די פּריצים און נגידים... הייסט עס, אז זיי אליין וועלען אזוי איהר צוטהיילען, אז עס זאָל שוין מעהר ניט זיין קיין ארבייטער און בעלי הבתים... ווי זשע דען אנדערש! צוליעב וואָס זשע איז די גאנצע מלחמה, אויב ניט צוליעב דעם!

ער האָט זיך זאָגאר כמעט אזוי ווי בעליידיגט און האָט געקוקט אויף ניקאָלייען פרעגענד און אָהן צוטרוי. ניקאָליי האָט שווייגענד געשמייכעלט.

— ווען מען זאָל היינט עס אָנפאנגען דעם געשלעג און בייקומען און מאָרגען זאָל ווידער איינער זיין רייך און דער צווייטער אָרים... דאן וואָס לוינט זיך דער גאנצער עסק? ווידער געהן שלאָגען זיך?... איך דאנק אייך זעהר...

— זיי ניט אין כעס! — האָט די מוטער מיט שפּאס א זאָג געטהאָן.

ניקאָליי האָט נאָכדענקליך אויסגערופען:

— ווי אזוי זעהט מען וואָס שנעלער אוועקצושיקען אהין די בלעטעל וועגען ריבינס ארעסט!

— איך וועל היינט איבעררעדען! — האָט די מוטער געזאָגט.

— עס איז שוין דאָ א בלעטעל? — האָט איגנאַטי געפרעגט.

— יאָ.

—גוט, איך וועל עס אָוועקטראָגן! — האָט איגנאַטי פאַרגעלעגט. — איך ווייס וואו און ווי אַזוי... גיט אַהער!

די מוטער האָט זיך שטיל פאַנאַנדערגעלאַכט, ניט קוקענדיג אויף איהם:

— דו ביסט דאָך מיעד און דו האָסט מורא און האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דו וועסט שוין קיינמאָל אַהין ניט געהן...

איגנאַטי האָט, גלעטענדיג מיט'ן האַנד זיינע געגרייזעלטע האָאַר אויפ'ן קאָפּ, רוהיג און זאכליך געענטפערט:

— דאָס, וואָס איך בין מיעד, מאַכט ניט אויס, וועל איך זיך אָפּרוהען... און מורא האָב איך טאַקע. איהר האָט דאָך אַליין דערצעהלט, אַז מען שלאָגט ביז בלוט... ווער עמען ווילט זיך עס קריגען קלעפּ? אָבער איך וועל עס ווי עס איז ביינאַכט אָוועקטראָגן! גוט... איך וועל טאַקע פאַרנאַכט לאָזען זיך אין וועג.

ער האָט געשוויגען אַ רגע און דאַן האָט ער פאַרטגעזעצט:

— איך וועל דערגעהן ביז'ן וואַלד און וועל דאָרטען בעהאַלטען עס און נאָכדעם וועל איך געבען צו וויסען אונזערע, אַז זיי זאָלען געהן און צונעהמען עס! אַזוי איז בעסער!... ווען איך זאָל אַליין געהן פאַנאַנדערטראָגען, קען איך זעהר לייכט אריינפאַלען... אַ שאָד נאָך די בלעטלעך... קיין סך זיינען דאָך ניטאָ...

— און וואָס איז עפּעס מיט דיין מורא? — האָט די מוטער ווידער בעמערקט מיט אַ שמייכעל. איהר האָט געפרעהט דיעזער שטאַרקער בחור מיט דער האַרציגקייט, וועלכע איז געלעגען אין יעדען וואָרט זיינעם און מיט זיין קיילעכדיגעם, שטאָלצעם געזיכט.

— מורא, איז זיך מורא, און אַרבייט איז אַרבייט! — האָט ער געענטפערט. — וואָס לאַכט איהר פון מיר? עס איז דען ניטאָ וואָס מורא צו האָבען? אָבער אַז מען וועט דאַרפען, וועל איך אפילו אין פייער קריכען... אַזאַ אַרבייט פאָדערט עס...

— אָך דו, קינד מיינס! — האָט די מוטער ניט ווילענדיג אויסגערופען.

— נו, אָט איז דיר... קינד נאַר! — האָט איגנאַטי אויסגערופען פערשעהמט.

ניקאָליי, וועלכער האָט די גאַנצע צייט גוטמוטהיג בעטראַכט דעם בחור, האָט זיך אָפּגערופען:

— איהר וועט ניט געהן אַהין...

— וואָס זשע וועל איך טהאָן? וואו וועל איך זיך אהינטהאָן? — האָט איגנאַטי אונרוהיג געפרעגט.

— אַנשטאָט אייך וועט געהן אַן אַנדערער און איהר וועט איהם געגוי פּאַנאַנדערזאָגען, וואָס מען דאַרף טהאָן און ווי אַזוי — גוט?

— גוט! — האָט איגנאַטי געענטפערט ניט גלייך און אָהן חשק.

— און אייך וועלען מיר קריגען אַ גוטען פּאַספּאָרט און מיר וועלען אייך קריגען אַ פּלאַץ פאַר אַ וואַלד־וועכטער...

איגנאַטי האָט שנעל אַ וואָרף געטהאָן מיט'ן קאָפּ און האָט מיט אונ־רוהיגקייט געפרעגט:

— און ווי וועט זיין, אַז עס וועלען קומען די פּויערים נאָך האָלץ אָדער נאָך עפּעס אַנדערש... וואָס וועל איך דאַן טהאָן? בינדען זיי? דאָס איז אַן אַרבייט ניט פאַר מיר...

די מוטער האָט זיך פּאַנאַנדערגעלאַכט און ניקאָליי אויך. דאָס האָט ווידער פּערדראָסען און געבראַכט אין אַ פּערלעגענהייט איגנאַטי'ן.

— זאָרגט זיך ניט! — האָט ניקאָליי איהם בערוהיגט. — עס וועט אייך ניט אויסקומען צו בינדען די פּויערים... זייט זיכער!...

— אויב אַזוי, איז גוט! — האָט איגנאַטי אַ זאָג געטהאָן און ער האָט זיך בערוהיגט, שמייכלענדיג צו ניקאָלייען מיט צוטרוי. — איך וואָלט בעסער געוואָלט אָנקומען אויף אַ פאַבריק. דאָרטען, זאָגט מען, זיינען די אַרבייטער גאַנץ קלוגע...

אין איהם, אין זיין ביטערע האַרץ, האָט די גאַנצע צייט פּונקט ווי אַ פייער געברענט. דיעזער פייעריל האָט געפינקעלט אין זיינע אויגען, אָפּ־שיינענדיג פון אינוועניג און פלעגט זיך פלוצלונג דערשראָקען אויסלעשען, בעדעקענדיג זיך מיט אַ רויך פון אַן אונרוהיגקייט און פּערלאָרענהייט.

די מוטער האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש און קוקענדיג פערטראַכט דורכ'ן פענסטער האָט זי געזאָגט:

— אַך, דאָס לעבען... פינף מאָל אַ טאָג לאַכט מען זיך אָן, פינף מאָל וויינט מען זיך אויס... גוט! נו, איגנאַטי, האָסט שוין געענדיגט? געה שלאָפען.

— איך וויל נאָך ניט...

— געה, געה...

— עס איז שטרענג ביי אייך! נו, איך געה... אַ דאַנק פאַר טהעע...

לעגענדיג זיך אויף דער מוטערס געלעגער, האָט ער געזאָגט שטיל:

— יעצט וועט ביי אייך אַלץ שמעקען מיט זשעגאַכץ... עס איז אַ שאָד... איך וויל נאָך גאָר ניט שלאָפען. אָבער די מענשען זיינען גוטע....

עס גלויבט זיך גאָר ניט... פונקט ווי דו וואָלסט זיך געפונען פאַר הונדערט וויאָרסט פון דאָרף...

און פּלוצלונג האָט ער הויך אַ כראָפּע געטהאָן און איז אַנטשלאָפען געוואָרען.

.21

שפּעט אין אָבענד איז ער געזעסען אין קליינעם צימערעל פון קעלער־שטוב אויף אַ שטוהל געגענאיבער וויעסאָוושטשיקאָוו׳ען און האָט מיט אַ שטילען קול איהם פאַנאַנדערגעזאָגט:

— אין מיטעלסטען פענסטער זאָלסטו אָנקלאַפּען פיער מאָל...

— פיער מאָל? — האָט וויעסאָוושטשיקאָוו איבערגע׳חזר׳ט.

— פריהער דריי מאָל, אָט אַזוי...

און ער האָט אַ קלאַפּ געטהאָן מיט׳ן איינגעבויגענעם פינגער איבער׳ן טיש, צעהלענדיג:

— איינס, צוויי, דריי. נאָכדעם זאָלט איהר אָפּוואַרטען און אַ קלאַפּ טהאָן אַ פערטען מאָל.

— אַ געלער פויער וועט איך עפענען און וועט פרעגען נאָך וואָס איהר זייט געקומען, זאָלט איהר ענטפערען, אַז איהר קומט פון זאַוואַדטשיק! מעהר גאָרנישט, ער וועט שוין פערשטעהן וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך.

זיי זיינען געזעסען איינגעבויגען די קעפּ איינע צו די אַנדערע און האָבען שטיל געשמועסט און די מוטער איז געשטאַנען לעבען טיש, די הענד פערלעגט אויף׳ן האַרצען און האָט זיי בעטראַכט. דיעזע אַלע געהיימע קלעפּ, די אָפּגערעדטע פראַגען און אַנטוואָרטען האָבען ביי איהר אַרויסגערופען אַן אינערליכען שמייכעל און זי האָט געטראַכט:

— קינדער נאָך גאָר...

אויף׳ן וואַנד האָט געברענט אַ לאָמפּ, אויף׳ן פּאָדלאָגע האָבען זיך געוואַלגערט צובראָכענע עמער, שטיקלעך רייפען. אַ ריח פון שימעל, פאַרב און פייכטקייט האָט אָנגעפילט דאָס צימער.

איגנאַטי איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ דיקען הערבסט־מאַנטעל פון אַ האָריגער מאַטעריע. די מוטער האָט בעמערקט, אַז דער מאַנטעל געפעלט איהם. ער האָט מיט׳ן האַנד געגלעט דעם אַרבעל, האָט אַלע ווייַלע בעטראַכט זיך פון אויבען ביז אַראָפּ. אין איהר האַרצען האָט זיך אַלץ געשלאָגען דער געדאַנק:

— קינדער... טהייערינקע מיינע...

— אלזאָ! — האָט איגנאַטי געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך פון אָרט. — געדענקט: פריהער צו מוראַטאָוו'ען און פרעגט אויף דעם זיידען...

— איך וועל געדענקען! — האָט וויעסאָוושטשיקאָוו געענטפערט.

אָבער איגנאַטי האָט, ווי עס שיינט, איהם ניט געגלויבט און האָט נאָך אַ מאָל ווידערהאָלט די אַלע קלעפּ, ווערטער און צייכענס און ענדליך האָט ער איהם דערלאַנגט די האַנד און געזאָגט:

— פאַרטיג אַלזאָ! זייט געזונד, חבר! גריסט זיי! זאָגט זיי, אַז איגנאַטי איז געזונד און שטאַרק! זיי זיינען גוטע מענשען, איהר וועט זעהן...

ער האָט מיט אַ צופריעדענעם בליק בעטראַכט זיך, האָט אַ גלעט געטהאָן מיט די הענד דעם מאַנטעל און האָט געפרעגט דער מוטער:

— געהן?

— ווערסט דען אַליין טרעפען דעם וועג?

— פּטור, נו! איך וועל טרעפען... צום ווידערזעהן, חברים! — און ער איז אַרויס.

— נו, אָט האָב איך ענדליך אַן אַרבייט! — האָט וויעסאָוושטשיקאָוו געזאָגט, צוגעהענדיג צו דער מוטער. — עס איז מיר שוין לאַנגווייליג געוואָרען... פון טורמע בין איך אַרויסגעשפּרונגען — צוליעב וואָס? אַליין, וואָס איך טהו, איז וואָס איך האַלט זיך נאָר אין איין בעהאַלטען זיך... דאָרטען אָבער האָב איך זיך געלערענט. דאָרט האָט פּאַוועל אויף מיר געהאָרעוועט און אַנדריי אויך. עס איז פּשוט געוועזען אַ פאַרגעניגען!... וואָס, נילאָוונאַ, דו האָסט גאָר ניט געהערט וועגען אַנטלויפען. וואָס האָט מען בעשלאָסען: מען וועט זיי העלפען?

— איבערמאָרגען וועל איך וויסען! — האָט זי געענטפערט און אַ זיפץ טהוענדיג ניט ווילענדיג האָט זי ווידערהאָלט: איבערמאָרגען ערשט...

ער האָט אַרויפגעלעגט זיין שווערע האַנד אויף איהר פּלייצע און דערנעהנטערענדיג זיין פּנים צו איהר, האָט ער געזאָגט:

— דו זאָג זיי, די עלטערע הייסט עס, וועלען זיי דיר פאָלגען. עס איז זעהר לייכט! בעטראַכט נאָר אַליין — אָט איז די וואַנד פון טורמע... לעבען דעם שטעהט דער סלופּ מיט'ן לאַמטערנע. אַנטקעגען איז אַ לעערער פּלאַץ, לינקס דער בית עולם, רעכטס זיינען גאַסען, די שטאָדט. יעדען טאָג קומט צום לאַמטערנע אַ מאַן רייניגען די לאָמפּען, און אַזוי ווי ער שטעלט צו צום וואַנד אַ לייטער, איז עס גאַנץ לייכט אַרויפצוכאַפּען זיך אויפ'ן לייטער, איבערוואַרפען אַ שטריק אין הויף פון טורמע און מאַרש! דאָרט הינטער'ן וואַנד וועט מען וויסען די צייט, ווען דאָס דאַרף פּאַרקומען, וועט מען בעטען

די קרימינעלע ארעסטאנטען, אז זיי זאָלען אַנמאַכען אַ טומעל און די, וואָס וועלען דארפען ארויסגעהן, וועלען דורך דער צייט אַ לאַז טהאָן זיך פון לייטער איבער׳ן וואנד — איינס, צוויי, דריי און פארטיג! און זיי וועלען זיך רוהיג אַוועקשפּאַצירען אין שטאָדט אריין, ווייל פריהער פון אלץ וועט מען זיי־ לויפען זוכען אויפ׳ן פּלאַץ, אויפ׳ן בית עולם...

ער האָט שנעל געמאַכט מיט די הענד פאר דער מוטערס געזיכט, שיל־ דערענדיג זיין פּלאַן און אַלעס איז ביי איהם ארויסגעקומען אַזוי איינפאַך, געשיקט און קלאָר. זי האָט איהם פון אימער אָן געקענט פאר אַ שווערען, ניט ריהרעוודיגען און איהר איז געוועזען זאָנדערבאר אַנצוקוקען זיין געשטור־ פּעלטען געזיכט, וועלכער איז פּלוצלונג געוואָרען אַזוי לעבעדיג און ריה־ רעוודיג. ניקאָליי׳ס שמאָלע אויגען פלעגען אימער קוקען אויף אַלץ מיט כעס און אונצוטרוי. יעצט אָבער האָבען זיי געלויכטען מיט אַ וואַרימען, מילדען ליכט...

— בעטראַכט נאָר: דאָס וועט דאָך פּאַרקומען בייטאָג!... ניט אַנדערש בייטאָג. ווער׳מען זשע וועט עס איינפאַלען אין קאָפּ, אַז די ארעסטירטע זאָ־ לען וואַגען צו אַנטלויפען בייטאָג פאר די אויגען פון דער גאַנצער טורמע?...

— און איהם וועט מען דערשיסען! — האָט די מוטער, אַ ציטער טהוענ־ דיג, געזאָגט.

— ווער? אַ סאָלדאַט ניט. און די וועכטער קלאַפּען מיט זייערע רעוואָלווערען טשוועקעס...

— ביי דיר איז אַלעס... שוין צו איינפאַך...

— אָט וועסטו זעהן, אַז אַלעס איז אַזוי ווי איך זאָג דיר! רייד נאָר דו איבער מיט זיי. איך האָב שוין אַלעס צוגעגרייט, אַ שטריקענעם לייטער, קרוקעס... איך האָב אָפּגערעדט מיט׳ן בעלי הבית, אַז ער זאָל געהן רייניגען די לאָמפּען...

הינטער׳ן טיהר האָט אימיצער געהוסט, און עס האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּען פון אייזען.

— אָט איז דער בעל הבית! — האָט וויעסאָוושטשיקאָוו אויסגערופען. אין דער אָפענער טיהר האָט זיך אריינגערוקט אַ בלעכענע וואַנע און אַ היי־ זעריגע שטימע האָט אַ זאָג געטהאָן:

— קריך, טייוועל!...

נאָכדעם האָט זיך בעוויזען אַ גרויע קאָפּ אָהן אַ היטעל און אַ גוט־ מוטהיגע געזיכט מיט וואָנצעס און גרויסע אויגען.

ניקאָליי האָט געהאָלפען אריינשלעפּען די וואַנע. אין הויז איז אריין

א הויכער מאַן. ער האָט אָנגעפאַנגען צו הוסטען, אָנבלאָזענדיג זיינע באַקען. ער האָט א שפּיי געטהאָן און האָט זיך בעגריסט:

— גוטען אבענד!...

— אָט פרעג איהם! — האָט ניקאָליי אויסגערופען.

— מיך? וועגען וואָס?

— וועגען דעם פּלאַן צו העלפען זיי אַנטלויפען פון טורמע...

— אַ־ה! — האָט זיך אָפּגערופען דער בעל הבית, אָפּווישענדיג די וואָנצעס מיט זיינע שווארצע פינגער.

— זי גלויבט ניט, יאקאָוו איוואַנאָוויטש, אַז דאָס איז אַזוי איינפאַך.

— הם... זי גלויבט ניט? זי גלויבט ניט, הייסט עס, אַז זי וויל ניט. און איך מיט דיר ווילען, גלויבען מיר דערפאַר! — האָט רוהיג געענטפערט דער בעל הבית, און נאָכדעם האָט ער פּלוצלונג זיך פאַנאַנדערגעהוסט. ער איז געשטאַנען א לענגערע צייט אין מיטען און האָט מיט אויסגעשטאַרטשעטע אויגען געקוקט אויף דער מוטער.

— ניט איך דאַרף דאָך דאָס ענטשיידען! — האָט די מוטער בעמערקט.

— אָבער דו רייד זיך דורך מיט זיי. זאָג זיי, אַז אַלעס איז שוין פאַרטיג! אַך, ווען איך וואָלט זיך עס געקענט זעהן מיט איהם... איך וואָלט שוין געוויירקט אויף זיי!

ער האָט ברייט פאַנאַנדערגעפיהרט מיט די הענד, האָט זיי צוזאַמענגעדריקט, פונקט ווי ער וואָלט פעסט ארומנעהמען וועמען עס איז.

— דאָס דאַרפען פּאַווליושאַ און די חברים בעשליסען! — האָט זיך די מוטער אָפּגערופען.

ניקאָליי האָט נאָכדענקליך אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ.

— ווער איז דאָס פּאַווליושאַ? — האָט דער בעל הבית, אַניעדערזעצענדיג זיך געפרעגט.

— מיין זוהן.

— ווי איז זיין פאַמיליע?

— וולאַסאָוו.

ער האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, האָט ארויסגענומען זיין ביי־טעלע מיט טאַבאַק, האָט אָנגעשטאָפּט די ליולקע און האָט לאַנגזאַם געזאָגט:

— איך האָב געהערט פון איהם. מיין פּלימעניק קען איהם. ער איז אויך אין טורמע, מיין פּלימעניק — יעווטשענקאָ. איהר האָט געהערט פון איהם? און מיין פאַמיליע איז גאָדון... אָט וועט מען אין גיכען אַלע יונגע לייט אַריינזעצען אין טורמע, וועלען מיר עס אַלטע לייט לעבען א טאָג! דער

זשאנדארמסקער זאָגט מיר צו, אַז ער וועט מיין פּלימעניק אין סיביר פֿער־שיקען... ער וועט איהם פערשיקען, דער הונד.

פערוויכערענדיג, האָט ער זיך געווענדעט צו ניקאָליַיען, אָפּט שפּייענ־דיג אויפ׳ן פּאָדלאָגע.

— הייסט עס, וויל זי ניט? נו, דאָס איז איהר זאַך. א מענש איז פריי צו טהאָן וואָס ער וויל. ביזטו מיעד פון געהן — זיץ, ביזט מיעד פון זיצען — געה. האָט מען דיך בערויבט — שוויַיג, שלאָגט מען דיר — לייד, דער׳הרג׳עט מען דיר — ליעג... דאָס איז שוין פון אַלע מאָל אָן בעוואוסט... אָבער איך וועל מיין סאַווקען פון דאָרטען אַרויסשלעפּען. איהר וועט זעהן.

זיינע קורצע פראַזען האָבען ביי דער מוטער אַרויסגערופען אַן ערשטוי־נונג און זיינע לעצטע ווערטער האָבען זאָגאָר אַרויסגערופען אַ קנאה.

געהענדיג איבער׳ן גאַס אַנטקעגען דעם קאַלטען ווינד און רעגען, האָט זי די גאַנצע צייט געטראַכט וועגען ניקאָליַיען.

— אָט, וואָס פאַר אַ העלד ער איז געוואָרען!

און דערמאָהנענדיג זיך אָן גאָדונאָוו׳ען, האָט זי געטראַכט:

— ווי עס זעהט אויס, בין איך ניט די איינציגע, וועלכע לעבט איבער אַ צווייטען לעבען!...

און גלייך נאָך דעם איז אין איהר הארצען אויסגעוואַקסען אַ געדאַנק וועגען זוהן:

— ווען ער וואָלט עס צוגעשטימט...

22.

זונטאָג, געזעגענענדיג זיך מיט פּאַוולען אין קאַנצעלאַריע פון טורמע, האָט זי דערפיהלט אין איהר האַנד אַ קליינעם פּאַפּיערענעם קייַלכעלע. זי האָט אַ ציטער געטהאָן, פּונקט ווי ער וואָלט איהר אַ ברען געטהאָן די הויט פון האַנד. זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם זוהן׳ס פּנים און האָט געזוכט צו געפינען אַן ענטפער אין זיינע אויגען, אָבער זי האָט עס ניט געפונען. פּאַוועל׳ס העל־בלויע אויגען האָבען געשמייכעלט מיט דעם געוועהנליכען, רוהיגען און פעסטען שמייכעל.

— זיי געזונד! — האָט זי געזאָגט אָפּזיפצענדיג.

דער זוהן האָט איהר נאָך אַ מאָל אויסגעשטרעקט די האַנד און עטוואָס מילדעס און גוטעס האָט אַ ציטער געטהאָן אויף זיין געזיכט.

— זיי געזונד, מאַמע!

זי האָט געוואַרט, ניט אַרויסלאָזענדיג זיין האַנד.

— זיי ניט אונרוהיג... האָב קיין פּאַראיבעל ניט! — האָט ער געזאָגט.

דיעזע ווערטער און דער פּער׳עקשנ׳טער קנייטש אויף זיין שטערען האָבען שוין איהר געענטפערט.

— נו, פּטור! — האָט זי געמורמעלט, אַראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ. — וואָס איז דאָרט אַזוינס...

און זי איז אויף שנעל אַרויס, ניט אַ קוק טהוענדיג אויף איהם, אום דורך די טרעהרען אין איהרע אויגען און דורך דעם ציטער פון די ליפּען ניט אַרויסצוגעבען איהר געפיהל.

אונטערוועגס האָט זיך איהר געדוכט, אַז די ביינער פון האַנד, אין וועלכער זי האָט פעסט געהאַלטען צוזאַמענגעדריקט דעם זוהן׳ס ענטפער, נאָגען איהר און די גאַנצע האַנד איז איהר געלעהמט, פּונקט ווי פון אַ קלאַפּ איבער׳ן פּלייצע. קומענדיג אַהיים, האָט זי אַריינגערוקט דעם צעטעלע ניקאָלייען אין האַנד און איז געבליעבען שטעהן לעבען איהם, ערוואַרטענדיג ווען ער וועט פאַנאַנדערוויקלען דאָס פּאַפּיערעל. זי האָט פּלוצלונג ווידער דערפיהלט אַ ציטער פון האָפנונג אין האַרצען. אָבער ניקאָליי האָט געזאָגט:

— נאַטירליך! אָט וואָס ער שרייבט: — חברים, מיר וועלען ניט ענטלויפען, מיר קענען דאָס ניט טהאָן, קיינער פון אונז. מיר וואָלטען פערליערען די אַכטונג צו זיך. גיט בעסער אַ טראַכט וועגען דעם פּויער, וועלכען מען האָט ניט לאַנג אַרעסטירט. ער האָט פערדיענט, אַז מען זאָל זיך וועגען איהם זאָרגען. ער איז ווערטה, אַז מען זאָל פאַר איהם אַוועק־לעגען מיה. איהם איז דאָ צו שווער. יעדען טאָג האָט ער צוזאַמענשטויסע מיט דער נאַטשאַלסטוואָ. ער איז שוין געזעסען אַ מעת־לעת אין קאַרצער. מען וועט איהם פערמאַטערען צום טויט. מיר אַלע בעטען פאַר איהם. טרייסט מיין מאַמען און זייט איהר מקרב. דערצעהלט איהר; זי וועט אַלעס בעגרייפען. פּאַוועל.

די מוטער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זי האָט מיט אַ שטילען, ציטערענדען קול געזאָגט:

— נו... וואָס איז דאָ פאַראַן מיר צו דערצעהלען? איך פערשטעה!

ניקאָליי האָט זיך שנעל אָפּגעקעהרט אָן אַ זייט, האָט אַרויסגענומען אַ טיכעל, האָט זיך אויסגעהוסט און האָט אַ מורמעל געטהאָן:

— איך האָב זיך צוגעקיהלט, פערשטעהט איהר מיך...

נאָכדעם האָט ער פערדעקט די אויגען מיט די הענד, אום צו פערריכטען די ברילען און אַרומגעהענדיג איבער׳ן צימער, האָט ער געזאָגט:

— מיר וואָלטען סיי ווי סיי קיין גענוג צייט ניט געהאַט...

— עס מאַכט ניט! זאָל מען זיי נאָר שוין וואָס גיכער משפּט'ן! — האָט די מוטער געזאָגט און איהר האַרץ האָט זיך אָנגעגאָסען מיט אַ פייכטען, נעבעלדיגען אומעט.

— אָט האָב איך בעקומען אַ בריעף פון אַ חבר פון פעטערבורג...

— ער וועט דאָך אויך פון סיביר קענען אַנטלויפען... ניט אַזוי?

— געוויס!... דער חבר שרייבט, אַז דער משפּט וועט אין גיכען פאָר־קומען. דער אורטהייל איז שוין בעוואוסט — מען וועט אַלעמען פער־שיקען. פערשטעהסט איהר מיך, דיעזע געמיינע זשוליקעס פערוואַנדלען זייער געריכט אין אַן עקעלהאַפטער קאָמעדיע... דער אורטהייל איז שוין פאָראויס בעשטימט אין פעטערבורג, איידער דער משפּט איז פאָרגעקומען...

— זאָל זיין גענוג וועגען דעם, ניקאָליי איוואַנאָוויטש! — האָט די מוטער געזאָגט בעשטימט. — איהר דאַרפט מיר ניט טרייסטען און דאַרפט מיר ניט ערקלעהרען... איך זעה דאָך, אַז ער ליעבט מיר און טראַכט וועגען מיר... ער שרייבט דאָך — טרייסט איהר, זייט פריינדליך צו איהר, יאָ?

איהר האַרץ האָט געשלאָגען שנעל און איהר קאָפּ האָט זיך אַביסעל געדרעהט פון אויפרעגונג.

— אייער זוהן איז אַ זעלטענער מענש! — האָט ניקאָליי הויך אויס־גערופען. — און איך האָב איהם זעהר ליעב און אכטע איהם!

— אָט וואָס: לאָמיר אַקאָרשט בעטראַכטען וועגען ריבינען! — האָט זי פאָרגעלעגט.

איהר האָט זיך געוואָלט שוין גלייך עפּעס טהאָן, געהן ערגעץ־וואו, געהן ביז צו מיעדקייט און נאָכדעם איינשלאָפען אַ צופריעדענע מיט דער ארבייט פון טאָג.

— יאָ... גוט! — האָט ניקאָליי, אַרומגעהענדיג איבער'ן צימער, גע־ענטפערט. — וואָס זשע טהוט מען? ... מען וואָלט בעדאַרפט סאַשענקאַ'ן זעהן...

— זי וועט גלייך קומען.. זי קומט אימער יענעם טאָג, ווען איך זעה פּאַוולען...

ניקאָליי האָט זיך אַניעדערגעזעצט אויפ'ן דיוואַן לעבען דער מוטער, האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ, געביסען די ליפּען, געדרעהט די בערדיל און האָט זיך פערטראַכט אַ ווײַלע. נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגערופען:

— אַ שאָד, וואָס די שוועסטער איז ניטאָ... זי וואָלט זיך געדאַרפט נעהמען צו דער זאַך צו בעפרייען ריבינען...

— עס וואָלט געווען זעהר גוט, ווען מען זאָל דאָס קענען מאַכען יעצט, ווען פּאַוועל איז נאָך דאָרט... איהם וואָלט דאָס פערשאַפט פערגעניגען! — האָט די מוטער געזאָגט.

זיי האָבען געשוויעגען אַ ווײַלע און פּלוצלונג האָט די מוטער שטיל און לאַנגזאַם געזאָגט:

— איך פערשטעה ניט, וואָרום ער וויל ניט... אַזוי לאַנג, ווי מען קען?

ניקאָליי האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט. נאָר פּלוצלונג האָט מען אָנגעקלונגען. זיי האָבען זיך גלייך איבערגעקוקט.

— דאָס איז סאַשאַ... הם! — האָט שטיל אַ זאָג געטהאָן ניקאָליי.

— ווי זאָגט מען איהר אָן? — האָט די מוטער אויך שטיל אַ פרעג געטהאָן.

— יאַ־אַ, פערשטעהט איהר מיך...

— עס איז אַ רחמנות אויף איהר...

דער קלאַנג האָט זיך נאָך אַ מאָל וויעדערהאָלט, אָבער שוין ניט אַזוי הויך, פּונקט ווי דער מענש הינטער'ן טיהר וואָלט זיך אויך פערטראַכט און האָט זיך ניט געקענט בעשליסען. ניקאָליי און די מוטער האָבען זיך אויפגעהויבען און האָבען זיך ביידע געלאָזען געהן, אָבער ביים טיהר פון קיך האָט זיך ניקאָליי אָפּגערוקט אָן אַ זייט, אַ זאָג טהוענדיג:

— בעסער טהוט איהר עס!...

— ער וויל ניט? — האָט פעסט געפרעגט די מיידעל, ווען די מוטער האָט איהר געעפענט די טיהר.

— ניין.

— איך האָב עס פריהער געוואוסט! — האָט סאַשאַ איינפאַך אַרויסגערעדט. אָבער איהר פּנים איז בלאַס געוואָרען. זי האָט אָפּגעשפּיליעט די קנעפּלעך פון מאַנטעל, האָט צוויי פון זיי וויעדער פערשפּיליעט און האָט איהם געוואָלט אויסטהאָן. דאָס איז אָבער איהר ניט געלונגען. דאַן האָט זי געזאָגט:

— דיעזער רעגען און ווינד... עס איז אַזוי עקעלהאַפט! איז ער געזונד?

— יאָ.

— געזונד און פרעהליך... — האָט שטיל געזאָגט סאַשאַ, בעטראַכטענדיג איהר האַנד.

— ער שרייבט, אַז מען זאָל ריבינען בעפרייען! — האָט די מוטער איהר דערצעהלט, ניט קוקענדיג אויף איהר.

— יאָ? מיר דוכט זיך, אַז מיר דאַרפֿען אויסנוצען דיזען פּלאַן! — האָט לאַנגזאַם אַרויסגערעדט די מיידעל.

— איך דענק אויך אַזוי! — האָט ניקאָליי געזאָגט אַריינקומענדיג. — וואָס מאַכט איהר, סאַשאַ?

די מיידעל האָט איהם געגעבען די האַנד און האָט געפֿרעגט:

— אַלזאָ, וואָס איז דער אָפּהאַלט? אַלע זיינען דאָך איינשטימיג, אַז דער פּלאַן איז אַ געלונגענער? איך ווייס, אַז אַלע...

— ווער וועט עס אָבער אָרגאַניזירען? אַלע זיינען דאָך פֿערנומען...

— גיט עס מיר איבער! — האָט סאַשאַ שנעל געזאָגט. — איך האָב צייט.

— גוט, נעהמט זיך צו דעם! אָבער מען דאַרף אָנפֿרעגען ביי אַנדערע.

— גוט... איך וועל אָנפֿרעגען! איך וועל טאַקע גלייך געהן.

און זי האָט ווידער גענומען מיט זיכערע בעוועגונגען פֿון איהרע דינע פֿינגער צושפּיליען די קנעפּלעך פֿון מאַנטעל.

— רוהט זיך אָפּ אַ ביסעל! — האָט איהר די מוטער פֿאָרגעלעגט.

זי האָט שטיל אַ שמייכעל געטהאָן און האָט מיט אַ ווייכער שטימע געענטפֿערט:

— זאָרגט זיך נישט פֿאַר מיר, איך בין ניט מיעד...

זי האָט שווייגענדיג געדריקט זיי די האַנד און איז אַוועק ווידער אַ קאַלטע און אַ שטרענגע.

די מוטער און ניקאָליי זיינען צוגעגאַנגען צום פֿענסטער און האָבען געקוקט ווי די מיידעל איז דורכגעגאַנגען דורכ'ן הויף און איז פֿערשוואונדען הינטער'ן טויער. ניקאָליי האָט שטיל אָנגעפֿאַנגען צו פֿייפֿען, האָט זיך געזעצט צום טיש און האָט עפּעס אָנגעפֿאַנגען צו שרייבען.

— זי וועט זיך נעהמען צו דיזער אַרבייט, וועט איהר ווערען לייכטער אויפ'ן האַרצען, — האָט די מוטער שטיל און נאָכדענקליך געזאָגט.

— יאַ, געוויס... — האָט זיך ניקאָליי אָפּגערופֿען און, אָפּקעהרענדיג זיך צו דער מוטער, האָט ער מיט אַ שמייכעל אויפ'ן גוטען פּנים געפֿרעגט:

— און אייך, נילאָוונאַ, האָט דיזער ביטערער כוס אויסגעמיעדען... איהר האָט ניט געוואוסט פֿון בענקשאַפֿט נאָך אַ געליעבטען מענשען?

— אָה! — האָט זי אויסגערופֿען, אַ מאַך טהוענדיג מיט'ן האַנד. — וואו בענקשאַפֿט?! איך פֿלעג נאָר ציטערען, אַז מען זאָל מיר פֿאַר דעם אָדער יענעם ניט חתונה מאַכען.

— און קיינער איז אייך גאָר ניט געפֿעלען געוועזען?

זי האָט אַ טראַכט געטהאָן און האָט געענטפערט:

— איך געדענק ניט, טהייערער מיינער... וואָס הייסט, ניט געפעלען?... וואהרשיינליך איז מיר אוימיצער געפעלען געווען... אָבער איך געדענק ניט!

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און האָט איינמאָל, מיט אַ רוהיגען אומעט פערענדיגט:

— מיין מאַן האָט מיר פיעל געשלאָגען, און אַלץ, וואָס עס איז געווען ביז איהם, האָט זיך עפּעס אַזוי ווי אָפּגעמעקט פון מיין הארצען...

ער האָט זיך אָפּגעקעהרט צום טיש און זי איז אויף אַ מינוט ארויס פון צימער און ווען זי האָט זיך צוריקגעקעהרט, האָט ניקאָליי, קוקענדיג אויף איהר מיט אַ מילדען בליק, אָנגעפאַנגען:

— איך, זעהט איהר, האָב אויך געהאַט די זעלבע געשיכטע, וואָס כּאשא! איך האָב געליעבט אַ מיידעל — אַ זעלטענער מענש איז זי... איך האָב איהר געטראָפען, ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָהר צוואַנציג, און פון דאַן אָן ליעב איך איהר... דעם אמת זאָגענדיג ליעב איך איהר נאָך יעצט אויך! איך ליעב איהר נאָך אַלץ מיט'ן גאַנצען הארצען...

שטעהענדיג לעבען איהם, האָט די מוטער בעמערקט, ווי זיינע אויגען לייכטען מיט אַ ווארימען און קלאָהרען ליכט. ער האָט אָנגעלעהנט זיינע הענד אָן שטוהל און האָט געקוקט ערגעץ אין דער ווייטקייט און עס האָט אויסגעזעהן, ווי זיין גאַנצער דארער און דינער, אָבער פעסטער קערפּער שטופּט זיך עפּעס פאָרוועהרטס.

— נו, ווארום זשע האָט איהר ניט חתונה? — האָט די מוטער ערשטוינט אויסגערופען.

— אָה! זי איז שוין פינף יאָהר פערהייראַט...

— און וואָס איז פריהער געווען דער אָפּהאַלט? זי האָט אייך ניט געליעבט?

ער האָט אַ טראַכט געטהאָן און געענטפערט:

— ניין, וואהרשיינליך האָט זי יא געליעבט... איך בין זאָגאַר זיכער אין דעם! אָבער ביי אונז, פערשטעהט איהר מיך, פלעגט עפּעס אַלץ אויסקומען אַזוי — איז זי אין טורמע, בין איך אויף דער פריי; בין איך אין טורמע, איז זי אויף דער פריי. דאָס איז זעהר עהנליך אויף סאשע'ס לאַגע. ענדליך האָט מען איהר פערשיקט אויף צעהן יאָהר אין סיביר, ווייט, שרעקליך ווייט! איך האָב זאָגאַר געוואָלט איהר נאָכפאָהרען... אָבער דער געוויסען האָט איהר ניט געלאָזען און מיר אויך ניט... און איך בין געבליעבען. און זי האָט זיך דאָרט געטראָפען מיט אַן אַנדערען, מיט מיינעם אַ חבר —

זעהר א וואוילען מענשען! זיינען זיי ביידע נאָכדעם צוזאַמען אנטלאָפען... און יעצט לעבען זיי אין אויסלאַנד...

ניקאָליי האָט געענדיגט ריידען, האָט אויסגעטהאָן די ברילען, האָט זיי אויסגעווישט, האָט פאַר'ן ליכט בעטראַכט די גלעזער און האָט זיך ווידער גענומען אויסווישען זיי.

— עך, טייערינקער מיינער! — האָט די מוטער, צושאַקלענדיג ליעב־ליך מיט'ן קאָפּ, אויסגערופען. זי האָט געפיהלט אַ מיטלייד צו איהם און אין דער זעלבער צייט האָט איהר עפּעס געמאַכט שמייכלען מיט אַ וואַרימען, מוטערליכען שמייכעל. ער האָט אומגעביטען זיין פּאָזע, האָט ווידער גענו־מען די פען אין האַנד און האָט אָנגעפאַנגען ווייטער צו ריידען:

— דאָס פאַמיליען־לעבען שוואַכט אימער אָפּ די ענערגיע פון אַ רעוואָ־לוציאָנער! קינדער, די ניט זיכערקייט, די נויטווענדיגקייט צו האַרעווען פיעל פאַר'ן שטיקעל ברויט.... און אַ רעוואָלוציאָנער דאַרף אימער ענטוויק־לען זיין ענערגיע אַלץ טיעפער און ברייטער. דאָס פאָדערט יעצט די צייט — מיר דאַרפען אימער געהן פאָראויס פון אַלעמען, ווייל מיר זיינען די טהוער, וועלכע זיינען בערופען פון דער געשיכטע צו צערשטערען די אַלטע וועלט און בעשאַפען אַ נייעם לעבען. ווען מיר שטעהען אָבער אָפּ, צו דער־פאַר ווייל מיר ווערען מיעד אָדער דערפאַר, וואָס מיר לאָזען זיך פערפיהרען פון דעם קליינטשיקען פערגעניגען, וועלכער שמייכעלט אונז אַנטקעגען, דאַן איז זעהר שלעכט, דאָס איז כמעט ווי אַ פערראַטה צו דער זאַכע. מיר דאַר־פען קיינמאָל ניט פערגעסען, אַז אונזער אויפגאַבע איז ניט צו קריגען קלע־נערע עראָבערונגען, נאָר דער פאָלשטענדיגער זיעג דאַרף אונז בעפרידיגען.

זיין שטימע איז געוואָרען פעסט, דער פּנים איז בלאַס געוואָרען און אין די אויגען האָט זיך אָנגעצונדען די געוועהנליכע איינגעהאַלטענע און גלייכמעסיגע קראַפט. ווידער האָט מען הויך אָנגעקלונגען. עס איז אַריינ־געקומען ליודמילאַ אין אַ לייכטען ניט נאָך דער צייט נאָך מאַנטעל. איהרע באַקען זיינען געווען רויט פון קעלט. אויסטהוענדיג די קאַלאָשען, האָט זי מיט אַ פער'כעס'טער שטימע געזאָגט:

— מען האָט שוין בעשטימט דעם טאָג פון משפט.... אין אַ וואָך אַרום!

— טאַקע? — האָט ניקאָלאַי אויסגעשריען פון צווייטען צימער.

די מוטער איז שנעל צוגעגאַנגען צו איהם, ניט קענענדיג זיך אַליין אָפּ־געבען אַ חשבון, וואָס זי פיהלט, אַ שרעק אָדער אַ פרייד. ליודמילאַ איז אויך געגאַנגען מיט איהר און האָט מיט איהר נידריגער שטימע דערצעהלט איראָניש:

— יא! דער געהילף פון פראָקוראָר שאָסטאַק האָט יעצט אָבגעפיהרט די בעשולדיגונגס אקטען. אין געריכט רעדט מען גאַנץ אָפען, אַז דער אור־טייל איז שוין פאַרטיג. אָבער וואָס איז דאָ אַזוינס? די רעגירונג האָט מורא, אַז איהרע טשינאָווניקעס וועלען זיין מילד צו איהרע שונאים. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי האַלט אַזוי לאַנג אין איין פערדאַרבען איהרע משרתים, איז זי נאָך אַלץ ניט זיכער אויב אַלע פון זיי זיינען בעריט צו זיין ריכ־טיגע לומפען?...

ליודמילא האָט זיך צוגעזעצט אויפ׳ן דיוואַן, רייבענדיג מיט די הענד איהרע דאַרע באַקען. אין איהרע מאַטאָווע אויגען האָט געברענט אַ פּעראַכ־טונג און איהר שטימע האָט זיך אַלץ מעהר אָנגעגאָסען מיט צאָרן.

— איהר פערלירט אומזיסט פולווער, ליודמילא! — האָט ניקאָלאַי, בערוהיגענדיג איהר, געזאָגט. — זיי הערען דאָך אייך ניט.

די שוואַרצע רינגען אונטער איהרע אויגען האָבען אַ ציטער געטהאָן און האָבען בעדעקט דעם פּנים איהרען מיט אַ שאָטען.

ניקאָלאַי האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר דורך די ברילען און האָט פערזשמורעט די אויגען, אַ שאָקעל טהוענדיג מיט׳ן קאָפּ. און זי האָט ווייטער גערעדט, פונקט ווי די, וועמען זי האָט געהאַסט, וואָלטען שטעהן פאַר איהרע אויגען. די מוטער האָט זיך צוגעהערט צו איהרע רייד, אָבער זי האָט גאָר ניט פערשטאַנען. זי האָט די גאַנצע צייט ניט ווילענדיג געהאַלטען אין איין ווידערהאָלען אַלץ איינע און די זעלבע ווערטער:

— משפּט.... אין אַ וואָך אַרום דער משפּט...

זי האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, וואָס עס וועט זיין, ווי אַזוי די ריכטער וועלען זיך בעגעהן מיט פּאַוועלען. אָבער זי האָט פּלוצלונג דערפיהלט אַז עפּעס אונערביטערליכעס, אונמענשליך גרויזאַמעס און שטרענגעס קומט אָן. די געדאַנקען האָבען זיך געמישט ביי איהר אין קאָפּ, האָבען פערצויגען איהרע אויגען מיט אַ גראָהען נעבעל און האָבען אַרויסגערופען אין איהר קערפּער אַ קעלט. דיעזע עמפּפינדונג איז געוואַקסען, האָט זיך איינגעזויגען אין איהר בלוט, האָט פערכאַפּט איהר האַרצען און האָט איהר שווער גע־דריקט, און האָט פערגיפטעט דאָרט גאָר דאָס גוטע און לעבעדיגע.

אין דיעזען וואָלקען פון צווייפעל און נידערשלאָגענהייט און אונטער דעם דרוק פון די אומעדיגע ערוואַרטונגען האָט זי שוויינענד איבערגעלעבט איין טאָג און נאָך איינעם, און אויפ׳ן דריטען טאָג איז געקומען סאַשא און האָט געזאָגט ניקאָלאַיען:

— אַלעס איז פאַרטיג! היינט איינס דעם זייגער....

— שוין פארטיג? — האָט ער מיט פערוואונדערונג געפרעגט.

— וואָס זשע דען? איך האָב נאָר געדארפט קריגען א פּלאַץ און קליידער פאר ריבינען, דאָס איבעריגע האָט גאָדון אויף זיך גענומען... ריבין וועט דארפען דורכגעהן נאָר איין קווארטאל. אויפ׳ן גאַס וועט איהם בעגע־גענען וויעסאָוושטשיקאָוו, א פערגרימירטער, פערשטעהט זיך. ער וועט ארויפווארפען אויף איהם א מאַנטעל, וועט איהם געבען א היטעל און וועט איהם צייגען די וועג.... איך וועל איהם ערווארטען, וועל איהם איבערטהאָן און וועל איהם אוועקפיהרען.

— ניט קיין שלעכטער פּלאַן! אָבער ווער איז דיעזער גאָדון? — האָט ניקאָלאַי געפרעגט.

— איהר האָט איהם געזעהן. אין זיין קווארטיר פלעגט איהר געבען אייערע פאָרלעזונגען פאר די שלאָסערס.

— אה! יא, איך געדענק.... דיעזער אלטער לץ...

— ער איז א געוועזענער סאָלדאט, א שינדלער... א ווענינ ענטוויקעל־טער מענש, אָבער מיט אן אונערשעפּליכען האס צו יעדע ווילקער און צו די אלע מאכטהאָבער, אביסעל א פילאָזאָף — האָט סאשא געזאָגט נאָכדענקליך, קוקענדיג אין פענסטער. די מוטער האָט זיך שווייגענד צוגעהערט צו איהרע רייד און עפּעס אן אונקלאָרער געפיהל האָט לאנגזאם גענומען רייף ווערען אין איהר הארצען.

— גאָדון וויל בעפרייען זיין פּלימעניק, דעם שמיעד יעווטשענקאָ. איהר געדענקט איהם? ער איז געוועזן אזא פראַנט, ער איז אייך דאמאָלס שטארק געפעלען געוועזן.

ניקאָלאַי האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— ער האָט אלעס גוט צוגעגרייט, — האָט סאשא ווייטער פאָרטגע־זעצט. אָבער איך הויב אָן צו צווייפלען אין דעם ערפאָלג... שפּאצירען געהן זיי צוזאמען. איך דענק, אז ווען די ארעסטירטע וועלען דערזעהן א לייטער, וועלען פיעלע וועלען אנטלויפען...

זי האָט צוגעמאכט די אויגען און געשוויגען א רגע. די מוטער האָט זיך נעהענטער צוגערוקט צו איהר.

— און זיי וועלען איינע די אנדערע שטערען...

זיי זיינען אלע דריי געשטאַנען לעבען פענסטער, די מוטער — הינטער זיי ביידען. זייער שנעלער געשפּרעך האָט אַלץ מעהר און מעהר געוועקט אין איהר הארצען אן אונקלאָהרען געפיהל...

— איך וועל געהן אהין! — האָט זי פּלוצלונג געזאָגט.

— צוליעב וואָס? — האָט סאַשאַ געפרעגט.

— געהט ניט, ליעבע נילאָווגאַ! איהר קענט נאָך לייכט אריינפאַלען. מען דאַרף ניט! — האָט איהר ניקאָלאַי געראַטהען.

די מוטער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און זי האָט שטילער, אָבער מיט מעהר פעסטקייט אין קול וויעדערהאָלט:

— ניין, איך וועל געהן...

זיי האָבען זיך שנעל איבערגעקוקט און סאַשאַ האָט, קוועטשענדיג מיט די פּלייצעס געזאָגט:

— דאָס איז גאַנץ פערשטענדליך....

זי האָט זיך אָבגעקעהרט צו דער מוטער, האָט איהר אָנגענומען אונ־טער'ן אָרים און האָט מיט אַן איינפאַכען און הארציגען קול געזאָגט:

— איך וועל אייך דאָך זאָגען, אַז איהר ווארט אומזיסט...

— נעהמט מיר מיט.... איך וועל אייך ניט שטערען! — האָט די מו־טער אויסגערופען און זי האָט מיט איהר ציטערענדער האנד צוגעטוליעט די מיידעל צו זיך. — איך מוז געהן. עס גלויבט זיך מיר ניט, אַז מען קען ענט־לויפען!...

— זי געהט אַלזאָ! — האָט די מיידעל איינפאַך געזאָגט.

— דאָס איז אייער זאַך! — האָט ניקאָלאַי געענטפערט, איינבויגענ־דיג דעם קאָפּ.

— מיר טאָרען ניט זיין צוזאַמען. איהר געהט צום פעלד, צו די גערט־נער... פון דאָרטען זעהט זיך די טורמע וואַנד... אָבער וואָס וועט זיין, אַז מען וועט אייך פרעגען, וואָס טהוט איהר דאָרט?

— איך וועל שוין געפינען וואָס צו זאָגען!...

פערגעסט ניט, אַז אייך קענען די טורמע וועכטער! — האָט סאַשאַ געזאָגט. — און אויב זיי וועלען אייך דאָרט דערזעהן....

— זיי וועלען ניט דערזעהן! — האָט די מוטער אויסגערופען.

אין איהר הארצען האָט שמערצהאַפט העל אויפגעפלאַמט די האָפנונג, וועלכע האָט זיך די גאַנצע צייט געטליעט און האָט איהר בעלעבט...

— און אפשר וועט ער... אויך... — האָט זי געטראַכט אָנטהוענדיג זיך.

אין אַ שעה ארום איז די מוטער געווען אויפ'ן פעלד הינטער'ן טורמע. אַ שאַרפער ווינד האָט געשוועבט אַרום איהר, האָט פאַנאַנדערגעבלאָזען איהרע קליידער, האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן דער פערפראָהרענער ערד, האָט פאַנאַנדערגעטרייסעלט דעם אַלטען פּלאַנקען פון גאָרטען, לעבען וועלכען זי איז פערבייגעגאַנגען, און האָט זיך מיט איין שוואונג אָפגעקלאַפּט אָן דער

נים הויכער וואנד פון טורמע. ער האָט זיך אריבערגעוואָרפען איבער'ן וואנד, האָט אויפגעכאַפּט דעם געשריי פון הויף, האָט עס צוואוואָרפען אין דער לופטען און האָט עס אוועקגעטראָגען צום הימעל. דאָרט זיינען שנעל געלאָפען די וואָלקענס עפענענדיג קליינע דורכבליקע אין דער בלויער הויכ־קייט.

הינטער דער מוטער איז געווען א גאָרטען, פאַראויס א בית עולם און רעכטס א צעהן פוס פון איהר די טורמע. לעבען בית עולם האָט א סאָלדאַט געטריעבען א פערד און א צווייטער איז געשטאַנען לעבען איהם, האָט געטופּעט מיט'ן פוס אָן דער ערד, האָט געשריען, געפייפט און געלאַכט... מעהר איז קיינער לעבען טורמע ניט געווען.

אונטערוואַרפענדיג זיך דעם אונערקלעהרליכען אינסטינקט, האָט די מוטער גענומען געהן גלייך צו די סאָלדאַטען און צוגעהענדיג צו זיי נאָהענט האָט זי הויך א פרעג געטהאָן:

— סאָלדאַטען! האָט איהר דאָ ניט געזעהן דורכגעהן ערגעץ א ציעג?

איינער פון זיי האָט געענטפערט:

— ניין, מיר האָבען ניט געזעהן...

זי האָט זיך לאַנגזאַם געלאָזען ווייטער געהן לעבען זיי צום פּלאָנקען פון בית עולם, וואַרפענדיג אַלע ווײַלע א פער'גנב'עטען בליק אויף לינקס און אהינטער. און פּלוצלונג האָט זי דערפיהלט, אז איהרע פיס האָבען א ציטער געטהאָן, זיינען שווער געוואָרען, פונקט ווי זיי וואָלטען צוגעפּראָהרען ווערען צו דער ערד — פון הינטער'ן ווינקעל פון טורמע איז אויף שנעל, ווי עס געהען אימער די לאָמפּען־אָנצינדער, אַרויסגעגאַנגען אַן איינגע־בויגענער מענש מיט א קליינעם לייטער אויפ'ן פּלייצע. די מוטער האָט דערשראָקען א פינטעל געטהאָן מיט די אויגען, האָט א קוק געטהאָן אויף די סאָלדאַטען — זיי האָבען זיך געשטויסען אויף איין אָרט און דער פערד איז אַרומגעלאָפען אַרום זיי. זי האָט א קוק געטהאָן אויף דעם מענשען מיט'ן לייטער — ער האָט איהם שוין צוגעשטעלט צום וואנד און ער איז געקראָכען, ניט אײַלענדיג זיך... ער האָט א מאַך געטהאָן אין הויף מיט'ן האַנד, האָט זיך שנעל אַראָפּגעלאָזען פון לייטער און איז פערשוואונדען הינטער'ן ווינקעל. דער מוטער'ס האַרץ האָט געשלאָגען שנעל, די סעקונדען האָבען זיך לאַנגזאַם געצויגען... אויף דער דונקעלער וואנד פון טורמע האָט מען קוים געקענט בעמערקען די שטאַפּלען פון לייטער... און פּלוצלונג האָט זיך בעוויעזען מיכיילאָ'ס שוואַרצער קאָפּ. עס איז אויסגעוואַקסען זיין גאַנצער קערפּער, האָט זיך אריבערגעוואָרפען איבער'ן וואנד און איז שנעל

אראָפּגעקראָכען... עס האָט זיך בעוויזען נאָך אַ קאָפּ אין אַ האָריגער היטעל, אויף דער ערד האָט זיך אראָפּגעלאָזען אַ שוואַרצער קאָם און איז פערשוואונדען הינטער'ן ווינקעל... מיכיילאָ האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט זיך ארומגעקוקט, האָט אַ טרייסעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ...

— לויף, לויף שנעלער! — האָט די מוטער טאָפּענדיג מיט'ן פוס געשעפּטשעט.

עס האָט איהר געזרוישט אין די אויערען, עס האָבען זיך דערטראָגען הויכע געשרייען — אָט האָט זיך איבער'ן וואַנד בעוויזען אַ דריטע קאָפּ... די מוטער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענד פאַר'ן הארצען, האָט געקוקט און געוואַרט מיט אַ פערשטיקטען אָטהעם... אַ בלאָנדע קאָפּ אָהן אַ באָרד האָט זיך געריסען אין דער הויך, פונקט ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אָפּרייסען און פּלוצלונג איז זי פערשוואונדען הינטער'ן וואַנד. מען האָט אַלץ העכער און העכער געשריען, דער ווינד האָט פאַנאַנדערגעטראָגען איבער דער לופט די טרעלען פון די פייפלעך... מיכיילאָ איז פאַרבייגעגאַנגען די וואַנד פון טורמע, אָט האָט ער שוין געלאָזען הינטער זיך די טורמע און ער איז געגאַנגען איבער דעם אָפענעם פּלאַץ, וועלכער האָט געפיהרט פון טורמע צו די הייזער פון שטאָדט. איהר האָט זיך געדוכט, אז ער געהט צו לאַנגזאַם, און אומזיסט האַלט ער דעם קאָפּ אויפגעהויבען — יעדער איינער, וואָס וועט נאָר איינמאָל אַ קוק טהאָן אויף זיין פּנים, וועט איהם אימער געדענקען... און זי האָט אָנגעפאַנגען צו שעפּטשען:

— שנעלער... שנעלער...

הינטער'ן וואַנד פון טורמע האָט עפּעס טרוקען אַ קלאַפּ געטהאָן... עס האָט זיך געהערט אַ דינער קלאַנג פון צובראָכענעם גלאָז. איין סאָלדאַט האָט געצויגען צו זיך דעם פערד, דער צווייטער האָט צולעגענדיג דעם פויסט צום מויל, עפּעס געשריען אין דער ריכטונג צום טורמע און אויסשרייענדיג האָט ער אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ אהין, צושטעלענדיג דעם אויער.

די מוטער האָט זיך אָנגעשטרענגט און האָט געקוקט אויף אַלע זייטען. איהרע אויגען האָבען אַלעס געזעהן און האָבען ניט געגלויבט. עפּעס שוין צו איינפאַך און געשווינד האָט פּאַסירט דאָס, וואָס זי האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר שרעקליך און שווער, און דיעזע געשווינדקייט האָט איהר צורטומעלט און האָט איינגעשלעפערט דעם בעוואוסטזיין. אויפ'ן גאַס האָט מען שוין ריבינען ניט געזעהן, עס איז געגאַנגען עפּעס אַ הויכער מאַן אין אַ לאַנגען מאַנטעל און אַ מיידעלע איז געלאָפען... פון הינטער'ן טורמע זיינען אַרויסגעלאָפען דריי וועכטער. זיי זיינען געלאָפען אַלע דריי איינע

הארט לעבען די אנדערע און אלע האבען זיי אויסגעשטרעקט די רעכטע האנד פאראויס. איינער פון די סאלדאטען האט זיך געלאזט לויפען זיי אנטקעגען, דער צווייטער איז ארומגעלאפען ארום פערד, האט זיך אליז געוואלט ארויפכאפען אויף איהם, אבער דער פערד האט זיך ניט געלאזען, איז געשפרונגען, און אלעס ארום האט אויך מיטגעשפרונגען מיט איהם. א פייפעריי האט געהילכט אין דער לופטען. זייערע אונרוהיגע קולות האבען ערוועקט אין דער מוטער דעם בעוואוסטזיין פון דער געפאהר. זי האט א ציטער געטהאן און איז אוועק צום פלאנקען פון בית עולם, ניט אראפלאזענדיג די אויגען פון די וועכטער, אבער יענע צוזאמען מיט די סאלדאטען זיינען פערלאפען הינטער דעם צווייטען עק טורמע און זיינען פערשוואונדען. גלייך נאך זיי האט זיך אויך געלאזט לויפען דער געהילף פון טורמע נאטשאלניק, וועמען זי האט געקאנט... פון ערגעץ וואו זיינען אנגעלאפען פאליציי און עס זיינען זיך צוזאמענגעלאפען זייטיגע מענשען.

דער ווינד האט זיך געדרעהט און געשליידערט, פונקט ווי ער וואלט זיך עפעס געפרעהט און ער האט צוגעטראגען צו דער מוטער׳ס אויער אבגעריסענע קולות:

— ער שטעהט דא די גאנצע צייט!

— דער לייטער?

— טו ווארום זשע, דער טייוועל זאל אייך נעהמען...

און ווידער א פייפעריי...

דיעזע מישענינע האט איהר געפרעהט און זי האט אנגעפאנגען צו שפרייזען שנעלער, טראכטענדיג:

— הייסט עס: מען קען... אויך ער וואלט געקענט!

אנטקעגען פון הינטער א ווינקעל פון פארקען איז ארויסגעשפרונגען א פאליציי־אויפזעהער מיט צוויי פאליציי־לייט.

— שטעה! — האט דער אויפזעהער אויסגעשריען, שווער אטהעמענדיג — א מענשען... מיט א בארד — האסטו ניט געזעהן? איז ער דא ניט פערבייגעלאפען?

זי האט אנגעצייגט מיט׳ן האנד אויף די גערטנער און האט רוהיג געענטפערט:

— ער איז אוועק אהין...

— יעגאראוו! לויף... פייף! — האט דער אויפזעהער אויסגעשריען.

— שוין לאנג?

— אזוי א מינוטען...

נאָר איהר שטימע איז פערהילכט געוואָרען פון דער פייפעריי און דער אויפזעהער, ניט דערוואַרטענדיג זיך אויף איהר ענטפער, האָט זיך געלאָזען לויפען איבער די בערגלעך פערפראָרענע בלאָטע, מאַכענדיג מיט די הענד אין דער ריכטונג פון די גערטנער. נאָך איהם האָבען זיך געלאָזען לויפען אויך די פּאָליציי־לייט...

זי האָט זיי דורכגעלאָזען מיט א שאָקעל פון קאָפּ און איז אוועק אַהיים. איהר האָט עפּעס פערדראָסען. עס האָט זיך איהר וועגען קיין זאַך ניט געטראַכט, נאָר אויפ'ן הארצען איז איהר סתם אזוי געלעגען אַ שווערקייט, א ביטערניש און א פערדרוס. ווען זי איז אריין פון פעלד אין שטאָדט, האָט איהר דעם וועג איבערגעשניטען א פוהרמאַן. ווען זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט זי דערזעהן א יונגען מאַן מיט בלאָנדע וואָנצעס און מיט א בלאַסען אויסגעמאָטערטען פּנים. ער האָט אויך א קוק געטהאָן אויף איהר. געזעסען איז ער קרום און דערפאַר מסתמא האָט זיין רעכטע פּלייצע אויסגעקוקט העכער פון דער לינקער.

ניקאָליי האָט איהר בעגעגענט מיט פרייד.

— איהר לעבט! נו, וואָס הערט זיך?

— עס שיינט, אז עס האָט זיך איינגעגעבען...

סטאַרענדיג זיך אויפצושטעלען אין איהר געדעכטניס אַלע קליינינ־קייטען, האָט זי אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען וועגען דעם ענטלויפען און זי האָט גערעדט אזוי, פּונקט ווי זי וואָלט איבערגעגעבען אימיצענס אַן ער־צעהלונג, צווייפלענדיג אין דער ריכטיגקייט פון דער ערצעהלונג.

— איהר זעהט: אונז געהט! — האָט ניקאָליי געזאָגט, רייבענדיג די הענד. — אז איהר וואָלט וויסען, ווי איך האָב זיך געשראָקען פאַר אייך! דער טייוועל ווייס ווי! איהר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגען, נילאָווגאַ, נעהמט מיין עצה: שרעקט זיך ניט פאַר'ן משפט! וואָס שנעלער דער משפט וועט זיין, אַלץ גיכער וועט פּאַוועל בעפרייט ווערען. איהר מאָגט זיין זיכער! פּיעלייכט וועט ער נאָך פון וועג ענטלויפען... און דער משפט איז אונגעפעהר אַזאַ מין שפּיצעל...

ער האָט איהר אָנגעפאַנגען צו שילדערען דאָס בילד פון געריכט־זיצונג. זי האָט געהאָרכט און האָט פערשטאַנען, אז ער האָט פאַר עפּעס מורא און וויל איהר צוגעבען מוטה.

— אפשר דענקט איהר, אז איך וועל דאָרטען עפּעס זאָגען די ריכ־טער? — האָט זי פּלוצלונג געפרעגט. — איך וועל ביי זיי וואָס בעטען?

ער איז אויפגעשפּרונגען און מיט בעליידיגונג אויסגעשריען:

— וואָס רעדט איהר?! איהר בעליידיגט מיך...

— איך האָב מורא, דאָס איז טאַקע אמת! פאַר וואָס איך שרעק זיך, ווייס איך אַליין ניט!... אַ מאָל דאַכט זיך מיר, אַז זיי וועלען אָנפאַנגען צו בעליידינען פּאַוולען, איזדזשעקעווען זיך איבער איהם... אַך, דו פויער, וועלען זיי זאָגען, דו פויערשער זוהן! וואָס האָסטו דאָ אָנגעסטראָיעט? און פּאַוולושאַ איז דאָך אַ שטאָלצער... וועט ער זיי אַזוי ענטפערען... אָדער אַנדריי וועט זיך אויסלאַכען פון זיי. און זיי אַלע דאָרט זיינען דאָך אַזעלכע היציגע, עהרליכע... דערפאַר טראַכט איך זיך — עס זאָל עפּעס פּלוצלונג ניט פּאַסירען וואָס... איינער וועט זיך ניט איינהאַלטען, די איבעריגע וועלען צושטעהן... און מען וועט זיי פער'משפּט'ען, אַז מען וועט זיי שוין קיינמאָל ניט קענען זעהן!

ניקאָליי האָט געשוויעגען, צופּענדיג זיין בערדעל.

— דיעזע מחשבות געהען מיר פון קאָפּ ניט ארויס, — האָט די מוטער שטיל געזאָגט. — שרעקליך איז דער משפּט! זיי וועלען אָנפאַנגען צו וועגען און צו מעסטען ווער עס איז גערעכט. דאָס איז שרעקליך! ניט די שטראָף איז שרעקליך, נאָר דער משפּט... איך קען עס אייך ניט איבער־געבען...

זי האָט געפיהלט, אַז ניקאָליי בעגרייפט ניט איהר שרעק, און דאָס האָט נאָך שווערער געמאַכט איהר וואונש צו דערצעהלען איהם וועגען איהר שרעק.

## 24.

דיעזע מורא איז ווי אַ שימעל געוואַקסען אין איהר הארצען די גאַנצע דריי טעג און ווען עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון משפּט, האָט זי אַוועק־געטראָגען מיט זיך אין געריכטס־זאַאל אַ שווערען לאַסט, וועלכער האָט אויסגעבויגען איהר רוקען און האַלז.

אויפ'ן גאַס האָבען איהר בעגריסט בעקאַנטע פון פאָרשטאָדט. זי האָט זיך שווייגענד געניי‍גט און האָט זיך איילענדיג דורכגעשטופּט צווישען דעם פערזאַמעלטען עולם.

אין די קאָרידאָרען פון געריכטס־זאַל האָבען איהר אויך בעגעגענט קרובים פון די אָנגעקלאָגטע און זיי האָבען עפּעס אויך גערעדט מיט אראָב־געפאַלענע שטימען. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז די ווערטער זיינען איבע־ריג און זי האָט זיי ניט פערשטאַנען. אַלע זיינען געווען עפּעס אַזוי פערפינס־טערט און פערטרויערט און דאָס האָט נאָך מעהר געדריקט איהר הארץ.

— זעץ זיך לעבען מיר! — האָט סיזאָוו געזאָגט, און ער האָט זיך א רוק געטהאָן אויפ'ן באַנק.

זי האָט זיך געהאָרכזאַם אַנידערגעזעצט, האָט צורעכט געמאַכט איהר קלייד און האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך... פאַר איהרע אויגען האָבען געשווימען עפּעס גרינע און העל־רויטע פּאַסען, פלעקען און עס האָבען געגלאַנצט דינע, געלע פעדימלעך...

— דיין זוהן האָט אונגליקליך געמאַכט אונזער גרישא'ן! — האָט זיך אָבגערופען א פרוי, וועלכע איז געזעסען נאָהענט פון איהר.

— שווייג שוין, נאַטאַליא! — האָט סיזאָוו שטרענג געענטפערט.

די מוטער האָט א קוק געטהאָן אויף דער פרוי, דאָס איז געווען סאַמאָי־לאָווא, לעבען איהר איז געזעסען איהר מאַן, א חשוב'ער מאַן מיט א גרויסער, געלער באָרד. זיין פּנים איז געווען א ביינינער, ער האָט פערזשמורעט די אויגען און האָט געקוקט פאָראויס און זיין באָרד האָט געציטערט.

דורך די הויכע פענסטער האָט זיך דער זאַאַל אנגעגאָסען מיט א מאַטאָ־ווען ליכט, דרויסען האָט זיך אויף די שויבען געגליטשט א שנעע. צווישען די פענסטער איז געהאָנגען א גרויסער בילד פון קיסר אין א דיקער, בליש־טשענדיגער גאָלדענער ראַהם. פאַר'ן בילד האָט זיך געצויגען כמעט אין דער גאַנצער ברייט פון זאַאַל א טיש, וועלכער איז געווען בעדעקט מיט א גרינעם טישטוך, רעכטס לעבען וואַנד הינטער א גראַטע זיינען געשטאַנען צוויי הילצערנע ביינק, לינקס — צוויי ציילען שטוהלען.

איבער'ן זאַאַל זיינען אַרומגעלאָפען אַהין און צוריק בעאַמטע מיט גרינע קאָלנערס און גאָלדענע קנעפּלעך אויפ'ן בויך און אויפ'ן האַרצען. אין דער מוטנער לופט האָט אַרומגעבלאָנדזשעט א שטילער שעפּטשען און עס האָט זיך געהערט עפּעס א גערוך פון אן אַפּטייק. דאָס אַלץ — די קאָלירען, קלאַנגען און דער גערוך — האָט זיך צוזאַמען מיט'ן אָטהעם אַריינגעשפּאַרט אין האַרצען, האָט אַרויסגעשטופּט פון דאָרט יעדען לעבהאַפטען געפיהל און האָט אָנגעפילט די לעערע האַרץ מיט אַן אונבעוועגליכער, טרויעריגער מורא.

פּלוצלינג האָט איינער פון די מענשען הויך עפּעס א זאַג געטהאָן. די מוטער האָט א ציטער געטהאָן, אַלע האָבען זיך אויפגעשטעלט, זי האָט זיך אויך אויפגעהויבען, אָנכאַפּענדיג זיך אָן סיזאָוו'ס האַנד.

פון לינקען עק פון זאַאַל האָט זיך געעפענט א הויכע טהיר און פון דאָרט איז אַריינגעקומען אַן אַלטיטשקער אין ברילען. אויף זיין גראָהען פּנים'ל האָבען געציטערט די דינע, ווייסע באַקענבאַרדען, זיין ראַזירטע אויבערשטע ליפּ איז געווען איינגעפאַלען און די קינבאַקען האָבען זיך אָנגע־

שפּארט אָן קראַגען פון יוניפאָרם אַזוי, אַז עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט גאָר קיין האַלז ניט געהאַט. איהם האָט אונטערגעהאַלטען אונטערן אָרעם אַ הויכער יונגער מאַן מיט אַ רויטען און קיילעכדיגען פּאַרצעלייענעם פּנים, און הינטער זיי זיינען לאַנגזאַם נאָכגעגאַנגען נאָך דריי מענשען אין מונדירען אויסגענעהט מיט גאָלד און דריי ציוויל געקליידעטע.

זיי האָבען זיך אַ לאַנגע צייט ארומגעדרעהט ארום טיש, אויסזעצענדיג זיך אויף די שטוהלען און ווען זיי האָבען זיך שוין אַוועקגעזעצט האָט איינער פון זיי אין אַן אָבגעשפּילעטען מונדיר מיט אַ פּוילען, ראַזירטען פּנים אָנגע־הויבען עפּעס צו ריידען צום אַלטיטשקען. דער אַלטיטשקער האָט געהאָרכט, זיצענדיג עפּעס אַזוי זאַנדערבאַר גלייך און אונבעוועגליך. הינטער זיינע ברילען האָט די מוטער געזעהן צוויי קליינע, קאָלירלאָזע פלעקען.

ביים ברעג טיש איז געשטאַנען אַ הויכער מאַן מיט אַ פּליכעוואַטען קאָפּ, ער האָט אָפט צוגעהוסט און האָט געבלעטערט די פּאַפּיערען.

דער אַלטיטשקער האָט זיך אַ קעהר געטהאָן פאָרווערטס און האָט עפּעס אַ זאָג געטהאָן. דאָס ערשטע וואָרט האָט ער ארויסגערעדט דייטליך אָבער די ווייטערדיגע ווערטער זיינען עפּעס אַזוי ווי צוקראָכען איבער זיינע דינע און גראָהע ליפּען.

— איך ערעפען.....

— זעה! — האָט סיזאָוו אַ מורמעל געטהאָן, שטיל אַ שטופּ טהוענדיג די מוטער און ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

אין וואַנד הינטער די גראַטעס האָט זיך געעפענט אַ טהיר, עס איז אריינגעקומען אַ סאָלדאַט מיט אַ בלויזען שווערד אויפ׳ן פּלייצע, נאָך איהם זיינען אריינגעקומען פּאַוועל, אַנדרעי, פעדיאַ מאַזין, די ביידע גוסיעווס, סאַמאָילאָוו בוקין, סאַמאָוו און נאָך אַ מאַן פינף יונגע לייט, וועמעס נעמען די מוטער האָט ניט געוואוסט. פּאַוועל האָט מילד געשמייכעלט, אַנדרעי אויך און ער האָט געשאָקעלט צו איהר מיט׳ן קאָפּ; אין זאַאַל איז עפּעס געוואָרען ליכטיגער און איינפאַכער פון זייערע שמייכלען, לעבהאַפטע געזיכטער און פון דער בעוועגונג, וועלכע זיי האָבען אריינגעטראָגען אין דעם אָנגעצויגע־נעם, געשפּאַנטען שווייגען. דער פעטער גלאַנץ פון די גאָלד אויף די מונדירען איז געוואָרען טריבער און ווייכער. אַ הויך פון מונטערער זיכערקייט און לעבענדיגער קראַפט האָט בעריהרט די מוטער׳ס האַרץ. אויף די ביינק הינטער איהר, וואו די מענשען האָבען ביז דאַן מיט אַ געדריקטער שטימונג געוואַרט, האָט זיך אויך דערהערט אַ שטילער מורמלען:

— זיי שרעקען זיך ניט! — האָט זי דערהערט סיזאָוו'ס קול, און פון רעכטס האָט סאַמאָילאָוו'ס מוטער שטיל אַ כליפּע געטהאָן.

— שטילער! — האָט זיך דערהערט אַ שטרענגער אויסגעשריי.

— איך זאָג אייך פאַראויס... — האָט דער אַלטיטשקער געזאָגט.

פּאַוועל און אַנדרעי האָבען זיך אַנידערגעזעצט איינע לעבען די אַנדערע, צוזאַמען מיט זיי האָבען זיך אויף'ן ערשטען באַנק אַנידערגעזעצט מאַזין, סאַמאָילאָוו און די גוסיעווס. אַנדרעי האָט אָבגעראַזירט די באָרד, די וואָנצעס זיינען ביי איהם אָבגעוואַקסען און זיינען אַראָבגעהאַנגען אויף אַרונטער, צוגעבענדיג זיין קיילעכדיגען קאָפּ די עהנליכקייט צו דעם קאָפּ פון אַ קאַץ. זיין פּנים האָט זיך פערענדערט, עפּעס איז ער שאַרפער און בייסענדער געוואָרען און די אויגען זיינען דונקעלער געוואָרען. אויף מאַזין'ס אויבערשטער ליפּ האָבען זיך געזעהן צוויי שוואַרצליכע שטרייפען, זיין געזיכט איז פולער געוואָרען. סאַמאָילאָוו האָט אויסגעקוקט ווי פריהער און אויך איוואַן גוסיעוו האָט נאָך אַלץ ברייט געשמייכעלט.

— אַך, פעדיא, פעדיא! — האָט סיזאָוו געשעפּטשעט און האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ.

די מוטער האָט בעמערקט, אַז איהר אָטהעמט זיך פרייער. זי האָט זיך צוגעהערט צו די ניט דייטליכע פראַגען פון דעם אַלטיטשקען פּרעזיצענדען — ער האָט זיי געפרעגט, ניט אָנקוקענדיג די אָנגעקלאָגטע און זיין קאָפּ איז געלעגען אונבעוועגליך אויף'ן קראַגען פון מונדיר. דאַן האָט זי געהערט דעם זוהן'ס רוהיגע, קורצע אַנטוואָרטען. איהר האָט זיך געדוכט, אַז דער עלטערער ריכטער און זיינע חברים קענען ניט זיין קיין שלעכטע און גרויזאַמע מענשען. אויפמערקזאַם בעטראַכטענדיג די פּנים'ער פון די ריכטער, האָט זי זיך געסטאַרעט עפּעס צו טרעפען און זי האָט זיך געשפּאַנט צוגעהאָרכט צו דעם וואוקס פון אַ נייער האָפנונג אין איהר הארצען.

דער פּאַרצעלייענער מענש האָט זיך גלייכגילטיג געלעזען אַ פּאַפּיער, זיין רוהיגע שטימע האָט אָנגעפילט דעם זאַאַל מיט אַ לאַנגווייליגקייט, וועלכע האָט בענאָמען אַלע מענשען אַרום און זיי זיינען געזעסען אונבעוועגליך ווי פערגליווערט. די פיער אַדוואָקאַטען האָבען שטיל אָבער לעבהאַפטיג געשמועסט מיט די אָנגעקלאָגטע, זיי אַלע האָבען זיך בעוועגט שטאַרק, שנעל און זיי האָבען עפּעס דערמאָנט אָן גרויסע שוואַרצע פויגלען.

ביי איין זייט פון פּאַרזיצענדען האָט אַ דיקער, אָנגעבלאָזענער ריכטער אָנגעפילט מיט זיין קערפּער אַ שטוהל, ביי דער אַנדער זייט — אַן איינגעבויגענער מיט געלבליכע וואָנציעס אויף זיין בלאַסען פּנים. ער האָט מיעד

אָבגעלעהנט דעם קאָפּ אָן שטוהל, האָט האַלב צוגעמאַכט די אויגען און האָט וועגען עפּעס געטראַכט.

ביים פּראָקוראָר איז דער פּנים אויף געווען אַ פּערמאַטערטער, אַ לאַנג־וויילינגער און גאָרנישט ערוואַרטענדער. הינטער די ריכטער זיינען געזעסען דער שטאָדט־גאָלאָווא, אַ סאָלידער, דיקער מאַן, און האָט פערטראַכט געגלעט די באַק; דער מאַרשאַלעק, אַ גראָהער מאַן מיט אַ רויטען פּנים, אַ גראָהער באָרד און גרויסע, גוטע אויגען; דער דאָרף־סטאַרשינאַ, אַ מאַן מיט אַ גרויסען בויך אין אַ פּעלץ.

— דאָ זיינען ניטאָ קיין פערברעכער, ניטאָ קיין ריכטער — האָט זיך דערהערט פּאַוועל׳ס פעסטער קול. — דאָ זיינען נאָר פאַראַן בעזיעגטע און זיעגער....

עס איז שטיל געוואָרען. עטליכע רגע׳ס האָט די מוטער נאָר געהערט אַ דינעם שנעלען סקריפּען פון פעדער איבער׳ן פּאַפּיער און דאָס קלאַפּען פון איהר הארצען.

דער פּאָרזיצענדער האָט זיך אויך צו עפּעס צוגעהאָרכט און האָט גע־וואַרט. זיינע חברים האָבען זיך אויך אַ ריהר געטהאָן. דאַן האָט ער געזאָגט:

— מ—יאַ... אַנדרעי נאַבאָדקאַ!... אַנערקענט איהר זיך פאַר שולדיג?...

אימיצער האָט אַ שעפּטשע געטהאָן:

— שטעה אויף... שטעה אויף!...

אַנדרעי האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען, האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט אַ צופּ געטהאָן זיינע וואָנצעס און האָט בייז אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן פּאָר־זיצענדען.

— אין וואָס קען איך זיך דען אַנערקענען פאַר שולדיג? — האָט דער קליין־רוס מיט זיין זינגענדינגער שטימע ווי אימער געענטפערט. — איך האָב קיינעם ניט ערמאָרדעט און קיינעם ניט בע׳גנב׳עט; איך שטים פּשוט ניט איין מיט אַזאַ מין אָרדנונג אין לעבען, וואו מענשען זיינען געצוואונגען צו ראַבעווען און ערמאָרדען איינע די אַנדערע...

— ענטפערט קירצער: יאָ אָדער ניט... — האָט דער פּאָרזיצענדער מיט אָנשטרענגונג אָבער דייטליך געזאָגט.

אויף די בענק הינטער זיך האָט די מוטער דערפיהלט אַ לעבהאַפטיג־קייט. די מענשען האָבען שטיל געשמועסט וועגען עפּעס און האָבען זיך בעוועגט, פּונקט ווי זיי וואָלטען זיך בעפרייען פון דעם שפּינוועבס פון דעם פאַרצעלייגנעם מענשען׳ס גרויע ווערטער.

— הערסט, ווי זיי ריידען? — האָט סיזאָוו אַ שושקע געטהאָן.

— יאָ...

— פיאָדר מאַזין, ענטפּערט...

— איך וויל ניט! — האָט דייטליך געענטפערט פיאָדאָר, אויפשפּרינגענדיג פון אָרט. זיין פּנים האָט זיך בעגאָסען מיט אַ רויטקייט פון אויפרעגונג, די אויגען האָבען אויפגעלויכטען, די הענד האָט ער פעסט בעהאַלטען אויף אַ־הינטער.

— איך האָב זיך ענטזאָגט פון אַ פערטהיידיגער... איך וויל אייך גאָר נישט ניט ענטפערען... אייער געריכט האַלט איך פאַר אַן אונגעזעצליכען!.. ווער זיינט איהר? דאָס פאָלק האָט אייך דען געגעבען דאָס רעכט צו משפּט׳ן? ניין, ער האָט אייך ניט געגעבען! איך קען אייך ניט!

ער האָט זיך אַניעדערגעזעצט און האָט בעהאַלטען זיין אויפגעפלאַמטען פּנים הינטער אַנדרעי׳ס פּלייצע.

דער דיקער ריכטער האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ צום פּאַרזיצענדען און האָט איהם עפּעס איינגעשושקעט אין אויער. דער ריכטער מיט׳ן בלייכען פּנים האָט אויפגעהויבען זיינע ברעמען, האָט געוואָרפען אַ קרומען בליק אויף די אַנגעקלאָגטע, האָט אויסגעצויגען די האַנד אויפ׳ן טיש און האָט מיט׳ן בלייפעדער עפּעס אויפגעשריעבען אויפ׳ן פּאַפּיער. דער דאָרפס־סטאַרשינאַ האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און האָט פּאָרזיכטיג איבערגעשטעלט זיינע פיס. דער פּאַרזיצענדער האָט ניט בעוועגענדיג דעם קאָפּ אָבגעקעהרט זיין קערפּער צום געלען ריכטער, האָט איהם עפּעס אַ זאָג געטהאָן. יענער האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ און האָט איהם אויסגעהערט. דער מאַרשאַלאָק האָט געשמועסט מיט׳ן פּראָקוראָר, דער שטאָדט־גאָלאָווא האָט זיך צוגעהערט און געשמייכעלט. וויעדער האָט זיך דערהערט די טריעבע רעדע פון דעם עלטערען ריכטער.

די אַדוואָקאַטען האָבען אַלע פיער אויפמערקזאַם זיך צוגעהאָרכט, די אַנגעקלאָגטע האָבען זיך געשושקעט, פיאָדאָר האָט געשמייכעלט און האָט אַלץ בעהאַלטען זיין פּנים.

— אָט ווי ער האָט עס זיי אָפּגעשניטען! פּשוט בעסער פון אַלעמען! — האָט סיזאָוו אַ שושקע געטהאָן אויפ׳ן אויער דער מוטער. — אַך, דו אינגעל!...

די מוטער האָט פערוואונדערט געשמייכעלט. אַלעס, וואָס עס איז פאָרגעקומען פון אָנפאַנג, האָט איהר אויסגעקוקט ווי אַן איבעריגע לאַנגווייליגע הקדמה צו עטוואָס שרעקליכעס, וואָס וועט מיט אַ מאָל אָנקומען

און וועט פלוצלונג אלעמען אנפילען מיט א קאלטען שוידער. אבער פא־וועל'ס און אנדרעי'ס רוהיגע ווערטער האבען געקלונגען אזוי פורכטלאז און פעסט פונקט ווי זיי וואלטען עס גערעדט אין דער קליינער הייזעל פון פארשטאדט און ניט פאר דער געריכטס־זיצונג. פעדיא'ס היציגע און יוגענדליכע ארויסטרעטונג האט איהר אויסגעזעהן קאמיש. א פרישע און מונטערע שטימונג האט זיך פערשפרייט אין זאאל און די מוטער האט, לויט די בעוועגונגען פון די מענשען הינטער זיך, געפיהלט, אז ניט בלויז אויף איהר ווירקט דיזע שטימונג.

— וואס איז אייער מיינונג? — האט א פרעג געטהאן דער אל־טעטשקער.

דער פליכעוואטער פראקוראר האט זיך אויפגעשטעלט און, אנהאל־טענדיג זיך מיט איין האנד אן טיש, האט ער אנגעפאנגען שנעל צו ריידען, ברענגענדיג דערביי ציפערן. אין זיין שטים האט זיך ניט געהערט קיין שום שרעקליכעס.

אבער אין דער זעלבער צייט האט א טרוקענער, שטעכעדיגער שמערץ בעריהרט די מוטער'ס הארץ און האט ארויסגערופען אין איהר אן אונ־רוהיגקייט. זי האט געקוקט אויף די ריכטער און זי האט זיי אלעמען ניט געקענט בעגרייפען. זיי זיינען ניט בייז געווארען אויף פאוועלן און אויף פעדיא'ן, ווי זי האט ערווארטעט. זיי האבען זיי ניט בעליידיגט מיט ווער־טער, אבער אלץ וועגען וואס זיי האבען געפרעגט, האט איהר אויסגעזעהן פאר איבעריג. עפעס פרעגען זיי אלץ אהן חשק, הערען קוים אויס די אנטווארטען, ווייסען אלץ פאראויס און אינטערעסירען זיך מיט קיין זאך ניט:

אט שטעהט פאר זיי א זשאנדאר און רעדט מיט א באס־שטימע:

— אויף פאוועל וולאסאוו'ען האבען אלע געזאגט, אז ער איז דער אנפיהרער...

— און אויף נאכאדקע'ן? — האט שטיל און פויל געפרעגט דער דיקער ריכטער.

— אויף איהם אויך...

איינער פון די אדוואקאטען האט זיך אויפגעשטעלט און א פרעג געטהאן:

— קען איך?...

דער אלטיטשקער פרעגט אימיצען:

— איהר האט גאר נישט דאגעגען?

אַלע ריכטער האָבען אויסגעקוקט דער מוטער אַלס קראַנקע מענשען. עפּעס אַ קרענקליכע מיעדקייט איז געלעגען אויף זייערע פּנים'ער. אין זייערע שטימען, אין זייערע פּאָזעס — אַ גרויע לאַנגווייליגקייט האָט גע־וועהט פון זיי אַלעמען. עס איז קענטיג געווען, אַז אַלעס איז געווען פאַר זיי שווער און ניט אַנגענעהם — די מונדירען, דער זאַאַל, די זשאַנדאַרען, די אַדוואָקאַטען, זייער פליכט צו זיצען, צו פרעגען און צו האָרכען. זי האָט בכלל זעהר ווענינ געזעהן אויף איהר לעבען פּריצים, שוין אַ לאַנגע צייט ווי זי האָט זיי כמעט גאָר ניט געזעהן, און יעצט האָט זי בעטראַכט די פּנים'ער פון די ריכטער, ווי עטוואָס גאַנץ נייעס, וועלכעס האָט אין איהר ערוועקט גיכער אַ מיטלייד, איידער אַ שרעק.

יעצט שטעהט פאַר זיי דער בעקאַנטער אָפיציער מיט'ן געלען פּנים. ער ציהט זיינע רייד מיט אַזאַ ברייטקייט און ער דערצעהלט הויך וועגען פּאַוולען, וועגען אַנדרייען... די מוטער האָט, זיך צוהאָרכענדיג, ניט ווילענדיג געטראַכט:

— זעהר ווענינ ווייסטו, מיין פריינד...

און זי האָט געקוקט אויף די מענשען הינטער די גראַטעס שוין אָהן זאָרג און אָהן מיטלייד אויף זיי. — זיי האָבען ניט ערוועקט קיין זאָרג און קיין מיטלייד; זיי אַלע גלייך האָבען ביי איהר אַרויסגערופען בעוואונ־דערונג און ליעבע. די בעוואונדערונג איז געווען אַ רוהיגע און די ליעבע אַ פרעהליכע און אַ קלאָרע. יונג און פעסט זיינען זיי אַלע געזעסען אָן אַ זייט לעבען וואַנד און האָבען זיך כמעט ניט אַריינגעמישט אין דעם מאָנאָ־טאָנעם געשפּרעך פון די עדות און די ריכטער, אין די האַמפּערייען צווישען די אַדוואָקאַטען און דעם פּראָקוראָר. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אימי־צער פון זיי מיט פעראַכטונג פאַנאַנדערלאַכען, פלעגט עפּעס אַ זאָג טהאָן צו די חברים און איבער זייערע געזיכטער פלעגט אויך דורכלויפען אַ שמייכעל פון פעראַכטונג. אַנדרעי און פּאַוועל האָבען כמעט די גאַנצע צייט שטיל געשמועסט מיט איינעם פון די פערטהיידיגער — די מוטער האָט איהם מיט אַ טאָג פריהער געזעהן ביי ניקאָלייען און ניקאָליי האָט איהם גערופען חבר. צו זייער געשפּרעך האָט זיך צוגעהערט מאַזין, וועלכער איז געווען לעבעדיגער און ריהרעוודיגער ווי אַלע. סאַמאָילאָוו פלעגט צייט־טענווייז עפּעס אַ זאָג טהאָן איוואַן גוסיעוו'ען און די מוטער האָט געזעהן, אַז איוואַן שטופּט אָפּ זיין חבר מיט'ן עלענבויגען און האַלט זיך קוים איין פון געלעכטער, זיין פּנים ווערט רויט, די באַקען בלאָזען זיך אָן און ער בויגט איין דעם קאָפּ. אַ צוויי מאָל האָט ער שוין אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכ־

טער און נאָכדעם איז ער עטליכע מינוטען געזעסען אַן אַנגעבלאָזענער, סטאַ־רענדיג זיך צו זיין מעהר סאָליד. נילאָוונא האָט געקוקט, האָט פערגליכען, האָט נאָכגעטראַכט און האָט ניט געקענט אָנכאַפּען און אויסדריקען אין ווערטער דעם אונרוהיגען געפיהל פון פיינדזעליגקייט.

סיזאָוו האָט איהר ליכט אַנגעריהרט אַן עלענבויגען. זי האָט זיך אָפּגעקעהרט צו איהם — זיין פּנים איז געווען אַ צופרידענער און אַ ביסעל אַ פערזאָרגטער. ער האָט אַ שושקע געטהאָן.

— זעה נאָר ווי זיי האָבען זיך פערפעסטיגט, האַ? ווי אמת'ע באַ־ראָנען, האַ? נו, מען וועט זיי שוין פעראורטהיילען!... געגען געוואַלד קען מען גאָר נישט מאַכען!...

די מוטער האָט געהאָרכט און האָט ניט ווילענדיג פאַר זיך איבערגע־חזר'ט:

— יאַ, מען וועט זיי פעראורטהיילען...

— איך ערקלעהר... — האָט דייטליך אויסגערופען דער אַלטיטשקער און דערשטיקענדיג מיט זיינע דינע ליפּען די וויכטיגע ווערטער, האָט ער זיך אויפגעשטעלט.

אין זאַאַל האָבען גערעדט די עדות שנעל מיט פאַרבלאָזע שטימען, די ריכטער — אָהן חשק און אָהן אינטערעס. דער גראָבער ריכטער האָט געגענעצט, צודעקענדיג מיט זיין דיקער האַנד דעם מויל, דער ריכטער מיט די געלע וואָנצעס איז נאָך מעהר בלאַסער געוואָרען, פון צייט צו צייט פלעגט ער אויפהויבען די האַנד, פלעגט פעסט דריקען דעם ביין פון שלייף און האָט בלינד געקוקט מיט זיינע פאַנאַנדערגעעפענטע אויגען אַרויף. דער פּראָ־קוראָר פלעגט פון צייט צו צייט אַ פיהר טהאָן מיט'ן בלייפעדער איבער'ן פּאַפּיער און פלעגט ווייטער פאָרטזעצען זיין שטילען געשפּרעך מיט'ן מאַר־שאַלעק און יענער פלעגט, גלעטענדיג זיין גרויע באָרד, אויסשטאַרטשען זיינע גרויסע שעהנע אויגען און פלעגט שמייכלען. דער שטאָדט־גאָלאָוואַ איז געזעסען פערלעגט אַ פוס אויף אַ פוס, האָט זיך רווישלאָז געקלאַפּט מיט די פינגער אָן קניע און האָט אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט די בעוועגונגען פון די פינגער. נאָר דער דאָרפס־סטאַרשינאַ איז געזעסען דעם קאָפּ אַראָפּ־געבויגען און אונטערהאַלטענדיג זיין בויך מיט די הענד און עס האָט זיך געדוכט, אַז נאָר ער אַליין האָרכט זיך צו צו דעם מאָנאָטאָנעם זשומען פון די שטימען. אויך דער אַלטיטשקער איז געזעסען אויפ'ן שטוהל, איינגע־שרומפּט אין זיך, האָט זיך ניט בעוועגט פון אָרט, ווי אַ וועטער־פּאָהן אין

א ווינדלאָזען טאָג. אזוי האָט זיך עס געצויגען א לאַנגע צייט און ווידער איז אָנגעפאַלען א לאַנגווייליגקייט אויף אַלע מענשען.

די מוטער האָט געפיהלט, אז אין דיזען גרויסען זאַאַל איז נאָך אַלץ ניטאָ יענע קאַלטע, גרויזאַמע גערעכטיגקייט, וועלכע ציהט שטרענג ארונטער די קליידער פון דער נשמה, בעטראַכט איהר און זעהענדיג אַלץ, שעצט זי אַלץ אָפּ מיט איהרע ניט אונטערגעקויפטע אויגען, וועגט אַלץ אָפּ מיט איהר עהרליכער האַנד און עס איז קיין זאַך ניטאָ אויף דער וועלט, וואָס זאָל איהר אָפּשרעקען. בלוטלאָזע פּנים'ער, פערלאָשענע אויגען, מיעדע שטימען, א טריבע גלייכגילטיגקייט פון א קאַלטען הערבסט־אָבענד.

א טומעל, זיפצען, שטילע אויסרופען, א הוסט און א קלאַפּען מיט די פיס האָט אָנגעפילט דעם זאַאַל. די אָנגעקלאָגטע האָט מען ארויסגע־פיהרט. ארויסגעהענדיג האָבען זיי שמייכלענדיג זיך גענייגט צו די קרבים און בעקאַנטע און איוואַן גוסיעוו האָט צו אימיצען ניט הויך אויסגעשריען:

— דאגה ניט, יעגאָר!...

די מוטער און סיזאָוו זיינען ארויס אין קאָרידאָר.

— קום, וועסט געהן אין טראַקטיר טהעע טרינקען? — האָט דער אַלטער איהר בעזאָרגט געפרעגט. — מיר האָבען נאָך אָנדערהאַלבען שעה!...

— איך וויל ניט...

— נו, וועל איך אויך ניט געהן... ניין, וואָס פאַר א קינדער זיינען עס, הא? זיי זיצען זיך, פונקט ווי זיי אַליין נאָר זיינען די אמת'ע מענשען און די איבעריגע עקזיסטירען גאָר ניט פאַר זיי! פעדיא, א שטייגער, הא?

צו זיי איז צוגעקומען סאַמאָילאָוו'ס פאָטער, האַלטענדיג די היטעל אין האַנד. ער האָט געשמייכעלט און געזאָגט:

— וואָס זאָגט איהר אויף מיין גריגאָרי'ן? פון א פערטהיידיגער האָט ער זיך ענטזאָגט און ער וויל גאָר ניט ריידען... דאָס האָט ער דער ערשטער אויסגעטראַכט. דיינער, הייסט עס, פעלאַגעא, איז געשטאַנען פאַר אַדוואָ־קאַטען... און מיינער זאָגט — איך וויל ניט! און דאַן האָבען זיך נאָך פיער ענטזאָגט...

לעבען איהם איז געשטאַנען זיין פרוי. פינטלענדיג אָפט מיט די אויגען, האָט זי געווישט דעם נאָז מיט'ן ברעג טיכעל. סאַמאָילאָוו האָט אריינ־גענומען די באָרד אין האַנד און האָט ווייטער פאָרטגעזעצט, קוקענדיג אויפ'ן פּאָדלאָגע.

— דו פערשטעהסט דעם שפּיעל? אָט קוקסטו, דאַכט זיך, אויף זיי דאַכט זיך דיר, אַז אומזיסט האָבען זיי דאָס אַלעס אָנגעפאַנגען... אומזיסט

זיינען זיי זיך מוסר נפש... און פלוצלונג גיסטו א טראכט, אפשר זיינען זיי טאקע גערעכט?... דו דערמאהנסט זיך, אז אויפ'ן פאבריק האלט אלץ אין וואקסען זייער צאהל, מען האלט זיי אין כאפען און זיי אזוי ווי קאראסיען אין טייך ווערען גאר ניט ווענינער! טראכסטו זיך ווידער — און אפשר זיינען זיי טאקע א מאכט?

— פאר אונז איז שווער צו פערשטעהן דיעזען ענין, סטעפאן פעט־ראוו! — האט סיזאוו געזאגט.

— יא... שווער! — האט סאמאילאוו צוגעשטימט.

זיין ווייב האט א שטארקען אטהעם געטהאן מיט'ן נאז און האט בעמערקט:

— געזונד זיינען זיי אלע, דיעזע שדים...

און ניט איינהאלטענדיג דעם שמייכעל אויף איהר ברייטען, דארען פנים, האט זי פארטגעזעצט:

— האב קיין פאראיבעל ניט אויף מיר, נילאוונא... איך האב דיר פריהער א שטאך געטהאן, אז דיין זוהן איז כלומרשט שולדיג.... דער טייוועל וויים זיי, ווער עס איז מעהר שילדיג, דעם אמת זאגענדיג! דו האסט געהערט, וואס די זשאנדארען און שפיאנען האבען וועגען אונזער גרינגאר'ען דערצעהלט. ער איז אויך ניט געשלאפען... דער געלער טייפעל!

זי האט, ווי עס שיינט, שטאלצירט מיט איהר זוהן, פיעלייכט נים פערשטעהענדיג אליין איהר געפיהל, אבער די מוטער האט פערשטאנען איהר געפיהל און זי האט אויף איהרע ווערטער געענטפערט מיט א גוטען שמייכעל און מיט שטילע ווערטער:

— א יונגע הארץ איז אימער נעהנטער צו דער ווארהייט...

איבער'ן קארידאר זיינען ארומגעגאנגען מענשען. זיי פלעגען זיך צו־זאמענקלייבען אין גרופען און האבען מיט אויפרעגונג און נאכדענקונג שטיל געשמועסט. כמעט קיינער איז ניט געשטאנען אליין, אויף אלעמענס גע־זיכטער איז געלעגען דער וואונש צו ריידען, פרעגען און הארכען.

בוקין'ס עלטערער ברודער, א הויכער און אויך א פארבלאזער מענש, האט שנעל געמאכט מיט די הענד, דרעהענדיג זיך שנעל אויף אלע זייטען, און ער האט אויסגעפיהרט:

— דער דארפס־סטארשינא קלעפענאוו איז דא ניט אויפ'ן ריכטיגען פלאץ...

— שווייג, קאנסטאנטין! — האט זיך געבעטען ביי איהם זיין פאטער,

א קליינער אלטיטשקער, און ער האט זיך דערשראקען ארומגעקוקט אויף אלע זייטען.

— ניין, איך וועל עס זאגען! וועגען איהם געהט ארום א קלאנג, אז ער האט פאריגען יאהר דער׳הרג׳עט זיין פריקאזשטשיק... צוליעב יענעמס ווייב... וואס פאר א ריכטער איז ער, איך בעט אייך? דעם פריקאזשטשיקס ווייב לעבט מיט איהם — ווי דארף מען דאס פערשטעהן? אויסער דעם איז ער איבערהויפט א בעוואוסטער גנב...

— אך, גאטעניו, שווייג, קאנסטאנטין!

— ריכטיג! — האט זיך אפגערופען סאמאילאוו. — **אמת**! דער גערילכט איז טאקע ניט ריכטיג צוזאמענגעשטעלט...

בוקין האט דערהערט זיין שטימע, איז שנעל צוגעקומען, מיטשלע־פענדיג נאך זיך די אלע איבעריגע און מאכענדיג מיט די הענד. א רויטער פון אויפרעגונג האט ער אנגעפאנגען צו שרייען:

— פאר גנבה, פאר גזלה — משפט׳ן געשווארענע ריכטער, פשוט׳ע מענשען... פויערים, קרעמער! און מענשען, וועלכע זיינען געגען דער נאטשאלסטווא, משפט די נאטשאלסטווא אליין... איז דאס א יושר?

— קאנסטאנטין... זיי זיינען רעו... געגען דער נאטשאלסטווא? אך, דו!

— ניין,ווארט אקארשט! אויב דו וועסט מיר בעליידיגען און איך וועל דיר געבען אין די צייהנער און דו וועסט מיר דערפאר משפט׳ן — פערשטעהט זיך, אז איך וועל בלייבען דער שולדיגער. אבער ווער האט וועמען בעליידיגט — איך? דו!

דער וועכטער, א גרויער מיט א הויקערדיגען נאז און מיט מעדאלען אויפ׳ן הארצען, האט פאנאנדערגעשטופט דעם עולם און האט זיך געווענדעט צו בוקינ׳ען, דראהענדיג איהם מיט׳ן פינגער:

— עה, שריי ניט! וואס דענקסטו, דא איז א שיינק?

— ערלויבט נאר, קאוואליער... איך פערשטעה! הערט אוס: אויב איך וועל אייך א קלאפ טהאן און איהר — מיר אדער איך — אייך וועל משפט׳ען, ווי דענקט איהר...

— אט וועל איך דיר הייסען ארויספיהרען פון דאנען! — האט דער וועכטער שטרענג געזאגט.

— וואוהין? ווארום?

— אויפ׳ן גאס. דו זאלסט ניט ליארעמען... .

בוקין האָט אַלעמען בעטראַכט אַרום זיך און האָט ניט הויך אַ זאָג געטהאָן:

— ביי זיי איז די הויפּט־זאַך, אַז מענשען זאָלען שווייגען..

— און ווי האָסטו געדענקט? — האָט דער אַלטער שטרענג און גראָב אַ געשריי געטהאָן. בוקין האָט פאַנאַנדערגעפיהרט מיט די הענד און האָט אָנגעפאַנגען צו ריידען שטילער.

— און ווייטער טאַקע, ווארום לאָזט מען ניט צו צום געריכט דאָס פאָלק, ניט נאָר די קרבים? אויב דו משפּטסט מיט יושר, טו משפּט פאַר אַלעמען אין די אויגען — וואָס איז דאָ פאַראַן מורא צו האָבען?

סאַמאָילאָוו האָט איבערגע'חזר'ט אָבער שוין העכער:

— דער גאַנצער געריכט טויג טאַקע ניט. דאָס איז אמת!...

דער מוטער האָט זיך געוואָלט זאָגען איהם דאָס, וואָס זי האָט געהערט פון ניקאָלייען וועגען דער אונגעזעצליכקייט פון געריכט, אָבער זי האָט עס שלעכט פערשטאַנען און האָט שוין טהיילוויז פערגעסען די ווערטער. סטאַרנדיג זיך צו דערמאָהנען זיי, האָט זי זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט פון די מענשען און זי האָט בעמערקט, אַז עפּעס אַ יונגער מאַן מיט בלאָנדע וואָנצעס קוקט אויף איהר. די רעכטע האַנד האָט ער געהאַלטען אין די הויזען־קעשענע, דערפאַר איז זיין לינקע פּלייצע געווען ניעדריגער און די בעזאָנ־דערקייט פון זיין פיגור איז געווען דער מוטער עפּעס בעקאַנט. אָבער ער האָט זיך אָפּגעקעהרט צו איהר מיט'ן רוקען און זי איז געווען פערנומען מיט עראינערונגען און האָט זיך גלייך פערגעסען אָן איהם.

אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט זי דערהערט אַ שטילע פראַגע:

— דיעזע? פון לינקס...

און אימיצער האָט העכער און מיט פרייד געענטפערט:

— יאָ.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט. דער מענש מיט די קרומע פּלייצעס איז געשטאַנען מיט'ן זייט צו איהר און האָט עפּעס גערעדט צו זיין שכן, אַ יונגען מאַן מיט אַ שוואַרצער באָרד, אין אַ קורצען מאַנטעל און אין שטיוועל איבער די קניע.

ווידער האָט איהר זכרון אונרוהיג אַ ציטער געטהאָן, אָבער האָט קיין בעשטימטעס ניט בעשאַפען. אין איהר הארצען האָט זיך אַלץ מעהר פאַ־נאַנדערגעברענט אַ וואונש צו ריידען וועגען איהר זוהן'ס לעהרע. איהר האָט זיך געוואָלט הערען, וואָס קענען די מענשען אויסזעצען געגען דיעזער

ווארהייט. עס האָט זיך איהר געוואָלט פון זייערע ווערטער טרעפען וועגען דעם פסק פון משפט.

— צי דען משפט מען אַזוי? — האָט זי פאַרזיכטיג און ניט הויך אָנ־געפאַנגען, ווענדענדיג זיך צו סיזאָוו'ען. — איך פערשטעה עפּעס ניט אַזא אָרדנונג... אַט ווילען די ריכטער אַלץ דערגעהן, ווער האָט וואָס געטהאָן. אָבער צוליעב וואָס דאָס איז געטהאָן געוואָרען, פרעגען זיי גאָר ניט. איז דאָס יושר?... און אַלט זיינען אַלע... יונגע דאַרפען יונגע משפט'ען!...

— יאָ, — האָט סיזאָוו בעמערקט. — שווער איז אונז צו פערשטעהן דאָס אַלעס, שווער! — און ער האָט נאָכדענקליך אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

דער וועכטער האָט אויפגעעפענט די טיהר פון זאַאַל און האָט אַ געשריי געטהאָן:

— קרובים... געהט אַריין! ציינט אייערע בילעטען...

אַ פער'כעס'טע שטימע האָט אַ זאָג געטהאָן:

— בילעטען!.. גאָר ווי אין אַ צירק!

אין אַלע מענשען האָט זיך יעצט געפיהלט אַ דומפּע אויפרעגונג. זיי האָבען זיך גענומען האַלטען פרייער, האָבען געטומעלט און געהאַמפּערט זיך מיט די וועכטער.

## 25.

אוועקזעצענדיג זיך אויפ'ן באַנק, האָט סיזאָוו עפּעס געמורמעלט.

— וואָס איז? — האָט די מוטער געפרעגט.

— אַזוי! נאַריש איז דאָס פאָלק... ווייס גאָר נישט, לעבט אין דער פינסטער...

עס האָט אַ קלונג געטהאָן אַ גלעקעל. אימיצער האָט גלייכגילטיג אויסגערופען:

— דער משפט קומט!...

ווידער האָבען זיך אַלע אויפגעשטעלט און ווידער זיינען אין דער זעלבער אָרדנונג אַריינגעקומען די ריכטער און האָבען זיך אויסגעזעצט. מען האָט אַריינגעפיהרט די אָנגעקלאָגטע.

— האַלט זיך! — האָט סיזאָוו איהר אַ שושקע געטהאָן. — דער פּראָ־קוראָר וועט ריידען.

די מוטער האָט אויסגעשטרעקט די האַלז, האָט זיך מיט'ן גאַנצען

קערפּער א בייג געטהאָן פּאָרוועדטס און איז פערגליווערט געוואָרען אין ערוואַרטונג פון דאָס שרעקליכע.

דער פּראָקוראָר איז געשטאַנען מיט'ן זייט צו די ריכטער, דעם קאָפּ אָפּגעקעהרט צו זיי און אָנשפּאַרענדיג זיך אָן צוים מיט'ן עלענבויגען. ער האָט א זיפץ געטהאָן און א מאַך טהוענדיג מיט דער רעכטער האַנד, האָט ער אָנגעפאַנגען זיין רעדע. די ערשטע ווערטער האָט די מוטער פערהערט, דעם פּראָקוראָר'ס שטימע איז געווען א פליסיגע, א געדיכטע, און זי האָט זיך געגאָסען ניט גלייכמעסיג, א מאָל לאַנגזאַם, א מאָל שנעלער. די ווערטער פלעגען זיך אויסציהען אין א לאַנגען צייל און פלעגען פלוצלונג ארויס־פליהען שנעל און פלעגען זיך אָנפאַנגען צו דרעהען ווי א מחנה שווארצע פליגען ארום א שטיקעל צוקער. אָבער זי האָט אין זיי ניט געפונען קיין שום צייכען פון געפאהר, פון דראָהונג. קאַלט ווי שנעע און גרוי ווי אַש האָבען זיי זיך געשאָטען אָנפילענדיג דעם זאַאל מיט עטוואָס עקעלדיגעס, ווי מיט א דינעם, טרוקענעם שטויב. דיעזע רעדע, וועלכע איז געווען אָרים אין געפיהלען און רייך אין ווערטער, האָט, ווי עס שיינט, ניט דערגרייכט פּאַוולען און זיינע חברים. זיי האָבען זיך גאָר ניט געקימערט וועגען איהר. אַלע זיינען זיי געזעסען רוהיג און האָבען ווי פריהער שטיל געשמועסט צווישען זיך, צייטענווייז שמייכלענדיג און א מאָל ווידער מאַכענדיג אַן ערנסטען פּנים, אום צו פערבאָרגען דעם שמייכעל.

— ער זאָגט ליגען! — האָט סיזאָוו שטיל א זאָג געטהאָן.

זי וואָלט עס ניט געקענט זאָגען. זי האָט געהערט דעם פּראָקוראָר'ס ווערטער. זי האָט פערשטאַנען, אַז ער בעשולדיגט אַלעמען, קיינעם ניט אויסלאָזענדיג; ווען ער האָט געענדיגט וועגען פּאַוולען, האָט ער אָנגע־פאַנגען צו ריידען וועגען פיאָדאָר'ן און אַוועקשטעלענדיג איהם לעבען פּאַוו־לען, האָט ער צוגערוקט צו זיי בוקינ'ען — עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער פערנייהט זיי אַלעמען אין איין זאַק און פּאַקט זיי פעסט איין איינע לעבען די אַנדערע. אָבער דער אויסערליכער זינען פון זיין רעדע האָט איהר ניט בעפריעדיגט, ניט געריהרט און ניט געשראָקען. זי האָט דאָך ערוואַרטעט דאָס שרעקליכע און זי האָט עס די גאַנצע צייט געזוכט הינטער דעם פּראָ־קוראָר'ס ווערטער, אויף זיין פּנים, אין זיינע אויגען, און אין זיין שטימע. עטוואָס שרעקליכעס איז יאָ געווען. דאָס האָט זי געפיהלט, אָבער זי האָט עס ניט געקענט בעשטימען.

זי האָט געקוקט אויף די ריכטער — זיי איז אָהן צווייפעל געווען לאַנג־ווייליג צו הערען דיעזע רעדע. זייערע טויטע, געלע און גרויע פּנים'ער

האָבען גאָרנישט אויסגעדריקט. דעם פּראָקוראָר'ס ווערטער האָבען פּאַנאַנ־דערגעגאָסען אין דער לופט אַן אונבעמערקטען פאר'ן אויג נעבעל. דיעזער נעבעל איז אַלץ מעהר געוואקסען און האָט פערהילט די ריכטער מיט אַ וואָלקען פון גלייכגילטיגקייט און מיעדער ערוואַרטונג. דער עלטערער ריכ־טער האָט זיך ניט בעוועגט, ער איז פערטריקענט געוואָרען אין זיין גלייכער פּאָזע און די גרויע פלעקען הינטער די גלעזער פון זיינע ברילען פלעגען פון צייט צו צייט פערשווינדען, צושווימענדיג זיך איבער'ן פּנים.

צוקוקענדיג זיך צו דיעזער טויטער גלייכגילטיגקייט, האָט זיך די מוטער פערוואונדערט געפרעגט:

— אַט אַזוי משפּט'ען זיי דאָס?...

די פראַגע האָט איהר צוזאַמענגעדריקט דאָס הארץ, האָט ארויסגעדריקט פון דאָרט די ערוואַרטונג פון דאָס שרעקליכע און האָט געצופּט איהר האַלז מיט אַ שאַרפען געפיהל פון ערגערנים.

דעם פּראָקוראָר'ס רעדע האָט זיך עפּעס אונערוואַרטעט איבערגעריסען. ער האָט געמאַכט עטליכע קורצע בעוועגונגען אין דער לופט, האָט זיך פער־נייגט פאר די ריכטער און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין פּלאַץ. דער מאַרשאַלאָק האָט אַ שאָקעל געטהאָן צו איהם מיט'ן קאָפּ, אויסשטאַרטשענדיג זיינע אויגען, דער שטאָדט־גאָלאָווא האָט איהם אויסגעשטרעקט די האַנד און דער דאָרפס־סטאַרשינאַ האָט געקוקט אויף זיין בויך און האָט גע־שמייכעלט.

אָבער די ריכטער האָט זיין רעדע, קענטיג, ניט דערפרעהט; זיי האָבען זיך ניט גערירט פון אָרט.

— דאָס וואָרט האָט... — האָט דער אַלטיטשקער אויסגערופען, צו־רוקענדיג צו זיין פּנים עפּעס אַ בויגען פּאַפּיער — דער פערטהיידיגער..... פערדאַסיעוו, מאַרקאָוו און זאַגאַראָוו. דער אַדוואָקאַט, וועלכען די מוטער האָט געזעהן ביי ניקאָלייען, האָט זיך אויפגעהויבען. זיין פּנים איז געווען אַ גוטמוטהיגער, אַ ברייטער, זיינע קליינע אויגלעך האָבען געשטראַהלט מיט אַ שמייכעל — עס האָט זיך געדוכט, אַז פון אונטער די געלבליכע ברעמען סטאַרטשען ארויס צוויי שאַרפע שפּיצען, וועלכע האָבען עפּעס ווי מיט אַ שער צושניטען אין דער לופט. ער האָט אָנגעפאַנגען צו ריידען, ניט געאיילט, הויך און קלאָר, אָבער די מוטער האָט ניט געקענט הערען זיין רעדע — סיזאָוו האָט איהר די גאַנצע צייט געהאַלטען אין איין שושקען אויפ'ן אויער.

— דו האָסט פערשטאַנען, וואָס ער האָט גערעדט? סט'פערשטאַנען? די מענשען, זאָגט ער, זיינען שלעכט, אויפגערעגט, פעררוקט... דאָס מיינט ער פּיאַדאַר'ן?

זי האָט ניט געענטפערט. אין איהר הארצען איז געוואַקסען דאָס געפיהל פון צאָרן און בעליידיגונג. יעצט איז איהר קלאָר געוואָרען ווארום זי האָט ערוואַרטעט גערעכטיגקייט, ווארום זי האָט געגלויבט צו זעהן אַן עהרליכען, שטרענגען קאַמפּף פון דעם זוהן'ס וואַרהייט געגען דער וואַרהייט פון זיינע ריכטער. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז די ריכטער וועלען לאַנג און אויפמערקזאַם אויספרעגען פּאַוועלען גענוי וועגען זיין אינערליכען לעבען, זיי וועלען מיט שאַרפע אויגען בעטראַכטען אַלע זיינע געדאַנקען, אַלע זיינע מעשים און אַלע טעג פון זיין לעבען. און ווען זיי וועלען דערזעהן, אַז ער איז גערעכט, וועלען זיי מיט יושר הויך אויסרופען:

— דיעזער מענש איז גערעכט!

אָבער פּאַסירט האָט עטוואָס גאַנץ אַנדערש — עס האָט זיך געדוכט, אַז די אַנגעקלאַגטע זיינען אונגעהייער ווייט פון די ריכטער און די ריכטער זיינען גאָר איבעריג פאַר זיי. מיעד פון דער אַנגעשטרענגטער ערוואַרטונג, האָט די מוטער פערלאָרען דעם אינטערעס צום געריכט און ניט הערענדיג די ווערטער האָט זי מיט ערביטערונג געטראַכט:

— צי דען משפּט מען אַזוי? אַ געריכט...

און דיעזעס וואָרט האָט איהר אויסגעקוקט לעער, און האָט געקלונגען ווי אַ געפּלאַצטער ליימענער טאָפּ.

— אַזוי איז 'רעכט! — האָט סיזאָוו אַלע ווייל צוגעשטימט.

— די מענשען זיינען ווי טויטע! — האָט זיפצענדיג בעמערקט די מוטער.

— אָבער יעצט ווערען זיי לעבעדיג!

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף די ריכטער און זי האָט ווירקליך בעמערקט שאָטענס פון אונרוהיגקייט אויף זייערע פּנים'ער. עס האָט שוין גערעדט אַ צווייטער אַדוואָקאַט, אַ קליינינקער, מיט אַ שאַרפען, בלאַסען און שפּאָטישען פּנים, און די ריכטער האָבען אָפט אונטערבראָכען זיינע רייד. דער פּראָקוראָר איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, האָט שנעל און מיט כעס עפּעס אַ זאָג געטהאָן וועגען אַ פּראָטאָקאָל. נאָכדעם האָט דער אַלטיטשקער מיט אַ בעטענדער שטימע עפּעס געזאָגט, דער אַדוואָקאַט האָט מיט רעספּעקט זיי אויסגעהערט און האָט ווייטער פאָרטגעזעצט זיין רעדע.

— ענגבער! — האָט סיזאָוו בעמערקט. — ענגבער... ביז וואַנען דו וועסט דערגרייכען צו זייער האַרץ...

אין זאַל האָט געגומען ווערען לעבעדיגער, דער אַדוואָקאַט איז אַנגע־פאַלען פון אַלע זייטען, אויפרעגענדיג מיט זיינע שאַרפע ווערטער די אַלטע פעל פון די ריכטער. די ריכטער האָבען זיך אַזוי ווי פעסטער צוזאַמענגע־טוליעט אָדער האָבען זיך אָנגעבלאָזען און זיינען אַזוי ווי אָנגעשוואָלען געוואָרען, פונקט ווי זיי וואָלטען וועלען מיט זייערע ווייכע קערפּערס אָב־וועהרען פון זיך די שאַרפע שטעכעדיגע ווערטער־שנעלען.

די מוטער האָט זיי בעאָבאַכטעט און איהר האָט זיך געדוכט, אַז זיי האַלטען נאָר אין איין אָנבלאָזען זיך, פונקט אַ שטיינער ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט, אַז דעם אַדוואָקאַט'ס שלאָגענדע ווערטער זאָלען ניט געפינען אַן אָפּקלאַנג אין זייערע הערצער און זאָל זייער גלייכגילטיגקייט ניט שטערען.

אָבער אָט האָט זיך אויפגעהויבען פּאַוועל, און עס איז פּלוצלונג גע־וואָרען אונערוואַרטעט שטיל. די מוטער האָט זיך אַ ריס געטהאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער פאָרווערטס. פּאַוועל האָט אָנגעפאַנגען רוהיג.

— אַלס פּאַרטיי־מאַן, אַנערקען איך נאָר דאָס געריכט פון מיין פּאַרטיי, און איך וועל זיך ניט פערטהיידיגען. נאָר — לויט דעם וואונש פון מיינע חברים, וועלכע האָבען זיך אויך ענטזאָגט פון אַ פערטהיידיגונג — וועל איך פּרובירען ערקלעהרען אייך דאָס, וואָס איהר האָט ניט פערשטאַנען... דער פּראָקוראָר האָט אָנגערופען אונזער אַרויסטרעטונג אונטער דער פאָהן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — אַ בונט געגען דער העכסטער מאַכט און ער האָט אונז די גאַנצע צייט בעטראַכט אַלס בונטאָווטשיקעס געגען קיסר. איך מוז בעמערקען, אַז אין אונזערע אויגען איז דער קיסר ניט די איינציגע קייט, וועלכע האָט אַרומגעשמידעט דאָס גאַנצע לאַנד. ער איז נאָר די ערשטע און נאָהענטסטע קייט, וועלכע מיר דאַרפען אַראָפּרייסען פון פאָלק...

די שטילקייט אַרום איז נאָך טיעפער געוואָרען אונטער די קלאַנגען פון זיין פעסטען קול. ער האָט עפּעס ווי ברייטער געמאַכט די ווענד פון זאַאַל און עס האָט אויסגעזעהן ווי פּאַוועל וואָלט זיך אָפּגערוקט ווייט אָן אַ זייט פון אַלע מענשען און האָט געקראָגען אַ דייטליכערען, ערהאַבענערען אויסזעהן. דער מוטער איז קאַלט געוואָרען.

די ריכטער האָבען זיך אָנגעפאַנגען שווער און אונרוהיג צו בעוועגען. דער מאַרשאַלעק האָט עפּעס אַ שושקע געטהאָן דעם ריכטער מיט'ן פולען פּנים. יענער האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און האָט זיך געווענדעט צום אַלטיטשקען און פון דער זייט האָט צו איהם אין דער זעלבער צייט גערעדט אויפ'ן אויער דער קראַנקער ריכטער. וויגענדיג זיך אויפ'ן שטוהל רעכטס און לינקס, האָט דער אַלטיטשקער עפּעס אַ זאָג געטהאָן פּאַוולען,

אבער זיין שטימע איז דערטרונקען געוואָרען אין דעם גלייכמעסיגען און ברייטען שטראָם פון וולאסאָוו'ס רעדע.

— מיר זיינען סאָציאַליסטען. דאָס מיינט, אַז מיר זיינען פיינד פון פּריוואַט־אייגענטהום, וועלכע צוטהיילט די מענשען אין צוויי פיינדליכע לאַגערען, וואָס קעמפּפען איינער געגען דעם אַנדערען און בעשאַפט אַן אייביגע פיינדשאַפט פון אינטערעסען געגענזאַצען, און אום צו פערבאָרגען אָדער בערעכטיגען דיזע פיינדשאַפט פערדאַרבט מען אַלעמען מיט ליגען, צבוע'טסטווא און בייזקייט...

„מיר זאָגען, אַז א געזעלשאַפט, וועלכע בעטראַכט דעם מענשען נאָר אַלס א מיטעל זיך צו בערייכערען, איז אונמענשליך; מיר קענען ניט שלום מאַכען מיט איהר ליגנערישער און צוויי־פּנים'דיגער מאָראַל; מיר פערַאכטען טיעף איהר ציניזשער און גרויזאַמער בעציהונג צו דער איינצעלנער פערזענליכקייט; מיר ווילען און וועלען קעמפּפען געגען אַלע פאָרמען פון פיזישער און מאָראַלישער פערשקלאַפונג פון דעם מענשען דורך אזא געזעלשאַפט, וועלכע זוכט צו צושפּליטערן די מענשהייט... מיר אַרבייטער זיינען די יעניגע, דורך וועמעס מיה און אַרבייט עס ווערט אַלעס בעשאַפען, פון די גיגאַנטישע מאַשינען ביז די קינדער־שפּיעלצייג. מיר האָבען ניט קיין רעכט צו קעמפּפען פאַר אונזער מענשען־ווירדע; אונז סטאַרעט זיך יעדער צו פערוואַנדלען אין א מיטעל צו דערגרייכען זיינע אייגענע צוועקען. מיר ווילען יעצט האָבען אַזוי פיעל פרייהייט, אַז מיר זאָלען האָבען די מעגליכקייט מיט דער צייט צו ערָאָבערן די גאַנצע מאַכט. אונזערע לאָזונגען זיינען איינפאַכע — ניעדער מיט פּריוואַט אייגענטהום, אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען — דעם פאָלק, דאָס גאַנצע מאַכט — דעם פאָלק, יעדער איינער מוז אַרבייטען. איהר זעהט אַלזאָ — מיר זיינען ניט קיין בונטאָווטשיקעס.

פאַוועל האָט א לאַך געטהאָן, האָט א פיהר געטהאָן מיט'ן האַנד איבער זיינע האָר און דער פייער פון זיינע העל־בלויע אויגען האָט זיך נאָך ליכטיגער אַנגעצונדען.

— איך בעט אייך... נעהענטער צו דער זאַך! — האָט דער פאָרזיצענדער הויך און דייטליך געזאָגט. — ער האָט זיך אָבגעקעהרט צו פאַוולען מיט'ן האַרצען, האָט געקוקט אויף איהם, און דער מוטער האָט זיך געדוכט, אַז זיין לינקע אויג צינדט זיך אָן מיט א שלעכטען, זשעדנעם פייער. אויך אַלע איבעריגע ריכטער האָבען געקוקט אויף איהר זוהן אַזוי, אַז עס האָט זיך געדוכט, דאָס זייערע אויגען קלעפּען זיך צו צו זיין פּנים, זויגען זיך איין אין זיין קערפּער און דורשטען נאָך זיין בלוט, אום צו בעלעבען זייערע אָבגע־

טראָגענע קערפּערס. און ער, אַ שטאָלצער, אַ הויכער, איז געשטאַנען פעסט און שטארק, פלעגט אויסשטרעקען צו זיי זיין האנד און האָט ניט הויך אָבער דייטליך גערעדט:

— מיר זיינען רעוואָלוציאָנערען און מיר וועלען פערבלייבען אַזעלכע אַזוי לאַנג ביז וואַנען עס וועט עקזיסטירען פּריוואַט אייגענטהום, אַזוי לאַנג ווי איינינגע וועלען נאָר קאָמאַנדעווען און די אַנדערע וועלען נאָר האָרעווען. מיר שטעהען געגען דער געזעלשאַפט, וועמעס אינטערעסען מען האָט אייך געהייסען פערטהיידיגען, ווי פיינד, און קיין פריעדען קען צווישען אונז ניט זיין אַזוי לאַנג ווי מיר וועלען ניט זיעגען. זיעגען וועלען מיר, ארבייטער! אייערע בעפעהלער זיינען גאָר ניט אַזוי שטאַרק, ווי זיי שטעלען זיך פאָר. די זעלבע אייגענטהום, צוליעב וועלכע זיי אָפּפערען מיט מיליאָנען מענשליכע לעבענס, וועלכע זיינען צו זיי פערשקלאַפט, די זעלבע קראַפט, וואָס גיט זיי די מאַכט איבער אונז, ערוועקט פיינדליכע רייבונגען צווישען זיי אַליין און פערדארבט זיי פיזיש און מאָראַליש. די בעשיצונג פון אייגענטהום פאָדערט צו פיעל אָנשטרענגונג. אין גרונד גענומען, זייט איהר גרעסערע שקלאַפען ווי מיר — איהר זייט מאָראַליש פערשקלאַפט, מיר — נאָר פיזיש. איהר קענט זיך ניט ענטזאַגען פון דעם יאָך, וועלכער האָט געטויטעט אייער גייסט. אונז אָבער שטערט קיין זאַך ניט צו זיין אינערליך פריי; דער גיפט מיט וועלכען איהר פער׳סמ׳ט אונז, איז פיעל שוואכער פון יענעם געגען־גיפט, וועלכען איהר גיסט אַריין געגען אייער ווילען אין אונזער בעוואוסטזיין... דיעזער בעוואוסטזיין וואַקסט, ענטוויקעלט זיך אָהן אַן אויפהער, ברענט זיך אַלץ שטאַרקער פאַנאַנדער און רייסט מיט זיך מיט אַלע גוטע, אַלע גייסטיג־געזונטע זאָגאר פון אייער רייהען זעלבסט. טהוט נאָר אַ קוק — איהר האָט שוין ניט קיין מענשען, וועלכע זאָלען קענען מיט אידעען קעמפּפען פאַר זייער מאַכט, איהר האָט שוין פערנוצט אַלע אַרגומענטען, וועלכע זיינען אימשטאַנדע אייך צו בעשיצען געגען דעם אָנשטורם פון דער היסטאָרישער גערעכטיגקייט. איהר קענט שוין קיין נייעם ניט בעשאַפען אויף דעם געביעט פון אידעען. איהר זייט גייסטיג אונפרוכטבאַר. אונזערע אידעען האַלטען אין איין וואַקסען, ברענען זיך אַלץ העכער פאַנאַנדער, כאַפּען אַרום די ברייטע פאָלקס־מאַסען און אָרגאַניזירען זיי צום קאַמפּף פאַר פרייהייט. דאָס בעוואוסטזיין פון דער גרויסער ראָלע, וועלכע די ארבייטער זיינען בערופען צו שפּיעלען, פעראייניגט אַלע אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט אין איין נשמה — איהר קענט דיעזען בענייאונגס־פּראָצעס פון לעבען ניט אָפּהאַלטען, אויסער דורך גרויזאַמקייט און ציניזם. אָבער דער ציניזם וואַרפט זיך גלייך אין די אויגען און די

גרויזאמקייט רופט ארויס אן ערביטערונג. און די הענד, וועלכע ווערגען אונז היינט, וועלען אין גיכען ברידערליך דריקען אונזערע הענד. אייער ענערגיע איז די מעכאנישע ענערגיע פון דעם וואוקס פון גאָלד; זי פער־אייניגט אייך אין גרופען, וועלכע זיינען בערופען אויפצופרעסען איינע די אנדערע, אונזער ענערגיע — איז די לעבעדיגע קראפט פון דעם וואקסענדען בעוואוסטזיין פון דער סאָלידאריטעט פון אלע ארבייטער. אלעס וואס איהר טהוט איז א פערברעכען, ווייל עס איז געריכטעט דארויף די מענשען פאר שקלאפען צו מאכען. אונזער ארבייט אָבער בעפרייט די וועלט פון די אלע געשפענסטער און אַבערגלויבען, וועלכע זיינען בעשאפען געוואָרען אום איינצושרעקען דעם פאָלק. איהר האָט ארויסגעריסען דעם מענשען פון לעבען און האָט איהם צובראָכען. דער סאָציאַליזם פעראייניגט די וועלט, וועלכע איהר צושטערט, אין איין גרויסען הארמאָנישען גאנצען, און דאָס וועט קומען!

פּאוועל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א רגע און האָט נאָך א מאָל וויע־דערהאָלט שטילער אָבער שטארקער:

— יא, דאָס וועט קומען!

די ריכטער האָבען זיך געשושקעט, האָבען זיך עפּעס זאָנדערבאַר גע־קרימט און האָבען אלץ ניט אָפּגעריסען זייערע דורשטיגע אויגען פון פּאוולען און די מוטער האָט געפיהלט, אז זיי בעשמוצען מיט זייערע בליקען זיין שלאנקען, פעסטען קערפּער, מקנה זייענדיג זיין געזונדקייט, כח און פרישקייט. די אָנגעקלאָגטע האָבען אויפמערקזאם געהאָרכט זייער חבר׳ס רעדע, זייערע פּנים׳ער זיינען בלאס געוואָרען און די אויגען האָבען געלויכטען מיט פרייד. די מוטער האָט געשלונגען דעם זוהן׳ס ווערטער און זיי האָבען זיך איינגעקריצט אין איהר זכרון אין געשלאָסענע רייהען. דער אַלטיטשקער האָט עטליכע מאָל אָפּגעשטעלט פּאוולען, האָט איהם עפּעס ערקלעהרט און איינמאָל האָט ער זאָגאר אומעדיג א שמייכעל געטהאָן. פּאוועל פלעגט איהם רוהיג אויסהערען און פלעגט ווידער אָנפאנגען צו רעדען שטרענג אָבער רוהיג, צווינגענדיג די ריכטער איהם אויסצוהערען. דאָס האָט זיך געצויגען לאנג, אָבער ענדליך האָט דער אַלטיטשקער עפּעס א געשריי גע־טהאָן, אויסשטרעקענדיג דערביי די האנד צו פּאוולען. אלס אנטוואָרט דערויף האָט זיך א גאָס געטהאָן עטוואס שפּאָטישעס אין פּאוועל׳ס רעדע:

— איך ענדיג. בעליידיגען אייך פערזענליך האָב איך ניט געוואָלט. פערקעהרט — ביי־וואוינענדיג דיזע קאָמעדיע, וועלכע איהר רופט אָן גע־ריכט, פיהל איך זאָגאר א מיטלייד צו אייך. איהר זייט דאָך פאָרט מענ־שען און עס טהוט אונז אימער לייד צו זעהן, אז מענשען, זאָגאר וועלכע

זיינען געגען אונזערע ציעלען, זאָלען אויף אזא שענדליכען אופן געצוואונגען זיין צו דיענען די געוואָלט און פערליערען אויף אזוי פיעל דאָס בעוואוסט־זיין פון זייער מענשען־ווירדע...

ער האָט זיך אנידערגעזעצט, ניט קוקענדיג אויף די ריכטער. די מוטער האָט מיט אן איינגעהאַלטענעם אָטהעם געקוקט אויף די ריכטער און האָט געוואַרט.

אנדרעי האָט מיט א שטראַהלענדען פּנים פעסט געדריקט פּאוועל'ען די האַנד. סאַמאָילאָוו און מאַזין האָבען זיך אויף לעבהאַפטיג א לאָז געטהאָן צו איהם. ער האָט געשמייכעלט, האָט זיך א ביסעל פערלאָרען פון דעם בייפאַל פון זיינע חברים, האָט א קוק געטהאָן אין דער ריכטונג, וואו די מוטער איז געזעסען און האָט צו איהר א וואונק געטהאָן מיט'ן קאָפּ, פונקט ווי ער וואָלט איהר פרעגען:

— ריכטיג אזוי?

זי האָט אָפּגעענטפערט מיט א טיעפען זיפץ פון פרייד, אין גאַנצען א פערגאָסענע מיט א כוואַליע פון ליעבע.

— יעצט, אייגענטליך, האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען דער משפּט! — האָט סיזאָוו א זאָג געטהאָן. — ווי ער האָט זיי עס דערלאַנגט!... הא?

זי האָט שווייגענדיג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, א צופריעדענע דערפון, וואָס איהר זוהן רעדט אזוי אונערשראָקען — און פיעלייכט נאָך מעהר ווי צופריעדען דערפון, וואָס ער האָט געענדיגט. אין קאָפּ האָט זיך איהר געשלאָגען נאָר איין געדאַנק:

— נו, וואָס וועט איהר יעצט זאָגען?

## 26.

דאָס, וואָס דער זוהן האָט געזאָגט, איז ניט געוועזען ניי פאַר איהר. זי האָט שוין פון פריהער געוואוסט דיעזע געדאַנקען, אָבער צום ערשטען מאָל האָט זי דאָ פאַר דעם געשטאַלט פון געריכט דערפיהלט די זאָנדערבאַרע הינרייסענדע קראַפט פון זיין גלויבען. זי איז ערשטוינט געוואָרען פון פּאוועל'ס רוהיגקייט און זיין רעדע האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איהר הארצען מיט דער פעסטער איבערצייגונג פון דער וואַרהייט פון זיין גלויבען און זיין זיעג. זי האָט ערוואַרטעט, דאָס יעצט וועלען די ריכטער שטרייטען מיט פּאוולען, זיי וועלען איהם בייז ערוויעדערען און זיי וועלען זיך סטאַרען צו בעווייזען, אז דער אמת איז אויף זייער זייט. אָבער אַט האָט זיך אויפגעשטעלט אנדרעי, האָט זיך א שאָקעל געטהאָן, האָט געוואָרפען א פינסטערען בליק אויף די ריכטער און האָט אָנגעפאַנגען:

— מיינע הערדען פערטהיידיגער...

— פאר אייך זיצען אייערע שופטים און ניט די פערטהיידיגונג! — האט דער ריכטער מיט'ן קראנקען פּנים בייז און הויך בעמערקט.

נאך דעם אויסדרוק פון אנדרעי'ס פּנים, האט די מוטער דערקענט, אז ער וויל א ביסעל שפּאס טרייבען. זיינע וואנצעס האבען געציטערט און אין זיינע אויגען האט געלויכטען א כיטרע, קאצען־פריינדליכקייט, וועלכע איז דער מוטער געווען גוט בעקאנט. ער האט פעסט א רייב געטהאן דעם קאפּ מיט זיין לאנגער האנד און האט א זיפץ געטהאן.

— טאקע? — האט ער געזאגט, צושאקלענדיג מיט'ן קאפּ. — איך דענק, אז דאס איז ניט אזוי. איהר זייט ניט קיין ריכטער, נאר פערטהיידיגער...

— איך בעט אייך, איהר זאלט זיך האלטען נעהנטער צו דער זאך! — האט דער אלטיטשקער טרוקען בעמערקט.

— צו דער זאך? גוט! איך האב מיר שוין געבראכט אזוי ווייט, אז איך האב טאקע אנגעפאנגען צו גלויבען, אז איהר זייט טאקע אונאבהענגיגע און עהרליכע ריכטער...

— דאס געריכט נויטיגט זיך ניט אין אייער כאראקטעריסטיק...

— נויטיגט זיך ניט?... הם... נו, איך וועל אבער דאך פאָרטזעצען... איהר זייט אזעלכע מענשען, פאר וועמען עס עקזיסטירען ניט קיין אייגענע און פרעמדע. איהר זייט פרייע מענשען. אט שטעהען פאר אייך צוויי צדדים און איין צד בעקלאגט זיך — „ער האט מיך בע'גזל'ט און בערא־בעוועט! און דער צווייטער צד ענטפערט: — איך האב א רעכט צו גזל'נ'ען און ראבעווען, ווייל איך האב א ביקס...

— איהר האט עפּעס צו בעמערקען צו דער זאך? — האט דער אל־טיטשקער אויסגערופען מיט א הויכער שטימע.

זיין האנד האט געציטערט און דער מוטער איז געווען אנגענעהם צו זעהן איהם בייז. אבער אנדרעי'ס האלטונג איז איהר ניט געפעלען געווען. איהר האט זיך געוואלט אן ערנסטער און שטרענגער קאמפף.

דער קליין רוס האט א קוק געטהאן אויף דעם אלטיטשקען און האט מיט אן ערנסטער שטימע געזאגט:

— צו דער זאך?... וואצו זאל איך מיט אייך רעדען צו דער זאך? וואס איהר האט בעדארפט וויסען, האט שוין מיין חבר געזאגט. דאס איבעריגע וועלען שוין דערזאגען די אנדערע...

דער אלטיטשקער האט זיך אויפגעהויבען און ערקלעהרט:

— איך נעהם ביי אייך צו דאס ווארט! גריגארי סאמאילאוו!

פעסט צוזאמענגדריקענדיג די צייהנער, האט זיך דער קליין־דרום אראפ־געלאזען אויפ'ן באנק און גלייך האט זיך אויפגעשטעלט סאמאילאוו.

— דער פראקוראר האט אנגערופען די חברים בארבארען, פיינדע פון קולטור...

— רעדט נאר, וואס עס איז שייך צו אייך...

— דאס איז שייך... עס איז ניטא אזא זאך, וואס זאל ניט נוגע זיין די עהרליכע מענשען... און איך בעט אייך ניט איבערצורייסען מיר... איך פרעג אייך: וואס איז אזוינס אייער קולטור?

— מיר האבען זיך דא ניט פערזאמעלט, אום צו דיסקוטירען מיט אייך! צו דער זאך! — האט דער אלטיטשקער געזאגט.

אנדרעי'ס פערהאלטען זיך האט די ריכטער דייטליך פערענדערט. זיינע ווערטער האבען פונקט אזוי ווי אפגעווישט עפעס פון זיי, אויף זייערע גרויע פנים'ער האבען זיך בעוויזען פלעקען און אין די אויגען האבען געברענט קאלטע, גרינע פונקען. פאוועלס רעדע האט זיי ערדעגט, אבער זי האט מיט איהר קראפט איינגעהאלטען די אויפרעגונג און האט ניט ווילענדיג ארויסגערופען אכטונג. דער קליין־דרום האט ארונטערגעריסען די איינגע־האלטענקייט און האט אויפגעדעקט דאס, וואס עס איז געווען פערבארגען הינטער איהר. זיי האבען זיך געשושקעט און האבען זיך גענומען בעוועגען שנעל, גאר ניט ווי זייער שטייגער איז געווען.

— איהר ערציהט שפיאנען, איהר פערפיהרט פרויען און מיידלעך, איהר שטעלט אוועק דעם מענשען אין דער לאגע פון א גנב און א גזלן, איהר פער'סם'ט איהם מיט בראנפען... אינטערנאציאנאלע שלאכט־הייזער, ליגען צווישען גאנצען פאלק, אויסגעלאסענהייט און ווילדקייט — אט דאס איז אייער קולטור! יא, מיר זיינען פיינד פון דיזער קולטור!

— איך בעט אייך! — האט א געשריי געטהאן דער אלטיטשקער.

אבער סאמאילאוו, אין גאנצען א רויטער און מיט שטראהלענדע אויגען, האט אויך אנגעפאנגען צו שרייען:

— אבער מיר שעצען יענע, די אנדערע קולטור, די שעפפער פון וועלכע איהר האט געלאזט פוילען אין טורמע און האט זיי געבראכט צו משוגעת...

— איך נעהם ביי אייך צו דאס ווארט!.. פיאדר מאזין!

דער קליינער מאזין האט זיך אויפגעהויבען, פונקט ווי אן אל וואלט זיך פלוצלינג ארויסגערוקט, און ער האט מיט אן איבערשפרינגענדער שטימע געזאגט:

— איך... איך שווער!.... איך ווייס, אז איהר האט שוין מיר פעראור־טהיילט...

ער איז בלאַס געוואָרען און אויף זיין געזיכט זיינען נאָך פערבליבען די אויגען. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד און האָט אויסגעשריען:

— איך גיעב מיין עהרענוואָרט!... וואוהין איהר זאָלט מיר ניט אוועק־שיקען, וועל איך אַנטלויפען, וועל זיך אומקעהרען און וועל אַרבייטען אימער... מיין גאַנצען לעבען. ביי מיין עהרענוואָרט!

סיזאָוו האָט הויך אַ הוסט געטהאָן און האָט זיך גענומען אונרוהיג בעוועגען. און דער גאַנצער עולם אַרום, אונטערוואַרפענדיג זיך די כוואַליע פון אויפרעגונג, וועלכע איז אַלץ העכער געשטיעגען, האָט עפּעס זאָנדערבאַר געטומעלט. אַ פרוי האָט זיך פּאַנאַנדערגעוויינט און עמיץ האָט פערשטיקט געהוסט. די זשאַנדאַרען האָבען בעטראַכט די אָנגעקלאָגטע מיט אַ טעמפּער ערשטוינונג און דאָס פּובליקום מיט כעס. די ריכטער האָבען זיך געשאָקעלט, ז'ער אַלטער האָט מיט אַ דינער שטימע אויסגערופען:

— גוסיעוו איוואַן!

— איך וויל ניט רעדען!

— וואַסילי גוסיעוו.

— איך אויך ניט!

— בוקין פיאָדר!

דער וויסליכער, אויסגעצעהרטער בחור'ל האָט זיך שווער אויפגעהוי־בען און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ האָט ער לאַנגזאַם געזאָגט:

— איהר וואָלט זיך בעדאַרפט שעהמען... איך פערשטעה וועניג, אָבער דאָך וויים איך, וואָס גערעכטיגקייט איז!...

ער האָט אויפגעהויבען די האַנד איבער'ן קאָפּ און איז ענטשוויגען געוואָרען, די אויגען האַלב צוגעמאַכט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס צו־געקוקט אין דער ווייטקייט.

— וואָס? — האָט דער אַלטער אויפגערעגט און ערשטוינט אויס־געשריען.

— כאַפּט אייך דער...

בוקין האָט זיך אַ בייזער ווידער אַניעדערגעזעצט אויפ'ן באַנק. אין זיינע דונקעלע ווערטער איז געלעגען עטוואָס ריעזיגעס און וויכטיגעס, אַ טרויעריגער פאָרוואורף און אַ נאַאיוויטעט. דאָס האָבען אַלע געפיהלט און אפילו די ריכטער האָבען זיך אויך צוגעהאָרכט, צי וועט זיך ניט דערהערען אַן אָבקלאַנג, וועלכער זאָל זיין דייטליכער ווי דיעזע ווערטער. אויך אויף די ביינק פון דאָס פּובליקום איז אַלעס אָבגעשטאָרבען, אַ שטילער געוויין בלויז האָט געציטערט אין דער לופט. נאָכדעם האָט דער פּראָקוראָר אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס און האָט אַ לאַך געטהאָן, דער מאַרשאַלאָק האָט אַ

הוסט געטהאַן און בּיסלעכוויַיז איז ווידער ענטשטאַנען אַ שושקעריי, וועלכע האָט זיך אַרומגעטראָגען איבּער'ן זאַאַל.

די מוטער האָט זיך איינגעבּויגען צו סיזאָוו'ן און האָט אַ פרעג געטהאַן:

— די ריכטער וועלען ריידען?

— אַלעס איז שוין געענדיגט... יעצט וועט מען נאָר ארויסטראָגען דעם אורטהייל...

— ווייטער גאָרנישט?

— ניין..

זי האָט איהם ניט געגלויבּט.

סאַמאָילאָוו'ס פרוי איז אונרוהיג געזעסען אויפ'ן בּאַנק, שטופענדיג די מוטער מיט'ן פּלייצע און עלענבּויגען, און זי האָט שטיל געדעדט צום מאַן:

— וואָס איז דאָ אַזוינס? ווי קען מען עס אַזוי?

— דו זעהסט דאָך, אַז מען קען...

— וואָס וועט אָבּער מיט איהם זיין, מיט גרישאַ'ן?....

— שווייג, לאָז מיך צו־רוה...

זיי אַלע האָבּען געפיהלט, פּונקט ווי בּיי זיי אין הארצען וואָלט זיך עפּעס געריהרט פון אָרט, פּונקט ווי עפּעס וואָלט צושטערט און פערניכטעט געוואָרען. דער עלטערער בּוקין האָט זיך ניט געשטערט און האָט הויך געשעפּטשעט:

— ערלויבּט נאָר... ווארום לאָזט מען ניט ריידען? דער פּראָקוראָר קען ריידען, וואָס ער וויל און וויפיעל ער וויל...

לעבּען די בּיינק איז געשטאַנען אַ בּעאַמטער און מאַכענדיג מיט'ן האַנד צו די מענשען האָט ער געזאָגט:

— שטילער... שטילער....

סאַמאָילאָוו האָט זיך אָבּגעקעהרט אויף אַהינטער און האָט הינטער זיין ווייבּ'ס רוקען גע'טענה'ט:

— נאַטירליך... לאָמיר זאָגען אַז זיי זיינען שולדיג... אָבּער לאָז זיי ערקלעהרען! געגען וואָס געהען זיי? געגען אַלעס?... איך וויל פערשטעהן! איך אינטערעסיר זיך אויך... וואו איז דער אמת? איך וויל פערשטעהן.... לאָזט זיי ריידען!

— שטילער! — האָט דער בּעאַמטער אַ מאַך טהוענדיג מיט'ן פינגער צו איהם אויסגערופען

סיזאָוו האָט פינסטער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

די מוטער אָבּער איז די גאַנצע צייט געזעסען און האָט ניט אָבּגעריסען

איהרע אויגען פון די ריכטער. זי האט געזעהן, ווי זיי ווערען וואס ווייטער אלץ מעהר אויפגערעגט, ריידענדיג איינע צו די אנדערע. דער קאלטער און גליציגער קלאנג פון זייערע ווערטער האט בעריהרט איהר געזיכט און האט דורכדעם ארויסגערופען א ציטער אויף איהרע באקען און א שלעכטען ווייע־דערגעשמאק אין מויל. דער מוטער האט זיך עפעס געדוכט, אז זיי ריידען וועגען דעם קערפער פון איהר זוהן און זיינע חברים, וועגען זייערע מוסקולען און גליעדער, וועלכע זיינען פול מיט הייסעם בלוט און לעבענדער קראפט. אהיר האט זיך געדוכט, אז פאוועל פיהלט דיזע פייכטע, אונאנגענעהמע קיצעלדיגע בליקען.

פאוועל האט געקוקט אויף דער מוטער מיט עטוואס מיעדע אויגען רוהיג און מילד, פון צייט צו צייט פלעגט ער איהר צושאקלען מיט'ן קאפ און פלעגט שמייכלען.

— אין גיכען קומט די פרייהייט! — האט איהר דיזער שמייכעל געזאגט און האט פונקט אזוי ווי מיט ווייכע הענד געגלעט איהר מוטער־הארץ. פלוצלונג האבען זיך אלע ריכטער אויפגעשטעלט. די מוטער האט זי עפעס ניט־ווילענדיג אויך אויפגעהויבען.

— זיי זיינען אוועק! — האט סיזאוו געזאגט.

— אום דעם אורטהייל צוצוגרייטען? — האט די מוטער געפרעגט.

— יא...

איהר שפאנונג איז פלוצלונג פערשוואונדען, א שווערע מיעדקייט איז בעפאלען איהר גאנצען קערפער, די ברעמען האבען אנגעפאנגען צו ציטערן און א שוויים האט בעדעקט איהר שטערן. א שווערער געפיהל פון ענטוישונג האט א שפאר געטהאן אין הארצען און האט זיך שנעל פערוואנדעלט אין א פעראכטונג צו די ריכטער און צום געריכט. דערפיהלענדיג א וועהטאג אין די ברעמען, האט זי א פיהר געטהאן מיט'ן האנד איבער די ברעמען. זי האט זיך ארומגעקוקט און האט דערזעהן, ווי אלע קרובים פון די אנגעקלאגטע האבען זיך א לאז געטהאן צו די גראטעס און דער זאאל האט זיך אנגעפילט מיט א טומעל פון ריידעריי. זי איז אויך צוגעגאנגען צו פאוועלען און פעסט א דריק טהוענדיג זיין האנד, האט זי שטיל געוויינט פאר שמערץ און פרייד. פאוועל האט איהר געזאגט פריינדליכע ווערטער און דער קליין־רוס האט זיך געוויי־צעלט און געלאכט.

אלע פרויען האבען געוויינט, אבער מעהר אויס געוואהנהייט ווי פון קומער. קיין קומער, וועלכער זאל זיך פלוצלונג ווי א שווערער קלאפ אראבלא־זען אויפ'ן קאפ און זאל אוועקרויבען דאס בעוואוסטזיין, איז ניט געווען.

עס איז נאָך געווען דער פּרויוועריגער בעוואוסטזיין פון די נויטווענדיגקייט צו מוזען שיידען זיך מיט די קינדער; אָבער אויך דיעזער געפיהל איז דערטרונקען געוואָרען, איז צושוואומען געוואָרען אין די איינדריקע, וועלכע דיעזער טאָג האָט ארויסגערופען. די פּאַטערס און די מוטערס האָבען געקוקט אויף די קינדער מיט אַ סמוטנעם געפיהל. פון איין זייט האָבען זיי געפיהלט אַ מיס־טרויען צו דער יוגענד, דעם געוועהנליכען בעוואוסטזיין, אַז זיי שטעהן העכער פון די קינדער, און פון דער אַנדערער זייט האָבען זיי געפיהלט אַ געוויסע אַכטונג צו זיי. די געפיהלען האָבען זיך צוריקגעהאַלטען נור דאַדורך, וואָס מען האָט זיי ניט געקענט אויסדריקען מיט ווערטער, ווערטער האָט מען גע־ברויכט אַ סך, אָבער גערעדט האָט מען וועגען פּשוט'ע זאַכען, וועגען וועש און קליידער, וועגען די נויטווענדיגקייט צו דערהאַלטען דאָס געזונד און ניט אויפרעגען צוליעב אַ נאַרישקייט די נאַטשאַלסטוואָ.

— אַלע, ברודערל, זיינען מיעד! — האָט סאַמאָילאָוו גערעדט צום זוהן — אי מיר, אי זיי...

און בוקין'ס ברודער האָט, מאַכענדיג מיט די הענד, גע'טענה'ט צו זיין אינגערען ברודער:

— אָט דאָס זאָג איך דאָך טאַקע — גערעכטיגקייט! און מעהר גאָר־נישט! אָבער דאָס קענען זיי ניט אָננעהמען.

דער אינגערער בוקין האָט געענטפערט:

— זעה היט אָב דעם סקוואָרצ... איך האָב איהם זעהר ליעב געהאַט...

— קעהר זי נאָר אום! ער וועט גאַנץ זיין!...

— איך האָב דאָרט ניט וואָס צו טהאָן...

און סיזאָוו האָט געהאַלטען זיין פּלימעניק פּאַר'ן האַנד און האָט לאַנג־זאַם גערעדט:

— אַלזאָ, פיאָדר... הייסט עס, אַז דו פאָהרסט...

פעדיאַ האָט זיך איינגעבויגען און האָט איהם עפּעס אַ מורמעל געטהאָן אויפ'ן אויער, לאַכענדיג דערביי שעלמיש. דער קאָנוואָאינער סאָלדאַט האָט אויך אַ שמייכעל געטהאָן, אָבער ער האָט גלייך געמאַכט אַ שטרענגען פּנים.

די מוטער האָט גערעדט מיט פּאַוועל'ן, ווי די אַנדערע, אויך וועגען דאָס זעלבע — וועגען קליידער, וועגען געזונד, און אין איהר הארצען האָבען זיך געשטויסען צעהנדליגע פראַגען וועגען סאַשאַ'ן, וועגען זיך און וועגען איהם. אָבער איבער אַלעם דעם איז געלעגען און האָט זיך לאַנגזאַם פּאַנאַנדערגע־וואַקסען אַ געפיהל פון ליעבע צום זוהן, אַן אַנגעשטרענגטער וואונש צו געפעלען איהם, צו זיין נעהנטער צו זיין האַרצען. די ערוואַרטונג פון דאָס

שרעקליכע איז פערשוואונדען, איבערלאזענדיג נאך זיך בלויז אן אונאנגע־נאהמע ערפאינערונג וועגען דעם. זי האט געפיהלט אין זיך די ענטשטעהונג פון א גרויסער, ליכטיגער פרייד, אבער זי האט זיך אליין ניט געקענט אבגעבען קיין קלאהרען רעכענונג וועגען דיעזען געפיהל. זעהענדיג, אז דער קליין־רום רעדט מיט אלעמען, פערשטעהענדיג אז ער נויטיגט זיך אין א לאסקע מעהר ווי פאוועל, האט זי אנגעהויבען צו ריידען מיט איהם:

— מיר איז ניט געפעלען געווארען דאס געריכט.

— ווארום, מאמינקע? — האט דער קליין־רום געפרעגט מיט א דאנק־בארען שמייכעל. — אן אלטע מויל, אבער נאך ניט פויל...

— עס איז ניט שרעקליך... און מען פערשטעהט אייגענטליך ניט ווער עס האט רעכט? — האט זי אונבעשלאסען געזאגט.

— אהא, וואס איהר פערלאנגט! — האט אנדרעי אויסגערופען. — צי דען דענקט איהר, אז מען משפט זיך איבער דער וואהרהייט?

זי האט א זיפץ געטהאן און האט מיט א שמייכעל געזאגט:

— איך האב דאך געדענקט, אז עס איז שרעקליך... שרעקליכער ווי אין קלייסטער... וועט מען דיענען דעם אמת...

— דו ווייסט, מאמע, וואו מען דיענט דעם אמת! — האט זיך פאוועל אבגערופען שטיל, ווי ער וואלט איהר וועגען עפעס געבעטען

— זאנסט אין ערגעץ ניט, מאמינקע! — האט דער קליין־רום צוגע־געבען.

— דאס געריכט געהט!

אלע האבען זיך שנעל א לאז געטהאן אויף זייערע פלעצער.

אנשפארענדיג זיך מיט איין האנד אן טיש, האט דער עלטערער ריכ־טער, צודעקענדיג זיין געזיכט מיט א פאפיער, אנגעפאנגען איהר צו לעזען מיט א שוואכען, הודזשענדען קול.

— יעצט קומט דער אורטהייל! — האט סיזאוו איינהארכענדיג זיך געזאגט.

עס איז שטיל געווארען. אלע האבען זיך אויפגעשטעלט, קוקענדיג אויפ׳ן אלטען. א קלייניגקער, א טרוקענער, א גלייכער איז ער געווען עהנליך אויף א שטעקען, וועלכען אן אונזעהבארע האנד האלט און שפארט זיך אן אויף איהם. די ריכטער זיינען אויך געשטאנען, דער דארף־סטארשינא — דעם קאפ פערלעגט אויפ׳ן פלייצע און ער האט געקוקט ארויף; דער שטאדט גאלאווא — די הענד פערלעגט אויפ׳ן הארצען; דער מארשאלעק האט געגלעט די באָרד. דער ריכטער מיט׳ן קראנקען פנים, זיין חבר און דער פראקוראר

האָבען געקוקט אויף די אַנגעקלאַגטע. און הינטער די ריכטער, פון פּאָרטרעט איבער זייערע קעפּ האָט געקוקט דער קיסר אין א רויטען מונדיר מיט א גלייכגילטיגען ווייסען פּנים און איבער זיין פּנים איז ארומגעקראָכען עפּעס א פליעג אָדער א שטיקעל שפּינוועבס.

— אויף פערשיקונג! — האָט לייכטער אָבאָטהעמענדיג, געזאָגט כיזאָוו. — נו, געענדיגט, גאָט צו דאנקען! מען האָט געזאָגט — קאטאָרגא! נישקשה, נילאָוונא, זיי ניט צוטראָגען... דאָס איז גאָרנישט!

— איך האָב עס שוין געוואוסט! — האָט די מוטער געענטפערט מיט א מיעדער שטימע.

—דאָך... יעצט איז שוין דאָס גאַנץ בעשטימט! א ניט, ווער ווייס זיי? — ער האָט זיך אָבגעקעהרט צו די פערזאורטהיילטע, וועלכע מען האָט שוין געהאַלטען אין ארויספיהרען און האָט הויך געזאָגט:

— צום ווידערזעהן, פיאָדר! און אויך אלע!... זאָל אייך גאָט געבען!

די מוטער האָט שווייגענד געגויגט זיך צום זוהן און צו די איבעריגע. עס האָט זיך איהר געוואָלט פאַנאַנדערוויינען, אָבער זי האָט זיך געשעהמט.

.27

זי איז ארויס פון געריכט און האָט זיך ניט פערוואונדערט, אז די נאַכט האָט זיך שוין אויסגעשפּרייט איבער׳ן שטאָדט, די לאָמטערנעס האָבען גע־ברענט אויפ׳ן גאַס און די שטערן אויפ׳ן הימעל. לעבען געריכטס־הויז זיינען געשטאַנען רעדלעך מענשען, אין דער פראָסטיגער לופט האָט געסקריפּעט דער שנעע, עס האָבען געקלונגען יונגע שטימען, אונטערברעכענדיג איינע די אַנ־דערע. א מאַן אין א גראָהען באשליק האָט א קוק געטהאָן סיזאָוו׳ן אין געזיכט און האָט שנעל א פרעג געטהאָן:

— נו, וואָס איז דער אורטהייל?

— פערשיקונג.

פאַר אלעמען?

— יאָ.

— דאנקע!

דער מאַן איז אוועקגעגאַנגען.

— זעהסט? — האָט סיזאָוו געזאָגט — מען פרעגט זיך נאָך...

פּלוצלונג האָט זיי ארומגערינגעלט א מאַן צעהן יונגע לייט און מיידלעך און עס האָבען זיך שנעל גענומען שיטען אויסרופען, וועלכע האָבען צוגעצויגען

די אויפמערקזאמקייט פון אלעמען. די מוטער און סיזאוו האבען זיך אבגע־שטעלט. מען האט זיך נאכגעפרעגט וועגען דעם, ווי די ארעסטירטע האבען זיך געהאלטען, ווער עס האט געהאלטען רעדעס, וועגען וואס, — און אין דיעזע פראגען האט געקלונגען אלץ איין און דערזעלבער טאן פון דור־שטיגער, אויפריכטיגער נייגעריגקייט.

— פריינדע! דאס איז פאוועל וולאסאוו'ס מוטער! — האט עפעס איינער ניט הויך אויסגעשריען און שנעל זיינען אלע אנטשוויגען געווארען.

— ערלויבט מיר אייך צו דריקען די האנד!

א פעסטע האנד האט פעסט צוזאמענגעדריקט די מוטער'ס פינגער, און אימיצער האט מיט אויפרעגונג אין קול אנגעפאנגען צו ריידען:

— אייער זוהן וועט אונז דיענען פאר א ביישפיעל פון העלדישקייט...

— עס לעבע דער רוסישער ארבייטער! — האט זיך דערהערט א קלינגענדער אויסגעשריי.

— עס לעבע די רעוואלוציע!

די אויסגעשרייען זיינען געוואקסען, האבען זיך פערמעהרט און האבען זיך ארומגעטראגען דא און דארט אין דער לופטען. פון איבעראל זיינען געלאפען מענשען, פערזאמלענדיג זיך ארום סיזאוו'ען און דער מוטער. די פאליציי פייפלעך האבען אנגעפאנגען דורכצושניידען די לופט, אבער זייערע טרעלען האבען ניט פערטויבט די אויסגעשרייען. דער אלטער האט געלאכט און פאר דער מוטער האט אלעס אויסגעזעהן, ווי אן אנגענעהמער חלום. זי האט געשמייכעלט, האט געדריקט די הענט, האט זיך געבויגט און גוטע, ליב־טיגע טרעהרען האבען איהר פערשפארט דעם האלז. איהר פיס האבען זיך געטרייסעלט פון מיעדקייט. אבער דאס הארץ, אן אנגעזעטיגטע פון פרייד, האט ווי א קלאהרע אזערא אפגעשפיגעלט אין זיך די איינדריקע. און נאהענט לעבען איהר האט אימיצער נערוועז אויסגערופען:

— חברים! פריינד! די ווילדע חיה, וועלכע פרעסט אויף דעם רוסי־שען פאלק, האט היינט ווידער פערשלונגען....

— נו, ניליאוונא, אונז איז צייט צו געהן! — האט סיזאוו געזאגט.

און אין דער זעלבער צייט איז פון ערגעץ־וואו אנגעקומען סאשא. זי האט גענומען די מוטער אונטער'ן ארעם און האט איהר שנעל אוועקגעשלעפט נאך זיך אויף דער צווייטער זייט פון גאס, זאגענדיג:

— געהט.... מען וועט נאך געווים שלאגען... אדער ארעסטירען...

— וואס? פערשיקען אין סיביר?

— יא, יא....

— און ווי האָט ער גערעדט? איבעריגענס ווייס איך. ער איז געווען שטאַרקער און איינפאַכער פון אַלעמען, שטרענגער ווי אַלע, פערשטעהסט זיך, יאָ? ער איז דאָך אַזאַ פּיהלענדער, אַזאַ איידעלער, נאָר ער שעהמט זיך אַרויסצוצייגען.... און אַזאַ פעסטער, גלייכער און קלאָהרער, ווי די וואָרהייט אַליין... ער בעזיצט אַלעס... אַלעס! נאָר פון פיעלע זאַכען ענטזאַגט ער זיך אַליין מיט אַ כיון... מורא האָבענדיג, אַז דאָס זאָל ניט שטערען די זאַך. איך ווייס דאָך עס...

איהר הייסער אָטהעם און די ווערטער פון ליעבע האָבען בערוהיגט די מוטער און האָבען צוריק אויפגעהויבען איהרע געפאַלענע כחות.

— ווען וועט איהר פאָהרען צו איהם — האָט שטיל און צערטליך געפרעגט די מוטער, צודריקענדיג סאַשאַ׳ס האַנד צו איהר קערפּער. די מיידעל האָט מיט זיכערהייט קוקענדיג פאָרוועהרטס געענטפערט:

— אַזוי שנעל ווי איך וועל נאָר געפינען אימיצען, וועהר זאָל איבערנעהמען מיין אַרבייט... איך וואַרט דאָך אויך אויפ׳ן אורטהייל. וואָהרשיינליך וועט מען מיר אויך פערשיקען אין סיביר... איך וועל דאַן ערקלעהרען, אַז איך וויל מען זאָל מיר שיקען אַהין, וואו ער וועט זיין.

פון הינטען האָט זיך דערהערט סיזאָוו׳ס קול:

— גריסט איהם דאַן פון מיינעטוועגען! זאָגט איהם סיזאָוו... ער ווייס... פיאָדר מאַזין׳ס אָנקעל...

סאַשאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך אָפּגעקעהרט און האָט איהם דערלאַנגט די האַנד.

— איך בין בעקאַנט מיט פיאָדאָר׳ן. מיין נאָמען איז אַלעקסאַנדראַ.

— און אייער פאָטער׳ס נאָמען?

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און האָט געענטפערט:

— איך האָב קיין פאָטער ניט.

— ער איז געשטאָרבען?

— ניין, ער לעבט! — האָט די מיידעל מיט אויפרעגונג אין קול געענטפערט. — ער איז אַ גוטסבעזיצער. יעצט איז ער אַ זעמסקער, בעראַבעוועט די פּויערים... און שלאָגט זיי.

— אַזוי! — האָט זיך סיזאָוו אָפּגערופען און נאָך אַ קורצען שווייגען האָט ער קוקענדיג אויף דער מיידעל פון דער זייט געזאָגט:

— נו, ניל אָוונאַ, זייט געזונד! איך דאַרף געהן לינקס... קום אַריין אַ מאָל דורכריידען זיך, טרינקען אַ גלעזעל טהעע... צום ווידערזעהן, פריילין... צו שטרענג רעדט איהר פון אייער פאָטער!... נאַטירליך, דאָס איז אייער זאַך.

— ווארום? ווען אייער זוהן וואָלט געווען א שלעכטער, שעדליכער מענש, וואָלט איהר זיך געשעהמט צו זאָגען עס? — האָט סאשא ליידענ־שאַפטליך אויסגערופען.

— איך ווייס?.. איך וואָלט געזאָגט! — האָט סיזאָוו ניט גלייך גע־ענטפערט.

— הייסט עס, אז דער אמת איז אייך טהייערער ווי דער זוהן... און מיר איז דער אמת טהייערער ווי מיין פאָטער...

סיזאָוו האָט א שמייכעל געטהאָן, צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. נאָכדעם האָט ער א זיפץ געטהאָן און געזאָגט:

— נו־נו! איהר מאַכט עס פלינק! אויב איהר זאָלט ביי דעם לאַנג בלייבען, וועט איהר בייקומען די אַלטע. — איהר בעזיצט פיעל עקשנות!... זייט געזונד, איך ווינש אייך אַלעס גוטעס... און צו מענשען זאָלט איהר אויך עטוואָס מילדער זיין, האַ? נו, זאָל אייך גאָט העלפען... זיי געזונד, נילאָוונא! וועסט זעהן פּאַוולען, זאָג איהם, אז איך האָב געהערט זיין רעדע. איך האָב ניט אַלעס פערשטאַנען... אייניגעס איז מיר זאָגאר פאָרגעקומען שרעקליך, אָבער זאָג איהם, אז עס איז אמת!

ער האָט אראָפּגענומען די היטעל און האָט זיך פערקירעוועט אין דער צווייטער גאַס.

— ער מוז זיין א גוטער מענש! — האָט סאשא, דורכלאָזענדיג איהם מיט א שמייכלענדען בליק פון איהרע גרויסע אויגען, בעמערקט.

דער מוטער האָט זיך געדוכט, אז היינט קוקט דער מיידעל'ס פנים אויס ווייכער און מילדער ווי אימער.

אין דער היים האָבען זיי זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן דיוואַן, האָבען זיך צוגערוקט איינע צו די אַנדערע און די מוטער האָט, אויסרוהענדיג זיך אין דער שטילקייט, ווידער אָנגעפאַנגען צו רעדען וועגען סאשא'ס רייזע צו פּאַוולען. די מיידעל האָט מיט איהרע גרויסע טרוימערישע אויגען געקוקט אין דער ווייטקייט און איבער איהר בלאַסען פנים האָט זיך צוגאָסען א רוהיגע פערטראַכטקייט.

— נאָכדעם ווי עס וועלען ביי אייך געבאָרען ווערען קינדער, וועל איך קומען צו פאָהרען צו אייך און וועל אַרומגעהן אַרום זיי. און מיר וועלען דאָרטען לעבען ניט ערגער ווי דאָ... אַרבייט וועט דאָך פּאַוועל גע־פינען, ער האָט דאָך גילדערנע הענד...

סאשא האָט געוואָרפען א פאָרשענדען בליק אויף דער מוטער און האָט געפרעגט:

— אָבער ווילט זיך אייך ניט פאָהרען שוין גלייך יעצט מיט איהם ?
די מוטער האָט אַ זיפץ געטהאָן און געענטפערט:

— וואָס קען איך איהם נוצען ? איך וועל איהם נאָר שטערען אין פאַל ער וועט ווערען ענטלויפען... און ער וועט גאָר ניט איינשטימען אויף דעם...

סאשא האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ:

— איך דענק אויך, אז ער וועט ניט מסכים זיין...

— אויסער דעם האָב איך דאָ ארבייט! — האָט די מוטער צוגעגעבען מיט אַ לייכטען שטאָלץ.

— יאָ! — האָט זיך סאשא נאָכדענקליך אָפּגערופען. — דאָס איז גוט...

פּלוצלונג האָט זי אַ ציטער געטהאָן, פונקט ווי זי וואָלט וועלען אראָפּ־ווארפען פון זיך עפּעס און האָט אָנגעפאנגען צו ריידען איינפאך און ניט הויך:

— ער וועט דאָרט ניט פערבלייבען. ער וועט געוויס ענטלויפען...

— אָבער וואָס וועט זיין מיט אייך ?... און מיט׳ן קינד, אויב עס זאָל זיין ?...

— איך ווייס ניט. דאָס וועלען מיר שוין דאָרט זעהן. ער דאַרף זיך ניט רעכענען מיט מיר און איך וועל איהם ניט שטערען. ער איז צו יעדער צייט אַ פרייער מענש, איך בין זיין חבר... מיר וועט זיין שווער, איך ווייס, צו שיידען זיך מיט איהם, אָבער איך וועל שוין אויסקומען... איך וועל איהם ניט שטעהן אין וועג, ניין.

די מוטער האָט דערפיהלט, אז סאשא איז פעהיג צו האַנדלען אזוי ווי זי רעדט און זי האָט דערפיהלט אַ מיטלייד צו איהר. זי האָט איהר ארומ־גענומען און געזאָגט:

— מיין ליעבינקע, עס וועט אייך זיין שווער!

סאשא האָט אַ שמייכעל געטהאָן און האָט זיך צוגעטוליעט צו איהר מיט׳ן גאַנצען קערפּער. איהר שטימע האָט געקלונגען שטיל אָבער שטאַרק און אויף איהר פּנים האָט זיך בעוויזען אַ רויטער שיין.

— ביז דאַן איז נאָך ווייט... אָבער דענקט ניט, אז דאָס איז פערבונדען מיט וועלכע ניט איז אָפּפער... איך ווייס וואָס איך טהו און ווייס וואָס איך קען ערווארטען... איך וועל זיין גליקליך, אויב איהם וועט זיין גוט מיט מיר. מיין אויפגאַבע, מיין וואונש איז צו פערגרעסערען זיין ענערגיע, געבען איהם אזוי פיעל גליק, ווי פיעל איך קען נאָר! איך האָב איהם זעהר שטאַרק ליעב... און ער מיר אויך, — איך ווייס עס! מיר וועלען זיך אויסטוישען מיט אונזערע געפיהלען און וועלען דאדורך בערייכערען איינע די אַנדערע, און אויב עס וועט נויטיג זיין, וועלען מיר זיך שיידען ווי פריינד...

די מוטער האָט מיט אַ גליקליכען שמייכעל געזאָגט:

— איך וועל קומען צו פאָהרען צו אייך... און פיעלייכט וועט מען מיר אויך פערשיקען...

און לאַנג זיינען זיי געזעסען צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע און האָבען שווייגענדיג געטראַכט וועגען דעם געליעבטען מענשען. עס איז גע־ווען שטיל, אַנגענעהם־טרויעריג און ווארם.

דאַן איז געקומען ניקאָליי אַ מיעדער און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויס־געטהאָן, האָט ער שנעל אָנגעפאַנגען צו רעדען:

— נו, סאשענקא, ווארפט זיך ארויס פון דאַנען, אַזוי לאַנג ווי איהר זייט נאָך גאַנץ! נאָך מיר געהען נאָך פון פריהמאָרגען אָן צוויי שפּיאָנען און אַזוי אָפען, אַז דאָס שמעקט מיט אַן ארעסט... איך פיהל שוין פאָראויס... מסתמא האָט ערגעץ וואָס פּאַסירט... אגב אורחא, דאָ האָב איך פּאַוועל'ס רעדע, מען האָט בעשלאָסען איהר אָפּצודרוקען... — טראָגט עס אַוועק צו ליודמילאַ'ן און זאָגט איהר, אַז זי זאָל ארבייטען שנעלער... פּאַוועל האָט זעהר גוט גערעדט, נילאָוונאַ!... היט זיך פאַר די שפּיאָנען, סאשאַ... ווארט, בעהאַלט דעזע פּאַפּיערלעך אויך... גיט עס אָפּ פיעלייכט איוואַנען...

רעדענדיג, האָט ער פעסט געריבען זיינע פערפראָרענע הענד און צו־געהענדיג צום טיש, האָט ער אָנגעפאַנגען שנעל אויסצולײדיגען די טיש־קעסטלעך. ער האָט דורכגעקוקט די פּאַפּיערען, האָט אייניגע צוריסען און אַנדערע האָט ער אָפּגעלעגט אָן אַ זייט.

— איך האָב דאַכט זיך ניט לאַנג אויסגערייניגט און עס האָט זיך שוין ווידער אָנגעקליבען אַ סך... צום טייפעל! איך דענק, נילאָוונאַ, אַז פאַר אייך וואָלט אויך געווען בעסער, אַז איהר זאָלט ניט נעכטיגען היינט אין הויז, האַ? בייצואוואוינען דיעזען שפּיעל איז גאַנץ לאַנגווייליג און זיי קענען נאָך אייך אויך אַרעסטירען... איהר אָבער וועט דאָך דארפען אונבעדינגט אוועקפיהרען פּאַוועלס רעדע אין פערשיעדענע ערטער...

— וואָס קענען די זשאַנדאַרען מיט מיר טהאָן? — האָט זי געזאָגט. — און עס קען נאָך זיין, אַז איהר האָט אַ טעות... ניקאָליי האָט אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד און האָט מיט זיכערהייט געזאָגט:

— איך דערשמעק... אויסער דעם וואָלט איהר געקענט דערווייל ארויס־העלפען ליודמילאַ'ן, האַ? האַלט זיך וואָס ווייטער פון געפאַהר...

די מעגליכקייט איינטהייל צו נעהמען אין דרוקען דעם זוהן'ס רעדע איז איהר געווען אַנגענעהם און זי האָט געענטפערט:

— אויב אַזוי, וועל איך גהען... אָבער — איך האָב ניט מורא...

און אונערוואַרטעט פאַר זיך אַליין, האָט זי מיט זיכערהייט געזאָגט:

— יעצט האָב איך פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט... גאָט צו דאַנקען! יעצט ווייס איך דאָך שוין...

דאָס וואָס זי האָט געוואוסט האָט אַרויסגערופען אויף איהר געזיכט אַ רוהיגען שמייכעל.

— אויסגעצייכענט! — האָט ניקאָליי אויסגערופען, ניט קוקענדיג אויף איהר. — אַט וואָס, איהר זאָגט מיר אַקאָרשט וואו איהר האָט אהינ־געטהאָן מיין טשעמאָדאַן מיט מיינע וועש... איהר האָט אַלעס פערכאַפּט אין אייערע הענד און איך האָב גאָר ניט די מעגליכקייט פריי צו בענוצען זיך מיט מיין אייגענטהום... איך וועל זיך אין גאַנצען צוגרייטען. דאָס וועט פאַר דער פּאָליציי זיין אַן אונאַנגענעהמע איבעררעשונג...

סאשא האָט שווייגענדיג געברענט אין אויוועלע שטיקלעך פּאַפּיער און ווי זיי פלעגען פערברענט ווערען פלעגט זי זיי אויסמישען מיט די אַש.

— איהר, סאשא, געהט! — האָט ניקאָליי געזאָגט, אויסשטרעקענדיג איהר די האַנד. — צום ווידערזעהן! פערגעסט מיר ניט צו ברענגען ביכער, אויב עס וועט ערשיינען עפּעס אַ וויכטיגע און אינטערעסאַנטע זאַך... נו, צום ווידערזעהן, טהייערער חבר! זייט פאָרזיכטיגער...

— איהר רעכענט אויף לאַנג? — האָט סאשא געפרעגט.

— דער טייפעל ווייסט זיי! וואהרשיינליך... האָבען זיי געגען מיר וואָס... נילאָוונאַ, איהר געהט צוזאַמען. צווייען מיט אַ מאָל איז שווערער נאָכצושפּירען... גוט?

— איך געה! — האָט די מוטער געענטפערט. — איך וועל זיך גלייך אָנטהאָן...

זי האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף ניקאָלייען, אָבער אויסער פאָרזיכ־טיגקייט, וועלכע האָט פערשטעלט דעם געוועהנליכען גוטען און מילדען אויס־דרוק פון געזיכט, האָט זי קיין זאַך ניט בעמערקט. זי האָט ניט געזעהן קיין צייכען פון אויפרעגונג אויף דיזען מענשען, וועלכער איז איהר געווען טהייערער פון אַלע אַנדערע. ער איז פערבליעבען דער זעלבער ווי פריהער, האָט געלעבט זיין געהיימניספאָלען אינערליכען לעבען און האָט די איבריגע וועלט געלאָזען ערגעץ הינטער זיך. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז ער איז צוגעגאַנגען צו איהר נעהנטער ווי אַלע אַנדערע און זי האָט איהם געליעבט מיט אַ פאָרזיכטיגער ליעבע. יעצט האָט זי שטאַרק רחמנות געהאַט אויף איהם. אָבער זי האָט איינגעהאַלטען איהר געפיהל, ווימענדיג, אַז ווען זי זאָל איהם עס

ארויסציינגען, וועט זיך ניקאָליי פערליערען און ער וועט ווערען, ווי אימער אין אזעלכע פעלע, א ביסעל לעבערליך. זי האָט איהם אָבער ניט געוואָלט זעהן אזעלכען. זי איז ווידער אריין אין צימער.

ער האָט, דריקענדיג סאשאַ'ס האנד, געזאָגט:

— אויסגעצייכענט! איך בין זיכער, אז דאָס איז זעהר גוט פאר איהם און פאר אייך. א ביסעלע גליק שאדעט ניט... אָבער ניט פיעל, אום עס זאָל ניט פאלען אין פרייז.. איהר זייט פערטיג, ניל‏אָווגא?

ער איז צוגעגאנגען צו איהר שמייכלענדיג און ער האָט צו רעכט געמאכט זיינע ברילען.

— נו, צום ווידערזעהן... איך וויל האָפען, אז אין דריי, פיער מאָנאטען, שפעטסטענס אין א האלב יאָהר ארום! א האלב יאָהר — דאָס איז זעהר א סך לעבען.. אין א האלב יאָהר צייט קען מען אָפּטהאָן זעהר א סך ארבייט... שאנעוועט זיך, איך בעט אייך, יא? קומט לאָמיר זיך אומארמען...

א דארער און א דינער און האָט ער ארומגעכאפּט איהר האלז מיט זיינע שטייפע הענד, האָט קוק געטהאָן אין איהרע אויגען און האָט זיך פאָנאנדערגעלאכט זאָגענדיג:

— איך האָב זיך, דאכט זיך, פערליעבט אין אייך... — שטענדיג האלט איך אייך אין איין אומארמען.

זי האָט געשוויגען, קושענדיג איהם אין שטערען, אין די באקען, און איהרע הענד האָבען געציטערט. אום ער זאָל עס ניט בעמערקען, האָט זי זיי אויפגעפענט.

— איהר געהט? — אויסגעצייכענט! זייט מאָרגען פאָרזיכטיגער! מאָרגען אין דער פריה זאָלט איהר אריבערשיקען דעם אינגעל, וועלכער געפינט זיך דאָרט ביי ליודמילאַ'ן — זאָל ער א קוק טהאָן... נו, צום ווידערזעהן, חברים!...

אויפ'ן גאס האָט סאשא שטיל געזאָגט צו דער מוטער:

— אָט אזוי איינפאך וועט ער געהן צום טויט, אויב עס וועט נויטיג זיין... און פונקט אזוי וועט ער זיך וואהרשיינליך א ביסעל צואיילען... און ווען דער טויט וועט איהם א קוק טהאָן אין די אויגען, וועט ער אויך צורעכט מאכען זיינע ברילען, וועט א זאָג טהאָן — „אויסגעצייכענט!“ און וועט שטארבען.

— איך האָב איהם זעהר ליעב! — האָט די מוטער געזאָגט.

— איך בעוואונדער איהם... אָבער ליעבען — ניט! איך פערעהר איהם זעהר. ער איז עפּעס טרוקען, הגם ער איז א גוטער און אָפטמאָל זאָגאר

צערטליך. אָבער דאָס אַלעס — ער איז ניט געווען מענשליך... דאכט זיך, אַז מען שפּאַצירט אונז נאָך? לאָמיר זיך צוגעהן, און געהט ניט אַריין צו ליודמילא׳ן, אויב איהר ווערט בעמערקען דאָרט אַ שפּיאָן...

— איך ווייס! — האָט די מוטער געזאָגט.

אָבער סאַשאַ האָט נאָך אַ מאָל ווידערהאָלט:

— געהט ניט אַריין... קומט דאַן צו מיר. נו, זייט געזונד, דערוויייל!

זי האָט זיך האַסטיג אומגעקעהרט און איז אַוועק צוריק.

די מוטער האָט איהר נאָכגערופען:

— זייט געזונד!

.28

אין עטליכע מינוט אַרום איז זי שוין געזעסען אין ליודמילא׳ס קליינעם צימערעל און זי האָט זיך געוואַרעמט לעבען אויוועלע. די באַלעבאָסטע איז אַרומגעגאַנגען איבער׳ן צימער אין אַ שוואַרצע קלייד אונטערגעגאַרטעלט די טאַליע מיט אַ רימענדעל און זי האָט אָנגעפילט דעם צימער מיט דעם רויי־שענדען קלאַנג פון איהר בעפעהלענדער שטימע.

אין אויוועל האָט געטרעשטשעט דער פייער, עס האָט געקלונגען דער פרוי׳ס שטימע:

— די מענשען זיינען פיעל מעהר נאַרישער ווי שלעכט. זיי קענען נאָר זעהן דאָס, וואָס עס איז זיי נאָהענט, וואָס מען קען שוין נעהמען... און אַלץ וואָס עס איז נאָהענט איז ביליג. טהייער איז דאָס, וואָס איז ווייט. אייגענטליך וואָלט דאָך פאַר אַלעמען געווען בעקוועם און אַנגענעהם, ווען דאָס לעבען זאָל ווערען אַן אַנדערער, אַ מעהר לייכטער און די מענשען קליגער, אָבער צוליעב דעם דאַרף מען יעצט אַ ביסעל צו־ליידען...

פּלוצלונג האָט זי זיך אָפּגעשטעלט לעבען דער מוטער און האָט שטילער און פונקט ווי זי וואָלט זיך עפּעס ווילען פאַר איהר ענטשולדיגען, געזאָגט:

— איך זעה זעלטען מענשען... און ווען אימיצער קומט אַריין, פאַנג איך אָן צו ריידען... קאָמיש, ניט וואַהר?

— וואַרום? — האָט זיך די מוטער אָפּגערופען.

זי האָט געוואָלט טרעפען, וואו דיעזע פרוי דרוקט עס. אָבער זי האָט קיין זאַך אונגעוועהנליכעס ניט בעמערקט. אין צימער מיט דריי פענסטער צום גאַס איז געשטאַנען אַ דיוואַן און אַן אַלמער פאַר ביכער, אַ טיש, שטוהלען. לעבען וואַנד אַ בעט. אין ווינקעל אַ שיסעל אויף אייגצוואַוואַשען זיך. אין צווייטען ווינקעל — אַן אויווען, און אויף די ווענד פאָטאָגראַפיעס

פון בילדער. אלץ איז געווען ניי, שטארק און איינפאך און אויף אלעם האט די שטרענגע, ווי פון א מאנאשקע, פיגור פון דער באלעבאסטע געווארפען א קאלטען שאטען. עס האט זיך געפיהלט עפעס פערבארגענעס, בעהאל־טענעס, מען האט אבער ניט געקענט וויסען וואו דאס שטעקט. די מוטער האט בעטראכט די טהירען — דורך איינע איז זי אריינגעקומען אהער פון קליינעם קארידאר. לעבען אייוועז איז געווען א צווייטע טהיר, א שמאלע און א הויכע.

— איך בין געקומען צו אייך וועגען אן ענין! — האט די מוטער א זאג געטהאן א ביסעל פערשעהמט, זעהענדיג אז די באלעבאסטע קוקט אויף איהר.

— איך וויים! צו מיר קומט מען אנדערש ניט.

עפעס זאנדערבארעס האט געקלונגען אין ליודמילא׳ס קול, ווען זי האט דיעזע ווערטער ארויסגערעדט. איהרע דינע ליפען האבען געשמייכעלט און הינטער די גלעזלעך פון די ברילען האבען געלויכטען איהרע מאטאווע אויגען.

די מוטער האט איהר דערלאנגט פאוועל׳ס רעדע:

— מען בעט אייך, אז איהר זאלט עס וואס שנעלער אפדרוקען...

און זי האט איהר גענומען דערצעהלען וועגען ניקאליי׳ס פארבערייטונג צום ארעסט.

ליודמילא האט בעהאלטען דאס פאפיערעל הינטער איהר גארטעל און זי האט זיך געזעצט אויף א שטוהל. אין די גלעזלעך פון איהרע ברילען האט זיך אבגעשפיגעלט דער רויטער שיין פון פייער. איהר געזיכט איז געווען אונ־בעווענליך. נאכדעם ווי זי האט אויסגעהערט די מוטער׳ס ערצעהלונג האט זי געזאגט ניט הויך, אבער מיט ענטשלאסענהייט:

— ווען זיי וועלען קומען צו מיר, וועל איך שיסען! איך האב דאס רעכט צו פערטהיידיגען זיך געגען געוואלד און עס איז מיין פפליכט צו קעמפפען געגען איהר, ווען איך פאדער דערצוי אויף אנדערע. די רוהיגקייט פון אנדערע קען איך בשום אופן ניט פערשטעהן.

דער שיין פון פייער איז פערשוואונדען פון איהר געזיכט און ווידער איז עס געווארען שטרענג און הויכמוטהיג.

— דו האסט געבעך א שווערען לעבען! — האט פלוצלונג די מוטער א טראכט געטהאן.

ליודמילא האט אנגעפאנגען צו לעזען פאוועל׳ס רעדע אהן חשק, אבער וואס ווייטער האט זי זיך אלץ מעהר און מעהר פערטיעפט אין לעזען און ווען

זי האָט געענדיגט האָט זי זיך אויפגעשטעלט און איז צוגעגאנגען צו דער מוטער.

— דאָס איז שעהן! אָט אזוי האָב איך ליעב! אַלעס אזוי קלאָהר!...

זי האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט נאָך אַ קורצען שווייגען געזאָגט:

— איך האָב ניט געוואָלט רעדען מיט אייך וועגען אייער זוהן, איך האָב זיך מיט איהם ניט געטראָפען און האָב ניט ליעב צו פיהרען קיין אומעדיגע געשפּרעכען.... איך ווייס, וואָס דאָס מיינט, אז מען פערשיקט אַ נאָהענטען מענשען! אָבער איך וויל אייך פרעגען: איז גוט צו האָבען אַזאַ זוהן?...

— געוויס! — האָט די מוטער געענטפערט.

— און עס איז שרעקליך אויך?

די מוטער האָט מיט אַ רוהיגען שמייכעל געענטפערט:

— יעצט איז שוין ניט שרעקליך....

ליודמילאַ האָט מיט איהרע ברוינע הענד צורעכט געמאַכט איהרע גלאַט פערקעמטע האָר און האָט זיך אָבגעקעהרט צום פענסטער. אַ לייכטער שאָטען האָט געציטערט אויף איהרע באַקען, פיעלייכט דער שאָטען פון אַ דערשטיקטען שמייכעל.

— מיר וועלען עס אָבדרוקען... איהר וועט מיר העלפען?

— נאַטירליך!

— איך וועל עס שנעל אויפזעצען... איהר לעגט זיך צו, איהר האָט געהאַט אַ שווערען טאָג און זייט מיעד. לעגט זיך דאָ אויפ'ן בעט, איך וועל ניט שלאָפען און ביינאַכט וועל איך אייך פיעלייכט אויפוועקען, אז איהר זאָלט מיר העלפען.... ווען איהר וועט זיך לעגען, זאָלט איהר פערלעשען דעם לאָמפּ.

זי האָט אריינגעוואָרפען אין אויווען צוויי שייטלעך האָלץ און איז אַרויס דורך דער שמאָלער טהיר לעבען אויווען, צומאַכענדיג איהר פעסט הינטער זיך. די מוטער האָט איהר נאָכגעקוקט און זי האָט זיך אָנגעפאַנגען אויסצוטהאָן, טראַכטענדיג דערביי וועגען דער באַלעבאָסטע.

— זי איז אַזוי שטרענג... בענקט נאָך עפּעס...

עס האָט זיך איהר געדרעהט דער קאָפּ פון מיעדקייט, אויפ'ן הארצען איז איהר געווען עפּעס אַזוי מאָדנע רוהיג און אַלעס איז אין איהרע אויגען געווען בעלויכטען מיט אַ ווייכען, מילדען שיין, וועלכער האָט שטיל און גלייכמעסיג אָנגעפילט איהר האַרץ. זי האָט אויסגעלאָשען דעם לאָמפּ, האָט זיך אַריינגע־לעגט אין דער קאַלטער בעט, האָט זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט אונטער'ן קאָל־דרע און איז שנעל ענטשלאָפען געוואָרען.

ווען זי האָט אויפגעעפענט די אויגען, איז דער צימער געווען אָנגעפילט

מיט א העלען שיין פון דעם קלאָהרען ווינטער־טאָג. די באַלעבאָסטע איז געלעגען אויפ'ן דיוואַן מיט א בוך אין האַנד און האָט מיט א שמייכעל געקוקט אויף דער מוטער.

— אָך, גאָטעניו! — האָט די מוטער אויסגערופען פערשעהמט. — איך האָב גאַנץ גוט אריינגעשלאָפען, הא?

— גוט מאָרגען! — האָט זיך ליודמילא אָבגערופען. — עס איז שוין באַלד צעהן, שטעהט אויף, מיר וועלען טרינקען טהיי.

— וואָרום זשע האָט איהר מיר ניט אויפגעוועקט?

— איך האָב טאַקע געוואָלט, איך בין צוגעגאַנגען צו אייך, אָבער איהר האָט אַזוי שעהן געשמייכעלט אין שלאָף....

מיט א פלינקער בעוועגונג פון גאַנצען קערפער האָט זי זיך אויפגעהויבען פון דיוואַן, איז צוגעגאַנגען צום בעט און האָט זיך איינגעבויגען צו דער מוטער און אין איהרע מאַטאָווע אויגען האָט די מוטער דערזעהן עפּעס נאָהענטעס און בעקאַנטעס.

— איך האָב אייך געזשאַלעוועט צו שטערען... פיעלייכט האָט איהר געזעהן א גליקליכען חלום....

— איך האָב גאָר נישט געזעהן!

— נו, דאָס איז אַלץ איינס... מיר איז אָבער געפעלען געווען אייער שמייכעל. אַזאַ רוהיגער, גוטער...

ליודמילא האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און איהר געלעכטער האָט געקלונגען אַזוי ווייך, ווי סאַמעט.

— איך האָב זיך פערטראַכט וועגען אייער לעבען! איהר האָט דאָך אַזאַ שווערען לעבען!...

די מוטער האָט בעוועגט די ברעמען און האָט געשוויגען, טראַכטענדיג.

— נעווים א שווערען! — האָט ליודמילא אויסגערופען.

— איך וויים שוין אַליין ניט! — האָט די מוטער פאַרזיכטיג בעמערקט.

— אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז עס איז שווער... אָבער אַלעס איז דאָך אַזוי ערענסט, אַזוי וואונדערבאַר... איינס בעוועגט זיך אַזוי שנעל נאָך דאָס אַנדערע....

די בעקאַנטע כוואַליע פון מונטערער עררעגונג האָט זיך אויפגעהויבען אין איהר הארצען און האָט איהר אָנגעפילט מיט געדאַנקען און געשטאַלטען. זי האָט זיך געזעצט אויפ'ן בעט און האָט שנעל גענומען בעקליידען די געדאַנקען מיט ווערטער.

— אַלעס ציהט צו איינעם און דעם זעלבען ציעל, און ווי דער פייער אין

א ברענענדער הויז שלאָגט עס אין דער הויך. דאָ דרינגט עס דורך, דאָרטען גלענצט עס אויף, אלץ ליכטיגער, אלץ שטארקער... פיעל שווערעס איז מיט דעם לעבען פערבונדען! די מענשען ליידען, מען שלאָגט זיי גרויזאם און מען אונטערדריקט אלעמען, יעדען שפיערט מען נאָך... זיי בעהאלטען זיך אין לעבען ווי מאַנאכען... און פיעלע פערגעניגענס זיינען זיי פערבאָטען... דאָס איז זעהר שווער!

ליודמילא האָט שנעל א ווארף געטהאָן דעם קאָפּ אהינטער, האָט איהר שנעל אומארעמט מיט איהר בליק און האָט בעמערקט:

— איהר רעדט גאָר ניט פון זיך!

די מוטער האָט א קוק געטהאָן אויף איהר, איז אויפגעשטאַנען פון בעט און האָט געפרעגט:

— ניט וועגען זיך?... ווי אזוי דען קען מען זיך אָפּרוקען אָן א זייט, ווען דו האָסט אי דעם ליעב, אי יענער איז דיר טהייער און דו האָסט מיטלייד מיט אלעמען... אלץ שטופּט זיך אין הארצען... און עס ציהט דיך צו אלעמען... ווי קען מען דען אָבטרעטען אָן א זייט?

זי איז געשטאַנען אין מיטען צימער א האלב אָנגעקליידעטע און האָט זיך א ווײַלע פערטראַכט. איהר האָט זיך פּלוצים אויסגעדוכט, אז די פרוי, וועלכע האָט געלעבט אין שטענדיגער זאָרג וועגען איהר זוהן, האָט זיך אָבגעזונדערט פון איהר, איז ווייט אוועק פון איהר און איז שוין מעהר ניטאָ. זי האָט זיך צוגעהאָרכט צו זיך און האָט געוואָלט אריינקוקען אין איהר אייגען הארץ, נאָר זי האָט מורא געהאט דאָרטען ניט צו דערוועקען איהר אלטען אונרוה.

— וועגען וואָס האָט איהר זיך פערטראַכט? — האָט די באלעבאָסטע געפרעגט, צוגעהענדיג צו איהר.

— איך ווייס אליין ניט! — האָט די מוטער געענטפערט.

זיי האָבען געשוויגען, האָבען קוקענדיג איינע אויף די אנדערע א שמייַ־כעל געטהאָן, נאָכדעם האָט ליודמילא געזאָגט, ארויסגעהענדיג פון צימער:

— מען דאַרף אָקאָרשט זעהן, וואָס הערט זיך מיט מיין סאמאָוואר!

די מוטער האָט א קוק געטהאָן אין פענסטער. דרויסען האָט געשיינט א קאַלטער, פעסטער טאָג, אויפ׳ן הארצען איז איהר אויך געווען ליכטיג, אָבער הייס. זי האָט געוואָלט וועגען אלעם, לאַנג און פרעהליך רעדען און דאנקען אימיצען פאַר דעם אלעם, וואָס עס האָט אריינגעדרונגען אין הארצען און האָט דאָרט געגליהט מיט א פּארנאַכטיגען שיין. איהר האָט זיך פערוואָלט גאָט בעטען. אימיצענס א יונגע געזיכט האָט זיך איהר דערמאָנט, א הילכיגע שטימע האָט אין איהר זכרון אויסגערופען — „דאָס איז פּאַוועל וולאסאָוו׳ס

מוטער!"... פרעהליך און מילד האָבען אַ שיין געטהאָן סאַשאַ'ס אויגען, עס איז ענטשטאַנען ריבין'ס דונקעלע פיגור, די בראָנזענע פעסטע געזיכט פון זוהן האָט געשמייכעלט, ניקאָליי האָט געפינטעלט מיט די אויגען און פלוצלינג האָט זיך אַלעס צוזאַמענגעגאָסען און פערפּלאָנטערט אין אַ דורכזיכטיגען וואָלקען, וועלכער האָט ארומגענומען אַלע גדאַנקען מיט אַ געפיהל פון רוהיגקייט.

— ניקאָליי איז גערעכט געווען! — האָט לודמילא געזאָגט, אריינקו־מענדיג — מען האָט איהם אָהן צווייפעל ארעסטירט. איך האָב געשיקט אָהין דעם אינגעל, אַזוי ווי איהר האָט מיר געהייסען. ער זאָגט, אַז אויפ'ן הויף געפינט זיך פּאָליציי, ער האָט געזעהן אַ פּאָליציסט, וועלכער האָט זיך בעהאַל־טען הינטער'ן טהויער. און שפּיאָנען געהען דאָרט ארום, דער אינגעל קען זיי.

— אַזוי! — האָט די מוטער געזאָגט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. — אָרימער, ניקאָליי....

און זי האָט אַ זיפץ געהאָן, אָבער שוין אָהן טרויער און זי האָט זיך גליך אויפ'ן שטעל פערוואונדערט איבער דעם.

— ער האָט די לעצטע צייט זעהר פיעל פאָרלעזונגען געגעבען צווישען די שטאָדטישע ארבייטער און איבערהויפּט איז איהם שוין צייט געווען אריינצופאַלען! — האָט רוהיג בעמערקט ליודמילא. — די חברים האָבען שטענדיג געטענה'ט: פאָהר אַוועק! אָבער ער האָט ניט געהערט. מיין מיינונג איז, אַז אין אַזעלכע פעלע דאַרף מען צווינגען און ניט איינרעדען...

אין טהיר האָט זיך בעוויזען אַ אינגעל מיט רויטע באַקען, שוואַרצע האָר, שעהנע בלויע אויגען און אַ הויקערדיגען נאָז.

— זאָל איך אריינטראָגען דעם סאַמאָוואַר? — האָט ער געפרעגט מיט אַ הילכיגען קול.

— זיי אַזוי גוט, סעריאָזשאַ!... איך האָב דאָך איהם ערצויגען. איהר האָט איהם פריהער געזעהן אַ מאָל?

— ניין.

— ער פלעגט אַמאָל אריינקומען צו ניקאָלייען, איך פלעג איהם שיקען...

דער מוטער האָט זיך געדוכט, אַז ליודמילא איז עפּעס היינט אַן אַנדערע, זי איז איינפאַכער און איז איהר נעהנטער. אין די בויגיגע בעוועגונגען פון איהר שלאַנקען קערפּער איז געלעגען פיעל שעהנקייט און קראַפט, וועלכע האָט עטוואָס ווייכער געמאַכט איהר שטרענגען און בלאַסען פּנים. דורך דער נאַכט זיינען די רינגען אונטער איהרע אויגען גרעסער געוואָרען, און עס האָט זיך

געפיהלט אין איהר א גרויסע אָנשטרענגונג. עס האָט אויסגעזעהן ווי אין איהר הארצען וואָלט געווען פעסט אָנגעצויגען א סטרונע.

דער אינגעל האָט אריינגעבראכט דעם סאַמאָוואר.

— ווער בעקאַנט, סעריאָזשאַ! דאָס איז פעלאַגעא נילאָוונא, די מוטער פון דעם ארבייטער, וועלכען מען האָט נעכטען פעראורטהיילט.

סעריאָזשא האָט זיך שווייגענדיג א נויג געטהאָן, האָט א דריק געטהאָן די מוטער'ס האנד, איז ארויסגעגאנגען, האָט געבראכט בולקעס און האָט זיך געזעצט צום טיש. ליודמילא האָט ביים אָנגיסען טהיי גע'טענה'ט מיט דער מוטער, אז זי זאָל ניט געהן אהיים ביז וואנען עס וועט ניט קלאָהר ווערען, אויף וועמען די פאָליציי וואַרט דאָרט.

— אפשר וואַרט מען דאָרט אויף אייך.... אייך וועט מען דאָך זיכער אויספרעגען...

— זאָלען זיי פרעגען! — האָט זיך אָבגערופען די מוטער. — און אויב מען וועט ארעסטירען, איז אויך ניט קיין גרויסער אונגליק. איך וואָלט נאָר וועלען פּאַוועל'ס רעדע פריהער פאנאנדערשיקען.

— איך האָב איהר שוין אויפגעזעצט. מאָרגען וועט מען איהר שוין קענען האָבען פאר'ן שטאָדט און פאר דער פאָרשטאָדט... און עס וועט נאָך קלעקען פאר'ן אויעזד. איהר קאָנט נאַטאַשאַ'ן?

— א פראַגע דאָס איז!

— אָט וועט איהר עס אָוועקפיהרען צו איהר...

דער אינגעל האָט געלעזען א צייטונג און עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט גאָר נישט געהערט, אָבער צייטענווייז פלעגען זיינע אויגען א קוק טהאָן פון אונטער דער צייטונגס בלאַט אויף דער מוטער און ווען זי פלעגט בעגעגענען זיין לעבהאַפטען בליק פלעגט איהר זיין אנגענעהם און זי פלעגט שמייכלען. ליודאָמילא האָט ווידער דערמאָנט אָהן שום בעדויערונג וועגען ניקאָליים ארעסט און דער מוטער איז אויסגעקומען גאנץ נאַטירליך איהר טאָן. די צייט איז געלאָפען שנעלער, ווי אין אנדערע טעג. ווען מען האָט געענדיגט טהיי טרינקען איז שוין געווען ארום האַלבען טאָג.

— זיך גאָר ניט ארומגעקוקט, ווי די צייט איז פערלאָפען! — האָט ליודמילא אויסגערופען.

.29

און אין דער זעלבער צייט האָט מען האַסטיג אָנגעקלאַפּט. דער אינגעל האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט פרעגענדיג א קוק געטהאָן אויף דער באַלע־באָסטע, פערזשמורענדיג שעהן די אויגען.

— שפּאַר אָפּ, סעריאָזשאַ. ווער קען עס זיין ?

און מיט א רוהיגער בעוועגונג האָט זי אַראָבגעלאָזען די האַנד אין קעשענע פון קלייד, זאָגענדיג צו דער מוטער:

— אויב דאָס זיינען זשאַנדאַרען, טו שטעלט איהר זיך, פּעלאַגעאַ נילאָוונאַ, אַוועק דאָ אין דיעזען ווינקעל... און דו, סעריאָזשאַ...

— איך ווייס! — האָט שטיל געענטפערט דער אינגעל, פערשווינדענדיג.

די מוטער האָט אַ שמייכעל געטהאָן. די אַלע פּאַרבערייטונגען האָבען אין איהר ניט אַרויסגערופען קיין אויפרעגונג. זי האָט ניט געהאַט קיין פּאַרגעפיהל פון אַן אונגליק.

עס איז אַריינגעקומען דער קליינער דאָקטאָר. ער האָט שנעל געזאָגט:

— ערשטענס איז ניקאָליי אַרעסטירט... אהא, איהר זייט דאָ, נילאָוונאַ ?... איהר זייט ניט געווען אין צייט פון אַרעסט ?

— ער האָט מיר אָבגעשיקט אהער.

— הם. איך דענק ניט, אַז דאָס קען אייך נוצען!... צווייטענס האָבען היינט ביינאַכט פערשיעדענע יונגע לייט אָבגעדרוקט אויף העקטאָגראַפען אַ פינף הונדערט שטיק פון דער רעדע... איך האָב געזעהן — עס איז אַרויס ניט שלעכט, קלאָהר און דייטליך. זיי ווילען עס ביינאַכט פערשפּרייטען איבער'ן שטאָדט. איך בין געגען דעם — פאַר'ן שטאָדט איז בעסער געדרוקטע און דיעזע דאַרף מען אַוועקשיקען ערגעץ־וואו אַנדערש.

— אָט וועל איך זיי אַוועקפיהרען נאַטאַשאַ'ן! — האָט די מוטער לעבהאַפטיג אויסגערופען. — גיט עס אהער!

איהר האָט זיך זעהר שטאַרק געוואָלט וואָס גיכער פערשפּרייטען פּאַוועל'ס רעדע, פערזייען די גאַנצע ערד מיט דעם זוהנ'ס ווערטער און זי האָט געקוקט אויפ'ן דאָקטאָר מיט וואַרטענדע אויגען.

— דער טייפעל ווייס, צי עס איז גאָר בעקוועם פאַר אייך צו נעהמען זיך פאַר דיעזער זאַך — האָט דער דאָקטאָר אונבעשלאָסען געזאָגט, און ער האָט אַרויסגענומען דעם זייגער. — יעצט איז דריי און פערציג מינוט נאָך עלף... דער צוג געהט אָב פינף נאָך צוויי. אהין וועט איהר אָנקומען פופצעהן נאָך פינף... איהר וועט אָנקומען אין אבענד, אָבער ניט גענוג שפּעט... אָבער ניט דאָס איז די הויפּטזאַך...

— ניט דאָס! — האָט די באַלעבאָסטע איבערגע'חזר'ט.

— וואָס זשע דען ? — האָט די מוטער געפרעגט, צורוקענדיג זיך צו זיי.

— די הויפּטזאַך איז דאָך, אַז די אַרבייט זאָל אָפּגעטהאָן ווערען גוט... און דאָס מאָגט איהר שוין זיכער זיין!

ליודמילאַ האָט דורכדרינגליך אַ קוק געטהאָן אויף איהר און, רייבענדיג דעם שטערען, האָט זי בעמערקט:

— פאַר אייך איז דאָס געפעהרליך...

— ווארום? — האָט די מוטער צוהיצט אויסגערופען.

— אָט ווארום! — האָט דער דאָקטאָר אָנגעפאַנגען רעדען שנעל. — איהר זייט פערשוואונדען פון הויז מיט אַ שטונדע בעפאָר ניקאָליי'ס ארעסט. איהר זייט אוועקגעפאָהרען אויפ'ן זאוואָד, וואו אַלע קענען אייך אַלס די לעהרערין'ס אַ טאַנטע. נאָך אייער אָנקומען האָבען זיך אויפ'ן זאוואָד בעוויזען דיזע שעדליכע בלעטלעך. דאָס אַלעס קען זיך צוזאַמענפלעכטען אין אַ שטריק ארום אייער האלז.

— מען וועט מיר דאָרטען ניט בעמערקען! — האָט די מוטער גענענט־פערט. און אויב מען וועט מיר ארעסטירען, ווען איך וועל זיך שוין צוריק־קעהרען און מען וועט מיר פרעגען וואו איך בין געוועזען....

זי האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אַ רגע און האָט דאַן אויסגערופען:

— איך ווייס וואָס צו ענטפערען! פון דאָרט וועל איך אוועקפאָהרען גלייך אין פאָרשטאָדט, דאָרטען האָב איך אַ בעקאַנטען מיט'ן נאָמען סיזאָוו... נו, וועל איך זאָגען, אז איך בין גלייך פון געריכט געקומען צו איהם... די צרות האָבען מיר געטריבען... און איך בין די גאַנצע צייט געוועזען ביי איהם... ער וועט אויך זאָגען דאָס אייגענע... זעהט איהר?

פיהלענדיג, אז זיי וועלען זיך אונטערגעבען די קראַפט פון איהר ווילען, וועלענדיג זיי צוטרייבען צו דעם וואָס שנעלער, האָט זי גערעדט מיט אַלץ מעהר עקשנות און זיי האָבען ענדליך איינגעוויליגט.

— מילא, נו, פאָהרט! — האָט אָהן חשק צוגעשטימט דער דאָקטאָר.

ליודמילאַ איז ארומגעגאַנגען אַ פערטראַכטע איבער'ן צימער און האָט געשוויגען. איהר געזיכט איז איינגעפאַלען און איז געוואָרען מאַט און דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטען, אָנשטרענגענדיג די מוסקולען פון האלז און פונקט ווי דער קאָפּ וואָלט איהר געוואָרען פּלוצלינג שווער און איז אראָבגעזונקען אויפ'ן הארצען. די מוטער האָט עס בעמערקט. די אָהן חשק'דיגע צושטימונג פון דאָקטאָר האָט ביי איהר ארויסגעריסען אַ זיפץ פון הארצען.

— איהר האַלט שטענדיג אין אָבהיטען מיר! — האָט זי שמייכלענדיג געזאָגט. — זיך היט איהר ניט אָפּ...

— דאָס איז ניט ריכטיג! — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט. — מיר היטען זיך אָפּ, מיר דאַרפען זיך אָפּהיטען! און מיר זידלען שטאַרק דעם יעני־

גען, וואָס פּטר'ט זיינע בחות אומזיסט, יאָ! יעצט אָט וואָס — די רעדע וועט איהר בעקומען אויפ'ן וואָקזאַל...

ער האָט איהר ערקלעהרט, ווי אַזוי דאָס וועט אָבגעטהאָן ווערען, נאָכדעם האָט ער אַ קוק געטהאָן איהר אין געזיכט און האָט געזאָגט:

— נו, איך ווינש איך ערפאָלג! איהר זייט גליקליך, יאָ?

און ער איז אוועק, פאָרט ניט צופריעדען מיט עפּעס וואָס. ווען די טהיר האָט זיך צוגעמאַכט הינטער איהם, איז ליודמילאַ צוגעגאַנגען צו דער מוטער און האָט שטיל לאַכענדיג געזאָגט:

— יאַ טהייערינקע... איך פערשטעה אייך...

זי האָט איהר גענומען אונטער'ן אָרעם און האָט ווידער גענומען שטיל אַרומשפּאַציערען איבער'ן צימער

— איך האָב אויך אַ זוהן. ער איז שוין דרייצעהן יאָהר אַלט, אָבער ער וואוינט ביים פאָטער. מיין מאַן איז אַ געהילפס־פּראָקוראָר, פיללייכט איז ער שוין יעצט אַ פּראָקוראָר, און דער אינגעל איז מיט איהם... איך טראַכט אָפט, וואָס וועט פון איהם אַרויסוואַקסען...

איהר פייכטע שטימע האָט אַ ציטער געטהאָן, נאָכדעם האָט זי ווידער נאָכדענקליך און שטיל אָנגעפאַנגען.

— איהם ערציהט אַ בעוואוסטזיניגער פיינד פון די מענשען, וועלכע זיינען מיר נאָהענט, וועמען איך האַלט פאַר די בעסטע מענשען פון דער וועלט. און דער אינגעל קען אויסוואַקסען מיינער אַ שונא... מיט מיר וואוינט ער ניט, איך לעב אונטער אַ פרעמדען נאָמען... אַכט יאָהר צייט האָב איך איהם ניט געזעהן... אַכט יאָהר — דאָס איז אַ סך!

זי האָט זיך אָבגעשטעלט לעבען פענסטער, האָט געקוקט אויף דעם בלאַ־סען, לעערען הימעל און האָט ווייטער פאָרטגעזעצט:

— ווען ער וואָלט געווען מיט מיר, וואָלט איך געווען שטאַרקער, איך וואָלט ניט געהאַט דיעזע וואונד אין מיין האַרצען, וועלכע בלוטעט מיר שטענ־דיג.... און זאָגאַר ווען ער וואָלט געשטאָרבען, וואָלט מיר געווען פיעל לייכטער... דאַן וואָלט איך געוואוסט אַז ער איז נאָר טויט, אָבער ניט קיין פיינד פון דעם, וואָס עס איז העכער פון אַ מוטער־געפיהל.

— ליעבינקע, מיינע! — האָט שטיל געזאָגט די מוטער, פיהלענדיג ווי דאָס האַרץ פערגעהט איהר פון מיטלייד.

— איהר זייט אַ גליקליכע! — האָט ליודמילאַ מיט אַ שמייכעל בע־מערקט. — דאָס איז גרויסאַרטיג — די מוטער מיט'ן זוהן האַנד ביי האַנד... דאָס טרעפט מען זעלטען!....

וולאסאווא האט אונערוואַרטעט פאר זיך אליין אויסגערופען:

— יא, גוט! — און פונקט עפּעס אזוי ווי זי וואָלט וועלען פערטרויען א סוד, האט זי מיט אַן אַראָבגעלאָזענער שטימע פאַרטגעזעצט: — אַן אַנדער לעבען!... אַלע — איהר, ניקאָליי איוואַנאָוויטש, אַלע מענשען, וועלכע קעמפּ־פען פאר דער גערעכטיגקייט — געהען אויף האנד ביי האנד!... פּלוצלינג זיינען מיר אַלע געוואָרען נאָהענט... איך פערשטעה אַלעמען... קיין ווערטער פערשטעה איך ניט, אָבער דאָס איבעריגע פערשטעה איך... אַלעס!...

— אזוי! — האט ליודמילא א זאָג געטהאַן — אזוי...

די מוטער האט אַרויפגעלעגט די האנד אויפ'ן הארצען און שטיל שטור־מענדיג איהר האט זי אַנגעפאַנגען:

— די קינדער געהען אין דער וועלט! אַט וואָס איך פערשטעה — קינדער געהען איבער דער גאַנצער וועלט, פון איבעראל צו איין צוועק! עס געהען די מענשען מיט די בעסטע הערצער, מיט אַן עהרליכען שכל, זיי געהען געגען דאָס שלעכטעס, געגען די פינסטערניס, זיי טרעטען מיט זייערע פעסטע טריט דעם שקר. — יונגע און געזונטע טראָגען זיי זייערע גאַנצע כחות צו דער גערעכ־טיגקייט! זיי ווילען בעזיעגען אַלע מענשליכע צרות, אויסראָטען אַלע אונ־גליקען פון דער גאַנצער וועלט און זיי וועלען בעזיעגען! מיר וועלען אָנצינדען א נייע זון, האט מיר איינער געזאָגט, און — זיי וועלען אָנצינדען. מיר וועלען פעראייניגען אַלע צובראָכענע הערצער, און — זיי וועלען טאַקע פעראייניגען!

זי האט א מאַך געטהאַן מיט'ן האנד צום הימעל.

— דאָרט — איז די זון! אָבער דאָ וועט מען אָנצינדען אַן אַנדערע, א גרעסערע פון דער הימלישער, א זון פון מענשליכען גליק און זי וועט אויף אימער בעלייכטען די ערד און איהרע אַלע איינוואוינער מיט דעם ליכט פון ליעבע פון יעדען מענשען צו אַלעמען און אַלעס!

זי האט זיך אָבגערוקט פון ליודמילא'ן, א מיעדע פון אויפרעגונג און זי האט זיך אַניעדערגעזעצט, שווער אָטהעמענדיג. ליודמילא איז אויך אָבגעטראָ־טען פאַרזיכטיג, פונקט ווי זי וואָלט מורא האָבען עפּעס צו צושטערען. זי איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער, האט געקוקט פאַראויס מיט א טיעפען בליק פון איהרע מאַטאָווע אויגען און איז עפּעס געוואָרען אזוי ווי נאָך העכער, גלייכער און דינער. די שטילקייט אין צימער האט שנעל בערוהיגט די מוטער, בעמערקענדיג ליודמילא'ס שטימונג, האט זי מיט א שולדיגער שטימע ניט הויך א פרעג געטהאַן:

— וואָס, פיליכט האָב איך עפּעס ניט אזוי געזאָגט?...

ליודמילא האט זיך שנעל אבגעקעהרט, האט א קוק געטהאן אויף איהר, עפעס אזוי ווי דערשראקען און האט שנעל אנגעפאנגען צו רעדען:

— אלעס ריכטיג — אלעס אזוי... אבער מיר וועלען מעהר ניט רעדען וועגען דעם... זאל דאס פערבלייבען, ווי עס האט זיך ארויסגעזאגט... זאל פערבלייבען... יא? — און מיט א מעהר רוהיגערען טאן האט זי פארטגעזעצט:

— איהר דארפט דאך שוין באלד פאהרען... עס איז דאך ווייט!

— יא, באלד! איך בין צופריעדען! און ווי גליקליך איך בין, ווען איהר וואלט וויסען! איך וועל אוועקפיהרען מיין זוהן'ס ווארט, דאס ווארט פון מיין בלוט! דאס איז דאך פונקט ווי די אייגענע הארץ!

זי האט געשמייכעלט, אבער איהר שמייכעל האט זיך ניט דייטליך אבגע־שפיעגעלט אויף ליודמילא'ס פנים. די מוטער האט געפיהלט, אז ליודמילא קיהלט אפ מיט איהר איינגעהאלטענקייט איהר פרייד און זי האט פלוצלונג דערפיהלט א וואונש אריינצוגיעסען אין דיעזער שטרענגער הארץ איהר פייער און אנצינדען איהר, זאל זי זיך אויך פרעהען. זי האט גענומען ליודמילא'ס הענד און פעסט צודריקענדיג זי האט געזאגט:

— טהייערינקע מיינע! ווי גוט דאס איז, ווען דו ווייסט, אז עס איז שוין דא אין לעבען ליכט פאר אלעמען און עס וועט קומען א צייט — ווען זיי אלע וועלען דערזעהען.

איהר ברייטע, גוטע געזיכט האט געציטערט, די אויגען האבען גע־שטראהלט מיט א שמייכעל און די ברעמען האבען געציטערט איבער זיי, פונקט ווי זיי וואלטען בעפליגעלט זייער גלאנץ. זי איז פער'שכור'ט געוועזען פון די גרויסע געדאנקען, זי האט אריינגעלעגט אין זיי אלעס מיט וואס איהר הארץ האט געברענט, אלעס וואס זי האט איבערגעלעבט און האט צוזאמענ־געדריקט די ווערטער אין פעסטע גרויסע קריסטאלען פון העלליכע ווערטער. זיי זיינען אלץ מעהר און מעהר ענטשטאנען אין דעם הערבסטליכען הארצען, וועלכער איז בעלויכטען געווארען פון דער שעפפערישער קראפט פון פריהלינג־זון, און האבען אלץ מעהר און עהרליכער געבליהט אין איהר.

— דאס איז דאך פונקט, ווי א נייער גאט וואלט געבארען געווארען פאר אונז מענשען! אלעס פאר אלעמען, אלע פאר אלעס, דאס גאנצע לעבען אין איינעם און אין יעדערען! און יעדער איינער פאר דאס גאנצע לעבען! אט אזוי פערשטעה איך אייך אלעמען. דערפאר, דענק איך, עקזיסטירט איהר אויף דער וועלט! איהר אלע זייט ווירקליך חברים, קרובים, קינדער פון איין מוטער — דער גערעכטיגקייט. די גערעכטיגקייט האט אייך געבארען און איהר לעבט מיט איהר קראפט!... און ווען איך זאג פאר זיך דאס ווארט

„חברים“! — פיהל איך מיט'ן הארצען — זיי קומען! זיי קומען פון איבע־ראל, אין גרויסע מחנות אלע צו איין ציעל! איך הער דעם גערויש, אזא פרעהליכען, פונקט ווי א יום טוב'דיגער גלאָקען־קלאַנג פון אלע קירכען פון דער וועלט...

זי האָט דערנרייכט דאָס וואָס זי האָט געוואָלט — ליודמילא'ס געזיכט האָט אויפגעפלאַמט ערשטוינט, איהרע ליפּען האָבען געציטערט און פון איהרע מאַטע אויגען האָבען איבער איהרע באַקען איינער נאָך דעם אנדערען גענומען רינען גרויסע, דורכזיכטיגע טרעהרען.

די מוטער האָט איהר פּעסט ארומגענומען, האָט זיך שטיל פונאנדערגע־לאַכט, שטאָלצירענדיג מיט דעם זיעג פון איהר הארצען...

ביי געזעגנען זיך, האָט ליודמילא א קוק געטהאָן איהר אין געזיכט און האָט שטיל געפרעגט:

— איהר ווייסט, אז מיט אייך פיהלט מען זיך גוט?

און זי האָט זיך אליין געענטפערט:

— פונקט ווי אין פריהמאָרגען הויך אויף א בארג....

30.

דרויסען האָט די פראָסטיגע לופט דורכגענומען איהר קערפּער, איז אריינגעדרונגען אין האלז, האָט אָנגעפּאַנגען צו קיצלען אין נאָז און האָט אויף א רגע פערכאַפּט דעם אָטהעם פון הארצען.. אָבשטעלענדיג זיך האָט זיך די מוטער ארומגעקוקט: ניט ווייט פון איהר אויפ'ן ווינקעל פון גאַס איז געשטאַ־נען א פוהרמאַן אין א האָריגער היטעל, ערגעץ ווייט איז געגאַנגען א מאַן, איינגעהויקערט, דעם קאָפּ איינגעצויגען אין די פּלייצעס און פאַראויס פון איהם איז געלאָפען אונטערשפּרינגענדיג א סאָלדאַט און האָט זיך געריבען די אויערען.

— דעם סאָלדאַט האָט מען אודאי געמוזט שיקען אין קראָם נאָך עפּעס!

— האָט זי א טראַכט געטהאָן, און זי איז אוועק ווייטער צוהאָרכענדיג זיך מיט צופרידענהייט, צום סקריפּען פון'ם פרישען שנעע אונטער איהרע פיס. אויפ'ן וואָקזאַל איז זי געקומען פריה, איהר צוג איז נאָך ניט געווען פאַר־טיג, אָבער אין דעם שמוציגען, פעררויכערטען זאַאַל פון דריטען קלאַס זיינען שוין געווען פערזאַמעלט א סך מענשען — די קעלט האָט צוזאַמענגעטריבען אהער די אייזענבאַהן־ארבייטער, עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אָנוואַרעמען די פוהרליים און פיעלע סתם אזוי אָרעם געקליידעטע, היימלאָזע מענשען. עס זיינען אויך געווען פּאַסאַזשירען, עטליכע פּויערים, א דיקער סוחר אין א

פעלצענעם פוטער, א גלח מיט א טאָכטער, א ראַבע מיידעל, א מאַן פינף סאָל־דאַטען און עטליכע פערשמייעטע קליין־בירגער. די מענשען האָבען געדרוי־בערט, געשמועסט, האָבען געטרונקען טהעע און בראַנפען. ביים בופעט האָט עפּעס אימיצער געלאַכט מיט א הילכיגען געלעכטער און איבער די קעפּ האָבען געשוועבט וואָלקענס פון רויך. די טהיר האָט יעדע ווייל עפּענענדיג זיך ג ע־סקריפּעט, די שויבען האָבען געציטערט און געקלונגען, ווען מען האָט איהר צוגעמאַכט. דער גערוך פון טאַבאַק און געזאָלצענע פיש האָט געשלאָגען אין נאָז.

די מוטער האָט זיך אַניעדערגעזעצט ביים אריינגאַנג אזוי, אז אלע זאָלען איהר קענען זעהן און האָט געוואַרט. ווען די טהיר פלעגט זיך עפּענען, פלעגט אויף איהר אָנלויפען א וואָלקען פון קאַלטער לופט, דאָס איז איהר געווען אנגענעהם און זי האָט מיט'ן פולען הארצען איינגעאָטהעמט דיעזע לופט. עס האָבען אָנגעפאַנגען אריינצוקומען מענשען מיט פּעקלעך אין די הענד, זיי האָבען זיך געזידעלט און א וואָרף טהאָענדיג די פּעקלעך אויף דער ערד אָדער אויפ'ן באַנק, פלעגען זיי אָבטרייסלען דעם טרוקענעם שנעע פון די קאָלנערס פון די מאַנטלען און פון די אַרבעל, פלעגען אָבווישען די באָרד און די וואָנצעס....

עס איז אריינגעקומען א יונגער מאַן מיט א געלען טשעמאָדאַן אין די הענד, ער האָט זיך שנעל אַרומגעקוקט און איז גלייך צוגעגאַנגען צו דער מוטער.

— איהר פאָהרט אין מאָסקווא? — האָט ער ניט הויך א פרעג געטהאָן.

— יאָ. צו טאַניען.

— אָט האָט איהר עס.

ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם טשעמאָדאַן אויפ'ן באַנק לעבען איהר, האָט שנעל אַרויסגענומען א פּאַפּיראָס, האָט פערדרויכערט און אַרונטערנעה־מענדיג די היטעל, האָט ער זיך פערנויגט פאַר איהר און איז שווייגענדיג אַוועק צו דער אַנדער טהיר. די מוטער האָט א גלעט געטהאָן מיט'ן האַנד די קאַלטע לעדער פון טשעמאָדאַן, האָט זיך אָנגעלעהנט אָן איהם, און א צופריע־דענע האָט זי זיך גענומען בעטראַכטען דעם עולם אַרום.

אין א מינוט אַרום האָט זי זיך אויפגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צו א צווייטען באַנק נעהנטער צום אַרויסגאַנג אויפ'ן פּלאַטפאָרם. דעם טשעמאָדאַן האָט זי לייכט געהאַלטען אין האַנד, ער איז געווען ניט קיין גרויסער און זי איז געגאַנגען דעם קאָפּ אויפגעהויבען, בעטראַכטענדיג די פּנים'ער פון עולם.

עפּעס א יונגער מאַן אין א קורצען מאַנטעל מיט אַן אָנגעשטעלטען

קאַלנער האָט זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט איהר און ער איז שווייגענדיג אָבגע־שפּרונגען, אַ מאַך טהאָענדיג מיט׳ן האַנד צום קאָפּ. זי האָט דערזעהן אין איהם עטוואָס בעקאַנטעס, זי האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט דערזעהן, אַז ער קוקט אויפמערקזאַם אויף איהר מיט איין אויג. דיעזער אויפמערקזאַמער בליק האָט איהר אַ שטאָך געטהאָן, די האַנד, אין וועלכער זי האָט געהאַלטען דעם טשעמאָדאַן, האָט אַ ציטער געטהאָן און די משא איז פּלוצלינג שווערער געוואָרען.

— איך האָב איהם ערגעץ־וואו געזעהן! — האָט זי אַ טראַכט געטהאָן. פערשטויסענדיג מיט דיעזען געדאַנק דעם אונאַנגענעהמען און סמוטנעם געפיהל פון הארצען, ניט לאָזענדיג אַנדערע ווערטער צו בעשטימען דעם געפיהל, וועלכער האָט שטיל אָבער פעסט צוזאַמענגעדריקט מיט קעלט איהר הארץ. דיעזער געפיהל איז אָבער געוואַקסען, האָט זיך געשפּאַרט צום האַלז, האָט אָנגעפילט דעם מויל מיט אַ טרוקענעם פּיין, איהר האָט זיך שטאַרק געוואָלט אָבקעהרען זיך און נאָך אַמאָל אַ קוק טהאָן. זי האָט עס געטהאָן — דער מאַן איז אַלץ געשטאַנען אויף׳ן זעלבען פּלאַץ, עס האָט אויסגעזעהן אַז ער וויל עפּעס, אָבער ער קען זיך ניט בעשליסען. די רעכטע האַנד האָט ער געהאַלטען פעררוקט צווישען די קנעפּלעך פון מאַנטעל און די צווייטע האָט ער געהאַלטען אין קעשענע, דערפאַר האָט זיין רעכטע פּלייצע אויסגעזעהן העכער פון דער לינקער.

זי איז ניט איילענדיג זיך צוגעגאַנגען צו דער באַנק און האָט זיך אַניע־דערגעזעצט פאָרזיכטיג און לאַנגזאַם, פּונקט ווי זי וואָלט מורא געהאַט עפּעס ניט צו צורייסען אין זיך.

דער שאַרפער פאָרגעפיהל פון אַן אונגליק האָט אויפגעוועקט איהר זכרון און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט איהם שוין צוויי מאָל געזעהן — איינ־מאָל אויף׳ן פעלד הינטער׳ן שטאָדט, נאָך ריבין׳ס ענטלויפען, און דעם צוויי־טען מאָל געסטערן אין געריכטס־זאַאל. דאָרט איז לעבען איהם געשטאַנען דער פּאָליציייסקער, וועמען זי האָט פאַלש אָנגעצייגט, וואוהין ריבין איז כלומרשט אַנטלאָפען. איהר קען מען און מען שפּיאָנעוועט איהר נאָך — דאָס איז קלאָהר.

— אריינגעפאַלען? — האָט זי זיך אַליין אַ פרעג געטהאָן און אין דער נעקסטער רגע האָט זי זיך אַליין געענטפערט:

— אפשר נאָך ניט....

און גלייך אויף׳ן שטעל האָט זי זיך אַליין גובר זייענדיג, שטרענג געזאָגט:

— ארײַנגעפאַלען!

זי האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זײַטען, אָבער זי האָט גאָרנישט געזעהן און געדאַנקען ווי פונקען האָבען זיך איינע נאָך די אַנדערע אָנגעפאַנגען אָנצוצינדען און אויסלעשען אין איהר מוח.

— לאָזען דעם טשעמאָדאַן... אַוועקגעהן...

אָבער אַ צווייטער פונקט האָט הערליכער אויפגעגליהט.

— דעם זוהנ'ס וואָרט... אַוועקוואַרפען? אין אַזעלכע הענד...

זי האָט צוגעדריקט צו זיך דעם טשעמאָדאַן.

און מיט איהם אַוועקגעהן?... ענטלויפען...

דיעזע געדאַנקען האָבען איהר אויסגעזעהן פרעמד, עפּעס אַזוי ווי אימי־צער פון דרויסען וואָלט זיי מיט געוואַלד געשפּאַרט אין איהר. זיי האָבען איהר געברענט, די בראַנד־וואונדען האָבען מיט וועהטאָג געשטאָכען דעם מאַרך און האָבען ווי מיט פייערדיגע בייטשען געשמיסען איהר הארץ. זי האָט געפיהלט אַז אַ פיינדליכע קראַפט דריקט איהרע פּלייצעס און הארץ, ערניע־דעריגט איהר און וואַרפט אויף איהר אָן אַ טויט־שרעק. די אָדערען אין איהרע שלייפען האָבען אָנגעפאַנגען שטאַרק צו שלאָגען און די וואָרצלען פון די האָר זיינען געוואָרען וואַרעם.

דאַן האָט זי מיט איין גרויסער און שאַרפער אָנשטרענגונג פון הארץ, וועלכע האָט איהר עפּעס אַזוי ווי אויפגעטרייסעלט, פערלאָשען די אַלע כיטרע, קליינציגע, שוואַכע פייערלעך און זי האָט בעפעהלענד אַ זאָג געטהאָן צו זיך אַליין:

— שעהמען דאַרפסטו זיך!...

איהר איז גלייך לייכטער געוואָרען, זי איז געקומען צו זיך און האָט ווייטער געזאָגט:

— פערשעהם ניט דעם זוהן. קיינער שרעקט זיך ניט.

איהרע אויגען האָבען בעגעגענט אימיצענ'ס אַן אומעדיגען, האַלב דער־שראָקענעם בליק. נאָכדעם האָט אין איהר זכרון אַ בליאַסק געטהאָן ריבינ'ס געזיכט... דאָס הארץ האָט אָנגעפאַנגען רוהיגער צו קלאַפּען.

— וואָס וועט אַלזאָ יעצט זיין? — האָט זי געטראַכט, בעאָבאַכטענדיג.

דער שפּיאָן האָט צוגערופען דעם וועכטער און האָט עפּעס געשעפּטשעט צו איהם, אָנצייגענדיג מיט די אויגען אויף איהר. דער וועכטער האָט איהם בעטראַכט און האָט זיך אָבגערוקט אויף אַהינטער. עס איז צוגעקומען אַ צווייטער וועכטער, האָט זיך צוגעהאָרכט, האָט אַ לאַך געטאָן און האָט פערקנייטשט די ברעמען. ער איז געווען אַן אַלטער, אַ געוויקסיגער, אַ גרויער, ניט קיין

ראזירטער. ער האָט אַ שאָקעל געטהאָן צום שפּיאָן מיט'ן קאָפּ און איז צוגע־גאַנגען צום באַנק, וואו די מוטער איז געזעסען און דער שפּיאָן איז דערווייל פערשוואונדען ערגעץ וואו.

דער אַלטער איז זיך געגאַנגען לאַנגזאַם און האָט אויפמערקזאַם ארומגע־טאַפּט דער מוטער'ס געזיכט מיט זיינע ברוגז'דיגע אויגען. זי האָט טיעפער אריינגעזעצט זיך אין באַנק.

— נאָר ער זאָל ניט שלאָגען... נאָר מען זאָל ניט שלאָגען.

ער האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבען איהר, האָט געשוויגען אַ רגע און דאַן האָט ער ניט הויך און בייז אַ פרעג געטהאָן:

— וואָס קוקסטו?....

— גאָרנישט...

— גלייך קענטיג... אַ גנב!... אַן אַלטע שוין און שטופּט זיך אויך אהין....

איהר האָט זיך געדוכט אַז זיינע ווערטער האָבען איהר אַ קלאַפּ געטהאָן איבער'ן פּנים איין מאָל און נאָך אמאָל און זי האָט דערפיהלט אַ וועהטאָג, פּונקט ווי זיי וואָלטען געריסען איהרע באַקען און אויסגעזעצט איהרע אויגען...

— איך? איך בין ניט קיין גנב, דו זאָגסט ליגען! — האָט זי מיט'ן גאַנ־צען הארצען אויסגעשריען, און אַלעס ארום איהר האָט זיך אָנגעפאַנגען צו דרעהען. זי האָט אַ ריס געטהאָן דעם טשעמאָדאַן און ער האָט זיך אויפגע־עפענט.

— קוקט! זעהט אַלע! — האָט זי געשריען, אויפהויבענדיג זיך און אַ פּאַך טהאָענדיג איבער'ן קאָפּ מיט אַ פּעקעל פּראָקלאַמאַציעס. דורכ'ן טומעל אין די אויערען האָט זי געהערט די אויסרופען פון די מענשען, וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען און זי האָט געזעהן, אַז געלאָפען איז מען פון אַלע זייטען און זעהר שנעל.

— וואָס איז?

— אָט איז אַ שפּיאָן...

— וואָס איז דאָס אַזוינס?...

— עה זאָגט, אַז זי האָט בע'גנב'עט אימיצען....

— זי?

— און זי — שרייט....

— אַזאַ גרעפין... איי־אַי־אַי!

— איך בין ניט קיין גנב! — האָט די מוטער אויסגערופען מיט אַ פולען

קול, בערוהיגענדיג זיך אביסעל, ווען זי האט דערזעהן די מענשען, וועלכע האבען זיך פון אלע זייטען ארומגעקליבען ארום איהר.

— געסטערען האט מען גע'משפט פאליטישע, דארט איז געוועזען מיין זוהן וולאסאוו, ער האט געהאלטען א רעדע — אט איז זי! איך פיהר עס צו מענשען אום זיי זאלען עס לעזען און זאלען נאכדענקען וועגען אמת...

אימיצער האט פארזיכטיג א ציה געטהאן די פאפיער פון איהרע הענד, זי האט א מאך געטהאן מיט זיי אין דערלופטען און האט עס א ווארף געטאן צווישען עולם.

— דערפאר וועט מען אייך אויך ניט א גלעט טהאן איבער'ן בעקעל!.. — האט א דערשראקענע שטימע אויסגערופען.

— דערפאר, אוי־אוי־אוי — האט זיך א צווייטער אבגערופען.

די מוטער האט געזעהן, אז מען כאפט די פאפיערען, מען בעהאלט זיי הינטער די פאלעס, אין די קעשענעס און דאס האט איהר ווידער צוגעגעבען מעהר כח. רוהיגער און פעסטער האט זי זיך אנגעשטרענגט און פיהלענדיג ווי אין איהר וואקסט דער אויפגעוועקטער שטאלץ, וועלכער ערהויבט איהר העכער איבער אלע מענשען, האט זי אנגעפאנגען צו רעדען, ארויסכאפענדיג פון טשעמאדאן איינע נאך די אנדערע פעקלעך פאפיער און פאנאנדערווארפענדיג זיי רעכטס און לינקס.

— איהר ווייסט פאר וואס מען האט גע'משפט מיין זוהן און די אלע, וועלכע זיינען מיט איהם? איך וועל אייך דערצעהלען און איך האף, אז איהר וועט גלויבען א מוטער'ס הארץ, איהרע גראהע האר — געסטערן האט מען די מענשען גע'משפט דערפאר, וואס זיי טראגען צו אייך אלעמען די ווארהייט! נעכטען האב איך זיך איבערצייגט, אז דיזע ווארהייט איז אונבעזיעגבאר... קיינער אין דער וועלט קען איהר ניט בייקומען, קיינער!

דער עולם ארום איז ענטשוויגען געווארען, איז אלץ גרעסער געוואקסען אין צאהל און האט אלץ געדיכטער ארומגערינגעלט די פרוי מיט א רינג פון א לעבעדיגען קערפער.

— ארימקייט, הונגער און קראנקהייט — אט וואס די מענשען בעקומען פאר זייער ארבייט. אלעס איז געגען אונז — מיר מאטערען זיך טאג איין טאג אויס אונזער גאנצען לעבען ביי דער ארבייט, אימער אין שמוץ, אין שקר און די פרוכט פון אונזער ארבייט פרעסען אויף אנדערע... און זיי האלטען אונז ווי הינד אויף א קייט אין אונוויסענהייט — מיר ווייסען גאר נישט און דערפאר לעבען מיר שטענדיג אין איין שרעק! א נאכט איז אונזער לע־

בען, א פינסטערע נאכט! א שרעקליכער חלום איז אונזער לעבען! אפשר ניט אזוי?

— ריכטיג! — האט זיך דערהערט א דומפפער ענטפער.

— פערמאך איהר דעם מויל!

הינטערן עולם האט די מוטער בעמערקט דעם שפיאן מיט צוויי זשאנדארען און זי האט זיך דארום צוגעאיילט אוועקצוגעבען די לעצטע פעקלעך, אבער ווען איהר האנד האט זיך אראפגעלאזען אין טשעמאדאן האט זי דארט בעגעגענט אימיצענס א פרעמדע האנד.

— נעהמט, נעהמט צו גאר!.. — האט זי געזאגט איינבויגענדיג זיך.

— אום צו איבעראנדערשען דאס לעבען, אום צו בעפרייען אלע מענשען, זיינען שוין געקומען אויף דער וועלט מענשען, גאטס קינדער, וועלכע פערזייען אין געהיים דעם הייליגען אמת אויף דער וועלט. זיי טהוען דאס אין געהיים דערפאר, ווייל ווי איהר ווייסט, טאר קיינער ניט ארויסזאגען הויך דעם אמת, מען וועט איהם דערפאר פער'סם'ען, דערשטיקען, לאזען פוילען אין טורמע. רייכטהום איז א מאכט, דער אמת פון לעבען איז דער ביטערסטער פיינד פון די מאכט פון די רייכע. די קינדער טראגען אין דער וועלט דעם אמת. עס טראגען איהם צו אייך מענשען ריינע, עהרליכע און ליכטיגע, פון זייערע הערצער וועט ער אריינדרינגען אין אונזער שווערען לעבען, וועט איהם דערוואַרימען און בעלעבען און וועט אונז אלעמען בעפרייען פון דעם יאך פון די זשעדנע מענשען, פון די אלע, וועלכע האבען צו זיי פערקויפט זייער נשמה. גלויבט אין דעם!

— בראווא, אלטיטשקע! — האט מען אויסגעשריען. אימיצער האט געלאכט.

— געהט זיך פאנאנדער! — האבען די זשאנדארען געשריען, פאנאנדערטרייבענדיג די מענשען. די לעצטע האבען זיך גענומען אברוקען אהן חשק און זיי האבען פיעלייכט ניט ווילענדיג געשטערט די זשאנדארען. די גראהע פרוי מיט די גרויסע עהרליכע אויגען אויפ'ן גוטען פנים האט זיי אלעמען צוגעצויגען צו זיך, און צושפליטערטע פון לעבען, אפגעזונדערטע איינע פון די אנדערע, האבען זיי זיך יעצט צוזאמענגעגאסען אין איין גאנצעס, דערוואַרימט פון פייער פון ווארט, נאך וועלכען עס האבען פיעלייכט שוין פון לאנג אן געדורשט פיעלע הערצער, וואס זיינען ערנידעריגט און בעליידיגט פון די אונגערעכטיגקייטען פון לעבען. די נעהענטערע זיינען געשטאנען שוויי־גענד, די מוטער האט געזעהען זייערע דורשטיג־אויפמערקזאמע אויגען און זי האט געפיהלט אויף איהר געזיכט זייער ווארימען אטהעם.

— שטעל זיך אויף'ן באנק! — האָט מען זיך צו איהר געווענדעט.

— געה אוועק, אַלטיטשקע!

— מען וועט דיר גלייך ארעסטירען!..

— אַך, דו עזות'ניצע!

— רעד שנעלער... זיי געהען!

— מארש! געהט זיך פאַנאַנדער! — האָבען זיך אַלץ נעהענטער דער־הערט די געשרייען פון די זשאַנדאַרען. זייער צאָהל האָט זיך שוין פערמעהרט, זיי האָבען זיך פעסטער געשטופּט, און די מענשען ארום דער מוטער זיינען געפאַלען פון די פיס, אַנכאַפּענדיג זיך איינע אַן די אַנדערע.

איהר האָט זיך געדוכט, אַז אַלעם ארום איהר קאָכט, אַלע זיינען בערייט צו פערשטעהן איהר, צו גלויבען אין איהרע ווערטער און זי האָט זיך געאיילט ארויסצוזאָגען פאַר די מענשען אַלעס, וואָס זי האָט געוואוסט, אַלע געדאַנקען, די קראַפט פון וועלכע זי האָט געפיהלט. זיי פלעגען לייכט ארויסשווימען פון דער טיעפּעניס פון איהר הארצען און פלעגען זיך אויסגיעסען אין אַ ליעד, אָבער זי האָט מיט פערדרוס געפיהלט, אַז איהר קול איז ניט גענוג שטארק און ער כריפּעט.

— דאָס וואָרט פון מיין זוהן — דאָס ריינע וואָרט פון אַן ארבייטער, פון אַ הארץ, וועלכע מען קען ניט אונטערקויפען!

אַ פּאָר יונגע אויגען האָבען געקוקט אויף איהר מיט בעגייסטערונג און שרעק...

מען האָט איהר אַ שטויס געטהאָן אין הארצען, זי האָט זיך אַ שאָקל געטהאָן און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפ'ן באַנק. איבער די קעפּ פון די מענשען האָבען געפונקעלט די הענד פון די זשאַנדארען, זיי האָבען געשלעפּט די מענשען פאַר די קאָלנערס און פאַר די פּלייצעס, פלעגען אָפּשטויסען אַן אַ זייט די קערפּערס, פלעגען ארונטעררייסען די היטלען און פלעגען זיי פער־ווארפען ווייט. אין דער מוטער'ס אויגען איז אַלעס פינסטער געוואָרען און זי האָט זיך אַנגעפאַנגען צו טרייסלען, דאָך האָט זי זיך געשטאַרעט גובר צו זיין איהר מיעדקייט און האָט מיט'ן רעשט פון איהר קול אויסגערופען:

— זאַמעל צונויף, פאָלק, דיינע כחות אין איין קראַפט!

אַ זשאַנדאַר האָט איהר מיט זיין גרויסער רויטער האַנד אַנגעכאַפּט פאַר'ן קאָלנער און האָט איהר אַ טרייסעל געטהאָן.

— שווייג!

זי האָט זיך אָפּגעשלאָגען מיט'ן קארק אָן וואַנד, איהר הארץ האָט זיך

אויף א רגע בעדעקט מיט א שארפען רויך פון שרעק, אָבער זי האָט גלייך נאָכדעם ווידער אויפגעגליהט.

— געה! — האָט געזאָגט דער זשאנדאר!

— שרעקט זיך פאר קיין זאך ניט! עס איז ניטאָ קיין ערגערע צרות, ווי די מיט וועלכע איהר אָטהעמט אייער גאַנצען לעבען...

— שווייג, זאָג איך דיר! — דער זשאנדאר האָט איהר גענומען אונטערן האנד און האָט איהר א שלעפּ געטהאָן. א צווייטער זשאנדאר האָט אונטער־געכאַפּט איהר צווייטע האנד און זיי ביידע האָבען אוועקגעפיהרט די מוטער.

— וועלכע פרעסט אוים אייער הארץ און טריקענט אוים אייער ברוסט!

דער שפּיאָן איז געלאָפען פאַראוים און סטראַשענדיג איהר אין געזיכט מיט׳ן פויסט האָט ער אויסגעשריען:

— שווייג, דו אויסוואורף!

איהרע אויגען האָבען זיך ברייטער אויפגעעפענט און האָבען א לייכט געטהאָן. אָנשפּארענדיג זיך מיט די פיס אין דער גליטשיגער, שטיינערנער פּאָדלאָגע, האָט זי א געשריי געטהאָן:

— אן ערוואַכטע נשמה — איז קיינער ניט אימשטאַנדע צו טוידטען!

— שווייג!

דער שפּיאָן האָט איהר א פּאַטש געטהאָן אין פּנים.

— אָט־אזוי, אָט־אזוי, דערלאַנג איהר דער אַלטער מכשפה! — האָט זיך דערהערט א געשרעה.

עפּעס א שוואַרצע און רויטע זאך האָט אויף א רגע פערבלענדעט די מו־מוטער די אויגען, א געזאַלצענער טעם פון בלוט האָט אָנגעפיעלט איהר מויל.

פון אַלע זייטען האָבען זיך דערהערט אויסרופען:

— וואַג ניט צו שלאָגען!

— קינדער!

— וואָס איז דאָ אזוינס?

— אך, דו שופט!

— דערלאַנג איהם!

— אין בלוט וועט מען דעם אמת ניט דערטרינקען.

מען האָט איהר געשטויסען אין קארק, אין רוקען, מען האָט איהר גע־שלאָגען איבער די פּלייצעס, איבער׳ן קאָפּ, אַלץ האָט זיך גענומען דרעהן אין דעם וויכר פון געשרייען, געוויין, פייפעריי, עפּעס א געדיכטעס האָט זיך גע־שטויסען אין איהרע אויערען, האָט אונטערגעשפּארט איהר האַלז, האָט איהר געשטיקט; דער באָדען אונטער איהרע פיס האָט גענומען איינפאַלען, האָט

זיך געוואַקעלט, די פיס האָבען זיך געבויגען, איהר קערפּער האָט געציטערט פאַר וועהטאָג און שמערץ און איז געוואָרען שווער און מאַכטלאָז... אָבער איהרע אויגען האָבען זיך ניט אויסגעלאָשען און זיי האָבען געזעהן פיעלע אנדערע אויגען — זיי האָבען געברענט מיט אַ בעקאַנטען דרייסטען, שאַרפען פייער, מיט דעם פייער, וועלכער איז געווען נאָהענט איהר הארצען.

מען האָט איהר געשטופּט עפּעס אין אַ טהיר.

זי האָט ארויסגעריסען די האנד און האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן קליאַמקע.

— מיט ימים בלוט וועט מען דעם אמת ניט פערטרינקען...

מען האָט איהר אַ קלאַפּ געטהאָן איבער'ן האנד.

— איהר וועט נאָר פערגרעסערען דעם צאָרן, וועלכער וועט זיך אויסגיע־סען אויף אייער קאָפּ!

אַ זשאַנדאַר האָט איהר אָנגעכאַפּט פאַר'ן האלז און האָט איהר אָנגע־פאַנגען צו שטיקען.

— אונגליקליכע...

אימיצער האָט איהר אָפּגעענטפערט מיט אַ הויכען יאָמער.

**ע נ ד ע.**